Korczyn Memorial Book

Ḳorṭshin = Ḳorṭshina

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Kortshin = Ḳortshina : sefer zikaron, gedenḳ-bukh ... / [fun Yitsḥaḳ Englard-Vasershtrom, Mosheh Tsuḳer un andere].
IMPRINT	880-02 Nyu-Yorḳ : Kortshiner yizkor-bukh ḳomitet, 1967.
DESCRIPT	495 p. : ill., ports. ; 24 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Korczyn. Korczyn (Poland) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Korczyn.
ADD'L NAME	England-Wasserstrom, Isaac. Zucker, Morris, 1892-
ADD'L TITLE	Korczyna ; memorial book

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U S A.

קאָרטשינער יזכור־בוך

KORCZYNA

MEMORIAL BOOK

OF

A Jewish town whose people were destroyed by the Germans in World War II August 12, 1942 — the 29th day of Av — 5702.

Printed in the United States of America

NEW YORK 1967

קאָרטשין

(קאָרטשינאַ)

ספר זכרון

גערענק־בוך

פון א יידיש שטעטל, וואס די דייטשן, די מערדער ימש"ו
האבן אומגעבראכט, אין דער צייט פון דער צווייטער
וועלט־מלחמה, מיטוואָך דעם 12טן אויגוסט 1942
כ"ט אב — תש"ב

◀■▶

ארויסגעגעבן פון קאָרטשינער יזכור־בוך קאָמיטעט

ניו־יאָרק, תשכ"ז — 1967

c/o

Morris Zucker

3051 Ocean Avenue
Brooklyn, N.Y. 11235

Isaac Wasserstrom

1154 — 46th Street
Brooklyn, N.Y. 11219

Printed in the United States of America

BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

480 SUTTER AVENUE BROOKLYN, N. Y. 11207

אינהאַלט

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

משה צוקער

שמואל לייב קויפמאַן

משה צוקער

מיכאל הורביץ

אַ וואָרט

פון די אַרויסגעבער פון קאָרטשינער געדענק־בוך

פאַראַן אַ מאמר אין דער גמרא:

אמר ר' יוסי, מימי לא עברתי על דברי חברי. יודע אני בעצמי, שאינני כהן, אבל אילו היו אומרים לי חברי, עלה לדוכן, הייתי עולה.

שבת, קי"ח

ר' יוסי האָט געזאָגט, איך האָב קיינמאָל נישט עובר געווען אויף מיינע חברים'ס פאַרלאַנג. איך ווייס, אַז איך בין נישט קיין כהן, אָבער ווען מיינע חברים וואָלטן מיר געזאָגט: גיי אַרויף דוכניען, וואָלט איך גע־גאַנגען.

מיר ווייסן, אַז מיר באַזיצן נישט קיין ליטעראַרישן טאַלאַנט, אָבער, אַז אונזערע חברים, די שארית הפליטה פון קאָרטשין פאַר־לאַנגען, אַז מיר זאָלן שאַפן אַ יזכור בוך, צו פאַראייביקן אונזער שטעטל, טוען מיר דאָס, טראָצדעם, וואָס מיר זיינען נישט קיין כהנים, וואָס מיר זיינען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער. — אגב, צי איז דען אין אונזער דור פאַראַן אַזאַ כח, וואָס זאָל קענען, מיט ווערטער, געבן אויסדרוק דעם גרויסן אידישן בראָך און אומגליק?

די כונה דאָ איז נישט צו שאַפן אַ ליטעראַריש, אָדער היסטאָ־ריש ווערק. די כונה איז, מיט דעם יזכור בוך, צו שטעלן אַ מצבה לזכרון, אונזערע פאָטערס און מוטערס, ברידער, שוועסטער און קינדער,

פון קאָרטשין, וואָס זיינען אומשולדיק, בעסטיאַליש דערמאָרדעט גע־וואָרן דורך די דייטשן ימש״ו — די כונה איז, אַז אונזערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן זען (נישט דוקא לייענען) דאָס דאָזיקע בוך, זיי זאָלן געדענקען, וואָס די דייטשן ימש״ו האָבן צו אונז געטאָן, — אַז די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן, אַז עס האָט עקזיסטירט אַמאָל אַ שטעטל קאָרטשין, אין וועלכן ס׳האָבן געלעבט אַן ערלעך, באַשיידן לעבן פון אַ הויכער מאָראַל 786 אידישע נפשות, און אין 1942 האָבן די דייטשן ימ״ש קאָנצענטרירט דאָרט אַהין, פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, נאָך יידן, אין אַ צאָל לערך 800, ד. ה. ביי 1600 יידישע נפשות, און די דייטשן, די גרוילעכסטע מערדער פון דער געשיכטע האָבן זיי אַלע דערמאָרדעט.

זאָל מען דאָס נישט פאַרגעסן! זאָל דאָס פאַרבלייבן לזכרון!

אפשר וועלן די קומענדיקע דורות זוכה זיין צו זען די מפלה פון די דייטשן — זייער פילאָזאָף ניטשע האָט געזאָגט ס׳איז בעסער אפילו אַ קליינע נקמה, ווי גאָר נישט קיין נקמה״ — ימח שמם וזכרם לעולם!

Pour out Thy wrath
Upon the Germans, the Nazis,
That knew Thee not
And upon those that call not
Upon Thy name:
For they have eaten Jacob
And laid waste his dwelling.
Pour out Thy fury upon them
And may the kindling of Thine
Anger overtake them
Pursue them with anger
And destroy them from
Under God's skies.

שפוך חמתך
על הגרמנים הנאצים
אשר לא ידעוך
ואשר בשמך לא קראו
כי אכלו את יעקב
ואת נוהו השמו
שפך עליהם זעמך
וחרון אפך ישיגם
תרדף באף ותשמידם
מתחת שמי ד'.

פאָרוואָרט

א יזכור־בוך איז געווידמעט — צום אָנדענק פון א שטעטל, וואָס די דייטשן, — די עקלהאַפסטע, געמיינסטע מערדער אין דער געשיכטע — האָבן פאַרטיליקט, — און ווי א פּראָטעסט און א וויי־געשריי אויף דער אומגעהויערער רציחה, אַז א גאַנצע וועלט האָט זיך קאַלטבלוטיק צוגעקוקט צו דער דייטשער, סאַדיסטישער אויסמאָרדונג פון אומשולדיקע און שוצלאָזע מענער, פרויען און קינדער.

אָבער הונדערטער אידישע שטעט, שטעטלעך און ישובים זיינען אָפּגעווישט געוואָרן, פון וועלכע קיין יזכור ביכער וועלן נישט דער־שיינען.

ס׳איז דאָך פאַרטיליקט געוואָרן כמעט דאָס גאַנצע אייראָפּע־אישע אידנטום. פאַרוואָס געשעט אַזוי, אַז שטעט און שטעטלעך גיבן אַרויס יזכור־ביכער יעדעס באַזונדער ? ס׳איז דאָך נישט אַן אומגליק, נאָר פון א באַטרעפנדער שטאָט, אָדער שטעטל, ס׳איז דאָך א נאַציאָ־נאַלע קאַטאַסטראָפע, א פאָלקס־חורבן !

פאַרוואָס ווערט נישט געשאַפן — עפּעס, וואָס זאָל זיין א זכרון לעולם, אַן אייביקער אָנדענק פון דעם דאָזיקן גרויסן פאָלקס־חורבן — אַן עובדה, וואָס זאָל פּראַקטיצירט און אָפּגעהיט ווערן בצבור, פון גאַנצן יידישן פאָלק, לדורות ?

יעדער יידישער פאָלקס־אומגליק איז פאַראייביקט געוואָרן :

אויף חורבן בית המקדש והעם, טרויערן מיר, שוין א חשבון פון 1900 יאָר, גאַנצע דריי וואָכן : שבעה עשר בתמוז — תשעה באב.

קרוב 2400 יאָר דערמאָנען מיר און געדענקען — דורך תענית אסתר און פורים — די גזרה פון המן הרשע, וואָס האָט געפּלאַנט אומצוברענגען די יידן אין פּערסיע.

בערך 1800 יאָר דריקן מיר אויס טרויער — דורך נישט מאַכן חתונות און נישט אָפּשערן די האָר אין די ספירה־טעג — אויף דעם טויט פון 24000 רבי עקיבא׳ס תלמידים, וואָס זיינען אומגעקומען אין אַן עפּידעמיע, אָדער אין אויפשטאַנד קעגן די רוימער.

צי איז דען, אין אונזער לעצטן חורבן, די פאַרטיליקונג פון הונדערטער יידישע קהלות, נישט געווען אויך 24 טויזנט תלמידי חכמים, פון אַזאַ קאַליבער, ווי רבי עקיבא׳ס תלמידים?

די דייטשן ימש״ו האָבן דאָך אויסגעמאָרדעט צדיקים גמורים, רביים, רבנים, תלמידי חכמים, גאונים אדירי התורה, חסידים ואנשי מעשה!

וואו זיינען זיי, די היינטיקע „גדולי התורה" אונזערע, די „חכמי ישראל" פון דעם אולטראַ־אָרטאָדאָקסישן, ביז דעם סעקולאַרן — לאַגער? וואו זיינען זיי?

ווען נתוחי מתים (פאַלמעסן טויטע) אין ארץ ישראל, הערט מען אַלאַרמירן די גאַסן אין אַמעריקע, מיט גרויסע פּלאַקאַטן, מיט גרויסע, פעטע אותיות שרייענדיק: זעקה גדולה ומרה! מיט פּראָטעסט־מאַרשן צו דער יו־ען.

וואו איז דער זעקה גדולה ומרה, אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל געוועז אויפטרייסלען, ווען די נתוחי חיים, ווען די פאַרשניטענע זעקס מיליאָן יידישע לעבנס?

פאַרוואָס איז נישט געשאַפן געוואָרן אַ טאָג פון טרויער, לזכרון פון דער אויסמאָרדונג, דורך די דייטשן ימש״ו, דעם רוב פון אייראָ־פּעאישן יידנטום, אַ זכרון, וואָס זאָל אָפּגעהיט ווערן, אין אַ באַשטימ־טער צייט, פון גאַנצן יידישן פאָלק?

יזכור־בוך

קארטשין

ערשטער טייל

◆

פון

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

און אַנדערע

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

דאָס שטעטל


יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

דער נאָמען פון שטעטל איז קאָרטשינאַ (Korczyna) יידן האָבן עס גערופן קאָרטשין. — מיר געדענקען נישט צי מען האָט עס געלערנט אין דער פאָלקס־שולע, אָדער מיר האָבן עס געלייענט אין אַ בוך פון אַ פוילישן היסטאָריקער, אַז דער נאָמען: קאָרטשינאַ, שטאַמט דערפון:

אַמאָל, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, איז דאָרט געווען אַ דייטשע קאָלאָניע. האָבן די דייטשע קאָלאָניסטן עס אַ נאָמען געגעבן: „קאָטשעהן" צוליב די גרויסע און טיפע בלאָטעס וואָס זיינען דאָרט געווען. בלאָטע איז אויף דייטש: קאָט. — „קאָטשעהן" מיינט: „שיינע בלאָטע". און די פּאָלאַקן האָבן „קאָטשעהן" פאַרגרייזט אויף קאָרטשינאַ.

קאָרטשין ליגט אין מיטל־גאַליציע, אויף דער באַן־ליניע קראָסנאָ, יידיש: קראָס.

צו מערב: אין אַ דיסטאַנץ פון 5 קילאָמעטער פון קראָסנאָ, 21 ק"מ פון יאַסלאָ, 200 ק"מ פון קראַקאָוו (קראָקע).

צו מזרח: 15 ק"מ צום קוראָרט איוואָניטש, 40 ק"מ צו סאַנאָק, 80 ק"מ צו פּשעמישל, 200 ק"מ צו לוואָוו (לעמבערג).

צו קאָרטשין האָבן געהערט די אַרומיקע דערפער: קאָמבאָרניאַ, קראָס־טשענקאָ, איסקזשיניאַ, ווענגלאָווקאַ און אָדזשיקאָן.

אויך קראָסנאָ, די פּאָוויאַט־שטאָט, האָט ביז 1901 באַלאַנגט צו דער יידישער קהלה אין קאָרטשין. ערשט אין 1901 האָבן קראָסנאָער יידן געגרינדעט אַן אייגענע יידישע קהלה.

דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון אַ צענטרום (סקווער), וואָס מ׳האָט גערופן: דער „מאַרק״ אָדער „רינגפּלאַץ״ און פון אייניקע געסלעך: דאָס מאַנגל־געסל, דאָס בית המדרש געסל, דאָס געסל צו דער אַלטער פּאָסט, דאָס געסל צום קאָמבאָרניער וועג, דאָס געסל צום קראָסנאָער וועג (גאָשטשיניעץ).

דער רינגפּלאַץ האָט פאַרנומען אַ שטח פון 1000 קוואַדראַט מעטער לאַנג און 700 מטר. ברייט 700x1000 מטר. קוו.

אַרום דעם רינגפּלאַץ זיינען אויסגעבויט די הייזער, רוב פאַרטער הייזער. שטאָקיקע הייזער, 7 אין צאָל. יעדעס הויז האָט געהאַט אין פראָנט־טייל אַ געוועלב, אָפן אין רינגפּלאַץ אַריין. די וואוינונגען זיינען געווען אין אונטערטייל, שטאָקהייזער האָבן געהאַט פענסטער צום פראָנט אויך.

אין אַ זייט פון רינגפּלאַץ צו דער גאַס פון בית המדרש, איז געווען אַ קלענערער סקווער, וואָס מ׳האָט גערופן דער „לבנה פּלאַץ״ ווייל יידן פלעגן דאָרט מחדש זיין די לבנה.

לויט דער יידישער ענציקלאָפּעדיע (יעווריעיסקאַ ענציקלאָפּעדיאַ) אַרויס־געגעבן אין רוסישער שפּראַך אין פּעטערסבורג, אין יאָר 1909, טאָם 9 זייט 777 (זע „ייוואָ״, ניו יאָרק) איז די צאָל יידן אין קאָרטשין, אין יאָר 1900, געווען 1026 נפשות.

אין 1939 איז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג 6000 נפשות, צווישן זיי, יידישע נפשות 786 און אין די דערפער אַרום בערך 60־50 יידישע נפשות.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג, לויטער פּאָלאַקן, האָבן באַוואוינט דעם שטח פון פעלדער און גערטנער, וואָס זיינען געווען אויסגעשפּרייט אויף אַ מרחק פון 5־3 ק״מ אַרום און אַרום דעם שטעטל.


אין שטעטל גופא, ד. ה. דער אויבן באַשריבענער שטח, פון דעם רינג־פּלאַץ און די געסלעך האָבן באַוואוינט, חוץ 4 קריסטלעכע משפחות, אויס־שליסלעך יידן.

די געשעפטן, געוועלבן און קראָמען האָבן, 99 פּראָצענט, באַלאַנגט צו יידן.

דאָס שטעטל איז אויפגעבויט געוואָרן פון יידן.



די גאַס צום בית המדרש
רעכטס : נחמן ליביש רייך׳ס הויז, לינקס : מענדל רובין׳ס הויז



צענטרום פון קאַרטשין

פאָטאָגראַפירט פון יעקב יצחק פעסעל פון שוועדן, ווען ער האָט באַזוכט קאַרטשין אין יוני 1963



דאָס איז די גאַס, וואו ס׳לעצטע הויז איז געווען גאָדל גוטוויינ׳ס. היינט איז אויף דעם פּלאַץ אויפגעשטעלט אַ שלאַכטהויז. אויפן בילד איז יעקב יצחק פעסעל, גאָדל גוטוויינ׳ס אור־אייניקל, ער האָט גענומען די פאָטאָגראַפיע אין קאָרטשין אין יוני 1963

ווען האָט זיך אָנגעפאַנגען יידיש לעבן אין קאָרטשין

ווען די ערשטע יידן האָבן זיך אין דאָזיקן שטעטל באַזעצט, און ווען ס׳האָט דאָרט זיך געשאַפן אַ יידיש קהלה לעבן, קענען מיר גענוי נישט פעסטשטעלן.

אַלע קהלה דאָקומענטן האָבן די דייטשן אין 1942 פאַרנומען, אָדער פאַרניכטעט. — די דאָקומענטן פון דער שטאָטישער געמיינדע האָבן מיר נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו שטודירן.

אין אונזער באַשרייבונג באַנוצן מיר זיך:

1) מיט מאַטעריאַל גענומען פון דערציילונגען פון די זקנים פון שטעטל.

2) אויפן בית־החיים, איז, אין דער ערשטער ריי מצבות, געפונען געוואָרן אַן אַלטע מצבה, אויף וועלכער ס׳איז נאָך געווען דייטלעך דאָס יאָר תס״א (1701).

פון דעם זעען מיר, אַז שוין אין 17טן יאָרהונדערט האָבן דאָרט גע־וואוינט יידן און אַז דער יידישער ישוב דאָרט איז בערך 300 יאָר אַלט געווען.

אַמאָל, אין די צייטן פון אַלטן פוילישן קעניגרייך, האָט דאָס שטעטל, דוכט זיך, געהערט צו די גראַפן שעפּטיצקי.

נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן (1772) צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך האָט דאָס שטעטל באַלאַנגט צו דער עסטרייכישער אימפּעריע.

היינט איז דאָס יידישע קאָרטשין חרוב און וויסט. נישטאָ מער קיין יידיש נפש דאָרט. דער איינציקער עדות, פון אַ געוועזענעם יידישן לעבן דאָרט, איז דער בית החיים, וואָס איז פאַרבליבן אומבאַרירט.

דער בית המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַגאַזין. די יידישע הייזער באַזעצט פון פרעמדע.

דאָס קול פון יידישע קינדערלעך הערט מען נישט אין די גאַסן.

דאָס יידישע לעבן דאָרט איז אויסגעלאָשן.

פצו עלינו פיהם	געעפנט האָבן זייער מויל אויף אונז,
כל אויבינו.	אַלע אונזערע שונאים.
פחד ופחת היה לנו	אַ גרויל און גרוב איז געקומען אויף אונז,
השאת והשבר.	אַ פאַרוויסטונג און אַ בראָך.
פלגי מים תרד עיני	באָכן וואַסער טוט רינען מיין אויג,
על שבר בת עמי.	אויף דעם בראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק.
עיני נגרה ולא תדמה	מיין אויג גיסט און וויל זיך נישט שטילן,
מאין הפוגות.	אָן אַן אויפהער.
(איכה ג׳, מו—מט)	(איבערז. פון יהואש)

די קהלה־פאַרוואַלטונג

אונטער דער רעגירונג פון עסטרייך, איז דער קהלה־אָרגאַן באַשטאַנען פון אַ פאַרוואַלטונג מיט אַ ראש הקהל. וויפל מיטגלידער אַ פאַרוואַלטונג האָט געהאַט ווייסן מיר נישט.

שטימרעכט אויסצוקלייבן אַ קהלה־פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט נאָר די, וועלכע האָבן געצאָלט שטייערן. ממילא האָבן נאָר די פאַרמעגלעכע און סוחרים געהאַט די דעה, ביים אויסוויילן אַ פאַרוואַלטונג.

אויסקלייבן אַ ראש הקהל מיט אַ פאַרוואַלטונג, פלעגט מען דורך צוזאַמענרופן אַן אסיפה אין בית המדרש, אָדער אין הויז פון איינעם, פון די אָנגעזעענע בעל הבתים.

טיילמאָל איז דער קהלה אָרגאַן באַשטימט געוואָרן פון דער באַצירקס־הויפטמאַנשאַפט (סטאַראָסטוואָ). דאָס איז געשען ווען דער עולם האָט זיך געאַמפּערט און נישט געקענט אַדורכקומען צווישן זיך.

אין 1919, נאָכן ווידערגעבורט פון פוילן האָט די פוילישע רעגירונג געשאַפן אַ ניי געזעץ, וועגן דעם יידישן קהלה אָרגאַן. לויט דעם געזעץ איז די קהלה פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון 8 מיטגלידער, וועלכע האָבן פון צווישן זיך אויסגעקליבן אַ פאָרזיצער (ראש הקהל), דורך אַ מערהייט שטימען.

דער רב פון שטעטל איז, לויטן געזעץ, אויטאָמאַטיש, אָן וואַלן, געווען אַ מיטגליד פון דער קהלה פאַרוואַלטונג, מיט שטימרעכט.

די וואַלן צו דער קהלה זיינען געווען אַלגעמיינע, פּראָפּאָרציאָנעלע, גלייכע און געהיימע. יעדער מאַן, 21 יאָר אַלט, האָט געהאַט אַ רעכט צו שטימען.

יעדער וואָס האָט געקענט באַקומען 20 אונטערשריפטן, פון באַרעכטיקטע צו שטימען, ווילער, האָט געקענט אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור צו דער קהלה־פאַרוואַלטונג.

אַ ליסטע האָט געמוזט האָבן 8 קאַנדידאַטן און 8 פאַרטרעטערס, און די אונטערשריפטן פון 20 ווילערס.

די קאַדענץ פון אַ פאַרוואַלטונג איז געווען 4 יאָר. נאָכן אַפּלויף פון דער צייט, האָט די אַלטע קהלה געדאַרפט אויסשרייבן וואַלן אויף אַ נייער.

די טעטיקייט פון קהל און די וואַלן

אַ קהלה פאַרוואַלטונג אין אַ שטעטל האָט געהאַט צו באַזאָרגן אויס־שליסלעך, נאָר רעליגיעזע ענינים, ווי: דעם בית המדרש, די קהל׳שע באָד, פסח׳דיק מעל אויף מצות, די אויסהאַלטונג פון די כלי קודש, רב, שוחט, שמש אד״ג. קיין שום אַנדערע פונקציעס האָט זי נישט געהאַט. די הכנסה אויף די באַדערפענישן איז געווען פון אָפּצאָל פאַר דער שחיטה. — צו שעכטן אַן עוף, אָדער אַ בהמה, האָט מען געמוזט קויפן אַ קוויטל (טיקעט) פון קהל, — און פון שטייערן, וואָס די קהלה האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעל־קערונג.

די שטייערן האָט די קהלה געקענט אויפמאָנען, מיט צוואַנג, געגנוי, ווי אַ רעגירונג אירע שטייערן.

פון אַלע הכנסות צוזאַמען איז אָפטמאָל נישט געווען גענוג, אויף אויס־צוצאָלן רעגולער דעם חודש׳לעכן געהאַלט פאַר די כלי קודש.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געגעבן די ראשי הקהלה מער קאָפּ־ווייטיק און ערגערניש, ווי כבוד. ווער רעדט נאָך, אויב דער רב, אָדער שוחט איז נישט געווען „אין סימפּאַטיע״ מיט זיי, איז השם ישמרנו! דעמאָלט איז די קהלה לייט גאָר נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

איז טאַקע די „ממשלה״ אין דער קהלה נישט געווען קיין רייץ. ס׳א־ז אָפּגעפלאָסן אַ סך וואַסער אין טייך און די קהלה פאַרוואַלטונג האָט זיך נישט געביטן. זי איז מיד געוואָרן, ס׳האָט זיך איר דער ענין דערעסן און ס׳זיינען נישט געווען קיין בעלנים אויף אַ נייער. דאָס שטעטל איז פאַרזונקען אין אַ חוני המעגל שלאָף.

איז אַמאָל פאַרלאָפן אַ מעשה, אַז אייניקע האָט זיך פאַרגלוסט צו פאָדערן אַ „ספּעקטאַקל״ צו פאַרלאַנגען, דורכצופירן וואַלן צו דער קהלה.

דעמאָלט איז פּלוצים געקומען אַ דערוואַכונג! דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדאַראָם! אַלע האָבן אויפגעפּיבערט מיט די וואַלן.

דער רב האָט געוואָלט האָבן אין דער קהלה „זיינע״ מענטשן. צו וואָס? ווייסט איין באַשעפער אין הימל!

אין אונזער שטעטל, ווי אין רוב גאַליצישע שטעטלעך, זיינען די רבנים געווען „אייניקלעך", ד. ה. אָפּשטאַמיקע פון רבי'שע משפחות און דאָס רבנות איז געווען אַ ירושה. אַ זון האָט גע'ירש'נט דאָס רבנות פון זיין פאָטער, עד מאה ועשרים שנה. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען און קיינעם איז, אַפילו אין חלום, נישט געקומען אַ געדאַנק, אַז ס'זאָל, אָדער ס'דאַרף, זיין אַנדערש.

די פונקציעס פון רב אין שטעטל זיינען געווען: פסק'נען אַ שאלה, אַ דין תורה און בעפאָר פסח, צו כשר'ן אַ מיל אויף פסח'דיק מעל. מיט קיין שום אַנדערע טוּאונגען האָט ער זיך נישט מתעסק געווען.

בקיצור ס'האָבן זיך געשאַפן „צדדים". ס'האָט זיך צופלאַקערט אַ געפעכט, צו ווייזן, ווער ס'איז שטאַרקער און קליגער.

דער געראַנגל איז געווען גאָר אַ שווערער. אין אַזאַ קליינער קהלה, וואו שטימבאַרעכטיקטע זיינען געווען, נישט קיין פולע 200, האָבן זיך געשאַפן אַזש 4 קאַנדידאַטן ליסטעס צו דער קהלה.

אַזאַ וואַל־געראַנגל האָט אויך אָפּגעקאָסט (לויט יענע פאַרהעלטענישן) אַ מטמון מיט געלט. — מען האָט געצאָלט פאַר אַ שטימע אַ גאַנץ הויכן פרייז. היינט'זשע דעם פריץ, פון דער סטאַראָסטווע, וואָס איז געווען דער ממונה פאַר יידישע ענינים, האָט מען געשטאָפּט מיט געלט, ווי דעם מולך.

דער פריץ, אַז מען האָט אים געגעבן אין יד אַריין, האָט ער געקענט באַווייזן פאַרשידענע „קונצן". ווי למשל פסול מאַכן אַ ליסטע, פאַרשיבן די וואַלן, אָדער אויפהאַלטן דאָס איבערנעמען די „ממשלה" פון דער נייער אויס־געוויילטער פאַרוואַלטונג.

האָט דער פריץ באַקומען געלט פון איין צד, אַז ער זאָל מאַכן „קונצן" און פון צווייטן צד, אַז ער זאָל זיין קאָרעקט און ערלעך און נישט באַווייזן „קונצן".

יעדער צד האָט געמאַכט „קאָלעקשאָנס" און יעדער כפי יכלתו האָט צושטייער געגעבן.

מיט פרנסה איז טאַקע געווען ביטער, ממש כקריעת ים סוף. פאַר אַ קינד אַ מלבוש'ל, צי אַ פאָר שיכלעך, שווער, גאָר שווער, אָבער פאַר אַזאַ זאַך קען מען נישט קאַרגן. און מען האָט נישט געקאַרגט! מען האָט געקעמפט ווי לייבן. מען קען דאָך נישט דערלאָזן אַז ער, „גרונם" זאָל ווערן קהל'ס „בעל הבית", איז, נאַדיר'זשע, פריץ לעבן, נאָך אַ פופציקער און זיי דו דער בעל הבית.

בקיצור, ס'איז געווען אַ וואַל קאַמפיין כמה שכתוב, מיט געלט, מיט

עפנטלעכע רעדעס (ספיטשעס), מיט פּלאַקאַטן און אויך אַפילו מיט אַ צוזאָג אויף עולם הבא. „חסידי׳שע״ יידן האָבן צוגעזאָגט עולם הבא צו די, וועלכע וועלן שטימען פאַר זייער ליסטע, און נישט ח״ו פאַר דער ליסטע פון די „פאַרגעשריטענע״.

הכלל וואַלן מיט אַלע קליפּערלעך, וואָס אַפילו גרויסע שטעט האָבן אַזעלכעס נישט געהאַט. לעבעדיקער, אָ, אַ סך לעבעדיקער, ווי אַפילו די וואַלן צום אַמעריקאַנער הויז.

פאַרלוירן האָבן אַלע צדדים. געוואונען האָט דער פּריץ, זייער אָרעם, מיט שוויס פאַרהאָרעוועטע געלט פאַר — גאָרנישט!

למען האמת מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַזאַ קאָנפליקט האָט נישט געשאַפן קיין שנאה, אָדער קריגעריי, צווישן די צדדים. ס׳איז געווען, נאָר אַ פאַרמעסט, אַזאַ מין האַזאַרד שפּיל.

דאָך אַ שטיקל נוץ. מ׳האָט אַביסל אויפגעוואַכט פון מאָנאָטאָנעם לעטאַרגישן שלאָף, אין וועלכן דאָס שטעטל האָט געשלימערט. די געמיטער האָבן זיך אַביסל אויפגעהויבן, די בלוטן אַביסל האַסטיקער צירקולירט אין די פאַרקאַלכטע אָדערן, פון שטעטלדיקן סקלעראָזעדיקן אָרגאַניזם. אַביסל אויפלעבונג, וואָס דאָס שטעטל האָט אַזוי ווייניק געהאַט.

רבנים

ווען ס'איז אין קאַרטשין צום ערשטן מאָל אויפגעגנומען געוואָרן אַ רב און ווער ער איז געווען, ווייסן מיר נישט.

מיר ווייסן אָבער, אַז בערך אין אָנפאַנג פון דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז דאָרט געווען רב ר' שמואל אהרן רובין ז"ל, בעל מחבר פון לומדישן ספר „בית אהרן". אונז שיינט אַז ר' שמואל אהרן איז געווען דער עלטער־זיידע פון דעם ניו־יאָרקער רב שמואל אהרן רובין, וועלכער האָט זיך גערופן „דער מורה דרך" און ער האָט געגרינדעט די אינסטיטוציע : „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" אויף דער איסט סייד, העגרי סטריט, ניו יאָרק.

נאָך דער פטירה פון ר' שמואל אהרן רובין ז"ל איז געווען אין קאַרטשין רב, ר' שמואל רובין ז"ל. — ר' שמואל איז געווען אַ מחותן צום שיניעווער רבי'ן, אדמו"ר ר' יחזקאל האַלבערשטאַם, דער בעל „דברי יחזקאל" זצ"ל.

נאָך ר' שמואל ז"ל, האָט זיין זון ר' אשר ז"ל איבערגענומען דאָס רבנות. ר' אשר ז"ל איז געזעסן אויפן כסא הרבנות אין קאַרטשין פון 1901 ביז 1932.

נאָך ר' אשר ז"ל איז זיין זון ר' מרדכי אלעזר ז"ל געווען רב. ר' מרדכי אלעזר איז געווען רב לערך 2 יאָר. — אַ לונגן אַנצינדונג האָט אים יונגערהייט אַוועקגעריסן פון דער וועלט.

נאָך ר' מרדכי אלעזר, איז דער צווייטער זון, פון ר' אשר ז"ל, ר' אלי' הי"ד, געווען רב אין קאַרטשין.

די דייטשן ימש"ו האָבן, אין צווייטן וועלטקריג, אומגעבראַכט דעם רב ר' אליהו ז"ל מיט זיין רביצין און 6 יונגע קינדער, פון 3 ביז 14 יאָר אַלט, הי"ד.



אויפן בילד די מצבות פון די רבנים: הרב ר׳ אשר ז״ל און הרב ר׳ מרדכי אלעזר ז״ל אויפן קאָרטשינער בית עולם.

פאָטאָגראַפירט פון יעקב יצחק פעסעל, פון שוועדן, אין יוני 1963.
צווישן די מצבות שטייט י. י. פעסעל

בתי תפילה

וועגן די בתי תפילה, פון פאַר דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווייסן מיר בכלל גאָר נישט.

מיר באַשרייבן דאָ די שול, דעם בית המדרש און אַנדערע בתי תפלה פון דעם צייט־אָפּשניט — 1901, ביז צום חורבן־קאַרטשין.

דער לעצטער בית המדרש איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1901, דורך דער איניציאַטיוו, פון דעמאָלטיקן ראש הקהל, ר׳ משולם אַקסלראָד ע״ה.

דער בית המדרש איז געוואָרן הערלעך דעקאָרירט, מיט פּראַכטפולע מאָלערייען אויפן סופיט און ווענט, פון אַ קונסט־מאָלער, דורך דער השתדלות פון ר׳ חיים דען ע״ה (גערופן חײמ׳ל בראָדער).

ווען מען האָט געבויט די שול האָבן מיר נישט קיין ידיעה.

די שול, דער בית המדרש און דער בית תפלה „יד חרוצים" זיינען געווען אויסערלעך, ווי איין געשלאָסענער בנין, האָבן פאַרנומען אַ שטח פון בערך 200 קוואַדראַט־מעטער. ס׳איז געווען אַ געמיינזאַמער אַריינגאַנג צו אַלע דריי.

אין פאָרהויז (פּאָליש) זיינען געווען 3 טירן: צו דרום, צפון און מזרח. אין דרום זייט — די טיר צום בית המדרש, מזרח — צו דער שול, צפון — צו יד חרוצים.

וועגן דער שול ווייסן מיר נישט פיל. די שול איז נישט געווען אויס־געפאַרטיקט. ס׳זיינען נאָר געווען ווענט, פּשוט׳ע ווענט פון רויטע ציגל, נישט געפאַרבט, און אַ דאַך אויף די ווענט. נישט קיין סופיט און נישט קיין פּאָדלאָגע (פלאָר). פּרימיטיווע טישן און בענק און אַ באַשיידענער ארון קודש.

וועלכע בעלי בתים ס׳האָבן געדאַוונט אין שול ווייסן מיר נישט.

אין ערשטן וועלט־קריג איז דאָס פאָרהויז — פון בית המדרש, וואָס איז געווען געבויט פון האָלץ, און דער דאַך פון דער שול, — פאַרברענט געוואָרן. פון דער שול זיינען פאַרבליבן, די הוילע ווענט. די שול האָט מער נישט געקענט באַנוצט ווערן פאַר אַ מקום תפלה, זי איז איצט באַנוצט געוואָרן פאַר אַ פּלאַץ, אויף מחדש צו זיין די לבנה און אויף צו שטעלן חופות.

דאָס פאַרהויז צום בית המדרש האָט מען צוריק אויפגעבויט, מיט אַ זייטיקן בנין, אויפן פּלאַץ פון דער עזרת נשים פון דער שול. — אין דעם דאָזיקן בנין איז אין יאָר 1930, אָדער 1931 געשאַפן געוואָרן דער בית תפלה „יד חרוצים".

ביז 1919 האָט עקזיסטירט אַ שטענדיקער מנין פאַר שבתות און ימים טובים אין הויז פון ר' מענדל שרויט ע"ה.

ס'איז אויך געווען אַ מנין ביי ר' מענדל גלייכער ע"ה פאַר אַ ריי יאָרן.

ס'איז געווען אַ דזשיקאָווער קלויז אין הויז פון ר' ישראל מאיר דאָר־שאָוויטץ ע"ה און אַ בעלזער קלויז אין הויז פון ר' נחמן ליביש רייך ע"ה. די קלויזן האָבן עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.

דער בית המדרש

אין אַ שטעטל ווי קאָרטשין, איז דער בית המדרש געווען דער הויפּט־פּונקט, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך קאָנצענטרירט, כמעט, דאָס גאַנצע יידישע לעבן.

נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז אויפן ערשטן פּלאַץ איז דער בית המדרש געווען אַ מקום קדוש, אַ הייליקער אָרט, וואו יידן האָבן מתפּלל געווען צום רבש״ע, געדאַווענט און געלערנט תורה.

דער בית המדרש איז קיינמאָל נישט געווען פאַרשלאָסן. פון פינף אַזייגער פרי, ביז צוועלף אַזייגער ביינאַכט זיינען די טירן געווען אָפן פאַר יעדן.

די ווענט פון בית המדרש זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם קול תפלה און תורה פון בעלי בתים און בחורים, וואָס זיינען יום ולילה געזעסן דאָרט און געלערנט. — דער בית־המדרש איז געווען דורכגעווייקט מיט טרערן, פון אונזערע פאָטערס און מוטערס, ביי זייערע תפלות פאַר פרנסה, פאַר געזונט פון זייערע קינדער און משפחות.

מסתמא געדענקען עס פיל נאָך גוט, און ס׳קלינגט נאָך היינט אין די אויערן די יאָמערלעכע, האַרצרייסנדיקע געוויינען פון פרויען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין בית המדרש „איינרייסן" פאַר זייער אַ געפערלעך קראַנקן מאַן, אָדער קינד.

טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי יעדן אין די אויגן, אַ שרעק האָט אַלעמען באַהערשט, ווען אַ פרוי האָט אויפגעפּראַלט די טירן פון ארון קודש, צוגעפאַלן צו די ספרי תורה, מיט אַ געוואַלדיק, ביטער געוויין און געשריי:

טאַטע אין הימל! האָב רחמנות! רבש״ע העלף! אַז מיינע פינף פּיצלעך קינדער זאָלן נישט בלייבן קיין יתומים!

אַודאי איז דער בית המדרש, פאַר אַלעם, געווען אַ מקום קדוש, אָבער, אין קעגנזאַץ צו אַ שול, איז אין אַ שטעטל דער בית המדרש אויך געווען אַן אָרט פאַר חול, פאַר טאָג־טעגלעכע ענינים.

אַלע פאַרזאַמלונגען, אסיפות האָט מען געמאַכט אין בית־המדרש. די „ליציטאַציע" אויפן פסח׳דיקן מעל — אין בית המדרש. אַן אסיפה, וועגן דער קהל׳שער באָד — אין בית המדרש. אַ קאַנדידאַט צום סיים וויל ריידן צום עולם — אין בית המדרש. אַזוי סתם אַ רעדנער — אויך אין בית המדרש.

נאָך מנחה ומעריב, צי אַזוי סתם אין מיטן טאָג, האָט מען זיך געמיט־לעך אָוועקגעזעצט מיט אַ שכן, מיט אַ פריינט, פאַרויכערט אַ ציגאַרעטל און זיך אַדורכגעשמועסט.

דער שמש פון בית המדרש האָט אין אַ ווינקל געהאַט אַ פולשטענ־דיקע קראָם פון: שאָקאָלאַד, קיכלעך, עפּל, באַרנעס, סיגאַרעטן, סאָדע וואַסער, טיי אדג״ל.

אַפילו עמיצער, וואָס צוליבן דאַוונען, וואָלט ער היינט נישט געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, איז ער אָבער געקומען, בכדי זיך צו טרעפן מיט „אַ מענטש״, הערן נייעס, כאַפּן אַ שמועס.

אַז ס׳איז עמיצן געווען טרויעריק אויפן האַרץ, מחמת חסרון פּרנסה, אָדער אַנדערע דאגות (ס׳האָבן דען געפעלט דאגות?), איז אַוודאי דער פּלאַץ, וואו זיך אַראָפּצורײדן פון האַרץ, און פאַרגעסן אַביסל די צרות, געווען דער בית המדרש.

אויב דער אויסדרוק איז דערלויבט, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז דער בית המדרש איז אויך געווען אַזאַ סאָרט קלוב, פאַר אַלע יידן אין שטעטל, פאַר טאָג־טעגלעכע אַנגעלעגנהייטן, פון יחיד און פון רבים.

חרוב און וויסט איז היינט דער בית המדרש אין קאָרטשין. יידן דאַוונען דאָרט נישט מער. אין אַ ווערהויז (אַ סקלאַד) איז היינט דער בית המדרש פאַרוואַנדלט.

אויסגעלאָשן איז געוואָרן דאָס ליכט פון נר תמיד פון בית המדרש און אויסגעלאָשן געוואָרן, אויף אַ שוידערלעכן אופן, זיינען אויך די לעבנס פון אונזערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און קליינע קינדער.

פאַרגעסט קיינמאָל נישט, אַז דאָס האָבן צו אונז געטאָן, די דייטשן, די עקלהאַפטסטע און גרויזאַמסטע מערדער פון דער געשיכטע, ימש״ו.

די עקאָנאָמישע לאַגע
און פרנסות פון קאָרטשינער יידן

אַלטע לייט פון שטעטל האָבן דערציילט, אַז ס׳איז אַמאָל אין קאָרטשין געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין פורים נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים. אין פשוט׳ן פשט, ס׳זיינען אין שטעטל נישט געווען קיין אָרעמעלייט, וועמען מען זאָל קענען געבן צדקה, אָדער אַ נדבה.

דאָס איז געווען בערך מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק, ווען קאָרטשין איז געווען די „עיר הבירה״, די „מעטראָפּאָליע״ פון געגנט. אין דער דערבייאיקער שטאָט קראָסנאָ, האָבן נאָך קיין יידן בכלל נישט געוואוינט, אָדער גאָר וויניק געוואוינט.

מיטן באַזעצן זיך פון יידן אין קראָסנאָ און אין רעזולטאַט דערפון, וואָס דער מסחר האָט זיך דאָרט שנעל אַנטוויקלט, איז די עקאָנאָמישע לאַגע און פרנסה קוואַלן, פון די קאָרטשינער יידן, וואָס אַמאָל מער און מער אויס־געטריקנט און איינגעשרומפּן געוואָרן.

די מעגלעכקייט צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים האָט שוין אין קאָרטשין, אין היינטיקן יאָרהונדערט, קיין פּראָבלעם נישט פאַרשאַפט. אביונים זיינען געווען.

די דאגה איז געווען אַן אַנדערע, אַ פאַרקערטע. נישט אַז ס׳פעלן אביונים פאַר מתנות, נאָר אַז ס׳פעלן מתנות פאַר די אביונים.

דאָ אין דעם קאַפּיטל באַשרייבן מיר די עקאָנאָמישע לאַגע פון שטעטל, אין דער צייט, פון אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צייט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז דעם אומקום פון קאָרטשין.

דאָס שטעטל האָט נישט געהאַט קיין באַן־סטאַציע. די באַן סטאַציע איז געווען אין קראָסנאָ, זיבן קילאָמעטער ווייט, פון שטעטל.

אַלעס האָט מען געמוזט פירן מיט פערד און וואָגן. קיין אינדוסטריע, אָדער גרויסער האַנדל, איז דאָרט נישט געווען. דער עולם, אין דער מער־הייט, האָט זיך מתפרנס געווען פון קליין האַנדל, מיט דער דאָרפישער

באַפעלקערונג, וואָס אַרום דעם שטעטל. — די פויערים האָבן געברענגט אין שטעטל, זייערע פּראָדוקטן צו פאַרקויפן און זיי האָבן דאָרט איינגעקויפט וואָס זיי האָבן באַדאַרפט.

ס׳זיינען געווען געוועלבן (סטאָרס) פון שניט סחורה, גאַלאַנטעריע, לעדער, אייזן, פאַרבן, קאַלך און צעמענט, גלאָז, געשיר, שפייז, ביר און שנאַפּס און צוויי טראַפיקן (טאַבאַק און סיגאַרעטן סטאָרס).

ביזן סוף פון ערשטן וועלט־קריג זיינען אַלע געוועלבער (חוץ צוויי שפייז־געוועלבער), געווען יידישע.

ס׳זיינען אויך געווען יידן, וואָס זייער פּרנסה איז נישט געווען האַנדל, ווי למשל: זייגערמאַכער, בעקערס, קצבים, בעלי עגלות, שניידערס, שניידע־רינס, טרעגערס און גלעזער.

די גלעזער פלעגן אָנטאָן אַ קעסטל מיט גלאָז, אויף דער פּלייצע, און גיין אויפן דאָרף גלאָזן פענסטער.

די מערהייט משפחות, פון קרעמער און בעל־מלאכות האָט זיך נישט געקענט דערלויבן צו עסן יעדן טאָג פלייש. גענוג מילך פאַר די קינדער אויך נישט.

אַ שטיקל עוף האָט אַן אָרעמער קרעמער געגעסן נאָר שבת און יום טוב, אָדער ווען ער איז חלילה קראַנק געווען. אַן אָרעמער קרעמער האָט אַפילו שבת, אָדער יום טוב זיך נישט געקענט פאַרגינען אויפצועסן אַ פערטל עוף. — אַן עוף האָט געמוזט גענוג זיין אויף גאַנץ שבת, — פרייטיק נאַכט און שבת בייטאָג — פאַר אַ משפחה פון 6־8 עסערס. צו יעדן ביס פלייש צוגעגעסן אַ היפּשן ביס חלה, אָדער ברויט, בכדי צו זיין זאַט.

ברויט און קאַרטאָפל איז געווען די הויפּט דערנערונג פון רוב משפחות. צו פרישטיק: ברויט, קוים באַשמירט מיט פוטער, קאַווע און ציקאָריע, קוים פאַרווייסט אַביסל מיט מילך. — צום פרישטיק 2 אייער, באַשמירן דאָס ברויט לייטיש, מיט פוטער און אַ שטיקל קעז, אָדער מאַרמעלאַדע דערצו, דאָס האָט נאָר אַ רייכער געקענט זיך דערלויבן.

צו מיטאָג: קאַרטאָפל־זופּ, קאַרטאָפל מיט זויערע מילך, טייג מיט באָבעלעך און אַנדערע פליישלאָזע מאכלים.

אַ שטיקל לעקעך (קעיק), נאָר אויף אַ שמחה, ווי: אַ חתונה, בר־מצוה, ברית. אין אַ פּראָסטן טאָג? ווער? אפשר גאָר אַ רייכער, אַ גביר, אָבער אויך עקאָנאָמיש און זיך געהיטן אַז קיינער זאָל נישט זען, פאַר אַן עין הרע ח״ו.

אַ שטיקל לעקעך איז געווען אַ לוקסוס.

די עקאָנאָמישע לאַגע און פּרנסות נאָכן ערשטן וועלט קריג

געוויינלעך נאָך אַ מלחמה, — ווייל די באַפעלקערונג איז אויסגע־הונגערט נאָך זאַכן, וועלכע מ׳האָט אין קריגס־צייט נישט געקענט באַקומען — קומט אַ פּראָספּעריטי. אַזוי איז טאַקע, אין אונזער שטעטל, נאָכן קריג, אויך געקומען אַן אויפלעב אין האַנדל. — ס האָבן געהאַנדלט אַלע. אַלע זיינען געוואָרן סוחרים, — שוסטערס און שניידערס, שוחטים און חזנים, בעלי־עגלות און קצבים, מלמד און בעלפער — אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקענט קיין קאַץ אַן עק פאַרבינדן.

מ׳האָט נישט געדאַרפט זיין אַ פאַכמאַן. וואָס מ׳האָט געקויפט היינט, האָט מען שוין מאָרגן פאַרקויפט מיט ריוח. — אַלעס איז געווען אַ סחורה: זייף, ליכט, פאַפּיר, שנור־בענדלעך, קו־בעבע, און וואָס נישט? היינט׳זשע שניט־סחורה! דערביי האָט מען „געקענט״ רייך ווערן! אין בית, אַשר אין שם סחורה. אומעטום אין יעדער שטוב איז אין אַ ווינקל געלעגן עפּעס סחורה. מ׳האָט נישט געדאַרפט קיין אָפן לאָקאַל. דער מסחר איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, הורטאָוונע.

אַ קאַרטשינער האָט געקויפט אַביסל סחורה אין קראָסנאָ, רימאַנאָוו, סאַנאָק צי סאַנז. אַ וואָך שפּעטער איז דער סאַנזער, צי סאַנאָקער געקומען קיין קאַרטשין און צוריקגעקויפט די זעלבע סחורה, וואָס ער האָט פאַרקויפט און באַצאָלט עטלעכע טויזנטער מער. איז דער קאַרטשינער ווידער געפאָרן „זוכן״ סחורה און באַצאָלט אַ סך מער פאַר אַזאַ קוואַנטום סחורה, וואָס ער האָט אָקאָרשט פאַרקויפט.

אַזוי האָט זיך געדרייט אַ רעדל, און פּרנסה איז געווען בריוח. אַלע האָבן „געמאַכט״ געלט, געהאַט פולע קעשענעס, מיט שווערע טויזנטער. געלעבט אַ גוטן טאָג, אויף אַ העכערן און שענערן לעבנס־סטאַנדאַרט. — יעדער האָט געהאַט געלט, געציילט אין מיליאָנען. אַ נעכטיקער ויזתא און דלפון איז „איבערנאַכט״ געוואָרן אַ חכם און אַ מיליאָנער. געלט איז צוריק־געקומען, נאָר סחורה איז אַפּגעקומען. אויב היינטיקע וואָך האָט אַ טויזנטער

געקענט קויפן, למשל 1000 יאַרד סחורה, האָט מען די נעקסטע וואָך פאַר אַ טויזנטער שוין נישט געקענט באַקומען מער, ווי 800 יאַרד.

דער זייפן־בלאָז האָט געפּלאַצט. אַלעס האָט צוזאַמענגעבראָכן. דאָס געלט איז געוואָרן ווערטלאָז. — דער וואָס ס'האָט נישט געהאַנדלט און געוואַנדלט, נאָר געהאַלטן ס'ביסל סחורה, איז, וואָס אַן אמת, נישט געוואָרן רייך, אָבער דאָך ביי עפּעס געבליבן, און ווער ס'האָט יאָ גערודערט אַ וועלט, געלייגט זיך שלאָפן אַ מיליאָנער, איז ער אויפגעשטאַנען צוריק אַ ויזתא און אַ דלפון.

די צייט האָט אָנגעפאַנגען צוריק צו ווערן נאָרמאַל. דער שניידער, דער שוסטער איז צוריק — אין זיין וואַרשטאַט, דער קצב — אין יאַטקע, דער בעל־עגלה — צום פערד און וואָגן, דער שוחט און חזן — צו זייערע עבודות, דער מלמד און דער בעלפער — אין חדר.

אַ טייל פון זיי זיינען פאַרבליבן קרעמערס, אָדער, ווען מ'זאָל נוצן דעם אַמעריקאַנעם אויסדרוק, סעמי קרעמערס.

דער הויפּט פּרנסה קוואַל איז ווידער, פאַר די געוועלבערס און קרעמערס — דער מאַרק־טאָג פרייטיק אין קאָרטשין און מאָנטיק אין קראָסנאָ. — אין מאַרק־טאָג זיינען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער אָנגעפאָרן אין די הונדערטער. זיי האָבן פאַרנומען, מיט זייערע וועגענער, כמעט דעם גאַנצן רינג־פּלאַץ. די פּויערים האָבן פאַרקויפט זייערע זאַכן און אויסגעגעבן זייערע געלטער אין די געוועלבער, שענקן און קראָמען.

מאָנטיק זיינען כמעט אַלע סוחרים און קרעמער (חוץ פון שפּייז און אייזן) פון קאָרטשין, געפאָרן קיין קראָסנאָ אויפן מאַרק־טאָג, מיט זייערע סחורות צו פאַרקויפן. — אין די איבעריקע טעג פון דער וואָך זיינען די סוחרים געזעסן, פאַר די טירן פון זייערע קראָמען, און אויסגעקוקט פאַר אַ קונה, אָדער זיך דורכגעשמועסט איינער מיטן צווייטן, וועגן פּאָליטיק און אַזוי סתם מעשיות.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג זיינען די טראַפיקן געגעבן געוואָרן צו מלחמה־אינוואַלידן, איינע צו אַ ייד, חיים וואָלף קורעף. ס'זיינען צוגעקומען נאָך 2 נישט יידישע שפּייז געוועלבן און שענקן. אַלע אַנדערע האַנדלס־צווייגן זיינען געווען אין יידישע הענט.

ס'זיינען געווען 2 רעסטאָראַנען, ביי אהרן בלאַנק און וואָלף גלייכער, וואו מ'האָט געקענט אָפּעסן אַ מיטאָג. — ס'זיינען אויך געווען תבואה סוחרים און וואַלד־סוחרים. — ס'איז געווען אַן עסיק פאַבריק (יוסף האָלאָשיטץ) און

אַ סאָדע וואַסער־פאַבריק (חיים אלי׳ קויפמאַן). — ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זייער פרנסה איז געווען אויפצוקויפן, אין די מאַרק־טעג, ביי די פויערים, פוטער און אייער און עס פאַרקויפן אין הורט, צו גרעסערע שטעט.

ס׳איז אויך געווען אַ יידישער מסחר אויפצוקויפן סעדער מיט עפּל, אין גרויסע קוואַנטיטעטן און עס צו פאַרקויפן, אין הורט, צו פּרוכט סוחרים, אין גרעסערע שטעט. דער דאָזיקער מסחר איז געווען אַ סעזאָן אַרטיקער. דער גרעסטער עפּל סוחר איז געווען וואָלף קירשנער הי״ד.

ס׳איז אויך געווען אַ פּראַכטער און אַ שפּיליטער. — אַ שפּיליטער איז געווען אַזאַ איינער, וואָס האָט באַזאָרגט די קרעמער, מיט געוויסע סחורות פון קראַקאָוו, אָדער טאַרנאָוו. ער פלעגט נעמען אָרדערס ביי די סוחרים, און פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר זיין אַרבעט, געבראַכט די סחורות צו זיי. ישראל מאַרגאָלעס הי״ד איז געווען דער שפּיליטער קאָרטשין־קראַקאָוו, און שמחה בעזענשטאָק הי״ד, שפּיליטער קאָרטשין־טאַרנאָוו.

אַ פּראַכטער איז געווען אַזאַ איינער, וואָס האָט, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל, באַזאָרגט, ביי דער באַן־סטאַציע, אַלע עקספּאָרטס און אימפּאָרטס פאַרן שטעטל. דער פּראַכטער איז געווען לייבעלע שיף הי״ד.

מיט אַן אויסנאַם פון אַ קליינעם טייל יידן אין שטעטל, האָט דער רוב שווער געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון פרנסה. — די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען שלעכט. די זאָרג פאַר פרנסה און נאָכמער די זאָרג פון חתונה מאַכן, ד. ה. געבן נדן, אַ טאָכטער (אָן אַ נדן האָט מען נישט געקענט חתונה מאַכן), האָט צובראָכן זייער רוקנביין און פיל פון זיי פרי אַלט געמאַכט.

אין די יאָרן, פון אומגעפער 1936־1935 האָבן אייניקע אָנגעפאַנגען פאַבריצירן לייוונט.

זיי האָבן אַרויסגעגעבן צו די דאָרפישע טקאַטשעס (וועבערס) באָוול און ליינען, פון וואָס די פויערישע וועבער האָבן, אויף האַנט־וועבשטולן, אויס־געאַרבעט פאַרשיידענע סחורות: טישטעכער, האַנטעכער, ליינענטיכער און פאַר־שיידענע לייוונטן, פון אַלערליי קאָלירן און קוואַליטעטן.

די סחורות זיינען געווען שיין און גוט. קאָרטשינער אויסאַרבעטונגען זיינען געווען באַרימט, כמעט, אין גאַנץ פוילן. — נאָך פאַר דער מלחמה האָט עקזיסטירט, אַ לייוונט אינדוסטריע אין קאָרטשין, אָבער ווייניק יידן האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט. — זייט 1936־1935 האָבן יידן דער דאָזיקער אינדוסטריע געגעבן אַ שטויס פאָראויס אין אַ ברייטערן פאַרנעם, אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט, וואָס אַמאָל מער אין לאַנד.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אינדוסטריע זיינען אַנטשטאַנען אין שטעטל 4 מאַנגלען, אויסצופרעסן און אויסצומאַנגלען די אויסגעאַרבעטע סחורות. — 3 מאַנגלען געטריבן מיט פערד־קראַפט און איינע מיט אַן עלעקטרישן מאָטאָר. פון די מאַנגלען האָבן זיך מתפרנס געווען 4 משפחות.

די הויפּט סוחרים פון דער קאָרטשינער לייוונט פאַבריקאַציע זיינען געווען: לעזער, פינטער, רייך, ווילנער, דים, רובין, וועבער און נאָך אַנדערע פון אַ קלענערן פאַרנעם.

דער דאָזיקער מסחר האָט געגעבן שיין פרנסה די אַלע, וואָס האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט, און איינצלנע זיינען אפשר אויך אַביסל רייך געוואָרן.

לויט, ווי מען האָט אונז איבערגעגעבן זיינען אין דער צייט פון לערך 1850־1914 פאַרעכנט געוואָרן פאַר גבירים: ר׳ וועלע ראַפּאַפּאָרט ע״ה, ר׳ נפתלי ראַב ע״ה, שפּעטער זיינע קינדער, גערופן די „ראַב׳עס״, ר׳ מענדל שרויט ע״ה, ר׳ משה ראָטענבערג ע״ה, ר׳ משולם אַקסלראָד ע״ה, ר׳ מענדל גלייכער ע״ה און ר׳ מענדל רובין ע״ה.

זייער גבירישקייט האָט זיך אָנגעזען סיי אינעווייניק און סיי אינדרויסן, בבית ובחוץ.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער שטערן פון גבירישקייט פון די דערמאָנטע פאַרבלאַסט געוואָרן, אונטערגעגאַנגען — נייע שטערנס זיינען אויפגעגאַנגען.

פאַר גבירים האָט מען די נייע נישט באַטראַכט, אַפילו לויט קאָרטשינער באַגריפן. זייער גבירישקייט האָט זיך נישט אָנגעזען.

מען מעג מיט דער פולער אחריות זאָגן, אַז אַן „אָפּערייטאָר״ היינט צו טאָג אין ניו־יאָרק, וואוינט שענער, רחבות׳דיקער, באַקוועמער, ערנערט זיך בעסער, קליידט זיך רייכער, לעבט לוקסוריעזער, זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז סטאַבילער, זיין זעלבסטזיכערקייט פעסטער, פון די רייכע יידן אין קאָרטשין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאָס קולטורעלע, גייסטיקע לעבן אין קאַרטשין אין דער צייט פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט

די קולטור פון די יידן אין קאַרטשין איז געווען: די תורה, דער שלחן ערוך און חסידות; זייער לעבן, עטיק און מאָראַל איז געווען באַזירט, נישט נאָר אויף די פרינציפּן, דינים און הלכות לויט דער תורה און חכמי־התלמוד, נאָר נאָכמער און הויפּטזעכלעך לויט דעם מוסר פון ראשית חכמה אדג״ל.

מיט אַ 100 יאָר צוריק האָבן יידן, אין קאַרטשין, נישט געהאַלטן פון וועלטלעכע לימודים. אַריינקוקן אין אַ וועלטלעך ספר איז באַטראַכט געוואָרן פאַר — אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער תורה; — פאַר אַראָפּגיין פון וועג; — פאַר אַן אַפּיקורסות.

אין יענער צייט, האָט אין אַ יידישער שטוב, אין שטעטל, זיך נישט געפונען קיין וועלטלעך בוך. אַפילו אין היימען, פון נישט קיין לומדים, פון נישט קיין לערנערס, האָט מען נאָר געקענט טרעפן אַזעלכע ספרים, ווי למשל, מוסר־ספרים, אָדער מעשיות פון צדיקים, ווי „שבחי בעל שם טוב", „מעשיות פון שפּאָלער זיידע", „ספר הישר" אדג״ל.

קינדער האָט מען אין וועלטלעכע שולעס נישט געשיקט. ווען ס'איז אַרויס אַ שול־צוואַנג געזעץ, האָבן יידישע טאַטעס זיך אַן עצה געגעבן. פאַר 2 עסטרייכישע קראָנען האָט דער שטעטלשער דאָקטאָר געגעבן אַ פּאַפּירל (אַ צייגניש) אַז דאָס קינד איז קראַנק און דאַרף זיין פריי פון שולע.

שרייבן און אַביסל לייענען יידיש און „גוייש" האָט מען זיך אויסגעלערנט פון אַ „בריוושטעלער". דער עיקר תכלית איז געווען צו ערציען די קינדער, זיי זאָלן זיין בני תורה. נישט קיין בן תורה, אַפילו אַן עשיר, האָט קיין אָנזען נישט געהאַט.

וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט, אויסער זייער שטעטל, האָט זיי, די קאַרטשינער יידן, צו יענער צייט, נישט אינטערעסירט.

קיין ציטונג איז אין שטעטל אַריין נישט געקומען. לייענען אַ ציטונג,

האָט מען באַטראַכט, פאַר אַ זאַך, וואָס איז דברים בטלים, וואָס איז נישט פאַר אַ ייד. אַ ייד דאַרף בעסער אויסנוצן די צייט אויף לערנען אַ שטיקל גמרא. חוץ דעם איז, לויט זייער מיינונג — אין יעדער געשריבענער זאַך, — וועגן ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות, מיט טראַדיציאָנעלער אָפּהיטונג, פון רעליגיעזער יידישקייט — פאַראַן אַ סכנה, פון שוואַך מאַכן און אונטער־גראָבן דעם בנין, פון דורות איינגעפונדעוועטע, יידישע פירונגען און לעבנס־שטייגער.

דאָס פאָלגנדע, אמת׳ע מעשה׳לע וועט אַמבעסטן אָפּשפּיגלען די דע־מאָלטיקע באַציאונג צו וועלטלעכקייט.

געשען איז דאָס, — לויט ווי ס׳איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן — אין דער צווייטער העלפט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

אין אַ פרימאָרגן פון יענער צייט איז ר׳ פישל מענער ע״ה אַריינגע־קומען אין בית המדרש אַריין מיט אַ רעש און מיט באַנומענע קולות געשריגן:

— געוואַלד יידן! ס׳ברענט ביי נפתלי ראַב אין הויז!

דער עולם, אין מיטן דאַוונען, איז אַרויסגעלאָפן ראַטעווען. אָבער צו זייער דערשטוינונג האָבן זיי גאָר נישט געזען. נישט קיין פייער און נישט קיין רויך.

קומט מען צוריק אין בית המדרש אַריין, וואו ר׳ פישל מענער האַלט אָן אויפהער אין שרייען:

— געוואַלד! ס׳ברענט! אַ פייער איז אין נפתלי ראַב׳ס הויז!

— וואָס איז מיט אייך ר׳ פישל — רעדט מען צו אים, — איר האָט אַ טעות, ס׳איז קיין שום פייער נישטאָ.

ר׳ פישל שרייט דאָן אויס:

— אוי, איך האָב נישט קיין טעות, אַ געפערלעך פייער ברענט אין נפתלי ראַב׳ס הויז! כ׳האָב געזען זישע בעק (נפתלי ראַב׳ס איידעם) „זיצט איבער אַ בלאַט״ (לייענט אַ צייטונג)!

אין ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט

אין אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט קאָרטשין נאָטירט בחורים וואָס זיינען געזעסן אין בית המדרש און געלערנט ש״ס און פוסקים פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער שטילערהייט, בסוד, האָבן זיי אויך עוסק געווען אין לימודי חול. — חוץ אין ים התלמוד האָבן זיי אויך בצנעה זיך אונטערגעטונקען אין ים פון וועלטלעך וויסן, הויפּטזעכלעך העברעאישע און יידישע ליטעראַטור.

נישט נאָר צו לייענען די יידישע געשיכטע פון פראָפּ. גרעץ האָבן די עלטערע באַטראַכט פאַר אפיקורסות, נאָר אפילו צו לערנען אַ ספר חיצוני (אַפּאָקריפן), אפילו מעיין צו זיין אין איוב, האָבן די דעמאָלטיקע טאַטעס געזאָגט, שמעקט מיט השכלה. און אויב עמיצער האָט עס געטאָן, אפילו אַז ער איז געווען אַ שומר מצוות האָט מען אויף אים געמורמלט, אַז ר׳איז „אַ קאַליעדיקער ר״ל״.

געכאַפּט ביי דער האַנט, ביי אַ „טריפה פסול״ ספר, האָט מען קיינעם נישט. חוץ אפשר אַן אייגענער טאַטע, וואָס האָט שטילערהייט געליטן, אָבער האָט עס פאַר קיינעם נישט מגלה געווען.

אַזוי ווי אָבער דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס, און אַ סוד קען מען אויף אייביק נישט באַהאַלטן, איז די דאָזיקע עובדה, מיט דער צייט, געוואָרן אויס סוד. — דעם „לעמבערגער טאָגבלאַט״ האָט מען שוין געלייענט עפנטלעך.

פון דעם דאָזיקן קרייז בחורים איז כדאי אָפּצושילדערן איינעם: חיים לוי צייגער.

חיים לוי איז געווען אַ בן תורה, אַ למדן מופלג און אַ ירא שמים. ער איז געזעסן באהלי שם און האָט אויך אַ בליק געטאָן אין די געצעלטן פון יפת. ד. ה. אַ חוץ גמרא און יורה דעה אויך „אַנגעקוקט״ אַנדערע ספרים. דער עולם האָט אים חושד געווען, אַז ער סימפּאַטיזירט מיטן געדאַנק, אַז יידן מעגן טראַכטן צוריק צו האָבן זייער לאַנד: ארץ ישראל.

חיים לוי האָט געטראָגן אַ באָרד און שיינע געקרייזלטע פאות, וואָס אַ שערל האָט זיי קיינמאָל נישט אָנגערירט. אַ לאַנגן איבערציער אַן „אַ

שפּאָלט״, אַ חסידישן סאַמעטענעם קאַפּעליוש און אונטערן קאַפּעליוש אַ סאַמעטענע יאַרמולקע. אַ לאַנגן וואָלענעם טלית קטן מיט די ציצית אינדרויסן. אויף די פּיס שטיוול. שיך אויף די פּיס האָט „געשמעקט״ מיט „אויפגעקלערט־קייט, פּאָרשריט, מאָדערניזם״.

חיים לוי, מעג מען זאָגן, איז געווען אַ פּאַרקערפּערונג פון תורה און אמונה, מיט דרך ארץ.

אויך אַלע אַנדערע בחורים, הגם נישט אַזעלכע לומדים, ווי חיים לוי, האָבן געטראָגן אַ חסידישע הלבשה און זיך אויפגעפירט לויט דער חסידישער הנהגה. קיין שום בחור האָט, צו יענער צייט אין קאָרטשין, נישט געטראָגן אַ קורצן רעקל, אָדער אַ טוכענעם הוט.

אין 1909, אָדער 1910 האָבן אייניקע פון די דאָזיקע בחורים געגרינדעט אין קאָרטשין אַן אַלגעמיין ציוניסטישע „פּאַראיין״ מיטן נאָמען „החלוץ״.

דאָס שטעטל איז געגאַנגען כּאָדראָם! סטייטש? אַזעלכע „שקצים״? אַזעלכע אפּיקורסים!

ציוניזם האָבן זיי, די יידן פון עלטערן דור, אין יענער צייט אידענ־טיפיצירט מיט אפּיקורסות, ווי אַ זאַך, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צום צוועלפטן אני מאמין.

זיי האָבן חושד געווען חיים לוי׳ן, אַז ער האָט געהאַט דערין עפּעס אַן השפּעה און זיי האָבן אויסגעטייטשט, אַז „החלוץ״ זיינען די ראשי תיבות פון: הבחור חיים לוי צייגער.

חיים לוי איז קיינמאָל נישט אַריינגעקומען אין „פּאַראיין״ אַריין. די טעטיקייטן פון פּאַראיין דעמאָלט זיינען געווען: לערנען מיט יעדן, וואָס האָט נאָר געוואָלט: גמרא, חומש מיט רש״י, נ״ך, העברעאיש (מיט דער אשכנזי׳י־שער הברה), העברעאישע ליטעראַטור און דעם געדאַנק פון שיבת ציון.

צום פּאַראיין האָבן באַלאַנגט נאָר מענער.

אין דער צייט פון נאָכן ערשטן וועלט קריג

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען, אין דער עסט־רייכישער אַרמיי, מאָביליזירט געוואָרן מענער אין עלטער פון 17 ביז 50 יאָר. פיל יונגעלייט, — וואָס האָבן פריער קיינמאָל נישט געזען קיין אַנדער לעבן, אַ חוץ פון די ד׳ אמות פון קאַרטשין — זיינען אין צייט פון קריג געקומען אין באַרירונג מיט מענטשן און קולטור פון דער מאָדערנער מערב וועלט.

אין צייט פון דער מלחמה האָט די רוסישע אַרמיי אינוואַדירט דאָס שטעטל. גאָר אַ גרויסער עולם פון שטעטל האָט געפליכטעט קיין אונגאַרן, בעהמען, מעהרען און עסטרייך.

דאָס האָט געברענגט צו אַ געוואַלדיקער איבערקערעניש און איבער־ברוך פון פריערדיקן, איינגעפונדעוועטן, קליינשטעטלדיקן לעבן, פון פאַר דער מלחמה.

יונגוואַרג פוןביידע געשלעכטער האָבן זיך גענומען קליידן מאָדערן.

בחורים, וואָס זיינען געזעסן אין בית המדרש און געלערנט האָבן שוין געטראָגן „געבאַלטענע" (טוכענע) קאַפּעלושן. — צוגעשוירן די פאות און בערדלעך. געלייענט צייטונגען און וועלטלעכע ביכער.

ביי שידוכים האָט מען שוין „געזוכט" אַ בחור, ער זאָל נישט זיין קיין „כניאָק", קיין „באַנק־קוועטשער". — טאַקע אַ בן תורה יאָ, פאַרוואָס נישט? אָבער אַביסעלע „געבילדעט" אויך.

און אַ מיידל? אַודאי נישט עפּעס דאָרט אַ פּראָסטע „יענטע", נאָר אַן „אינטעליגענטע".

אַז דער זון זאָל באַהערשן גוט די פּוילישע שפּראַך, זאָל קענען גוט לייענען און פאַרשטיין אַ פּוילישע צייטונג האָט דער טאַטע שוין באַטראַכט, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, פאַר אַ זאַך, וואָס איז נויטיק אין לעבן. ר׳איז געווען צופרידן, אַז זיין זון באַזיצט אָט די מעלות.

אונטער דער הערשאַפט פון די פּוילישע פּאַלקאָווניקעס — ווען דער פּוילישער פּרעמיער מיניסטער סקלאַדקאָווסקי האָט געוואָרפן די באַרימטע לאָזונג: „וואַלקאַ עקאָנאָמיטשנאַ אָושעם" — ד. ה. אַז אַן עקאָנאָמישע מלחמה

מיט די יידן, זיי אַרויסשטויסן פון זייער פּרנסות איז אדרבה! — און אַ צווייטע באַרימטע לאָזונג: „פּראָנטעם דאָ מיאסטא״, אויף יידיש: „מיטן פּנים אין שטאָט אַריין״, דאָס מיינט, אַז דער פויער פון דאָרף זאָל זיך באַזעצן אין שטעטל, אַרויסשטופּן די יידן פון האַנדל, צונעמען ביי זיי זייערע פּרנסות, — ווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן, קליינהענדלער אין די שטעטלעך איז געוואָרן, פון טאָג צו טאָג, שווערער געדריקטער — האָבן די חסידישע טאַטעס אָנגעהויבן איינזען, אַז אין דער איבערשיכטונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער צייט קענען זייערע קינדער נישט זיין אָפּגעשלאָסן אין די ראַמען פון זייער פריערדיקן לעבן; אַז ווען זייערע קינדער וועלן אַליין ווערן פאַמיליען פאָטערס, וועלן זיי נישט קענען, מיט אַמאָליקן שטייגער לעבן, ביישטיין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ; אַז מסחר קען מער נישט געפירט ווערן אויפן אַמאָליקן שטייגער; אַז צו אַ קונה מוז מען היינט זיך באַציען און ריידן אַנדערש ווי אַמאָל; — זיי האָבן אָנגעהויבן באַגרייפן דעם הויכן זין פון דער משנה: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה.

טאַטעס האָבן אָנגעפאַנגען שיקן נישט נאָר טעכטער, נאָר אויך זין אין דער וועלטלעכער פאָלקסשולע.

ישיבות, וואו מען לערנט לימודי קודש און לימודי חול, ד. ה. תורה און אַלגעמיינע וועלטלעכע לימודים צוזאַמען זיינען אין קיין שום גאַליציש שטעטל נישט געווען.

בחורים אין קאָרטשין זיינען געווען אויטאָדידאַקטן. און זאָל עס פאַר־צייכנט ווערן, אַז די „געבילדעטע״ פון קאָרטשין זיינען אין רוב באַשטאַנען פון די בית המדרש בחורים. „עמך״ האָט גאָר אַ קליינעם חלק געהאַט אין קולטורעלן געביט.

דער וואַרשאַווער „היינט״ האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט דער „וועלט־שפּיגל״. אין יאָר 1929 (דוכט זיך) האָט דער „וועלטשפּיגל״ פאַרעפנטלעכט אַ ליטעראַרישן קאָנקורס מיט פרייזן פאַר די בעסטע נאָוועלן פון יידישן לעבן. — ערשטער פרייז 100 זל., צווייטער פרייז 50 זל., דריטער פרייז 25 זל.

אין דאָזיקן קאָנקורס האָבן אָנטייל גענומען פּראָמינענטע שרייבער. דעם צווייטן פרייז האָט געוואונען אַ קאָרטשינער בית המדרש בחור פאַר זיין נאָוועלע „די ליציטאַציע״ וואָס שילדערט דאָס פאַרקויפן פון פסח׳דיקן מעל אין קאָרטשין.

דער דאָזיקער בחור איז געווען דער באַגאַבטער יוסף וועבער הי״ד, וועלכער האָט פאַרקערפערט אין זיך תורה מיט דרך ארץ.

די „ליציטאַציע״ און אויך נאָך אַן אַנדערע נאָוועלע „דער פישער״ פון יוסף וועבער הי״ד — געפינט זיך אין קאָרטשינער יזכור בוך.

די יוגנט, וואָס איז נישט געווען פון די חובשי בית המדרש האָט נאָכן ערשטן וועלט קריג געטראָגן אַ מאָדערנע הלבשה. האָט געגרינדעט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס: אַן אַלגעמיין ציוניסטישע, השומר, בית״ר און אַ ביבליאָטעק.

אין זייערע לאָקאַלן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביידע געשלעכטער, זיי האָבן איינגעאָרדנט פאַרשטעלונגען און טאַנץ־אָוונטן. דאָס לעצטע איז פאַר זייערע עלטערן געווען למורת רוח.

אַ מחלל שבת בפרהסיא, אָדער גיין אין גאַס בגילוי ראש איז אין קאָרטשין נישט געווען.

„אגודה״ אָדער „מזרחי״ באַוועגונג איז אין קאָרטשין אויך נישט געווען.

דאָס לעבן און פירונגען אין קאָרטשין מיט הונדערט יאָר צוריק

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט אַ חסידישער ייד (און ווער איז אין קאָרטשין נישט געווען חסידיש?) געטראָגן אַ באָרד מיט פאות, אַ לאַנגע הלבשה, ד. ה. אַ בעקעשע, מיט קעשענעס, אין דער זייט, פון אונטן, לאַנג ביז צו די פוס־קנעכלעך. אַן איבערציער מיט אַ שפּאַלט (אַ סליט), איז געווען „מאָדערן", „מעשה דייטש". אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש, מיט אַ סאַמע־טענער יאַרמולקע אונטערן קאַפּעלוש. די יאַרמולקע האָט אונטן, אויף דער פּאַטילניצע, אַרויסגעשטאַרט פון אונטערן קאַפּעלוש, ווי אַ האַלבע לבנה. אַ גאַרטל אַרום די לענדן אַ גאַנצן טאָג, אפילו אין גאַס.ביים דאַוונען אַלע אַן אויסנאַם אין גאַרטלען.

שבת און יום טוב האָט יעדער חתונה געהאַטער געטראָגן אַ שטריימל. אַ בעל עגלה האָט שבת געפירט אַנפּאָיען דאָס פערד, אָנגעטאָן דאָס שטריימל אויפן קאָפּ. — אַ חתן גאַנצע זיבן טעג, שבעת ימי המשתה, אַ שטריימל. אויף די פיס — שטיוול. אויב ס'האָט ווער געטראָגן שיך, איז נישט צום שנורן, נאָר פאַרמאַכט פון פאָרנט, אין דער זייט מיט גומי (ראָבער־עלאַסטיק), גערופן: שטיוולעטן. שיך צום שנורן איז געווען „מאָדערן", נישט חסידיש.

פרויען האָבן געטראָגן לאַנגע קליידער, ביז אַריבער די קנעכל. גייענדיק אין גאַס האָבן זיי אין איין האַנט אַביסל אונטערגעהאַלטן די פּאָלעס פון זייערע קליידער. ווען ס'איז געווען פייכט, בכדי נישט איינצוריכטן זיי אין דער בלאָטע, וואָס איז אַלעמאָל געווען, און ווען ס'איז געווען טרוקן — בכדי נישט צוזאַמענצושאַרן דעם שטויב פון מאַרק.

אַלע פרויען אָן אויסנאַם געגצלעך אָפּגעגאָלט די האָר פון קאָפּ. דעם קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ טיכל, שבת מיט אַ זיידן טיכל. אונטערן טיכל „אַ האָרבאַנד", אַזאַ מין קאָפּ באַקליידונג, וואָס האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ ביז טיף צום שטערן. רייכע האָבן לכבוד שבת און יו"ט געטראָגן „אַ שטערנטיכל",

דאָס איז געווען אַזאַ מין קרוין, געמאַכט פון פערל און אויסגעזעצט מיט דימענטן און ברילִיאַנטן.

אייגענע האָר האָט קיין שום פרוי נישט געטראָגן. אַזאַ זאַך איז גאָר נישט געווען דענקבאַר דאָרט, אין יענער צייט. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אויסגעלאַסנקייט, פּריצות, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. — אַפילו שייטלען האָט מען אין יענער צייט אין קאַרטשין נישט געטראָגן. אַ שייטל איז ענלעך אויף אייגענע האָר.

אַ סך פרויען זיינען געווען די גאַנצע פּרנסה געבעריגס. דער מאַן איז געזעסן אין בית המדרש און געלערנט. אַפּט איז דאָס אויפהאַלטן פון הויז פאַרטיילט געוואָרן אַזוי: זי איז געווען די פּרנסה געבערין און די עקרת הבית, זי האָט באַזאָרגט דעם מאַן און די קינדער מיט עולם הזה, מיט עסן, מיט אַ מלבוש, מיט אַ ריין העמד אויף שבת און ער האָט זי באַזאָרגט מיט עולם הבא. און זי האָט זיך נאָר געוואונטשן, אַז זי זאָל, לאחר מאה ועשרים שנה, זוכה זיין צו זיין „אַ פוסבענקעלע״ צו איר מאַן אין גן עדן.

אַזעלכע מענער פלעגט מען רופן אויפן נאָמען פון דער פרוי, ווי אַ שטייגער: הערש מרים׳ס, ישראל איטשע בלימעלעס אדג״ל. ווען דער מאַן איז געווען דער פּרנסה־געבער און די פרוי נאָר אַ שטוב בעל הבית׳טע פלעגט מען זי רופן אויפן נאָמען פון מאַן, ווי למשל: מלכה זלמן לייבס, פייגע הירש יאַנקלס, חיה׳טשע ישראל איטשעס.

קיינעם האָט מען נישט גערופן ביים פאַמיליע נאָמען, נאָר ביים ערשטן, ביים יידישן נאָמען מיטן פאָטערס נאָמען. אַזוי מענער און אַזוי פרויען. ווי למשל: אידל גד׳לס, חיים וואָלף יאַנקלס, מרדכי ראובן יוסף׳ס.

אָנגעפאַנגען צו רופן ביי אַ פאַמיליע נאָמען מיט אַ צולאָג פון „הער״ אָדער „פּאַניע״ איז ערשט פּראַקטיצירט געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג. — אַ בחור, אָדער אַ מיידל, האָט ער, אָדער זי געמעגט זיין אַפילו אין די חמשים (וואָס האָט זיך, אגב, וויניק געטראָפן) האָט יעדער, אַפילו אַ קינד, צו זיי געזאָגט: דו. דאַקעגן צו אַ באַווייבטן, אָדער אַ באַמאַנטער, גאָר יונגע, צוציקעס נאָך, האָט מען געזאָגט: איר. ווייל אַ בחור אָדער אַ מיידל איז אַ יחיד און אַ פאַרפאָלק שוין: אַ רבים.

פרייגטלעכקייט און חבר׳ישקייט

פון ראש חדש אלול ביז איבער יום כפור זיינען אַלע אַרומגעגאַנגען מיט אַ ציטער אין האַרץ מ׳זאָל זוכה זיין צו אַ גוט קוויטל, מ׳זאָל אויסבעטן ביים רבש״ע געזונט און פרנסה פאַר זיך, ווייב און קינדער און פאַר כל ישראל. יידן האָבן מהרהר בתשובה געווען. אויב עמיצער האָט וועמען באַרירט האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כחות און מיטלען, אַז יענער זאָל אים מוחל זיין. און אַזוי איז טאַקע געשען, אַז איינער מיטן צווייטן זיינען צוריק געוואָרן גוטע פריינט.

די זקנים פלעגן שטענדיק זיך באַקלאָגן אויף דער איצטיקער צייט, אַז איינער איז גלייכגילטיק צום צווייטן. אַמאָל, אַזוי פלעגן זיי זאָגן, איז אין קאָרטשין געווען אהבת ישראל, יידן האָבן זיך ליב געהאַט, באַטראַכט איינער דעם אַנדערן ווי אַ ברודער. דאָס שטעטל אַמאָל האָט געלעבט, ווי איין גאַנצע גרויסע משפחה, מ׳האָט אָנטייל גענומען אין יענעמס לייד און פרייד.

אַז אַ סוחר איז דורכגעפאַלן, זיין פרנסה איז צוזאַמענגעבראָכן, האָבן אַלע אין שטעטל צוזאַמענגעלייגט אַ סומע געלט און אים געהאָלפן אָנצוהויבן אויפסניי. זיי האָבן דערציילט, אַז מען האָט, צו יענער צייט, קאָרטשין גערופן: „קליין ארץ ישראל״.

ווען עמיצער האָט געהאַט אַ גאַסט אויף שבת אָדער יו״ט האָבן כמעט אַלע אין שטעטל געשיקט צום גאַסטהאָבער, ווער אַ קוגל, ווער אַ טאָרט, ווער ביר, מעד אָדער וויין. אַ קינד האָט דאָס געבראַכט און געזאָגט: „דער טאַטע האָט געשיקט לכבוד דעם גאַסט״ און אַ ווילע שפּעטער זיינען אַלע געקומען מקבל פנים זיין דעם גאַסט, אָנטאָן כבוד דעם גאַסטהאָבער און צוזאַמען משפחה׳דיק פאַרברענגען.

האָט עמיצער חתונה געמאַכט איז דער שמש געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אין נאָמען פון בעל שמחה איטלעכן פאַרבעטן צו קומען צו קבלת פנים און אַלע זיינען געקומען און זיך משמח געווען.

אַז עמיצער איז ח"ו קראַנק געוואָרן

ווען עמיצער איז ערנסט קראַנק געוואָרן, זיינען אַלע אין שטעטל געווען באַזאָרגט. — אַז אַ ייד איז אין דער פרי אַרויס אין גאַס, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: וואָס הערט זיך ביים קראַנקן?

יעדער איז געגאַנגען צום קראַנקן אין שטוב, זיך באַמיט צו דערמוטיקן די שטוביקע מיט אַלע מעגלעכע הילף, נעכטיקן ביים קראַנקן, צו זען אַז דער קראַנקער זאָל באַקומען די נויטיקע מעדיצינישע הילף.

אַז ס׳איז נויטיק געווען האָט מען אין שטעטל באַלד געשאַפן די נויטיקע סומע געלט צו ברענגען אַ פּראָפעסאָר פון קראָקע. צו ראַטעווען אַ יידיש נפש איז ביי זיי טאַקע גלייך געווען ווי צו דערהאַלטן אַ גאַנצע וועלט.

אַזאַ באַציאונג איז אפשר געווען אַמאָל, ווען די וועלט איז נאָך נישט געווען אַזוי מאָדערן, פאַרגעשריטן און הויך קולטורעל. מיר קענען ליידער נישט זאָגן, אַז אַזעלכע פאַרהעלטנישן האָבן עקזיסטירט אין אונזער צייט. מיר ווייסן נישט צו דערציילן פון אַזעלכע וואונדערלעכע פריינטלעכע באַציאונגען בין אדם לחבירו.

שבת

ווער קען באַשרייבן אַ שבת אין קאָרטשין צו יענער צייט!

אַ גאַנץ שטעטל רוט! ס׳איז שבת! ס׳איז פולשטענדיק רו!

אַלע געוועלבער זיינען געשלאָסן! ס׳איז שטיל, שאַ, מנוחה! דאָס גאַנצע שטעטל פון עק ביז עק איז איינגעהילט אין אָנגענעמער רואיקער שטילקייט! אַ הייליקע שלוה שוועבט אין חלל פון שטעטל!

יידן גייען בנעימות פאַרן דאַוונען אין מקוה אַריין.

טייערע, זיסע טענער — פון מעביר זיין די סדרה שבת אין דער פרי, פון אַ גמרא ניגון, פון זמירות שבת ביים טיש — גיסן זיך אַזוי בהרהבה׳דיק, פון די אָפענע פענסטער, אין מאַרק אַריין.

דער רואיקער באַ׳טעמ׳טער „שבת־נאָכטיש" שלאָף. מען פילט בחוש ווי עפּעס אַ הייליקייט איז אויסגעגאָסן איבערן שטעטל.

מרדכי שיף פון ירושלים שרייבט, אַז אַזאַ שבת, ווי אַמאָל אין קאָרטשין פילט מען היינט נישט, אַפילו אין מאה שערים אין ירושלים.

כבוד אב ואם

אין יענער צייט איז דער טאַטע, דער פאָטער פון דער פאַמיליע, געווען דער פאַטריאַרך, צו וועלכן די קינדער (מיט זייער ווייניק אויסנאַמען), האָבן אַרויפגעקוקט מיט מורא, מיט יראת הכבוד.

דעם טאַטנס וואָרט האָט מען נישט געוואַגט מזלזל צו זיין, גרינג צו שעצן. דעם טאַטנס וואָרט איז געווען אַ געבאָט. דער דרך ארץ פאַרן טאַטן איז געווען געוואַלדיק גרויס. אַ זון האָט זיך קיינמאָל נישט אַוועקגעזעצט אויפן טאַטנס זיץ, אַפילו ווען דער טאַטע איז אין שטוב נישט געווען.

מיר וועלן דאָ דערציילן אַ געשיכטע, וואָס מיר האָבן אַליין געזען. בער דען הי״ד האָט געוואוינט אין אַן איין איינציקער שטוב, מיט פינף קינדער. — ווען זיין מוטער (מלכה זלמן לייבס), איז געווען אויף דער עלטער קראַנק, אַזוי, אַז זי האָט אפילו נישט געפילט, ווען זי טוט איר באַדערפעניש, האָט בער זי גענומען צו זיך אין דער איינציקער שטוב, אין וועלכער ער מיט 5 קינדער האָבן געוואוינט.

בער האָט די מוטער געלייגט אין זיין בעט, אין וועלכן ער פלעגט שלאָפן, און פאַר זיך געמאַכט אַ געלעגער אויף דער ערד. אַז די מוטער האָט אומריין געמאַכט איר געלעגער, האָט בער זי גענומען אויף די הענט, זי אָפּ־גערייניקט, אָפּגעוואַשן, אַרויסגעטראָגן אויף דער לופט, בכדי זי זאָל זיך דער־פרישן, געמאַכט איר אַ פריש, ריין געלעגער און אויף זיינע הענט זי אַריינ־געטראָגן אין שטוב.

מען האָט געזען, אַז ער טוט עס מיט אמת׳ער איבערגעגעבנקייט. מען האָט קיינמאָל נישט באַמערקט אויף זיין פנים אַן אומווילן. פאַרקערט, מען האָט געזען, ווי זיין פנים שיינט פון פרייד, אַז ער טוט עפּעס פאַר זיין מוטער, אַז ער קען איר אָפּגעבן כבוד און זי באַדינען.

שידוכים

ווי אין אַלע קליינע שטעטלעך אין גאַליציע, איז אויך אין קאָרטשין אַ שידוך צושטאַנד געקומען — דורך אַ שדכן.

יחוס, געזעלשאַפטלעכער שטאַנד האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. אַ סוחר, אַ שענקער אדג״ל איז געווען „אַ שענערער מענטש״ ווי למשל אַ מלמד.

אין אַמעריקע איז אַ מלמד אַ וואַזשנער מענטש. ער רופט זיך ראַביי, טיטשער, און האָט אָנזען. — אַנדערש איז געווען אין די שטעטלעך אין אייראָפּע. אַ מלמד האָט מען געהאַלטן פאַר אַ נחות דרגא, עפּעס אַ לא יצלח. ווייל ער האָט נישט געטויגט, אָדער ס׳איז אים נישט געגאַנגען אין מסחר, איז ער געוואָרן אַ מלמד. מ׳האָט אויף אים געזאָגט: „שוואַנץ־מלמד". (אגב, דער מלמד איז טאַקע געווען אַ מחוסר־פּרנסה, אַן אָרעמאַן, אַן אביון).

אַ ייד אַ סוחר, פון שניט, אָדער אייזנוואַרג, האָט נישט געפּאַסט צו ווערן אַ מחותן מיט אַ מלמד, אַפּילו ווען דעם מלמד׳ס זון, אָדער טאָכטער, איז אין אַלע הינזיכטן געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ ווי דעם סוחר׳ס זון, צי טאָכטער און ווי ער אַליין. — אַז אַזאַ סוחר זאָל ווערן אַ מחותן מיט אַ בעל מלאכה (אַפּילו מיט אַזאַ איינעם, וואָס שטאַמט פון אַ טאַטן אַ בעל־מלאכה) לית מאן דכר שמיה, זאָל השי״ת שומר ומציל זיין!

אין קאָרטשין, ווי אין אַלע שטעטלעך אין יענער צייט, מיט אַ 100 יאָר צוריק, — איז ליבע געווען נישט קיין פיינע עובדה, כמעט אַ פאַר־באָטענע זאַך. ווען אַ בחור מיט אַ מיידל האָבן חתונה געהאַט דורך ליבע איז עס באַטראַכט געוואָרן, ווי כמעט אַן אויסגעלאַסנקייט. די קרובים האָבן זיך געשעמט דערמיט, אַז אַזאַ זאַך איז געשען אין זייער משפּחה. — ס׳איז נישט געווען עטיש, אַז אַ בחור מיט אַ מיידל זאָלן פירן אַ ליבע, טרעפן זיך ערגעצוואו. ס׳איז געווען אַ חרפּה.

אין אַזעלכע קליינע ערטער, ווי קאָרטשין זיינען די קינדער אויסגע־וואַקסן צוזאַמען, זיך קליינערהייט צוזאַמען געשפּילט. מען האָט זיך גוט געקענט. אָבער ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָבן די עלטערן געטאָן אַלץ, צו דערווייטערן איינס פון אַנדערן.

דער דעמאָלטיקער, צניעות׳דיקער לעבנסשטייגער האָט נישט דער־לאָזט, אַז זיי זאָלן זיך אויך ווייטער חבר׳ן און טרעפן צוזאַמען.

אַ בחור זאָל עפנטלעך זיך אַוועקשטעלן ריידן מיט אַ מיידל איז באַטראַכט געוואָרן, ווי פאַרשייטקייט. — אָפּשמועסן אַ דעיט מיט אַ מיידל, זאָל ג־ט אָפּהיטן פון אַזאַ הפקרות, אַזאַ פּריצות.

ווי געזאָגט האָט מען אין קאָרטשין געטאָן שידוכים, מיט דער הילף פון אַ שדכן. — געלט, אין דער אונטערנעמונג, האָט ער, דער שדכן נישט געדאַרפט אַריינלייגן. קיין ריזיקע איז דערביי אויך נישט געווען. דורכפאַלן האָט, דער שדכן, קיינמאָל נישט געקענט, און אַז ס׳איז אים געלונגען אויס־

צופירן אַ שידוך, ד. ה. צוזאַמענצופאָרן אַ בחור מיט אַ מיידל, האָט ער פאַרדינט אַ היפּש ביסל געלט.

שדכנים זיינען געווען גענוג. אַפילו אַזאַ איינער, וואָס האָט צו גאָרנישט זיך אויסגעטויגט, האָט זיך באַטראַכט, אַז צו שדכנות טויג ער. יעדן האָט גערייצט אַ לייכטער פאַרדינסט. — דער פּרייז איז געווען געוויינלעך: פינף פּראָצענט פון אַ נדן.

שידוכים זיינען מערסטנס געשלאָסן געוואָרן פון דער פרעמד, ד. ה. דאָס שטעטל האָט עפּ״י רוב גענומען איידעמס פאַר זייערע טעכטער און שנורן פאַר זייערע זין, פון אַן אַנדער שטעטל, אָדער אַוועקגעגעבן זייערע זין און טעכטער אין אַן אַנדער שטעטל.

פון דער אייגענער היים איז עפּעס נישט אַזוי „געשמאַק״. איינער דעם צווייטן קען גוט. ס׳איז צו פּשוט, אָפן. — פון דער פרעמד איז עס מער אינטערעסאַנט, סודות׳דיקער, און מען קען זיך באַרימען.

ר׳ יאַנקל שדכן קומט צו ר׳ משולם דעם מחותן און טראָגט אים אָן אַ שידוך, ממש אַ גליק: אַ כלה אַ יפת תאר, אַ מיוחסת, אַ מושלמת בכל המעלות, אָדער אַ חתן אַ הדרת פּנים, אַ כלי מפואר, אַ למדן מופלג, אַ ספרא רבא, אַ צנא מלא פּירות און אַ מחותן, אַ ייד אַ גביר אדיר, אַ שיינער בעל הבית, אַן אָנגעזעענער מענטש און פון שענסטן יחוס!

איז די מאַמע פון חתן־בחור געפאָרן „באַשויען״ די כלה, דער טאַטע פון כלה־מיידל איז געפאָרן „פאַרהערן״ דעם חתן אין לערנען. און אַז זיי, די מחותנים, הייסט עס, זיינען צווישן זיך משוה געוואָרן, האָט מען געשריבן תנאים, זיך געוואונטשן מזל טוב, אָפּגעשמועסט זמן החתונה, אַהיים געפאָרן, אָנגעזאָגט דעם חתן־בחור, אָדער דעם כלה־מיידל, אַז ער, אָדער זי, זיינען מיט מזל חתן, אָדער כלה געוואָרן.

ביז צו דער חופּה האָבן זיך חתן כלה נישט געזען און איינער פון אַנדערן נישט געהערט.

ביי „מאָדערנערע״ האָבן דער חתן־בחור מיטן כלה־מיידל זיך צוזאַמענגעטראָפן ערגעץ וואו, אין מיטן וועג, צווישן ביידע שטעטלעך, אויף אַ „באַשוי״ — נישט דער בחור מיטן מיידל אַליין, חלילה! מיטן בחור איז מיטגעפאָרן זיין טאַטע און מאַמע און מיטן מיידל איר טאַטע און מאַמע.

דער בחור האָט זיך שטאַרק פאַרראַויטלט און אַזוי אויך דאָס מיידל. פון איבערראַשונג זיינען ביי זיי די ווערטער דערשטיקט געוואָרן.

די מחותנים האָבן זיך דורכגעשמועסט מכח „אַכצן און דרייצן" און אַז מען איז געקומען צו אַ הסכם האָט מען געבראָכן טעלער.

דער חתן אַהיימקומענדיק האָט „געשוויצט" צו געפינען עמיצן, וואָס זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ לשון קודש'דיקן, מליצה'דיקן מזל טוב־בריוו צום מחותן, אַז ער, דער מחותן זיינער, זאָל זיך האָבן מיט וואָס פאַרצושטעלן, וואָסאַרע כתבא רבא, אַ חתן, ער האָט באַקומען. און זי, די כלה, האָט געהאַט זאָרג, צו באַקומען עמיצן, צו „פאַרפאַסן" פאַר איר, אַ יידישן מזל טוב, צו איר מחותנת'טע, אַז זי, די מחותנת'טע, זאָל זיך קענען באַרימען פאַר אירע פריינט, מיט איר כלה'ס „קענטניש".

פראָבלעם פון חתונה מאַכן קינדער

חתונה מאַכן קינדער איז אין אַלע צייטן געווען, ביי יידן, נישט פון די לייכטע פראָבלעמען. — זאָגט דאָך נאָך די גמרא: קשין לזווגן כקריעת ים סוף. דאָס מיינט, אַז צוזאַמענברענגען אַ זיווג איז אפילו פאַרן רבש"ע, כביכול, שווער ווי קריעת ים סוף.

חתונה מאַכן אַ קינד, בפרט אַ טאָכטער, איז אין דער אַלטער היים, פאַר נישט קיין פאַרמעגלעכן, געווען אַ שווערע פראַגע.

אין דער לעצטער צייט, נאָענט פאַרן חורבן פון דער יידישער אייראָפּע, ווען די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, פאַר יידן, איז געוואָרן שווערער און שווערער, די פרנסה קוואַלן, פון יידן, וואָס זיינען עפ"י רוב געווען פון מסחר, זיינען געוואָרן ווייניקער און ווייניקער איז די פראַגע פון חתונה מאַכן קינדער געוואָרן אַ גאַר ערנסטע.

ס'איז געווען אַן איינגעפירטער מנהג, אַז אַ מיידל דאַרף מען געבן נדן. אָן אַ נדן האָט מען מיט אַ טאָכטער נישט געקאָנט קיין שידוך טאָן. (טויזנט דאָלער האָט געהייסן אַן אָרעמער נדן).

בחורים אין די שטעטלעך האָבן קיין פאַך, קיין פראָפעסיע נישט געהאַט. צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק איז נישט געווען וואו. אַפילו אַ סטרוזש, אַ דזשעניטאָר האָט מען אַ ייד אין פוילן נישט צוגעלאָזט צו זיין. בכן איז פאַרבליבן מסחר, וואָס מ'האָט צוגעזען ביים טאַטן אָדער ביי עמיצן אַנדערש.

צו אַ מסחר דאַרף מען געלט, דאַרף דער פאָטער פון מיידל, ווי דער מנהג איז, „מסלק" זיין אַ נדן. נו, מילא, ווי שטייט עס דאָרט: „בדאיכא

כולי עלמא לא פליגי, כי פליגי בדליכא". טאַקע אַז דער טאַטע האָט געהאַט צו געבן אַ נדן, נו, מילא, איז אַ האַלבע צרה, ווי איז אָבער געווען, אַז ס'איז געווען בדליכא, אַז די טאַטעס האָבן נישט געהאַט?

דער סטאַנדאַרט פון לעבן איז געווען אַ הויכער (נישט ווי אַמאָל, אין די אַלטע צייטן). די דירות נויט איז אין די קליינע שטעטלעך, געווען גרויס, מ'האָט נישט צוגעבויט קיין נייע הייזער. וואוינען ווי אַמאָל, אין איין שטיבל, האָט מען נישט געוואָלט. אַ יונג פּאָר פּאָלק האָט לכה"פ געמוזט האָבן 2־3 צימערן. נו, אַז דער טאַטע האָט נישט געהאַט פאַר דער טאָכטער, נישט קיין דירה און נישט קיין נדן, איז די פראַגע פון חתונה מאַכן אַ קינד, אין דער תקופה פאַרן צווייטן וועלט־קריג, געוואָרן נאָך שווערער ווי קריעת ים סוף.

די סיטואַציע פון זעלבן פּראָבלעם אין די אַמאָליקע צייטן

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, הגם דער מאמר: קשין לזווגן כקריעת ים סוף איז אויך אויף דעמאָלט געווען ריכטיק, איז אָבער אַ שידוך צו טאָן מיט אַ קינד נישט אָנגעקומען אַזוי שווער.

אַ בחור האָט גאָר נישט געהאַט וואָס צו דאגה'ן. אפילו אַן אָרעמער בחור, אַבי „אַ טאַטנס אַ קינד", און האָט געקענט לערנען תורה, — וואָס ס'האָט טאַקע דעמאָלט געגאָלטן פאַר די בעסטע סחורה, — האָט אַ טאַטע פון אַ טאָכטער אים זיך „געקויפט" פאַר אַן איידעם. ר'האָט אים אויס־געקליידט פון קאָפּ ביז צו די פיס:

קודם כל אַ זיידענע בעקעשע, מיט אַ זיידענעם כאַלאַט און אַ שטריימל אויף שבת. אַן איבערציער, אָדער אַ בעקעשע אויף אינדערוואָכן. אַ 3 פּאָר ציגענע מכנסים, 5־6 העמדער, אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש און אַ פּאָר שטיוול, אָדער שיך.

נדן האָט זיך דער טאַטע „מתחיב" געווען מסלק צו זיין סך 200־300 רייניש כסף. און אַ דירה איז אויך נישט געווען קיין פּראָבלעם.

דער טאַטע האָט אַוועקגעגעבן דעם יונגן פּאָרפאָלק דעם „אַלקער" און ער אַליין, דאָס הייסט, דער שווער מיט דער שוויגער, מיט די קינדער, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער קיך, אויף אַ גאַנץ געמיטלעכן שטייגער:

די קיך־שטוב איז געווען אַ גרויסע (נישט ווי היינט, קליינע קיטשענס). האָט מען אַוועקגעשטעלט די 2 בעטן אויבן ביי דער „מזרח וואַנט", איין בעט אין איין ווינקל און אַקעגנאיבער אין צווייטן ווינקל דאָס צווייטע בעט. אינמיטן, צווישן די צוויי בעטן, דעם טיש, מיט די בענקלעך פאַר דעם גאַנצן בני בית צו זיצן און עסן.

אַביסל נידעריקער פון טיש און די בעטן האָט מען אַוועקגעשטעלט אַזאַ מין באַנק, אויף וועלכער מען האָט זיך געקענט אַוועקזעצן בייטאָג, און אויף ביינאַכט עס אויסרוקן צו ווערן אַ בעט פאַר די קינדער צו שלאָפן. אַזאַ זאַך האָט מען גערופן: „באַנק־בעטל".

אויב דאָס „באַנק־בעטל" איז נישט געווען גענוג פאַר אַלע קינדער, האָט נישט אויסגעמאַכט, אַז וועלכעס קינד איז געשלאָפן מיטן טאַטן, אָדער מיט דער מאַמען. און אַז איינס איז געשלאָפן צופוסנס פון טאַטן איז אויך נישט געווען קיין „מאַלעיר". און אַז מ'האָט שוין גאָר געוואָלט באַקוועם, האָט מען אָנגעפילט אַ שטרוי־זאַק מיט שטרוי, בייטאָג עס געהאַלטן אין פאַרהויז, ביינאַכט עס אַריינגענומען, אַנידערגעלייגט אויף דער פאָדלאָגע און ס'איז געווען אַ מחיה צו שלאָפן.

מיט פרנסה, פאַרן יונגן פאָר, האָט מען זיך אויך גאַנץ פיין געספּראַ־וועט, אויף אַ גאָר רעאַלן אופן. — נאָכאַלעם איז דאָך די משפחה דערוייל פאַרגרעסערט געוואָרן, נישט מער, ווי מיט אַן איינציק מויל, נו, מילא וואָס איז דאָ דער פּראָבלעם?

די מאַמע האָט צוגעקויפט נאָך איין לעפל און נאָך איין טעלער, צו דער זופּ האָט זי צוגעגאָסן נאָך אַ האַלבע קוואָרט וואַסער און צום „געבעק" ברויט אַריינגעריבן עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפל מער, און ס'איז געווען גאָר פיין, ברויט איז געווען מער און זיך געהאַלטן לענגער פריש.

דער טאַטע איז אַריינגעגאַנגען צו ר' נפתלי ראַב, צו ר' משה ראָטנ־בערג, אָדער צו עמיצן אַנדערש, „געהאַפּט" פאַרן פאָר פאַלק פאַר אַביסל סחורה, פאַר וואָס מ'האָט אויך געפונען אַ ווינקל אין אַלקער, וואו עס צו האַלטן.

פרייטיק האָט דאָס יונגע פאָר אויסגעפּאַקט די סחורה אין קאָרטשין — אויפן מאַרק, און מאַנטיק אין קראַס. אָפּגעצאָלט דעם קרעדיט און דעם ריוח „אַוועקגעלייגט". קיין אויסגאַבן האָבן זיי נישט געהאַט. „קעסט" האָט מען געגעסן ביי טאַטע־מאַמע, אָדער ביי שווער און שוויגער. די בגדים, וואָס מ'האָט באַקומען צו דער חתונה האָבן אויסגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. אַז די פאָר

שטיוול האָבן „געעפנט אַ מויל" האָט עס דער שוסטער פאַרשטופּט מיט אַ חשוב׳ער לאַטע; אַז די מכנסים האָבן געהאַט אַ לאַטע אויפן זיץ, נו, מה רעש? ווער האָט עס דען געזען? די לאַנגע בעקעשע האָט עס פאַרדעקט.

אַז ס׳איז געקומען די צייט „אַראָפּצוגיין" פון שווערס קעסט זיינען זיי „געגאַנגען פאַר זיך". — פון דיינינג רום סעטס, ליווינג רום סעטס, וואַנט צו וואַנט קאַרפּעטינג און נאָך אַזעלכע ענלעכע זאַכן, וואָס איז היינט אַ טעגלעכע נויטווענדיקייט — האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געהערט. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן זעלבן שטייגער, ווי דער טאַטע.

זייער שטייגער לעבן איז טאַקע געווען פּרימיטיוו, באַשיידן. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט און גאָרנישט באַדאַרפט. — זיי האָבן אָבער געלעבט זייער לעבן צופרידענער, זאָרגלאָזער, אָנגענעמער, גליקלעכער, בנעימות׳דיקער, ווי דער היינטיקער דור.

דער היינטיקער דור איז טאַקע רייך אין קערפּערלעכע באַקוועמלעכקייטן, אין פּראָגרעס פון עקאָנאָמיע, ציוויליזאַציע און קולטור, אין פיזישע ווערטן. איז אָבער דורכגעפרעסן און פאַרפוילט פון גראָבן, רויען מאַטעריאַליזם. פאַרמאָגט נישט זייערע גרויסע גייסטיקע ווערטן, דאָס, וואָס מען רופט: האַרץ און נשמה.

דאָס צוזאַמענלעבן און פאַרהאַלטן זיך
פון יידן און נישט יידן
מיט 100 יאָר צוריק, ביזן ערשטן וועלט קריג

קיין חבר׳שאַפט איז צווישן די צוויי עלעמענטן נישט געווען. יידן האָבן זיך מיט די גויים קיינמאָל נישט צוזאַמענגעטראָפן, אויף קיין שום געביט נישט. — איינער מיטן צווייטן האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט. כמעט צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי קעגנגעזעצטע גרופן, אָן בשותפות׳דיקע געזעל־שאַפטלעכע, אָדער קולטורעלע אינטערעסן.

אַלעס האָט אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט איינעם פון צווייטן: רעליגיע, קולטור, שפּראַך און קליידונג.

מיט זיין הלבשה האָט דער ייד, אין קליינעם שטעטל, פולשטענדיק זיך אונטערשיידט פון דעם נישט־ייד, אַזוי אויך מיט זיין שטייגער לעבן און שפּראַך. דער ייד האָט גערעדט, אומעטום און תמיד, נאָר יידיש.

ייד און גוי האָבן זיך געטראָפן, נאָר ווען איינערביים צווייטן האָט געדאַרפט עפּעס קויפן, אָדער פאַרקויפן. אויך קינדער האָבן זיך נישט צוזאַ־מענגעטראָפן. — אין פאָלקסשולע האָבן יידן זייערע קינדער, צו יענער צייט, נישט געשיקט. די גוישע באַפעלקערונג האָט געוואוינט, עטלעכע קילאָמעטער, אויסערן שטעטל. אין שטעטל גופא האָבן, אויסער 2 אָרעמע משפחות, קיין גויים נישט געוואוינט.

די נישט־יידישע באַפעלקערונג איז, צו יענער צייט, באַשטאַנען אויס־שליסלעך פון פויערים. קיין אינטעליגענץ איז צווישן זיי נישט געווען. די איינציקע, אין שטעטל, צו יענער צייט, זיינען געווען: דער גלח, דער לערער פון דער פאָלקסשולע, דער דאָקטאָר און דער אַפּטייקער, וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד. די היימישע פויערים האָבן, צו יענער צייט, זייערע קינדער קיין בילדונג נישט געגעבן.

די פויערים זיינען קיין אַנטיסעמיטן, ווי אַ קלאַס נישט געווען. ס׳זיינען

צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פיינט געהאַט אַ ייד, אָבער מחמת רעליגיעזע מאָטיוון, אָנגערייצט פון עמיצן, אַז יידן האָבן געה׳רג׳ט זייער גאָט.

ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז אַ גוי׳איש קינד האָט נאָכגעשריגן צו אַ ייד, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער דאָרפישער אומגעבונג: „זשידזשע דאָ פּאַלעסטיני״ ד. ה. „ייד גיי קיין פּאַלעסטינאַ״, אָדער „זשידזשע קאַצאַפּיע״, „ייד קאַצאַפּ״ (ווייל אַ ייד האָט געטראָגן אַ באָרד און אַ רוסישער קאַצאַפּ אויך).

בדרך כלל אָבער האָבן יידן מיט נישט יידן אין קאָרטשין זיך אויסגעלעבט, זייט ביי זייט, אין טאָלעראַנץ און אין שלום.

ס׳איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן, אַז קאָרטשינער גויים זאָלן האָבן אַטאַקירט אַ ייד פיזיש, צוליב זיין יידישקייט, אָדער וועלכע נישט איז דיסקרימינאַציע לגבי יידן.

אין יאָר 1919, ווען די פּאָלאַקן האָבן געפייערט דאָס צוריקגעווינען די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, מיט שלאָגן יידן, מיט אַרויסוואַרפן אַ ייד פון לויפנדיקע צוגן, מיט רויבן, פּלינדערן יידישע געוועלבער און קראָמען, איז אין קאָרטשין געווען רואיק און שטיל.

אין דער דערבייאיקער קראָסנאָ זיינען דעמאָלט אַ מאָנטיק, מאַרקטאָג, די גויים באַפאַלן די יידישע קראָמען, געראַבעט און געפּלינדערט יידישע געשעפטן. אין קאָרטשין איז דאָס נישט פאָרגעקומען.

ווען אַ חברה יונגע שקצים האָבן אין אַ זונטיק זיך געקליבן צו „פייערן״ אויך אין קאָרטשין „אַ שטיקל שמחה״, באַדיי אויסצוהאַקן די שויבן אין יידישע הייזער לכבוד פוילנס אומאָפּהענגיקייט, איז מיכאל מיענסאָוויטש, דער בירגערמייסטער פון שטעטל, מיט אייניקע אָנגעזעענע באַלעבאַטים אַרומגעגאַנגען, גערעדט צו דער חברה און נישט דערלאָזט אין שטעטל קיין שום אָנגריף אויף יידן, אָדער יידישע הייזער. בלויז נאָר ביי ר׳ משה ראָטנבערג האָט די חברה באַוויזן אויסצוהאַקן צוויי שויבן.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון ייד און נישט ייד נאָכן ערשטן וועלט־קריג

נאָכן אויפקום פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן קומט פאָר אַ גרויסער שינוי אין דעם צוזאַמענלעבן פון יידן, מיט זייערע שכנים, נישט יידן, אין קאָרטשין.

אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט זיינען, אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, אין גאַליציע, געווען פּראָצענטועל מער יידן, ווי נישט יידן. אין די געריכטן, רוב ריכטער יידן. אין די גימנאַזיום רוב לערער יידן. אמת, אַסימילירטע יידן, אָבער דאָך יידן. אַפילו אַז אַ סך פון זיי האָבן זיך געשעמט מיט זייער אָפּשטאַם, אָבער קיין אַנטיסעמיטישן סם האָבן זיי דאָך נישט געגאָסן אין זייערע שילערס.

אונטער דער פּוילישער הערשאַפט, זיינען אַלע יידן באַזייטיקט גע־וואָרן פון די רעגירונגס־פּאָסטנס. די פּוילישע רעגירונג האָט זיי פריי געגעבן עמעריטור און משלח געווען. — אויף זייערע ערטער זיינען באַשטימט געוואָרן נאָר סאַמאָראָדנע פּאָלאַקן און טאַקע זאָאָלאָגישע אַנטיסעמיטן.

אין די גימנאַזיומס האָבן פּוילישע לערער פון היסטאָריע געלערנט און געהעצט, אַז יידן זיינען אַ פרעמדער עלעמענט אין פּוילן, יידן זיינען נישט לאָיאַל צו דער מלוכה און אַז גרינבוים וויל אין פּוילן שאַפן „אַ מלוכה אין אַ מלוכה" ד. ה. אַ יידישע מלוכה אין דער פּוילישער מלוכה.

וועגן עקאָנאָמישן קריזיס איז עס דאָך אָן ספק, אַז יידן זיינען די שולדיקע. יידן האָבן „פאַרכאַפּט" דעם האַנדל. יידן האָבן דעם קאַפּיטאַל אין זייערע הענט. די איינציקע עצה, צו לייזן דעם עקאָנאָמישן קריזיס, איז פּטור צו ווערן פון די פרעמדע, פון די יידן, און זיי די פּאָלאַקן זאָלן פאַרנעמען די יידישע פּאָזיציעס. — דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן איז „זייערס", די פּאָלאַקנס, הייסט עס, וואָרום די יידן האָבן די פאַרמעגנס געמאַכט ביי זיי, ביי די פּאָלאַקן.

אין דער צייט האָבן שוין אויך פּויערים געשיקט זייערע קינדער אין די העכערע שולן, וואו זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו יידן. אין רעזול־

טאַט פון העץ־פּראָפּאַגאַנדע האָט די גוישע יוגנט געקוקט מיט קנאה און שנאה אויפן יידישן הענדלער, אין זייער אויסדרוק, אויפן יידישן פאַרמיטלער.

געווען איז, אז דער הונגער, ער האָט

גענוג פאַסטנס פאַר זיי איז נישט געווען, נאָכן ענדיקן דעם גימנאַזיום. אויפן אוניווערסיטעט אים שיקן, האָט דער פויערישער פאָטער נישט געקענט צוליב די גרויסע קאָסטן, איז דאָס פויערישע „אינטעליגענטע" זונדל געבליבן זיצן אויפן טאַטנס קאַרק.

אַ גימנאַזיום האָט ער געענדיקט איז ער דאָך שוין „אַ הויך געבילדעטער" וועט ער דאָך נישט גיין ווערן אַ פויער. קיין פאָסטן באַקומען קען ער נישט. „קלוג איז ער גענוג", וועט ער ווערן אַ סוחר, מיט דער אויסרעכענונג: דער־מוטיקט פון דער רעגירונג, און לויטן גייסט פון דער נייער צייט, פון דער לאָזונג: „סוואָי דאָ סוועגאָ" ד. ה. אַז אַן אייגענער, אַ גוי דאַרף קויפן נאָר ביי אַ גוי, נישט ביי אַ ייד, וועט ער עפענען אַ קראָם און ער וועט רייך ווערן.

אַז ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז אַ ייד פון קאָרטשין האָט אויסגעוואַנדערט, האָט דער פויערישער טאַטע, דעם ייד, געאָפּפערט אַ בעסערן פּרייז פאַר זיין הויז און ער האָט עס פאַרן „אינטעליגענטן" זון געקויפט, און דער זון האָט געעפנט אין שטעטל אַ קראָם.

דער דאָרפישער פויער האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו די נייע לאָזונגען, נישט מאהבת מרדכי, ווייל ער האָט ליב געהאַט דעם ייד, נאָר פשוט, ווייל ס׳איז אים געווען באַקוועמער און בעסער צו קויפן ביים ייד.

ביי אַ ייד אין קראָם, האָט דער פויער געקענט אויסטאַפּן יעדן געגנ־שטאַנד אומצייליקע מאָל; פּרואוון אַריינרייסן אין דער לייוונט צו זען, אויב זי איז שטאַרק; פאַרלאַנגען פון יידישן סוחר, אויפצואוואַרפן צענדליקער שטיקער סחורה; אָנבאָטן אַ פערטל פון פאַרלאַנגטן פּרייז; אַרויסגיין אומ־צייליקע מאָל פון געוועלב און צוריקומען ווידער, מוסיף זייענדיק ביי יעדן מאָל עטלעכע גראָשן.

ביי אַ גויישן געוועלבער האָט דער פויער דאָס נישט געקענט טאָן. ער האָט זיך געשעמט ביי אַן אייגענעם, אַ גוי, אַזויפיל אַריין און אַרויסצוגיין, זיך אַזויפיל דינגען וועגן פּרייז. צו באַצאָלן, נישט דינגענדיק זיך, דעם פּרייז וויפל מ׳פאַרלאַנגט האָט דער פויער נישט געקענט. דאָס איז געווען קעגן זיין כאַראַק־טער און פּסיכאָלאָגיע. ער האָט געמוזט זיך איבערצייגן, אַז דער סוחר וועט אים דער אַרטיקל ביליגער נישט געבן. ביי אַ ייד האָט ער טאַקע די זעלבע זאַך באַקומען ביליגער. דער גוי׳שער סוחר האָט זיך געשטעלט אַ גרעסערן פּראָפיט.

ביי אַ ייד האָט דער פויער געקויפט אויף קרעדיט, צום אויסצאָלן. ביי אַן איגענעם, ביים גוי, האָט דער פויער זיך געשעמט צו באָרגן. און אויב ער האָט נישט געקענט באַצאָלן אין צייט, איז זיין בושה געווען נאָך גרעסער. דער גוי׳שער סוחר האָט אים עפנטלעך און צודרינגלעך געמאָנט צווישן מענטשן.

דער יידישער סוחר האָט אויך גערעדט צום פויער העפלעכער, איידע־לער, ווי דער גוי׳שער.

אַז דער פויערישער, געבילדעטער, נייגעבאַקענער סוחר האָט דערזען, אַז זיינע האָפענונגען, לייכט רייך צו ווערן פון מסחר, לאָזן זיך אויס מיט אַ בוידעם, האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע אויסשטודירטע, אַנטוישטע פוילישע זונדלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט פוסט און פּאַסט, אויסגעלאָדנט זייער אַנטוישונג אין העצן און פאַרשפּרייטן שנאה און גיפט קעגן יידן בכלל, צו וואָס זיי זיינען דערמוטיקט געוואָרן פון נייעם אַנטיסעמיטישן קורס, פון די פוילישע מנהיגים און אַנטיסעמיטישער פרעסע.

אהרן דער קריזיס

אין די דרייסיקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, ווען דער היטלעריזם האָט זיך צעבושעוועט אין דײַטשלאַנד און אַריבערגעגאָסן דעם אַנטיסעמיטישן גיפט איבער זײַנע גרעניצן, זײַנען די פּוילישע זאַאָלאָגישע אַנטיסעמיטן געוואָרן אַגרעסיווער און בלוטדורשטיקער. אין די אוניווערסיטעטן און גימנאַזיומס אין פּוילן האָט מען יידישע סטודענטן געצוואונגען צו זיצן אויף דער לינקער זייט בענק. יידישע סטודענטקעס געשלעפּט אונטער לויפנדיקן וואַסער פון די פּלומפּס, מיט ראַזיר־מעסערלעך, אַנגעטאָן אויף שטעקנס, געשלאָגן אויף זייערע פּנים׳ער און קעפּ. פּוילישע סטודענטן האָבן געפּיקעט יידישע געשעפטן, רופנדיק נישט צו קויפן ביי יידן. און דער יידן־האַסערישער סם איז אויך אַריינגעדרונגען אין דעם אָפּגעלעגענעם שטעטל קאָרטשין.

צו קיין פיזישן אָנגריף פון גויים אויף יידן איז אין קאָרטשין נישט געקומען. פּיקעטן יידישע געשעפטן אויך נישט. אָבער מען האָט געפילט דעם ברי פון יידן פיינטשאַפט־פייער. אַן אומהיימלעכע שרעק האָט אַלעמען באַהערשט. מען האָט געפילט, אַז אויב זיי וואָלטן געקענט, וואָלטן זיי די יידן לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען. וואו נישט וואו האָט מען נאָכגעשריגן צום ייד: „היטלער אידזשע״, היטלער גייט, און דערביי אַזוי רשעות׳דיק געקוואָלן פון נחת און אויסגעשאָסן מיט אַ פרעכן געלעכטער.

דעם עלטערן דור פויערים, פון אַרום דעם שטעטל, איז געווען פרעמד דער זאַאָלאָגישער יידן האַס. זיי זײַנען געווען מער אינטערעסירט אין זייערע פעלדער, און זייער דאָרפישער ווירטשאַפט, ווי אין פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם. זיי זײַנען געווען צופרידענער צו פאַרקויפן און קויפן ביי אַ ייד. דער פויערישער, פּשוט׳ער שכל האָט עס נישט געקענט משיג זיין, פאַרוואָס מען רודף׳ט דעם ייד. — מען האָט אים אָבער נישט געלאָזט צו רו, מיט יידן־פיינטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, און זיין פויערישער מוח האָט אָנגעפאַנגען דענקען, אַז מסתמא איז עס נישט בחנם. אַז אַלע זאָגן אַז דער ייד איז שולדיק אין דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, אַז דער ייד איז רייך געוואָרן, אויף זיין, דעם פויערס, חשבון, מוז דאָך עפּעס זיין דערין.

ער, דער פויער, איז טאַקע איבערצייגט, אַז אין די גוי׳שע קראָמען קאָסט דער אַרטיקל טייערער ווי אין דער יידישער. אָבער אַז די אינטעליגענץ האַלט אין איין האַמערן אַזוי, און אין דער צייטונג שטייט עס אַזוי „שוואַרץ אויף ווייס" אַז אַלעס איז יידיש; יידן האָבן אַלעס פאַרכאַפּט, און „עפּעס איז דאָך טאַקע אַזוי ווי זיי זאָגן": „באַשע אוליצע, אַלע זשידאָווסקיע קאַמיעניצע", ד. ה. די גאַסן זיינען טאַקע אונזערע, פּוילישע, אָבער די הייזער זיינען יידישע — איז צו וואָס זאָל ער זיך מאַטערן זיין פּויערישן קאָפּ? זיי די „געלערנטע" וויסן מסתמא בעסער!

די „געלערנטע" ווייזן עס אים באַשיינפּערליך טאַקע. ער דער פּויער אַרבעט אַזוי שווער אויף זיין פעלד און דער ייד שטייט זיך אין זיין געוועלבל און „טוט גאָרנישט", אָבער ער, דער ייד, לעבט „שענער" פון אים. דער ייד קויפט אַ הון און ער דער פּויער מיט זיין שווערער פּראַצע קען זיך נישט פאַרגינען צו עסן אַ הון. ער מוז עס פאַרקויפן צום ייד.

אַז אַ גרויסער טייל יידישע קרעמער האָבן פון זייער האַנדל־וואַנדל נישט געהאַט גענוג ברויט אַפילו, פאַר זייערע קינדער און דער פּויער, אַפילו דער אָרעמער, האָט אַלעמאָל פון זיין פעלד געהאַט גענוג ברויט, קאַרטאָפל און אַנדערע נאָרונג פאַר זיין הויזגעזינט; אַז דער יידישער קרעמער האָט מער צער און דאגת פרנסה אין איין טאָג, ווי ער, דער פויער, אין זיין גאַנצן לעבן — דערפון האָט דער פויער נישט געטראַכט. אַז דער אָרעמער יידישער קרעמער קויפט דאָס עוף נאָר אויף שבת, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, אַז דעם יידישן אָרעמען קרעמערס „האָב און גוטס" האָט נישט די ווערט אַפילו די העלפט פון זיין, דעם פּויערס, דאָרפיש פאַרמעגן. מען האָט אים געררייצט אַז דער ייד איז רייך. — אין אַ רייכן גוי האָט ער זיך נישט מתקנא געווען, אים, דעם גוי, קומט עס. — טאָג איין, טאָג אויס, האָט מען דעם פויער געהעצט, געוועקט ביי אים דורך קנאה, שנאה צום ייד.

ווען דער פויער איז זונטיק געקומען אין דער קירכע אַריין, וואָס איז געווען אין שטעטל, האָט ער געזען אַפישן און פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס האָבן אים גערופן צו גיין „זען און הערן" וועגן דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס זיין אורזאַך איז, און ווי אַזוי מען קען אים לייזן.

אין 1936 איז אונטער דער לייטונג פון צוויי לערערס, פון דער אַלגעמיינער פאָלקס־שולע אין קאַרטשין, סטעץ און אורבאַנעק — ביידע געבוירן

און געוואוינט אין שטעטל (גאָשטשיניעץ) — אויסגעפירט געוואָרן אַ קינדער־פאָרשטעלונג אין זאַל פון דער שטאָטישער געמיינדע.

קינדער אין עלטער פון 10־12 יאָר זיינען געווען די שוישפּילער.

דער זאַל איז פול געפּאַקט, דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף:

אויף דער סצענע זעט מען: ס׳זיצט אַ ראַט (קינדער־אַקטיאָרן) און באַהאַנדלט דעם פּראָבלעם וועגן עקאָנאָמישן קריזיס.

אינמיטן פון דער באַראַטונג באַווייזט זיך פּלוצים, אויף דער סצענע, פונדערוויטנס אַ ייד (אַ קינד, אַקטיאָר, אָנגעטאָן אין אַ יידישן טראַכט).

אָ! שרייט אויס אַ קינד (אַקטיאָר) אָט איז ער דאָך דער קריזיס! זעט! אהרן דער קריזיס גייט!

איך גיי אים דעם קריזיס, דעם אהרן, דער׳הרג׳נען! שרייט אויס אַ צווייטער (קינד אַקטיאָר), און דער פּראָבלעם וועט זיין געלייזט. מיר וועלן פּטור ווערן פון קריזיס!

העי! האַלט! רופט אויס אַ דריטער (אַקטיאָר קינד), וואָס וועסטו אויפטאָן דערמיט, אַז דו וועסט דעם איינעם קריזיס דער׳הרג׳נען? אַזעלכע קריזיסן זיינען פאַראַן ביי אונז אין פּוילן: דריי און אַ האַלבן מיליאָן!

דער אומקום

שילדערונגען

פון דעם טאָג, ווען די צווייטע מלחמה איז אויס־
געבראָכן און דער דייטשער אינוואזיע אין שטעטל.
די יידישע לײדן און פאַרטיליגונג פון קאָרטשין

•

פון

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

וועגן אומקום, יידישע ליידן
און אונטערגאַנג פון קאָרטשין

צוקומענדיק צו דעם טייל, ד. ה. צו שרייבן, וועגן אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָרטשין, בין איך אינגאַנצן אויפגעשווידערט. אומ־צייליקע מאָל האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן, אָבער איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין שורה אַפילו.

דאָס בלוט פאַנגט אָן פולסירן האַסטיק און האַסטיקער. איך פיל ווי איך וואָלט געוואָרן צומישט. די נערוון ברויזן, אָנגעשטרענגט, איך זיץ ווי פאַרגליווערט, פאַרשטאַרט און טראַכט:

געוואַלד געשריגן! אַזאַ מורא׳דיקער אומגליק האָט פאַסירט צו אונז, די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט שוצלאָזע, אומשולדיקע מיליאָנען יידישע מענער, פרויען און קינדער, אין אונזער צייט, און גאָרנישט?!

אין חומש בראשית, פרשת וירא ווערט דערציילט, אַז די מענטשן פון סדום זיינען געווען שלעכט און זינדיק, דערפאַר האָט זיי דער רבש״ע אָפּ־געווישט פון דער ערד.

מיט אַלע שלעכטע מעשים, וואָס עס ווערט אין מדרשים דערציילט, וואָס די מענטשן פון סדום האָבן אָפּגעטאָן, זיינען זיי דאָך — אין פאַרגלייך מיט די דייטשע מערדער — נאָך געווען צדיקים ממש, און זיי, די דייטשן, נישט נאָר זיינען זיי נישט אָפּגעווישט געוואָרן פון פנים פון דער ערד, נאָר זיי זיינען נאָך — נאָכן אָפּטאָן אַזעלכע מערדערלעכע שוידערלעכקייטן, וואָס האָבן נישט קיין ענלעכקייט אין די גרויזאַמסטע מערדער געשיכטעס פון דער גאַנצער וועלט — פעטער און רייכער געוואָרן. די וועלט איז ווי געווען. די דייטשן, די מאַסן און קינדער מערדער, וואָס האָבן פאַרשעמט דעם מין מענטש, זיינען ווילקאָמען אין דער פעלקער־געזעלשאַפט; יידישע סוחרים פאַר־קויפן און יידישע קונים קויפן דייטשע סחורות; יידן געראַטעוועטע פון חורבן גייען אָן מיט זייער געוויינלעכן לעבן; פרומע האָבן „צער״ ווען זיי קריגן

נישט „אַ שיינע עליה״, דעם עמוד אדג״ל; אַנדערע אָרדנען איין פּאַרטיס און בר מצוה׳ס מיט מוזיק און טענץ. יעדער אויף זיין שטייגער אַריינגעטאָן, ראשו ורובו, אין דערוועגבן לוקסוריעזע באַקוועמלעכקייטן, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. גיך האָט מען דעם יידישן אומגליק אונזערן פּאַר־געסן!

דעם אומגליק פון חורבן בית המקדש ווערט אָפּגעגעבן דריי וואָכן טרויער. דעם אומגליק פון חורבן פון הונדערטער יידישע קהלות, פון אכזריות׳־דיק דער׳הרג׳עטע מיליאָנען אייגענע פּאָטערס, מוטערס און קינדער, ווערט אפילו קיין דריי שעה טרויער נישט אָפּגעגעבן!

היינט, אָן ערך, 25 יאָר נאָך דעם אומגליק, צו וואָס איבערדערציילן פון דער גרויסער טראַגעדיע אונזערער? און צי בין איך דען אימשטאַנד מיט מיין אָרעמער שפּראַך איבערצוגעבן די נויט, פּיין, דערנידערונגען, הונגער, ליידן און מיתות משונות וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט?

ווען איך וואָלט אַפילו גאָר געהאַט אַזאַ שפּראַך־טאַלאַנט, ווי ירמיהו און געקענט שאַפן אַזאַ מגילת איכה, ווי ער, צו וואָס וואָלט עס געברענגט? ווער וויל עס דען וויסן? ווער וויל עס הערן?

איך וועל אין די קומענדיקע קאַפּיטלען נאָר דערציילן כראָנאָלאָגיש, ווי אַזוי קאָרטשינער יידן האָבן געלעבט פון דעם טאָג, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ביז דעם טאָג, ווען די דייטשן האָבן דעם יידישן ישוב אין קאָרטשין אָפּגעמעקט.

דער אויסברוך פון דער מלחמה

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, פרייטיק י״ז אלול תרצ״ט, איז אויס־געבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אין דעם זעלבן טאָג, פרייטיק נאָכמיטאָג, האָבן שוין דייטשע עראָפּ־לאַנען באָמבאַרדירט דאָס לופטפעלד און די גומי פאַבריק „וואודעטאָ״ אין קראָסנאָ. מען האָט אין קאַרטשין געזען די קנוילן רויך פון דער ברענענ־דיקער גומי־פאַבריק, וואָס איז געווען לעבן דער באַן־סטאַציע אין קראָסנאָ.

אַ פּחד האָט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט געהייסן פאַרטונקלען די פענסטער און מען האָט מורא געהאַט צו גיין דאַוונען אין בית המדרש צו קבלת שבת.

די ראַדיאָ באַריכטן פון פראָנט האָבן קיין באַשטימטע קלאָרע נאָכריכט נישט געגעבן. אַז מען האָט אָפּגעשטעלט אויף אַ דייטשע ראַדיאָ־סטאַנציע האָט מען געהערט אויספרעגן פוילישע געפאַנגענע סאָלדאַטן און „זייערע ענטפערס״ וואָס האָט אויף אַלע אָנגעוואָרפן אַ שרעק און אַ יאוש, און אַז מען האָט זיך צוגעהערט צו דער פוילישער ראַדיאָ האָבן זיי געמאַכט דעם זעלבן „שפּיל״, פראַגן און ענטפערס פון דייטשע געפאַנגענע סאָלדאַטן, וואָס זאָגן, אַז ביי זיי אין דייטשלאַנד איז חושך, און אַז זיי די פאַלאַקן וועלן אָט־אָט מאַכן פון די דייטשן ממש אַ תל!

די פוילישע רעגירונג האָט גערופן, דורך פלאַקאַטן, ראַדיאָ און אַנדערע מיטלען, אַלע רעזערוויסטן זיך זאָפאָרט צו מעלדן צו די מיליטער־קאָמאַנדאָס. און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳הערשט אומאָרדנונג. נישט געווען גענוג צוגן פאַר די רעזערוויסטן, צו קומען אויף די פונקטן אין צייט, און אויך נישט גענוג מיליטערישע אויסשטאַטונג.

דער רוצח, דער דייטש, איז באַפאַלן פוילן אַ נישט צוגעגרייטע.

שוין מאָנטיק, דעם פערטן סעפּטעמבער, האָט מען דערזען, אַז ס׳איז צרות, אַז די דייטשן רוקן אָן. די רעגירונגס־אַמטן האָבן זיך גענומען פּאַקן אין געאייל און אַנטלויפן. אין שטעטל האָבן זיך באַוויזן צוריקטרעטנדיקע פוילישע סאָלדאַטן אין אַן אומאָרדנונג. זיי האָבן נישט געוואוסט וואו צו גיין.

דינסטיק האָבן זיך שוין באַוויזן מאָסן ציווילע מענטשן, יידן און נישט יידן, אַנטלויפנדיק קיין אָסט־גאַליציע. די פּוילישע רעגירונג האָט גערופן אַלע מענער צו אַנטלויפן. — סוחרים האָבן, אין דער נאַכט, אַרויסגעפירט די סחורות פון זייערע געוועלבער און פאַרמאַכט זיי אויפן שלאָס.

די בהלה, די פּאַניק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. וואָס טוט מען? אַנטלויפן? מיט וואָס? מ׳עט דאָך אויסגיין פון הונגער און נויט אין דער פרעמד! נישט אַנטלויפן? איז דאָך אַ סכנה צו בלייבן ביי דעם דייטש ימש״ו!

„עה! דער דייטש וועט קיינעם נישט הרג׳נען״. „ר׳וועט נעמען צו אַרבעט, אָבער הרג׳נען וועט ער נישט״. אַזוי האָבן געזאָגט די, וואָס האָבן „בעסער געקענט״ דעם דייטש. — דאָס זיינען געווען קאָרטשינער יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין דייטשלאַנד און אין 1936 האָט דער דייטש זיי אַרויס־געוואָרפן פון דייטשלאַנד און זיי זיינען געקומען צוריק קיין קאָרטשין, ווי חיים אייכהאָרן׳ס קינדער, משה לויטמאַן׳ס זון און אַנדערע. און טאַקע זיי, די אַרויסגעטריבענע פון דייטשלאַנד, זיינען געבליבן אין שטעטל און נישט אַנט־לאָפן.

זייער ווייניק פון קאָרטשין האָבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק קיין רוסלאַנד. 7 משפחות אינגאַנצן: מענדל רובין (שפּרה׳ס), נפתלי דים, אברהם לעזער, אייזיק לעזער, יחזקאל פינטער און שלמה הורוויץ.

איינצלנע פּערזאָנען: ארי׳ דים, מענדל ראָזענמאַן, זישע גרין, מענדל ווײַנשטיין, יאַנטשע קורעף, לייביש אַטלאַס און מענדל האַלאַשיץ. פון די זיינען נאָר די לעצטע צוויי געבליבן לעבן, וואָס מיט די אַנדערע איז געשען אין רוסלאַנד איז אונז נישט באַוואוסט.

דער אַריינקום פון די דייטשן

פרייטיק דעם 8טן סעפטעמבער ביינאַכט האָט מען געהערט פון גאָר נאָענט באָמבאַרדירונגען, אָדער שטאַרקע אַרטילעריע שאָסן.

שבת פרי, דעם ניינטן סעפטעמבער, איז געווען אַ שטילקייט אַרום און אַרום, אַלע זיינען געזעסן אין שוץ־קעלערס.

אַרום עלף אַזייגער פרי האָט זיך אַ קורצע ווילע געהערט ביקסן־שאָסן און דאָן, אין אַ ווילע, אַ טויטע שטילקייט און פלוצים אַ רעש... מאָטאָרציקלען.

אַ דייטשער פאַטראָל אויף מאָטאָרציקלען איז אַריין אין שטעטל, דורכ־געלאָפן בליץ שנעל, אויפן וועג וואָס פירט, קיין קאָמבאַרניאַ.

די ערשטע טעג אונטער דער דייטשער הערשאַפט

אַ גאַנצע וואָך, זינט דעם דורכלויף פון דייטשן פאַטראָל, האָט מען מער אין שטעטל קיין דייטשן סאָלדאַט נישט געזען. טראָצדעם איז יעדער געזעסן אין שטוב אונטער פאַרשלאָסענע, פאַרהאַקטע טירן. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן אין גאַס.

קיין פוילישע פאָליציי איז נישטאָ, קיין דייטשע אויך נישט. די געמיינדע איז פאַרשלאָסן. דער וואָיט, דער סאָלטיס זיינען אַוועק. ס׳איז געבליבן דער שטעלפאַרטרעטער פרייסנער (דער סטאָלאַר). אויך ער האָט נישט אַמטירט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אָפגעשטאָרבן אַלעס. קיין שום רעגירונגס פאַרוואַלטונג איז נישטאָ. אַפילו אַ גוי פון דאָרף האָט זיך נישט באַוויזן. אַ טויטע שטילקייט אַרום און אַרום.

יידן מוזן אויסקערן דעם מאַרק און באַגראָבן פאַרברענטע בהמות

פרייטיק נאָכמיטאָג ד. 15.9 האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין רינגפּלאַץ פּרייסנער, דער וויצע־סאָלטיס, מיטן שטאָט־פּאָליציאַנט, וועלכער האָט געפּויקט אויפן פּייקל.

דאָס האָט באַטייט, אַז מ׳רופט צוזאַמען דאָס שטעטל בכדי צו לאָזן וויסן עפּעס, באַקאַנטמאַכן.

פּרייסנער האָט מודיע געווען, אַז דער דייטשער קאָמענדאַנט אין קראָסנאָ האָט באַפוילן אַז די יידן אין קאָרטשין (אין קראָסנאָ האָט דער רשע עס געצוואונגען די יידן, נאָך דינסטיק) מוזן אויסקערן דעם רינג.

ס׳איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, צי מען האָט אים, פּרייסנערן, טאַקע אַזוי באַאויפטראַגט, אָדער הערנדיק אַז אין קראָסנאָ האָט מען מיט יידן אַזוי געטאָן, האָט ער אַליין, מיט זיין איניציאַטיוו, עס אויסגעפירט מיט די יידן אין קאָרטשין. געָ׳טענה׳ט מיט אים, וועגן דעם, האָט קיינער נישט. מ׳האָט מיט אים קיין דיסקוסיעס נישט געפירט. מ׳האָט געפילט, אַז ער האָט אַן הנאה צו זען אונזער דערנידערונג. עפּעס אַנדערש איז מען דאָך נישט אויסן געווען מיט דער גזירה. וואָרום פאַר פינף זלאָטעס (איין דאָלאַר) און פאַר נאָך ווייניקער אפשר, האָט מען געקענט געפינען גענוג בעלנים דאָס צו טאָן.

דערוויסנדיק זיך פון דער רשעות׳דיקער גזרה זיינען כמעט אַלע אין שטעטל, יונג און אַלט, ווי דעמאָנסטראַטיוו אַרויס פון די שטיבער מיט בעזימס אין די הענט און אויסגעקערט דעם מאַרק.

מאָנטיק דעם 18.9 האָבן מיר, אונטער דער אָנפירונג פון טשייקע גנב, געמוזט אַרויסגיין אין דאָרף, אַרויסשלעפּן פון די פאַרברענטע (אין רעזולטאַט פון דער שיסעריי) שטאַלן, שטיקער פון פערד און בהמות. דאָס געשטאַנק פון די פאַרברענטע בהמות האָט פאַרשטיקט דעם אָטעם.

די דאָזיקע אַרבעט איז געווען שרעקלעכער און מיאוס׳ער, ווי אויס־צוקערן דעם מאַרק, אָבער די דערנידערונג איז געווען קלענער. קודם כל האָט דאָס מ׳כלומר׳שט געהייסן, אַז מ׳איז אויסן צו פאַרהיטן פון אַן עפּידעמיע. חוץ דעם איז די אַרבעט נישט געווען אַזוי בפרהסיא, ס׳איז געווען אין דאָרף, וואו די הייזער זיינען געווען פאַרברענט און ממילא עוואַקואירט און געזען אונזער דערנידערונג האָט נאָר טשייקע גנב אַליין.

דער ערשטער ראש השנה אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

ווייניק יידן האָבן געדאַוונט ראש השנה אין בית המדרש. מ׳האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אין קראָסנאָ כאַפּן די דייטשן יידן, צווינגען זיי אויפן ברוטאַלסטן אופן צו טאָן שמוציקע און אומנוצלעכע אַרבעט, נאָר מיט דעם ציל זיי, די יידן, מבזה צו זיין און דערנידעריקן אין די אויגן פון די פּאָלאַקן. און וואָס נאָך ערגער, מ׳האָט דאָך נישט געוואוסט, אַז זיי, די דייטשן ימש״ו, כאַפּן נאָר צו אַרבעט.

די דייטשן זיינען מיט אַ ווילדער רציחה באַפאַלן און געכאַפּט סתם יעדן ייד, וואָס זיי האָבן געפונען, אים אַרויפגעשטופּט אויף אַ לאַסט־אויטאָ און ערגעץ וואו אַוועקגעפירט. — ביז אַ מאַמע האָט צוריקגעזען איר זון, אָדער אַ פרוי איר מאַן איז איר די נשמה שיער נישט אַרויס פון צער און פּחד.

דערפאַר האָט מען ראש השנה געמאַכט מנינים פּריוואַט. ביי ר׳ שאול פריי, ביי אלעזר רובין (שפרה׳ס), וועלכער האָט פאַרנומען זיין ברודער מענדלס דירה, אין אליעזר ראַב׳ס הויז (מענדל איז אַנטלאָפן מיט זיין משפּחה צו די רוסן), און ביי נחמן לייביש רייך. צו די דאָזיקע מנינים האָבן די שכנים געקענט קומען אונטן אַרום, נישט דאַרפנדיק גיין אין פראָנט.

בשעת מען האָט געדאַוונט איז עמיצער געשטאַנען אויף וואַך, צי עס קומען נישט אָן קיין דייטשן. ס׳איז אויך געווען די געפאַר, אַז די דייטשן זאָלן זיך נישט טשעפּען, אַז מען מאַכט אַ געהיימע פאַרזאַמלונג, און ווען דייטשן זאָלן זיך דערנענטערן האָט יעדער געקענט הינטן אַרום אין געציילטע סעקונדן זיין צוריק ביי זיך אין שטוב אין אַ באַהעלטעניש.

ס׳איז טאַקע געשען, אַז אין ראש השנה זיינען די דייטשן אָנגעקומען מיט לאַסט־אויטאָס, באַפאַלן דאָס בית המדרש, און די יעניקע וועלכע ס׳איז נישט געלונגען אַרויסצושפּרינגען דורך די פענסטער און אַנטלויפן, האָבן זיי פאַרשלעפּט אויף אַרבעט. ביז מען האָט זיי צוריקגעזען, שפּעט אין אָוונט, זיינען זייערע נאָענטע שיער נישט אַראָפּ פון זינען פון שרעק.

אַנטלאָפענע קומען צוריק

די דייטשן האָבן שנעל מאַרשירט פאָראויס און אין נישט קיין פולע דריי וואָכן האָבן זיי אָקופירט גאַנץ פוילן. די רוסן האָבן אויך מאַרשירט פון מזרח, איבערגענומען פון די דייטשן גאַנץ מזרח גאַליציע ביז סאַנאָק. דער טייך „סאַן" איז געוואָרן די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

די דייטשן האָבן דעריאָגט די אַנטלאָפענע יידן. אַ סך זיינען אין שרעק צוריקגעקומען אין זייערע היימען אין מערב גאַליציע. — זיי זיינען כמעט אַלע אומגעקומען, ווען דער דייטש ימש"ו האָט פאַרטיליקט די יידן, וואָס זיינען געווען אונטער זיין אָקופאַציע.

די אַנטלאָפענע יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אונטער דער רוסישער אָקופאַציע האָבן די רוסן זיי אַוועקגעפירט אויפן סיביר און אַנדערע ווייטע מקומות אין רוסלאַנד און די אַלע וואָס האָבן געקענט אויסהאַלטן די באַדינגונגען אונטער דער פאַרשיקונג זיינען געבליבן לעבן.

די ערשטע קרבנות אין דינאָוו

ס'איז אָנגעקומען אין שטעטל, צו אונז, די טרויעריקע בשורה, אַז אין דינאָוו (בערך אַ 50 ק"מ פון קאָרטשין, צו מזרח) וואו ס'האָבן זיך געפונען מאַסן פליטים פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך — וואו די דייטשע חיילות האָבן זיי דעריאָגט, האָבן די דייטשן געכאַפּט בערך 170 יידן, זיי אויסגעשאָסן און באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר.

ביי גרויסער אָנשטרענגונג און פאַר אַ גרויסע סומע געלט, וואָס מען האָט געגעבן דעם דייטשן קאָמענדאַנט האָט מען באַקומען אַ דערלויבעניש זיי צו ברענגען צו קבר ישראל.

צווישן די קרבנות זיינען געווען ר' מענדל גלייכער'ס זון און אייניקל, אברהם'טשע גלייכער און זיין זון יודל (זיי האָבן געוואוינט אין קראָסנאָ). מ'האָט דעם פאָטער און זון געפונען ליגן אַרומגעאָרעמט.

די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף אַלע יידן אין שטעטל. מ'האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין, מען איז געזעסן פאַרמאַכט אונטערן ריגל, צו קענען אין נויטפאַל אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם רוצח, דייטש ימש"ו.

דייטשע סאָלדאַטן אין שטעטל

סוף סעפּטעמבער זיינען אין שטעטל אָנגעקומען אַ סך דייטשע סאָל־דאַטן אויף לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן רינג־פּלאַץ.

די דייטשע אַרמיי האָט, אין דער צייט, שוין געהאַט אָקופּירט גאַנץ פּוילן און זיך שוין צוריקגעצויגן פון שלאַכטפעלד. אויפן צוריקוועג זיינען פיל סאָלדאַטן דורכגעפאָרן קאַרטשין. — אייניקע קאָמפּאַניעס זיינען גע־שטאַנען אין שטעטל אַ פּאָר טעג, אַוועק, און ווידער זיינען אַנדערע אַריין. אַזוי וואָך איין, וואָך אויס, איינע אַוועק און אַ צווייטע געקומען.

די סאָלדאַטן האָבן רעקווירירט יידישע שטיבער און זיך איינקוואַטירט אין זיי. געכאַפּט יידן, געצוואונגען זיי צו באַדינען, רייניקן טואַלעטן אדג״ל. יעדע נייע קאָמפּאַניע סאָלדאַטן האָט געגעבן נייע צרות און שרעק.

אין דעצעמבער זיינען אָנגעקומען אייניקע קאָמפּאַניעס אויף אויסרו, און האָבן סטאַציאָנירט אין שטעטל ביז מאַי 1940. — די דאָזיקע סאָלדאַטן האָבן אויפגעשטעלט באַראַקן אויף אַ גרויסן שטח (אויפן גלח׳ס פעלד) — פון די שולעס (שקאָלעס) ביז צו דער „מאַנגל״ — ביז צו מיכל קירשנער׳ס הויז.

אויפצובויען די באַראַקן און אַלע מינים אַרבעט, ווי טראָגן וואַסער, שיילן קאַרטאָפל, זעגן האָלץ, אויסלאָדן קוילן און נאָך, האָבן זיי געצוואונגען די יידן צו טאָן פאַר זיי, אָן שום באַלוינונג, אויסער די באַלוינונג מיט קלעפּ.

מיט דער צייט האָבן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף די יידן ביי דער אַרבעט, אויפגעהערט זיי צו שלאָגן, אָבער געצוואונגען צו קומען צו דער אַרבעט אַפילו ווען מ׳האָט די אַרבעט אין דרויסן נישט געקענט טאָן. — אויב איין אויפזעער האָט געזאָגט, אַז מאָרגן זאָל מען נישט קומען צו דער אַרבעט, איז אַ צווייטער געקומען מיט אַ ליסטע אין איין האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין דער צווייטער האַנט, מיט ווילדער רציחה, מיט קאָפּעס און שטורכעס געטריבן צום אַרבעטס־פּלאַץ.

די דאָזיקע אַרבעטן ביים נאַצישן מיליטער האָט געהאַט פאַר די יידן אין קאַרטשין די איינציקע גוטע פּעולה, אַז זיי זיינען נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער פרעמד. זיי האָבן געקענט קומען אַהיים עסן מיטאָג און שלאָפן ביי זיך אין דער היים.

דער נאַצי פּאַרוואַלטער פון דער אַרבעט ביי די באַראַקן און סאָלדאַטן האָט זיך געווענדעט צום קרייז קאָמענדאַנט, אַז מ׳זאָל נישט נעמען יידן פון קאָרטשין צו אַרבעט ערגעץ אַנדערשוואו, וואָרום זיי דאַרפן האָבן די יידן פאַר זייערע אַרבעטן. — פון קראָסנאָ זיינען יידן יאָ אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט ערגעץ אין דער געגנט פון פריסטיק און אַנדערע ערטער.

די דייטשן שטעלן אַריין פערד אין בית המדרש

די ערשטע דייטשע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך איינקוואַרטירט אין שטעטל (עסטרייכער זיינען זיי געווען) הגם זיי האָבן געהאַט גענוג שטאַלן וואו אַריינצושטעלן פערד, ווי למשל אין די שטאַלן פון גראַף שעפּטיצקי, פון גלח, און נאָך אַנדערע פּלעצער, האָבן זיי מיט סאַטיספאַקציע און סאַדיסטישער פרייד אַריינגעשטעלט די פערד אין בית־המדרש, טאַקע מיט דער אויסרעכנונג, צו פּראָפאַנירן, מחלל צו זיין, דעם יידישן בית תפלה.

ביים אַפּטייקער, אַ ייד, איז געווען איינקוואַטירט דער אָבער־לייטנאַנט זייערער. זיי, די דייטשן, האָבן נישט געוואוסט, אַז דער אַפּטייקער איז אַ ייד. דער אָבער־לייטנאַנט איז געשטאַנען אין אַפּטייק און גערעדט מיטן אַפּטייקער. און ער דער אַפּטייקער האָט עס אונז מיט האַרצוויטיק דערציילט, מיט וואָסאַרע ציניש און פרעך געלעכטער די סאָלדאַטן האָבן רעפּאָרטירט דעם אָבער־לייטנאַנט, אַז זיי האָבן רעקווירירט דאָס „געבעט־הויז דער יודען" און דאָרט אַריינגעשטעלט פערד.

אַנטי יידישע לאָזונגען אויף ווענט און טראָטואַר

אינדערפרי האָט מען מיט מורא אַוועקגעמאַכט דעם פאָרהאַנג איבערן פענסטער, געמאַכט אַ שפּאַרע צו זען וואָס ס׳טוט זיך אינדרויסן האָט מען אויפגעשוידערט זעענדיק אויפן פּאַרקאַן פון דער קירכע, אויפן טראָטואַר און ווענט אַנטיסעמיטישע, נאַצישע לאָזונגען: „יודען ראָוס!" „יודע פאַרעקע!"

באַלד האָט זיך דערהערט קלאַפּן אין טירן, דאָס זיינען די דייטשע סאָלדאַטן, מיט רציחה און ווילדקייט באַפאַלן די יידישע הייזער און געשלעפּט

יידן זיי זאָלן פאַר זיי זעגן האָלץ, טראָגן וואַסער, וואַשן פלאָרס און רייניקן טואַלעטן.

ווער ס׳געדענקט ווי אַזוי ס׳האָט אַמאָל אויסגעזען אַ בית־הכסא אין קליינע שטעטלעך, וואו ס׳איז נישט געווען קיין וואַסערלייטונג, דער קען האָבן אַ באַגריף, וואָס ס׳האָט געמיינט רייניקן אַ בית־הכסא פון סאָלדאָטן.

פוילישע שקצים שערן יידן פאות

פוילישע שקצים, די וואָס האָבן געוואוינט נישט וויט, זיינען געקומען אין שטעטל אַריין „אַ קוק טאָן". אַז זיי האָבן דערזען די יידישע דער־נידערונג האָט זיך אין מאַנכע פון זיי דערוועקט די חיה און הינטנווילעכץ צוגעגאַנגען צו אַ ייד, וואָס האָט געאַרבעט, געטראָגן וואַסער צו אַ מיליטערישן טראָק, און אים אונטערגעשוירן אַ פאה און פון זיין „געלונגען שטיקל אַרבעט" האָט ער צוזאַמען מיטן דייטש אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער.

אַ גליק, וואָס דער פאָלאַק מיטן דייטש האָבן זיך נישט געקענט פאַר־שטענדיקן מיטן לשון, און דער דייטש האָט בטבע פיינט אַ פאָלאַק, ער זאָגט אויף אים: „פאָלנישער שווין".

די כאַמסקע פוילישע שקצים זיינען געווען צו דום צו פאַרשטיין, אַז דער דייטש האָט זיי אויך פיינט און אויב דער דייטש זאָל געווינען דעם קריג, וועט ער די פאָלאַקן אונטערדריקן און אויסראָטן, ווי ער האָט עס געטאָן אין די צייטן פון די קרייצריטער און „האַנזאַ".

די דייטשע סאָלדאַטן פּלינדערן יידישע הייזער

פאַרן אַריינקום פון די דייטשן האָבן אַלע אויסגערוימט די סחורות פון די געשעפטן. אַלע געוועלבער זיינען געווען אויסגעליידיקט חוץ די צוויי אייזן געשעפטן פון בונם מאַרגאָלעס און איטשע ראָסהענדלער.

צי די דייטשן האָבן נאָכגעפרעגט, אָדער די פּאָלאַקן האָבן זיי אָנגעוויזן איז נישט אויסגעפאָרשט און פעסטגעשטעלט. אָבער די דייטשן האָבן אָן אויפהער געמאַכט רעוויזיעס און געזוכט באַהאַלטענע יידישע סחורות. ביי גויים האָבן זיי נישט געזוכט.

אַז זיי האָבן געפונען, איז נישט נאָר האָבן זיי צוגערויבט די סחורות נאָר דעם ייד נאָך אַרעסטירט, וויל ער האָט זיין סחורה באַהאַלטן.

איינמאָל איז מיט דייטשע אָפיצירן אַרומגעגאַנגען דער וויצע־סאָלטיס, פּרייסנער, זיי געפירט צו די יידישע סוחרים און געפאָדערט צו עפענען די געשעפטן מיט סחורות.

די יידן האָבן ערקלערט די דייטשע אָפיצירן, אַז זיי האָבן נישט קיין סחורה, זיי זיינען קליינהענדלער, אַז אין אָנגעזיכט פון קריג האָט די באַפעל־קערונג געמאַכט גרויסע זאַפּאַסן, די סחורה איז אויספאַרקויפט און קיין פרישע איז נישטאָ וואו צו קויפן.

דער דייטש האָט אָנגענומען דעם תירוץ. ער האָט טאַקע געזוכט, גענישטערט און אַז ער האָט נישט געפונען איז ער געווען איבערצייגט, אַז אַזוי איז עס טאַקע.

דער סאָלטיס פּרייסנער האָט גערעדט פּויליש און אויפגעפאָדערט, אַז מ׳זאָל אַרויסגעבן די באַהאַלטענע סחורות, וואָרום די באַפעלקערונג איז נאַקעט און האָט נישט גענוג קליידונג.

דער שרייבער פון די שורות האָט אים געזאָגט: דער קריג דויערט ערשט צוויי חדשים און שוין איז די דאָרפישע באַפעלקערונג אַזוי נאַקעט געוואָרן? ס׳איז פאַראַן אַ יידישע באַפעלקערונג, וואָס דו ווייסט גוט, אַז זי האָט נישט גענוג ברויט און וואָס די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט מער, ווי צופיל. פאַרוואָס גייסטו נישט צו זיי, אַז זיי זאָלן באַזאָרגן די יידישע באַ־

פעלקערונג מיט ברויט? ער איז געבליבן פאַרשטומט און די דייטשן האָבן דאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט.

די דייטשע סאָלדאַטן האָבן געפּלינדערט יידישע הייזער און גערויבט. זיי האָבן די „מלאכה" געטאָן מער ראַפינירט, ווי די רוסישע קאָזאַקן אין ערשטן וועלט־קריג. זיי האָבן עס געטאָן, מיט גרעסערער פּרעצקייט, מיט מער געוואַגטקייט, ווי די רוסישע קאָזאַקן.

אַלעס האָבן זיי געפּלינדערט און גערויבט, אַ מאַנטל, אַן אַנצוג, וואָס נאָר ס'איז זיי געפעלן געוואָרן, אַפילו בעטגעוואַנט אויך. דער רוסישער קאָזאַק האָט געפילט, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעך, אַ רויב, ער האָט עס געטאָן מיט מורא, מ'האָט אויך געקענט טרעפן אַן אָנשטענדיקן רוסישן אָפיציר צו הילף. דער דייטש האָט עס געטאָן פרעך, אָן מורא.

די דייטשע קאָמפּאַניס־סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען סטאַציאָנירט אין שטעטל פון דעצעמבער 1939 ביז ענדע מאַי 1940, זיינען געווען אָסט־שלעזישע. אַ סך פון זיי האָבן פאַרשטאַנען, און מאַנכע אויך גערעדט, פויליש.

זייענדיק אַזאַ לאַנגע צייט אין שטעטל האָבן זיי זיך באַקענט מיט דער באַפעלקערונג, אויסגעפונען אין וועלכע הייזער עס וואוינען געשעפטסלייט און וואו ס'זיינען געווען געשעפטן אָדער מאַגאַזינען פון סחורות.

געעפנט אַ מאַגאַזין און געפונען ליידיק, האָבן זיי אויסגעמאָסטן די לענג און ברייט פון אינעווייניק, פאַרגליכט מיט דער לענג און ברייט פון אויסנווייניק, די לענג און ברייט פון בוידעמס איבער די שטיבער, און אויב ס'האָט נישט געשטימט האָבן זיי אויפגעבראָכן די ווענט, אָדער מויער.

אַנטדעקנדיק איינמאָל אַזאַ באַהאַלטענעם לאַגער האָט עס זיי געגעבן חשק צו זוכן אומעטום. זיי האָבן געגנוי געוואוסט אין וועלכן הויז ס'האָט געוואוינט אַ סוחר. זעט אויס, אַז עמיצער האָט זיי אַלעס דערציילט.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפונען אַ לאַגער האָבן קודם כל אַליין אָנ־גערויבט, געפּאַקט אין זעק און אַז דער סאָלדאַט איז געפאָרן אויף אורלויב האָט ער די אָנגערויבטע זאַכן אַהיימגעפירט צו זיך.

דעם אַנטדעקטן לאַגער מיט סחורה האָט די דייטשע קאָמאַנדאַטור קאָנ־פיסקירט, אויפגעלאָדנט אויף טראָקס און אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד.

פאַר די דאָזיקע אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגנס ווילן היינט די דייטשן נישט באַצאָלן. זיי זאָגן: „מ'זאָל זיי אָנגעבן דעם נומער פון טראָק אָדער פון באַן וואַגאָן, מיט וועלכן די אָנגערויבטע סחורות זיינען אַוועק וועלן זיי באַצאָלן".

די דייטשן אַרעסטירן לאה בלאַנק

אהרן בלאַנק האָט געהאַט אַ שענק. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט האָט ער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע. ר׳האָט באַהאַלטן די סחורה זיינע, דעם בראָנפן און ליקער.

הינטער זיין הויז האָט אהרן בלאַנק געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, וואו ער האָט געהאַט אַ קרענגעלניע (אַ באָולינג אַלעע). דאָרט אין גאָרטן הינטער דער קרענגעלניע האָט ער אויסגעגראָבן אַ גרוב און באַהאַלטן די משקה.

אַפּנים, אַז ער האָט נישט געטאָן אַליין, נאָר ער האָט עמיצן גענומען אויסצונעמען דעם גרוב און דער עמיצער, אָדער ווער אַנדערש האָט עס איבערגעגעבן צו די דייטשן.

די דייטשן זיינען אַריין אין גאָרטן און אויפגעגראָבן די באַהאַלטענע שנאַפּסן.

אהרן בלאַנק מיט זיין זון מאיר האָבן זיך באַהאַלטן. די דייטשן, נישט געפינענדיק אהרן׳ען האָבן אַרעסטירט זיין פרוי לאה און זי פאַרשפאַרט אין תפיסה, אין קראָסנאָ.

קרוב 2 וואָכן האָט די אומשולדיקע, אומגליקלעכע פרוי געשמאַכט אין דער תפיסה. אירע 2 יונגע קינדער, מרים און רבקה האָבן געמוזט שאַפן אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס און אַ קראָסנאָער שתדלן האָט די דייטשן געגעבן דאָס געלט און זייער מוטער באַפרייט פון תפיסה.

אהרן בלאַנק מיטן זון מאיר זיינען אַנטלאָפן פון שטעטל, געשוואָרצט די גרענעץ, דורך סאַנאָק, און זיי זיינען אַריבער אויף דער רוסישער זייט.
אהרן בלאַנק ז״ל האָט נעבעך נישט אויסגעהאַלטן. ר׳איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד. זיין זון מאיר ילח״ט לעבט היינט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד.

לאה בלאַנק און אירע 2 טעכטער מרים און רבקה הי״ד זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין אויגוסט 1942, כ״ט אב תש״ב.

יידן מוזן טראָגן אַ מגן דוד

סוף דעצעמבער 1939 האָט די דייטשע מיליטער קאָמאַנדע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס באַווייזן זיך אין גאַס, סיי מענער און סיי פרויען מוזן טראָגן אויפן רעכטן אָרעם אַ ווייסע באַנד מיט אַ בלאָען מגן דוד. דער באַפעל האָט געלויטעט, אַז די מגן דוד גזרה פאַנגט זיך אָן ערשט פון מאָרגנדיקן טאָג.

די דייטשע סאָלדאַטן האָבן אָבער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שלאָגן יידן. שוין היינט ווען זיי האָבן געכאַפּט עמיצן אָן אַ מגן דוד אויפן אָרעם. אויך די פּוילישע פּאָליציי האָט אויסגענוצט דעם אומשטאַנד אויסצופּרעסן געלט ביי אַ ייד, ווען זיי האָבן געזען אין אַ הינטערגעסל אָן אַ מגן דוד אויפן אָרעם. דער ייד איז געווען הפקר.

אויך יידישע געשעפטן האָבן געמוזט אַרויסשטעלן אין פענסטער אַ מגן דוד.

קאָנטריבוציע

אין אָנפאַנג יאַנואַר 1940 האָט דער וואָיט מערמאַן (דער בירגער־מייסטער) פון שטעטל, גערופן אייניקע יידישע באַלעבאַטים און זיי געזאָגט, אַז ער איז גערופן געוואָרן צום דייטשן קרייז־הויפּטמאַן. דער דייטשער קרייז־הויפּטמאַן האָט געוואָלט אַרויפלייגן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ הויכע קאָנטריבוציע. ער, דער וואָיט, האָט זיך איינגעשטעלט און ערקלערט, אַז דאָס זיינען אָרעמע מענטשן און זיינען נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן אַ הויכע קאָנט־ריבוציע. ער האָט געווירקט, אַז אויף קאַרטשינער יידן זאָל די קאָנטריבוציע זיין נאָר דריי הונדערט זלאָטעס.

למען האמת מוז מען זאָגן אַז די סומע איז, אין פאַרגלייך מיט דער קאָנטריבוציע, וואָס ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די יידן אין קראָסנאָ טאַקע געווען גאָר אַ קליינע.

אין קראָסנאָ איז די קאָנטריבוציע געווען 5000 זלאָטעס.

דער יודנראַט

אין דער זעלבער צייט, אַ וואָך שפּעטער נאָך דער קאָנטריבוציע, האָט דער וואַיט צו וויסן געגעבן, אַז ס׳איז געקומען אַ באַפעל פון דער דייטשער מאַכט צו שאַפן אַ יודנראַט אין פאַרלויף פון 5 טעג.

מען האָט אין יעדן הויז צו וויסן געגעבן, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענ־קומען, ביי ר׳ איטשע ראָסהענדלער אין שטוב, וועגן דעם.

חוץ דעם, וואָס ס׳איז נישט געווען קיין ברירה, מ׳האָט געמוזט אויס־פירן דעם באַפעל האָט מען אויך געדענקט, אַז אפשר וועט עס אויך זיין אַ שטיקל פעולה, ווייל די דייטשן וועלן מער נישט כאַפּן צו אַרבעט, נאָר דער יודנראַט וועט צושטעלן מענטשן צו אַרבעט, לויט אַ ריי און סדר. וואָרום ביז איצט, אַז די דייטשן האָבן געוואָלט יידן צו אַרבעט, האָבן זיי געכאַפּט. פרייוויליק איז קיינער נישט געגאַנגען.

אויף דעם אופן איז אויסגעקומען, אַז דעם, וואָס איז נישט געלונגען זיך צו באַהאַלטן, איז געגאַנגען כמעט יעדן טאָג צו אַרבעט, און וועמען ס׳איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, איז קיין איינציק מאָל נישט גע־גאַנגען אַרבעטן פאַרן דייטש.

דער יודנראַט איז באַשטאַנען פון:

אָסקאַר רובין (בנימין רובין׳ס אַן איניקל), אַ געבוירענער אין דייטש־לאַנד, אַלס הויפּט, יחזקאל לויטמאַן אַלס וויצע־הויפּט (געוואוינט יאָרן אין דייטשלאַנד).

מיטגלידער: מענדל האַלפערן (הערץ׳ס זון), אליי גרין, בער עררייך, שלמה האָראָוויץ, נפתלי אינפעלד, יוסף וועבער.

דער עולם האָט געדענקט, אַז דער אָסקאַר רובין און יחזקאל לויטמאַן, ווייל זיי קענעןריידן דייטש, וועלן זיי זיין לטובה. אַרויסגעוויזן האָט זיך באַלד דער טעות, אַז זיי זיינען געווען לרעה.

דער אונטערשייד פון אַ יודנראַט און אַ קהלה־פאַרוואַלטונג פון פאַר דעם קריג איז דער:

די קהלה־פאַרוואַלטונג האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זאָרגן און אַר־בעטן פאַר די יידן — דער יודנראַט האָט געדאַרפט אַרבעטן פאַר די דייטשן.

דער יודנראַט האָט איינקאַסירט אַ חודש׳לעכן שטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג, בכדי צו האָבן אויף די אויסגאַבן, וואָס דער יודנראַט האָט באַדאַרפט. — אויב ווער האָט נישט באַצאָלט דעם חודש שטייער אין צייט,

האָט דער יודנראַט געשיקט זיין יידישן פּאָליסמאַן, צוגענומען אַ געגנשטאַנד פון שטוב, ווי למשל: לייכטער, אַ בעט־צודעק, אַ קישן, און אַנצוג אדג״ל.

ס׳האָט אויך פּאַסירט אַמאָל, אַז דער הויפּט פון יודנראַט האָט אָנגע־שריבן צו דער דייטשער פּאָליציי, און אָנצייגט, אויף פלוני בן פלוני „אַז ער צאָלט נישט צום יודנראַט דעם חודש־אָפּצאָל מחמת סאַבאָטאַזש״. און די דייטשע פּאָליציי האָט מער נישט גענדאַרפט, געקומען אין שטעטל אַריין, אַוועק־געפירט דעם פלוני בן פלוני און אים אַריינגעוואָרפן אין דער קראָסנאָער תפיסה.

אַ דאַנק דער השתדלות פון דעם איידעלן ר׳ משה קליינער, וויצע־הויפּט פון קראָסנאָער יודנראַט, איז דער יעניקער באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה. — ווען ער איז געגאַנגען דאַנקען ר׳ משה קליינער הי״ד, האָט ר׳ משה קליינער געמאַכט די ברכה: ברוך מתיר אסורים און ברוך מחיה מתים! פאַר־וואָס מחיה מתים? ווייל די דייטשן פלעגן, פון צייט צו צייט, אויסליידיקן די תפיסות — צו מאַכן פּלאַץ פאַר פרישע אַרעסטאַנטן — פּשוט דורך אויסשיסן די פריערדיקע.

די ממשלה און נוצן פון יודנראַט האָבן געהאַט נאָר דער הויפּט און וויצע־הויפּט. אָסקאַר רובין האָט פאַר זיך באַשטימט אַ וועכנטלעכן געהאַלט. מיט אים האָט געקירעוועט יחזקאל לויטמאַן. אַלע אַנדערע האָבן דאָרט קיין שום דעה און קיין שום אַקטיוויטעט נישט געהאַט. זיי זיינען אַריין אין יודנראַט מיטן צוועק, אַז אַלס יודנראַט־מיטגלידער וועלן זיי זיין באַפרייט צו גיין אַרבעטן צוואַנגס־אַרבעט, צום דייטש.

אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז ס׳איז גלייכער צו גיין צו צוואַנגס־אַרבעט, איידער צו געהערן צום יודנראַט, ס׳איז אָבער געווען שוין צו שפּעט.

קען זיין, אַז אייניקע פון זיי וואָלטן געבליבן לעבן, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אין יודנראַט. — ווען דער דייטש ימש״ו האָט פאַרטיליקט דאָס שטעטל, האָט ער זיך נישט געניטיקט מער אין יודנראַט.

דער יודנראַט האָט געהאַט צוויי יידישע פּאָליסלייט: מענדל האַלפּערן (יונה׳ס זון) און נפתלי קירשנער (משה׳ס זון). מ׳האָט אים נפתלי׳ן גערופן: „דער גראַף״. — וועגן נפתלי׳ן דאַרף דאָ געזאָגט ווערן אַ גרויסער שבח: ווען ער, נפתלי, האָט געוואוסט, אַז די דייטשן, אָדער די פּוילישע פּאָליציי גייט, ביי עמיצן, מאַכן אַ רעוויזיע, איז ער בעפאַר געלאָפן צו יענעם, אים צו וויסן געבן וועגן דער סכנה, בכדי יענער זאָל קענען זיך פאַרהיטן. דאַקעגן

וועגן מענדלען קען מען דאָס נישט זאָגן, פאַרקערט, ער, מענדל, האָט אויס־גענוצט די סיטואַציע פאַר זיין אייגענעם נוצן און הכנסה.

נפתלי קירשנער איז אַנטלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן און איז געראַטעוועט געוואָרן. נאָך דעם קריג האָט ער עולה געווען קיין ישראל. מענדל איז ביז דער לעצטער מינוט געבליבן פּאָליסמאַן פון יודנראַט. ער איז אומגעקומען.

אַרויסגעטריבענע פון לאָדזש
און פּליטים פון אַנדערע שטעט

אין נאָוועמבער 1939 האָבן די דייטשן געכאַפּט יידן, מענער און פרויען אין די גאַסן אין לאָדזש און זיי פאַרשלעפּט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

אַ צאָל פון די דאָזיקע לאָדזשער יידן האָבן די דייטשן געבראַכט קיין קראָסנאָ. דער קראָסנאָער יודנראַט האָט, בכדי צו פאַרלייכטערן די אויס־האַלטונג פון די גירושי לאָדזש, אַריינגעשיקט, אויף וועגענער, לערך 40 לאָדזשער קיין קאָרטשין. ס׳זיינען געווען מערסטנס פרויען און יונגע מיידלעך. פיל פון זיי אַנגעטאָן אין בלויזע שלאָפרעק.

ס׳האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ זעענדיק די אומגליקלעכע יידישע טעכ־טער, וואָס זיינען אַוועקגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען. מענער האָבן נישט געוואוסט, וואוהין מ׳האָט זייערע פרויען פאַרשלעפּט און עלטערן וואו זייערע קינדער זיינען אַהינגעקומען.

די קאָרטשינער יידן האָבן אויפגענומען די פאַרטריבענע פון לאָדזש מיט פריינטשאַפט און ברודערלעכקייט. משפּחות האָבן וואָלונטירט צו נעמען צו זיך איינע אָדער צוויי פרויען.

די רייכערע פון די לאָדזשער, האָבן זיך, אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן, מיט זייערע משפּחות אין לאָדזש פאַרשטענדיקט, און זיינען איינציקווייז, אויף פאַרשידענע אופנים צוריק קיין לאָדזש. די אָרעמע און משפּחה׳לאָזע, לערך 20, זיינען פאַרבליבן אין קאָרטשין.

לערך ביזן סוף 1940 האָבן זיי זיך באַקעסטיקט ביי פריוואַטע משפּחות אין שטעטל. שפּעטער ווען אין די גרעסערע שטעט זיינען די צרות און גזירות פון די דייטשן, געוואָרן גרעסער און אָפטער, ווי אין די קליינע שטעטלעך, זיינען אַ גרעסערע צאָל יידן פון פאַרשידענע שטעט, פון קראָקא, ראַדאָם און אַנדערע געקומען קיין קאָרטשין.

דעמאָלט האָט דער יודנראַט איינגעאָרדענט אַ פאָלקסקיך, וואו די אָרעמע פליכטלינגע און אויך לאָקאַלע אָרעמעלייט זיינען באַשפייזט געוואָרן.

די פאָלקסקיך איז איינגעאָרדענט געוואָרן אין די ראַב׳עס הויז אין איינעם פון זייערע סקלאַדעס.

דער דייטש הייסט זיך באַצאָלן פאַר שיסן אין אַ „יידישן הונט"

דער אַפטייקער אין קאָרטשין איז געווען אַ ייד. ער האָט געהאַט אַ שיינעם און אַ גרויסן הונט. אַז דער דייטש האָט זיך דערוואוסט אַז דער הונט באַלאַנגט צו אַ ייד, האָט ער עס נישט געקענט אויסהאַלטן. אַלעמאָל, ווען ער האָט דערזען דעם הונט, האָט אין אים געזאָטן די רציחה און אויפ־געקאָכט דער כעס, אַז אַזאַ שיינער הונט געהערט צו אַ ייד. איינמאָל איז די רציחה אַזוי אויפגעזאָטן, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אַריינגעשאָסן אַ קויל אין הונט.

ער האָט אים אָבער נישט געטראָפן ריכטיק און דער הונט מיט אַ קויל אין קאָרק איז אַ פאַרוואונדעטער אַנטלאָפן. איז ער, דער דייטש, מיט אַ רוגזה פון אַ רוצח אַריין אין אַפטייק, מיטן רעוואָלווער אין האַנט און געפאָדערט פופציק זלאָטעס, פאַר די קויל, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט ביי אַ „יידישן הונט".

דער אַפטייקער האָט נישט געמאַכט קיין שום שהיות, האָט שנעל אַרויס־גענומען 50 זלאָטעס און דעם דייטש־רויבער־רוצח געגעבן.

דער אַפטייקער

אַז ס׳איז געקומען צו רייד וועגן אַפטייקער, דענק איך, אַז ס׳דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז אין דער צייט, פון קריג, פון יידישער פיין, האָט דער אַפטייקער געטאָן פיל גוטס און געגעבן אַ סך צדקה.

צו קראַנקע אָרעמע משפחות האָט ער געגעבן מעדיקאַמענטן גענצלעך אומזיסט. אַפילו אַז אַ מעדיקאַמענט האָט געקאָסט אַ סך, ווי למשל, אַ רעצעפּט, וואָס ער אַליין האָט נישט צוזאַמענגעשטעלט, נאָר אַ פאַרטיקער מעדיקאַמענט, וואָס האָט געקאָסט טייער. און אַפילו ווען ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט

דעם קראַנקן נישט העלפן, נאָר שאַפן בלויז ביים קראַנקן אַן אילוזיע פון האָפנונג האָט ער אויך נישט אָפּגעזאָגט.

ער האָט צו אָרעמע און צו יעדן וואָס האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט נאָך הילף געגעבן וואָכן געלט. — ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט האָט דעמאָלט אַ ווערט, ווען ער קען דערפון געניסן, און אויב ער אַליין קען נישט הנאה האָבן פון זיין געלט זאָלן כאָטש אַנדערע יידן דערפון אַ נוץ האָבן. — ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קאָרטשינער, ווען די דייטשע רוצחים ימש״ו האָבן פאַרלענדט אונזער שטעטל.

זיין נאָמען איז געווען יעקב לעווי, כבוד זיין אָנדענק, והי״ד.

דייטשן רייסן אויס ביי ישראל איטשע דען און אברהם יצחק קאַנער שטיקער הויט און פלייש פון זייערע פּנים׳ער

דייטשע סאָלדאַטן האָבן געכאַפּט, אין גאַס, ישראל איטשע דען (בראָדער) און אברהם יצחק קאַנער (פּיטאַש), זיי געצוואונגען אַרויפצוגיין אויף אַ לאַסט־אויטאָ און זיינען מיט זיי אַוועקגעפאָרן אין דער ריכטונג קיין קאָמבאָרניאַ.

שפּעט אין אָוונט זיינען ישראל איטשע און אברהם יצחק צוריקגעקומען צו פוס אין שטעטל אַריין מיט אויסגעריסענע שטיקער הויט און פלייש פון זייערע פּנים׳ער.

די דייטשע געמיינע באַרבאַרן ימ״ש האָבן די צוויי יידן, אויפן וועג, אַראָפּגעטריבן פון לאַסט־אויטאָ, צוגעבונדן מיט שטריק פעסט זייערע בערד און פאות פון איינעם צום אַנדערן, זיי געשלאָגן און געטריבן צו לויפן שנעל יעדן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און אַזוי זיינען פון זייערע פּנים׳ער אויסגעריסן געוואָרן שטיקער הויט און פלייש. געשען איז דאָס דעצעמבער 1939.

דער רב אַנטלויפט פון שטעטל

מחוץ תשכל חרב
ומחדרים אימה (דברים לב, כה).

אין דרויסן פאַרלענדט די שווערד
און אין שטוב די שרעק.

דער דרויסן איז געווען פול מיט סאָלדאַטן, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון פראָנט, פול מיט פרייד און שכור פון נצחון איבער גאַנץ פוילן און מיט פאַרברעכערישער שנאה צום ייד.

פאַר אַ ייד, בפרט מיט באָרד און פאות, איז געווען אַ סכנה זיך צו באַווייזן אין דרויסן.

זיי האָבן געמאַכט געיעגן צו פאָטאָגראַפירן אַ ייד מיט אַ טראַדיציאָנעלער הלבשה און באָרד מיט פאות.

דערזעענדיק אַזאַ ייד האָט דער דייטש־רוצח געגעבן אַזאַ ווילדן חיה׳שן הוק: שטיין בלייבן! אַז דעם ייד איז שיער דאָס חיות אַרויס פון שרעק. ר׳האָט דאָך נישט געוואוסט, וואָס דער רוצח איז אויסן, פאָטאָגראַפירן צי חלילה דערשיסן.

אויך אין שטוב האָט געהערשט פחד פאַר דער דייטשער רציחה. זיי האָבן געפּלינדערט יעדעס יידיש הויז. פחד איז געוואָרן אַ טעגלעכע זאַך.

בכדי זיך אויסצוהיטן פון באַלעסטיקונג, חוזק און שיקאַנעס, האָט דער רב ר׳ אליי׳ הי״ד פאַרבונדן זיין פנים מיט אַ טיכל, מ׳זאָל נישט אַרויסזען זיין באָרד און פאות. — אַז די דייטשן האָבן געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט פאַרבונדן ס׳פנים האָט די רביצין געענטפערט, אַז ער האָט ציין שמערצן.

מיטן פאַרבונדענעם פנים האָט ער אויסגעקוקט אַביסל קאָמיש. און דאָס איז געווען גענוג גרונט פאַר די דייטשן זיך לוסטיק צו מאַכן.

דער רב האָט געהאַט אַ שווער אין דער סלאָוואַקיי, אין אַ שטעטל וואָס האָט זיך גערופן וועלקאַ בערעזנאַ. מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט אין

דער סלאָוואַקיי בושעווען נישט אַזוי די דייטשן, ווי אין פוילן. האָט דער רב שטילערהייט, מיט זיינע בני בית, געדונגען אַ פור און אַוועק צו זיין שווער אין דער סלאָוואַקיי, אין דער האָפנונג, אַז דאָרט וועט ער האָבן אַ מקלט, אויסצומיידן די צרות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אין פוילן.

אָבער פון סלאָוואַקיי האָט מען די יידן, פריער ווי אין פוילן, נאָך אין יאָר 1940 אַוועקגעפירט (אויסגעזידלט, אויפן רוצח׳ס לשון), און אונזער רב הי״ד האָט נעבעך געטיילט זייער גורל. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין לובלין, פוילן.

דער רב האָט אין לובלין געהאַט אויסצושטיין הונגער, פיין און צרות. ער האָט געשריבן צו אונז אין שטעטל (צו יענער צייט האָבן יידן נאָך געקענט זיך באַנוצן מיט פאָסט) האַרצרייסנדיקע בריוו, אַז מען זאָל אים אַרויסראַטעווען פון לובלין. אָבער מען האָט אים פון שטעטל נישט געקענט העלפן. קיינער האָט נישט געהאַט קיין שום מיטל און קיין שום עצה אים אַרויסצונעמען פון לובלין, אויסער אַז ער זאָל אַליין אַנטלויפן.

ווען דער רב איז אומגעקומען, ווייסן מיר נישט. דאָס איז כמעט, ווי זיכער, אַז אַ יאָר בעפאָר קאָרטשין איז פאַרטיליקט געוואָרן. הי״ד, וזכר צדיק לברכה.

טויט שטראָף פאַר הערן ראַדיאָ

די דייטשע קאָמאַנדאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אויסגעקלעפּט מודעות, אַז יעדער דאַרף אָפּליפערן צו זיי די ראַדיאָס. צוהערן זיך פון ציווילע מענטשן צו ראַדיאָ וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. אויב מ׳וועט ביי עמיצן געפינען אַ ראַדיאָ, וועט ער דערשאָסן ווערן.

כמעט אַלע פאַראָרדנונגען זייערע זיינען געווען, מיט דער דראָאונג פון טויט־שטראָף.

דער שחיטה פאַרבאָט
און דער שוחט ר׳ משה לייכטאַג הי״ד

שוין אין פעברואַר 1940 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט אויף יידישער שחיטה. — אויב דער שוחט וועט שחט׳ן אַן עוף, לויטן יידישן דין, וועט ער דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

שוחט אין שטעטל, איז געווען ר׳ משה לייכטאַג, דעם אידעם פון שוחט ר׳ יעקב פנחס שיף הי״ד. ער, משה שוחט, האָט זיך מוסר נפש געווען און האָט יאָ געשאָכטן עופות, בכדי יידן זאָלן קענען געניסן פון אַ שטיקל פלייש. ער האָט גע׳שחט׳ן אין געהיים. אויב עס האָט ווער געהאַט אַן עוף און האָט צו וויסן געגעבן ר׳ משה׳ן, איז ער געגאַנגען צו יענעם אין הויז און דאָרט געשאָכטן דאָס עוף. — באַלד נאָכן שעכטן אָפּגעשניטן דאָס קעפּל פון עוף, טאָמער חלילה כאַפּט מען, זאָל מען נישט דערקענען אַז ס׳איז געשאָכטן נאָר גע׳הרג׳ט דאָס עוף.

עס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ר׳ משה האָט עס נישט געטאָן לשם פּאַרדינסט, נאָר דורכאויס לשם שמים. ר׳האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן, בכדי אַ ייד זאָל האָבן אַ שטיקל פלייש לכבוד שבת.

ווען קאָרטשין איז אומגעקומען איז ר׳ משה אַליין איבערגעבליבן. זיין פרוי, חנה, זיינע 4 קליינע קינדער האָבן די דייטשן דערמאָרדעט.

אַ קורצע צייט האָב איך געאַרבעט אין קראָסנאָ, מיט ר׳ משה׳ן צוזאַ־מען, אין דער זעלבער גרופּע. — מיר האָבן דעמאָלט איינגעוואָרפן די מויער, וואָס איז געווען אויף דער זייט פון וועג (קעגנאיבער איטשע דוד ווייזנער׳ס הויז), וואָס פירט קיין קאָרטשין. — מיר האָבן געדאַרפט דורכאַרבעטן אַ וועג, דורכן גאָרטן פון דער קאַפּוצינער קירכע, בכדי צו מאַכן אַ דירעקטן פאַרקער פון קאָרטשין צום רימאַנאָווער וועג, נישט צו דאַרפן אַרומקרייזן די קאַפּוצינער קירכע.

די גלחים פון דער קירכע האָבן פאַרלאַנגט, מ׳זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל די אַרבעט אָפּצושטעלן, זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד אין גאָרטן פון דער קירכע הויף און וואַרטן אויף אַ ווייטערע פאַראָרדנונג. דאָס איז געווען אַ וואָך נאָכדעם ווי קאָרטשין איז אומגעקומען.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. יחזקאל שטיין רופט זיך אָן:

— ר׳ משה, דערציילט עפּעס אַ מעשה פון „אַ גוטן ייד״!

משה לייכטאַג האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און אָנגעפאַנגען דערציילן מעשיות פון „גוטע יידן״, איינע נאָך דער אַנדערער.

כ׳האָב געשטוינט. מיר איז געווען ביטער, אינגאַנצן איין שטיק וויטיק. כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיינעם. כ׳בין געבליבן אַליין, ווי אַן אָפּגעריסענער אבר פון אַ גוף. אַזוי אויך ער, משה לייכטאַג.

מילא יחזקאל שטיין, האָט נאָך געהאַט זיין פרוי און קינדער. אָבער

משה לייכטאַג? די דייטשן האָבן דאָך דערמאָרדעט זיין פרוי און 4 קליינע קינדער!

ווי אַזוי האָט ער געקענט האָבן אַזאַ קאַלט געדולד, אָדער פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ געוואַלדיקער כוח, אין אַזאַ, פול מיט ווייטיק, מאָמענט, צו קענען געמיטלעך דערציילן מעשיות פון גוטע יידן?

וואָס איז דאָס געווען? טאַקע העלדישע גייסטיקע גבורה?!

אפשר קען עס עמיצער דערקלערן. איך קען עס עד היום נישט באַגרייפן!

יעקב יצחק פעסעל, אונזער בן עיר (וואוינט היינט אין שטאָקהאָלם, שוועדן), גיט איבער, אַז ר׳ משה לייכטאַג איז נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין קראָסנאָ, טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין ריישער געטאָ. ווען און וואו ר׳ משה לייכטאַג הי״ד איז אומגעקומען איז אונז נישט באַקאַנט.

תהא זאת המצבה לזכרו, וד׳ ינקום דמו.

פּאָלאַקן נעמען אַוועק ביי יידן די דירות

אַיעדער נבזה׳דיקער פּאָלאַק, אויב ער האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט צונעמען ביים ייד זיין דירה. אַי, וואו זאָל דער ייד גיין מיט זיין הויז־געזינט? איז וועמען אַרט עס?

דער גוי אַז ער האָט געוואָלט איז אַריינגעגאַנגען צום ייד און אים געזאָגט גאַנץ פשוט: הער אויס ייד, איך וויל זאָלסט מיר איבערגעבן דיין דירה! און דער ייד האָט אים זיין דירה געמוזט איבערגעבן!

אויב דער ייד האָט אים, דעם פּאָלאַק, איבערגעגעבן די דירה, צי געשעפט־לאָקאַל, מיטן גוטן ווילן האָט פּאַסירט, אַז דער גוי האָט מיטן ייד געהאַט אַ שטיקל „איינזעעניש״, אים געטאָן אַ „חסד״ און געלאָזט אים בלייבן מיט זיין משפּחה כאָטש אין אַן איינציקער שטוב. — אויב אָבער דער ייד איז געווען איבערגעאיילט, ס׳האָט אים פאַרדראָסן דעם גוי׳ס העזה און געזאָגט צום גוי: גיי צו אַלדי רוחות, טראָג דיך אַרויס פון מיין שטוב, דו רויבער! וואָסאַראַ העזה האָסטו צו פאַרלאַנגען מיין וואוינונג? ווער ביזטו? מיט וואָסאַראַ רעכט קומסטו?

דעמאָלט איז געשען אַזוי:

דער גוי איז געגאַנגען צום וואוינונגס־קאָמיסאַר, אַ דייטש ימ״ש, און ער דער דייטש האָט דעם פּאָלאַק געגעבן אַ שריפטלעכן באַפעל צום ייד,

אַז ביז 24 שעה דאַרף ער דער ייד פאַרלאָזן זיין וואוינונג און זי איבערגעבן דעם פּאָלאַק.

דער ייד האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין הויז, זיין דירה, אויב נישט האָט ער שוין געוואוסט, אַז ס׳קען זיין עפּעס נאָך ערגער.

אין קאָרטשין, וואו די גויים האָבן געוואוינט אויסער דער שטאָט און דאָרט געהאַט זייערע הייזער נאָענט צו די פעלדער און אַפילו ווען מ׳גיט זיי וויפל וואָלטן זיי נישט געגאַנגען וואוינען אין שטאָט אַריין, ווייט אָוועק פון זייערע קו־שטאַלן און פעלדער — האָבן אַזעלכע געשעענישן נישט געהאַט קיין פּלאַץ.

אָבער געוויסע פריי איז קאָרטשין דערפון אויך נישט געווען. טשייקע גנב׳ס זון איז אַריינגעגאַנגען צו לאה בלאַנק און איר געזאָגט אַז ער וויל איר פראָנט הויז.

לאה בלאַנק וויסנדיק פון אַזעלכע געשעענישן אין קראָסנאָ, האָט אים אָפּגעטרעטן דאָס גאַנצע הויז און ער, טשייקע גנב׳ס זון, האָט איר מיט די טעכטער געלאָזט בלייבן אין הינטערשטן טייל פון הויז.

דאָס צווייטע הויז, אהרן בלאַנק׳ס, וואָס איז געווען הינטן, אין גאָרטן, איז געווען פאַרנומען און באַוואוינט פון יידישע פליכטלינגע פון אַנדערע שטעט.

די דייטשן באַפאַלן די רוסן

שווערע גזרות און ביטערע צרות פאַר יידן

זייט מאַי 1940 האָט מען אין שטעטל קיין סאָלדאַט כמעט נישט געזען. אין פאַרגלייך מיט גרויסע שטעט און אַפילו אַנדערע קליינע שטעטלעך, איז אין קאָרטשין געווען פאַרהעלטניסמעסיק שטיל און רואיק.

פלוצים האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן דייטשע זעלנער. דאָס איז געווען אין חודש מאַי 1941. — זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין שטעטל. זיי האָבן געצויגן, מיטן וועג וואָס פירט קיין קאָמבאָרניא, אַרויפצו צו מזרח.

זיי האָבן נישט מאַרשירט אין קאָלומנעס, ווי געוויינלעך, צו 4 אין דער ברייט. זיי זיינען געגאַנגען איינציקווייז, איינער הינטער אַן אַנדערן, אַזוי ווי געגנז גייען, און אין קליינע צאָלן, פון 20־25 זעלנער, אויך שטיל אָן טומל. — דער רוב באַדעקט די היטלען מיט גראָזן אָדער צווייגלעך און נישט געטראָגן קיין ביקסן. איינצלנע טראָקס באַדעקט און איינגעהילט קאָמ־פלעט מיט גרינע צווייגן האָבן אַביסל שפּעטער נאָכגעפאָלגט. אַזוי טאָג איין טאָג אויס.

דער עולם אין שטעטל האָט זיך צוגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פון אַ פענסטער צו דעם דאָזיקן „פורים־שפּיל" און געגאַפט. ס'איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל געווען זיין אַזאַ „חכם" און קענען טרעפן וואָס דאָס באַדייט.

מאַנכע האָבן געפּראַוווט אויסטייטשן, אַז מסתמא „לערנען זיי זיך" ווי צו גיין, ד. ה. מאַרשירן אויף אַן אופן צו קענען אָפּנאַרן דעם שונא'ס עראָפּ־לאַנען, ער זאָל מיינען אַז דאָס זיינע בוימער, גערטנער און נישט קיין זעלנער.

אָבער אַז פוילן איז צעשמעטערט, פראַנקרייך צעבראָכן, כמעט גאַנץ אייראָפּע האָבן זיי שוין איינגעשלונגען און צעטרעטן מיט זייערע ברוטאַלע שטיוול, וועמען מיינט מען אָפּצונאַרן?!

אַז דאָס מיינען זיי, זייער פאַרבינדעטן, דעם חבר סטאַלין, דאָס איז קיין שום „חכם" פון שטעטל נישט איינגעפאַלן. — ערשט ווען די דייטשן ימ"ש זיינען אין יוני באַפאַלן די רוסן האָט מען פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז געווען.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן „נביאות געזאָגט" אַז אָט אָט און דער דייטש ימ"ש וועט איינגעמען אַ מיתה משונה, ר'וועט כאַפּן אַזאַ מפּלה, אַז ער וועט אַנטלויפן אַזוי, אַז ער וועט נישט קיין צייט האָבן אויסצופירן זיינע רוצח'ישע פּלענער בנוגע יידן.

געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ס'קען חלילה זיין ערגער און אַז מיט יידן איז נעבעך זייער שלעכט.

דער רשע ימש"ו האָט אין יאַנואַר 1942 געהאַלטן אַ רעדע און ער האָט אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט געשריגן:

„די וואָס האָבן געלאַכט, האָבן שוין אויפגעהערט צו לאַכן, און די וואָס לאַכן נאָך, וועלן באַלד אויפהערן צו לאַכן. — ער וועט נישט רוען ביז ס'וועט נישט פאַרשווינדן דער לעצטער ייד פון איראָפּע".

די גאַנצע פרייע וועלט האָט עס זיכער געהערט אויפן ראַדיאָ, אָדער געליינט אין די צייטונגען, אויב מיר די אָפּגעשלאָסענע און געפאַנגענע האָבן דאָס געלייענט אין דער דייטשער „קראַקויער צייטונג".

פאַרבאָט פאַר יידן צו האָבן געשעפטן

אין יוני 1941 האָבן די דייטשן ימש"ו אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז יידן טאָרן נישט האָבן קיין געשעפטן. יידישע געשעפטן זאָלן אַוועקגע־געבן און אָנגעפירט ווערן פון גויים.

אין שטעטל זיינען, אין דער צייט, בס"ה געווען 3 יידישע געשעפטן, די אַפּטייק, דאָס אייזנגעשעפט פון איטשע ראָסהענדלער און דאָס אייזנ־געשעפט פון בונעם מאַרגאָלעס.

אין איינעם אַ טאָג פון חודש יוני 1941 זיינען אַריין אין דער אַפּטייק דייטשע באַאַמטע מיט אַ פאָלקס־דייטש, אַ פאָלאַק, אַ פאַרמאַציסט פון פּאָזען, זיי האָבן באַפוילן דעם יידישן אַפּטייקער אַוועקצוגיין פון זיין אַפּטייק. צו־געריבט דאָס געלט וואָס איז געווען אין קאַסע און די אַפּטייק איבערגעגעבן דעם פּאָזנער פאָלאַק.

איטשע ראָסהענדלער און בונם מאַרגאָלעס האָבן נישט געוואַרט אויפן כבוד. איטשע ראָסהענדלער האָט אַליין איבערגעגעבן זיין אייזנגעשעפט דעם זון פון דעם קוכער, וואָס איז געווען ביי גראַף שעפּטיצקי. אויף דעם אופן איז איטשע ראָסהענדלער מיט זיין משפחה געבליבן אין זיין דירה און ביי

עפּעס גוצן פון זיין געשעפט. דער גוי האָט מיט דעם געלט, פאַר דער פאַר־קויפטער סחורה, זיך מיט איטשען געטיילט.

בונם מאַרגאָלעס האָט אויפן זעלבן אופן זיין געשעפט איבערגעגעבן צו סאָלעצקי׳ן.

פאַרבאָט יידן צו לייענען ציי‏טונגען

אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן ימש״ו אַרויסגעגעבן די גזרה אַז יידן טאָרן נישט לייענען קיין צייטונג. די צייטונגס־פאַרקויפער, די גויים, איז פאַראָרדענט געוואָרן נישט צו פאַרקויפן יידן קיין צייטונגען.

צייטונגען זיינען געווען צו פאַרקויפן ביי יענדזשעי גאָנעט אין געוועלב. ס׳זיינען אין אונזער שטאָט אָנגעקומען 2 צייטונגען, איינע אין פּויליש (דעם נאָמען געדענקען מיר נישט) און איינע אין דייטש, „די קראָקאוער צייטונג״. — אַ ייד איז טאַקע נישט געגאַנגען עפנטלעך קויפן אַ צייטונג, אָבער ווער ס׳האָט געוואָלט האָט געהאַט די צייטונג יעדן טאָג.

גזרה אונטער טויט שטראָף
יידן זאָלן געבן זייערע פּעלצן און פוטער צו די דייטשן

אין יאַנואַר 1942 זיינען געקומען אין שטעטל אַריין די דייטשן און אויפגעפּאָדערט, אַז יידן זאָלן זיי אָפּגעבן זייערע פּעלצן און פוטערס במשך פון טאָג. — זיי וועלן שפּעטער גיין פון הויז צו הויז אויף רעוויזיעס און ביי וועמען מ׳וועט געפינען פוטערוואַרג וועט גלייך אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

ס׳זיינען דערגאַנגען ידיעות פון אַנדערע שטעטלעך, אַז האָבנדיק גע־פונען, אַן אַלט אויסגעקראָכן, פאַרגרינט היטל, וואָס איז גאָר קיין פוטערס נישט געווען און ס׳האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט, דערפאַר האָט עס דער ייד נישט אָפּגעליפערט, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַזאַ ס צו ברענגען מ׳זאָל אים נישט חושד זיין אַז ער איז אויסן שפּאָט, אַ באַוויז, ער האָט עס נישט פאַרשטעקט, באַהאַלטן, אָבער זיי, די רוצחים, האָבן דעם ייד דערפאַר דערשאָסן. — אַן ענלעכע זאַך האָט פּאַסירט ביי איינעם, וואָס האָט נישט

אָפּגעגעבן אַ שטיקל פּאַרפּוצו. אַ קליין שטיקל אַזאָס, וואָס
דער ייד האָט געדענקט, אַז דאָס האָט קיין שום נוצן און ווערט פאַר זיי,
האָבן זיי דעם ייד דערשאָסן.

זיי האָבן נאָר געזוכט אַ תחבולה אַ ייד צו דער׳הרג׳נען.

דער „יודנראַט" האָט אַרויסגעשיקט שליחים אין אַלע הייזער, מודיע צו זיין דעם שטעטל, אַז היינטיקן טאָג מוז אָפּגעגעבן ווערן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט פוטער.

אַלע אין שטעטל, וואָס איינער האָט פאַרמאָגט, אפילו אַן אַלט אויס־געקראָכן שטריימל, האָט מען געטראָגן אין יודנראַט און געגעבן פאַר די דייטשן.

2 טעג שפּעטער זיינען די דייטשן ימש״ו געגאַנגען פון טיר צו טיר געזוכט און גענישטערט אין יעדן לאָך, אין יעדער שפּאַרע, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געפונען. — אונזער שטעטל איז אָפּגעקומען מיט שרעק, האָט נישט געהאַט קיין קרבנות ביי דער „פוטער און פעלצן אַקציע".

פאַרבאָט פאַר יידן אַרויסצוגיין אויסערן שטעטל

אין מערץ אָדער אַפּריל 1942 האָבן די דייטשן פאַרבאָטן יידן אַרויס־צוגיין אויסערן שטעטל.

ס׳איז אָנגעצייכנט געוואָרן ווי ווייט אַ ייד מעג גיין. מ׳האָט געמעגט גיין: ביז צו גאָדעלע גוטווייג׳ס הויז; ביז צו הערץ האַלפּערן׳ס הויז; ביז צו דער מאַנגעל; ביז צו דער אַפּטייק; ביז צו פשיסלופסקי׳ס הויז.

אויב אַ ייד וועט זיך באַווייזן, אויסער די דאָזיקע גרענעצן וועט ער ווערן דערשאָסן.

די דייטשן פאָדערן מ׳זאָל זיי געבן יידן צום דערשיסן

דאָס איז געשען אין 1942 אין אַ שיינעם מאַי־טאָג, אין אַ זונטיק. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, די זון האָט אַזוי העל, שיין געלויכטן, און אַזוי מחיה׳דיק געוואַרעמט. דער רינגפּלאַץ איז געווען פול מיט גוים, וואָס זיינען זונטיק געקומען אין דער קירכע.

פּלוצים אַ מהומה, אַ שרעק, אַ בהלה אין יידישע הייזער! (ווער קען עס באַצייכענען מיטן ריכטיקן באַגריף?) די געסטאַפּאָ פון קראָסנאָ איז געקומען אין שטעטל און פאָדערט פון יודנראַט צו געבן זיי יידן צום דער־שיסן. אַזוי סתם אָן אַן אויסרייד! זיי פאַרלאַנגען יידן צום דערשיסן!

און דער יודנראַט האָט געגעבן! דער קאָרטשינער יודנראַט האָט גע־לערנט ביים קראָסנאָער יודנראַט ווי אין אַזאַ פאַל צו אַקטן.

אין קראָסנאָ איז מיט אַ קורצער צייט פריער פאָרגעקומען אַזאַ זאַך. די געסטאַפּאָ האָט אויפגעפאָדערט דעם קראָסנאָער יודנראַט, אַז ער זאָל זיי געבן יידן צום דערשיסן און דער קראָסנאָער יודנראַט האָט זיי געגעבן יידן „גייסטיק צוריקגעשטאַנענע".

דער קאָרטשינער יודנראַט האָט געגעבן דער געסטאַפּאָ: נפתלי פינזל (נאַר), יהודית האָלאָשיץ, יוסף מאַלץ און די פרוי קאָרב, יוסף קאָרב׳ס פרוי.

די אַלע האָט די פוילישע געהילפס־פּאָליציי געפירט אויפן פּאָליציי־פּאָסטן, זיי איינציקווייז אַרויסגעפירט אויפן גלח׳ס פעלד און די געסטאַפּאָ האָט זיי דערשאָסן.

די גויים וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט אין מאַסן האָבן צוגעזען אונזער בראָך, ווי מען פירט יידן צום דער׳הרג׳נען.

וואָלט כאָטש געווען אַ פינסטערער, חושכ׳דיקער דרויסן. אָבער ווי אונז אויף להכעיס איז דער הימל געווען אַזאַ קלאָרער, אַזאַ ליכטיק בלויער. די זון האָט אַזוי העל געשיינט און זיך צוגעקוקט מיט גלייכגילטיקייט צו דער רויער ברוטאַלקייט, ווי מען הרג׳ט יידן, אומשולדיקע שוצלאָזע יידן!

די פרוי קאָרב

די פרוי קאָרב איז נישט געווען קיין גייסטיק צוריקגעשטאַנענע און נישט קיין פסיכיש קראַנקע. — אדרבא זי איז געווען אַ שיינע, יונגע פרוי, אין בליענדן עלטער פון 27־28 יאָר, געזונט און פריש, גייסטיק און פיזיש.

זי האָט געשטאַמט פון יאַסלאָ. האָט חתונה געהאַט קיין קאָרטשין, פאַר יוסף קאָרב, וועלכער איז געווען פון יאַשעניצא און האָט זיך באַזעצט אין קאָרטשין.

מען האָט די פרוי קאָרב געפירט מיט איר 2 יאָריק קינד אויף אירע הענט.

פאַרוואָס האָט דער יודנראַט זי איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ ? דער יודנראַט האָט געזאָגט, אַז די געסטאַפּאָ האָט בפירוש זי פאַרלאַנגט. אָבער פאַרוואָס ? פונוואַנען האָט די געסטאַפּאָ געוואוסט פון אַ פרוי קאָרב ?

מיר האָבן געפּרואווט צו דערגיין ביי מענדל האַלפּערן (יונה׳ס זון) דער פּאָליציסט ביים יודנראַט, האָט ער דערציילט אַזאַ מעשה :

באשר בכן אַז די געסטאַפּאָ האָט בפירש געפאָדערט די פרוי קאָרב ! פאַרוואָס ? האָט ער, מענדל, געזאָגט, אַז זי די פרוי קאָרב זאָל האָבן געווען אין איר יוגנט אַ קאָמוניסטקע, און אַז זי זאָל האָבן אַמאָל געהאַט אַ פּראָצעס, וועגן איר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין יאַסלאָער געריכט. פון די יאַסלאָער געריכטס־אַקטן האָט די געסטאַפּאָ זיך דערוואוסט וועגן איר. — אַז ס׳איז טאַקע אַזוי געווען און אַז אין יאַסלאָער געריכט זאָל געווען זיין פאַרצייכנט, אַז זי איז אַוועק קיין קאָרטשין, לייגט זיך נישט אויפן שכל. אָבער באַשולדיקן דעם יודנראַט אין ביזוויליקייט קען מען אויך נישט אין דעם פאַל.

די געסטאַפּאָ קומט ווידער שיסן יידן

דאָס איז געשען אין לעצטן דריטל פון חודש יולי 1942. לערך ביי 2 וואָכן, פאַר דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג, פון דער יידישער קהלה אין קאָרטשין.

ס׳איז געווען נאָך 6 אַזייגער אין אָוונט. דער מענטש איז — פון די פאַרשידענע טרויעריקע שמועות פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, און פון טאָג־טעגלעכן פּחד אין אייגענעם שטעטל — געווען צוזאַמענגעבראָכן און פאַרגליווערט.

פּלוצים באַווייזן זיך די פּאָליציי־לייט פון יודנראַט, גייען פון הויז צו הויז און זאָגן: די געסטאַפּאָ איז דאָ! יעדער מוז זיין אין הויז, מ׳טאָר נישט אַרויסגיין. ווען מ׳וועט, נאָך 7 אַזייגער טרעפן אינדרויסן וועט ווערן דערשאָסן.

אַ שוידער איז איבער אַלעמען אַדורך, ווער ווייסט, וואָס די נאַכט וועט ברענגען.
— קיינער איז די נאַכט נישט געגאַנגען שלאָפן... מ׳איז געזעסן איינגעקאָרטשעט, פאַרגליווערט און רעזיגנירט...

די שעה׳ן רוקן זיך פּאַמעלעך. אַ טויטע שטילקייט אַרום און אַרום. מען הערט גאָרנישט! רבש״ע, אפשר וועט שוין צו דער נאַכט נעמען אַן ענד!

ס׳איז 2 אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט. פּלוצים: אַ שרעקלעכער געיאָמער, וואָס האָט געשפּאָלטן דעם חלל אין דרויסן און מורא׳דיק אָפּגעהילכט אין שטוב. — דער געיאָמער האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. — דאָס לשון איז אָפּגענומען געוואָרן פאַר שרעק, טאַקע אין פּשוט׳ן פּשט פון וואָרט, מען האָט נישט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט. פון וואַנעט האָט זיך גענומען דער כוח, אַז מען איז נישט אויסגעגאַנגען פון פּחד?

איך קען מיט מיין שפּראַך נישט אויסדריקן די שרעק און באַטויבונג אונזערע פון דעם יאָמערלעכן געוויין, וואָס מיר האָבן געהערט, וואָס אַמאָל העכער, שטאַרקער, שעה׳ן לאַנג, אָן אויפהער.

ס׳איז 5 אַזייגער פרי. איך קוק אַרויס דורך אַ שפּאַרע פון הינטער־

טויער. איך דערהער אַ שטילריידן ידיש. איך עפן דאָס טויער און דערזע אונטן אין געסל, יאַנקל שפרונג און געצל שיף. איך לויף אַראָפּ:

דאָס וויינט אַזוי יאָמערלעך אײדל, משה ווילנער׳ס טאָכטער. די געסטאַפּאָ האָט דערשאָסן איר מאַן און איר ברודער פײביש.

משה ווילנער׳ס הויז איז געווען פון אונז דאָס דריטע אין דער ריי. די מויערן דאָרט זיינען געווען אַ האַלבן מעטר די דיק. טראָצדעם האָט מען אײדלס געוויין אַזוי געהערט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס׳קומט פון אונטער אונזער וואַנט. — נאָך היינט קלינגט אין מיינע אויערן אײדל׳ס ביטערע וויינען. נאָך היינט געדענק איך און הער דער אומגליקלעכער׳ס יאָמערן.

אײדל האָט, ערשט נישט לאַנג, פאַרן קריג חתונה געהאַט, דוכט זיך אַ יאָר. איר מאַן איז געווען פון מזרח גאַליציע. — ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן און מ׳איז געלאָפן קיין מזרח צו, איז ער, מיט זיין שוואָגער פײביש, אַוועק אין זיין שטעטל אין אָסט־גאַליציע.

ווען דער דייטש ימש״ו איז באַפאַלן די רוסן און האָט אָקופּירט מזרח־גאַליציע, זיינען די, וואָס האָבן געקענט, צוריקגעקומען. — ס׳איז ערשט געוואָרן 2 וואָכן, ווי אײדל׳ס מאַן, מיט פײביש׳ן, זיינען צוריקגעקומען.

אײדל׳ס מאַן איז געווען אַ תלמיד חכם און אַ זעלטן שיינער מאַן, ממש אַ שיינע בלום. און דאָ אַזאַ טראַגעדיע, אַזוי שוידערלעך, ברוטאַל אויסגעלאָשן זייערע יונגע לעבנס! הי״ד.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז אויך דערשאָסן געוואָרן ר׳ משה עפּשטיין ז״ל. וועגן אים שרייב איך באַזונדער.

איך האָב שפּעטער געהערט, אַז די געסטאַפּאָ האָט געפּאָדערט פון יודנראַט די וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון דער רוסישער זייט און אויך דעם רב.

אין דער נאַכט האָט מען אַרויסגענומען: ר׳ משה עפּשטיין און משה ווילנער׳ס אײדעם (זיין נאָמען געדענק איך נישט), פײביש ווילנער, לייביש ריטער, יהושע און אברהם רינגלהיים. די לעצטע דריי, לייביש ריטער און יהושע מיט אברהם רינגלהיים האָבן געהאַט אַרבעטס־קאַרטן, אַז זיי אַרבעטן ביי די דייטשן — און נאָכן אָפּשטיין די גאַנצע נאַכט ביז 4 פאַרטאָג, מיט די הענט אין דער הויך און פּנים צו דער וואַנט, האָט מען זיי געלאָזט פריי.

דער קדוש ר׳ משה עפשטיין הי״ד

ר׳ משה עפשטיין איז געווען דעם נעמיראָווער רב׳ס זון און דער אײדעם פון ר׳ אברהם ראַב הי״ד אין קאָרטשין.

ר׳ משה איז געווען אַ תלמיד חכם מובהק און אַ בעל הוראה. ווען דער רב איז אַמאָל אויף אַ צייט אַוועקגעפאָרן, האָט ר׳ משה פאַרטרעטן דעם רב, גע׳פסק׳נט שאלות פאַרן שטעטל אָן באַלוינונג. — ר׳ משה איז געווען אַ מענטש פון אַ זעלטן אײדעלן כאַראַקטער, אַ קלוגער, אַ פאַרשטענדלעכער. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו שמועסן.

מ׳האָט אים, פיל מאָל, אָנגעבאָטן אַ רבנות שטעלע, אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט בעסער געוואָלט מפרנס זיין די משפחה זיינע פון אייגענער מי און נישט זיין אַ משועבד צו קהל.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז דער קאָרטשינער רב אַוועק פון שטעטל. ר׳ משה האָט דעמאָלט ווידער גע׳פסק׳נט שאלות פאַרן שטעטל, אָן שכר.

אָבער ווען דאָס דחקות, מחמת דעם קריג, האָט זיך שוין גאָר שווער געלאָזט פילן ביי ר׳ משה׳ן אין הויז, ווען הונגער האָט שוין שטאַרק דער־קוטשעט זיינע יונגע קינדערלעך, האָט ער זיך געווענדעט (נישט פערזענלעך אַליין, נאָר דורך אַנדערע), צום יודנראַט, אַז היות ער באַדינט דאָס שטעטל במקום רב און ער לײדט הונגער, בעט ער מ׳זאָל אים געבן עפּעס אַ געהאַלט.

די בקשה זיינע איז געווען אַ גערעכטע און דער יודנראַט האָט אים געגעבן וועכנטלעך אַ פּאָר זלאָטעס, וויפיל, געדענקען מיר נישט. צי ס׳האָט אים געקלעקט אויף אַ שטיקל ברויט פאַר זיינע קינדערלעך, קענען מיר זיך נישט דערמאָנען. — מיר ווייסן, אַז דער אַפּטייקער האָט אים אויך געגעבן יעדע וואָך צען זלאָטעס. — ר׳ משה איז געווען אַ פאָטער פון 8 מינדער־יעריקע קינדער.

קיין אָפיציעלער רב איז ר׳ משה נישט געווען און ער האָט עס אויך נישט געוואָלט זיין.

ווען די געסטאַפּאָ האָט פאַרלאַנגט אין יולי 1942 צו ברענגען דעם רב האָבן די יודנראַטלער געמעגט זאָגן, ווי דער אמת איז געווען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין רב אין שטעטל, אַז דער רב איז אַוועק נאָך אין 1939. זיי האָבן נישט געדאַרפט מורא האָבן, ווייל ווען די געסטאַפּאָ פרעגט וועמען

ס׳איז, וואָלטן זיי באַקומען אַזאַ ענטפער. קיינער האָט נישט באַטראַכט ר׳ משה׳ן פאַרן רב. מער ווי דריי פערטל פון שטעטל האָבן אַפילו נישט געוואוסט, אַז ר׳ משה באַקומט עפּעס פון יודנראַט.

קען זיין, אַז די חברה פון יודנראַט האָבן פאַר שרעק פאַרלוירן דעם שכל, אָדער, אַז דער בולדאָג, מענדל, דער פּאָליציי־מאַן פון יודנראַט, מיט זיין גראָב־יונגישן שכל האָט געבראַכט ר׳ משה׳ן. ווי אַזוי ס׳איז געווען ווייסן מיר נישט.

ר׳ משה איז נישט דערשאָסן געוואָרן. ווען די דייטשן ימש״ו האָבן אים געשאָסן, האָט די קויל אים נאָר פאַרוואונדעט, אָבער נישט געטויט.

די דייטשן ימ״ש האָבן געמיינט אַז ער איז טויט. ווען זיי זיינען אַוועק, האָט ר׳ משה, אין דער נאַכט פינסטערניש, זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, און איז אַריין צו יאַנטשע אינפעלד (שרה׳טשע גוטווינס איידעם), און זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן.

אַז ס׳איז טאָג געוואָרן האָבן די רוצחים ימ״ש דערזען אויפן פעלד, אַז איין קרבן פעלט.

די געסטאַפּאָ איז צוריק אַוועק קיין קראָסנאָ. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, אַ רשע, אַ צורר היהודים, איז געקומען צום יודנראַט און געזאָגט: אַז ער קומט אין באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, אַז אין פאַרלויף פון 4 שעה זאָל מען, צום פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן, ברענגען ר׳ משה׳ן. און אויב נישט וועלן דער־שאָסן ווערן 40 יידן.

דער יודנראַט האָט דאָ אויך פאַרלוירן דעם שכל. דער פּוילישער פּאָליציאַנט האָט אַליין נישט געקענט, אויף אייגענער האַנט, גאַרנישט טאָן. מען האָט געקענט וואַרטן און זען צו די געסטאַפּאָ האָט טאַקע אַזאַ באַפעל געגעבן. ערשט דעמאָלט איז אויך צייט געווען אַרויסצוגעבן ר׳ משה׳ן. זיי האָבן אויך געקענט פאַרן קיין קראָסנאָ און פאַר געלט אויסקויפן ר׳ משה׳ן. עפּעס איז עס נישט צום גלויבן אַז די געסטאַפּאָ זאָל זיך „פאַרלאָזן" אויף אַ פּוילישן פּאָליציאַנט.

דער יודנראַט האָט אָבער פאַרלוירן דעם שכל, און נאָך באַלד אין דער פרי, אַזייגער זיבן, האָבן זיי שוין געפונען ר׳ משה׳ן און אים איבערגעגעבן דעם פּוילישן פּאָליציאַנט.

און אפשר וואָלטן אַנדערע אויך פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד? ווער קען דן זיין יענעם אין אַזאַ צושטאַנד?

ווען די יודנראַטלער האָבן ר׳ משה׳ן געפונען האָבן זיי אים געזאָגט:

די דייטשע געסטאַפּאָ דראָט, אַז אויב מ׳וועט אים, ר׳ משה׳ן נישט צושטעלן וועלן זיי דערשיסן 40 יידן.

ר׳ משה ז״ל האָט געזאָגט:

„איך בין גרייט צו זיין אַ כפרה פאַר כלל ישראל. — איר זאָלט מיט־געבן אין מיין קבר אַ מעסער. איך וועל נעמען נקמה אין די דייטשן ימש״ו פאַר דעם אומשולדיקן בלוט פון די יידן, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן״.

מען האָט אין ר׳ משה׳ס קבר אַריינגעלייגט אַ מעסער. — ער איז געקומען צו קבר ישראל, אויפן יידישן בית עולם, אין קאָרטשין.

קיין מצבה אויף זיין קבר איז נישטאָ.

תהא זאת המצבה לזכרו, ארץ אל תכסי דמו, וי להאי שופרא דבלא בארעא. יהי זכרו ברוך ותנצב״ה, וד׳ ינקום את דמו השפוך.

שרעקלעכע ביטערע בשורות
די דייטשן פאַרניכטן גאַנצע קהלות

ס׳זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז אין די גרעסערע שטעט, אין קראָקע (קראַקאָוו) און טאַרנאָוו, אין ריישע און אין אַנדערע שטעט איז פאָרגעקומען שרעקלעכעס: די דייטשן ימש״ו האָבן אַוועקגעפירט טויזנטער יידן און מ׳ווייסט נישט וואוהין; אַז אין שטעט קומען פאַר „רעגיסטראַציעס״ צו אַרבעט און ביי די דאָזיקע רעגיסטראַציעס שיסן, די דייטשן ימ״ש, אויס מאַסן יידן; אַז די דייטשן מעקן אָפּ גאַנצע קהלות.

אין יולי 1942 האָבן די דייטשן ימ״ש אַרויסגעטריבן די יידן פון די דערפער און באַפוילן זיי צו גיין קיין קאַרטשין. אויך פון דאָרף טאָראַשאָווקאָ, וואָס האָט געהערט קיין קראָסנאָ, און פון דערפער, וואָס האָבן געהערט קיין פריסטיק, זיינען יידן פאַרטריבן געוואָרן קיין קאַרטשין. אויך אייניקע משפחות פון קראָסנאָ זיינען געקומען אין אונזער שטעטל. — פון אַ צייט פריער זיינען שוין אין שטעטל געווען יידישע פליכטלינגע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון ראַדאָם, קראָקע און אַנדערע גרעסערע שטעט.

די דייטשן ימ״ש האָבן קאָנצענטרירט די יידן פון עטלעכע ערטער אין איין פּלאַץ, בכדי זיך לייכטער צו מאַכן זייערע מאָרד אַקציעס.

ס׳זיינען דעמאָלט געווען אין שטעטל לערך 800 נפשות פון פאַרשיי־דענע ערטער און צוזאַמען מיט די אַלטגעזעסענע איז אין שטעטל געווען לערך 1600 יידישע נפשות.

ס׳איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אַריינצונעמען אַלע פאַרטריבענע יידן, אין פּריוואַטע היימען. — צענדליקע אומגליקלעכע, אויסגעוואָרצלטע משפחות האָבן זיך געוואַלגערט אין געוועלבער און אין בית המדרש.

ס׳איז גענוג געווען צו זען דעם צער פון די אומגליקלעכע, אַז מ׳זאָל צוזאַמענברעכן; אַז מ׳זאָל מקנא זיין, די וואָס זיינען געשטאָרבן.

גזרה, אַז יידן מוזן באַצאָלן אַלע שטייערן וואָס זיי זיינען שולדיק צו דער פּוילישער מלוכה און אַז יידן טאָרן נישט באַנוצן עלעקטריע

אין יולי 1942 האָבן די דייטשן ימש"ו אַרויסגעגעבן די גזרה, אַז יידן (גויים נישט) מוזן צו זיי, די דייטשן, באַצאָלן אַלע שטייערן וואָס זיי זיינען שולדיק דער פּוילישער מלוכה, וואָס זיינען נישט באַצאָלט געוואָרן מחמת מלחמה־אויסברוך.

גלייכצייטיק מיט דער שטייער־גזרה איז אויך געקומען דער פאַרבאָט פאַר יידן צו באַנוצן עלעקטריש ליכט.

אַ מורא'דיקע דערדריקונג און פאַרצווייפלונג אין שטעטל. מ'האָט אָנ־געפאַנגען פאַרדעכטיקן און פאָראויסשפּילן, אַז זיי די גרוילעכע מערדער, די דייטשן, גרייטן עפּעס און זיי ווילן אַרויסבאַקומען דאָס געלט פון די קרבנות, בעפאָר זיי וועלן זיי פאַרניכטן.

אָבער מען האָט געפּרואווט אָוועקשטופּן די ביטערע מחשבות, אַז אפשר איז עס דאָך נישט אַזוי, אַז די רשעים, די דייטשן ימש"ו, זיינען אפשר טאַקע נאָר אויסן ס'געלט און נישט די נשמה.

ס'זיינען, אמת, דערגאַנגען ידיעות, אַז די דייטשן מעקן אָפּ גאַנצע קהלות, אַז פון די גרויסע שטעט זיינען יידן אָוועקגעפירט געוואָרן ערגעץ־וואו, וואו קיינער ווייסט נישט, אָבער אַז ס'איז אַ פולשטענדיקע אויסראָטונג, האָט מען נישט געוואָלט גלויבן. מען האָט זיך נישט געקענט גלויבן, אַז ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע געמיינע, נידעריקע ברואים, וואָס הייסן דייטשן, וואָס זיינען פּעאיק, פשוט, צו דערמאָרדן פרויען און קינדער.

האָט מען זיך איינגערעדט און גענאַרט. און טאַקע זיי, די דייטשע אונטערבאַשעפענישן, האָבן אַזוי איינגערעדט, אַז „דאָ" וועט גאָרנישט געשען! פאַרוואָס ערגעץ אַנדערש יאָ און דאָ נישט?

„ס'איז טאַקע אמת אַז „ערגעץ דאָרט" האָט „עפּעס" פּאַסירט, אָבער דאָ, ביי אונז, וועט עס נישט פּאַסירן, ווייל ערשטנס זיינען זיי „בעסערע" ווי „יענע" דאָרט, און צווייטנס, די דייטשע מאַכט דאַרף דאָך האָבן אַרבעטער, נו, וועט מען דאָך נישט אַלע פאַרניכטן, וועלן זיי זען, אַז דאָ זאָל עס נישט פּאַסירן".

מען האָט נישט געגלויבט זייערע רייד. מ'האָט גוט געוואוסט, אַז מען

דאַרף זיי נישט גלויבן. — אָבער צי איז דען געווען אַן אַנדער ברירה ?! אויסזיכטן מיט אייגענע כחות זיך צו ראַטעווען, זיינען דאָך געווען פול־שטענדיק נול! און אַ פּיצעלע פונק פון האָפענונג איז עס אפשר דאָך, אפשר טאַקע? אפשר וועט זיך שוין דער רבש״ע מרחם זיין? און אין דעם האָבן דאָך אַלע געוואָלט גלויבן!

יונגע רעגיסטרירן זיך צו אַרבעט
אַלטע שערן זיך אָפּ באָרד און פּאות אויסצוזען יונג

די געסטאַפּאָ־לייט ימש״ו אין קראָסנאָ האָבן ווי בלוט־ווערים (פּיאַווקעס) געזויגן יידיש געלט. — דער יודנראַט אין קראָסנאָ האָט אָפּט זיי געמוזט ליפערן קאָסטבאַרע זאַכן, וואָס ס׳איז שווער געווען צו באַקומען, ווי: גוטע שטאָפן פאַר אַנצוגן, מאַנטלען, פיינע לעדער פאַר שיך און שטיוול און אַנדערע זאַכן וואָס מחמת דעם קריג איז עס נישט געווען צו באַקומען, און אפילו קאַווע, וואָס איז גאָר שווער געווען צו קריגן. זיי האָבן געזאָגט אַז דאָס דאַרף מען זיי צושטעלן און דער קראָסנאָער יודנראַט האָט עס פאַר גרויסע געלטער, פון ערגעץ־וואו, ביי גויים, געקויפט און זיי דאָס צוגעשטעלט. געלט איז דאָך אָפּגערעדט, שווערע טויזנטער האָבן זיי אויסגעזויגן פון יידן. דער קאַרטשינער יודנראַט האָט אויך, נישט אַמאָל, צוגעשטעלט פאַרשיידענע זאַכן צו דער געסטאַפּאָ.

די געסטאַפּאָ האָט, פאַר אַ סך טויזנטער, „פאַרזיכערט״ דעם יודנראַט אין קראָסנאָ, אַז דאָ און אויך אין קאַרטשין וועט גאָרנישט פּאַסירן.

אין דער געגנט זיינען פאַראַן אַזויפיל דייטשע פירמעס, וואָס אַרבעטן פאַר דער דייטשער קריגס־מאַשין, הייסט דאָס, ווי אַן אַרבעטסלאַגער. די דייטשן דאַרפן אַרבעטער, און זיי וועלן שוין צוזען, אַז דאָ זאָל זיין רואיק. נאָר יעדער זאָל גיין אַרבעטן. די עלטערע מוזן דאָך זיין צו באַזאָרגן די יונגע, נאָך דער אַרבעט, מיט אַ לעפל עסן און אַנדערע נויטיקייטן. אַזוי אַז מ׳האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, אַלעס וועט גוט זיין. רק יעדער זאָל זיין באַשעפטיקט ד. ה. אַרבעטן ביי די דייטשע אונטערנעמונגען.

יונגע פון 12 יאָר אָן האָבן זיך געמאָלדן צו אַרבעט. טייל זיינען אַוועק־געשיקט געוואָרן אין לאַגערן ווייט אַוועק פון דער היים, און טייל האָבן געאַרבעט אין קראָסנאָ, ביי דייטשע פירמעס.

די פון קאַרטשין, וואָס האָבן געאַרבעט אין קראָסנאָ (איבער 70) האָבן

יעדן טאָג זיך פאַרזאַמלט אין מאַרק, 6 אַזייגער פרי, מאַרשירט צו פוס אונטער אַן אויפזעער, קיין קראָס, בכדי צו קענען זיך שטעלן פּינקטלעך 8 אַזייגער צו דער אַרבעט. — 7 אַזייגער אין אָוונט זיינען זיי צוריקגעקומען אַהיים נעכטיקן.

יונגע מיידלעך, בערך 40, האָבן געאַרבעט ביי פעלד־אַרבעט, אין קאַמ־באַרניער הויף, וואָס איז געווען אונטער אַ דייטשער מיליטערישער פאַר־וואַלטונג.

עלטערע האָט דער יודנראַט רעגיסטרירט צו לאָקאַלע אַרבעטן: אַ חברה סאַניטאַרן מוז מען דאָך האָבן! אַ חברה מקבר צו זיין אַ מת מוז דאָך זיין! אַ בעדער, דאַרף דאָך אַ שטעטל! קוכערס פאַר די פאָלקס־קיך — און אַזוי כסדר און כסדר. אַלע „מוזן" זיין, ווייל אָן די דאָזיקע טעטיקייטן קען מען זיך נישט באַגיין!

אַלטע יידן האָבן אָפּגעשוירן זייערע בערד און פאות, בכדי זיי זאָלן אויסזען, ווי יונגע, אַרבעטס־טויגלעכע, מענטשן.

רבש"ע אין הימל! וויפל צער, וויפל פּיין, האָבן די אָפּגעשוירענע בערד אָפּגעדעקט אויף די פּנים'ער פון די דאָזיקע עלטערע יידן!

ווער קען מיט ווערטער אָפּמאָלן, ווי ס'האָבן אויסגעזען, די נאַקעט־געוואָרענע — פון באָרד און פאות — פּנים'ער, פון אַזעלכע יידן, ווי: ר' בנימין רובין, איטשע ראָסהענדלער, משה ווילנער, נחמן לייביש רייך, יאַנקל שפּרונג און אַנדערע. — און אויגן? אוי! אַזעלכע צער'דיקע, אַזוי טיף איינגע־גראָבן, פאַרנעפּלטע, אויף פּנים'ער, אַזעלכע פאַרגעלטע, טאַקע ווי ביי אמת'ע מתים!

אָפּגעמעקט די יידישע קהלה פון קאָרטשין און פון קראָסנאָ

לאָמיר צום ערשט דערציילן, ווי ס׳איז אָפּגעמעקט געוואָרן די יידישע קהלה פון קראָסנאָ.

זונטיק כ״ו אב תש״ב, 9.8.42 איז געקומען די ידיעה, אַז ס׳איז אַרויס אַ באַפעל, פון דער געסטאַפּאָ ימ״ש אין קראָסנאָ, אַז מאָנטיק, 10.8.1942, 9 אַזייגער פרי מוזן אַלע קראָסנאָער יידן זיך פאַרזאַמלען אויף דער טאַרגאָוויצע, נעבן דער באַן סטאַציע, וואו ס׳וועט פאָרקומען אַ „רעגיסטראַציע״.

קיין קאָרטשין איז געקומען אַ באַפעל, אַז די אַרבעטער פון קאָרטשין זאָלן מאָנטיק נישט גיין צו דער אַרבעט. זיי זאָלן בלייבן אין שטעטל.

מ׳האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון שטאָט, אָבער טראָצדעם האָבן אייניקע זיך אַריינגעשוואָרצט קיין קראָסנאָ זיך צו דערוויסן, וואָס דאָרט געשעט.

אין אָוונט האָט מען געבראַכט די ידיעה, אַז די יידן פון קראָסנאָ שטייען נאָך אַלץ דאָרט אויף דער טאַרגאָוויצע און וואָס ס׳וועט מיט זיי געשען ווייסט מען נישט.

צומאָרגנס דינסטיק 11.8.1942 האָט מען שוין געוואוסט, אַז די קראָס־נאָער יידן זיינען דאָרט אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, אויסגעטריקנט פון דער היץ. די דייטשע רשעים ימ״ש האָבן נישט דערלאָזט פאַר זיי אַפילו אַ שלוק וואַסער. — אַלע, מענער, פרויען און קינדער וואָס האָבן זיך צוגע־שטעלט צו דער „רעגיסטראַציע״ (אַ פאַר הונדערט האָבן זיך נישט צוגע־שטעלט) זיינען פון דער געסטאַפּאָ ברוטאַל געשלאָגן געוואָרן און אויפגע־לאָדנט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען פאַר בהמות, צו 60 פּערזאָן אין איין וואַגאָן, און מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג צו מזרח. וואוהין ווייסט מען נישט. מ׳זאָגט, אַז קיין בעלזשעץ.

קראָסנאָער יידן האָבן באַצאָלט אַ פּאָלאַק, איז ער נאָכגעפאָרן ביז צו דער סטאַציע איוואָניטש, צוריקגעקומען און דערציילט, אַז די וואַגאָנען שטייען אַ גאַנצן טאָג, דינסטיק, אויף דער סטאַציע. די מענטשן שרייען: וואַסער! אָבער קיינער ענטפערט נישט. — דר. באַומרינג האָט פון וואַגאָן אויסגע־

שריגן: באַרבאַרן, וואָס איר זייט! האָבן די דייטשן אים אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן און אים דערשאָסן.

איבערגעלאָזט, אויף דערווייל, צו לעבן האָבן די דייטשן די מערדער, נאָר די יעניקע וועלכע זיינען געווען שקלאַפן אַרבעטער פאַר די דייטשע פירמעס, און וועלכע די דייטשע פירמעס האָבן געפאָדערט מ׳זאָל זיי אַרויס־געבן די שקלאַפן זייערע. — אויפזעערס פון די דייטשע פירמעס האָבן איבער־גענומען יעדער זיין צאָל אַרבעטער און זיי אָפּגעפירט אין באַראַקן, וואָס זיינען פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן. — די יעניקע פירמעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַראַקן, זיינען זייערע אַרבעטער, אונטער אַ וואַך פון ס.ס.־לייט, אַריינגעפירט געוואָרן אין לאַגער, וואָס מ׳האָט גערופן „געטאָ".

דער „געטאָ" איז געווען אויף דעם „פּוטער פּלאַץ". דאָס איז דער פּלאַץ וואו די פּויערים פלעגן אין מאַרקטאָג (יאַריד) אויסשטעלן צו פאַרקויפן פּוטער און אייער. — דער „געטאָ" איז באַשטאַנען (אינגאַנצן) פון פיר הייזער, 3 איינשטאָקיקע און איין פּאַרטער־הויז.

אין די דאָזיקע 4 קליינע הייזער האָבן זיך געשטיקט ביי 800 נפשות. אין אַ שטוב פון 5x5 מעטער האָבן „געוואוינט" 15־20 פּערזאָן. — משפחות זיינען געווען נאָר איינצלנע. דער רוב איז געווען איינצלנע פּערזאָנען, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע משפחות. — ביי די ווענט, אַרום פון שטוב, האָט מען אָוועקגעשטעלט קאַסטנס, צווישן די קאַסטנס ברעטער, וואָס האָט גע־בילדעט שטאָקן, צו קענען שלאָפן אונטן און אויבן. — ווער ס׳האָט נישט געהאַט אַזאַ „באַקוועמלעכקייט" האָט זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע.

בערך 600 פּערזאָן, מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און זיך נישט געשטעלט מאָנטיק 10.8.1942 צו דער רעגיסטראַציע. — אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט צו באַצאָלן האָט זיי די געסטאַפּאָ פאַר געלט געגעבן דעם „סטעמפּל", ד. ה. די לעגאַליזאַציע צו גיין צו שקלאַפן אַרבעט, און די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט, אָדער געווען נישט גענוג פעאיק צו שקלאַפן־אַרבעט זיינען „אויף טרפה" אויסבאַהאַלטן זיך אויף די בוידעמס אין געטאָ, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו.

לערך 3 וואָכן, אָדער איניקע טעג שפּעטער, נאָך דער „רעגיסטראַציע" אין קראָסנאָ, איז די געסטאַפּאָ ימ״ש געקומען צו די פירער פון געטאָ און דערקלערט, אַז די יעניקע, וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט, מאָנטיק, 1942 10.8, צו דער רעגיסטראַציע מעגן עס טאָן איצט. זאָלן זיי דערשיינען אויפן געטאָ־פּלאַץ. אַלע אָן אויסנאַם וועלן רעגיסטרירט און „לעגאַליזירט" ווערן,

מ׳האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן, קיין שום שלעכטס וועט צו קיינעם נישט געטאָן ווערן.

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן דאָס „ערנסט פּאַרזיכערט" מיט זייער „ערן־וואָרט".

די יידישע געטאָ־פירער האָבן זיי געגלויבט! עפּעס אַ קלייניקייט, אַ „דייטש׳ס ערן־וואָרט"!

בקיצור מ׳האָט צעקלעפּט מודעות און מ׳האָט יעדן געזאָגט, אַז ס׳דוכט זיך, אַז דאָסמאָל מעג מען די מערדער גלויבן.

ביי 200 מענטשן זיינען, אין באַשטימטן טאָג, געקומען אויפן געטאָ־פּלאַץ און געוואַרט אויפן סטעמפּל „צו בלייבן".

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיך „מענטשלעך" באַנומען, צוגעוואַרט ביז דער מענטשן־שטראָם, צום געטאָ־פּלאַץ, האָט זיך פאַרענדיקט.

דאַן — זיינען די מענטשן אַרומגערינגלט געוואָרן! טראָקס זיינען פּלוצים אַריינגעפאָרן אין געטאָ אַריין, אַלע זיינען באַהאַגלט געוואָרן מיט שווערע קלעפּ, צווינגענדיק זיי אַרויפצוגיין אויף די לאַסט־אויטאָס.

זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן צו אַן אָרט, פון וואַנעט מען קומט נישט צוריק...

איין איינציקן, מענדל לינדענבערג, איז געלונגען אַראָפּצושפּרינגען אין מיטן וועג ערגעץ, פון לויפנדיקן אויטאָ, און איז 2 טעג שפּעטער, צוריק־געקומען אין געטאָ אַריין.

דאָס קראָסנאָער געטאָ האָט עקזיסטירט פון 10.8.1942 ביז 2.12.1942.

— אין דעצעמבער 1942 זיינען די יידן וואָס זיינען געווען אין קראָסנאָער געטאָ, אַוועקגעפירט געוואָרן אין רזשעשאָווער (ריישע׳ר) געטאָ.

אַ סך זיינען ביי דער דאָזיקער אַקציע דערשאָסן געוואָרן, צווישן זיי דער קראָסנאָער רב, הרב ר׳ שמואל פירער ז״ל, הי״ד.

די ליקווידאַציע פון קאָרטשין

דינסטיק כ״ח אב, תש״ב 11.8.1942 איז קיין קאָרטשין געקומען אַ באַפעל, אַז מאָרגן מיטוואָך 12.8.1942 דאַרפן אַלע אַרבעטער גיין צו דער אַרבעט. ווי געוויינלעך אַלעמאָל.

כמעט אומעטום, אין דעם טאָג ווען די דייטשן ימ״ש האָבן פאַרניכטעט אַ שטאָט האָבן זיי באַפוילן אַלעמען צו זיין אין די הייזער. די אַרבעטער זאָלן נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, בכדי אַלעמען צו האָבן אין דער פאַסטקע. — אַזוי איז אויך געווען מאָנטיק אין קראָסנאָ, ווען זיי האָבן ליקווידירט די יידישע באַפעלקערונג דאָרט.

אויב די דייטשן ימש״ו האָבן באַפוילן אַלע אַרבעטער פון קאָרטשין צו גיין צו דער אַרבעט קיין קראָסנאָ איז עס דאָך זיכער, אַז היינט וועט עס מיט אונזער שטעטל נישט געשען.

מ׳האָט זיך שוין נישט געגאַרט, מ׳האָט זיך אָפּעגעבן חשבון, אַז די שעה׳ן זיינען געציילטע, אַז דער גורל וואָס האָט געטראָפן קראָסנאָ, וועט נישט אויסמיידן קאָרטשין. — דער חשק צו לעבן איז געווען שוין אָפּגע־טעמפּט, אָפּגעטויט. מ׳האָט געוואוסט, אַז אויסזיכטן צו אַנטרינען זיינען נישטאָ. — אָבער געגלויבט האָט מען, אַז היינט וועט עס נאָך נישט געשען.

מיטוואָך, זיבן אַזייגער אינדערפרי האָבן די קאָרטשינער אַרבעטער, אויסגעשטעלט צו 4 אין אַ ריי, אַרויסמאַרשירט קיין קראָסנאָ צו דער אַרבעט.

ווי ס׳האָבן זיך געזעגנט פאָטערס און מוטערס מיט זייערע זין, פרויען מיט זייערע מענער, ברידער מיט שוועסטער, שכנים מיט שכנים — אַלע זיינען געווען פאַרזאַמלט אין שטעטל, ווען די אַרבעטער זיינען אַוועק — איז נישט פאַר מיינע כחות איבערצוגעבן. — ס׳האַרץ, צי דאָס אונטערבאַוואוסטזיין, האָט אַ פּנים געפילט, אַז מ׳וועט זיך שוין מער נישט זען!

אַרום עלף אַזייגער פאַרמיטאָג האָט מען די אַרבעטער, אין אַלע פּלעצער, באַפוילן אָפּצושטעלן די אַרבעט, און אונטער אַ וואַך האָט מען אונז אַוועק־געפירט, אין דעם באַראַק, ביים שעכטהויז, וואָס איז געווען קעגנאיבער די בריק, איבערן ווייסלאָק, אויפן וועג קיין קאָרטשין.

באַלד האָבן מיר דערזען אונזער גרויסן בראָך! לאַסט־אויטאָס האָבן געפירט מיידלעך און יונגע פרויען מיט קינדער!

ס'איז געשען דאָס אומגליק! — היינט איז דער חורבן פון אונזער שטעטל! היינט קומט אום קאָרטשין!

אין אָוונט, ס'איז געווען 5 אָדער 6 אַזייגער, האָבן מיר דערזען די דייטשן טרייבן מיט ווילדער ברוטאַלער רציחה, די יידן פון קאָרטשין.

צו אונז איז צוגעקומען אַ געסטאַפּאָ־מאַן און אַ געשריי געטאָן: אַלע איינשליסן!

מיר זיינען צוגעשלאָסן געוואָרן פון הינטן, פון דער מחנה געטריבענע יידן און מען האָט אונז אַלע געטריבן דורך דער שטאָט, קראָסנאָ, צו דער טאַרגאָוויצע, ביי דער באַן־סטאַציע.

די דייטשן ימש"ו האָבן מיט שטעקנס געשלאָגן די פון פאָרנט, אַז זיי זאָלן גיין פּאַמעלעך און די פון הינטן אַז זיי זאָלן גיין שנעל, אַזוי אַז איינער זאָל טרעטן אויפן אַנדערן.

פסח קראַצער, חיים האַלפּערן'ס איידעם, איז פון די שלעג געווען פאַר־גאָסן מיט בלוט. זיין פנים און האַלז זיינען געווען בוכשטעבלעך רויט, אַפילו קיין וויס פּינטעלע נישט אויף זיין פנים. איז צו אים צו אַ געסטאַפּאָוויעץ און אים נאָך מער געשלאָגן, באשר בכן ער ווישט נישט אָפּ דאָס בלוט, ווייל ער וויל פּראָפּאַגאַנדע טרייבן!

— ער האָט נישט מיט וואָס זיך אָפּצואווישן דאָס בלוט!

אויף דער געוואַגטער שטילער באַמערקונג, האָט נפתלי, שבתי ראָב'ס זון, באַקומען פון געסטאַפּאָוויעץ, מיטן שטיוול, אַזאַ קאָפּ אין בויך אַז ער האָט באַקומען קאָנוואולסיעס, און אַ צווייטער קאָפּ האָט אים צוריקגעברענגט צום „באַוואוסטזיין". — פסח האָט געהאַלטן אין מורמלען אָן אויפהער: רבש"ע, האָב רחמנות אויף מיר! און נעם שוין צו מיין נשמה!

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער טאַרגאָוויצע — דאָרט זיינען שוין געזעסן אויף דער ערד, אָנגעטריבענע יידן פון יעדליטש און פון אַנדערע מקומות, — האָט מען אונז באַפוילן זיך צו זעצן אויף דער ערד.

אַ שליח פון דייטשן קרייזהויפּטמאַן האָט פאַרלאַנגט מ'זאָל אים געבן 70 אַרבעטער פון קאָרטשין, וואָס האָבן געאַרבעט ביי שטראָסן־בוי.

זיי האָבן אָפּגעציילט פון אונטן 70 מענטשן, און אונטער אַ וואַך, זיי צוגעפירט צו אַ טישל, וואו ס'איז געזעסן אַ געסטאַפּאָ־מאַן.

מאָטל ראָסהענדלער הי"ד האָט זיך געמאָלדן, ער וויל גיין צו די, וואָס

זיינען אויסגעזעצט אויף דער ערד. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט אים געגעבן אַ קאָפּ מיטן פוס און אים געלאָזט גיין זיך פּאַראייניקן מיט די אומגליק־לעכע. דאָס זעלבע האָט געזאָגט לייזער דען הי״ד, אויך אים האָט ער געלאָזט גיין אויף דער זייט פון טויט.

ווען אַ דריטער האָט דאָס געוואָלט האָט דער דייטש־רשע ימש״ו געגעבן אַ געשריי: איר מיינט, אַז מען האָט אייך דאָ אָוועקגעשטעלט פאַר אייער טובה? מיר דאַרפן אַרבעטער! ווער ס׳וועט וואַגן צו פאַרלאַנגען צו גיין אַהין דאָרט, וועט דאָס באַטראַכט ווערן ווי סאַבאָטאַזש! און אויפן אָרט דאָ דערשאָסן ווערן! פאַרשטאַנען??!

די אָוועקגעשטעלטע באַזונדער, ד. ה. די 68 איבערגעלאָזטע, אויף דערווייל, זיך נאָך צו מוטשען מיט זייער לעבן, זיינען דורך אוקראַינישע ס.ס.לייט אָוועקגעפירט געוואָרן, דורכגעגאַנגען דורך אַ שפּאַלער פון ס.ס.־לייט, און אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט געדויערט זייער דורכגאַנג, האָבן די ס.ס.־לייט זיי געשלאָגן מיט קאָלבעס און שטעקנס אויף זייערע קעפּ און רוקנס, און דערביי געשריגן:

„איר זאָו יודען, איר האָט גליק געהאַט!”

68 יידן פון קאָרטשין זיינען דורך די אוקראַינישע ס.ס.לייט אָוועק־געפירט געוואָרן איז קראָסנאָער בית המדרש, וואו ס׳האָבן זיך שוין געוואָל־גערט אַנדערע אומגליקלעכע יידן, פון אַנדערע ערטער. אין דער פרי איז געקומען אַן אַזוי גערופענער „יודנעלטסטער”, און אונז אַריינגעפירט אין געטאָ.

פון די 68 יידן פון קאָרטשין, וועלכע זיינען נאָכן אומקום פון זייער שטעטל, אַריינגעפירט געוואָרן אין קראָסנאָער „געטאָ” זיינען געבליבן לעבן: צוויי! — איינער, היינט, אין ניו־יאָרק און דער צווייטער, היינט, אין שטאָק־האָלם, שוועדן.

דער סוף פון דער יידישער קהלה אין קאַרטשין

אַלע ידן, מענער און פרויען פון שטעטל, איבער 50 יאָר אַלט, זיינען מיטוואָך כ"ט אב תש"ב 12. 8. 1942 אַריינגעטריבן געוואָרן אין לאַסטאויטאָס און די דייטשן ימ"ש האָבן זיי אין זעלבן טאָג אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג צו מזרח, ערגעץ נעבן יאשעניצער וואַלעס, און זיי אַלע דערמאָרדעט.

ר' איטשע ראָסהענדלער, ר' יאַנקל שפרונג, ר' שלמה פירזיכבוים (יאנקעל איכהארן'ס שווער) ר' משה לויטמאַן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט אין שטעטל. אויך אַ פרוי, אַ פליכטלינג פון לאָדזש, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

אַ פליכטלינג, (פון וואַנעט ער איז געווען געדענקען מיר נישט) האָט מיט זיין מוטער זיך גענומען דאָס לעבן, דורך אַראָפּשלינגען ציאַן־קאַלי. ער האָט מיר געהאָט געוויזן, אַז ער האָט אין זיין וועסטל־קעשענע דעם סם און געזאָגט, אַז ער וועט דאָס אַראָפּשלינגען אין מאָמענט, ווען די דייטשן ימ"ש וועלן קומען פאַרניכטן דאָס שטעטל. זיין נאָמען איז געווען: קאַוואַלעק.

אַלע מענער פרויען און קינדער, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן קיין קראַסנאָ נעבן דער באַן סטאַציע זיינען דאָרט, אויף דער ערד, געזעסן אויך דעם נעקסטן טאָג דאָנערשטאָג 13. 8. 42. — פרייטאָג 14. 8. 1942. נאָכמיטאָג זיינען זיי אַריינגעשטופּט געוואָרן אין פאַרמאַכטע לאַסט־וואַגאָנען און אַוועקגעפירט געוואָרן.

געננוי דעם טאָג ווען זיי זיינען אומגעקומען ווייסן מיר נישט. ס'איז אָבער זיכער, אַז אין ערשטן דריטל פון חודש אלול תש"ב.

די 300 יאָריקע יידישע קהלה פון קאַרטשין איז אויסגעמעקט געוואָרן פון די יידישע ישובים — דורך די דייטשן ימש"ו, די גרוילעכסטע און עקלהאפסטע מערדער — כ"ט אב תש"ב 1942 .8 .12

די יאָרצייט — פון אונזער פאָטערס און מוטערס און פון אַלע, וואָס זיינען איבער 50 יאָר אַלט געווען — איז כ״ט אב תש״ב.

די יאָרצייט — פון אונזערע נאָענטע און טייערע, וואָס זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן און דערמאָרדעט געוואָרן, ערגעץ וואו, אויף אַן אַנדער אָרט, — איז אין ערשטן דריטל פון חודש אלול.

פון די, וואָס זיינען אומגעקומען אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווייסן מיר נישט, ווען זייער יאָרצייט איז.

ד׳ ינקום דמם לעינינו ות. נ. צ. ב. ה.

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער קאָרטשינער קהלה

נאָכדעם, ווי די דייטשן ימש״ו האָבן פאַרניכטעט די יידן פון קאָרטשין זיינען געבליבן קרוב 100 קאָרטשינער יידן מענער און לערך 20 יונגע מיידלעך.

אין קראָסנאָ׳ער געטאָ גופא 68 מענער. און אין אַנדערע אַרבעטס־פלעצער קרוב 30. אין קאָמבאָרניער הויף, 2 מענער נפתלי רעק און נפתלי אינפעלד און לערך 20 יונגע מיידלעך.

פון די דאָזיקע מענער זיינען היינט דאָ בס״ה 13. און פון די מיידלעך איז געבליבן נאָר איינע: — סימע פאָדאָלאַנסקי.

יריעות פון ספרי תורה איינלאַגעס צו שיך און בלעטער פון גמרות — פאַקפאַפיר

פון די קאָרטשינער יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן, נאָכן חורבן־קאָרטשין, אין קראָסנאָער געטאָ, האָבן 2 גרופּעס געאַרבעט ביי „שטראָסנבוי״, דאָס הייסט אויפן שאָסיי.

איין גרופּע אויפן שאָסיי קראָסנאָ־רימאַנאָוו און אַ צווייטע, אויפן שאָסיי קראָסנאָ־קאָרטשינאַ — אָט די לעצטע האָבן צוגעזען די פאַרשווערכונג:

שטיקער יריעות פון ספרי תורה האָבן זיך געוואַלגערט און ראָוועס. (פּאָסעס, טרעטעשעס). און גויים האָבן אויסגעשניטן יריעות פון ספרי תורה און געמאַכט פון זיי איינלאַגעס צו שיך.

זיי האָבן אויך געזען אין גויישע קראָמען מענגעס גמרות, שולחן ערוך׳ס און אַנדערע הייליקע ספרים, וואָס זיי האָבן צווישן אַנדערע זאַכן, אויסגערויבט פון יידישע הייזער. — זיי האָבן אויסגעריסן אַ בלאַט פון אַ גמרא, אָדער אַ יורה דעה און עס באַנוצט פאַר פאַקפאַפיר. איינגעפּאַקט אין אַ בלאַט פון אַ גמרא די סחורה, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט.

די קדושים
וואָלף קירשנער און זיין 12 יאָריקער זון דוד לייב הי״ד

מיטוואָך כ״ט אב תש״ב, ווען די דייטשן ימש״ו זיינען באַפאַלן דאָס שטעטל, אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון זייערע הייזער אין מאַרק אַריין, איז וואָלף קירשנער מיט זיין צוועלף יאָריקן זון דוד לייב הינטן אַרום פון זיין הויז אַנטלאָפן צום ידישן בית עולם און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן.

אַז וואָלף האָט צומאָרגענס זיך דערוויסט, אַז דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן, אַז אַלע יידן זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן, אַז קיין איינציקער ייד איז אין שטעטל נישטאָ, אַז קיין אַנטרינונג פאַר אים איז נישט פאַראַן, אויסזיכטן צו ראַטעווען זיך מיט זיין קינד זיינען נישטאָ. — האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און געפאַסט דעם טראַגישן, פאַרצוויפעלטן באַשלוס, אַז בעסער אומצוקומען דאָ אויפן יידישן בית עולם, ווי זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די דייטשע רוצחים ימש״ו.

האָט וואָלף גערופן דעם גוי, דעם שומר פון בית הקברות, אים באַצאָלט, אַז ער זאָל אויסגראָבן פאַר אים און זיין קינד אַ קבר, נעבן דעם קבר פון זיין פאָטער מעכל קירשנער ע״ה. און ער זאָל רופן די פוילישע פאָליציי.

ווען די פוילישע פאָליציאַנטן זיינען געקומען האָט וואָלף מיט זיין 12 יאָריקן זון דוד לייב זיך אַוועקגעלייגט אין קבר און די פוילישע פאָליציאַנטן האָבן אים מיטן זון אינעם קבר דערשאָסן.


זאָלן די שורות זיין אַ מצבה צו זייער אָנדענק!

ארץ אל תכסי דמם, ד׳ ינקום את דמם השפוך!

אויף זייער קבר שטייט אַ מצבה. די אויפשריפט איז פויליש. אין 1946 האָט וואָלף׳ס שוועגערן (דוכט זיך היינט אין קאַנאַדאַ) געשיקט געלד דעם גוייש׳ן קברות וועכטער, אַז ער זאָל שטעלן אַ מצבה אויף דעם קבר.

אין 1950 האָט זישע איכהאָרן (היינט אין ירושלים) פאָטאָגראַפירט די מצבה אויפן ידישן בית עולם אין קאָרטשין.

דוכט זיך אַז די דאַטע אָנגעגעבן אויף דער מצבה איז נישט ריכטיק. זיי זיינען אומגעקומען דעם 14׳טן אויגוסט 1942.



רעכטס איז די מצבה אויפן קבר פון וואָלף קירשנער און זיין 12 יאָריקן זון דוד לייב הי״ד

איבערגעזעצט אויף יידיש :

דאָ ליגן די קערפּערס פון וואָלף קירשנער און זיין זון דוד לייב. זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די מערדער די היטלע־ריסטן 15 אויגוסט, 1942 — אין קאָרטשין.

די פוילישע אויפשריפט :

Tu spoczywaja szczatki zwlok Kirschnera Wolfa i syna jego Dawida Leiba pomordowanych dnia 15 sierpnia 1942 — roku przez zbirow hitlerowskich w Korczynie

די קדושים ר׳ אברהם בעזענשטאָק, זיין פרוי און קינדער און יוכבד שיף
הי״ד

ר׳ אברהם בזענשטאָק מיט זיין פרוי און קינדער דוד און מרים האָבן מיטוואָך כ״ט אב, תש״ב אויסגעמיטן דעם גורל פון אומקום. זיי זיינען געווען באַהאַלטן ביי אַ גוי.

מיט זיי איז אויך געווען באַהאַלטן, מרדכי און פערל, שיף׳ס טאָכטער, יוכבד.

זייער עלטסטער זון, שמחה, איז געווען צווישן די 68 אַרבעטער, וועלכע זיינען דערווייל געבליבן לעבן און איז אויך געווען אין קראָסנאָער „געטאָ״, פון וואַנעט ער איז יעדן טאָג, צווישן אַנדערע, אַרויסגעגאַנגען אויף שאָסיי־אַרבעט.

אַ שכן פון גוי, ביי וועלכן ר׳ אברהם בעזענשטאָק מיט זיין משפחה איז געווען באַהאַלטן, האָט זיך דערוויסט דערפון און ער האָט אָנגעפאַנגען אויספּרעסן פון זיי געלד, אונטער דער דראָאונג, אַז ער וועט זיי מסר׳ן.

זי זיינען געווען אין אַ סכנה און זיי האָבן געמוזט פון דעם פּלאַץ אַוועק.

שמחה, אַרבעטנדיק אויפן שאָסיי, אויף דער ברייטער, פרייער לופט, האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַראַנזשירן, פאַר גוט געלד, מיט אַ גוי, ווידאַ פון פאַדזאַמטשע, אַז ביי אַ שכן זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן: זיין פאָטער, מוטער, זיין שוועסטער מרים און יוכבד (מרדכי שיף׳ס טאָכטער) און אַז ביי אים, ביי ווידאַ׳ן זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן: ער שמחה זיין ברודער דוד און יחזקאל לויטמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט שמחה׳ן אויפן שאָסיי.

דעם 22׳טן נאָוועמבער 1942 זיינען שמחה און יחזקאל לויטמאַן נישט צוריקגעקומען פון זייער אַרבעט. זיי זיינען אַוועק, צו ווידאַ, אויף פאַדזשאמ־טשע.

דער גוי, ווידאַ, ווי געווענליך אַ פויער, האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו גנב׳נען. האָט ער ביי אַ צווייטן פויער גע׳גנב׳עט אַ הון, אָדער אַ קיניגל, און מען האָט אים איינגעזעצט אין חד גדיא.

דאָס איז געווען אין מערץ 1943, ד. ה. אַ 7 חדשים שוין נאָך דער פאַרטיליגונג פון די יידן אין קאַרטשין.

די גויע, ווידאַ׳ס ווייב, ווען מען האָט איינגעזעצט דעם מאַן איר׳ן האָט אויפגעפאָדערט שמחה׳ן, דוד׳ן און יחזקאל׳ן, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס הויז, זי וויל זיי נישט האַלטן.

שמחה מיט יחזקאל׳ן האָבן נישט געוואָלט גיין. איז די גויע געגאַנגען און עס דערציילט דער פוילישע פאָליציי.

ווען די פוילישע פאָליציי איז געקומען האָבן שמחה מיט יחזקאל׳ן אונטערגעצונדן דעם, מיט שטרוי פול געפּאַקטן, בוידעם, וואו זיי זיינען געזעסן און אין געציילטע מינוטן איז דאָס פויער׳שע הייזל געשטאַנען אין פלאַמען, אין וועלכע שמחה בעזענשטאַק, זיין ברודער דוד און יחזקאל לויטמאַן זיינען אומגעקומען.

דער צווייטער גוי, ווידאַ׳ס שכן, וואָס ביי אים אין הויז זיינען געווען אויסבאַהאַלטן ר׳ אברהם בעזענשטאַק, מיט זיין ווייב עטל, זייער טאָכטער מרים און מרדכי שיף׳ס טאָכטער יוכבד, זעענדיק וואָס ס׳איז געשען, האָט זיי אַלע דער׳הרג׳ט.

ס׳איז נישטאָ קיין גואל הדם, וואָס זאָל זיך קענען דערוויסן וואו דער גוי, דער רוצח, האָט זייערע קערפּערס באַגראָבן.

תהא זאת המצבה לזכרם. ארץ אל תכסי דמם. ד׳ ינקום את דמם.

דער קדוש ר׳ ישראל ברענער הי״ד

ר׳ ישראל ברענער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף: דאָמאַראַדז. דאָס איז אַ 16 ק״מ פון קאָרטשין. דאָס דאָרף האָט געהערט צו בזשאָזוב (ברעזעוו), נישט צו קאָרטשין.

שמחה רובין, מענדל רובין׳ס זון, פון קאָרטשין איז געווען ר׳ ישראל ברענער׳ס אײדעם און האָט געוואוינט אין דאָמאַראַדז ביי זיין שווער.

ר׳ ישראל האָט זיך געוואַלדיק אונטערשייד פון אַלע דאָרפסלייט. געקליידט איז ער געווען, ווי אַ חסיד און איז עס אויך געווען אין פולן פשט פון וואָרט. אַ לאַנגע בעקעשע, אַ סאַמעטענעם חסידישן קאַפּעלוש, אַ באָרד מיט לאַנגע פאות, אַ בן תורה, אַ ירא שמים, אַ בעל צדקה, אַ בעל גמילת חסדים און אַ הצנע לכת — אין זיין שטוב האָט ער געהאַט אַ ספר תורה און ביי אים זיינען זיך, אין שבתות און ימים טובים, צוזאַמענגעקומען די דאָרפסלייט פון אַרום צו דאַווענען מיט מנין.

דאָס וואָס מיר וועלן דאָ וועגן ר׳ ישראל ברענער איבערגעבן האָט אונז דערציילט שמואל אהרן ראסהענדלער הי״ד פון קראָסנאָ, ווען מיר זיינען, נאָך דעם אומקום פון קאָרטשין, געבליבן אין „געטאָ״ אין קראָסנאָ.

שמואל אהרן ראסהענדלער איז געווען אַ מיטגליד פון יודנראַט אין קראָסנאָ און אין די ראַמען פון זיינע פונקציעס האָט ער געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די געסטאַפּאָלייט ימש״ו.

דער געסטאַפּאָ־שעף (שמאַצלער ימש״ו) אין קראָסנאָ קומט צו שמואל אהרן ראסהענדלער הי״ד און זאָגט צו אים:

„ראסהענדלער, איך בין דערשטוינט! איך קען עס נישט באַגרייפן״!

„איך — דערציילט אים, דער געסטאַפּאָ־שעף — בין געפאָרן, אויס־זידלען׳ דאָמאַראַדז. אַלע יידן אין דאָמאַראַדז האָבן לויט באַפעל געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס דאָרף און גיין קיין ברעזאָוו.

„איך בין אַריין צום יוד ברענער און אים געזאָגט דו דאַרפסט ביז 2 שעה פאַרלאָזן דאָס דאָרף, ס׳איז דיר דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך אַלעס וואָס דו האָסט אין הויז.

„ווען דער יוד ברענער האָט דאָס געהערט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, נישט גענומען מיט זיך קיין שום זאַך, נישט קיין קליידער, נישט קיין העמד אפילו. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען די „סקראָלס״ (ספר־תורה) און מיטן ספר תורה אין זיינע אָרעמס געגאַנגען קיין ברעזאָוו״.

און דער רשע האָט איבערגע׳חזר׳ט:

„אַזאַ גייסטיקע העלדישקייט! נישט נעמען קיין שום זאַך, בוכשטעבליך גאָר נישט, נאָר מיט די ,סקראלס׳ אין די אָרעמס זיך לאָזן אין וועג? איך שטוין און באַוואונדער אַזאַ גייסטיקע העלדישקייט״.

תהא זאת המצבה לזכרו של ר׳ ישראל ז״ל.

וד׳ ינקום לעינינו את נקמת דמו השפוך.

דער קראָסנאָער רבי ר׳ משה׳לע טווערסקי און זיין שוואָגער ר׳ נפתלי הורוויץ, ראָזוואדאווער רב הי״ד

אין קראָסנאָער געטאָ זיינען געווען דער קראָסנאָער רבי אדמו״ר ר׳ משה׳לע טווערסקי און זיין שוואָגער דער ראָזוואַדאָווער רב, ר׳ נפתלי׳טשע האָרוויץ ז״ל, מיט זייערע רביצינס.

דער קראָסנאָ׳ער רבי איז געווען אָנגעטאָן אין קורצע קליידונג. די הויזן אַריינגעשטעקט אין די כאַלעוועס פון די שטיוול, אויפן קאָפּ אַ קאַשקעט, דאָס פּנים גלאַט, אָן די פּאות און אָן די באָרד. אַזוי אויך דער ראָזוואַדאָווער רב, מיט אַ צוגאָב פון אַ פּאָר גרויסע, בלאָנדע וואָנצעס, וואָס האָט אים געמאַכט אויסקוקען, ווי להבדיל אַ פּויער פון דאָרף. דאָס איז געווען „אַ שטיקעל סגולה״.

יעדן טאָג אין דער פרי האָבן זיי, צווישן אַנדערע אַרבעטער, אַרויס־מאַרשירט צו דער אַרבעט אין אַ וועשעריי, וואָס האָט געוואַשן פאַר די דייטשע רשעים ימש״ו.

עס זיינען היינט צו טאָג פאַראַן יידן (הגם גאָר ווייניק), וואָס געדענקען דעם קראָסנאָער רבי׳ן ר׳ משה׳לע און דעם ראָזוואַדאָווער רב ר׳ נפתלי׳טשע אין זייער פּראַכט און גלאַנץ. — אפשר וועט עמיצער פון זיי זיך אויף אַ רגע אָפּשטעלן און אין זיין דמיון זיך מאַכן אַ בילד פון די דאָזיקע 2 רביים, וואָס האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ געשטאַלט פון דאָרפס־פּויערים, און גייענדיק אויסגעשטעלט אין אַ ריי צו צוואַנגס־אַרבעט, וואַשן וועש פאַר די דייטשע, טמא׳דיקע מאַסן מערדער ימש״ו.

אין אַנבליק, פון אונזער אַלגעמיינעם חורבן, איז די דאָזיקע טאַטזאַך, וואָס אַן אמת, אַ קליינטשיק פּינטעלע. מאַנכעסמאָל אָבער איז פאַראַן אין אַ קליין פּינטעלע מער כח, ווי אין אַ גאַנץ בילד, אויפצוטרייסלען פון גלייכגילט און אויפוועקן פון פאַרגעסנקייט, אין וועלכער, ס׳דוכט זיך, אַז מיר זיינען פאַרזונקען.

יעקב יצחק פעסעל, היינט אין שטאָקהאָלם, גיט איבער אַז דער קראָסנאָער רבי איז געשטאָרבן, אין ריישער געטאָ, פון דיזענטעריע. זצ״ל וה׳ ינקום דמם.

די געסטאַפּאָ כאַפּט קינדער אין געטאָ

דאָס איז געווען בערך אין מיטן פון חודש סעפּטעמבער 1942. — די געסטאַפּאָ איז פּלוצים באַפאַלן דאָס געטאָ אין קראָסנאָ, געכאַפּט קינדער, אַרויפּ־געוואָרפן זיי אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט דאָרט, פון וואַנעט מ׳קומט מער נישט צוריק.

פּסח קראַטצער הי״ד
אַרעסטירט אין געטאָ

פּסח קראַטצער, חיים האלפּערן׳ס אידעם, האָט געאַרבעט ביי דער דייטשער בוי־פירמע „קירכהאָף״. דער אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען, דוכט זיך, ערגעץ אויפן וועג, וואָס פירט קיין דוקלאָ.

אין אַ געוויסן טאָג אין סעפּטעמבער 1942 איז פּסח נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער איז געבליבן אין געטאָ.

צום אומגליק קומט אין געטאָ אַריין דער געסטאַפּאָמאַן „פאָן דאַלאַדיע״ אַ רשע אַ רוצח, די ערגסטע בעסטיע צווישן זיי און דערזעט פּסח׳ן.

וואָס טוסטו דאָ? פאַרוואָס ביזטו נישט ביי דער אַרבעט?

ענטפערט פּסח: איך אַרבעט אינדרויסן ביי שטיינער האַקן. איצט איז מיטאָג צייט, אַ פרייע שטונדע.

דער רוצח איז אַרויס אינדרויסן און געפרעגט דעם אויפזעער, וויפל אַרבעטער האָסטו?

17 איז געווען דער ענטפער.

דער רוצח האָט אָפּגעציילט 17 און געזען אַז פּסח אַרבעט נישט ביי שטיין־האַקעריי. איז ער צוריק אַריין אין געטאָ און געטראָפן פּסח׳ן נאָך דאָרט און אים אַוועקגענומען. און פּסח איז נישט צוריקגעקומען מער הי״ד.

ותהא זאת המצבה לזכרו.

יאַנקאַ (יענטע) געלער הי״ד

יאַנקאַ געלער איז געווען אַן אָנגעשטעלטע (געהילפין) אין דער אַפּטייק אין קאָרטשין. — זי איז געווען אַ פיינע, שטאָלצע ייִדישע טאָכטער בערך 27 יאָר אַלט. זי האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער, ייִדישער רעליגיעזער משפחה, אין סטרי

דוכט זיך, אַז ד״ר נתן עק אין ישראל, וועלכער אַרבעט אין „יד ושם״ איז איר׳ס אַ שוואָגער.

ווען קאָרטשין איז חרוב געוואָרן איז יאַנקא׳ן געלונגען זיך אויסצו־באַהאַלטן אויפן בוידעם פון דער אַפּטייק.

אַ וואָך נאָכ׳ן חורבן־קאָרטשין איז זי געקומען אין געטאָ אַריין אין קראָסנאָ. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אויסזיכטן, אַז אַ באַקאַנטע קריסטין (גראַבאָוויעץ) זאָל זי נעמען קיין קראקא און זי אויסבאַהאַלטן אַלס אַרישע.

אויפן אַנדערן טאָג איז זי אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ און צום אומגליק האָט אַ פּוילישן פּאָליציאַנטס פרוי פון קאָרטשין (האבראט ימש״ו) זי דערזען און האָט זי אויסגעגעבן צו דער דייטשער פּאָליציי. יאַנקאַ איז אַרעסטירט געוואָרן און אומגעקומען.

ד׳ ינקום דמה.

פאַרוואָס האָט מען נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד?

ס׳האָבן זיך באַוויזן פּאַפּיר העלדן — וואָס אין דער צייט, ווען מיליאָנען יידן זיינען אכזריות׳דיק פאַרניכטעט געוואָרן, אויף אַן אופן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע, זייט די וועלט עקזיסטירט, — זיינען זיי געזעסן אין וואוילטאָג אין אַמעריקע, און זיי פרעגן קשיות, הלמאַי מען האָט נישט געשטעלט קיין פיזישן ווידערשטאַנד?

זיי די דאָזיקע „העלדן״, אַנשטאָט צו מאָנען חשבון פון דייטשן מערדער, פאָדערן זיי חשבון פון די קרבנות, הלמאי די קרבנות האָבן זיי, „די אַמעריקאַנער יידישע פּאַפּיר העלדן״, פאַרשעמט. זיי, די יידן אין די שטעטלעך, זיינען נישט אומגעקומען מיט אַ „שיינעם טויט״, נאָר זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה.

פאַרוואָס, ווען די דאָזיקע „העלדן״ האָבן זיך דערוויסט פון דער דייטשער פאַרניכטונג פון פוילישן ידנטום, האָבן זיי זיך נישט סאָלידאַריזירט מיט זייערע ברודער און שוועסטער?

ווען מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון המן׳ס גזרה האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טרויער און אַלאַרמירט די וועלט!

וואָס האָבן זיי די „יידישע אַמעריקאַנער העלדן״ געטאָן? פאַרוואָס האָבן זיי נישט אָנגעטאָן דעם „יידן צייכן״, די געלע לאַטע אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט און טרויער און אין די מיליאָנען מאַרשירט קיין וואַשינגטאָן אויסצושרייען אונזער צער?

פאַרוואָס זיינען זיי גוט געשלאָפן און גוט געגעסן און אָנגעגאַנגען מיט זייער געוועגלעכן לעבן, וויסנדיק, אַז מיליאָנען יידן ווערן אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעט.

ס׳איז מער ווי זיכער, אַז אַזעלכע „מוטיקע העלדן און קעמפער״ ווי זיי זיינען אין זייערע שריפטן, האָבן זיך געפונען צווישן אייראָפּעאישן ידנטום אודאי און אודאי.

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די דאָזיקע „אַמעריקאַנער יידישע העלדן״

ווען זיי וואָלטן דאָרט געווען געווען, וואָלטן זיי אויך געפירט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחיטה.

מיט וואָס וואָלטן זיי געווען געשטעלט אַ ווידערשטאַנד? יאָ, מען האָט געקאָנט זיך וואַרפן אויף אַ באַוואָפנטן דייטש מיט אַ קיך מעסער, אָדער אַ שטיק האָלץ.

צי מען וואָלט דערמיט געקאָנט קוים פאַרוואונדן אַ באַוואָפנטן דייטש איז אַ ספק. און דער רעזולטאַט? פאַרניכטונג ביז צום לעצטן ידישן נפש.

ווער האָט געקענט אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו געבן די דייטשן אַ תירוץ פאַר הרג׳נען אַ מוטער, פרוי און קינד!

די דייטשן ימש״ו האָבן דאָך איינגערעדט: הרג׳נען, פאַרניכטן, חלילה! ס׳איז אַ „רעגיסטראַציע״! — און די דייטשע מערדער ימש״ו האָבן אין די שטעטלעך, אַ געוויסע צאָל איבערגעלאָזט ביים לעבן.

אַלע אַרומיקע שטעטלעך זיינען ליקווידירט געוואָרן כמעט אין איין און דערזעלבער וואָך. ס׳איז נישט געווען קיין מעגליכקייט זיך צו קאָמוניקירן און אויסצוגעפינען, אַז די פאַרניכטונג איז אַ טאָטאַלע.

ווי אַזוי האָט אין די קליינע שטעטלעך געקענט זיין אַ פיזישער ווידער־שטאַנד, ווער? מיט וואָס?

די יידן אין די שטעטלעך פון אייראָפּע האָבן אין זייער גלות געשיכטע נישט געלערנט די תורה פון שטאַרבן מיט אַ „העלדן טויט״ — אין זייער לאַנגער גלות געשיכטע האָבן זיי נאָר געלערנט צו שטאַרבן מיט „אַ מאַרטירער טויט״!

ווען די דייטשן, די מערדער ימש״ו האָבן פאַרניכטעט די שטעטלעך איז דאָרט קיין יוגענט נישט געווען. די יונגע זיינען אַלע כמעט געווען פאַרשיקט צו צוואַנגס־אַרבעט אין די דייטשע אַרבעטס לאַגערן.

געבליבן אין דער היים אין די שטעטלעך איז, אין רוב, אַ חסידיש, רעליגיעזער עלעמענט, פון עלטערע, און פרויען מיט קינדער.

די קונסט פון שיסן, אָדער שטעכן מיט אַ מעסער האָבן זיי קיינמאָל נישט געלערנט און די מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיך געווער איז געווען — נול.

ווייסבערגער

אין די נאַפט־גראַבענס, אין וועגנלאַווקאַ, נעבן קאַרטשין, איז געווען אַנגעשטעלט, אַלס מענעדזשער, אַ ייד מיטן נאָמען, קאַראַל ווייסבערגער.

דער דאָזיקער ווייסבערגער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד, אָבער ער האָט זיך פאַר אַ זעלכן נישט געהאַלטן. מיט יידן האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט און נישט געוואָלט האָבן.

דאָס יידישקייט איז געווען נאָר דאָס, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן פון עלטערן, יידן, מער לגמרי גאָר נישט.

ביי דער פאַרניכטונג פון די קאַרטשינער יידן האָבן די דייטשן ווייס־בערגער׳ן נישט געטשעפעט. ער ווייסבערגער האָט זיך מיט די געסטאַפּאָ־לייט „גע׳חבר׳ט" און אָפט מיט זיי געמאַכט אַ כוסה. און אים, ווייסבערגער׳ן, האָט זיך געגלויבט, אַז ער מעג די „חברים" געסטאַפּאָ־לייט געטרויען, אַז אים „מיינט מען נישט".

אין 1943, ווינטער צייט זיינען די געסטאַפּאָ־לייט אַרויסגעקומען צו ווייסבערגער׳ן קיין וועגנלאַווקאַ, ווי געוויינלעך, צו מאַכן אַ כוסה. — מ׳האָט געפּרעסן און מען האָט געזאָפן. און אין „מיטן זויפן" האָט אַ געסטאַפּאָ־חבר, אים ווייסבערגערן גענומען „פריינטלעך" אונטערן אָרעם און אַזוי „גוטברודעריש געאָרעמט" מיט אים, כלומר׳שט, אַריינשפּאַצירט אין אַ צווייטן צימער אַריין. דעמאָלט האָט אַ צווייטער געסטאַפּאָ־„פריינט" זיינער אין אים אַריינגע־קנאַלט, פון הינטערוויילעכץ, עטלעכע קוילן. — ווייסבערגער איז געפאַלן טויט, און זיין פרוי מיט זיינע 2 קינדער האָבן די געסטאַפּאָ־לייט „אַוועקגעפירט".

אורבאַנקאָוואַ, די משומדת

נאָך דאָקטאָר פשיסלופּסקי׳ס הויז, אינגאַנצן אַ פּאָר שריט ווייטער, איז געשטאַנען אַ טאַרטאַק (אַ פאַבריק וואָס צעזעגט בוימער אויף ברעטער), וואָס האָט געהערט צו אַ קריסט, אורבאַנעק.

דער דאָזיקער אורבאַנעק איז אַמאָל געווען אַ פּאָסט־באַאַמטער אין שלעזיע, צו אין פּויזען.

דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ פרוי אַ ייִדישע, וואָס האָט געהאַט אַ קינד פון איר ייִדישן מאַן. אורבאַנעק האָט מיט דער פרוי חתונה געהאַט און ער איז מיט דער פרוי געקומען קיין קאָרטשין שוין אַן אָפּגע׳שמד׳טע מיט איר זון. דאָס איז געשען בערך אין 1925.

אין 1943 איז די געסטאַפּאָ געקומען צו אורבאַנעק אין קאָרטשין, ביי אים צוגענומען די פרוי, מיט׳ן זון, זבישעק, 15 יאָר אַלט, און זיי אָוועקגעפירט און אומגעברענגט.

די שארית הפליטה פון קאָרטשין נאָך דער באַפרייאונג

	מענער	פרויען
נאָך דער באַפרייאונג איז די צאָל לעבענגעבליבענע ייִדן		
פון קאָרטשין, וועלכע זיינען געווען אונטער די דייטשן ימש״ו	15	1
פון די, וואָס זיינען ביים קריג אויסברוך אנטלאָפן קיין רוסלאַנד	11	6
בס״ה	26	7

דאָס איז דער גאַנצער ס״ה, וואָס איז פאַרבליבן פון די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט ביז דער צווייטער וועלט מלחמה, אין קאָרטשין.

אונזערע פאָטערס און מוטערס און אַלע וואָס זיינען איבער 50 יאָר אַלט געווען האָבן די דייטשן ימש״ו דערמאָרדעט כ״ט אב, תש״ב — 1942 .8 .12

די יאָרצייט פון אונזערע פאָטערס און מוטערס איז 29 טעג אין חדש אב.

די יאָרצייט פון אונזערע שוועסטער און ברידער וויסן מיר נישט גענוי. מ׳דאַרף רעכנען אין ערשטן דריטל פון חדש אלול — תש״ב 1942.

זיי זיינען אָוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען פון קראָסנאָ פרייטאָג דעם 1942 .8 .14 — דעם ערשטן טאָג פון חודש אלול תש״ב.

די יאָרצייט, פון די, וואָס זיינען אומגעקומען אין די דייטשע צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן, איז אונז נישט באַוואוסט.

יאָסעלע רייך הי״ד

אומגעקומען אין צוואַנגס־אַרבעטסלאַגער פּלאַשאָוו

יאָסעלע איז געווען דער בן יחיד פון ר׳ נחמן לייביש רייך, אַן איניקל פון ר׳ שאול רייך און אַן אוראייניקל פון ר׳ מענדל שרויט ז״ל.

יאָסעלע איז געווען מיין בעסטער און געטרייערסטער חבר. — ער איז געווען אַ שיינער און אומפּאַזאַנטער יונגערמאַן, געקליידט אין חסידי׳שן לבוש. שבת אַ זיידענע בעקעשע און אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש.

זיין יוגנט האָט ער געווידמעט צו תורה און וויסן. — טראָצדעם וואָס ער האָט געפירט אַ פּאַרצווייגטע לייוענט פאַבריק האָט ער געפונען אויך גענוג צייט צו דערוועובען זיך ברייט בקיאות אין תורה און אין וועלטלעך וויסן. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, אַ גרויסער מתמיד. — ער האָט באַהערשט פולשטענדיק, חוץ די פּוילישע שפּראַך און ליטעראַטור, אויך די מאָדערנע העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט אַנטייל גענומען מיט זיינע מאמרים אין פאַרשיידענע יידישע און העברעאישע צייטשריפטן.

יאָסעלע האָט פאַרמאָגט אַ געזעצטן שכל, ער איז געווען אַ בעל מידות, אַ שטילער, אַ רואיקער, געהאַט אַ פיינפּיליקע נשמה, אַ זעלטן איידעלן כאַראַקטער, אַ בעל נימוס און אַ מזג טוב.

די וואָס זיינען מיט אים געקומען אין באַרירונג, צו ביי אַ שמועס, אָדער אַ צוזאַמענקום, האָבן באַוואונדערט זיין שכל הישר, זיין איידלקייט, זיין גוט האַרץ, זיין חכמה און חבר׳ישקייט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

יצחק ענגלאַרד

יאָסעלע רייך הי״ד

איבערגעגעבן דורך אברהם הורוויץ
ניו־יאָרק

אין קאַצעט — דוכאַדזקאַ וואָלאַ

רעפריין:

אונטער דער קאָנטראָל
פון דער מזרח׳דיקער קאָלעע[1]
יידן טויזנטער אין צאָל
שקלאַפן אין דוכאַדזקע וואָלע.

צו מ׳גיט זיי אַ ביין
אָדער גאָר אַ האַרטן שטיין
אין דער נאַצי־דאָלע
שפילט דאָס קיין ראָלע.

ס׳האָבן זיי אַהער געבראַכט
מערדער, דייטשן, געסטאַפּאָ־לייט
אָנטאָן אויפן לייב אַ טראַכט
נישט געגעבן זיי קיין צייט.

געיאָגט זיי מיט קאָלבעס אין זייט
אין וואַגאָנען פאַרמאַכטע
לויטן גייסט פון דער נייער צייט
דערשלאָגענע, צו אָטעמען פאַרשמאַכטע.

---

1) אַ באַן, אַ טרעין.

אָט גאָט, גרויסער, געטרייער,
באַשיצער פאָטער!
פאַרלעש דאָס גיהנום פייער,
מאַך אונז פון די צרות פטור.

פון די אכזריות'דיקע שמיץ,
פון דעם דייטש־רוצח „הער" קייל [2],
אָ, דערבאַרעמדיקער! באַשיץ
די געפּלאָגטע בני ישראל.

אונטער דער קאָנטראָל
פון דער מזרח'דיקער קאָלע,
יידן טויזנטער אין צאָל,
שקלאַפן אין דוכאַדזקע וואָלע.

2) נאַצי אויפזעער.

וועגן דעם מחבר פון ליד
„אָט אַזוי פיל איך"

ישראל פלאַטנער, דער מחבר פון ליד „אָט אַזוי פיל איך" האָט געוואוינט אין קראָסנאָ. — אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן האָט ער פון דאָרט אויסגעוואַנדערט.

ישראל פלאַטנער איז אַ באַוואוסטער פּאָעט און מחבר פון אַ צאָל טאַלאַנטפולע מאמרים און לידער אויף אַקטועלע צייט־טעמעס. — זיינע שאַפונגען זיינען אָפט געדרוקט געווען אין „יידישן זשורנאַל" אין טאָראָנטאָ און אין אַנדערע צייטונגען און אָנערקענט, מיט לויב, פון באַרימטן ר׳ חיים ליבערמאַן ע"ה.

אין דעם ליד רעדט דער מחבר פון אַ „לובלינער רעזערוואַציע" און „קעסטלעך אַש".

אין פאַרגלייך מיט די מאָרד־לאַגערן, ווי אוישוויץ, מיידאַנעק און אַנדערע גיהנום׳ס, וואו ס׳איז פאַרפּייניקט געוואָרן דאָס אייראָפּעאישע יידנטום איז „לובלינער רעזערוואַציע" — בלאָס. „קעסטלעך אַש" גיבן נישט קיין אויסדרוק וועגן דעם ווירקלעכן אומגליק — די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון 6 מיליאָן יידישע מענער, פרויען און קינדער.

דאָס ליד וואָלט געדאַרפט אַ געוויסע אויסבעסערונג, אויף אויסצושרייען דעם גרויסן חורבן אונזערן.

אין יאָר 1940, ווען דער מחבר האָט, אין ליד, אויסגעשריגן דעם צער און ווייטיק, אויפן יידישן חורבן, איז דער אומקום נאָך נישט געווען אַ טאָטאַלער. דער דייטש־מערדער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאָט געשאַפן די מאָרד־לאַגערן, אוישוויץ, מיידאַנעק און אַנדערע.

אויף דעם פאַרלאַנג פון מחבר גיבן מיר איבער דאָס ליד, אַזוי ווי ס׳האָט דערשיינט, אין די צייטונגען, אין יאָר 1940.

די רעדאַקציע

דערקלערונג

פון מחבר פון ליד „אָט אַזוי פיל איך"


איך האָב דאָס ליד אויסגעווײנט אין געציילטע וואָכן, זייט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען.

דאָס ליד איז געלעגן אין שופלאָד, פון רעדאַקטאָר פון טאָראָנטאָער „אידישן זשורנאַל", ביזן חודש פעברואַר 1940. דעמאָלט האָט דאָס ליד דערשיינט אין דער צייטונג. דערנאָך האָבן עס איבערגעדרוקט אויך אַנדערע צייטונגען, ווי: „די אידישע וועלט" פון קליוולאַנד, „שיקאַגאָ קוריער", „די אידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע און נאָך אַנדערע.

פאַרוואָס איך האָב יאָ „געוואויסט", וואָס „דאָרט" טוט זיך און אונזערע „מנהיגים" נישט, — איז פאַר מיר אַן „אייביקער סוד", וואָס פיקט מיין מח און פרעסט מיין האַרץ...

ישראל פלאַטנער
טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ

ישראל פלאַטנער
טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ


ישראל פלאַטנער

אָט אַזוי פיל איך . . .

וואָלט איך געהאַט מוט אַ סך,
געטאָן וואָלט איך אַזאַ זאַך.
ניט קוקנדיק, אַז ציניקער וואָלטן געלאַכט,
וואָלט איך דערפון זיך גאָרניט געמאַכט.
אָנגעטאָן וואָלט איך, לזכר חורבן פוילן,
אַ שווארצן, ברודיקן זאַק, פון קוילן.
אַרוים אויפן גאַס מיט אַזאַ געוואַלד
צו מאַכן אויפציטערן יונג און אַלט,
ביז ס׳לויפן זיך צוזאַמען קינד און קייט,
און איינער ביים צווייטן פרעגט: וואָס דאָס באַטייט!?
דעמאָלט גיב איך נאָך העכער אַ געשריי,
הערט איר דען ניט די גסיסה־כאָרכלעריי?
וואָס דערטראָגט זיך אַהער
פון דאָרטיקן יאָמער־טאָל,
וואו דער דייטש מאָרדעט און פייניקט
די קינדער פון ישראל?! . . .

— — — — — — —

הערט! הערט! דאָס וואולגארע ווילדע-געלעכטער
וואָס פארטויבט דאָס געוויין —
פון יעקב׳ס צניעות׳דיקע טעכטער...

— — — — — — — — —

פאַרוואָס טרויערסטו נישט מענטשהייט,
ווי אַן אָבל אין די שלושים?
זעסטו ניט די קעסטלעך אַש
פון די פאַרפייניקטע קדושים!?

— — — — — — — — —

פאַרשאָלטענע וויסנשאַפט,
ווערמדיקע ציוויליזאַציע!
אַ גרויס שעכט-הויז רופסטו:
„לובלינער רעזערוואַציע"!?
זאָל מיין האַרץ ווערן אויף שטיקער צעריסן
אויב איך קען נישט אויפוועקן דעם וועלט-געוויסן!

— — — — — — — — —

כאַ, כאַ, כאַ, פראַגרעס קולטור!
צו וואָס ענציקלאָפּעדיעס?
ווער דאַרף ליטעראַטור?
אין דר'ערד זאָל עס גיין
מיטן גאַנצן קנאַק.
בעסער שריי צום מערדער:
לאָז אָפּ די האַק!!

— — — — — — — — —

פאַרמאַך די לאַבאָראַטאָריעס,
ווער דאַרף אַטאָמען שפאַלטן?
קינדער פון הונגער געשוואָלענע
זע, ביים לעבן צו דערהאַלטן...

— — — — — — — — —

אויב דו בן אדם, רייך צו אָרים
קענסט זיצן רואיק, ניט „איינרייסן קברים",
ווען ביי דיר אין הויז ראַדיאָס שפּילן
און „זייער" ווייטיק ווילסטו ניט מיטפילן,
דאַן — מעג קומען אַ מבול, טאַקע באַלד,
אָפּווישן אַזאַ „מענטשהייט"
און איבערלאָזן נאָר די חיות אין וואַלד.
יאָ, איבערלאָזן „זיי" און די „אַנדערע" ברואים;
„זיי" זיינען דאָך אומשולדיק,
מענטשן זיינען רשעים...

אהרן אטלס
נכדו של ר׳ הירץ הלפרן
ירושלים

מצבת קודש לזכרון עולם
עיר קורטשין

בין מאות העיירות שבפולין, בלטה עירת קורטשין כעירה אשר רוב מנין היו יהודים יראי שמים ושלמים ורוב בנין היו תלמידי חכמים.

קהלת קורטשין איננה! כמו שאינן עוד מאות קהלות יהודיות. גם בקורטשין נעץ צפרניו הרוצח הגרמני ימש״ו והשמיד את היהודים שבעירה כמו שהשמיד עוד ששה מליונים יהודים.

הפצע פתוח, אין מרפא. שותת ושותת וזב דם. — מעין הדמעות לא פסק! המעין כולו רותח והדמעות זולגות מהעינים אפילו שחלפו 25 שנה.

מעין הדמעות לא יפסוק. דמעות יוסיפו לזלוג מכיון שהעין צופה למרחקים ורואה בבהירות מזעזעת את עירת קורטשין כשהיא מושפלת עד תהום תחתית. היהודים שישבו בה אינם!

העין רואה את אדמת קורטשין שהיא מוכתמת וצבועה בצבע אדום בדמם של אבותינו, אחינו, אחיותינו וטפינו שנשפך כמים על הארץ ע״י הגרמנים הרשעים ימש״ו. וכמו שדם הזה לא יתיבש, שנאמר ארץ אל תכסי דמם, כמו כן מעין הדמעות ימשיך לזרום ללא הפוגות. ועל העין תשאר לנצח דמעה קפואה אשר תכריז: במסתרים תבכה נפשי על עם ד׳ אשר נפל בידי הטמאים.

אין כאן המדובר בסתם דם, אלא בדם קדוש שנשפך על קדוש השם וכבה נר ישראל בקורטשין.

שומה עלינו לא לשכח את החורבן הזה ולא להסיח דעת. ועלינו לשבת יומם ולילה ולבכות על חללי עמנו.

כן לבכות, מלאכי מעלה מר יבכיון על דאבונינו, על חללינו ועל דמם אשר נשפך.

אך אין אנו יודעים לבכות. וכה אומרים חכמינו ז"ל במדרש:

כשחרב ביהמ"ק, היה הקב"ה בוכה ואומר, או לי על ביתי. בני היכן אתם, כהני היכן אתם, נביאי היכן אתם, אוהבי היכן אתם. — אמר לו הקב"ה לירמיהו: לך וקרא לאברהם, יצחק, יעקב ומשה שהם יודעים לבכות.

מיד הלך ירמיהו למערת המכפלה ואמר לאבות העולם: עמדו! שהגיע הזמן שאתם מתבקשים לפני הקב"ה. אמרו לו למה? אמר להם אינני יודע, מפני שהיה מתירא שלא יאמרו, בימיך היתה לבנינו זאת.

הניחן ירמיהו ועמד על שפת הירדן וקרא: בן עמרם, בן עמרם, עמוד! הגיע זמן שאתה מתבקש מלפני הקב"ה.

פתח משה ואמר:

ליטא שימשא, אמאי לא חשכה בשעה שעל שונא לבית מקדשא.
(פתיחתא מדר"ר איכה)

הם ידעו לבכות, הם ידעו לבטא את הכאב ואנו אין יודעים לבכות.

אבותינו בקורטשין

עירה קורטשין מנתה כ־200 משפחות יהודיות. לא נמנתה על הערים הגדולות והמפורסמות, ובכל זאת יצאה שמה לתהלה בתלמידי חכמים מובהקים שהעמידה, ובאישי תורה והלכה.

נזכיר את הרב הגאון ר' שמואל אהרן רובין זצ"ל שהיה אב"ד בקורטשין וחבר את הספר הידוע להלכה „בית אהרן" על הלכות גיטין.

אחריו שמש כרב אב"ד הרה"צ ר' שמואל רובין זצ"ל, נכדו של הרה"צ מרופשיץ זצ"ל, שהיה גם מחותנו של הרה"צ אדמו"ר משיניווע זצ"ל. — היו ביניהם תלמידי חכמים, חסידים ונגידים. הי' זה עם קדוש, הקשור בכל נפשו לתורת משה ומסורתה. רחמנים, טובי לב, בעלי צדקה, גומלי חסד.

לא השחר העיר אותם, אלא הם העירו את השחר. נהרו לבית המדרש עם טלית ותפילין מתחת לבית שחיים על אף הקור והכפור ששרר בחדשי החרף. זה לשעור גמרא, זה ללמוד משניות וזה לאמירת תהלים. ומתורה עברו לתפלה.

בשעות הערב סגרו את חנויותיהם, נטשו את העסקות ואצו לבית המדרש לתפילת מנחה ומעריב. וכשגמרו את התפלה שוב היתה אותה התמונה של לימוד תורה.

שבת של אבותינו בקורטשין

כל ימות השבוע כולם צפו ליום השבת. אולם מיום חמישי היתה אוירה של שבת כבר מורגשה, במיוחד זה התבלט בשוק, כי ביום זה הרבו הנשים בקניות לכבוד השבת היו גם לוים כסף כדי לכבד את השבת ולא דאגו, כי האמונה מלאה את מקום הדאגה. בטחו בד' שאומר: „בני לוו ואני אפרע".

כמו כן התבלטה אוירת השבת גם בביתו של הרב, כי אז היה טרוד בשאלות כשרות וטרפות שאירעו בשחיטת העופות לכבוד השבת.

ביום ששי אחר הצהרים ואילך ירדה קדושת שבת על העירה. החלו

בסגירת החנויות ולהתקדש לכבוד השבת, כולם אצים להתכונן לשבת. כשהגיע זמן הדלקת הנרות של שבת נתקדש השבת למעשה.

תקצרה היריעה אם נבוא לתאר את גודל השעה אצל האשה בזמן שהיתה מדליקה את נרות השבת. מעמד נשגב היתה שעה זו. לפני הדלקת הנרות היתה שמה כסף צדקה לקופה, משענת ידיה על הקופה ואומרת תחינה מיוחדת. אחר כך הדליקה את הנרות ושפכה את בקשתה על פרנסה, בריאות, לרוות נחת מהילדים. קתונות של דמעות זלגו מעיניה של האם היהודית.

העינים נשבעו לראות את היהודים בקורטשין כשהם יוצאים מבתיהם לביה״מ בלבושם השבתי המיוחד. לא רק האמיד הי׳ לובש בגדי שבת מיוחדים אלא גם יהודי מהשכבה היותר קטנה היה לובש התלבושת המסורתית של שבת. עשיר ועני היו שוים בלבוש הזה.

בית המדרש היה מואר בהרבה נרות. מפות לבנות פרושות על השלחנות, ובניגון חסידי עליז התחיל הש״ץ את התפלה „לכו נרננה״.

עוד בטרם תמה התפלה היו מבקשים אם יש איזה אורח לארחו לסעודת שבת. שמחים ועליזים חזרו מביה״מ לביתם, בהליכה זקופה וגאה לאחר חירות של השעבוד של ימות החול. — אי אפשר לתאר את מדת השמחה והחירות שהיה ליהודי בשעת זמירה של „שלום עליכם״ בשעת אכילת סעודת שבת. בימות החול הוא עבד קשה, הי׳ מתובל בדאגות, את ארוחת החול הוא אכל בחפזון, אבל בשבת היה נראה אותו היהודי בצורה חדשה.

לא היה בית יהודי שמשם לא בקעו זמירות שבת החוצה. ועם תום הסעודה היו כאילו שחזרו לביה״מ ללמוד, או שהיו נכנסים להרב לשמוע דבר תורה.

למחרת בבוקר היו גומרים את התפלה בחצות היום ושוב היתה הסעודה מלוה בשירה ובזמרה. ביום השבת היה האב בוחן את בנו מה שלמד במשך השבוע, או שלח את בנו אל ת״ח לבחנו.

אחר תפלת מנחה היו אוכלים בצותא בביה״מ „סעודה שלישית״. הבית המדרש היה שרוי באפילה. זמרו זמירות בצבור. כשתם יום השבת והשמש הדליק פתאום את האור והאור הזה עוררם לחזור לימי החול. בערגה ובגעגועים צפו שוב לשבת הבאה.

זושע אייכהאָרן
ירושלים

דערציילונג
וועגן אומקום פון מיין אייגענער משפחה
און פון אונזער שטעטל



זושע אייכהאָרן

מיין פאָטער, ר׳ חיים ע״ה איז געווען אַ ייד, אַזוי ווי אַלע יידן אינם שטעטל. ער האָט דערצויגן זיינע קינדער צו אהבת־ישראל, און אים איז צו פאַרדאַנקען די געשטאַלטונג פון מיין כאַראַקטער און פון מיינע אייגנ־שאַפטן.

אין אַלע מיינע טואונגען, אין מיינע קינדער־יאָרן און אין מיין וואַנ־דער־וועג, האָב איך אים געהאָט פאַר אַ מוסטער פון ערלעכקייט און געוויסן. צו קיין אַנדערע קוואַלן — סיי רעלי־גיעזע און סיי וועלטלעכע — האָב איך זיך נישט דערביוועט. — די אָרמקייט פון דער יוגנט און די אומשטענדן האָבן עס נישט דערמעגלעכט.

איך בין געווען איינער פון 10 קינדער אין אונזער פאַמיליע. איך בין זיכער נישט געווען בעסער פון זיי, אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן.

6 פון מיינע שוועסטער און ברידער, וואָס זיינען געווען אין פוילן, מיט זייערע מענער און פרויען צוזאַמען מיט זייערע קינדער — 52 אין צאָל — מיין פרוי און אונזערע 3 קינדער, זיינען אומגעקומען, דורך די היטלער־באַנדעס.

ימ״ש. דאָס איז געווען דער גרויזאַמער גורל פון אַלע ידן וואָס זיינען אַריינ־געפאַלן אין זייערע לאַפּעס. אָבער יעדער באַזונדער, צווישן די לעבנגעבליבענע, זעט דאָך, קודם־כּל, זיך אַליין, זיינע נאָענטע, משפחה און קרובים. מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ בשר־ודם.

איך זע שטענדיק פאַר מיינע אויגן מיין טאַטע־מאַמע — ר׳ חיים און ברײנדל — מיין פרוי מיט די 3 קינדער; מיינע ברידער און שוועסטער, מיט זייערע משפחות — אַלע שטייען זיי מיר שטענדיק פאַר די אויגן. איך קען זיך פון דעם נישט באַפרייען. עס פרעגט זיך אַלעמענס פראַגע: מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט צו ווערן אָפּגעווישט פון דעם דייטש׳ס ימ״ש, צוגעטראַכטע מיתות־משונות?

אַ סך מאָל פרעגט זיך מיר אויך: וואָס פאַר אַ זכות האָב איך געהאַט צו בלייבן לעבן (אַז אָך און וויי)!

מיינע אויגן האָבן געזען דעם מלאך־המות אויף שריט און טריט, איך בין נישט איינמאָל געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, אָבער ער האָט מיך אויסגעמיטן. ווער איז בעסער — צי די טויטע, צי אַזעלכע לעבנדיקע ווי איך, איז אַן אַנדערע פראַגע.

מסתמא איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן, וויניקסטנס, זיי צו באַשרייבן, זיי צו געבן אַ תיקון — לויט דער יידישער טראַדיציע און לויט מיינע פעאיקייטן. קיין אַנדערן ענטפער דאַרויף האָב איך נישט.

איך האָב שוין ביז איצט פאַרעפנטלעכט, אין געוויסע צייטונגען, מאַנכע געשעענישן אין פאַרבינדונג מיט מיר, מיין פאַמיליע און אונזער שטעטל, וואָס זיינען אַ טייל פונם גאַנצן יידישן חורבן. איינגאַנצן אויסשעפּן דעם צער, און ווייטאָק לאָזט זיך נישט, אפילו ווען איך זאָל קענען פאַרנעמען אַלע זייטלעך, וואָס קענען אַריינגיין אין יזכור־בוך.

פאַר׳ן אויסברוך פונם לעצטן מבול בין איך געווען אין דייטשלאַנד, דאָרט חתונה געהאַט, געוואָרן אַ טאַטע פון 3 קינדער. ווען היטלער, ימ״ש, איז געקומען צו דער מאַכט, זיינען ביי אים געווען די ערשטע קרבנות די פרעמדע ידן, וואָס ער האָט אַריבערגעשיקט איבער דער גרענעץ, פון וואו זיי האָבן געשטאַמט. איך מיט מיין משפחה, איינגעשלאָסן מיין שוויגער, זיינען אָנגעקומען קיין ביעליץ, פּוילן, וואו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט. ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן און מ׳איז אַנטלאָפן פון דער נאָענטער דייטשער גרענעץ זיינען מיר אָנגעקומען קיין קאַרטשין.

19 יאָר האָבן מיר גליקלעך געלעבט, פריער אין דייטשלאַנד, נאָכדעם

אין פוילן. די קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן אינם יידישן גייסט, געבליט און מיר האָבן פון זיי געהאַט נחת. מיר דינען, ווייניקסטנס געווען צחאַמען, נישט אָפגעשיידט.

אין קאָרטשין, צו מיינע עלטערן, זיינען אויך אָנגעקומען מיינע צוויי ברידער מיט זייערע פרויען און קינדער; 3 שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, ווי אויך אַ צאָל אייניקלעך; מיינס אַ שוועגערן, נאָך אַ כלה־מידל — אַלע צחאַמען 52 אין צאָל.

די ערשטע אָפענע טיר פאַר זיי איז געווען ביי מיין גוטער מאַמען, וואָס האָט אַלעמען אויפגענומען אונטער אירע מאַמעשע פליגל. קיין תרעומות האָט מען פון איר פנים נישט אַרויסגעלייענט. ווי־נישט־איז האָט מען געפינען פלאַץ פאַרן רוב פון זיי אין דער אייגענער, אָרימער דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 צימערן מיט אַ קיך.

אין דער מהומה, ווען דייטשלאַנד און רוסלאַנד האָבן צווישן זיך איינ־געטיילט פוילן און מ׳האָט אין טומל געזוכט פאַר זיך און פאַמיליע אַן אַנטרי־נונגס־אָרט, בין איך מיט מיין 17 יאָריקן זון, בעריש, פאַרכאַפּט געוואָרן אויף דער רוסישער זייט. מיר האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין אייגענעם אויסוואַל און מיר זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן אין טיף רוסלאַנד, סיביר. אויפן וואַנדער־וועג, אין דער אומענדלעכער מדינה, האָט מיין זון נישט אויסגעהאַלטן און געשטאָרבן. איך אַליין האָב אים מקבר געווען. במשך פון 3 טאָג בין איך, דורכן פאַרלירן מיין לעצטע טרייסט, גרוי געוואָרן.

איצט בין איך געבליבן אַליין, אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל. — בלויז די אילוזיע, אַז אויף וועלכן עס איז אופן האָבן זיך דאָרט, ערגעצוואו, וועלכע עס איז פון מיין פאַמיליע געראַטעוועט פונ׳ם אשמדאי׳ס נעגל, — האָט מיר געגעבן מוט ווייטער אָנצוגיין מיטן לעבן. מ׳האָט זיך געגנאַרט פון טאָג צו טאָג.

און ווען ענדלעך, נאָך אַלע גרויזאַמע איבערלעבונגען, ווען כ׳בין מיטן נאַקעטן לעבן צוריקגעקומען קיין פוילן, האָט אין מיר געטליעט אַ האָפנונג נאָך ווען עס איז פון מיין משפחה צו טרעפן.

דער ערשטער ציל איז געווען צו דערגרייכן קאָרטשין. ווען איך בין ענדלעך דאָרט אָנגעקומען איז מיר מיין בראָך געוואָרן קלאָר, כאָטש כ׳האָב עס שוין געאַנט ביים אָנקומען אויף דער פוילישער ערד, וואו ס׳האָט אין דער פאַר מלחמה׳דיקע ציטן געווימלט מיט יידישער ענערגיע.

דעם יידישן אומקום האָט מען דערשמעקט תיכף ביים באַטרעטן די טעריטאָריע, וואו דורות יידן האָבן געלעבט, געשאַפן, און נאָך זיך איבערגעלאָזט

יורשים, וואָס האָבן אַלץ ווייטער געשפּינט אינם גייסט פון דער צייט. — אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל איז אַזוי אכזריות'דיק פאַרניכטעט געוואָרן. בלויז געציילטע זיינען דורך ניסים געבליבן לעבן, און איך בין איינער פון זיי.


די געוועזענע שכנים, האָבן זיך פשוט נישט געגלויבט, אַז אַ גערעטעוועטער ייד זאָל זיך נאָך יאָוועז ביי זיי. זיי האָבן זיך שוין געהאַט מיט דער איבער־געבליבענער יידישער ירושה צעטיילט, און דאָ קומט איינער, אַזוי ווי פון יענער וועלט, און דערמאָנט זיי, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן. ספּעציעל די יעניקע, וואָס האָבן אויך מיינע עלטערנס האָב־און־גוטס געמאַכט פאַר זייער אייגנטום.

צו פיל מורא האָבן פאַר מיין שאָטן האָבן זיי נישט באַדאַרפט; און וועגן פילן זיך עפּעס זינדיק אויך נישט. — זיי האָבן שוין לאַנג צוריק, מסתמא, געקראָגן פון זייער גלח אַ סליחה ומחילה אויף זייערע „שיינע מעשים" און זיי קענען שוין ווייטער אָנגיין מיט זייער זינדיקן לעבן. — איבריקנס קען מען דאָך אַלע עוונות אַרויפלייגן אויפן דייטש, ימ"ש, און אַליין איז מען גאָט די נשמה שולדיק.


צוויי פלעצער זיינען געווען אין וועלכע כ'האָב זיך אין קאַרטשין געקלאָ־מערט: אין דעם ברונעם וואָס האָט נאָך עקזיסטירט, וואו מיינע עלטערנס נחלה איז אַמאָל געשטאַנען — און דאָס בית־עולם, וואו די אַלע קאַרטשינער, וואָס האָבן נאָך געהאַט די זכיה דאָרט באַגראָבן צו ווערן און איז נישט טמא געוואָרן פון די דייטשע און אַנדערע רוצחים.

פון דעם ברונעם האָב איך זיך פאַר'שכור'ט מיט זיין קוואַליקן וואַסער וואָס האָט מיך, ווי אין אַ חלום, פאַרוואַנדלט אין מיין קינדערהייט, ווען כ'פלעג זיך דערמיט קוויקן, און אויף מיין לאַנגען וואַנדערוועג אַזאַ טעם מער נישט געפילט.

איך קאָן זיך נאָך ביז היינט נישט אָנגעבן קיין חשבון ווי אַזוי עס האָט דאַמאָלט פּאַסירט: נישט צו קענען זיך קאָנטראָלירן, צו וואַכן איבער מיין אָפּגעראַטעוועט לעבן. דער קאָשמאַר פון אַלץ־מיטאיינאַנדער האָט מיך גובר געווען. אין חלום האָב איך איבערגעלעבט מיין גאַנצע קינדערהייט מיט דעם גאַנצן אַרום. מיין מאַמע, ע"ה, האָט זיך געפּאַדעט אַרום מיר, געגעבן אירע אָרעמע פּאַטראַוועס, וואָס האָבן מער געשמעקט ווי אַלע וועלטלעכע, וואָס כ'האָב שוין אין מיין לעבן פאַרזוכט. אויך דעם גאַנצן געווירבל, וואָס כ'האָב אין מיין לעבן ביז דאַמאָלס דורכגעמאַכט, האָט עס פאַרפלאָכטן אין דעם חלום. איך וויס נישט ווי לאַנג כ'בין דאָרט געשלאָפן, אָבער ערשט נאָכדעם האָט מיך באַפאַלן



דער אויסקוק פון יידישן בית־עולם אין קאָרטשין



דאָס איינפאָר־טויער און דער פּאַרקאַן (גדר) אַרום בית־עולם
וואָס חיים וואָלף קורעף האָט אויפגעבויט

אַ פּחד, פּאַרוואָס איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אַזוי הפקר׳דיק זיך פאַרלאָזט אויף מײַנע „גוטע״ שכנים.

מײַן צווייטע „סטאַנציע״, דער בית־עולם, וואָס האָט געהערט צו גאַנץ קהל, איז נאָך דערווייל נישט געוואָרן קיין אַנדערנס אייגנטום. דאָס הייליקע אָרט, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן צעמענטענעם מויער, וואָס חיים וואָלף קורעוו, ע״ה, האָט באַוויזן אויפצושטעלן, און איז פון די טמאים נישט באַרירט געוואָרן׳ איז דער איינציקער יידישער אַדרעס, וואו אַ געבוירענער קאַרטשינער קען זיך פילן היימיש.

פון מאַנכע אַלטע גויישע שכנים האָב איך אויסגעפינען אַז מײַן מאַמע, ע״ה, האָט נאָך געהאַט די זכיה צו שטאַרבן 3 טאָג פריער, בעפאָר דער אויסראָטונג פון די קאַרטשינער יידן, און ליגט אויפן יידישן בית־עולם. דער שומר פון דאָרט וואָס וואוינט אין אַ הייזל פון קהל׳יש אייגנטום האָט מיר אָנגעוויזן דעם קבר און כ׳האָב געהאַט וואו זיך אויסצו־וויינען.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער מאַמעס קבר האָב איך צו איר גערעדט ווי צו אַ לעבנדיקער: כ׳האָב איר אָנגעזאָגט היטלערס מפּלה און אַז איר זון, זישע, שטעלט אַ מצבה פאַר איר.

מסתמא בין איך דאָרט פאַר׳חלש׳ט געוואָרן, ווייל אַ שיסל וואַסער, פונם קברות־גוי, אויף מײַן פּנים האָט מיך אויפגעוועקט.

כ׳בין געגאַנגען פון מצבה צו מצבה, געפינען מײַן טאַטנס קבר און דאָרט געדאַוונט. כ׳האָב אויפגעזוכט די קברים פון מײַנע זיידעס, יוסף און נטע לייבוש; אויך פון מײַנע באָבעס; געוועקט זייערע נשמות און זיי געלאָזט וויסן, אַז איינער פון זייער גזע געפינט זיך נאָך צווישן די לעבנדיקע.

דאַמאָלס האָב איך באַשלאָסן אויף מײַן מוטער׳ס קבר אַ מצבה צו שטעלן. — פאַר דעם צוועק בין איך צוריק געפאָרן קיין ביעליץ־ביאַלע, וואו איך האָב צײַטווייליק געוואוינט זינט מײַן צוריקקומען פון רוסלאַנד, און געלאָזט מאַכן אַ מצבה. דאַרויף האָב איך שוין געלאָזט אויסקריצן אַנדערע נעמען פון מײַן משפּחה, פון וועלכע מ׳וויסט נישט וואו זייער געביין געפינט זיך. קומענדיק מיט דער מצבה אויף דער קראָסנער באַן־סטאַציע האָב איך מיר באַזאָרגט אַ האַנט־וועגאַלע (קיין פיאַקערס האָבן דאַמאָלס נישט פונקציאָנירט), געדונגען אַ פּאָליאַק און מיט אים צוזאַמען די הייליקייט געשלעפּט אויפן קאַרטשינער בית־עולם. גאַנצע 3 שעה האָט עס געדויערט. אַ רעגן האָט אונז געפּאַקט אינמיטן וועג, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט וואו זיך אָפּצושטעלן.

דאָס בילד פון דער מצבה:



II

דריי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קאַרטשין, געשלאָפן דאָרט 5 נעכט און אַלעמאָל איבערגענעכטיקט אינם טהרה־שטיבל אויפן בית־עולם. מאָדנע, וואָס צווישן די יידישע מתים האָב איך זיך געפילט היימישער, זיכערער, ווי צווישן די לעבנדיקע פּאָליאַקן. די מורא, מיט וואָס אַ ידישער מענש איז אָנגעזאַפּט פון קליינוויז אָן פאַר אַ בית־הקברות, איז ביי מיר פאַרשוואונדן.

שלאָפן האָט זיך נישט געקענט, האָב איך זיך פאַראייניקט מיט אַלע נשמות וואָס האָבן אויף דעם הייליקן אָרט געפינען זייער רו — און מיט אַלע קדושים וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן מיט אַלערליי מיתות־משונות.

קוים איז טאָג געוואָרן האָב איך ביי מיין טאַטנס קבר געדאַוונט און נאָכדעם באַזוכט די קברים פון מינע נאָענסטע — די מאַמע, זיידעס און באָבעס — און ביי זיי אויך מתפלל געווען.

III

זייענדיק אין קאַרטשין האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ דראַנג פאַר מער אינפאָרמאַציע וועגן אונזער חורבן, די קרבנות צו פאַראייביקן.

צוויי קאַרטשינער גוים — די באַגראָבערס פונם ידישן בית־עולם און פון צמענטאַרזש — האָבן זיך אָנגעבאָטן, פאַר באַצאָלט, מיך צו פירן צו אַ מאַסן־קבר, אין די פּאָסעס אַרום דעם צמענטאַרזש, וואו עס ליגן אַ סך דער׳הרג׳עטע. נאָכדעם האָבן זיי מיך געפירט צו אַ געמיינזאַמען מאַסן־קבר, אויפן וועג קיין ברעזעוו.

כ׳האָב געוואָלט דאַמאָלס מרעיש־עולמות זיין צו ברענגען די קדושים׳ס ביינער קיין ישראל, אָבער מינע כוחות דערצו זיינען געוועזן צו שוואַך.

אָבער וואו זיינען די איבריקע פון די קרוב צו 1500 נפשות וואָס האָבן זיך געפינען אין קאַרטשין אין דער לעצטער צייט פאַרן פולשטענדיקן חורבן?

עס בלייבט פאַר אונז נישט קיין אַנדערער וועג ווי צו סימבאָליזירן אַלע אונדזעריקע, צווישן די 6 מיליאָן קדושים, אין אַ יזכור־בוך. אפילו ווען זייערע פולע נעמען וועט נישט מעגלעך זיין צו פאַרצייכנען וועלן זיי, אינם גייסט, זיין אַריינגערעכנט.

IV

אין אַ שיינעם, זוניקן, זונטיקדיקן טאָג בין איך אַזוי געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, הילפלאָזער, אַ פרעמדער, מיט אַ האַרץ שווער, ווי בליי און זיך צוגעקוקט ווי די גויים דאָרט זיינען אויפגעלייגט מיט זייער זונטאָג־רו. וואָלט כאָטש דער הימל דאַמאָלט געווען פאַרכמאַרעט, געכליאָפּעט אַ רעגן, וואָלט עס געשטימט מיט מיין געמיט.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו אַ פּאָמפּע, זיך געוואַשן די הענט און איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ תפילה איך זאָל דאָ זאָגן: זאָל איך בעטן אַז ס׳זאָל דאָ נאָכאַמאָל ווערן אַ יידישער יישוב? דאָס איז מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען. כ׳האָב זיך בלויז געקענט מתיחד־זיין מיט אַלע דורות יידן וואָס האָבן דאָ געלעבט, געליטן און זיך פאַראייניקט, מיט דער אייביקייט פון פאַר זיי און נאָך זיי — לעולם־ועד. אַז ג־ט דער מכניס־דמעה זאָל מיינע טרערן־אויסגוס פאַראייניקן מיט די טייכן און ימים פון אַלע יידישע געווייִנען און ברענגען די אמת׳ע גאולה.

איצט מיט מיין אַרימער באַשרייבונג בעט איך אויך פאַרן זעלביקן צוועק.

V

צו דעם 15טן יאָרצייט — כ״ט מנחם אב תשט״ז (12, 8, 1956) אויף דעם הר־ציון אין ירושלים. האָבן אונזערע קאָרטשינער, צוזאַמען מיט די קראָסנער לאַנדסלייט, געשטעלט אַ מצבה, אין „מרתף השואה״ — לזכרון־עולם פאַר די צווי קהילות. איינגעמויערט דאָרט אַ זכר צווישן אַנדערע הונדערטער יידישע קהילות וואָס האָבן געטיילט דעמזעלביקן גורל.

קראָסנער און קאָרטשינער זיינען דאָרט געווען היבש אין צאָל.

פון יאָר צו יאָר — אינם יאָר־צייט־טאָג — קומען דאָרט באַזוכן אַלץ ווייניקער און ווייניקער לאַנדסלייט. אין יאָר 1959 איז שוין דאָרט קיין איין קראָסנער נישט געווען און איך אײנער אַליין האָב פאַרטרעטן קאָרטשין. זייער טרויעריק.

IV

יעדעס יאָר, דעם 10טן טאָג אין חודש טבת, קומען זיך צוזאַמען אין תל־אביב, אין אַ זאַל, די שרידים פון משפחות, כדי זיך מתיחד צו זיין מיט די הייליקע נשמות. מ׳איז זיי מזכיר מיט געבויגענע קעפּ און מיט אַ געוויין אין האַרצן. מ׳הערט זיך צו צו די רעדנער און דעם „אל־מלא־רחמים״ און קדיש פון דעם קראָסנער חזן.

אין דעם האָל טרעפן זיך קאָרטשינער און קראָסנער, וואָס וואוינען שוין אַ סך יאָרן אין לאַנד.

צווישן די הייליקע נשמות פון פאַרשידענע קהילות פלאַטערן אויך די נשמות פון אונזער שטעטל. הייליק זאָל זיין אייער אָנדענק — טייערע קדושים!

ת. נ. צ. ב. ה.

IIV

אונזער ווייט און ברייט באַקאַנט יידיש־חסידיש שטעטל, וואָס איז געווען באַרימט צוליב דער גוטער אויסאַרבייטונג פון דער קאָרטשינער לייוונט, וואָס אונזערע יידן האָבן עס פאַרמיטלט כמעט מיט גאַנצער וועלט — איז אָבער פון זיי, לײדער, ווייניק לעבנדיקע איבערגעבליבן, זיי זאָלן עס געדענקען און פאַרשרייבן.

אַ העק פאַרוואָרפן, 7 קילאָמעטער ווייט פון אַ באַן־סטאַציע, דאָך האָבן דאָרט פרעמדע אָרימע־לייט קיינמאָל נישט געפעלט. די וואָס זיינען געווען מער בכוח האָבן געגעבן אַ שענערע נדבה, אָבער אפילו די אייגענע אָרימע פונם שטעטל האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין פרעמדן מיט גאָרנישט. עפּעס האָט מען געגעבן מקיים צו זיין די מצוה פון צדקה.

פון די מער פאַרמעגלעכע משפחות געדענקט זיך: ר׳ מענדעל שרויט, שאול רייך, אליעזר און אברהם ראב, חיים דים, מענדעל גלייכער, הערש יעקב ראָסהענדלער, שילעם אקסעלראד, משה ראָטענבערג און אַ סך אַנדערע. שפּעטער זיינען עס געווען זייערע יורשים וואָס האָבן אָנגעהאַלטן די טראַדיציע און געהאָלפן אַנדערע לויט די אייגענע מעגלעכקייטן.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן זיך געביטן געוויסע מאַטעריעלע פּאָזיציעס,

אָבער אַ געוויסער דרך־ארץ איז געבליבן צו די פריריקע, וואָס זיינען אַרונטער פון דער גדולה. אינגאַנצן אָפּמעקן אַ פאַרגאַנגענהייט קען מען נישט.

ווער קען פאַרגעסן די צדקת באַשע וועלקע רייך, שרה גוטווילן און אַנדערע טייערע פרויען וועלכע האָבן זיך מקריב געווען און געהאָלפן אָרימע־לייט?

אונזער שכן, דער קצב משה קירשנער און זיין פרוי איטע האָבן געוויזן אַ ביישפּיל. אַליין נישט קיין גבירים, האָבן אויסגעזוכט באַהאַלטענע אָרימע־לייט און זיי געבּרענגט פלייש אויף שבת און יום־טוב.

כלי־קודש, בעל מלאכות און אַנדערע זיינען געווען שמחים בחלקם. ס׳איז געווען אַ פרידלעך איינגעשטעלט צוזאַמענלעבן. ביז די דייטשע רוצחים, ימ״ש, וואָס האָבן געמאַכט אַן ענד צו אַלץ און אַלעמען, דאָס וואָס אונזערע טייערע און ליבע האָבן איבערגעלעבט במשך פון די 3 אָקופּאַציע יאָרן, איז מען נישט אומשטאַנד צו באַשרייבן.

VIII

כ״ט באב, תש״ב, 8 אַזייגער אינדערפרי, איז דאָס גאַנצע שטעטל געוואָרן באַלאַגערט פון דייטשן, אוקראַאינער און פּאָליאַקן (וואָס האָבן מיט זיי קאָלאַבאָרירט) און האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרייבן אַלע יידן פון די שטובן. ווער ס׳האָט נישט באַוויזן שנעל צו פאַרלאָזן זיין שטוב איז באַלד אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

אַלעמען מיט זייערע אָרימע פּעקלעך, וואָס די יידן האָבן אויף שנעל געכאַפּט, האָט מען צוזאַמענגעטריבן אויפן מאַרק און דאָרט זיי, אין דער גרעסטער היץ, געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. זיי זיינען געשטאַנען צווישן צוויי ברונימער און קיינעם פון זיי נישט דערלויבט אַביסל וואַסער צו טרינקען. — וואָלט זיך ווער דאָס אַליין דערלויבט וואָלט מען דעמיעניקן דערשאָסן אויפן אָרט.

נאָכמיטאָג איז געקומען דער הויפּט פון דער דאָרטיקער דייטשער געסטאַפּאָ און צווישן עולם אויסגעקליבן אַלע אַלטע, שוואַכע און קראַנקע. מיט אַ גומענעם שטעקן זיי געגעבן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַלס צייכן, און זיינע באַנדיטן האָבן באַלד דעם אויסגעקליבענעם קרבן אַ כאַפּ געטאָן און אַרויפגעוואָרפן אויף אַ לאַסט־וואָגן. ווען זיי האָבן שוין געהאַט געדיכט אָנגעפילט דעם מאַרטירער־וואָגן, זיינען זיי אַוועק מיט אים אויפן וועג וואָס פירט קיין ברעזעוו. — דאָרט איז שוין פאַר די אומגליקלעכע געווען אָנגעגרייט אַ קבר. אויף אַזאַ אופן האָבן די סיסטעמאַטיש פאַרקלענערט די צאָל יידן.

זיי האָבן נישט פּראָקלאַמירט, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן מיט די קרבנות, נאָר פאַרשטעלטערהייט, האָט עס געהייסן, אַז מען בייט איבער די

באַפּעלקערונג, לויט זייער פּלאַן. טראָץ דעם וואָס מ׳האָט געפּילט, בחוש, זייער כוונה, האָט עס אַלעמען פּאַראַליזירט, נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד. און מיט וואָס האָט מען זיך דען געקענט קעגנשטעלן די באַוואָפנטע רוצחים?

צווישן די קדושים דאַמאָלס האָבן זיך געפינען מיין שוועסטער חנה־פּעסל מיט איר מאַן שמואל, מיין צווייטע שוועסטער בלומע מיט איר מאַן אפרים, מיין מומע פערציע, געבוירן ב״ץ; משה דוד פּעסל, משה קירשנער און זיין פרוי, און אַ סך אַנדערע.

נאָך די ערשטע גרעסערע צאָל קרבנות האָבן די מערדער, ימ״ש, די איבריקע אויסגעשטעלט צו 5 אין אַ ריי און זיי אָפּגעפירט קיין קראָס צו דער באַן־סטאַציע און צוויי טעג שפּעטער קיין בעלזשעץ.

דער קדוש ר׳ שלמה פּירזיכבוים האָט נישט געוואָלט מיטגיין האָט ער זיך מיט זיין פרוי איינגעהילט אין אַ טלית און געשריגן אויפן קול: „שמע־ישראל״! האָבן זיי אים, די דייטשן, באַלד אויפן אָרט דערשאָסן. זייער איינציקע טאָכטער מיט איר מאַן (מיין ברודער) מיט זייערע 3 קינדער, האָבן דאָס אַלץ צוגעזען.

אין דעם טויטן־צוג האָבן זיך אויך געפינען מיין גאָטזעליקע פרוי, אסתר מיט אונזערע טייערע קינדער, רבקה 18 יאָר אַלט און חנה 16 יאָר אין זייער בליענדיקן עלטער; מיין ברודער יאַנקעל מיט זיין פרוי און 3 קינדער; מיין שוועסטער ריקל מיט איר מאַן און צוויי קינדער און נאָך אַנדערע פון מיין משפּחה. — עס שווינדלט מיך אויסצורעכנען זייערע נעמען.

די פּוילישע באַפּעלקערונג, וועלכע האָט אַלע יאָרן געלעבט דורך דער פאַרמיטלונג פון די ידישע סוחרים, קליינהענדלער און אָפּגעקויפט זייערע איבריקע פּראָדוקטן, איר עקזיסטענץ איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער ידישער, איז זי, נאָך דער עוואַקוירונג פון די יידן, געקומען מיט זעק און וועגאַלעך צו ראַבעווען דאָס געבליבענע ידיש האָב און גוטס.

איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין ישראל (אין מערץ 1950), בין איך צום לעצטן מאָל געווען אין קאָרטשין, און צופעליק דאָרט געפינען אַ שמ׳ע פון אַ גמרא, האָב איך זי מיטגענומען צום הייליקן אָנדענק פון מיין חרוב געוואָרן שטעטל. — דאָס איז אַלץ פונם גייסטיקן איבערבלייב, פון אַזויפיל ספרים וואָס קאָרטשין האָט פאַרמאָגט, און וואָס האָט געהאַט די זכיה איבערצווואַנדערן אין דער ארץ־הקדושה, פון וועלכער אַלע יידן האָבן אַזוי שטאַרק גע׳חלומ׳ט.

אויף אַזאַ אופן האָב איך, אַן אומגליקלעכער, פאַרביטערטער, צעבראָכענער און עלנד, פאַרצווייפלט — געבליבענער קאָרטשינער ייד, פאַרלאָזט מיין געבוירן־שטעטל — אויף אייביק.

באַשע קראַווטשיק (שיף) איז די טאָכטער פון חיה ליבע מעכעלעס (מעכעלע קרעש'ס אַן אייניקל), געצל הי"ד, און יבל"ח מרדכי שיף'ס אַ שוועסטער.

אין איר בריוו פון 1טן יולי 1947 פון אַ די. פּי. לאַגער אין באַרי, איטאַליע, באַשרייבט זי אירע איבערלעבונגען, צרות, פּיין און ליידן, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, אין צווייטן וועלט־קריג, פון די דייטשן, די רשעים ימש"ו.


באַשע וואוינט היינט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

די רעדאַקציע

באַשע קראַווטשיק (שיף)

באַרי, איטאַליע
די. פּי. קעמפּ

מיינע איבערלעבונגען, פּיין און ליידן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן



באַשע (שיף) קראַווטשיק

ליבער און זייער חשוב'ער פריינט דאַווידאָוויטש!

מיך פרייט באמת אַז כ'קען שרייבן צו אַ גוטן פריינט פון קאָר־טשין, וואָס עס דערמאָנט זיך פון די אַמאָליקע צייטן...

איר זענט זיכער נייגעריק צו וויסן, ווער ס'שרייבט צו אייך. — מיין ברודער, מרדכי שיף, וואָס געפינט זיך איצט אין עסטרייך, האָט מיר געשריבן וועגן אייך.

ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן פון דער ידיעה, אַז איר ווילט אייך אינטערעסירן, וועגן מיינע איבערלעבענישן, בשעת דער ברוינער בעסטיעס אָקופּאַציע.

און פאַרוואָס זאָל איך דאָס טאַקע נישט טאָן? — נעם איך מיר

ספּעציעל צייט דערפאַר. איך וועל מיר קאָנצענטרירן די געדאַנקען און טיילן זיך מיט מיינע ליידן און פריידן.

כאָטש ס'דאַכט זיך אומבאַקאַנט, אָבער איר זייט מיר גאָר נאָענט צוליב דעם, וואָס אייער גאָטזעליקע מאַמע, פּערל יענטע, איז געווען מיין גאָטזעליקער מוטערס אַ האַרציקער פריינט. זיי האָבן זיך זייער גוט פאַר־האַלטן.

יאָ, איך מעג דאָס זיכער צופּאַסן צו יציאת־מצרים, און אפשר נאָך מער.

אָנהייבנדיק פון דעם קריג־אויסברוך, אין יאָר 1939 ביז 1945 איז עס געווען אַזוי:

נאָך דריי וואָכן קריג האָבן שוין די דייטשן געהאַט פאַר־כאַפּט גאַנץ פוילן. ווי טראַגיש איז פאַר אונז געווען זייער אַריינמאַרש אין די שטעט און שטעטלעך.

די ערשטע פאַראָרדנונג זייערע איז געווען (איך געדענק עס ווי היינט), אין אַ יום־כיפור. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע גריבער, וואָס זיינען פאַראַן, הינטער דער שטאָט זאָלן עס יידן פאַרשיטן און אויס־גלייכן. מען זאָל נישט דערקענען, וואָס עס איז געווען אויף די ערטער. ווען נישט, דראָט אַלעמען טויט־שטראָף. — דאָס איז ביי זיי געווען אויף דער טאָג־אָרדנונג.

איך, צווישן אַלע יידן, פאַסטנדיק, אינעם טאָג פונעם יום־הדין, האָב גענומען די שופלע (לאָפּעטע) און געאַרבעט וואָס שנעלער, ווייל זיי האָבן אַכטונג געגעבן מ'זאָל זיך נישט אָפּרוען. און אַזוי, מיט שווערער מי און ווייטיק, האָט זיך געענדיקט דער יום־כיפור־טאָג.

נאָכדעם האָט זיך די צוואַנגס־אַרבעט איבערגע'חזר'ט טאָג־איין טאָג־אויס: מ'האָט געמוזט קערן די גאַסן, איבערטראָגן מאַגאַזינען פון איין פלאַץ אויפן צווייטן, אויסלאָדענען וואַגאָנען מיט קוילן אדג"ל. דאָס אַלץ האָב איך מיטגעמאַכט.

די סאָרט צוואַנגס־אַרבעט האָט געדויערט ביזן יאָר 1941.

פונעם יאָר 1941 הייבן זיך אָן פרישע גזירות מיטן שאַפן אַ געטאָ. ווי שרעקלעך איך האָב זיך אָנגעליטן אין דער געטאָ, בין איך פשוט נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן. עס איז אייך זיכער באַקאַנט דאָס לעבן פון די געטאָס, וואָס די באַנדיטן האָבן געשאַפן. נאָך ערגער איז עס געווען, ווען זיי האָבן די געטאָס ליקווידירט. דערהערנדיק וועגן אַזאַ מין אויסזידלונג איז איעדן דורך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. איעדער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ

דין וחשבון, וואָס עס מיינט „אויסזידלונג״. צוערשט האָבן זיי, די רוצחים, די קראַנקע, שוואַכע, אַלטע און קינדערלעך גענומען צו דער שחיטה; די פּעאיקע האָט מען פאַרשיקט צו אַרבעט. איך בין געווען צווישן די פּעאיקע.

מען האָט מיך קאָסערנירט אין אַ פאַבריק פון עלעקטראָ־טעכנישע־אויסאַרבעטונגען פאַר מיליטער. 2 יאָר בין איך געווען אין דער פאַבריק, אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן. כ׳האָב פאַר מיינע אויגן נישט געזען מער, ווי די רוישנדיקע מאַשינען און די פאַרוואָגלטע קנעכטשאַפט. 12 שעה אַ טאָג, און ביי די שווערסטע מאַשינען, האָט מען געמוזט אַרבעטן. די לעצטע כחות און ענערגיע האָט מען אָפּגעגעבן. יעדער איינער האָט געמוזט פּראָדוצירן אַזויפיל, וויפל דער אַרבעטס־לייטער האָט באַשטימט. אויב איינער האָט עס נישט געקענט באַוויזן איז ער געוואָרן פאַרשריבן אויפן „שוואַרצן צעטל״, דאָס האָט געמיינט: צום טויט.

צוויי סאָרטן טויט האָבן זיי דאָרט פּראַקטיצירט: דורך שיסן, אָדער דורך אויסדרעסירטע בייזע הינט. זיי האָבן דעם מענטש צעריסן אויף שטיקלעך. דאָס איז געווען אין לאַגער פּלאַשאָוו.

יאָ, איבערנאַטירלעכע כחות זיינען געווען אין מיר. ווער עס האָט דאָס נישט מיטגעמאַכט און עס נישט געזען, איז אים שווער עס צו גלויבן. איך אַליין קען עס היינט נישט באַגרייפן ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ געקענט אויסהאַלטן. צום באַדויערן, איז עס אַ טרויעריקער פאַקט.

נאָך צוויי יאָר אָפּהאָרעווענדיק זיך די ביינער איבער די כחות און אין הונגער (ווייל נאָר אַ האַלבן ליטער קאַרטאָפל־זופּ און אַ האַלב פונט ברויט האָבן מיר טעגלעך געקראָגן), האָט מען נאָך געלעבט אין שרעק און אין גרויס פאַרצווייפלונג. דער פּחד איז געווען אומגעהויער.

איצט פאַנגט זיך אָן אַ נייע סדרה: עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז די רוסישע און אַמעריקאַנער אַרמייען דערנענטערן זיך צו אונז, און מ׳וועט אונז פון דאַנען אַוועקנעמען. אויף קיין גוטס האָבן מיר זיך נישט געקענט ריכטן, אַזוי לאַנג, ווי די דייטשן, ימ״ש, האָבן געהאַט די ממשלה איבער אונז.

עס איז געקומען דער טאָג, מען האָט אַלעמען פאַרזאַמלט אויפן „אַפּעל־פּלאַץ״. וואָס דער „אַפּעל־פּלאַץ״ איז געווען, וועל איך אייך דערקלערן: אַ גרויס פעלד, אַרום און אַרום פאַרצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן, און אַיעדן טאָג, 6 אַזייגער אינדערפרי, איידער מיר זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט מען געהערט, פון אַ הילכער, אַ געשריי: אַפּעל! לאָס, לאָס! ד. ה. שנעלער שנעלער!

אַזוי האָבן זיך מענטשן אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און דער ס.ס.־מאַן האָט אַלעמען געציילט. דריי מאָל טעגלעך האָט מען מיטגעמאַכט דאָס ציילן: 6 אינדערפרי גייענדיק צו דער אַרבעט, פאַר נאַכט נאָך דער עבודת־פרך, און פאַרן שלאָפן גיין.

טאָמער האָט עמיצער פון דער גרופּע געמאַכט אַ ויברח און דאָרט געפעלט, האָבן זיי דערפאַר 20 אַנדערע אומשולדיקע געשאָסן.

איצט גיי איך צוריק צו דעם, ווען מ׳האָלט אונז ביים אָוועקשיקן:

דער גרופּע־אָנפירער גיט אַ באַפעל: „אַלעס לאָסען״, גאָרנישט מיט־נעמען, אין אָוונט פאָרט איר אָוועק...

איך האָב זיך געטראַכט: שפּעטער אָדער פריער וועלן מיר אַלע פאַלן קרבנות. אַנדערע פון דער גרופּע האָבן געזאָגט: זאָלן זיי אונז דאָ טויטן אויפן אָרט, צו וואָס זיך נאָך מוטשען און פּלאָגן? אָבער ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָפט אַלץ איבערצולעבן און זען די רוצחים׳ס סוף.

מיר הויבן אָן דעם מאַרש. מען גייט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, ענדלעך קומען מיר אָן צו אַ באַן־סטאַציע. הויבן די דייטשן אָן צו שרייען ווי ווילדע חיות: לאָס! לאָס! וואָס שנעלער אַריינשטייגן. אָבער ווי טונקל איז מיר געוואָרן פאַר די אויגן, דערזעענדיק בהמה־וואַגאָנען מיט פאַרקלאַפּטע פענצטערלעך, אינגאַנצן טונקל אינעווייניק. די באַנדיטן ציילן אונז וויפיל ס׳דאַרפן אַריין אין איין וואַגאָן. זיי האַלטן שוין ביי 120 און איינער, פון די ס.ס.־מענער, רעוועט אַרויס: סטאָפּ! באַלד פאַרקלאַפּן זיי די טיר און דער רשע גיט אַ ברום: „רואיק הונדע!״

אַזוי האָבן זיי אין גאַנצן צוג אַריינגעשטופּט צו 120 אין אַ וואַגאָן. מיר פאָרן!

וואו אַהין האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט. אַ טראַגיש בילד שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן, ווי אַ מוטער שטאַרבט אויף איר טאָכטערס הענט פאַר דורשט. זי האָט געבעטן אַביסל וואַסער, אָבער מ׳האָט עס איר נישט געקענט געבן. דאָס טראַגישע דערביי איז געווען, אַז ווען איר נשמה איז אויסגעגאַנגען האָט קיינער פון אונז אַפילו נישט געוויינט. מען האָט זי נאָך מקנא געווען, וואָס זי איז שוין ענדלעך איבערגעקומען...

מען פאָרט ווייטער. די ענגשאַפט איז אין־לשער. דעם קאָפּ וואו אַוועקצולייגן איז נישט מעגלעך. ס׳איז שווער צו אָטעמען.

איך זאָג די אַרומיקע: איך האָב אַ מעסערל, לאָזט מיך צו צו דער

וואַנט, איך וועל מאַכן אַ לעכל, מיר זאָלן ווייניקסטנס וויסן, וואוהין מ׳פירט אונז . . .

איך האָב אַריינגעאַרבעט אין דער וואַנט אַ היבשע צייט, עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, און דערזע פונדערווייטנס קליינע באַלויכטענע באַראַקן מיט נידעריקע דעכלעך, איינס לעבן צווייטן, האָב איך אַ געשריי געטאָן: מען פירט אונז קיין אוישוויץ!

עס איז צווישן אונז געוואָרן אַ בהלה, מיר האָבן געיאָמערט, און באַלד האָבן די רוצחים דערהערט אונזערע געשרייען, האָבן זיי באַוואָרפן די ווענט פון דרויסן מיט שטיינער, און געשריען: פאַרפלוכטע יודען, רואיק!

אין 20 מינוט שפּעטער עפענען זיך די טירן פון די וואַגאָנען, און ס׳הערט זיך ווידער דער באַקאַנטער אויסגעשריי: לאָס, לאָס, שנעלער אויס־שטייגן!!

מען ציילט אונז ווידער. מ׳שטעלט אונז אויס ווי זעלנער און מיר מאַרשירן לאַנגע וועגן, דורך וועלדער. מיר דערוואַרטן פּשוט דעם טויט — און אַן עק, אַ סוף זאָל עס נעמען! צו וואָס זיך נאָך מאַטערן? — שוין נישט ווייט פירט דער וועג צום ־קרעמאַטאָריום . . .

איך זע הויכע, גרויסע קוימענס, נאָך גרעסערע און העכערע פון פאַבריקן. עס שפּירט זיך עפּעס. אַ געדיכטער שוואַרצער רויך הויבט זיך אַלץ העכער און העכער. גאָט מיינער! צי האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן אין דיין פאָלק ישראל?! איך פרעג זיך פאַרשידענע פראַגן, אָבער בלייב אָן אַן ענטפער. איז די וועלט שוין אינגאַנצן טויב? אומשולדיקע נפשות ברענען אין די מיליאָנען, זיי שרייען „נקמה! נקמה!״ און קיינער קומט נישט צו הילף! עס פרעגט זיך: צי דאַרפן מיר זיך לאָזן שעכטן ווי שאָף? — אָן שום ווידערשטאַנד? אָבער עס איז אַלץ צו שפּעט. דער לעבנס־ווילן איז פאַראַליזירט.

פּלוצים הערן מיר אַן אויסרוף: איר גייט אַלע זיך באָדן!

ווען מיר דערנענטערן זיך צו דעם כלומר׳שטן באָד־פּלאַץ, זע איך ווי ס׳איז דאָרט געווען צוגעקלאַפּט מיט לאַנגע און ברייטע דעקן, דורכזען האָט מען גאָרנישט געקענט, און עס שטייט דאָרט אַ וואַכמייסטער.

זאָג איך צו מיין פריינדין, וואָס איז געווען לעבן מיר: איך וועל אים פרעגן, וואָס עס איז דאָרט, הינטער די דעקן. זי לאָזט מיך נישט. „ער וועט דיך דערפאַר אויפן אָרט דערשיסן״ — זאָגט זי. פון מיר איז די מורא דעמאָלט געווען פאַרשוואונדן, און פרעג אים, וואָס דאָס איז. — אין דעם

מאָמענט בין איך געווען געפּאַסט אויף אַלץ, אָבער כ׳האָב זיך פאַר אים אַנטשולדיקט פּאַרוואָס איך פרעג.

ער האָט מיט אַן איראָניש געלעכטערל געענטפערט: דאָס איז אַ קינדערגאָרטן.

דאַסמאָל בין איך שוין געווען זיכער אַז דאָס איז דער גאַז־קאַמער — דער לעצטער וועג, פון וואו׳ מ׳קומט שוין מער נישט צוריק, וואו אומצייליקע, גרויסע און קינדער, זיינען דערשטיקט געוואָרן.

מען פירט אונז אַריין אין אַ לאַנגן באַראַק, אָן פענסטער, און דאָרטן זיינען מיר געווען אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג. מיר האָבן געוואַרט אויף אונזער משפּט.

אין דער פרי האָט מען אויסגערופן: באָדן! און מ׳האָט אַלעמען געיאָגט זיך שנעל אויסצוטאָן. אַלע פרויען האָבן נאַקעטערהייט געמוזט דורכגיין אַ ריי דאָקטוירים, מערדערס אין מענטשלעכן געשטאַלט, און זיי האָבן „פּאַכמעניש" איעדן באַזונדער גוט באַטראַכט, דעם געבוי, צי מ׳האָט נישט וועלכן עס איז פעלער, צי מ׳איז גוט אַנטוויקלט פאַר ווייטערדיקער שקלאַפעריי. די געזינטערע האָט מען געשטעלט רעכטס, ד. ה. נאָך צו שקלאַפן און זיך ווייטער מוטשען; די אָפּגעצערטע, אויסגעהונגערטע, וואָס האָבן קוים געקענט שטיין אויף די פיס, די האָט מען געשטעלט לינקס, ד. ה. צום גאַז־קאַמער.

פאַר אַ פרוי דורכצוגיין נאַקעטערהייט אַזעלכע גזלנים איז שוין דאָס אַליין מער ווי דער טויט, אָבער מיר זיינען געווען הילפלאָז. עס איז געווען אַ שפּיל צווישן לעבן און טויט.

איך בין געווען צווישן די „מזל׳דיקע": מ׳האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף רעכטס.

צומאָרגנס האָט מען אונז געגעבן אַ שטיקל ברויט. איך האָב שוין נישט געהאַט געגעסן צוויי טעג, האָב איך עס איינגעשלונגען ווי אַ פּיל. דער מאָגן איז שוין געווען צוגעוואוינט צו אַלץ: צו גראָז, צו רויע קאַרטאָפל, וואָס איז שוין געווען אַ לוקסוס — מ׳האָט זיך אַפילו געשלאָגן וועגן קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

דער נייער לאַגער איז געווען אין בירקענאַו, לעבן אוישוויץ. דאָ בין איך געווען 3 וואָכן. דאָס האָט געהייסן אויף קוואַראַנטין. אויף אַ פּריטשע, פון ברעטער געמאַכט, זיינען געשלאָפן 10 פרויען. קיין איבעריקער פּלאַץ, זיך אַפילו איבערצודרייען, איז אויף אַזאַ פּריטשע נישט געווען. ס׳האָט

אַריינגערעגנט אויך. שרעקלעך און גרויזאַם איז געווען דאָס לעבן. די דריי וואָכן זיינען געווען אַזוי ווי דריי יאָר. מ׳האָט דאָרט אויך נישט געזשאַ־לעוועט קיין שלעק. עס איז דאָרט פאַרבאָטן געווען הויך צו ריידן. פאַרן שלאָפן גיין, אויף דער נאַכט, האָט מען אונז אַרויסגעלאָזט אויף 5 מינוט. דאָס איז געווען דאָס ביסל לופט, וואָס מיר האָבן געשעפּט אין אַ גאַנצן מעת־לעת.

פאַר נישט צופּאַסן זיך צו די באַשלוסן האָט נישט געמאַנגלט קיין צרות.

מיטאַמאָל קומט אַריין אַ גרופּן־פירער, אַ הונט, און באַפעלט אַלעמען זיך אויסצושטעלן. ער קוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין. ווער ס׳האָט זיך נאָך גוט געהאַלטן האָט ער געשיקט אין אַן אַנדער באַראַק, באַשטימט פאַר גוטע אַרבעט — אויב אַזעלכעס האָט איבערהויפּט עקזיסטירט, — די אַנדערע, וואָס זיינען אים נישט געפעלן — וועלן גיין אין קרעמאַטאָריום.

איך בין דאָסמאָל געווען צווישן די נישט־פּעאיקע.

איך טראַכט נישט לאַנג און רייד זיך אַדורך מיט אַ קראָקעווער פרוי און מיר באַשליסן צו אַנטלויפן. — אויף דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, זיינען מיר אַרויסגעשפּרונגען פון אַ הויך, קליין פענסטערל און גנב׳נען זיך אַריין צווישן די וועלכע מ׳האָט אויסגעקליבן צו „גוטער״ אַרבעט. דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט ווי ס׳שרייבט זיך. פאַר אַזאַ זאַך האָט געדראָט טויט־שטראָף. אָבער, סיי־ווי־סיי זיינען מיר דאָך שוין געווען אויסגעקליבן צום טויט!

מען רופט אַלעמען צו טאַטואירן, אויסצוקריצן אויף זייער לינקער האַנט נומערן. — ביזן היינטיקן טאָג, אויף מיין גאַנץ לעבן, בלייבט דער נומער, דער קין־צייכן פון די דייטשן ימ״ש, אויסגעקריצט אויף מיין האַנט. ס׳איז זייער שאַנדע — נישט מיינע. די ברוינע בעסטיעס האָבן זיך אַזוי פאַראייביקט . . .

איצט אַ פרישער סדר: מען שיקט אונז אַריין אין אַ גרויסן געבויטן לאַגער קיין אוישוויץ. דאָרט האָבן מיר באַקומען הילצערנע שיך, מ׳האָט אונז איינגעשפּאַנט צו דער אַרבעט, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. צום טאַקט פון מוזיק האָט דער אַרבעטס־לייטער געפירט זיינע שקלאַפן: איינס, צוויי, דריי, פיר . . . און אַזוי האָט מען מאַרשירט 10 קילאָמעטער צו דער אַרבעט און 10 קילאָמעטער פון דער אַרבעט. דאָס בלויזע גיין אַזאַ שטרעקע האָט גענוג אויסגעמאַטערט.

אונזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסהאַקןביימער, צו דריי פרויען

ביי איין בוים. גאַנץ מיטן וואַרצל האָט מען איעדן בוים געמוזט אַרויס־קאָפּען. דער קילאָף וואָס איך האָב באַדאַרפט האַלטן אין האַנט איז געווען שווערער פון מיר. מ'האָט נישט געטאָרט די אַרבעט אויף איין מינוט איבעררייסן, צו כאַפּן דעם אָטעם.

די מערדערס זיינען געשטאַנען ביי אונז מיט בייזע הינט, וואָס, אויף זייערע באַלעבאַטימס אַ וואונק, האָבן זיי צעביסן מענטשן וואָס האָבן נישט געקענט אַזוי שווער אַרבעטן.

גרויסע זכות־אבות האָב איך געהאַט וואָס כ'בין ניצול געוואָרן פון שלעק. אָבער די גאַנצע צייט האָב איך געלעבט אין שרעק, הונגער און קעלט.

אַזוי האָט מען אָפּגעאַרבעט אין וועלדער און פעלדער 14 מאָנאַטן. כ'בין שוין געווען פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש שטאַרק צעבראָכן.

איצט פאַנגט זיך אָן אַ קאָמפּליצירטער ענין: די רוסן און די מערב־פאַרבינדעטע (אַמעריקאַנער, ענגלענדער) רוקן זיך וואָס נענטער און נענטער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז וואָס נענטער די הילף איז פאַר אונז געקומען אַלץ ווייטער האָבן זיי אונז פאַרשיקט.

די באַרבאַרן, די דייטשן, פּאַקן אונז ווידער אַריין אין בהמה־וואַגאָנען — מענטשן פון אַלערליי נאַציאָנען — און מען פאַרשיקט אונז קיין בערגען־בעלזען, דייטשלאַנד. עראָפּלאַנען פון די פאַרבינדעטע זיינען געפלויגן איבער אונזערע קעפּ, אַ סך וואַגאָנען זיינען געוואָרן באָמבאַרדירט, אָבער עס האָט, צום גליק, קיינעם פון אונז נישט געשאַדט.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין בערגען בעלזען. — דאָרט האָבן זיך אָנגע־פאַנגען פרישע צרות. עס האָט זיך שוין נישט געגלוסט דאָס לעבן. איך בין שוין צו אַלץ געווען גלייכגילטיק. 300 פרויען זיינען מיר געווען אין איין שטוב, אַלע אויסגעשטרעקט אויף דער ערד. די מענטשן זיינען שוין קיין מענטשן נישט געווען. פון אַלע נאַציאָנען האָבן מיר דאָרט געהאַט: טשעכישע, בעלגישע, האָלענדישע, רוסישע, אונגאַרישע, פּוילישע פרויען — אַלע קאָנצענטרירט צוזאַמען. 10 פּערזאָנען האָבן באַקומען 1 קילאָגראַם ברויט. איך האָב עס, אין אונזער גרופּע, צעטיילט, ווייל צו מיר האָבן אַלע געהאַט צוטרוי. איך האָב גענומען אַ שטיקל שטריקל, געמאָסטן גענוי, קיינעם נישט צו באַ'עוולה'ן.

אַזוי האָבן מיר זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד אַ 15 מאָנאַטן.

פאַרשטייט זיך אַז קיין לייז האָבן נישט געפעלט. איינמאָל אין דער וואָך האָבן מיר גאָרנישט באַקומען קיין עסן. דאָס איז געווען אַזאַ מין

שטראָף פאַר אונז, ווייל מיר האָבן נישט געאַרבעט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אונזער שולד, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט זיך און האָבן נישט געפונען קיין עבודת־פרך פאַר אונז. אָבער אונז צו פייניקן און שלאָגן, האָט זיי נאָך געסטאַיעט געננוג, ביז דער לעצטער מינוט פון זייער עקזיס־טענץ. פיל, פיל פון מיינע באַקאַנטע האָבן שוין מער נישט געקענט אויס־האַלטן — זיי זיינען גייענדיק געפאַלן פון די פיס און צוזאַמענגעבראָכן.

ווי אַ דונער פון הימל איז ווידער געקומען אַ באַפעל פון עוואַקואַציע. מ׳שיקט אונז אויף אַ וויטערדיקן אומבאַשטימטן וואַנדערוועג. מען יאָגט אונז איבער פעלדער, וועלדער, בייטאָג און ביינאַכט אָן אָפרו. מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן פון מידקייט, הונגער און שרעק. דערצו האָבן נאָך די שרעקלעכע שטורם־ווינטן, האָגלען און רעגנס צוגעהאָלפן צו דער טראַגעדיע. ווער עס איז געפאַלן, האָט דער דייטש אָפגעציילט ביז דריי, און ווען מ׳האָט נישט באַוויזן זיך אויפצוהויבן האָט ער, דער דייטש, דעם יעניקן, אָדער די יעניקע אויסגעלאָשן די נשמה מיט אַ קויל אין קאָפּ.

זייער לויפעניש האָט קיינער, כמעט, נישט געקענט מיטהאַלטן. פון 1300 פרויען זיינען מיר געבליבן 800. מ׳האָט פשוט געטראָטן אויף טויטע. ס׳האָט שוין אויף אונז קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

ענדלעך, נאָכן לאַנגן וואַנדערן, קומען מיר אָן קיין סעלענאַו. דאָס איז טיף אין דייטשלאַנד. דאָרט האָט אויסגעבראָכן, צווישן אונז, דער טיפוס. איך בין אויך דערמיט אָנגעשטעקט געוואָרן. ווי אַזוי, און מיט וואָס פאַראַ קראַפט, איך בין אָן מעדיקאַמענטן געבליבן, — איז דאָס גרעסטע וואונדער. קיין דאָקטאָרישע הילף איז נישט געווען. פאַר מיין חלק ברויט, וואָס כ׳האָב אויף דעם נישט געקענט קוקן, האָב איך אויסגעטוישט, ווען ס׳איז געווען אַ מעגלעכקייט, אויף אַ טיי־לעפעלע מאַרמאַלאַדע. גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך געהאַט איבער 39־40 גראַד היץ. איז דאָס נישט איבערנאַטירלעך, ווען כ׳בין דערפון אַרויס אַ לעבעדיקע ?

אַיעדן טאָג האָט מען אַרויסגענומען, פון דער אָפטיילונג, וואו איך בין געווען, אַ פּאָר טויטע. ווען איך בין שוין געקומען אַביסל צו זיך, הויבט מען אָן אונז ווייטער צו יאָגן.

די אַמעריקאַנער און די רוסן רינגלען אַרום די בעסטיעס פון אַלע זייטן. זיי אַליין דאַרפן אַנטלויפן ווי די מייז, אָבער אונז לאָזן זיי נאָך אַלץ נישט אָפּ.

עס איז געקומען אַ באַפעל פונעם עלטסטן, אַז מ׳זאָל אונז קיין עסט־

רייך שיקן. מיר שלעפּן שוין קוים די פיס. מען פּאַקט אונז ווידער אַריין אין בהמה־וואַגאָנען, מען פאַרקלאַפּט די טירן און — סטאָפּ! מ׳קען נישט פאָרן... די באַן־ליניעס זיינען געוואָרן באָמבאַרדירט.

מיר האָבן געמיינט אַז אָט־אָט פאַלט אַריין צו אונז אַ באָמבע. מיר זיינען אַזוי געזעסן 14 טעג אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען ביז מ׳האָט פאַר־ראַכטן די באַן־ליניע. ענדלעך דערגרייכן מיר די טשעכישע טעריטאָריע.

אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעשיקטע מלאכים איז געקומען אַ טשעכישע דעלעגאַציע צום צוג און געזאָגט צו די באַנדיטישע דייטשן, וואָס האָבן אונז געהיט, אַז זיי האָבן געבראַכט פאַר אונז עסן.

קודם האָבן זיי, פאַר זיך אַליין, גענומען דאָס בעסטע דערפון. דערנאָך האָט מען אונז דערלויבט אַרויסצוגיין איינציקווייז פון צוג. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען און מיט שטאַרע בליקן געקוקט וואָס מיר וועלן דאָ באַקומען.

פון ליגן און זיצן אין משך פון 2 וואָכן זיינען אונז די פיס געווען געליימט.

האָבן מיר דערזען אַז די ערשטע פון דער ריי באַקומען אַ ווייס שטיקל ברויט, אַ שטיקל וואורשט, אַ קלעצל צוקער און דערצו אַ טעפּעלע זופּ. מיר האָבן זיך צעוויינט פון גרויס שמחה. די הענט האָבן ביי אונז געציטערט ביים אויסשטרעקן נעמנדיק אַ שטיקל ברויט. ווען ס׳איז געקומען צו מיין ריי האָב איך דאָס עסן געקושט און די טשעכן האָבן זיך צעוויינט, און זייטיק אַ זאָג געטאָן: מיר וואָלטן זיך פאַר אייך מער באַמיט, אָבער זיי לאָזן נישט...

ווען כ׳האָב אָנגעפאַנגען צו עסן, האָט מיר דאָס מויל שטאַרק וויי געטאָן. כ׳בין שוין געווען אָפּגעוואוינט דערפון. מיר האָבן דאָך כסדר אַלץ מער געשלונגען ווי געגעסן — אויב ס׳איז געווען וואָס. די טייערע טשעכן האָבן אונז מחיה־מתים געווען, אונז געראַטעוועט פון אַ הונגער־טויט. דאָס קען מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן פאַר אונז, אין יענער צייט, געטאָן. הונדערטער פרויען פון אונזער לאַגער וואָלטן נישט אויס־געהאַלטן, ווען נישט זייער רעטונג אין צייט.

אין דעם זעלבן טאָג האָבן זיי, די דייטשן, אונז ווייטער אַוועקגעפירט.

די פאַראייניקטע אַרמייען האָבן זיך אַלץ נענטער גערוקט און ס׳איז די דייטשן געוואָרן אַלץ הייסער דער באָדן אונטער די פיס.

די שיסערייען האָבן זיך פאַרשטאַרקט, באָמבעס פליען אַדורך איבער

דעם פאַרנדיקן צוג. שוין ווידער דריי טעג און דריי נעכט ווי מיר ליגן צוזאַמענגעדרייט אַן עסן. דערמאָן איך זיך אַז כ׳האָב אין טאָרבעלע איינגעפּאַקט אַ פּאַפּירל מיט זאַלץ — אַ לוקסוס אין יענער צייט — גיב אַ לעק דערפון און: אוי ווי גוט! האָט מיך דער „יצר הרע״ געצויגן אויף נאָך און האָב אים נאָכגעגעבן, ביז כ׳האָב שוין צו זיך אַליין געזאָגט: גענוג! באַהאַלט אַביסל אויף מאָרגן! מיינע שכנים, ווען זיי האָבן דערזען מיין „גליק״ וואָס כ׳וויל באַהאַלטן פאַרן צווייטן טאָג, האָבן צו מיר געזאָגט: ביז מאָרגן וועלן מיר קיינער נישט דערלעבן, איז בעסער צעטייל עס היינט צווישן אונז. איך טראַכט מיר אַז זיי האָבן רעכט, און איך גיב זיי דאָס זאַלץ.

ס׳פאַנגט אָן דורשטן, און וואָס אַמאָל מער. אין דרויסן האָט גערעגנט, און דורך אַ שפּאַרע פון וואַגאָן קען מען אַרויסשטעלן אַ לעפעלע, צו כאַפּן אַביסל רעגן־וואַסער. האָט זיך עס אַביסל געטאָן... יעדער האָט דאָך געוואָלט טרינקען! ס׳האָט אָבער נישט געפעלט קיין רעגן...

דער צוג שלעפּט זיך און ענדלעך קומען מיר אָן קיין מאַטהאַוזען, עסטרייך.

מיר אַלע זיינען געווען אויסגעמאַגערטע סקעלעטן, בלויז הויט און ביינער, נישט קיין צורה פון אַ מענטשלעך געשטאַלט.

מיר האָבן שוין קיין כוח נישט אפילו צו ריידן. — מען פירט אונז באָדן... דאָ, ווייסן מיר, אַז ס׳איז שוין אונזער סוף!

אָבער צו אונזער גליק איז דאָס קרעמאַטאָריום געווען פאַרפולט פון טויזנטער רוסישע געפאַנגענע און פיל אַנדערע, פון פאַרשיידענע טראַנספּאָרטן. זיי האָבן מיט אַלע קרבנות נישט געקענט אַזוי שנעל זיך ספּראַווען. אין דער צייט האָט מען אונז געהאַלטן אין אַ גרויסן מאַגאַזין צו וואַרטן אויף אונזער ריי. דאָרט זיינען געווען פרויען פון פאַרשיידענע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן. דער שרעקלעכער גורל אונזערער איז אונז אַלעמען געווען פאַר די אויגן.

צו שטיקלעך ברויט האָבן מיר באַקומען, וואָס האָט געהאַט דעם טעם פון צעמאַלן האָלץ. מיר זיינען געשוואָלן געוואָרן פון דעם ברויט, פון דער זופּ, פון גראָז און גרינע בלעטער.

„אויך דאָס״, האָט די גרופּע פירערין, אַ דייטשע ס.ס.־פרוי, געזאָגט, „איז צופיל פאַר איך, ווייל מאָרגן וועט איר סיי ווי פאַרברענט ווערן״.

בקיצור, חשוב׳ער פריינט און לאַנדסמאַן, ווייל איך אייך זאָגן, אַז דאָס וואָס דער גרויזאַמער וועלט־באַנדיט, היטלער, האָט אַריינגעבאָמבלט אין

די דייטשע כאַמסקע קעפּ, אַז אַלע יידן, ביז צום לעצטן, וועלן פאַרניכטעט ווערן, האָבן אַלע דערין געגלויבט. ביי זיינע גלויביקע איז עס גאָר קיין ספק נישט געווען.

איז עס געווען די גרעסטע סאַטיפיקאַציע צו זען, ווי זייער האָפערדי־קייט האָט, אין דער לעצטער מינוט, אויסגערונען.

ווען זיי האָבן געזען ווי זיי זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן זיינען זיי אַנטלאָפן ווי שטשורעס אין זייערע לעכער.

אין אַ שיינעם מאָרגן, 6 אַזייגער אינדערפרי, ווען מיר האָבן געזען אַז קיינער היט אונז נישט מער, האָבן מיר זיך דאָס נישט געגלויבט. מיר האָבן זיך, איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט ווי ווילדע: וואָס קען עס זיין? זיינען מיר באמת פריי? דייטשן היטן אונז שוין נישט מער?!

צוביסלעך רוקן מיר זיך צו צום אַרומגעדראָטעוועטן טויער און זען דאָרט טאַקע מער נישט קיין שומרים. פאַר שמחה לויפט מען אַרום ווי משוגע. הונדערטער פון די גרופּעס האָבן זיך נישט געקענט רירן פון זייערע ערטער. סקעלעטן, פאַר׳חלש׳טע, טויטע, ליגן אויסגעמישט. — אַ שרעקלעך בילד פאַר די אויגן!

ווער ס׳האָט נאָר געקענט שאַרן מיט די פיס, זיך אַביסל רירן, האָט זיך מיט מאַטערניש אַרויסגערוקט, און פּלוצים דערזעען מיר, פון דער וויטנס, אַ ווייסן פאָן! איצט דאַרף מען זיך שטאַרקן, אפשר וועלן מיר קענען נקמה נעמען פאַר אונזערע אומשולדיקע נפשות וואָס זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים, ימ״ש.

עס באַווייזן זיך אַמעריקאַנער און רוסישע זעלנער. דאָס איז געווען דעם 6טן מאַי, 1945. — זיי גיבן אונז גרויסע הילף מיט עסן, מעדיצינען און וויטאַמינען. זיי מאַכן דיזענפעקציעס. אָבער ביי אַ סך האָט שוין גאָר־נישט געקענט העלפן: נישט די בעסטע מעדיצינען און נישט קיין גרויסע פּראָפעסאָרן. אפילו צום איבערגאַנג פון גוטן האָט מען באַדאַרפט זיין שטאַרק געגוג עס צו קענען אויסהאַלטן. זיינען עס דען נישט קיין נסים, וואָס איך בין לעבן געבליבן?

צוביסלעך, צוביסלעך בין איך געקומען צו כוח און געפאָרן קיין איטאַליע, פון דאָרט צו קענען פאָרן קיין ארץ ישראל.

אין דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן איז מיר שוין גאָרנישט געבליבן. מיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען, אַלץ איז פאַרניכטעט.

אַזוי זיך איך שוין דאָ אַריבער צוויי יאָר, מ׳לעבט נאָך אַלץ נישט ווי נאָרמאַלע מענטשן, און מיר וואַרטן אויף אַ בעסערן מאָרגן.

מיר לעבן דאָ אין אַ קעמפּ אין נישט נאָרמאַלע באַדינגונגען, אָבער דאָס איינע איז גוט, וואָס מיר זיינען פרייע מענטשן.

דאָס איטאַליענישע פאָלק איז אויסערגעוויינלעך פיין און העפלעך צו אונז.

שוין איבער אַ יאָר ווי איך האָב דאָ חתונה געהאַט. מיין מאַנס פאַמיליע־נאָמען איז קראַוטשיק, איז עס שוין היינט אויך מיינער. ער קומט פון לאָדזש, פוילן, אויך מיט נסים אַ געראַטעוועטער. קיין פרנסה דאָ קענען מיר נישט האָבן. טראָצדעם וואָס ער האָט אַ גוט פאַך אין דער האַנט.

מיט הערצלעכע און פריינטלעכסטע גערוסן פון מיר און מיין מאַן,

אייער גוט ווינטשנדע

באַשע קראַוטשיק (שיף)

יעקב יצחק פעסל
שטאָקהאָלם, שוועדן

לזכר אבי מורי ר׳ בעריש (דוב), ואמי מורתי אלטע חנה צירל, אחותי שרה, אחותי פייגע רחל, אחי גדל אשר, סבא שמעון־וואָלף (זאב), סבא אליעזר־ליפא, סבתא עטל, סבתא לאה.
ולזכרם של תושבי קהלת קאָרטשין, זכרונם לברכה שנרצחו ע״י הגרמנים ימש״ו.
ד׳ ינקום את דמם.
על אלה אני בוכיה עיני ירדה מים (איכה א, טז).

זכרונות פון חורבן קאָרטשין


יעקב יצחק פעסל

מיט טיפן יראת הכבוד און מיט אַ ווייטיק אין האַרצן שרייב איך די דאָזיקע קורצע זכרונות פון אַמאָ־ליקן קאָרטשין, און פאַקטן פון היינט צו טאָג.

אונזער טייער און ליב יידיש־שטעטל קאָרטשין, וועלכע איז געווען באַקאַנט אין מערב גאַליציע אַלס אַ חסידיש שטעטל, איז אויף אַ שרעק־לעכן אופן אומגעקומען אין אויגוסט 1942, דורך די דייטשע מערדער, מיט דער הילף פון די אוקראַינער, ימח שמם וזכרם.

דורך די דאָזיקע טיילוויזע זכרונות איבער דעם אַלטן היימישן שטעטל קאָרטשין, וויינען מיר זיך מתיחד, מיט די הייליקע נשמות, פון אונזער קהלה קדושה, וועלכע איז אומגעקומען על קידוש השם.

עס איז שוין אַריבער 25 יאָר זייט קהילת־קאָרטשין האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, אָבער דאָך שטייען פאַר אונז אירע געשטאַלטן, ווי זיי

זיינען אַמאָל געווען, לעבנדיקע און פול מיט מסירת נפש. מיר פילן באַשיינ־פערלעך ווי זיי זיינען מיט אונז, ריידן און וואָרענען אונז, אַז מיר זאָלן נישט פאַרגעסן: זכור את אשר עשה לך עמלק! אַ זאַך וועלכע ווערט נאָך דערמאָנט אין דער תורה; און אַז מיר זאָלן אָפּהיטן, דאָס וואָס זיי איז געווען אַזוי ליב און טייער, און וואָס זיי האָבן פאַר אונז איבערגעלאָזט.

די יידישע שטעט און שטעטלעך אין מזרח און מערב גאַליציע זיינען געווען פול מיט פראַכט און שיינקייט, מאָראַליש, געזעלשאַפטלעך, רעליגיעז, נאַציאָנאַל און חסידיש.

יעדע קהלה מיט אירע תלמידי חכמים, מיט אירע געלערנטע און אינטעליגענץ, מיט אירע מנהיגים און מנהגים, מיט אירע גרויסע צאָל רבנים און רביים, מיט אירע פאַרשידענע חסידים, מיט אירע צדקה־אינסטיטוציעס, פילאַנטראָפּיעס, בתי ועד לחכמים, לערן־אַנשטאַלטן, הייל־אַנשטאַלטן, מיט אירע כלי־קודש, שליחי־ציבור, ש״ס חברות, תהלים־יידן א. אַ. וו. א. אַ. וו.

אַ קייט פון דורות, האָבן איינע פון די אַנדערע געֿירש׳נט זייערע גייסטיקע רייכקייטן, און האָבן אויף אַזאַ אופן געצויגן אויף ווייטער און געשפּינט דעם המשך.

אַזעלכע קהלות זיינען געווען אין די טויזנטער און אונזער שטעטל קאָרטשין צווישן זיי. און אַט זיינען אויף זיי אויפגעשטאַנען די דייטשן, די מערדער, ימש״ו, און האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל פאַרניכטעט און אָפּגעווישט פון דער ערד.

זיי דערשיינען פאַר אונז אין זכרון אין זייערע לעבנדיקע געשטאַלטן, מיר זעען זיי ביים רודער פונעם פילפאַרביקן יידישן ישוב אין קאָרטשין.

אָט שפּרייזט דער רב ר׳ אליהו רובין, ז״ל, דער קאָרטשינער מרא דאתרא, מיט זיינע זין אין בית המדרש אַריין, כדי צו דאַווענען דעם ראש־השנה׳דיקן מוסף. — שטייענדיק ביים עמוד רייסט זיך אַרויס פון זיין קול דער שמערץ און ווייטיק פון דער גאַנצער קהלה קאָרטשין, און בעט הילף און רחמים פאַר דעם גורל פון די קאָרטשינער יידן.

מיט שטילע, קוים הערבאַרע, טריט דערנענטערט זיך מיין גמרא מלמד און חזן, ר׳ זאַלקעלע, מיט דער גרוי־ווייסער באָרד, צום עמוד. באַלד וועט זיך הערן אַ געשריי אויס דער „המלך". די גאַנצע שול ציטערט פאַר דעם דאָזיקן אויסגעשריי.

פון דער זייט קומט אונז אַנטקעגן ר׳ שמחה דילער, דער קאָרטשינער שמש, וועלכער האָט צוגעזען, אַז די ליכט זאָלן ברענען און לייכטן ווען יידן

האָבן געלערנט תורה לשמה, און שבת איז פון זיין מויל נישט אַרויס קיין דברי־חול, נאָר לשון־קודש.

פון ביידע זייטן קומען אונז אַנטקעגן מיינע מלמדים, דער דרדקי מלמד ר׳ מרדכי׳לע ראָזדייטשער און דער גמרא־מלמד ר׳ מאָטל פוש, וועלכע האָבן דערצויגן זייערע תלמידים לתורה ולמעשים טובים, און אַז זיי זאָלן מתפלל זיין מיט האַרץ און נשמה.

און אָט גייען נעבן אונז די צוויי קאַרטשינער שוחטים מיט זייער הדרת פנים׳ער, ר׳ יעקב פנחס שיף און ר׳ משה לייכטאָג, וועלכע האָבן זיך מוסר־נפש געווען, כדי די קאַרטשינער קהלה זאָל האָבן כשר פלייש.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין סאָציאַלע און רעליגיעזע אינסטי־טוציעס אין אונזער שטעטל. דאָס איז אַ טייל פון זיי, ווי צב״ש חברה בקור־חולים, חברה תלמוד־תורה, גמילת־חסדים קאַסע, חברה הכנסת־כלה, חברה קדישא, חברה נושאי־המטה, חברה ש״ס, חברה משניות, חברה תהלים, חברה קנין ספרים; אויך ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געאַרבעט לטובת ארץ־ישראל, און אַנדערע אינסטיטוציעס.

עס מוז אויך דערמאָנט ווערן מיין לערערין אין למודי חול, דבורה ענגלאַרד, וועלכע האָט מיך געלערנט דאָס עלעמענטאַרע אין שרייבן און רעכענען.

פון די לעצטע דאָזאָר׳ס אין דער קהלה קאַרטשין, ווי יאָסעלע רייך, יוסף וועבער, ר׳ ארי׳ דים, ר׳ אברהם ראַב, חיים האַלפערן, הערש אלימלך רעק, יחזקאל הורוויץ און חיים וואָלף קורעף, ז״ל, איז קיינער נישט געבליבן ביים לעבן, אַחוץ דער געראַטעוועטער ראש־הקהל, ר׳ יצחק ענגלאַרד־וואַסער־שטראָם, יבדל לחיים, וועלכער לעבט היינט צו טאָג אין ניו־יאָרק.

עס שטייען פאַר מיינע אויגן מיינע חברים און חברות, אברהם פוש, דוד קירזשנער, די זין און טעכטער פון ר׳ משה עפשטיין, משה קאַלב, בצלאל יעקב רעק, דוד לייב ליינער, וואָלף שיף מיט זיינע שוועסטער, אברהם זילבערבערג, שמואל אהרן, דער זון פון ר׳ יעקב דן, די טעכטער פון ר׳ משה לייכטאָג, די טאָכטער פון מ. ראָזמאַן, די אייניקלעך פון דער משפחה דען, העניע פינעלעס, די טאָכטער פון אונזער שכנ׳טע זיסעל, פעסע און איטע, די טעכטער פון אונזער שכן משה בעער, זין און טעכטער פון ר׳ ישעי׳ מרגליות, און צענדליקער אַנדערע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע כ׳האָב גוט געקענט און, ליידער, פאַרגעסן זייערע נעמען.

אַלע זיינען אומגעקומען, דורך די אכזריות׳דיקע דייטשע הענט, על קידוש השם, תנצב״ה.

אויך די נשים צדקניות זיינען נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע מענער אין פראַגע פון צדקה און העלפן זייערע ברידער און שוועסטער. די זיינען אַ טייל פון זיי: ביילע הענדל מרגליות, רויזעלע דים, דינה׳לע קויפמאַן, שרה׳טשע ראַב, מינדל ראָטענבערג, לאה ווילנער, רחל לאה וויינשטיין, באַשע וועלקע רייך, חיה׳לע שרויט, אונזערע שכנ׳טעס טילע פאַסטערנאַק און ברײַנדל ראָזדייטשער, און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן זיך מוסר־נפש געווען, כדי צו העלפן אַ קימפּעטאָרין, אָדער צו נעכטיקן ביי קראַנקע, אַז די משפּחה־מיטגלידער זאָלן זיך קענען אַביסל אויסרוען.

מיר האָבן געפילט אַז עס קומט אָן אַ קאַטאַסטראָפע אויף די יידן אין אייראָפּע בכלל, און אַז אויך מיר, אין קאָרטשין, וועלן דאָס נישט אויסמיידן.

נאָך אין אָנפאַנג 1942 איז געקומען די קראָסנער געסטאַפּאָ קיין קאָרטשין און דערשאָסן ר׳ משה עפּשטיין, נפתלי פּינזל, יהודית האַלאָשיץ, יוסף מאַלץ, די פרוי קאָרב, דעם איידעם און זון פון משה ווילנער און אַנדערע, ז״ל, וואָס זייער בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, ווען מיר אַלע האָבן נאָך געגלויבט, אַז אפשר וועט זיך ג־ט מרחם זיין אויף דעם כלל־ישראל און עס וועט נישט קומען דאָס גרויסע אומגליק און חורבן אויף די יידן אין אייראָפּע און קאָרטשין בתוכם.

דער דיין ר׳ משה עפּשטיין, ז״ל, האָט זיך מוסר־נפש געווען — נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן, מיט אַ קויל אין זיין גוף, פון דעם פּלאַץ וואו מען האָט אים געשאָסן, צו ר׳ יאַנטשע אינפעלד, — און האָט זיך צוריק איבערגעגעבן צו די רשעים, בכדי אַנדערע יידן זאָלן נישט ליידן אַלס נקמה.

נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט אונז אַלעמען געטראָפן, — ווען גאַנצע משפחות, טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, פרויען און מענער, זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס, קוזינען און קוזינעס, גאָר קליינע קינדער, זיינען אומגעקומען מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט אין איינציקע טעג אינמיטן פון חודש אויגוסט 1942, דורך דער באַנדע דייטשע מערדערס, ימח שמם וזכרם, — זיינען מיר געבליבן, ווי עס ווערט געזאָגט אין איכה: „יתומים היינו ואין אָב״. שרעקלעך גרויס און טיף איז דער ווייטיק אויף דעם חורבן.

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן „תשעה־באב״ אין אונזער

לעבן, דעם הייסן זומער־טאָג אין 1942, ווען מיר זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט אין קראָסנאָ, און צוגעזען ווי עס גייען די לאַסט־אויטאָס מיט אונזערע נאָענטסטע צו דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון אומקום, און דערנאָך זיינען מיר און אַנדערע קאָרטשינער נאָכגעגאַנגען צו דער קראָסנער באַן־סטאַנציע און אויף דעם קורצן וועג האָבן מיר שוין געזען, ווי עס האָט זיך געגאָסן בלוט פון אונזערע ברידער און שוועסטער.

מיר האָבן מיטגעמאַכט ביי דער באַן־סטאַנציע דעם „מי לחיים ומי למות״. מיר אַלע האָבן דעמאָלט געזאָגט וידוי, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז מיר טאָרן זיך נישט צעשיידן פון אונזערע עלטערן און משפחה; אַזוי ווי עס איז זייער גורל, דאַרף אויך זיין אונזערער.

פון דער קראָסנער באַן־סטאַציע זיינען מיר געפירט געוואָרן, פאַר׳יתום׳טע און צעבראָכענע, אין בית־המדרש אַריין. קיינער האָט די נאַכט נישט גע־שלאָפן, נאָר געוויינט איבער דעם חורבן, אָן שום טרייסט.

אויפן אַנדערן טאָג זיינען מיר אַריין אין קראָסנער געטאָ, אין עטלעכע הייזער איבערגעפולטע מיט מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען „אַרבעטס־קאַרטן״, וואָס האָט געהייסן, אַז דערווייל וועט מען נאָך בלייבן ביים לעבן.

פון בית־המדרש האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען צום אומקום גרויסע און קינדער, צווישן זיי מיין קחינע, די טאָכטער פון רחל פרייפעלד, וועלכע האָבן נישט געהאַט די „אַרבעטס־קאַרט״, און זיי געפירט צו דער באַן־סטאַנציע, וואו עס זיינען נאָך געזעסן די אַלע קאָרטשינער און פון דער אומ־געגנט, אויף דער ערד, און געוואַרט אַריינגעוואָרפן צו ווערן, דורך די מערדער, אין די לאַסט־וואַגאָנען, וואָס זיינען געפאָרן צום שרעקלעכן אומקום פּלאַץ, בעלזשעץ, וואו זיי אַלע זיינען אומגעקומען דורך אַ שרעקלעכן טויט.

אין קראָסנער געטאָ, האָבן זיך געפונען מערערע קאָרטשינער. מיר אַלע האָבן געאַרבעט אויף פאַרשידענע פּלעצער. אין קראָסנער געטאָ זיינען אויך געפאַלן קאָרטשינער קרבנות, ווי דער איידעם פון ר׳ חיים האַלפערן און אַנדערע. קינדער און אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „אַרבעטס־קאַרטן״ האָט מען גענומען צום אומקום.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די קראָסנער געטאָ, אין חנוכה צייט (אַ טייל זיינען אַנטלאָפן אַ נאַכט פריער, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן און ראַטעווען), זיינען געפאַלן קרבנות. די יעניקע וואָס מ׳האָט געפונען באַהאַלטן אויף די בוידעמס האָט מען גלייך דערשאָסן. צווישן אַנדערע, דאַכט זיך מיר, אויך

דעם קראָסנער רב, דער גאון און צדיק ר׳ שמואל פירער, זצ״ל. דערנאָך זיינען מיר געפאָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען אין ריישער געטאָ אַריין.

אין ריישער געטאָ, זיינען מיר, קאָרטשינער און קראָסנער, געקומען אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, חנוכה, און די קאָרטשינער, דערווייל לעבן־געבליבענע, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, און דערמאָנט דעם חורבן קאָרטשין.

שוין אין דער ערשטער צייט פון אונזער זיין אין ריישער געטאָ, האָט מען צוגענומען די 2 שוועסטער פון שמואל אהרן רובין (וועלכער איז היינט אין ישראל), און מאַליע, די שוועסטער פון די ברידער מאַלץ (איצט אין ישראל). וואו מ׳האָט זיי געשיקט, איז מיר נישט באַקאַנט.

די ריישער געטאָ איז באַשטאַנען פון 2 אָפּטיילונגען, וועסט און אָסט. אין דיביידע געטאָס האָבן זיך געפונען קאָרטשינער. צווישן אַנדערע האָב איך געטראָפן שמעי׳ בער, מענדל דעם אידעם פון ר׳ מרדכי׳לע ראָזדייטשער, מתתיהו אינפעלד און לייביש אינפעלד. עס דאַכט זיך מיר, אַז אויך שמעון פערבער מיט זיין זון דוד האָבן זיך דאָרט געפונען. אברהם זילבערבערג מיט זיין מוטער און פאָטער, וואָס דער לעצטער האָט באַוויזן זיך, זיין ווייב און זון אַרויסצוראַטעווען פון די געסטאַפּאָס הענט, ביי דער קראָסנער באַן־סטאַנציע. דער שוחט ר׳ משה לייכטאָג (דאַכט זיך, דער איינציקער שוחט אין ריישער געטאָ), — מיר שיינט אויך, אַז ניסן גוטוויין, — שמואל רובין, אברהם פריי און אַנדערע קאָרטשינער, וועמענס נעמען כ׳געדענק,ליידער, נישט מער.

אין ריישער געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ דיזענטעריע־עפּידעמיע, און עס זיינען געשטאָרבן דער קראָסנער רבי אדמו״ר ר׳ משה טווערסקי, זצ״ל, לייביש אינפעלד, ז״ל, און איך דענק, אַז אויך שמעון פערבער, ז״ל.

ווען מ׳האָט מיך און אַנדערע קאָרטשינער, ווי שמואל רובין, אברהם פריי און אַנדערע, געפירט פון ריישער געטאָ אין דעם אַרבעטס־לאַגער ביעזשאַטקע, וואו מיר האָבן געאַרבעט ביי וואַלד־אַרבעט, זיינען נאָך געבליבן קאָרטשינער אין דער געטאָ.

פון לאַגער ביעזשאַטקע בין איך געפירט געוואָרן צוזאַמען, מיט אברהם פריי און אַנדערע, אין מיעלעצער לאַגער, וואו מיר האָבן געאַרבעט אין אַן עראָפּלאַן־פאַבריק, און שמואל רובין מיט אַנדערע זיינען געפירט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער.

ווען מ׳האָט מיך, מיט אַ צייט שפּעטער, געפירט פון מיעלעץ אין אַ

לאַגער לעבן לובלין, איז אברהם פריי געבליבן אין מיעלעצער לאַגער. ווער עס איז נאָך געווען אין ביעזשאַטקע און אין מיעלעץ פון די קאָרטשינער, געדענק איך, לײדער, נישט מער.

אין פלאַשאָווער לאַגער האָב איך געטראָפן מײנע קרובים, די ברידער בנימין און יוסף גוטווין. וואו אַהין זײ זײנען דערנאָך אַוועקגעפירט געוואָרן, ווײס איך נישט.

ווי עס האָט מיר אַ קאָרטשינער דערצײלט, זײנען אומגעקומען, דורך דערשיסן אָדער אַ נאַטירלעכן טויט, מײנע קוזינס יעקב און אהרן ראָטענבערג, ווי אויך מענדל טעלער, יוסף רײך און אַנדערע קאָרטשינער.

דורך דער גאַנצער צײט, נאָך דעם מיעלעצער לאַגער, בין איך נישט געווען צוזאַמען מיט אַנדערע פון מײן שטעטל, אָבער ווען כ׳בין באַפרײט געוואָרן דורך די ענגלענדער, דעם 15טן אַפּריל 1945, אין בערגען־בעלזען, האָב איך געטראָפן יעקב אײזען, וועלכער לעבט הײנט צו טאָג אין תל־אביב. זײן ברודער שבתי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די שרעקלעכע לײדן, און איז געשטאָרבן אין בערגען־בעלזען, עטלעכע טעג נאָך דער באַפרײאונג דורך דעם ענגלישן מיליטער.

ווען מען באַטראַכט דאָס גרויסע און שרעקלעכע אומגליק און חורבן, וואָס האָט געטראָפן אונזער משפחה און דעם טײערן שטעטל קאָרטשין, צוזאַמען מיט אַנדערע מיליאָנען אומגעקומענע, אַזעלכע טײערע ײדן, וואָס זײער לעבן איז באַשטאַנען פון גמרא, משניות, חסידות, צדקה בסתר, תפילה בציבור, תהלים זאָגן, מוסר־נפש זײן זיך פאַר אַנדערע און נאָך אַזעלכע גוטע מידות, און ספּעציעל די קינדער, די תינוקות של בית רבן, זאָלן אומקומען אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן, דורך די דײטשע רוצחים אין דער 2טער וועלט־מלחמה, 1939־1945, — איז עס נישט צו באַגרײפן מיט דעם פשוט׳ן שכל, און עס מוז זיך פרעגן די אַלטע פראַגע, וועלכע איז שוין געשטעלט געוואָרן פיל פריער, דורך די שרפי־מעלה, וואָס האָבן געשריען פאַרביטערט בשעת עס זײנען אומגעקומען די עשרה הרוגי מלכות: „זו תורה וזו שכרה?!‟

אין דער ײדישער געשיכטע געפינען מיר נישט אַזאַ צײט, ווען אַ דריטל פון ײדישן פאָלק זאָל אומגעבראַכט ווערן און אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן אין משך פון אַזאַ קורצער צײט.

צי איז טאַקע אונזער דור געווען כולו חייב, אַז דורך דעם זאָל קומען אַזאַ שרעקלעכער חורבן אויף דעם ײדישן פאָלק? און אויב „כולו חייב‟

— וואָלט דאָך שוין משיח געדאַרפט קומען אין דער דאָזיקער צייט! ווי עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא „אין משיח בא אלא בדור שכולו חייב או כולו זכאי״.

כ׳וויס נישט אויב עס זיינען פאַראַן תירוצים, וואָס ווערן געענטפערט אויף די פראַגן און מען קען זיי אָננעמען פאַר גוט. דאָס האַרץ טוט ווי אויף דעם גרויסן שרעקלעכן אומגליק און חורבן וואָס האָט געטראָפן די יידן, אונזער שטעטל קאָרטשין בפרט און דאָס יידישע פאָלק בכלל, אַז וועלכע עס איז תירוצים זאָלן אַריינגיין אין אונזערע הערצער, הערצער וועלכע זיינען, דורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן, דורך דעם שרעקלעכן אומקום פון אונזערע נאָענטסטע אין אונזער פאָלק.

היינט צו טאָג איז קאָרטשין אינגאַנצן אָן יידן. די גויים וואוינען אין די יידישע הייזער און האָבן איבערגענומען די יידישע געשעפטן.

דער שבת איז נישט מער קיין יידישער, נאָר איז געוואָרן אַ וואָכע־דיקער טאָג. פון בית המדרש איז היינט געוואָרן אַ מאַגאַזין און מען הערט נישט מער דעם קול תורה און קול תפילה.

עס זיינען נישטאָ מער די דאָזיקע יידן אין קאָרטשין, זיי זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם, אָבער זייער זכרון איז ביי אונז אַלע אין האַרצן.

דאָס אַמאָליקע טייער און ליב שטעטל קאָרטשין, איז פאַראומערט און גרוי, די הייזער פאַרגעלט און די גאַסן באַוואָקסן מיט גראָז. עס זעט אויס, אַז אויך די נאַטור באַווײנט און באַקלאָגט דעם חורבן קאָרטשין.

עס געפינט זיך נאָך אין קאָרטשין אַן אָנדענק, אַז דאָרט איז אַמאָל געווען אַ יידישע קהלה מיט יידן און יידישע אינסטיטוציעס: דאָס איז דער בית־עולם, וועלכער איז נישט צעשטערט געוואָרן; ער געפינט זיך אין דעם זעלבן צושטאַנד ווי ער איז געווען בעפאָר.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז דאָס איז אַ דאַנק חיים וואָלף קורעף, הי״ד, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין כוח, אַרבעט און צייט אַרומצוצוימען דעם בית־עולם מיט אַ צעמענט־מויער אַרום — און אויך די השגחה, וואָס האָט געוואַכט.

די יידן, וואָס די געסטאַפּאָ האָט דערשאָסן, ליגן אין אַ ברודער־קבר, אָן שום מצבה, וואו דער טאָל איז באַוואָקסן מיט גראָז.

אויף דעם קאָרטשינער בית הקברות געפינט זיך אויך דער קבר פון ר׳ וואָלף קירזשנער מיט זיין זון דוד, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט נאָך דעם ווי מ׳האָט געהאַט אַוועקגעפירט די קאָרטשינער יידן, און זיי האָבן געבעטן

מען זאָל זיי דערשיסן אויף דעם בית־עולם, כדי אַז אויך נאָך דעם טויט צו זיין מיט יידן. — דער דייטש, ימ״ש, איז צו זיי געווען „גנעדיק״, און האָט זיי דערשאָסן אין זייער אַליין געמאַכטן קבר, הי״ד.

אַ מצבה פאַר זיי איז געשטעלט געוואָרן, נאָך דער מלחמה, דורך זייערע קרובים.

אויך געפינט זיך אַ מצבה, געשטעלט נאָך דער מלחמה, איבער דער משפחה אייכהאָרן, דורך זייער זון זושע אייכהאָרן, וועלכער געפינט זיך איצט אין ישראל.

עס שטייען אויף זייערע פּלעצער, די אַלע מצבות, אַ טייל שוין איינגעבויגענע פון אַלטקייט, פון דורות קאַרטשינער יידן.

זייענדיק אין קאַרטשין, אין יוני 1963, האָב איך געזאָגט קדיש אויף דעם בית־עולם, נאָך די יידן וועלכע ליגן אין אַ ברודער־קבר, פאַר די נאָענטע פון מיין משפחה און פאַר אַלע קאַרטשינער קדושים, וואָס מען ווייסט נישט וואו עס זיינען זייערע קברים.

אַ טייל פון זיי זיינען אין אַ וואַלד לעבן יאַשניצע, און אַ גאַר גרויסער טייל — אין בעלזשעץ.

מיין קדיש־אויסגוס איז געווען פאַר אַלע קאַרטשינער יידן און אומגעגנגט, וועלכע זיינען אומגעקומען, דורך די דייטשע רוצחים, ימ״ש, על קידוש השם, אין אויגוסט 1942, ווי אויך פאַר די, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די געטאָס און אין די לאַגערן.

זאָל דער קאַרטשינער „יזכור־בוך״ זיין אַ זכר נאָך די אַלע יידן פון קאַרטשין. זאָלן מיר זיך דערמאָנען, און די דורות נאָך אונז, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ יידישע קהלה אין קאַרטשין.

ווען מען שטעלט אַ מצבה, שרייבט מען, אָדער מען קריצט אויס, דעם פסוק פון איכה: „נפלה עטרת ראשנו״. זאָלן מיר דעם דאָזיקן פסוק דערמאָנען און אין זינען האָבן, ווען מיר שטעלן אַ מצבה פון ווערטער, דורך דעם קאַרטשינער „יזכור־בוך״, פאַר די וואָס זיינען געפאַלן אין זייער נישט אויסגעלעבטן נאַטירלעכן עלטער, און וואָס זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן, מיט מיתות משונות, דורך די דייטשע רוצחים, ימח שמם וזכרם.

זאָל ג־ט נקמה נעמען פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון די קאַרטשינער יידן און פון אַלע יידן, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדערישע הענט.

אין מיין ווייטיקלעכער פאַרביטערונג שריי איך אויס צו די דייטשן,

ימ״ש, דעם רוף: אשרי שישלם לך את גמולך שגמלת לנו! (תהלים קלז, ח) — וואויל צו דעם וואָס וועט דיר אָפּצאָלן דיין טואונג, וואָס דו האָסט אונז געטאָן!

אייביק זאָלן מיר געדענקען די הייליקע נשמות פון קאַרטשין, און אין גן־עדן זאָלן זיי אַלע רוען, די וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם! תנצב״ה.

גלייכצייטיק דאַרפן מיר וויסן, אַז קאַרטשין של מעלה לעבט!

און קאַרטשין של מעלה זאָגט אונז: מיר ווילן אַז נוסח קאַרטשין זאָל אָנהאַלטן אין אייער טאָג־טעגלעכן לעבן,

אין די יום־טוב טעג, וואָס וועלן באַשיינען אייערע היימען,

אין די ספרים און ביכער, וואָס איר וועט בלעטערן במנוחה,

אין אייער ביישטייער אין קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן,

אין דעם יידיש־גייסטיקן שטאָלץ פון אייערע זין און טעכטער,

אין דעם אויפלעבן פון הייליקן לאַנד מדינת־ישראל,

אין דעם אומדערמידלעכן, עקשנות׳דיקן היטן די גרויסע קאַרטשינער ירושה, די ירושה פון דעם יידישן פאָלק!

לזכרון פאַר מיין משפחה און קרובים

מיין האַרץ ווערט פאַרגאָסן מיט בלוט און טרערן, ווען איך דאַרף אויפשטעלן אַ מצבה פון ווערטער נאָך מיין נאָענטסטער משפחה וועלכע איז אומגעקומען על קדוש השם, דורך די דייטשן און אוקראַינישע מערדערישע הענט.

אַ משפחה, וועמעס וואָרצלען שטאַמען פון ר׳ אליעזר ליפּע, דער פאָטער פון די צדיקים ר׳ אלימלך מליזשענסק און ר׳ זושא מאַניפּאָל.

כ׳דערמאָן מיך מיין טאַטן ר׳ בעריש (דוב) פעסעל, דער מענטש פון דבקות און גרויסער חסיד, זיין דאַווענען און לערנען מיט האַרץ און טרערן, זיין גרויסע עניוות, און דאָס געבן צדקה בסתר. עס דערמאָנט זיך מיר, אַז ווען ער האָט עולה־לתורה געווען, און דער בעל־קורא האָט אויסגעלאָזט מיט דעם פסוק „והאיש משה עניו מאד״, האָבן די מתפללים געזאָגט, אַז דער

פסוק פאַסט זיך זייער גוט פאַר מיין פאָטער, ז״ל, וועלכע איז צוזאַמען מיט מיין מאַמען אומגעקומען על קדוש־השם.

און מיין מאַמע, אַלטע חנה צירל, די אשת חיל און עזר כנגדו, דאָס דערמאָנען וועגן העלפן אַן אַנדערן ייד מיט צדקה בסתר, און די שטענדיקע טרייסט־ווערטער פאַר די ליידנדיקע, און חוץ דעם האָבן ביידע צוזאַמען זיך אָפּגעגעבן מיט חינוך פאַר די קינדער, און טייער געהאַלטן די מצוה פון ושננתם לבניך, מיט דעם גאַנצן האַרץ און נשמה, אַ זאַך, וואָס איז געווען פאַר זיי זייער טייער, און זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַלע מצוות. — דאָס איז געווען מיין מאַמע, ז״ל, אַ צדקת מיט אַ גוט האַרץ.

אויך מיינע צוויי יינגערע שוועסטער, שרה און פייגע רחל, ע״ה, וועלכע זיינען געגאַנגען אין קאַרטשינער בית־יעקב און געלערנט די דינים פון אַ יידישער טאָכטער. און דער גאָר יונגער ברודער, גד׳ל אשר, ז״ל, וועלכער איז נאָך געגאַנגען אין חדר, און כמעט געקענט דאָס דאַווענען פון אויסווייניק, אַלע זיינען נאָך געווען תינוקות של בית רבן. אויך זייערע יונגע, ריינע נשמות זיינען אומגעקומען, דורך די מערדערישע הענט, על קדוש־השם.

מיינע זיידעס, ר׳ שמעון וואָלף (זאב) ראָטענבערג, דער בעל מקרא אין בית־המדרש, ווי אויך מאַנכעס מאָל דער בעל־תפילה, דער ייד וועלכער האָט געהאַלטן פון יגיעת כפים. און ר׳ אליעזר ליפע פעסעל, דער וועלכער האָט געזען אַז עס זאָל זיין אַ מנין אין דאָרף, וואו ער אַליין איז געווען דער בעל־תפילה און בעל־קורא.

און די באָבעס, עטל ראָטענבערג און לאה פעסעל, ביידע גוטע מענטשן און איידעלע נשמות, וועלכע האָבן שטענדיק געהאָלפן אַנדערע שטילערהייט, אַז עס זאָל זיין צדקה־בסתר, און די נעמערס זאָלן חס־ושלום נישט פאַר־שעמט ווערן. זיי זאָלן אויך אַריינגערעכנט ווערן צווישן די קדושים.

אויך טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן מיינע פעטערס און מומעס, קוזינען און קוזינעס, נאָענטע און ווייטע משפחה, שכנים און אַלע אַנדערע יידן פון אונזער שטעטל קאַרטשין, וואָס כ׳האָב זיי גוט געקענט, ווי צוםביישפיל:

הערש חיים ראָטענבערג מיט דער גאַנצער משפחה, הערש פעסעל מיט דער משפחה, בעריש און רחל פעסעל אין אַנטווערפּן, אליהו פעסעל מיט זיין פרוי, משה פעסעל, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן אין יעדליטש, צירל פעסעל, חנה פעסעל, חייטשע פעסעל, נפתלי פעסעל, רחל פרייפעלד מיט אירע טעכטער, יודל (יהודה) גוטווין מיט זיין משפחה, יאַנטשע אינפעלד און משפחה, ווי אויך די גאַנצע משפחה גוטווין, די ברידער דען מיט זייער

משפחה (איינער פון די ברידער האָט מיך געלערנט, אין דער מלחמה־צייט, די דינים פון תפילין־לייגן), יעקב דן מיט זיין משפחה, ר׳ נחום שפיץ, וועלכער האָט, אין דער מלחמה־צייט, מיך געלערנט יידישקייט, מיינע מלמדים, חברים און חברות, אַלע שכנים, און אַנדערע קאָרטשינער יידן וועלכע איך געדענק, לײדער, נישט זייערע נעמען, אָבער דאַרפן דערמאָנט ווערן אין „יזכור־בוך״, כדי אַלע זייערע נעמען זאָלן בלייבן אַלס זכרון ביי אונז אַלע.

זיי זיינען געווען יידן, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַנדערע און פאַר יידישקייט, און זייערע נשמות זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן, דורך די מערדער ימ״ש, על קדוש־השם. — ד׳ ינקום דמם השפוך!

מיכאל הורביץ
פתח תקוה, ישראל

וואָס איך האָב געזען אין מיידאַנעק

אינם יאָר 1967־1966, ווען די פאָלגנדע שורות וועלן גיין צום דרוק, ווען ימים טינט זיינען שוין פאַרנוצט געוואָרן וועגן דעם אומקום פון די 6 מיליאָן קדושים פון אונזער פאָלק, דורך די דייטשן, ימ״ש, וואָס קען איך שוין צוגעבן מיט מיין אָרעמען באַריכט, וואָס איך האָב, אחר־המעשה, געזען? אָבער אין פאַרבינדונג מיט די זכרונות פון אונזער שטעטל, קאָרטשין, טאָר מען נישט אויסלאָזן דאָס, וואָס דער גורל האָט פאַר מיר באַשטימט, נאָך צו זען און פילן דעם עפּוש, וואָס די פונם 20־סטן יאָרהונדערט באַרבאַרן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זייער אָפּגעטוענער רציחה׳שער אַרבעט.

מיט זייער „ציוויליזירטער" און דייטשער אויסגערעכנטקייט האָבן זיי, סיסטעמאַטיש אַריינגענאַרט זייערע קרבנות ביז צום גאַז־אויוון, וואו מיליאָנען הייליקע נשמות האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. מיט דער האָפנונג אויף אַ נס און מיט אייגענער אָפּנאַרעריי, דורך דעם דייטש׳ס פאַרבלענדעניש, איז דער ייד געגאַנגען צו דער שחיטה, אַזוי ווי אַ סטאַדע שאָף. וואָלט מען געהאַט אַ באַשטימטע וואָרנונג, אַז דאָס איז דער לעצטער וועג, וואָלט נישט איינער אויסגעשריגן „תמות נפשי עם פלשתים" און כאָטש מיטגענומען מיט זיך אַפּאָר דייטשן אין קבר אַריין. אַ מיעוט האָט עס טאַקע אַזוי געטאָן, אָבער דעם רוב האָט דערצו געפעלט כוחות. דער גרויסער צאָל איז שוין געווען אי גייסטיק, אי פיזיש אַזוי פאַראַליזירט אַז דער טויט איז געוואָרן זיין דערלייזונג.

אינם יאָר 1946, נאָך דער וואָגלעניש פונם וויטן סיביר צוריק קיין פוילן, האָב איך זיך ערשט דערוואוסט פון אונזער שרעקלעכן חורבן, וואָס מ׳האָט זיך, מיט דער גרעסטער פאַנטאַזיע, נישט געקענט פאָרשטעלן.

כ׳האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ פּאָר געראַטעוועטע יידן, בין מיט זיי געפאָרן קיין לובלין און פון דאָרטן קיין מאַידאַנעק — אַ פונף־זעקס קילאָמעטער — געגאַנגען צו פוס, זען די טויטן־פאַבריק, וואו מיליאָנען זיינען אומגעקומען אויף דעם אכזריות׳דיקן דייטשן שטייגער.

אין די צעוואָרפּענע קברים, אין פעלדער און וועלדער, וואו זיי האָבן געזייט טויט פון צענדליקע און טויזנטער האָבן מיר נישט קיין באַשטימטן אַדרעס, וואו זיי צו געפינען, אָבער אין מיידאַנעק האָט איעדע יידישע משפחה איר חלק אויפן מזבח צוגעטראָגן, וואו אַ ייד קען זיך אויסוויינען. דאָ וועט ער זיכער קיין טעות נישט מאַכן, אַז ער האָט פאַרגאָסן טרערן אויף אַ פרעמדן קבר.

אינם מענטשלעכן באַגריף דאַרף דער גאַנצער דור, וואו איינער האָט אין יענער צייט געלעבט, און צו וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל נישט געהערן, טרויערן וואָס עס האָט זיך, אין וועלכן ווינקל פון דער וועלט, געקענט אָנפלאַדיען אַזעלכע באַשעפענישן אויף צווי פיס, וואָס אפילו צו דער ווילדסטער חיה קען מען זיי נישט גלייכן. אָבער מיר זיינען דאָך די הויפּטליידנדיקע, וואָס האָבן אפילו נישט געהאַט די סאַטיספאַקציע, מיר זאָלן זיך קענען ווערן, אָפּשלאָגן דעם שונא דאָ און דאָרט, און איבערהויפּט וואו איז דאָס פּריער געהערט געוואָרן אַז אויך פרויען, אַלטע לייט און קינדער גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע ווען מ׳דאַרף פאַרניכטן? נאָכדעם ווי מיר גרויסן זיך מיט דער היינטיקער „ציוויליזאַציע" האָבן מיר דערלעבט צו פּראָדוצירן אַזאַ מין מאָנסטער, וואָס וואָלט גלייכער געווען מוחל צו זיין אַלע מענטשלעכע דערגריי־כונגען און צוריקגיין אין די הרי־חושך.

אַ פאָלק פון קונסט און וויסן — אָן געוויסן — איז שוין גלייכער אַז עס עקזיסטירט איבערהויפּט נישט. אין דער פעלקער־משפחה טאָרן זיי אַלס דייטשן נישט עקזיסטירן. ווען מ׳מוז זיי שוין יאָ אַריינגעמען אינם מענטשלעכן מין, מוזן זיי דעם דייטשן נאָמען פון זיך אויסמעקן און זיך צונויפמישן מיט אַנדערע, וואָס האָבן נישט דעם קין־צייכן אויף זיך. דאָס וואָלט באַדאַרפט זיין דער וועלטלעכער פּסק־דין און זייער אייגענער חרטה־געפיל. זיי האָבן באַפלעקט זייער אָפּשטאַם לעולם־ועד — נישט נאָך צו שטאָלצירן מיט דעם.


דעם וועג קיין מיידאַנעק האָבן די דייטשן באַזאָרגט — מיטן שווייס און בלוט פון יידישע שקלאַפן — אַז ס׳זאָל זיין ברוקירט מיט רויטע ציגל, סימעטריש אויסגעלייגט אַז ס׳זאָל זיין אָנגענעם פאַרן אויג. גאַנצע 3 יאָר האָט עס געדויערט. די וואָס האָבן ביי דער אַרבעט צוזאַמענגעבראָכן, איז מען פון זיי פריער פּטור געוואָרן, מיט אַ קויל פון אַ רעוואָלווער, אָדער אַנדערע באַרבאַרישע מיטל. די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט זיינען שפּעטער געווען נענטער צו דער מאָרד־פאַבריק, וואו זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות. נאָך זיי איז שוין געווען אָן „עסטעטישער" וועג פאַר אַנדערע

הונדערטער טויזנטער, וואָס מ׳האָט זיי אַהערגעשיקט מיט דייטשער אויסרע־כענונג: קיין איבריקע מינוט נישט צו פאַרלירן. טאָג און נאַכט איז מען געווען פאַרנומען מיט דער „היילינקער" אַרבעט.

די דייטשן האָבן אויך געזאָרגט אַז דער וועג פון ביידע זייטן זאָל זיין באַוואַקסן מיט גראָזן גלייך אָפּגעקאָסעט — ס׳זאָל זיין „שיין פאַרן אויג". אַז מען שמועסט פון זייער „סענסיטיוון" געשמאַק איז דאָך נישט שייך. אַלץ מוז זיין פּונקטלעך.

דערגרייכנדיק די מאָרד פאַבריק האָט זיך ערשט באַוויזן וואָס דייטשע פּינקטלעכקייט מיינט. קיין כאָמול האָט זיך צו דעם נישט געקענט דערטראַכטן. בלויז מיניסטערשע קעפּ — אַז אַך און ווי צו זיי — האָבן עס געקענט באַווייזן. ס׳איז געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז ביז צום גאַז־אויוון האָבן די קרבנות אַלץ געקענט דענקען אַז אפשר טאַקע מיינט מען אויך אַביסל זייער אייגענער טובה.

מיידאַנעק איז באַשטאַנען פון אַ טוש־באָד מיט אַ גאַז־אויוון, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ערשטן. אויך אַ צוויי הונדערט באַראַקן מיט סעמעטרישער פאַכמענישקייט אַזוי ווי אין אַ קור־אָרט האָבן דאָרט עקזיסטירט. אויסערלעך איז אַלץ געווען אַ פּראַכט. אויך דאָ איז אַלץ געווען אַרום און אַרום באַוואַקסן



דער קוימען פון גאַז־קאַמער אין מיידאַנעק

מיט גראָזן, שיין אַרומגעשניטן און די דורכגעגנגע פון אַלע זייטן מיט געשמאַק ציכטיק אויסגעלייגט. בלויז דער גאַז־קוימען האָט אין זיך געהאַט עפּעס אַ געהיימע מורא. אַלץ אַנדערע איז געווען ווי אָנגענומען אַלס דורכפאַר־סטאַנציע פאַר וויטערדיקער פאַרשיקונג אויף שקלאַפן־אַרבעט, וואָס איז שוין געווען דער בעסטער רעטונגס־מיטל.

די מאָרד־אַקציעס זיינען פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדיקן אופן: אַ פרישער טראַנספּאָרט פון קרבנות האָט געלאַנדעט אין פראָנט פונם טוש־באָד. מ׳האָט אַלעמען געהייסן זאָרגפעלטיק אויסטאָן די קליידער, זיי אָוועקלייגן איעדער אויף זיין אָרט. ווען מאַנכע האָבן געצעגערט עס צו טאָן האָט מען זיי מיט שפּיצרוטן עס געצוואונגען, אָדער גאָר מיט אַ רעוואָלווער־קויל זיי באַלד אָוועקגעלייגט אויפן אָרט. דאָס איז געווען אַ וואָרנונג פאַר אַנדערע נישט מורד צו זיין אויפן „באַפעל״. נאָכדעם ווי ס׳איז שוין געווען אַ פולע צאָל — אין די הונדערטער מיט אַמאָל — אַריינצוטרייבן אינם שפּריצבאָד איז דער אַריינגאַנג געוואָרן פאַרמאַכט און דאָרט אינווייניק האָבן קראַנען פון אַלע זייטן געגאָסן אויף די קרבנות מיט וואַסער. דאָס איז געווען אַ מיטל זייערע קערפּערס צו באַנעצן פאַר דער וויטערדיקער טויטן־אַקציע. קיין צוריקוועג האָט שוין מער נישט עקזיסטירט. אַ צווייטע עפענונג איז געווען דער אַרײַנ־גאַנג צום גאַז־קאַמער. ווען אַלע קרבנות זיינען שוין דאָרט געווען געצוואונגען אַריינצוגיין האָבן זיך אַלע עפענונגען הערמעטיש פאַרמאַכט, אַז קיין לופט האָט שוין מער דאָרט נישט עקזיסטירט, און נאָכדעם האָבן פון רערן אַריינגע־שטראָמט ציקלאָן־ב׳־גאַז וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו שטיקן אין ווערגן אַלע די וואָס האָבן זיך געפונען אינווייניק. די פאַרצווייפלונג האָט אַלעמען הילפלאָז פאַרכאַפּט און די קרבנות האָבן מיט יאוש איינער דעם צווייטן אַרומגענומען, מיט ווענען מ׳איז נאָר געווען אין שכנות. אַזוי האָבן זיי אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. אין 18 מינוט זיינען שוין אַלע געווען טויט.

דורך אַ רויט שייבל האָט אַ דייטש אַריינגעקוקט פון דרויסן און האָט עס באַשטעטיקט. דער מאָרד־שפּעקטאַקל איז געווען געענדיקט.

נאָכדעם האָבן זיי געעפנט אַ טויער פון דער אַנדערער זייט און אָנגע־פאַנגען אַרויסשלעפּן (דורך צוואַנג־שקלאַפנס הענט) די מענטשן־קנוילן וואָס האָבן זיך אינווייניק געשאַפן. די צוזאַמענגעפּלאָנטענע קערפּערס ווי אַ חלב האָט מען באַשפּריצט מיט קאַלטן וואַסער זיי זאָלן זיך צענעמען און די וואָס זיינען געווען באַצייכנט מיט אַ רויטער פאַרב אויף זייערע פּלייצעס האָט מען

געלייגט סעפּעראַט. די אַנדערע האָט מען געפירט גלייך אין קרעמאַטאָריום זיי צו פאַרברענען, און זייער אַש צו באַגראָבן.

מיט דער רויטער פאַרב־באַצייכנונג איז געווען אַזוי: ווען אַ דייטש האָט באַמערקט, איידער מ׳איז געגאַנגען אין שפּריץ־באָד, אַז ווער עס איז האָט עפּעס איינגעשלונגען, אָדער עפּעס פאַרשטעקט אין אַ געהיימען אָרט פונם קערפּער, האָט אַזאַ איינער באַקומען אַ רויטע פאַרצייכנונג אויף דער פּלייצע.. נאָכן מאָרד־אַקט האָט מען אַזוינעם צעשניטן, געפּאַלמעסט און געזוכט עפּעס אַ ווערטפולן חפץ אין זיינע בני־מעים.

אין אַ באַראַק האָבן מיר געזען אַ גרויסן טיש פון בעטאָן און דערנעבן זיינען געלעגן היבשע טיילן פון מענטשן־ביינער ,הענט, פיס און קעפּ. אַ פּוילישער אינזשעניער האָט אונז דערקלערט אַז דאָס זיינען די מענטשן גלידער פון די קרבנות, וואָס מ׳האָט ביי זיי געזוכט גאָלדשטיקער דיימאַנטן א. ז. וו. דער בעטאָן־טיש איז געווען זייער ווערשטאַט פאַר זייער „אידעלער״ אַרבעט. זיי האָבן אָבער שוין מער קיין צייט נישט געהאַט די אַלע גלידער צו פאַרברענען, ווייל די אַלירטע־אַרמייען האָבן זיך אָנגעריקט, זיינען זיי אַנטלאָפן ווי די מייז, זיינען, דערוויל, די מענטשלעכע גלידער געבליבן אַזוי ווי דער דייטשער אכזר האָט זיי איבערגעלאָזט.

פון דעמזעלביקן פּוילישן אינזשעניער האָבן מיר אויך באַקומען די אינפאָרמאַציע וואָס איז ביז איצט באַשריבן געוואָרן און אויך דאָס וואָס קומט ווייטער.

אַ ווייטאָק איז צו די אויגן וואָס האָבן דאָס געזען. נישט איינמאָל פאַרשאַפט עס קאָשמאַרן פון וועלכע עס איז זיך שווער צו באַפרייען.

צו לאַנג האָט מען, וואַרשיינלעך, אַזעלכע צעשניטענע לייבער נישט געקענט האַלטן, זיי זאָלן נישט פאַרפעסטן די לופט און זיי געמוזט באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר, וואו זייער געביין האָט געפינען זייער לעצטע רו. ציגיינער, פּאָליאַקן, רוסן, צוזאַמען מיט יידן, זיינען דאָרט פאַראייניקט געוואָרן אין זייער גורל. די דייטשע מושלים, ימ״ש, האָבן עס אַזוי באַשטימט.

קיין גענאָסיד־געזעץ האָט נאָך דאַמאָלס נישט עקזיסטירט און ס׳האָט נאָך געגילט אַז אַ מלוכה — אַ שוואַרצע, אַ רויטע — מעג מיט זיינע באַהערשטע טאָן וואָס זי וויל, וואָס איר טריפה האַרץ גליסט, אויף איר באַהערשטן שטח — אָן וועלכע עס איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער אויסערער וועלט.

די דייטשן באַשיצן זיך נאָך עד־היום מיט דעם אַז זיי האָבן געמוזט אויספירן די באַפעלן וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער „העכערער״ מאַכט.

געטלעכע העכערקייט איז זיי פרעמד. — און דאָס רופט זיך „העררן־פאָלק" — אַ קלאָג צו זיי.

וואָלטן די אָרעמע פאַרצווייפלטע יידן, וואָס האָבן כסדר געהונגערט, אָנגענומען וועלכע עס איז מאָרד באַפעלן פון זייערע אויטאָריטעטן אויף אַזאַ שטייגער ? מ׳וואָלט זיי געכער געשיקט לעזאזל, איידער אומשולדיקע נפשות אומצוברענגען.

אין אַ גרויסער האַלע זיינען געווען אָנגעלייגט 65 טויזנט פּאָר שיך, פון קינדערשע ביז דערוואַקסענע. אויך פאַרשידענע סאָרטן. פון פרויען און מענער. אַלע זיינען זיי געווען אויפגעריסן, די פּאָדעשוועס, שטייפן און קלעצלעך וואו מ׳האָט געזוכט גאָלד און ווערט־זאַכן. מיט צער האָבן מיר געקוקט אויף די אומשולדיקע קינדערשע שיכלעך, וואָס מאַמעס האָבן מיט זיי אַזוי האָפנונגס־פול באַשיכט זייערע קינדערלעך לויט זייערע מעגלעכקייטן. אין די שיכלעך האָט מען געקענט דערקענען די מער פאַרמעגלעכע מאַמעס און די אָרעמע, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אינם קינדס באַדערפנישן מיט זיין קליידונג און באַשיכונג. טראָגן שיכעלעך איז דאָך דער ערשטער סימן פון אַ קינדס זעלבסטשטענדיקע באַוועג־לעכקייט. — אין דעם אַלעם האָט דער דייטשער רוצח געזען אַ קוואַל פון זוכן גאָלד און אַנדערע ווערטפולע חפצים.

אין אַ צווייט אָרט האָב איך געזען קינדער־שפּילצייג : באַלן, וועגאַלעך, ליאַלקעס — קליינע און גרויסע — וואָס די קינדערלעך האָבן זיך מיט זיי געשפּילט, ביז מ׳האָט זיי אַריינגעטריבן אין גאַז־קאַמער, וואו זיי האָבן אויס־געהויכט זייערע כשר׳ע, אומשולדיקע, ריינע נשמה׳לעך.

אַ באַרג מיט ברילן פון פאַרשידענעם עלטער איז דאָרט אויך געווען אָנגעהויפט. — דייטשע פּינקטלעכקייט : אַלץ אויסאָרטירט, ווי עס פּאַסט פאַר „ציוויליזירטער־אָרדנונג". נישט גלאַט אָן אַ חשבון, אָן אַ טאָלק. ווען מ׳וואָלט געהאַט אַ צוגאַנג צו זייערע פאַרשריבענע ביכער פון די אַלע זאַכן, וואָלטן מיר זיך ווייניק באַדאַרפט גריבלען דאָס אַלץ צו פאַרצייכנען. — זייערע אייגענע באַשריבענע מאַטעריאַלן וואָלטן געווען גענוג זיי צו סטעמפּלען לדורות פאַר זייערע אָפּגעטוענע מעשים. האָבן זיי אָבער נאָך געהאַט צייט אַסך זייערע דאָקומענטן צו פאַרניכטן. בלויז צופעליקע זיינען געבליבן, וואָס זייערע היינטיקע מושלים וואָלטן עס געוואָלט פאַרטושן, אָבער לפנים מוזן זיי נאָך אָנגיין מיט פּראָצעסן, וואָס קוקן אויס ווי אַ חוזק זייערע צוגעטיילטע שטראָף, לגבי די פינסטערע מעשים וואָס די שולדיקע האָבן באַוויזן אָפּצוטאָן. — פּליצום זיינען די דייטשן געוואָרן „הומאַניטאַרן" און אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף : פאַר איינעם

וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך, און דאַרף האָבן אויף זיין געוויסן — אויב ער האָט אַזעלכן — פאַר הונדערטער טויזנטער קרבנות איז זיין שטראָף 5, 10, 15 יאָר (דאָס איז שוין אַסך) תפיסה, וואו ס׳פעלט זיי חלילה נישט פון אַלעם בעסטן. קיין איינער פון זיי איז נישט אַרויסגעקומען — נאָך דער אָפּגעקומענער „שטראָף" אַן אויסגעצערטער, אויסגעקוואַרטער. עס פעלט זיי דאָרט בלויז אַ קרענק, וואָס זיי האָבן כשר פאַרדינט.

אונטער אַ שויב פון אַ קאַבינעט זיינען געווען דאָקומענטן, פּאַספּאָרטן ווי אויך פאָטאָגראַפיעס פון די קרבנות פון גאַנץ איראָפּע.

— געשרייען און חלשות האָבן מיינע אויערן דערהערט און מיינע אויגן דערזען, פון אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן אין די בילדער און דאָקומענטן זייער אייגן בלוט־און־פלייש דערקענט. מ׳האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פונם גרויסן ווייטיק און הילפלאָזן צער.

ס׳איז אויך געווען אַ גרויסע באַליע מיט אַנציגער אין די טויזנטער, אויסגעמישט מיט בעקעשעס, כאַלאַטן, איבערציערס, פלאַשענע קאַפּעליושן, סאַמעטענע קאַפּלען, און אויך טראַכטן פון פאַרשידענע נאַציעס, פון זעלנערשע מונדורן, פון זאַנדער־לאַגערן, און מונדורן מיט מגן־דוד׳ס אויף די פּלייצעס פון די קליידער, פון אינוואַלידן אָן הענט און אָן פיס; קליידער פון ציגיינער — פון אַלע שאַטירונגען, וואָס זיינען דאָרט אומגעקומען, צוזאַמען מיט די יידן.

מסתמא, ווען דאָס טריפה׳נע מזל וואָלט זיי געווען צוגעשפּילט און זיי וואָלטן געקענט פאַרשקלאַפן די גאַנצע מענטשהייט, וואָלטן זיי פון אַזעלכע „עקזאָטישע" קליידער געשאַפן אַ מוזעאום און די דייטשע „איידלקייט" מיט זייער פּאַרטיפּט „טראַכטן" וואָלטן געשעפּט אַי גייסטיקע־הנאה, אַי באַוואונדערונג אויף די „ווילדע־באַשעפעניש" וואָס האָבן געהאַט אַזאַ באַקליידונג.

ס׳וואָלט זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן פאַרקערט: אַז גראָד די „ווילדע" האָבן באַזיצט הימל־הויכע רייכקייט אין גייסט, און זייערע פאַרערטע „גראָס פאַטערס" זיינען דאָס געווען די מנוולים, וואָס אפילו אַ מוזעאום דאַרף זיי נישט אַריינעמען. זיי זיינען אַן אבי־אבות־הטומאה, וואָס דאַרף פון זיי קיין זכר נישט בלייבן.

אַלע טראַנספּאָרטן מיט קרבנות, וואָס פלעגן דאָרט אָנקומען, האָבן די דייטשן, ימ״ש, אַזוי קינסטלעריש אַריינגענאַרט: מ׳האָט זיי געהייסן מיטנעמען אַלע נויטיקע חפצים, דאָס ביסל האָב־און־גוטס, וואָס אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל האָבן מיט זיך, אויפן וועג. האָט אין די קרבנות געטליעט אַ האָפענונג אַז מ׳גייט זיי ערגעצוואו אָפּשטעלן פאַר אַרבעט. ווען נישט דאָס, צו וואָס דאַרף מען

אפילו קינדער־שפילצייג? ערשט אויף דער לעצטער סטאַנציע פאַרן טויט האָבן מאַנכע עפּעס יאָ דערשמעקט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. אפילו פאַרן אַריינגיין אין שפּריץ־באַד — פאַרן לעצטן אַקט פון טויט — האָבן נאָך מאַנכע נאַאיווע געקענט דענקען אַז עס שטעקט דאָ מיט דייטשער „ריינלעכקייט". ס'איז אָבער געווען אַזאַ ריינלעכקייט ווי ווען אַ דייטשער אָפיציר האָט מיט אייגענע הענט באַוויזן אָנצוכאַפּן אַ יידיש קינדס פיסל און צעשמעטערן זיין קעפּל אין אַ וואַנט, האָט ער זיך פאַר דער „עבודה" (פאַר דער אומגליקלעכער מאַמע'ס אויגן) אָנגעטאָן ווייסע הענטשקעס. דאָס באַשפּריצטע בלוט דערפון, האָבן דערנאָך יידישע שקלאַפן גערייניקט.

נישט קשה: זיי האָבן עס געטאָן אויף אַ „ציוויליזירטן" אופן.

אין באָד האָב איך געזען אָנגעוואָרפן בריוו, קאַרטלעך, באַשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר אויף יידיש, פּויליש און אַנדערע שפּראַכן. מייסטנס געזעגנונג־שריפטן צו די לעבנגעבליבענע. ווי־ניט־איז האָבן מאַנכע אויך אַזעלכע זאַכן מיט זיך אַריינגעשמוגלט, און זיינען געבליבן אַ זכר פון זיי.

אין בריוול האָב איך דאָרט געלעזן: טייערע שכנ'טע רייזל: איך בעט אייך, פאַרן פאַרלאָזן מיין הויז האָב איך איבערגעלאָזט ביים סטרוזש ווירובלעווסקי מיין צירונג, זילבער־לייכטער און געלט, ער זאָל אַלץ איבערגעבן די גויים, וואָס מיין מענדאַלע איז ביי זיי. אפשר וועט כאָטש מיין איינציקער יורש פאַרבלייבן פון אונזער גרויסער משפחה. דערציילט עס אַיעדן אויב איר וועט בלייבן לעבן. זאָל די וועלט וויסן פון אונזער גרויסן אומגליק. פאַרבלייבט גליקלעך, אויב אַזעלכעס איז מעגלעך. אייער אַלטע, געטרייע שכנ'טע לאה.

נאָך פילע באַשריבענע פּאַפּירלעך זיינען געווען וואָס זיינען מיר אומ־מעגלעך געווען אַלץ צו לייענען.

עס איז שווער צו גלויבן און שוידערלעך צו וויסן, ווי אַזוי אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן.

אַזוי האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין מידאַנעק, געוויינט, מיט געשרייען־אויסברוך פון צער, אויף פאַרלוירענע נאָענטע וואָס, ווער עס איז, איז דאָ געפאַלן אויפן מזבח פון דעם באַרבאַרישן דייטש, ימ"ש. מיר האָבן געפילט אַז דאָ איז שוין דער סוף פון דער וועלט; אַז פון יעדער שטויבאַלע אַש, וואָס מיר האָבן דאָ געפונען איז פאַראַן אַ הייליק־ריינע נשמה פון אַ קדוש, וואָס האָט אויסגע־הויכט זיין לעצטן אָטעם מיטן אויסגעשריי: „שמע־ישראל".

יוסף וועבער הי״ד

יוסף וועבער איז געווען דער זון פון אהרן און דינה וועבער הי״ד (גערופן: אהרן ברעזאָווער) און דעם ברעזאָווער רב׳ס אַן אייניקל. ער איז געבוירן און דאָרט געוואוינט ביז׳ן חורבן.

אין זיין יוגנט איז יוסף געזעסן און געלערנט תורה בייטאָג און ביינאַכט. ר׳איז דערצויגן געוואָרן אין חסידישן גייסט, געטראָגן אַ חסידי׳שע הלבשה און געפירט אַ חסידי׳שן לעבענסשטייגער.

יוסף וועבער איז געווען מיין צווייטער איבערגעגעבענער, געטרייער און גוטער חבר. ר׳איז געווען אַ ליבליכער טייערער מענטש, געהאַט אַ גאָלדענע, קרישטאָלענע נשמה, ממש די אידלקייט אַליין. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט באַרירט און אַ פשיטא נישט מצער געווען. צאַרט און פיין און אַן אמת׳ער נח לבריות. תמיד גרייט זיך פאַר יענעם מקריב צו זיין. אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

יוסף האָט אין זיך פאַרקערפערט תורה און דרך ארץ. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט. האָט געלערנט און געלייענט אַ סך און זיך דערוואָרבן אויך אַ היפשן באַגאַזש פון וועלטלעכן וויסן און פאַרמאָגט אַן אמת פיינעם ליטעראַרישן טאַלאַנט, צו שילדערן טיפן, סצענעס, בילדער פון שטעטלדיקן לעבן און אָנצושרייבן אַ גוטע טאַלאַנטפולע נאָוועלע.

דער וואַרשאַווער „היינט״ האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט „דער וועלטשפיגל״. „דער וועלט שפיגל״ האָט פאַרעפנטלעכט אַ ליטעראַרישן קאָנקורס, מיט געלד פרעמיעס, פאַר די בעסטע נאָוועלן, פון שטעטלדיקן לעבן. אין דעם דאָזיקן קאָנקורס האָבן אָנטייל גענומען פראָמינענטע שרייבער, און אונזער יוסף וועבער האָט באַקומען די צווייטע פרעמיע פון 50 זלאָטיס פאַר זיין נאָוועלע „די ליציטאַציע״.

די נאָוועלע „די ליציטאַציע״ איז געווען געדרוקט אין „וועלטשפיגל״ נר. 45 פון 1929. די צווייטע זעהר געלונגענע נאָוועלע זיינע „דער פישער״ איז געווען געדרוקט אין וועלטשפיגל״ נר. 16 פון 1930.

ביידע נאָוועלן אין אָריגינאַל קען מען זען אין די יאָר־זאַמלונגען פון „וועלטשפּיגל" וואָס געפינען זיך היינט צו טאָג אין יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט „ייוואָ" אין ניו־יאָרק.

שוין 25 יאָר, ווי איך טרויער נאָך מיין טייערן, אומפאַרגעסלעכן, ליבן חבר יוסף.

די פאַרשאָלטענע דייטשן ימש"ו האָבן פאַרניכטעט זיין טאַלאַנט און אויסגעלאָשן זיין יונג לעבן אין 1942.

ה' ינקום דמו.

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

No. 45 — 1929

„וועלטשפיגעל"

אונזער ליטעראַרישער קאָנקורס

יוסף וועבער
הי"ד

די ליציטאַציע

קאָנקורס־געשיכטע נומ. 31

מיט דער גרעסטער בענקשאַפט און אומגעדולד, דערוואַרט דאָס שטעטל די ערשטע שוואַלב, דעם אָנזאָגער פון בעסערע צייטן.

דער לאַנגער ווינטער איז שוין זייער, זייער לעסטיק. די שטוב פאַרויכערט, פאַרשוואַרצט, דער באַלקן און די ווענט אָפּגעריסן, שפינוועבס, פאַרשוואַרצט פון סאַדזע, הענגט אין אַלע ווינקעלעך, וואַסער, ברודיקס, אויסגעמישט מיט שטויב, רינט שטראָמענווייז פון די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע ליגט אַ דיקע שיכט פון שוואַרצע, נאַסע בלאָטע, אַז ס'איז נישט קיין ברעט אַרויסצוזען. אויף די קליינטשיקע פענצטערלעך, פאַרשלאָגענע מיט נעגל און פאַרקלעפּט מיט ליים פון תיכף נאָך סוכות, ליגט אַ נאַסער, גרינער שלאַם. דורך זיי קוקט אַריין אַ שוואַרצער, מיט בלאָטע און מיסט אויסגעקנעטענער שניי. די אַלטע, צעריסענע שמאַטעס רייסן־אָפּ די פּלייצעס און שמאַרצן דעם קערפּער. דאָס שטרוי אין די בעטן איז סטעכלע, פאַרפוילט און אַרויסגעשיט פון די צע־בראָכענע בעטלעך. אין שטוב פילט זיך אַן עפּוש, אַ שווערער שטיקנדער דאַמף. שימל און שמוץ עסט אויף. און דאָס קליינוואַרג... אוי דאָס קלייטוואַרג!... ווי ווערט מען שוין אַביסל פּטור פון דער שטוב! דער פּסח בעט זיך שוין אַזוי שטאַרק אַריין אין די יידישע שטובן.

דאַריבער, ווען אין ראש־חודש אדר, צווישן מנחה־און־מעריב, אַז דער בית המדרש־שמש גיט מיט דער לאַנגער, ביינערדיקער האַנט אַ קלאַפּ אין שולחן און רופט־אויס:

— איך בין מכריז ומודיע בפקודת הקהל, אַז היינט נאָך מעריב וועט דאָ, אין בית־המדרש, פאַרקויפט ווערן דאָס פסח׳דיקע מעל —

רייסט זיך, פון אַלעמענס הערצער, אַרויס אַ פריידיקער צאַפּל, אַ טיפער זיפץ פון דערלייכטערונג דרענגט אַרויס פון יעדנס ברוסט. עפּעס אַ יום־טוב׳דיקע שטימונג שוועבט אין דער לופט. עפּעס ליכטיקער און וואַרעמער ווערט אין בית־המדרש. יעדנס פּנים און אויגן דריקן־אויס שמחה. אַן אָנגענעם־זיסע, אומבאַשטימטע, שוין לאַנג־פאַרגעסענע פּרילינגס־בענקשאַפט פילט אָן יעדנס נשמה. עס שמעקט מיט זון, בלומען, גראָז און שפּאַציר.

ביי אַ געהויבענער שטימונג, ביים כסדר׳דיקן קלאַפּן אין די טישן און — שאַ־אַ־אַ! אויסרופן ווערט ווי־עס־איז דער מעריב געדאַוונט. דאַן פאַנגט אָן דאָס קאָכעניש. די געוויינלעכע ווינטערדיקע בית־המדרש־אָרדנונג ווערט אינגאַנצן צעשטערט. די חברה־משניות איז היינט מותר פון איר אַלענאַכטיקן שיעור. די טישן זיינען פּוסט. די לאָמפּן איבער זיי, ווי פאַר׳יתומ׳ט, דוכט זיך, לייכטן עפּעס טונקלער. זיי הענגען אַראָפּ אַזוי ווי טרויריק און פאַרשעמט... אין די לאַנגע נעכט פונם גאַנצן ווינטער האָבן זיי אַזוי מילד געלויכטן; און מיט זייער וואַרעמקייט געגלעט, און נישט איין וויי־געשריי, נישט איין השתפכות־הנפש פון אַ פאַרבענקטער נשמה, פון אַ יונגן פאַר׳חלומ׳טן בחור, וואָס ער האָט ביי דער גמרא אויסגעגאָסן, נישט איין טיפן האַרצרייסנדיקן קרעכץ פון אַ באַדרוקטן, פאַר׳מרה־שחורה׳דיקן טאַטן אין זיך איינגעזאַפּט און סודות׳דיק געלויכטן און געשוויגן, און נאָך דעם אַלעמען האָט מען זיי פּלוצים פאַרלאָזט און אַוועקגעוואָרפן.

גרופּן און רעדלעך בילדן זיך. ביי דער טיר נעבן אויוון שטייען די שטעטלדיקע תבואה־און־מעל־סוחרים. מען רעכנט, מען קאָמבינירט, מען זוכט אַן אופן, ווי אַזוי צווישן זיך דורכצוקומען, אַ „קאַרטעל״ צו שליסן, זיך נישט קעגנזייטיק צו קאָנקורירן, נאָר געמיינזאַם צו דער ליציטאַציע צוגיין. אָבער, ווי דער שטייגער איז, צעגייט מען זיך מיט גאָרנישט און מען לויפט שנעל אַהיים, זיך מיט דעם נייטיקן געלט אויף קויצע צו באַזאָרגן, און צום קאַמף צו גיין.

דאָס שטייען די ליצני־הדור און חוזק׳ן אָפּ פון דעם אַלטמאָדישן שטייגער פון ליציטאַציע, פון דעם שמש, וואָס לויפט־אַרום פאַרשוויצט און פאַרפּאָרעט, פון די קהל־לייט, וואָס דרייען זיך אַרום פאַר׳מוח׳ט פאַר דעם גרויסן אַקט.

דאָ שטייט אין אַן ענגער גרופּע צוזאַמענגעקוועטשט אַ חברה חדר־יינגלעך, וואָס האָבן אויפגעהערט „צו גיין ביינאַכט״ און גיבן זיך איבער, וואָס מען וועט זיי אַלץ קויפן אויף פּסח: נייע אָנצוגלעך, שיכלעך און היטעלעך און באַלעקן

זיך שוין באַצייטנס מיט חיות פון די מצות און כרעמזלעך, אַ מיש־מאַש פון ווערטער, אַ געפילדער אויסגעמישט מיט רויך פון פּאַפּיראָסן און פייקעס שווענט איבער די קעפּ.

פלוצים דערהערט זיך אַ הויל קלאַפּן. דאָס שטייט דער שמש אויף אַ באַנק אין אַ ווינקל ביי דער מזרח־וואַנט איבער אַלע קעפּ און געבנדיק אַ קלאַפּ מיט דעם האָלצערנעם שול־קלאַפּער, פאַרגלייזט ער די אויגעלעך און פאַרלייגט דאָס קעפּל, פאַרפרומט אין אַ זייט און שאָקלדיק מיט דעם געלן ציגן־בערדל, רופט ער אויס, אויף זיין דין סאָפּראַנדל:

— ווער עס וויל לייגן „וואַדיע״, זאָל לייגן „וואַדיע״. —

די באַוועגונג וואַקסט. חיים׳ל, דער גרעסטער תבואה־סוחר פון שטעטל, שטופּט זיך מיט שווערער מי צו צום טיש, וואָס איז באַלאַגערט פון אַ נייגעריקער מאַסע, וועלכע קוקט זיך צו מיט קנאה און יראת־הכבוד צו דעם פאַרלויף פון דער זיצונג. דער טיש ביי דער מזרח־וואַנט איז באַדעקט מיט דעם גרינעם טישטוך פון שלחן. אויף אים שטייען צוויי לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט, אויבנאָן זיצט דער רב מיט דעם ראש־הקהל. נעבן זיי ליגט פּאַפּיר, אָנגעגרייט טינט און פעדער און דער קהל־זיגל. ביי דער לענג פון׳ם טיש זיצן די איבריקע קהל־לייט מיט ערנסטע פּנים׳ער. חיים׳ל ציילט־אויס די „וואַדיע״. באַלד קומען נאָך צוויי דעלעגירטע פון די נאַר־וואָס געשלאָסענע שותפות׳ן. נאָכן אויסהערן די לאַנגע דרשה פון רב וועגן כשרות־ענינים: וועגן כשר׳ן ווייץ, משגיחים און זעק און נאָכדעם די פון ראש־הקהל, וועלכער רעפערירט די פינאַנציעלע זייטן איבער די קוואַליטעט פון מעל, אָפּצאָל פאַר קהל וכדומה, דרייט זיך חיים׳ל אַוועק, וואַרפנדיק שטעכיקע בליקן צו די איבריקע סוחרים און קייענדיק פּאַמעלעך אַ קאַרנדל נאָך אַ קאַרנדל, דרייט ער זיך אויף און אָפּ, בורטשעט עפּעס אין די שוואַרץ־גראָע וואָנסעס, פאַרזשמורעט די אויגן, קנייטשט דעם שטערן און אַ גנב׳ישער שמייכל לייגט זיך אין די ווינקלען פון זיין מויל. באַלד גייט ער מיט שנעלע טריט, קענטיק אַנטשלאָסן צו צום טיש און דונערט אויס אויף זיין גראָב, הייזעריק קול: פיר־ר־ר־און־ניינציק גראָשן! —

צווישן דעם עולם באַוועגט זיך אַ שטיל געמורמל. די פּנים׳ער פון די פרנסים דריקן אויס אומצופרידנקייט. חיים׳ל באַמערקט דאָס און שיסט אויס: איך קאָן נישט ביליקעררר. —

דער ראש־הקהל גיט אַ ווינק צום שמש און נאָך די דריי טראַדיציאָנעלע קלעפּ, צעגיסט ער זיך, אויף זיין תחנונים־קול׳כל:

פ־י־י־ר—או־ו־ן—ניי־יי־נ־ציק גראָ־אָ־שן צום ע־ע־ערשטן מאָ־אָ־אָל, פי־ר—או־ו־ון ניי־יי־יינציק גראָ־אָ־שן צו־ו־ום א־א־אנדערן מאָ־אָ־אָל או־ו־ון...

אַ שטורם פון פּראָטעסט־אויסרופן צעטראָגט זיך איבער׳ן חלל פון בית־המדרש. געשרייען לאָזן זיך הערן פון אַלע זייטן: אַ רויב! אַ רציחה! אַזאַ יקרות... נישט דערלאָזן דערצו!... אוודאי, חיים׳ל גנב... האַלב געלט פאַרדינען... זאָל קהל נעמען דאָס מעל אויף אייגענער האַנט! מ׳עט נישט קוקן... מ׳עט זיך ברענגען מעל פון דער פרעמד! קיין כעלעם מיט אַזאַ קהל... — צעשרייט זיך אַן עזות־פּנים.

אויך די איבריקע סוחרים שטייען נישט שטיל. זיי בונטעווען־אונטער דעם אַזוי אויך צעיושעטן עולם!

— נו, נו, האַנדלט מיט חיים׳ל באַנקראָטניק... קלייען וועט ער אייך געבן...

חיים׳ל ווערט אָנגעצונדן, מלא רציחה לויפט ער אַרום. — פאַררכעס, שנאָררערערס, כ׳על אייך וויזן... — קאָכט ער זיך.

דאָס קלאַפּן פון האַמער באַהערשט אָבער באַלד די אויפגעברויזטע געמיטער. עס ווערט מאָמענטאַל שטיל און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם הערט מען דאָס צעצויגענע אויסרופן:

— ניי־ייי־יינציק גראָ־אָ־אָשן צו־ו־ום ע־ע־ערשטן מאָ־אָ־אָל, ניי־ייי־יינציק גראָ־אָ־אָשן צו־ו־ום א־א־אנדערן מאָ־אָ־אָל או־ון צו...

אַ נערוועזער, שטרענגער בליק פון ראש־הקהל פאַרגליווערט אים דאָס וואָרט אויף די ליפּן און מיט אַ מינע פול מיט שטאָלצער חשיבות לייגט ער לאַנגזאַם צו אַ פינגער צו דער שפּיץ נאָז, וואָס זאָגט: „נאָר נישט אַזוי געאיילט זיך״... דער שמש גיט אַ פינקל מיט די אויגן און ווי איינער, וואָס קען גוט זיין ראָלע, גיט ער שמייכלדיק שעלמיש אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס באַדייט: „האָט נישט קיין מורא...״

— ניי־ייי־נציק גראָ־אָ־שן צו־ו־ום ע־ע־ערשטן מאָ־אָ־אָל ניי־ייי־יינציק גראָ־אָ־אָשן צו־ו־ום א־א־אנדערן מאָ־אָ־אָל או־ון... צום געזונט! — פאַרענדיקט ער טריומפירנד.

דער געלונגענער, פרומער אויסרוף פונם שמש, האָט די געהעריקע התלהבות׳דיקע ווירקונג אויפן יידישן עולם. די אָנגעצ׳ברוגז׳טע שטימונג פאַרשווינדט.

די אויפגעלייגטקייט, וואָס האַלט דעם עולם זינט דעם ערשטן כרוז פאַרגרעסערט זיך. עס האַלט ביי אַ רקידה׳לע. מען אונטערהאַלט זיך אויף אַ לייכטן אופן. וויצן און גלייכווערטלעך שיטן זיך. ר׳ שלמה, אַ ליסטיק יידל מיט אַ רויטער נאָז און אַ קיילכעדיק בייכל, רייבט זיך די הענט און קלאַפּט, גוט ברודעריש, אין

פלייצעס: — אַיאָ, דאָך דערוואַרט זיך... לוסטיק ידן! מלכות! אַיאָ... — דער שמש לאָזט זיך הערן:

— פי־י־ינף—או־ו־ון—אַ־אַ־אַכציק צום ע־ע־ערשטן מ־אָ־אָל, פי־י־ינף— או־ו־ון—אַ־אַ־אַכציק צ־ו־ם א־א־אנדערן מאָ־אָ־אָל או־ו־ון... צום ערשטן מאָל...

דער עולם, וואָס האָט פריער פּראָטעסטירט, נישט אַזוי צוליב זיין געלט, ווי אויס מורא אַז חיים׳ל וועט אַן עושר ווערן, איז צופרידן — עט נישט קיין גליקן... טרייסט מען זיך, — מ׳עט דערלייגן...

— אַ כאָלערררע אויף זיי — שטורמט חיים׳ל — דערלייגן זאָל איך אפילו... און צולויפנדיק צום טיש ברויזט ער:

— דרררריי־און־אַכציק!

אַ פיל זאָגנדיקער בליק פון ראש הקהל צום שמש.

— דריי־יי־יי—או־ו־ן—אַ־אַ־אַכציק גראָ־אָ־אָשן צו־ו־ום ע־ע־ערשטן מאָ־אָ־אָל, דריי־יי־יי־ או־ו־ון אַכציק גראָ־אָ־אָשן צום א־א־אנדערן מאָ־אָ־אָל, דריי־יי־יי או־ו־ן אַכציק גראָ־אָ־אָשן צו־ו־ום... דריטן מאָל. זכה ר׳ חיים!

„וועלטשפיגעל״
No. 16 — 1930

יוסף וועבער הי״ד	דער פישער	נאָוועלע

יונה איז נאָך אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פונף און דרײַסיק, נאָר זעט אויס ווי פון פופציק, מיט אַ רויטער אויסגעצויגענער באָרד, האַלב אויסגעקראָכענע פּאות, אַ צעריסן היטל קריכט אים איבער די אויגן. די קורטקע זיינע איז אַמאָל געווען ברוין, אָבער דאָס איז שוין לאַנג, נאָך פון דער חתונה. היינט איז זי שוין צעריסן און די בני מעים קריכן שוין אַרויס. מיט אַ פּאָר אויסגעדרייטע, פאַרדאַרטע שטיוול און אַ קליין פּייקעלע אין מויל.

נעכע, זיין יידענע איז אַ קליינע, אַ דאַרע. אַ מערכה וואָס זי טראָגט אַ האַלב טוץ קליידלעך און טיכלעך, זעט זי נאָך, ווי עס איז, אויס אַ „שטיקל מענטש״. זי איז אָבער דערפאַר אַ פלינקע, אַ רירוודיקע, אַן עכטע אשת־חיל. אַ קול האָט זי דווקא אַ מענעריש, אַ גראָבס מיט דער „האַרטער ריש״, אַזוי, אַז ווען זי שרייט אָדער שעלט — אוי, שרייט זי שוין אַמאָל... זי האָט אַ מויל אַ וואולקאַן. יונה ציטערט פאַר איר קול אימת־מות — דוכט זיך אַ באָמבע וואָלט געפּלאַצט.

קינדערלעך זיינען דאָ, קיין עין־הרע, אַ פינף. נאָר דערמאָנט דאַרף דאָ ווערן העניעכל, זייער בכור, אַ יינגל פון אַ יאָר עלף, מיט קורצזיכטיקע אויגעלעך, אַ רויטע, גראָבע פּאַטשיילע אַרום האַלדז און מיט אַ פּאָר גרויסע, ווייבערשע שיך, וואָס אַט־אָט דוכט זיך, פאַרלירט ער זיי.

די „חיונה״? נישט צו פאַרזינדיקן. בעסער האָט נישט קיין שיעור... יונה האָט עטלעכע פּרנסות. ער אַליין הויבט זיך אויף יעדן טאָג כעלות, דאַוונט אָפּ, נעמט זיך מיט אין קעשענע אַ שטיקל ברויט, אַ זעקל אונטערן אָרעם, אַ קיישל אין דער האַנט און לאָזט זיך אויפ׳ן דאָרף. ער קויפט צוזאַמען וואָס

עס קומט אונטער דער האַנט: אַ קראָליקל, אַ פּעלעכל, אַ פּאָר אַלטע כאַלעוועס איז אויך אַ סחורה, אַן איי און אַמאָל אויך אַ הינדל. אגב, יונה איז אַמאָל דורך אַ הינדל מיאוס נכשל געוואָרן. ער האָט נעמלעך געקויפט אַ קוואָקע און ברענגנדיק זי אַהיים האָט זי פּלוצים אָנגעהויבן קרייען... נעכע רופט אים טאָקע זייט דאַמאָלס „קוואָקע״, פון וואָס יונה האָט נעבעך פיל צער.

אויך נעכע זיצט נישט ליידיק. זי איז אַ פאַרדינערן. זי מיט העגעכלען גייען אַלע טאָג מעלקן, זי טראָגט די מילך אין די הייזער און מאַכט אויך פּוטער און קעז.

דאָס אַלץ זיינען אָבער נאָר נעבן־פּרנסות. יונה׳ס הויפּט־און־ בכבוד׳יקסטע פּרנסה איז דער פיש־מסחר. ער פאַרקויפט יידן פיש אויף שבת. און עס זאָל טאָקע דאָ פאַרצייכנט ווערן לדורות, זאָלן אַלע וויסן, ווי אַזוי יונה האַנדלט מיט פיש.

דאַנערשטיק קראַצט יונה צוזאַמען דאָס ביסל ממתקים, וויקלט עס איין אין אַ היבשער שמאַטע און לאָזט עס אַריין טיף אין די שטיוול, נעמט צוויי קוישן און לאָזט זיך גיין צום פיש־גוי, וואָס האַלט דעם טייך אין אַרענדע, וואַלענטע הייסט ער. אַ קליין באַוואַקסן גוי׳עכל מיט גראָע וואָנסעס. דער וואַלענטע האָט שוין זייט גאָר אַלטע צייטן אַ חזקה אויף דער אַרענדע און ער ליפערט דאָס טאַקע אויך, שוין פון גאָר לאַנג, יונה׳ן, די פיש. מקנא׳ניקעס, בייזע אויגן, האָבן שוין אפילו פיל מאָל געפּרובט יונה׳ן משיג־גבול זיין און אים די פיש אָפּצושלאָגן. אָבער וואַלענטע טרייבט זיי צו הונדערט רוחות. ער קען זיי נישט ליידן, זאָגט ער די „קנאַקערס״. יונה איז אַ „רעטעלנע זשידעק״. נאָך זיין טאַטע האָט ביי אים אָפּגענומען די פיש... יונה איז טאָקע ביי וואַלענטען אַ גאָר וואַזשנע גאַסט, און כדי יונה׳ן דאָס צו באַוויזן, גיט ער אים אַלע מאָל עטלעכע עפּאַלעך אָדער געטריקנטע באַרנדלעך אַ מתנה פאַר די קינדער. יונה ווידער פון זיין זייט, כדי אים נישט שולדיק צו בלייבן, גיט אויך וואַלענטען אַביסל זיין פייקעלע און מען זעצט זיך אַוועק אויף דער פּריזבע, און אַזוי רויכנדיק שמועסט מען אַביסל מכח דער ווירטשאַפט און נייעס פון שטעטל. יונה איז אָבער נישט קיין שמועסער, איבערהויפּט האָט ער נישט קיין צייט און ער מאַכט אַ שמועס מכח די פיש. דאַנאָלס נעמט וואַלענטע די ווענטקע און די איבריקע זאַכן און זיי לאָזן זיך צום טייך. דאָ איז וואַלענטע גאָר אַ מזיק און באַלד איז דאָ אַ פולער קויש, און טאָקע באַלד דער אַנדערער, מיט פיש, קלענערע און גרעסערע און אַמאָל אויך חשוב׳ע שטיק, וועלכע יונה צערטלט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און באַצייכנט זיי באַלד אויפן אָרט: דער וועט זיין

פאַר׳ן רב, זאָל לעבן, דער פאַר׳ן ראש־הקהל. דער פאַר ר׳ יצחק׳לען... און אַנגעלאָדנט מיט דער טייערער משא, מאַכט ער נישט מער קיין שהיות, דער טאָג שטייט נישט, געזעגנט זיך מיט וואַלענטען און לויפט אַהיים.

אינדערהיים איז יונה׳ס ערשטע עובדא, אַז ער נעמט איין קויש פיש און רוקט אים אַרונטער אונטערן בעט, ווייל די ווייבער, טענה׳ט יונה, אויב זיי וועלן דערזען אַזוי פיל פיש איז שוין אַלץ הפקר פּעטרושקע. כאָטש נעם און צאָל זיי צו, זיי זאָלן ביי דיר נעמען אַ פישל. אָבער פאַר איין קויש וועט ער אָפּנעמען מער ווי פאַר ביידע. אַזוי זאָגט יונה און מ׳דאַרף אים גלויבן. ער האָט שוין, זאָגט ער, די ציין אויפגעגעסן ביי די פיש.

דאַן נעמט מען זיך גרייטן צום „מסחר״. יונה מיט דעם קויש פיש לאָזט זיך אין מאַרק אַריין, נאָך אים נעכע, מיט צווי וויאַדרעס פריש וואַסער און הענעכל קייקלט צו אַ גרויסן קאַסטן. יונה לאָזט אַריין די פיש אין וואַסער און סדר׳ט זיי אויס אויפן קאַסטן. ער זוכט אַרויס דעם שענסטן פיש און גיט אים נעכען: — דאָס טראָג אַריין צום רב, דעם זאָלסטו אַהינגעבן רבי משה׳לען און דו הענעכל נעם דיר פאַר רבי יעקעלעס ווענן.

— וואָס, רבי יעקעלע? — הויבט נעכע אויף דאָס קול — חולה איז זי, די רביצן אַרויסצוקומען? זי האָט מיר נאָך נישט באַצאָלט פאַר יענע וואָך!

— האָרך וואָס מען זאָגט דיר, הענעכל, — וויל יונה אַרויסווייזן זיין ממשלה.

— איך זאָג ניין — צעשרייט זיך נעכע אויף אַן אמת׳ן. — כ׳וועל דיר די אויגן אויסדראַפּען. — דו „קוואַקע״ אַזוינע...

דאָ פאַרלירט שוין יונה מיט אַמאָל דאָס לשון און מוז נאָכגעבן. איצט זאָגט אים נעכע ערשט אָן מיט דעם האַרבן וואָרט, ער זאָל נישט שטיין ווי אַ „גולם״ און זיך נישט לאָזן באַ׳גנב׳ענען און לויפט אָפּ מיט די פיש אין ביידע הענט. דאַן ערשט לעבט יונה אויף און באַקומט צוריק מוט. ער פאַרוויכערט זיך דאָס פייקעלע און גיט אַ וויש מיט אַן אַרבל איבער דער נאָז און נעמט זיך צום פאַרקויפן.

נאָר איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד און זאָל עס נישט הייסן אויסגערעדט, אַז איך זאָג נאָר אַזוי „פאַרקויפן״. כאָטש יונה איז נאָך פון דער אַלטער וועלט, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ פעסטער כלל: „ריבי פיש — געלד אויפ׳ן טיש״. די ווייבער אָבער, זיי האָבן געבערענגט יונה׳ן דערצו, ער זאָל מוזן איינפירן דעם פאַרשאָלטענעם קרעדיט־סיסטעם. זעלטן זעט ער אַ מזומנ׳עם גראָשן און שפּעטער, אַז מען גיט נישט אָפּ, איז אויך פאַרפאַלן. יונה פירט אפילו אַ „צעטל״ און אַז

ער געדענקט, שרייבט ער אויף, ווייל אַזוי איז דאָך מעשה־סוחר. אָבער ער אַליין זאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט דעם שכל דערפון, אַז מאַנען מאָנט ער כיי־ווי־סיי נישט קיינעם... אַזאַ כלל האָט יונה. — נישט דערלעבן וועט מען, איך זאָל מאָנען — זאָגט יונה — ערשטנס, ווען האָט ער צייט דערצו? אַ פאַריאָגטער מענטש... צווייטנס טאַקע — צו וואָס? האָט מען, וועט מען דאָך אַליין אָפּגעבן און ווידער אויב נישט, צו וואָס מאָנען? איז ווידער אַ יידענע, וואָס וויל נישט אָפּגעבן, זאָל זי עס נעמען אויף דער נשמה, אַבי שאַ שטיל, אָן ליאַרם. נעכע האָט זיך אים שוין גוט איינגעגעסן מיט די געוואַלדן, אַז יונה אַנטלויפט פאַר אַ געוואַלד ווי ווייט... זאָל נאָר נעכע נישט געוואָר ווערן, ווער ס'איז שולדיק און נישט באַלד אַהינלויפן מיט אַ געשריי. אַ גליק נאָך וואָס נעכע קאָן נישט לייענען דעם „צעטל", איז זיך יונה מחיה.

הכלל, דער מסחר הויבט זיך אָן...

עס מאַכט זיך אַרום יונה'ן אַ געדרענגעניש און אַ דריקעניש. אַ געשריי אַ געפּילדער, אַז יונה ווערט גאָר צעמישט און פאַרלירט זיך אינגאַנצן. פאַר־מעלטע ווייבער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, און צעשויבערטע יידן שלעפּן און ציפּן יונה'ן פאַר אַלע זייטן, אַז כאָטש גיי צערייס זיך און מאַך אויס זיך צען... ברײנדעלע אַ ברייטע יידענע מיט פאַרבונדענע ציין, נישטערט אין וואַסער און ציט אַרויס אַ שווערן, צאַפּלדיקן פיש, זי גיט יונה'ן אַ צופּ פאַרן ראָק:

— יונה וויפיל קאָסט דער פיש? —

יונה נעמט אַרויס דאָס פּיקעלע פון מויל, טוט אַ שפּיי אין דער זייט, רייבט זיך דעם שטערן און נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת זאָגט ער: — אַכצן זעקסערלעך. — (יונה קען זיך נישט אָפּגעווינען פונם אַלטן לשון).

— אַ סך! — זאָגט ברײנדעלע — כ'על דיר געבן פופצן, קום דאָרט אַריין! — און פאַרשווינדט.

פעסל נעמט אַ קלענער פישל, — און דאָס וויפיל?

— דאָס — וועגט עס יונה אין דער האַנט — דאָס קאָסט צוויי גילדן.

— ביסט אַ תם, יונה! ברײנדעלעס איז דאָך טאָפּלט גרעסער און זי גיט נאָר פופצן? — פרעגט זי יונה'ן אַ האַרבע קשיה. ווערט שוין יונה בייז. ער כאַפּט אַרויס דאָס פישל פון פעסלען, וואַרפט ער צוריק אַריין אין דער וויאַדרע. — אַזוי געפעלט מיר און ערלעדיקט. ר'האָט די ברירה!

פעסל אָבער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. משמעות זי קען שוין יונה'ן, זי נעמט פּאַמעלעך אַרויס דאָס פישל, נישטערט אין וואַסער און נעמט נאָך אַ קליינס. — נו און איצט?

— לאָז שוין זיין דרייצן זעקסערלעך און ערלעדיקט — (יונה האָט זיך ליב צו באַנוצן מיט דעם וואָרט).

— נו גוט, שרייב דאָרט אויף. —

יונה ציט אַרויס פון דער כאַלעווע אַ שטיק פּאַק־פּאַפּיר, לעקט אָפּ מיט דער צונג די בליי און „שרייבט" אויף.

ציפּה משה׳ס, אַ יידענע מיט אַ ברייט פּנים, מיט בראָעווקעס און פּאַרבלוטיקטע אויגן. זי רעדט מיט אַ הייזעריק, וויינענדיק קול און שמועסט מיט גאָט. נאָר צו די אַלע גוטע זאַכן האָט זי „לאַנגע הענט" אין דאָפּלטן זין: זי קען אויך עפּעס צו־לקח׳ענען פון אונטער דער האַנט, אויב איר פּאַרקוקט אייך נאָר, און זי קען אייך אויך דערלאַנגען איבער דער באַק... פּונקט אין גרעסטן האַרמידער, ווען דער מסחר איז אין רעכטן ברען קומט ציפּה אויף „האַנדלען". זי נעמט אַ פישל און פרעגט מיט אַ ציטערדיקן קול אַ פּרייז, יונה זאָגט איר.

— רבונו־של־עולם! — קרעכצט זי — יונה׳לע. וואָס זאָגסטו עפּעס אַזוי פיל? כ׳וועל דיר געבן פערציק!

וויל יונה אפילו נישט הערן. — ניין איז ניין — שטופּט זי זיך מיט דער ברייטער שאַל צו פעסט צו דער וויאַדרע, בויגט זיך איבער איר און „זוכט" אַן אַנדער פישל... די פּאַרבלוטיקטע אויגן קריכן אַרויס, די נאָז־פליגלען פלאַטערן... און שוין... זי איז פאַרטיק... — נו יונה, ווילסט טאַקע נישט? — וויינט זי שיעור און נישט וואָרטנדיק אפילו אויף קיין תשובה, דרייט זי זיך אָוועק מיט צוויי פיש אונטערן פאַרטוך, און די וואָלטן זיכער געווען פאַרפאַלן ווען נישט אַ גוטער מלאך אין געשטאַלט פון בערלען.

בערל, דער „שפּיצל" אָדער „ליגנער", ווי מען רופט אים אינם שטעטל איז אַ געזונטער ייד. הויך ווי אַ דראָנג, מיט אַ רויטן קאַרק און אַ באַוואַקסענער באָרד. ער גייט אין אַ היטל גרין ווי מאָך און טראָגט אַ „בעקעשע" מיט אַ „קרוין". דאָס איז אַ מענטש מיט אַ גרינגן קאָפּ. די קינדער זענען זיך צעפּאָרן אויף שבעה ימים און שיקן געלט, פאַרנעמט ער זיך מיט שטאָטישע געשעפטן. ער ווייסט געַנוי, ווער עס עסט סירכה־פלייש, ווער עס גיט נישט דעם רב קיין חנוכה־געלט, וועמענס מיידן טאַנצן מיט יונגען, ווער עס גייט נעבעך אויס פון הונגער. ווען עס איז מאַרק־טאָג אין שטעטל דרייט ער זיך אַרום מיט אַ דאַרן ווערבע־שטעקן און גיט אַכטונג, מען זאָל נישט מאַכן קיין יקרות אויף ציבעלעס, גענז וכדומה.

אַזאַ מענטש איז שוין דאָס. ער שטעקט אייך איבעראַל אַריין די נאָז און ווייסט וואָס אין יעדן טעפּל קאָכט זיך. און ווייסט ער אפילו נישט אויף גענוי,

איז אויך נישט קיין בייז. דאָס איבעריקע איז ער זיך משער. ער באַקט אייך אָפּ אַ ליגנטל, אַזוי נישט מיר — נישט דיר, גאָר פּשוט לשם מצוה... אַ טבע אַזאַ...

דאַנערשטיק, ווען יונה קומט אין מאַרק אַריין מיט די פיש, גייט זיך בערל אויך אַרויס, אַזוי זיך, אויך אַ פישל קויפן, נאָר ער איילט זיך נישט. ער האָט צייט. ער גיט דערוויל אַכטונג, יונה זאָל נישט פאַרגעסן ווענען אויפצושרייבן, און מ׳זאָל אים אין טומל נישט ווער באַ׳גנב׳ענען. און אָט שטייט ער מיט איין האַנט אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, מיט דער אַנדערער „פּאַד באָקום״, פאַרבייסט די ליפּן און קוקט זיך צו צו ציפּה משה׳ס „מאַכאַרייקעס״.

— אוי, יונה, ווענדעט זיך צו אים בערל, וואו האָסטו די אויגן?! ציפּה משה׳ס גייט דאָך דיר אַוועק מיט צוויי פיש!

— וואָס זאָגט איר עפּעס, רב בערל — פּרובט ציפּה מיט תחנונים — טאַטע אין הימל! אַזאַ שם אויף אַ יידישער טאָכטער...!

— כ׳האָב אַליין געזען — שרייט שוין בערל. —

— ביזט אַליין אַ גנב, אַ ליגנער, גיי צו דיינע קינדער די רויבערס — ענדערט שוין ציפּה דעם טאָן און גייט איבער אויף „דו״.

— דו שיקסע, דו גנב׳טע!

אינדעם קומט צו לויפן נעכע, פאַרשוויצט, פאַריאַכמערט און כאַפּנדיק זיך וואָס דאָ גייט פאָר, מאַכט זי נישט קיין לאַנגע שהיות און נעמט זיך בדק׳נען ציפּעס פאַרטוך...

— דו גנב׳טע, דו רויבער׳ן!... דו שיקסע, דו הולטייקע! און אַזוי אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ביידע ווייבער קוקן זיך אָן ווי צוויי העגער און שוין קריכט מען זיך אין די קעפּ און באַלד וואַלגערט מען זיך אויף דער ערד...

דאָ ווערט יונה אַ רודף־שלום — פע, חולשי־חלשות... אַ חרפּה, שלאָגן זיך, ווי די ציגיינער. — און נעמט זיך די קעמפנדיקע ווייבער צו צעשיידן. — שולדיק איז נאָר בערל, ער שטייט ווי אַ „לעמעד״.

— אַ בראָך איז דאָס נעבעך צו מיינע יאָרן, — נעמט זיך נעכע צו יונה׳ן — דו נאַרישע „קוואָקע״, דו קלאָץ מיט אויגן, אַ רוח דיר אין די געדערם, גנב׳טעס, דערשטיקט זאָלן זיי ווערן, מיט מיין פּראַצע נעבעך! און כאַפּט צוויי פיש אין ביידע הענט און אַנטלויפט.

פּאַמעלעך ווערן די פיש פאַרקויפט. עולם צעגייט זיך. צוויי איינזאַמע פישלעך בלייבן נאָך צוריק. יונה וואַרט נאָך אויף אַ קונה, ער זאָל זיי פאַרקויפן בחצי־חנם. ער וויקלט דער ווייל איין דאָס „צעטל״ און פאַרשטעקט עס אין

די כאַלעוועס. חברה קליינוואַרג שאַרט זיך צו און קוויקט זיך, שעפּט נחת פון די פישלעך, ווי זיי פּלוסקען זיך, מאַכן „קאָושעלקעס״. אויך יונה האָט הנאה. נאָר ווען וויסע חברה ווערט שוין צופיל חוצפּה׳דיק, שעפּט יונה אָפּ אַ פּולע האַנט וואַסער און באַשפּריצט זיי. — נאַט אייך קינדערלעך פיש־יויך. — קליינוואַרק צעלויפט זיך און יונה כיכעט אונטער אויף זיין וויבעריש קול׳כל.

נעכע קומט צו לויפן, שעלט אויף דער גאַנצער וועלט, כאַפּט די וויאַדרעס, גיסט זיי אויס מיט אַ פליוסק, יונה נעמט די קוישן, הענעכל נעמט זיך קייקלען דעם קאַסטן און מיט אַ געקלינגעריי, אַ געקלאַפּעריי פאַרלאָזן זיי דעם מאַרק.

יזכור־בוך

קארטשין

צווייטער טייל

זכרונות, איבערלעבונגען און שילדערונגען

◆

פון

משה צוקער

און אַנדערע

משה צוקער

דער פּרעזידענט פון קאָרטשינער רעליעף־קאָמיטע

משה צוקער איז געבוירן מיט אַן ערך פון מער ווי 70 יאָר צוריק עמו״ש, אין קאָרטשין. זיין פאָטער האָט געהייסן יידל און זיין מוטער רייזל.

אין יענע צייטן האָט מען אין קאָרטשין נאָך נישט גערופן אַ מאַן, אָדער פרוי ביים פאַמיליע־נאָמען, נאָר ביים ערשטן, יידישן נאָמען. — האָט מען זיין מוטער גערופן — רייזל ידעלעס און אים משה׳ן: משה, רייזל־יידעלעס.

משה איז גאָר יונג אַ יתום געוואָרן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, אינגאַנצן 3 יאָר אַלט. משה איז געווען דער דריטער פון די 4 יתומים.

משה איז פון דער השגחה באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ טאַלאַנט צו קונסט. נאָך זייענדיק גאָר יונג, ביי אַ 10 יאָר אַלט, האָט ער שוין געקינצלט און געשאַפן זאַכן פאַר הויז באַפּוצונגען, פענער פאַר חדר־יינגלעך אויף שמחת־תורה, דריידלעך פאַר חנוכה, מאַסקעס פאַר פּורים א. ז. וו. און פאַרדינט דערביי אויף זיינע יינגלשע הצטרכות׳ן: קויפן זיך אַ גמרא, אַ ספר, לשון־קודש׳דיקע מעשה־ביכלעך, וואָס דאַרויף האָט אים זיין מוטער נישט געקענט געבן, און דערמיט פאַרלייכטערט זיין מוטער׳ס שווערן עול.

אין קאָרטשינער בית המדרש איז געווען אַ „שויתי״, געשאַפן פון משה׳ן, אין זיין קינדהייט — קוים 14 יאָר אַלט געווען — און היימישע מבינים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ קונסטווערק.

די אָרעמקייט אין זיין מוטערס הויז צווינגט אים צו פאַרלאָזן קאָרטשין אַלט זייענדיק 16 יאָר.

דעם מאמר: הזהרו בבני עניים כי מהם תצא תורה, מעג מען מיט זיכערקייט אויף אים אָנווייזן. ווען משה וואָלט געווען באַקומען אַ געהעריקע שטודיום און בילדונג וואָלט ער, אפשר, געווען אויסגעוואַקסן אַ וויכטיקער קינסטלער, אָדער שרייבער. זיין נטיה איז אויף בידע געביטן.

היינט איז משה אַ קונסטמאַלער און דאָס איז זיין באַרוף.

חוץ דעם יידישן חדר האָט משה קיין שום אַנדערע בילדונג נישט געהאַט. עפּעס זינגט פון אים שירה, אַמאָל אין זיין מאָלן און מאַנכעס מאָל אין זיין שרייבן — די אָרעמקייט אין זיין יוגנט האָט גורם געווען, אַז זיין טאַלאַנט האָט זיך נישט אַנטוויקלט און פאַרלוירן געגאַנגען.

מיט משה צוקער האָב איך זיך באַקענט אין 1949, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקאַ. ביז דער צייט האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען.

טראָצדעם וואָס ער האָט פאַרלאָזט קאָרטשין נאָך מיט אַן ערך 60 יאָר צוריק, דענקט ער און טראַכט אַ סך פון שטעטל. — דער גורל האָט צוגעשפּילט, אַז משה צוקער איז אויך אַ שרייבער (נישט אַלס פּראָפעסיע) און ס׳האָט אים אָנגערעגט אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך פון קאָרטשין.

תמיד ריידט ער פונ׳ם שטעטל, פון זיין יידיש־מאָראַלישן און עטישן לעבן. ער האָט אַ געוואַלדיקן סענטימענט און נאָסטאַלגיע פאַר דעם שטעטל.

דער קאָרטשינער שארית הפּליטה איז צומאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק צו שאַפן אַ יזכור־בוך פאַר קאָרטשין. און ווען משה צוקער איז געקומען מיט אַזאַ געדאַנק האָט מען אים מבטל געווען און איגנאָרירט. אָבער ער, משה, איז נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט געוועקט און געמאָנט צו שאַפן אַ זכר פאַר דער אומגעקומענער קהלה. ער האָט אינספּירירט און געפונען מענטשן צו באַטייליקן זיך און שאַפן דעם ספר. — ער איז עס וואָס האָט געגעבן די שטויס־קראַפט.

אויך איך בין מודה, אַז נאָר צוליב אים, משה׳ן, האָב איך זיך באַטייליקט אין שאַפן דעם יזכור־בוך. ער האָט מיך פּשוט נישט אָפּגעלאָזט און מיך אַרויס־געריסן פון גלייכגילטיקייט.

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

געשטאַלטן און טיפּן

אין דעם טייל וועל איך געבן בילדער פון מאַנכע מענטשן פון אונזער שטעטל, לויט ווי ס'איז מיר איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון.

איך בעט אַלע לייענער, לאַנדסלייט ,נישט צו וועלן זוכן קריטיק, בנוגע די שילדערונגען פון די געשטאַלטן, וואָס ווערן דאָ באַשריבן, אָדער האָבן טענות, פאַרוואָס די יאָ פאַרצייכנט און אַנדערע אויסגעלאָזט.


איך האָב זיך באַמיט, לויט מיינע כוחות, צו געבן אַן אָביעקטיוו און ערלעך בילד פון די וועלכע איך געדענק פון מיין יוגנט (מיט 60 יאָר צוריק), נישט חלילה מזלזל, אָדער פוגע בכבוד, זיין עמיצן. אויב אָבער וועלכעס בילד, פון וועלכן מענטש איך באַשרייב, איז נישט געלונגען, ס'האָט דעפעקטן, און וויכטיקע געשטאַלטן פעלן דאָ, דאַרפן די לאַנדסלייט קודם כל באַשולדיקן זיך אַליין, פאַר — שטיק פונדערוויטענס, אין אַ זיט, נישט נעמענדיק קיין אָנטייל אין דער אַרבעט און — קאַלטער, גלייכגילטיקער באַציאונג צום יזכור בוך.

משה צוקער

משה צוקער

געשטאַלטן און טיפּן

ר׳ וואָלף ראַפּאַפּאָרט


משה צוקער

ר׳ וועלע ראַפּאַפּאָרט איז, אין זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן, געווען פאַרמעגלעך, ער האָט געהאַט אַן איי־גענע פּאָסעסיע, אין אַ דאָרף נאָענט צו קאָרטשין — און איז געווען היבש אָנגעזען. ער האָט כמעט געפירט אַ פּריציש לעבן. ער האָט געהאַט 3 טעכטער און איין זון, פישאלע. אין די לעצטע יאָרן, ווען ר׳ וועלע האָט שוין נישט געלעבט (ער איז אַלט געווען איבער 100 יאָר ווען ער איז גע־שטאָרבן) און פישאלע איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, אַן עובר־ובטל, האָט מען נאָכדערציילט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן, פישאלעס, האָט ער אין זיין טאַטנס פאָלוואַרק געריטן אויף אַ פערד. דאָס איז געווען נישט קיין גוטער שבח פאַר אַ קאָרטשינער יידן, וואָס האָט בלויז געוואוסט פון פרומער בטלנות, נישט צו רייטן אויף אַ פערד — מעשה גוי!

די טעכטער האָבן געהייסן: פּעסל, פרומעט און מינדעל.

ר׳ וועלע האָט געשטאַמט פון ש״ך, איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, בעל גמילת חסדים, אַ ירא שמים און אַ רימאַנאָווער חסיד.

ער האָט געהאַט דריי איידימס פון יחוס און תורה: ר׳ לייביש האַלפּערן, ר׳ שלמה גימפּל וואַסערשטראָם און ר׳ משה ראָטענבערג.

ר׳ לייביש האַלפּערן ז״ל

ר׳ לייביש האַלפּערן, אַחוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ בן־תורה, האָט ער אויך געהאַט אַן איגענעם יחוס: ער האָט געשטאַמט פונם „פּני־יהושע", פונם לעמבערגער רב, וואָס איעדער ייד, אַ למדן, ווייסט גוט דעם יחוס.

פון שפּעטערדיקע יאָרן, פון ווען איך געדענק ר׳׳ לייביש׳ן אַלס זקן, איז ביי מיר געבליבן אין זכרון, ווי ער פלעגט קומען צו מנחה־ומעריב אין בית המדרש, פלעגט ער פאַרן — און נאָכן דאַוונען אַריינקוקן אין משניות, און אַלע זיינע אויסגעפאַלענע האָר פון דער באָרד האָבן דאָרט, צווישן די בלעטלעך, וואו ער האָט געלערנט, געפונען זייער רו. — דאָס זיינען געווען זיינע עדות, אַז ער האָט נישט מבטל געווען קיין צייט מיט דברים בטלים.

ביי זיך אין דער היים אָבער האָט ער, אין זיין פרייער צייט, געלערנט גמרא. — אַלע פאָר יאָר, פאַר פסח, פלעגט ער צוזאַמענרופן אַן עולם, געפּראַוועט אַ סעודה, ווען ער האָט געמאַכט אַ סיום אויף „ש״ס".

זיין עלצטער זון, ר׳ הערץ האַלפּערן, איז אויך געווען אַ בן־תורה.

זיינע אַנדערע צוויי זין, יונה און יהושע, זיינען שוין קיין למדנים נישט געווען. ס׳קען זיין אַז די שווערע פּרנסה פון זייער טאַטן האָט אויף זיי געווירקט, זיך נישט מתעסק צו זיין מיט אַ ספר. מיר קענען זיך אין דעם פּלאָנטער נישט אַריינלאָזן.

ר׳ הערצענס קינדער האָבן אויך דורך, דעם יאָך פון זייער טאַטן, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו ווערן למדנים. דאַקעגן מאַנכע איניקלעך, פון דער פאַרצווייגטער משפּחה, וואָס זיינען, צום גליק, אַרויס פון היטלער׳ס, ימש״ו, קאַלכאויוון, און זיינען צעשפּרייט אין אַמעריקא און אין ישראל, רופט זיך ביי זיי אָפּ דער גע׳׳ירש׳נטער יחוס, און זיינען זיך מתדבק אין דער תורה.

ר׳ שלמה גימפּל וואַסערשטראָם ז״ל

ר׳ שלמה גימפּעל איז געווען אַ קליין־געוויקסענער, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אָבער דער אָרעמסטער צווישן די דריי אײדעמס פון ר׳ וועלע. קיין אייגן הויז (אַזוי ווי די אַנדערע אײדעמס) האָט ער נישט פאַרמאָגט. ער האָט געוואוינט ביי מענדעל שרויט אין זיין הויף, זיין האַנדל איז געווען אויפקויפן גרישע פּוטער

אויפן מאַרק (דאָסזעלביקע איז אויך געווען ר׳ לייביש האַלפּערנס און זיין זונס הערצענס פּרנסה — מ׳שטיינס געזאָגט) און קיין גביר דערפון איז ער נישט געוואָרן.

ר׳ שלמה גימפּעל האָט געהאַט פיר זין: שמשון, הערשל, מאיר און יוסף; און פיר טעכטער: באַשע, פריידע, פייגע (איטשע וואַסערשטראָמ׳ס מאַמע) און הינדע.

איניקלעך — מיט אור איניקלעך, כן ירבו — זיינען געבליבן פון ר׳ שלמה גימפּל, וועלכע געפינען זיך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

פון ווען איך געדענק האָט שוין ר׳ שלמה גימפּעל געהאַט אַלע זיינע קינדער אויסגעגעבן, אַחוץ דעם מוזשיניק, יאָסאלע, וואָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר. יאָסאלע איז אַלעמאָל געגאַנגען ציכטיק אָנגעטאָן, געהאַט אַ געפּרעסטן קאָלנער מיט אַ שניפּס, און איז געווען דער איינציקער אין שטעטל וואָס האָט געקענט אַ גוטן פּויליש. — אַזוי האָט מען געשמועסט. ר׳האָט אויף זיך געהאַט אַן אַדוואָקאַטישן קאָפּ. — פון זיין „פּוילישקייט" איז קאָרטשין פון אים נישט נתפּעל געוואָרן, אָבער אַלס ר׳ שלמה גימפּעלס זון איז ער גערעכנט געוואָרן צווישן די באַלעבאַטישע מענטשן.

ר׳ שלמה גימפּעל איז געווען אַ צוריקגעצויגענער מענטש. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גע׳קהל׳ט, אָבער ער איז געווען מלא־וגדש אין תורה. ווען דער רב האָט געהאַט אַ סכסוך אין אַ דין־תורה אויסצוגלייכן, וואו מ׳האָט באַדאַרפט אַ בית־דין, האָט ער אים מצרף געווען. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט אין דער עפנטלעכקייט דעמאָנסטרירט זיין לומדות. ער האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן באַשיידן, אַזוי ווי אַן „עין־יעקב־ייד", טראָצדעם וואָס ער האָט זיך געקענט טיף גריבלען אין ש״ס און פּוסקים.

אַ זכרון האָט ר׳ שלמה גימפּעל געהאַט אַ געוואַלטיקן. ווען זיין אייניקל פלעגט, נאָך דער שבת׳דיקער סעודה, קומען צו אים זיך פאַרהערן אַ בלאַט גמרא, האָט ער פון אויסנווייניק אים אויסגעבעסערט און דערקלערט אים דעם ענין ווען וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט געקענט ש״ס און פּוסקים פון אויסווייניק.

אָבער ער האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אויף אַ שטילן וועג, אָן רעש און אָן טומל — וואָס מ׳האָט גראָד אינם שטעטל געשעצט. יהי זכרו ברוך.

ר' משה ראָטענבערג ז"ל

ר' משה ראָטענבערג, דער דריטער אידעם ר' וועלעס איז געווען מער אָנזעעוודיק אינם שטעטל אַלס עושר.

דער נאָמען ראָטענבערג איז אַ יחוסדיקער, וואָס האָט פאַרדינט צו ווערן וועלעס אידעם און דערביי האָט ער געהאַט הצלחה אין פרנסה.

ער האָט זיך גערעכנט צווישן די גרויסע נגידים אינם שטעטל. האָט גע'מסחר'ט מיט קאָרטשינער לייוונט און געהאַט אַ גאַרבאַרניע. — יונה דער צווייטער זון, ר' לייבוש'נס, האָט געצויגן זיין חיונה ביי ר'' משה ראָטענבערג אין דער גאַרבאַרניע.

ר' משה ראָטענבערג האָט געהאַט 6 זין און 3 טעכטער — אַ היבשע פאַמיליע צו באַזאָרגן. ער, ר' משה און זיין משפחה, זיינען אַלע געגאַנגען ציכטיק אָנגעטאָן, נישט פאַר'בטלנ'ט, נישט פאַרשמאָדעט, פאַר וועלכן מ'האָט באַדאַרפט האָבן אַ פאַרמעגן.

ווען ער האָט שוין געהאַט זיינע טעכטער אויסגעגעבן און פלעגט מיט זיינע קינדער און אידעמס גיין, שבת און יום־טוב, אין בית המדרש דאַווענען, האָט ער אַליין צוגעשטעלט אַ מנין, וואָס אַלע האָבן געמוזט באַמערקן. — ר' משה איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פנים; די קינדער זיינען געווען שיינע; טעכטער יפת־תואר'ס: איינע פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אברהם'לע ניימאַן, אַ יונגערמאַן פון אַן אַנדער שטעטל. ער האָט געקענט לערנען און איז געווען אַ גוטער בעל־מנגן. — זיין דאַווענען, שבת און יום־טוב, פאַרן עמוד, איז געווען אַ דערהויבונג פאַר דער נשמה. זיינע צוויי מעלות — דאָס לערנען און זינגען — האָט פאַרבלאַסט דעם קאָנטראַסט פון שיינקייט צווישן אים און זיין ווייב. ווי עס זעט אויס האָט אַ קאָרטשינער מיידל אין יענער צייט געוואוסט אָפּצושאַצן לערנען און טאַלאַנט, כאָטש ס'איז אַ סברה, צי זי האָט אינגאַנצן געהאַט אַ דעה דערין. עלטערן זיינען נאָך דאַמאָלס געווען די־יעניקע וואָס האָבן באַשטימט אַ שידוך פאַר זייערע קינדער.

איינער פון ר' משה ראָטענבערגס זין, לייבוש, איז געווען באַקאַנט אַלס גוטער לערנער פון ש"ס און פוסקים..

פון די לעבנגעבליבענע, פון דער גרויסער משפחה, געפינט זיך ישראל ראָטענבערג אין דער שוויץ, און צוויי אייניקלעך, יאנקעל און משה פריי, אין לאָנדאָן, די זין פון ר' שאול פריי, ר' משה'ס אידעם.

אהרן אטלס־בעער
ירושלים
נכד להר׳ הירץ האלפרן ז״ל

ר׳ נפתלי הירץ האַלפערן ז״ל

ר׳ הירץ הלפרין ז״ל נתחבב על מכיריו בנועם הליכותיו, בישרת דרכו בין אדם לחברו, וביחוד בהתנהגותו בדברים שבין אדם להקב״ה, כי ירא וחרד לדבר ד׳ היה האיש הזה. זכה וגמר את הש״ס ששה פעמים. בקיצור, תורה, דעת, חכמה, חסידות, מעשי צדקה, הכל היה בכרך אחד, ושמו של הכרך הזה הוא מו״ה הירץ הלפרין ז״ל בנו של הרה״ח ירא שמים ומופלג בתורה ה״ה מוהר״ר ר׳ אריה ליביש האַלפערן ז״ל והוא הי׳ ׳חתנו של הרה״ח זאב רפפורט ז״ל והם שלשלת הזהב מעירית קורצ׳ין, והם בנו משפחות רבות בישראל.

הוא אמנם זכה למות בנשיקת מות טבעית, כל העיירה הלכו בהלויתו, והובא לקבורת ישראל. בתו הבכורה, זאת אמי ע״ה האשה החשובה מרת טובה יוכבד הי״ד. אביה נתן לה את החנוך החרדי הוא גדל וחנך אותה לאשת חיל מי ימצא — אשה יראת ד׳, וכאשר עברה לגור לאחרי החתונה לעיירת יאשלוסק כל העיירה הצביעו עלי׳ כבתו של הרה״ה ר׳ הירץ ז״ל. ראו במעשיה כאשה צדקנית, והיא נהרגה על קדוש השם. אלה הם שני דורות האחרונים של קאָרצ׳ין ואשר מאתם עלינו ללמוד להמשיך את שרשרת הזהב. אמנם נר ישראל כבה, אבל עלינו להדליק שוב, ולא בכתיבת מאמר, או שנעמיד אותם בתוך מסגרת שחורה היא היא תתן את ההנצחה המקורית של עיירת קורצ׳ין. אמנם כותבים אנו ספר זכרון לזכר קדושינו הי״ד, אנו מעלים כאן את נשמותיהם אבל יחד עם זה עלינו לא לשכוח את נשמותינו אנו, עלינו לעשות דין וחשבון ולהתרכז ולהתבונן מה זכותנו שנשארנו בחיים ועי״כ נבין מה ביטוי להנצחת זכרם עלינו לתת הביטוי הנכון ביותר הוא שעלינו להמשיך באותם הדרכים אשר הם הקדושים הלכו, עלינו לחנך את ילדינו בדרך התורה, להשריש בילדינו יהדות כדי שישארו יהודים אמיתיים, ושימלא ואת החלל הריק אשר הרוצחים הגרמניים ימ״ש, הריקו וזאת תהי׳ ההנצחה האמתית.

יתגדל ויתקדש שמי׳ רבה... ד׳ ינקום את נקמת דמם השפוך ונקם ישיב לצריו.

משה צוקער
דורך מרדכי שיף

ר׳ נפתלי ראַב

ר׳ נפתלי ראַב איז געווען אי אַ גביר, אַ נגיד, און אי אַ בן־תורה. דער הויפּט יחוס זיינער איז אָבער געווען אַלס באַוואוסטער בעל־צדקה. ער האָט געגעבן אָפן, וואו און פאַר וועמען מ׳האָט באַדאַרפט, און אויך בסתר. קיין גרעסערע מעלה, אין אַזאַ שטעטל ווי קאַרטשין, האָט זיך קיינער נישט געקענט ווינטשן.

ר׳ נפתלי ראַב׳ס פּרנסה איז געווען: האַנדל מיט לייוונט.

קאַרטשין איז געווען באַוואוסט אַלס פּלאַץ פון גוטע, שטאַרקע לייוונט־פּראָדוקציע און אַ סך האָבן זיך מיט דעם מסחר אָפּגעגעבן. ר׳ נפתלי איז געווען דער גרעסטער פון זיי. ער האָט געהאַט אַ שטאָקיגע הויז, אַ גרויסע געביידע, אינם מאַרק־פּלאַץ, וואָס איז געווען געבויט פאַר 5 דירות, פאַר זיך, פאַר זיינע צוויי זין, אליעזר און אברהם׳לע, ווי אויך פאַר זיינע צוויי טעכטער מיט די איידעמס, ר׳ חיים אליהו קויפמאַן און ר׳ חיים דים (גערופן האָט מען אים „ספּאַדיק״ ווייל אויך אינדערוואָכן האָט ער אַזעלכן געטראָגן — זומער און ווינטער). נאָך אַ טאָכטער מיט אַן איידעם, זישע בעק, האָבן געוואוינט אין לעמבערג.

דעם לאַגער, מיטן גאַנצן מסחר, האָט ער אויך געהאַט אינם זעלביקן הויז און דאָס געשעפט געפירט מיט זיינע צוויי זין. — ר׳ חיים דים און ר׳ אליהו קויפמאַן האָבן זיך געהאַט זייערע אייגענע פּרנסות.

ביי די ראַב׳עס איז אַלעמאָל געווען ווי אין אַ בינען־שטאָק: מ׳האָט טאָג־איין, טאָג־אויס געברענגט פּעקלעך סחורה פון דער פּאָסט און געטראָגן צו דער פּאָסט. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט קונדן פון אַלע עקן — אפילו פון אויסלאַנד — וואו מ׳האָט געוואָלט קאַרטשינער סחורה, האָט מען געמוזט נאָכקומען דעם פאַרלאַנג. די קאַרטשינער פויערים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער אויסאַרבייטונג, האָבן נישט געקענט אַזויפיל צושטעלן. האָבן די ראַב׳עס

געהאַט, אַ חוץ דעם, פאַרבינדונגען מיט בעהמישע לייוונט־פאַבריקאַנטן, באַקו־מען סחורה׳ס פון בעהמען באַצייכנט מיט דער פירמע־נאָמען פון די ברידער ראב. אויף דעם אופן האָבן זיי געקענט נאָכקומען די באַשטעלונגען. די פאַברי־קאַנטן האָבן אָבער אויך געמוזט צושטעלן אַ בעסערע קוואַליטעט, אַז ס׳זאָל זיין אין דער קאַטעגאָריע פון דעם באַוואוסטן קאַרטשינער פּראָדוקט. זאָנסט וואָלט געווען אָפּנאַרעריי. אויף אַזאַ סחורה האָט געפעלט די פאַרצייכנונג פון קאַרטשינער אויסאַרבייטונג.

זייער רעפּוטאַציע אַלס לייוונט־סוחרים איז געווען וויט און ברייט — מער ווי אַנדערע אינם שטעטל, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דערזעלביקער פּרנסה.

די ראַב׳עס האָבן געהאַט רייזנדע, סעילס־לייט, וועלכע האָבן פאַרקויפט זייער סחורה וואו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אין דער צייט ווען ר׳ נפתלי האָט נאָך געלעבט, איז געווען איינער פון זיי ר׳ נטע יאָסקאָלעס. ער פלעגט רייזן קיין אונגאַרן; האָט פון קאַרטשין מיטגענומען אַ וואָגן סחורה און דאָרט פאַרקויפט צו זיינע דערוואַרבענע קונים. ווען ס׳האָט אים עפּעס, אויפן וועג, אויסגעפעלט האָט ער געשריבן און עס באַקומען צוגעשיקט. אַוועקפאָרן פלעגט ער באַלד נאָך פּסח און געקומען צוריק אַ פּאָר וואָכן פאַרן צווייטן פּסח. דאַמאָלס האָט ער זיך מיט ר׳ נפתלי צוזאַמענגע׳חשבון׳ט און זיך מתעסק געווען וועגן אַריינברענגען דעם יום־טוב. אַלעמאָל פלעגט אים נעבעך אויספעלן געלד אָבער ר׳ נפתלי האָט אים צוליב דעם נישט באַזייטיקט פון זיין פּרנסה. ר׳איז בלויז געווען פאַרשריבן אויפן צעטל, אַז כך־וכך איז דער חשבון און ווייטער געהאַנדלט.

איינמאָל אַ פּאָר וואָכן פאַרן אַהיימקומען לאָזט ער וויסן ר׳ נפתלי ראב אַז ער האָט אָנגעזעצט (באַנקראָטירט) וועט ער אים דאָסמאָל קיין חשבון נישט צושטעלן. פאַר בושה איז ער נישט אַהיימגעקומען פריער ווי אַלעמאָל, צו האָבן אַ געלעגנהייט צו באַקן מצות, און פאַר אַנדערע הצטרכות׳ן, וואָס מ׳דאַרף אויף יום־טוב, נאָר איז געקומען צו בדיקות־חמץ, אויף דער לעצטער מינוט.

מאָנטאָג, ערב־פּסח, האָט זיך ר׳ נטע מקדים געווען, געגאַנגען צום ערשטן מנין, זיך געשטעלט הינטערן אויוון, אַז קיינער זאָל אים נישט זען, אויך נישט צו טרעפן ר׳ נפתלי פּנים־אל־פּנים.

און, מעשה־שטן, האָט זיך דאַמאָלס ר׳ נפתלי אויך געפעדערט, געגאַנגען צום ערשטן מנין און זיך כלומרשט געמאַכט נישט זעענדיק דעם גאַסט. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו לייענען די פּרשה פון דער וואָך, גייט ר׳ נפתלי לייענען

די תורה (וואָס איז נישט געווען זיך מנהג) און רופט אויף מורינו ר׳ נטע בן מורינו ר׳ יוסף — שלישי. דער גאַסט איז געגאַנגען אַ דערשלאָגענער צום ספר, געמאַכט די ברכה מיט האַרצקלאַפּעניש און ר׳ נפתלי האָט געענדיק לייענען. ווען ר׳ נטע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער צווייטער ברכה, דערלאַנגט אים ר׳ נפתלי אַ האַרציקן שלום־עליכם.

נאָכמיטאָג באַקומט ר׳ נטע יאָסקאלעס צוגעשיקט, ווי אַלע יאָר, פון ר׳ נפתלי׳ן אַ ליטער אונגאַרישן ווין, אַ ליטער שמאַלץ און 6 ערב־פּסח׳דיקע מצות.

חול־המועד שיקט ר׳ נפתלי רופן ר׳ נטע׳ן ער זאָל זיך קומען אָפּרעכנען. קומנדיק צו ר׳ נפתלי פרעגט ר׳ נטע: וואָס הייסט? איך האָב דאָך אָפּגעזוצט! — „וואָס אָפּגעזעצט, ווער אָפּגעזעצט? אָבער פּרנסה דאַרפסטו דאָך! קום רעכן זיך אָפּ וועל איך וויסן וויפיל דו ביזט מיר שולדיק. און נעמ׳זשע ווייטער סחורה און פאָר זיך געזונטערהייט. זאָל זיין מיט מזל״, — האָט ר׳ נפתלי געענדיקט.

ווען דער דזשיקעווער רבי (וועמענס חסיד ר׳ נפתלי איז געווען) פלעגט קומען קיין קאַרטשין אויף אַ שבת, פלעגט ער איינשטיין ביי ר׳ נפתלי ראַב. דאַמאָלס פלעגט דאָס שטעטל זיין כולו יום־טוב. דערשלאָגענע ווייבער און מענער, וואָס האָבן געוואָלט אויסבעטן פּרנסה, האָבן אים באַלאַגערט, און ס׳איז געווען אַ געררודער. צו אַ ליאַדן בעל־הבית וואָלט דער דזשיקעווער רבי נישט געקומען.

ווען ר׳ נפתלי איז קראַנק געוואָרן, פון וועלכן ער איז שפּעטער גע־שטאָרבן, איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען באַזאָרגט. אַלע האָבן געבעטן פאַר אַ רפואה־שלימה. מען האָט געזאָגט תהלים פאַר זיינעטוועגן און די מלמדים האָבן אויך געברענגט זייערע תלמידים זיי זאָלן זאָגן תהילים.

ווען ר׳ נפתלי איז נפטר געוואָרן איז געווען אַ טרויער ביי גרויס און קליין. און די משפחה ראַב האָט פאַרלוירן זייער שיינדל, וואָס האָט זיי געלייכט ווי אַן עמוד־האש. ז״ל.

פון זיין פאַרצווייגטער משפחה געפינען זיך היינט געציילטע אייניקלעך אין ישראל, אין ניו־יאָרק און אין אַנטווערפּן.

ר׳ מענדל שרויט

ר׳ מענדעל שרויט איז געווען אַ ייד אַ גביר. זיין אייזן־געשעפט און זיין דירה איבער דעם, האָט זיך געפינען אין אָנפאַנג מאַרק, אויף דער לינקער זייט פון דער קירכע. די פויערים פון — און אַרום קאָרטשין, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אייזן־באַשלעג פאַר זייערע היימישע באַדערפנישן, האָבן זיי אַלץ געקענט קריגן ביי אים אין געשעפט. אַ גאַנצע וואָך, און ספּעציעל אין אַ מאַרק־טאָג איז ביי אים געווען אַ זשויב. אין מיין צייט איז משה אַקסעלראַד, יהודה הערש׳נס זון, געווען אָנגעשטעלט ביי אים אין געשעפט. משה׳ס עובדה איז מייסטנס געווען איבערצוהאַקן אייזערנע שטאַנגען, בויערן אין זיי לעכער, לויט דער מאָס ווי די קונים האָבן עס באַדאַרפט. פון דעם געקלאַפּ האָט אָפּגעהילכט ווי פון אַ קוזשניע, מיט זיין אייזן־קול.

דאָס אייזנ־געשעפט האָט שוין, אין מיין צייט, ר׳ מענדעל אַליין נישט געפירט, נאָר זיין ווייב חיה׳לע. ער, ר׳ מענדעל, איז דאַמאָלס געווען אַ זקן און האָט שוין, מסתמא, זיך נישט געקענט דערמיט מתעסק זיין.

און אַזוי ווי ר׳ מענדעל איז געווען באַוואוסט אַלס אַ ייד אַ בעל־צדקה, וואָס גיט נדבות מיט אַ ברייטער האַנט, אַזוי איז חיה׳לע, זיין ווייב, געווען באַקאַנט אַלס קאַרגע. אַ ייד אַן אָרימאַן, וואָס האָט געוואוסט דערפון, האָט זיך באַמיט צו זען ר׳ מענדלען — נישט זיין יידענע.

ביי דער פּורים־סעודה, ווען ר׳ מענדעל איז געזעסן ביי זיין גרויסן, רייכן טיש, באַדעקט מיט אַ ווייסן, בלאַנקעדיקן טישטוך, מיט די זילבערנע לייכטער דאַרויף, דאַמאָלס האָט ער „געהערשעוועט" מעשה־מלכות. חיה׳לע האָט יעמאָלט נישט פאַרכאַפּט דאָס געבן מיט קאַרגע נדבות, און האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע — מעשה־נגידות.

הינטערן טישטוך, נעבן זיין זיצפּלאַץ, האָט ר׳ מענדעל געהאַט אויסגע־לייגט זילבערנע מטבעות, האַלבע און גאַנצע גילדנס, און האָט געטיילט לויט זיין איינזען. אַלץ האָט ער געטאָן מיט באַשיידנקייט, נישט אַלע אַרום זאָלן זען וואָס פאַר אַ נדבה ער גיט. בלויז ער אַליין האָט געוואוסט פון וועלכער „קופּקע" ער האָט באַשלאָסן צו געבן — און וויפיל דערפון — אַן אויפגעשטעלטע האַנט.

ווי אַזוי ער האָט זיך נוהג געווען אַ גאַנץ יאָר איז מיר נישט באַקאַנט.
— פורים האָב איך געהאַט די געלעגנהייט עס צו זען און נאָך ביז היינט איז מיר געבליבן אין זכרון זיין אידעלע באַנעמונג לגבי אַזעלכע, וואָס האָבן דערוואַרט פון אים אַ נדבה פאַר זיך אַליין, אָדער פאַר אַנדערע.

מ׳האָט געוואוסט אַז ער איז אויך אַ נותן־בסתר. ס׳איז מאָדנע אַז ווי אַזאַ אײנער ווי ר׳ מענדעל שרויט זאָל זיך נישט וועלן באַהאַלטן, מיט זיין צדקה, מוז עס אַרויסקומען : די ווענט האָבן אויערן, וואָס שושקען עס אַרויס, און ס׳גייט אַריבער פון אײנעם צום צווייטן.

אויף אַזאַ מין אופן האָבן זיך אָרעם און רייך אויסגעמישט און מ׳האָט אַנגעהאַלטן דאָס חשיבות לויט אײנער האָט עס פאַרדינט.

יעדן שבת פאַרן נאַכט האָט ר׳ מענדעל ביי זיך געפּראַוועט שלוש־סעודות. שכנים, און אַזוי גלאַט אַזעלכע, וואָס זיינען געווען להוט פאַר כיבוד, האָבן דערפון נהנה געווען. נאָכן בענטשן האָט מען דאָרט געדאַוונט מעריב און פאַרענדיקט מיט דער הייליקייט פון שבת.

קיין בן־תורה איז ר׳ מענדעל נישט געווען, ער האָט אָבער מקנא געווען אַ ייד, אַ יודע־ספר.

יונגערהייט איז ער געוואָרן אַ יתום און האָט זיך אַליין דערשלאָגן צו אַ פּרנסה, וואָס האָט זיין גאַנצע צייט איינגעשלינגען.

ער האָט זיך אָבער פאַרשאַפט אַן אײדעם, שאול רייך, אַ ייד, אַ יודע־ספר, און אויך זיין זון, פישעלע, האָט ער געזען, אַז ער זאָל זיין אַ לערנער. שאול רייך׳ס ווייב, באַשע ווע‌לקע, איז געווען פון זיין ערשטער ווייב. אַלס אַלמן האָט ער חתונה געהאַט מיט חיה׳לען און מיט איר געהאַט פישאלען. דער בן־יחיד, פישאלע, האָט זיך צו דער אײזן־קראָם נישט צוגערירט. אַזוי ווי אַ הייליקייט האָט ער בלויז עוסק־געווען אין לערנען, ביז נאָך זיין חתונה, ווען ער האָט נאָך אַלץ געגעסן קעסט ביי טאַטע־מאַמע, מיט זיין צוגעקומענער משפחה.

אין יענע יאָרן ווי איך געדענק האָט זיך ר׳ מענדעל אַליין אָפּגעגעבן מיט קאַרטשינער לייוונט־מסחר. אין זיין גרויסער וואוינונג, איבער דעם אײזן־געשעפט איז ער אָנגעגאַנגען דערמיט. ס׳האָט געהייסן אַז יהודה הערש אַקסעל־ראַד, וואָס האָט געוואוינט ביי ר׳ מענדלען אויפן הויף, הינטערן געשעפט, איז

געווען דער וואָס האָט געפירט זיין צווייטן מסחר: געפּאַקט, אַוועקגעשיקט אין דער וועלט אַריין און געפירט די קאָרעספּאָנדענציעס פאַר ר' מענדלען. ס'האָט אויך געהייסן אַז דאָס גאַנצע „זייטיקע" געשעפט איז געווען דערמיט אַז יהודה הערש זאָל האָבן פּרנסה און ר' מענדעל זאָל דערפון קענען געבן צדקה, וואָס חיה'לע האָט דאַרויף נישט געהאַט קיין שליטה.

אַזוי האָט זיך געלעבט אַ ייד וואָס האָט אַליין נישט געקענט אַריינקוקן אין אַ ספר, האָט מקנא געווען אַנדערע וואָס קענען עס יאָ, און מיט זיינע מצוות האָט ער זיך אויסגעקויפט וואָס ס'האָט אים געפעלט אין תורה — אין אַזאַ שטעטל ווי קאָרטשין האָט איינער דעם צווייטן אויסגעלייזט, ממלא־געווען, אויף אַ רעליגיעז־עטישן שטייגער, מיט וואָס מ'האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט.

זכרונם לברכה.

אַביסל נאָכטראַכטעניש

(מיין טאַטן, ע״ה, געווידמעט)

כ׳האָב געהערט (פון װעמען געדענק איך נישט), אַז מיין טאַטע איז געװען אַ חסיד פון ר׳ חיים סאַנדזער, ז״ל. — פאַרװאָס דער פעטער דוד, מיין טאַטנס יונגערער ברודער, איז געװען אַ חסיד פון ר׳ יאָסעלע רימאַנאָװער, ז״ל, און מיין טאַטע אַ סאַנדזער, איז מיר טאָקע קשה.

ס׳איז צו מיר דערגאַנגען, אַז װען דער פעטער דוד האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צו דער מיליטער־קאָמיסיע, אויב ער טויג פאַר קיר״ה (קייזער־ירום־הודו) צו זיין אַ זעלנער, האָט ער זיך געשעדיקט אַן אויג, װאָס איז אים אַזוי געבליבן פאַרן גאַנצן לעבן, און איז דאַדורך באַפרייט געװאָרן פון מלוכה־דינסט, װאָס האָט געמיינט גאַנצע 3 יאָר.

„פראַיעם יאָסלען" איז נישט אָנגעשטאַנען צו האָבן אַן איין־אויגיקן סאָלדאַט, און דער פעטער דוד האָט אים מוחל געװען דעם „יחוס".

דער יונגסטער ברודער דעם טאַטנס, זלמן, איז גאָר עוקר געװען קיין אַמעריקאַ, װען ס׳איז געקומען זיין צייט זיך צו שטעלן נאַקעט פאַר די גויישע „מבינים" — די קאָמיסיע — אַזוי װי ס׳װאָלט זיך געהאַנדלט װעגן אַ בהמה להבדיל אויפן מאַרק — אַלץ פאַר דעם צװעק צו זען אויב מ׳איז ראוי אָנצוטאָן אַ מיליטערישן מונדור, זיך אַרומגאַרטלען מיט אַ באַיאָנעט און האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. און דאָס אַלץ כדי זיך צו שלאָגן מיט אַ „שונא" װאָס מ׳האָט קיינמאָל נישט געזען און מ׳װייסט איבערהויפּט נישט צי איז ער טאָקע װערט דער׳הרג׳עט צו װערן. און נאָך אַלעמען: װער האָט עס געדולט צו אַזעלכע גויישע שפּילערייען?

פאַר אַ ייד איז געװען, אַז מ׳האָט חתונה. און אַז מ׳נעמט אויף זיך אַן עול־פּרנסה, ליגן שוין נישט אַזעלכע נאַרישקייטן אין קאָפּ — װאָס פּאַסט פאַר יינגלעך.

יאָ, אַ ל״ג־בעומר־ביקסל, װאָס קינדער פלעגן זיך מאַכן אַליין און אַרויסגיין מיט חברה קליינװאַרג הינטערן שטאָט און אָנטרעפן אַ „מנין"־בימער, האָט מען באַשלאָסן, אַז מ׳איז אין אַ טיפן װאַלד, און געװאָרן גאַנצע בר־כוכבא׳ס,

געגומען „שיסן" אויף די אָרימע ביימער — אַזוי ווי: פּלשתּים־עליך! אָבער גיין זיך שלאָגן אויף אַן אמת איז נישט פאַר אַ דערוואַקסענעם ייד. ס׳איז נישט זיין ענין.

די פאַנטאַזיע צו שלאָגן זיך לשם־העלדישקייט איז שוין לאַנג אַרויס פונם ידישן געמיט. בלויז מיט ניסים האָבן מיר געלעבט, וואָס דער גורל האָט אונדז צוגעטיילט אַ באַשטימטן ווינקל, צו קענען אָטעמען אין גאָט׳ס וועלטל, און די ידי־עשיו נישט מקנא געווען.

איז, ווי עס זעט אויס, האָבן מיין טאַטנס צוויי יונגערע ברידער באַשלאָסן אויף זייערע שריט מכח דעם ענין סאָלדאַטזשיזנע, נאָך דער דערפאַרונג, וואָס מיין טאַטע, דער עלצטער פון זיי, האָט געהאַט.

איידער מיין טאַטע, ע״ה, האָט זיך באַדאַרפט שטעלן פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע איז ער געפאָרן צום סאַנדזער רבין, ז״ל, צו פועל׳ן דאָרט „אויבן" אַז ער זאָל קריגן אַ „טויג־נישט־צעטל". דער סאַנדזער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף ניסים, האָט ער דעם טאַטן גע׳עצה׳ט, ער זאָל זיך מאַכן פאַר אַ חולה. ווען ס׳וועט קומען די צייט, ווען ער דאַרף זיך שטעלן צו דער קאָמיסיע זאָל ער זיך לייגן אין בעט אַריין. מיט דער הילף פונם אָרטיקן דאָקטאָר זאָל ער זיך אַרומשטעלן מיט מעדיצינען, אַזוי ווי פאַר אַ חולה־מסוכן. — ווען מ׳וועט קומען אויסגעפינען פאַרוואָס יהודה בן ארי׳ הלוי האָט זיך נישט באַוויזן פאַר דער קאָמיסיע, אין זיין באַשטימטן יאָר־עלטער, זאָל מען זען אַז ס׳איז נעבעך נישט זיין שולד.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַ מסור, אַ קאָנקורענט אין מסחר אינם שטעטל, און האָט אָנגעגעבן, אַז דעם טאַטנס קראַנק זיין איז געפעלשעוועט.

ס׳האָט אָנגעמאַכט אַ היבש ביסל צרות, אָבער דער טאַטע איז קיין זעלנער נישט געוואָרן. און דער ייד, דער מסור, האָט זיך פאַרדינט פאַר זיין „טרחה": מ׳האָט אים געלייגט אין חרם אַריין, מיט אַ מטה, מיט שוואַרצע ליכט — „כדת־וכדין" — אַז ס׳איז אים געבליבן אַ שוואַרצער פלעק אויף זיין גאַנץ לעבן.

נאָך אַזאַ געווירבל אינעם שטעטל האָבן די צוויי ייִנגערע ברידער, דעם טאַטנס, געמוזט באַשליסן אויף אַנדערע וועגן, אויסצומיידן דעם טריפה׳נעם קעסל פון דער קאַזאַרמע.

אַחוץ דעם עקל צו טרפה׳ס, צו „בשר־קוויטש", וואָס איז פאַרבאָטן פון דער תורה, און ווערן אַ רוצח מיט כלי־זין אויף אַ פרעמדער „חתונה", האָט עס אַ באַלעבאַטישן בחור אַראָפּגענידעריקט פון דער מדרגה דורכצוגיין דעם נסיון צו זיין אַ זעלנער.

נישט איין ייִדישער יונגערמאַן האָט דורכגעמאַכט אַזאַ סלוזשבע מיט זעלנעריש שוואַרצע ברויט און שוואַרצע קאַווע, פאַרזיסט מיט צוקער, די גאַנצע צייט פון זיינע שווערע מיליטער־פליכטן.

אמת קיין כוחות דערפון האָבן זיי נישט געהאַט, אָבער דער באַוואוסטזיין אַז מ׳האָט אויסגעמיטן עסן חזיר האָט געשטאַרקט.

אפילו אַ נישט פאַרמעגלעכער ייִדישע סאָלדאַט האָט איינמאָל אין וואָך, אין שבת (אויב ער איז געווען פריי פון מיליטער־פליכטן) געהאַט אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ כשר׳ן מאָלצייט. דאָרט וואו די קאַזאַרמעס האָבן זיך געפינען האָבן יידן עס געהאַלטן פאַר אַ מצוה צו נעמען אַ זעלנער אויף שבת. אָבער אַ באַליבאַטישן יונגערמאַן איז נישט לייכט אָנגעקומען צו זיין אַן אורח ביי יענעם. דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט, ווען מ׳האָט זיך דערמאָנט פון דער היים, אַרומ־גערינגלט מיט דער אייגענער משפחה און אונטער די וואַרעמע בליקן פון דער מאַמעס השגחה.

די הויפּט־אורזאַך איז אָבער געווען דער איינשטעל, נאָך דורות דערפאַ־רונג, וואָס האָט זיך געפרעגט: צו וואָס דאַרף מען עס? איז די וועלט אַזוי קליין פאַר אַלעמען, אַז מ׳דאַרף זיך שלאָגן פאַר אַ יעדער „שפאַן ערד״?

דאָס מלכות פון „פראַיעם־יאַסלען״ (עסטרייכישער קייזער) איז טאַקע געווען בעסער צו זיינע יידן, ווי „פאָניע״ פון יענער זייט, איז געווען צו זיינע. און די צוויי הויפּט־שונאים, ווין און פעטערבורג, האָבן אַלעמאָל געהאַט טענות איינער צום צווייטן; גרענעץ־סכסוכים מיט אַנדערע שוואַרץ יאָר, האָבן אויפ־געקאָכט בידנס יוכע און מ׳האָט כסדר געהאַלטן גרייט דעם פינגער אויפן צינגל פון דער ביקס צו שיסן אויף דער צווייטער זייט, און דאָ, אינמיטן דערינען רופט מען יידן אויף ביידע זייטן אַז איינער דעם צווייטן זאָל פשוט הרג׳נען! — דאָס איז שוין איינפאַך נישט צו באַנעמען מיטן ייִדישן מוח.

אָט דאַרפן זיך באַפאַלן טאַטעס פון קינדער, וואָס האָבן זיך קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געזען, האָבן זיך קיינמאָל נישט אָנגעטרעטן אויף די היגערא׳יגן, און דאָ פאַרלאַנגט דער „פאַטריאָטיזם״ (אַזאַ מין וואָס כ׳זאָל נישט וויסן פון קיין בייז), זיך צו באַגעגנען מיטן צווייטן צד ווי העגער, וואָס קענען זיך פריער נישט איינשטעלן ביז איינער פון זיי בלוטיקט צום טויט. — פע: דאָס איז נישט ייִדישלעך!

אפילו דעם גוי (דעם פשוט׳ן) פון יענער זייט האָט מען דאָך גאָרנישט געקענט, אַז מ׳זאָל אים זיין אַ פערזענלעכער שונא. און דעם ייד פונם פיינטלעכן לאַגער האָט מען דאָך אודאי נישט געהאַט קיין אורזאַך שלעכטס צו טאָן, אָבער

דאָ שטעלן זיך אַנטקייגן צווי „פּורים־שפּילער" אין פאַרשידענע מונדורן (וואו אַלע יונים האָבן באַקומען איין פּנים) און מ׳מאַכט זיי גלויבן אַז הימל און ערד, ג. ווייסט וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ברואים דאָרט געפינען זיך אינם צווייטן לאַגער.

נישט איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט, אַז צווי יידן פון בידע זייטן זיינען זיך געקומען פּנים־אל־פּנים מיט די אויסגעשטרעקטע כלי־משחית, און איידער וואָס ווען האָט מען געהערט דעם „שמע־ישראל", דעם יידישן קען־צייכן, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

מ׳האָט העכסטנס נאָכדעם געקענט יוצא־זיין צו ברענגען דעם קרבן צו קבורה און זאָגן קדיש — אַ חסד של אמת.

אָבער ווען דאָס יידישע „פּאַסוואָרט" וואָלט געקומען אין צייט, אָדער גאָר יושר־דיקער נישט אָנצובלאָזן אַ שנאה וואו אַזעלכעס איז נישט פאַראַן — דאָס איז שוין פון דער קרומער וועלט צופיל פאַרלאַנגט.

ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ מיש־מאַש פון גרענעצן אויף ג׳ס וועלטל און מ׳רייסט זיך פאַר די טשופּרינעס פאַר „דיינס" און „מיינס" און דער סוף איז — אַז ביי קיינעם בלייבט עס נישט לעולם־ועד. נו, צו וואָס דער מערדערלעכער שפּיל? — בלויז משיח וועט דאָס אַלץ פאַרענטפערן.

צו דעם באַשלוס זיינען אונזערע טאַטעס און זיידעס געקומען נאָך דורות דערפאַרונג, און זיי האָבן אויך געהאַט רעכט.

* * *

ווען איך האָב געלערנט ביי זאלקאלע מלמד האָט ער אַמאָל געגעבן אַ זאָג, אַז ער איז געווען מיין ברודער לייביש׳נס אַ חבר.

איז די געשיכטע אַזוי:

מיין טאַטע האָט געהאַט מיט זיין ערשטער ווייב 9 קינדער. זיין ווייב מיט אַלע אירע קינדער זיינען געשטאָרבן. דער לעצטער זון זייערער, לייבוש, איז אַלט געווען 28 יאָר ווען דער טאַטע האָט אים, דעם לעצטן, פאַרלוירן. ער איז געווען אַ גראַמטענער, האָט געקענט לערנען און איז אויך געווען פעאיק פאַר צייכנונגען און מאַלעריי. זיינער אַ „מזרח", איינגערעמט אונטער אַ שויב, האָט באַשיינט אונזער שטוב. דאָס וואָס ס׳איז געבליבן פון אים אַלס אָנדענק.

ווען מיין טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען איז ער שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן. מיין מאַמע איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ מיידל. 4 זין האָט זי אים געבוירן. ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן איז דער עלצטער, שלמה, אַלט געווען 6 יאָר און דער יינגסטער, שיע, איז קוים אַלט געווען איין יאָר. חיים

הערש איז געווען דער צווייטער און איך דער דריטער. מיט „קדיש־זאָגער" איז ער געווען באַזאָרגט. וועגן וואָס דען האָט זיך אַ ייד גע'דאגה'ט אין יענע יאָרן? — נו, בין איך איצט מודיע אַז דעם דריטן טאָג חול־המועד סוכות איז זיין יאָרצייט.

כ'האָב אויך געהערט, אַז ווען דער אַלטער קאַרטשינער רב, ר' שמואל אהרן, איז נפטר געוואָרן איז מיין טאַטע געווען פונם צד', אַז ר' שמואל רובין זאָל ווערן זיין ממלא־מקומו — אויף דער עצה פונם סאַנדזער רבי'ן. דער יורש פונם פריריקן רב, ר' מענדל'ע האָט פאַרלוירן אין דער מחלוקה. כ'האָב אַ חשד אַז ס'זיינען אויך דאַמאָלס געפלויגן פעטש „לשם־שמים", וואָס איז די גרעסטע יידישע וואָפען. אויך מיט עליות־סטראַטעגיע האָט מען זיך באַקעמפט — אַזוי ווי אין אַנדערע שטעטלעך אין אַזאַ פאַל. די צייט האָט אָבער אַלץ פאַרווישט.

ר' מענדל'י איז נאָכן דורכפאַל געפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט געוואָרן אַ נשיא פונם כולל ר' מאיר־בעל־נס. איך געדענק, מיט יאָרן שפּעטער (ווען מיין טאַטע האָט שוין נישט געלעבט) איז ר' מענדל'ע געקומען פון ישראל זען זיין מוטער, די אַלטע רבי'צן. זיין באַבלומטע קאַלירטע בעקעשע מיטן ברייטן גאַרטל האָט דערוועקט אַן ארץ־ישראל'דיקע־אָריענטאַלישע מיס־טישקייט וואָס האָט געשאַפן אַ יראת־הכבוד.

דעם שבת ביים לייענען האָט ר' מענדל'ע געקראָגן שישי, מסתמא מיט דער איינשטימיקייט פונם רב, וואָס ער האָט געהאַט אַ חזקה דאַרויף.

* * *

עלטערע יידן האָבן מיין טאַטן גערופן „יידאלע לעמביק" — נישט ווי זיין אָפיציעלער פאַמיליע נאָמען איז געווען: „שנעק". וועלכער פון דיביידע נעמען איז דער ריכטיקער איז מיר נישט באַקאַנט. דעם טאַטנסביידע ברידערס פאַמיליע נעמען זיינען געווען שנעק און זייערע קינדער, עד־היום, רופן זיך אַזוי. כ'וויס אָבער אַז מיין טאַטע האָט געהאַט אַ קאַזין אין דעמביץ וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען לעמביק.

אַזוי האָב איך אויסגעגראָבן אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרצייכנט געוואָרן און גיב עס מיט מיינע ראשי־פרקים אַ שטיקל תיקון.

מיין מאַמע, רייזל יידעל׳עס

(„רייזל, גיטס מיר אַ טרינק!״)



רייזל יידעל׳עס

דאָס דרדקי־חדר, וואָס האָט געהערט צו קהל פון אונזערע שטעטל קאָרטשין, האָט זיך געפינען אין אונ־זער געסל, גלייך אַנטקעגן מיין מאַמעס הויז. אין דעם געסל איז נישט געווען קיין סכנה אַרויסצולאָזן קליינוואַרג זיך אַ שפיל־טאָן, ווייל זעלטן פלעגן דאָרט וועגענער פאַרבייפאָרן. בלויז ווען מיין באַמע און די פאָר שכנים פון אונזער נחלה האָבן געקויפט אַ פורל האָלץ און מ׳האָט עס באַדאַרפט אָפּליינן, האָט זיך דאָרט אַ פרעמדער פערד־און־וואָגן באַוויזן. אין דער זייט פונם חדר, ווייטער־צו, האָט זיך גע־פינען יצחק טרייטיקס אַן אַרומגעצוימט גערטנדל לעבן זיין וואוינונג, וואָס דער אַריינגאַנג דערצו איז געווען אויף דער אַנדערער זייט גאַס; נאָכדעם איז געווען יאָסל שמעיה׳ס שטאַל פאַר זיין פערד און וואָגן; און אויף דער זייט פון מיין מאַמעס הויז האָט זיך געפינען סטעצלס הויז מיט זיין גאָרטן — וואָס דערמיט האָט זיך געענדיקט דער צופאַר פונעם געסל.

יאָסל פלעגט זיין פערד און וואָגן אַרויסנעמען גאַנץ פרי, באַלד נאָכן אָפּדאַווענען שחרית, און צוריקקומען שפעט — כמעט אין דער נאַכט אַריין. דעריבער פלעגן קינדער, ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן לימוד, אָן מורא פאַר אַ מכשול — כסדר דאָרט ראַיען אין דרויסן — ביז ס׳איז ווידער נעקומען די ריי צו קנעלן מיט זיי.

אַ דרדקי־חדר האָט זיך פאַרנומען מיט קינדער אינעם עלטער פון 3 ביז 6־7 יאָר, פון אלף־בית אונטעריכט, טראַף, עברי, ביז צום אָנפאַנג חומש־לערנען. האָבן זיך דעריבער אויסגעמישט קינדער פון פאַרשידענעם עלטער, וואָס די צייט פון רבינ׳ס השגחה אויף זיי האָט זיך געביטן.

אין עלטער פון 4 יאָר און ווייטער זיינען שוין קינדער (יינגלעך) איבערגעגעבן געוואָרן פאַר אַ גאַנצן טאָג אין חדר. מאַמעס פלעגן מיטגעבן עסן פאַר זייערע קינדער פאַר דער צייט, און בלויז געציילטע האָבן צוגעטראָגן אַ וואַרעם מאכל דורכן טאָג צו דערכאַפּן דעם קינדס הערצל. די מערסטע פון די „תורה־לערנער״ האָבן זיך שוין מיט זייער ביסל „חיונה״ אַליין גע־ספּראַוועט ווען זייער מעגאַלע האָט אָנגעפאַנגען צו נאָגן.

דער מלמד האָט געהאַט זיין אויסגעאַרבעטן סדר: ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף יעדן קינד באַזונדער, און אָפּגעשאַצט וועלכעס באַדאַרף מער און וועלכעס ווייניקער אויפמערקזאַמקייט. אַ פּעדאַגאָגישן חוש האָט אַזאַ איינער געמוזט באַזיצן. קיין איין קינד פונעם שטעטל, אָרעם און רייך, האָט נישט פאַרפעלט צו גיין אין חדר.

צוויי מלמדים האָבן זיך דאָרט געפינען. דאָס חדר איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ לאַנגן אָנלענבאַנק, מיט זיצפּלעצער פון ביידע זייטן, וואָס איז געווען אַ צווישנשייד פון ביידע העלפטן. צוויי לאַנגע טישן אויף יעדער זייט פון דער באַנק, אַ חוץ קלענערע טישן מיט בענק צעשטעלט אַרום זיי, האָבן אויסגעפילט דעם גאַנצן חדר. ביי די הויפּטטישן איז יעדער מלמד באַזונדער געווען פאַרנומען מיט זיינע תלמידים, וואָס האָבן, אין דער באַשטימטער צייט, באַקומען זייער אונטעריכט. אויף איינצו׳חזר׳ן דאָס געלערנטע האָבן געניצט די קלענערע טישן, מיט די אַרומגעשטעלטע בענק.

ר׳ גדליה האָפּמייסטער (דאָס איז געווען זיין צונאָמען. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען: דאַווידאָוויטש) האָט געהאַט תלמידים פון דעם מער באַלעבאַטישן עולם, און ברוך מלמד (זיין צווייטן נאָמען ווייס איך ביז היינט נישט) האָט געהאַט זיינע תלמידים פון די מער אָרעמע היימען. קיין אָפענע קאָנקורענץ איז צווישן זיי נישט געווען. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי ווי אַן אָנגענומענע, באַשטימטע זאַך: אַיעדער האָט זיך זיין קוואַל פון חיונה.

זומער, אין די וואַרעמע וועטערן, האָבן קינדער אויך געהאַט אַ צוגעטיילטע צייט, אַחוץ זייער לערנען און עסן, אויך זיך אַ שפּיל צו טאָן

אין דרויסן, לעבן דעם חדר. עס איז אַ קינד קיינמאָל נישט איינגעפאַלן זיך אַריבערצוכאַפּן צו דער מאַמען עפּעס אַ נאַש טאָן. די טרוקענע עסנס, באַשמירט מיט „עפּעס״ און אפשר אויך אַ באַר, אַ פלוים און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, האָבן אין זיך געהאַט אַלע טעמים.

צו שטילן דעם דאָרשט, פון די קינדערלעך, איז געווען אינם חדר אַ פעסל וואַסער. אַ קופּערנע קוואָרט איז געהאַנגען, אויף אַ קייט, דערנעבן, און חברה פלעגט דערמיט שעפּן פונעם פעסל און זיך „אָנפּאָיען״.

יעדן טאָג האָט מען טאַקע דאָרט צוגעגאָסן פריש וואַסער פונם ברונעם, אָבער מ׳האָט קיינמאָל נישט אויסגעגאָסן דאָס איבערגעבליבענע פון פריער — און צוזאַמען מיט דער זומער־היץ האָט זיך דאָס וואַסער קיינמאָל נישט געהאַלטן פריש. די קופּערנע כלי האָט שוין אויך געהאַט אַ מער גרינעם קאָליר, ווי געשייערטער קופּער. איז ווי דאָרשטיק אַ קינד האָט געמעגט זיין, האָט עס דאָך געהאַט אַ ווידערווילן צו טרינקען פון אַזאַ כלי — אַ חוץ דעם געשמאַק פון לעבלעכן וואַסער.

האָבן חברה דערשמעקט, אַז אַנטקעגנאיבער, ביי רייזל יידאלעס, קען מען קריגן פרישן „מים־חיים״. ביי איר איז דאָס פעסל וואַסער געשטאַנען אין אַ טונקלען ווינקל פונם פאָדערהויז, וואו די זון איז קיינמאָל נישט צוגעקומען, און יעדן טאָג איז דאָס אויסגעשעפּטע פעסל אָנגעפילט געוואָרן פון איר אייגענעם ברונעם, וואָס האָט זיך געפינען הינטערן הויז .

פלעגן זיך יאָווען קליינע יידאלעך מיט קאָפּעלעך, מיט פּאה׳לעך, געוואַקסן אויף גאָטס באַראָט, הייזלעך אָנגעטאָן מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע עק־עמדלעך פון הינטן, אויף די אַקסעלעך אַריבערגעהאַנגען מיט לייב־צו־דעקלעך (פאַרן סימן ייד) און אַריינגעקומען אין רייזלס הויז, מיט דער קינדערשער בקשה : „רייזל גיטס אַ טרינק״!

אַלע קינדער וואָס זיינען געקומען פאַר אַ טרינק וואַסער האָט רייזל באַדינט. די טיר פון פאָרהויז צו איר דירה איז אַלעמאָל געווען אָפן. פון צייט צו צייט, אַז אַ יידאלע פלעגט נעבעך קומען מיט אַ פאַרקאַפּעט נעזל, האָט מיין מאַמע גענומען איר פאַרטוך פון דער צוריטער זייט און אים אָפּגעווישט דאָס נעזל, נאָכדעם אים געגעבן אַ פרישן טרינק. צוריקגעגאַנגען איז זיך דאָס יידאלע מיט זיכערע טריטעלעך אַזוי ווי גאָרנישט. אויף צו באַדאַנקען פאַר אַזאַ „באַדינונג״ האָט עס נישט פאַרשטאַנען. און באַלד איז

אָנגעקומען נאָך אַ „קינד" מיטן זעלביקן פאַרלאַנג ווי דער פריריקער, און רייזל איז אָנגעגאַנגען מיט איר עובדה אַזוי ווי פריער. קיין שום אָנדייטונג האָט מיין מאַמע קיינמאָל נישט געגעבן, אַז חברה זיינען איר לעסטיק — און ס׳פלעגן שטראָמען „קונים" אַריין און אַרויס, גענוג צו זיין באַשעפטיקט מיט זיי אַ היפּשע צייט פונעם טאָג.

„אַז יידאלעך לערנען תורה דאַרף מען זיי באַדינען". — מיין מאַמע האָט אפשר אַזוי געטראַכט. און אפשר גאָר: מיט איר גוטהערציקייט האָט זי, אין מצוה־טערמינען, גאָרנישט געדענקט?

(ס׳ווילט זיך נאָכבאַמערקן: מיך, אינדערהיים פלעגט מען רופן: משה רייזעל יידעלעס. „רייזעל־יידעלעס" האָט מען געוואוסט ווער מען מיינט. מיט קיין פאַמיליען נאָמען האָט זיך דאָס שטעטל נישט גע׳עסק׳ט).

מרדכי הערש באַלעטשאַנקער

מיין זיידן — פון דער מאַמעס צד — האָט מען, צווישן היימישע, גערופן: מרדכי הערש באַלעטשאַנקער.

פון דער צייט ווי איך געדענק, האָט דער זיידע, מיט דער באַבע׳ן, געוואוינט אינם דאָרף וואַלטאַשאָוו נעבן רימאַנאָוו. פאַר דעם האָט ער געוואוינט אין באַלעטשאַנקע (אויך אַ דאָרף אין דער געגענט פון רימאַנאָוו) איז דער נאָמען געבליבן אַלס באַצייכנונג אויף זיין גאַנץ לעבן. איך ווייס נישט וואו זיינע קינדער — רייזל (מיין מאַמע), מענדעל, לאה און צביה — זיינען געבוירן געוואָרן: צי אין ערשטן אָדער אינם צווייטן דאָרף. אָבער לויט ווי איך פאַרשטיי עס היינט האָט ער איבערגעביטן זיין וואוינאָרט אין דער צייט ווען ער האָט באַדאַרפט „משנה־השם־זיין" דעם פאַמיליע נאָמען, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען. ס׳האָט געקענט זיין, ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון קינדער, אָבער ערשט נאָך דער חתונה מיט מיין באָבע׳ן חיה רויזע, ע"ה.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט — אין מיינע קורצע וויזיטן ביים זיידן אין וואַלטאַשאָוו — און שפּעטער, ווען די באבע איז געשטאָרבן, און ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין רימאַנאָוו, וואו ער האָט אויסגעלעבט זיינע לעצטע יאָרן — צו באַאויבאַכטן זיין באַשיידנקייט, ערלעכקייט, און הכנעה׳דיקן, אָבער אינערלעך שטאָלצן כאַראַקטער.

כ׳האָב געהערט, אַז אינם דאָרף וואו ער פלעגט אויפקויפן אייער, קיניקלעך (די פעל פון זיי), האָבן די יונים אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן. ס׳איז קיינמאָל נישט געפאַלן אַ חשד אויף אים אַז ער וועט אויסנאַרן אינם מקח. מ׳האָט זיך פאַרלאָזט אויף אים׳

איינמאָל האָט געטראָפן אַז ער אַליין האָט געמאַכט אַ טעות איז ער, מיט אַ שווערער משא פון אַ קויש מיט אייער, צוריקגעגאַנגען אַ היבשן מהלך און האָט דעם גוי דערלייגט וואָס ס׳איז אים געקומען, לויטן דאַמאָלס־דיקן ווערט. פון אומערלעכקייט האָט ער נישט געוואָלט נהנה־זיין.

אין מיין צייט איז די דירה אין וואַלטאַשאָוו פונם זיידן, געוואוינט ביי אַ יון, באַשטאַנען פון איין צימער — נישט איבריק גרויס — וואו ס׳זיינען

געשטאַנען צוויי בעטן, אַ באַנקבעטל, אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך, אַ שאַפקאַלע פאַר קליידער און אַ קופערט פאַר וועש, וואו ס׳איז אויך געווען פלאַץ פאַר טלית און תפילין, אַ סידור, אַ תהלים׳ל, מחזורים, חומשים, און אַלע משניות׳ן מיטן פירוש פון רבינו עובדיה מברטנורא, צוזאַמען מיט עברי טייטש.

דאָס זעלביקע צימער איז אויך געווען די קיך פאַר קאָכן די אָרעמע געקעכצן און באַקן חלות אויף שבת און יו״ט און ברויט פאַר אַ גאַנצער וואָך.

דאַמאָלס איז נאָך לאה (די צווייטע פון דעם זיידנס קינדער), וואָס איז געווען אַ קריפּל מיט אַ הויכער פּלייצע, געווען מיט זיי.

און ווען ס׳איז אונטערגעקומען אַן אייניקל צו גאַסט האָט מען זיך אויך זמיעשטשעט. דער זיידע האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידער־ווילן צו זיינע אומפאַרהאָפטע „געסט״. אָבער די באָבע (די אשת־חיל) האָט אַביסל אונטערגעבורטשעט: צו וואָס ביסטו געקומען?

דאָס שוואַרצע ברויט זייערס, פון דעם מעל וואָס זיי אַליין האָבן געמאָלן, שמעקט מיר נאָך ביז היינט.

ווען דער רימאַנאָווער רבי ר׳ יאסעלע האָט חתונה געמאַכט זיין אייניקל מיט דער ריזשינער גזע, ווען ס׳האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק, מ׳האָט זיך אָנדערציילט נסים־ונפלאות, וואָס דאָרט וועט זיך אָפּטאָן אַ וואָך־צוויי פאַר דער חתונה ביז אַ וואָך נאָכדעם, האָט מיך געטאָרטשעט דער חשק דאָס צו זען. זייענדיק דאַמאָלס, אַן ערך, 10 יאָר אַלט, האָב איך אונטערגע־נומען די „רייזע״ צופוס (מיט אַ פערד און וואָגן פלעגט עס נעמען אַ צוויי שעה) און אפשר האָט מיך דאַמאָלס אַ באַלעגאָלע אויפן וועג „גאַסטפריינטלעך״ אויפגענומען. דאָס געדענק איך נישט גענוי.

אָבער מיין הולך מיט אַ שפּיציקן קאַפּעליוש ליגט מיר נאָך ביז היינט אין דיביינער.

ס׳דאַכט זיך מיר אַז כדי צו שוינען מיינע שטיוועלאך האָב איך זיי איינ־גאַנצן געלאָזן אין דער היים. מיט דעם בין איך אויך נישט אינגאַנצן זיכער. די מורא — וואָס איז מיר ביז היינט פאַרבליבן — אַז די „קאָזאַקן״ אויף די פערד, וואָס זיינען באַשטאַנען פון יידישע בערד און פאות, באַהאַלטן אונטער די אויערן, זאָלן נישט מיט די פערדישע פּאַטקאָוועס אָנטרעטן אויף מיינע פיס, באַשטעטיקט היינט מיין פאַרדאַכט, אַז כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ גאַסט אויף דער חתונה באַרוועסערהייט.

נו, איז, ווען כ׳האָב זיך דאַמאָלס באַוויזן אין וואָלטאַשאָוו (וואָס איז

20 מינוט גאַנג פון רימאַנאָוו), האָט מיך די באָבע געפרעגט: צו וואָס ביסטו געקומען? — גיי דערצייל איר אַ מעשה אַז אויך איך וויל זיין אַ נישט געבעטענער מחותן אויף אַזאַ געהויבענער חתונה.

דאָס איז טאַקע די איינציקע חתונה וואָס איך בין געווען איר „גאַסט" אָבער האָב נישט געהאַט די זכיה צו זען די חופה. נאָך גרעסערע מיחוסים פון מיר האָבן עס נישט באַוויזן.

דער גאַנצע מאַרק מיטאיינאַנדער איז געווען אָנגעפילט מיט געסט — ס'איז געווען איין גרויסער קאַראַהאָד פון שמחה. האָב איך דערפון אויך עפּעס געשעפּט. אַ בשר־ודם ווי אַלע.

די גאַנצע מיש־מאַש־געשיכטע פון מיין זיידן — ווי איך האָב עס אויפגענומען פון שטיקלעך און ברעקלעך אינפאָרמאַציע — קומט מיר פאָר אַזוי:

צי פאַר זיין חתונה, צי נאָך זיין חתונה (דאָס צווייטע איז גלייכער צום אמת), ווען ער האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו האָט ער אינגאַנצן קיין „צייט" נישט געהאַט דערפאַר אָדער האָט זיך געוואָלט מאַכן „פאַר־געסנדיק". ס'האָט אָבער נישט געטויגט צו בלייבן ווייטער אין באַלעטשאַנקע פון וואַנעט שקצים זיינען געוואָרן זעלנער און דעם אָרטיקן זשאַנדאַר האָט מען אויך נישט געטאָרט שטעכן די אויגן. האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין וואָלטאַשאָוו (אָדער אפשר פריער אין אַן אַנדער דאָרף) וואו ער האָט איבער־גענומען מיין באָבעס פאַמיליע־נאָמען „צוקער" און זיין אייגענער, וואָס איז מיר נישט באַקאַנט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אין דער מעטריקע איז ער טאַקע געווען פאַרצייכנט אָבער ער אַליין האָט שוין אַלס אַזעלכער נישט עקזיסטירט. ווי אַזוי ער האָט געקראָגן „כשר'ע־פּאַפּירן אָדער ער האָט אַזעלכע אינגאַנצן נישט געהאַט ווייס איך אויך נישט. אָבער ווי־נישט־איז, אין די עלטערע יאָרן ווען איך האָב אים געקענט האָט ער שוין זיכער פאַר אַ סאָלדאַט נישט געטויגט, און כ'האָב אַ פאַרדאַכט אַז אויך אין זיינע יונגערע איז ער דערצו נישט געווען געאייגנט.

מיין געמיטלעכער זיידע וואָס האָט קיינעם נישט געקענט ווי טאָן וואָלט זיכער נישט געקאָנט באַנעמען די זעלנערישע „תורה", וואָס דער צוועק דערפון איז צו קענען הרג'ענען מענטשן, זאָל עס זיין ווער עס איז. האָט קיר"ה גאָרנישט פאַרלוירן, וואָס דער זיידע האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אויפצוקויפן, ביי די יונים, אייער און קיניקלעך צו קענען מפרנס־זיין זיך ווייב און קינדער. קיין עושר דערפון איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן אָבער איז קיינמאָל נישט

אָנגעקומען צו משפחה אָדער פרעמדע מ׳זאָל אים העלפן. ווען כ׳דערמאָן זיך דערפון זע איך איך, אַז אויך די באָבע איז געווען אַ צדיקת. זי האָט אים קיינמאָל, חלילה, נישט געיאַדעט, ווי ס׳טרעפט זיך ביי אַ לאַ־יצלח אין דער פרנסה.

4 קינדער האָט מיין זיידע געהאַט: רייזעל (מיין מאַמע), לאה, מענדעל און צביה. ווען די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, זיינען זיי זיך צעפאָרן און האָבן חתונה געהאַט. בלויז לאה — אַ קריפל — איז געבליבן די לעצטע צו פאַרלאָזן דעם זיידנס שטוב. אויך פאַר לאה׳ן האָט מען שפעטער געקראָגן אַ „געראָטענעם" שידוך ווי כ׳האָב עס פאַרצייכנט אויף אַן אַנדערן פלאַץ.

ווען מיין מאַמע איז געוואָרן אַן אלמנה מיט 4 קינדער האָט דער זיידע גענומען דעם יונגסטן, שיע, איין יאָר אַלט, צו זיך און לאה איז געווען כמעט אַ מאַמע צו אים.

ווען שיע איז שוין געווען אַ 4 אָדער 5 יאָר אַלט און דער זיידע פלעגט גיין, שבת, קיין רימאַנאָוו צום דאַוונען האָט אים שיע געטראָגן דאָס פעקל מיטן טלית און סידור. איינמאָל וועלנדיק באַווייזן זיין קינדערשע „גבורה" האָט ער דאָס פעקל געטראָגן אויפן קליינעם פינגערל, עס אויסגעלענקט און ביז מ׳האָט זיך געספּראַוועט דערמיט ביי דאָקטוירים איז שוין געווען צו שפעט. דאָס קליינע פינגערל (פון דער רעכטער האַנט) איז ביי אים מער נישט געוואַקסן.

ווען שיע איז אַלט געוואָרן 5, אָדער 6 יאָר, ווען מ׳דאַרף שוין אָנפאַנגען לערנען אין חדר איז ער געקומען קיין קאָרטשין צו דער מאַמען, האָט געלערנט ביים יאַשעניצער מלמד, וואָס די ערשטע זאַך איז געווען ביי אים צו לערנען שרייבן. אַזאַ שיינע האַנטשריפט ווי שיע האָט געהאַט (מיט זיין צעקריפּלטן פינגער) איז שווער צו געפינען. — ער, דער איינציקער פון זיינע ברידער, מיט זיין ווייב זיינען געווען אַ היטלער־קרבן. — זיינע צוויי טעכטער, איינע אין ישראל און די אַנדערע אין ענגלאַנד זיינען אין צייט געראַטעוועט געוואָרן.

אַז כ׳האַלט שוין דערביי וויל איך שוין פאַרצייכנען אַז צוויי אַנדערע דעם זיידנס אייניקלעך — דעם פעטער מענדעלס קינדער — געפינען זיך אויך אין ישראל, געראַטעוועטע פונם לעצטן חורבן.

כ׳בין אַביסל אַראָפּגעגאַנגען פון וועג, זיך נישט געהאַלטן ביי דער אָנגעפאַנגענער טעמע אָבער דער זיידע און אַלע וועלן עס מיר מוחל זיין. — דאָס גאַנצע גלות־לעבן איז דען געווען מיט אַ סדר?

איצט לאָמיר צוריקקומען צום זיידן מיט וועמען כ׳האָב אָנגעפאַנגען:

ווען די באבע איז געשטאָרבן האָט זיך דער זיידע אריבערגעצויגן קיין רימאנאָוו, אויסצולעבן זיינע לעצטע יאָרן צווישן יידן. האָט דאָרט געהאַט, ביי אַ באַלעבאָסטע, אַ בעט צום שלאָפן און וואו אָפצוקאָכן אַ טעפּאלע קאַווע, אַ גריץ און ענלעכעס.

פאַר דער גאַנצער וואָך האָט ער זיך מפרנס געווען דורך אויפקויפן קיניקלעך אינם מאַרק־טאָג, און שבת און יום טוב איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער גאַסט ביים רבי׳ן ר׳ יאָסעלעס טיש, מיט דער הסכמה פונם רבי׳ן. דאָרט האָבן זיך יידן נישט געפילט אַלס אורחים, נאָר ווי געסט, ווי אייגענע.

נאָכדעם, ווען מיין מאַמע איז געווען אַן אלמנה 13 יאָר, און ווען אַלע קינדער זיינען זיך צעפאָרן האָט זי חתונה געהאַט קיין רימאנאָוו מיט מרדכי עליאס, אַן עלטערער באַלעבאַטישער ייד, אַ בעל־צדקה, אָבער דער זיידע האָט נישט געוואָלט נהנה זיין פון זיין רייכקייט. אפילו אַמאָל אויף אַ קידוש האָט ער זיך געווייגערט צו קומען. דער שטיפטאַטע וואָלט אים גערן, מיט כבוד, אויפגענומען.

אין דער ערשטער צייט, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ לערניינגל אין מיין מלאכה, און בין געקומען אויף פּסח און סוכות צו דער מאַמען צו גאַסט פלעג איך פילן די טראַגעדיע פון מיין זיידנס עלטערע יאָרן, צו זיין נע־ונד — כאָטש ער האָט זיך געפינען צווישן יידן.

אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווען כ׳וועל ווערן אַ פאַרדינער וועל איך אינם זיידן נישט פאַרגעסן. האָט אָבער דער גורל געוואָלט, אַז איידער ס׳איז געקומען דערצו איז שוין דער זיידע געווען אויפן עולם־האמת.

איך האָב דאַמאָלס איבערגעלעבט די גרעסטע טראַגעדיע.

דער זיידע איז געווען אַ כשר׳ע נשמה, האָט נישט געוואָלט טועם זיין פון קצבה, זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אויף אַן ערלעכן אופן — האָט אפילו גאָרנישט פאַרלאַנגט פון זיין אייגן קינד.

די משניות׳ן פון אים געדרוקט אין וואַרשע, אין יאָר 1887, זיינען ביי מיר, וואָס כ׳האָב באַקומען פון מיין ברודער חיים הערש. ז״ל.

* * *

(די מעשה וועגן מיין זיידן פאַרענפערט שוין מיין פאַרוואַנדלונג אין אַ „צוקער״, וואָס לויטן „סדר־העולם״ וואָלט איך זיך גאָר באַדאַרפט רופן „שנעק״ ווי מיינע צוויי ברידער דאָ אין אַמעריקאַ, שלמה און חיים הערש, ע״ה, און מיינע קאָזינס, דעם פעטער דוד׳ס און זלמן׳ס קינדער, רופן זיך.

די אומשטענדן זיינען ביי מיר געווען אַזעלכע וואָס כ׳האָב נישט געקענט בייטן דעם „צוקער־פאַלשער־שנעק״, ווי כ׳בין אויף מיין פּאַספּאָרט פאַרצייכנט. די עסטייכישע לאַנד־געזעצן האָבן קיין ידישע חופּה־וקידושין נישט אָנערקענט, זיינען אין די מעטריקעס די קינדער פאַרצייכנט געוואָרן לויט דער מוטערס פאַמיליע נאָמען.

נו, מילא: גיט עס מיר אויך צוליב דעם אַ היתר מיין זיידן צו פאַרצייכנען אינם קאָרטשינער יזכור־בוך.

און ממילא איז עס נישט אויסערן וועג צו האָבן אַ באַגריף וועגן אַ באַשטימטן ווינקל פון אונזער גלות־לעבן — מיט זיינע ראַנגלענישן צו בלייבן אַ ייד.

די דערקלערונג בין איך אויך שולדיק מיינע לאַנדסלייט. מאַנכע וועלן זיך אפשר טראַכטן: טאַקע אַ כשר׳ער ייד געווען, דער מרדכי באַלעטשאַנקער, אָבער: וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו אונזער שטעטל? איז די זאַך די, וואָס ווייניק פון די באַרעכטיקטע האָבן באַוויזן אַן אינטערעס אין דער זאַך (כאָטש מ׳האָט געגוג געוועקט) און אויף „מצרף צו זיין אַ מנין״ איז איעדער ייד כשר.

ר׳ יקותיאל קאַמעלהאָר

דער שוואַרצער איציק (ווי איך געדענק), איז געווען אַ הויכער ייד, אַ דאַרער, האָט שוין געהאַט אַ גראָע באָרד, ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין סימן פון זיין שוואַרצקייט, צוליב וועלכער מ׳האָט אים, אין די יונגע יאָרן באַטיטלט מיט דעם נאָמען. אָבער וואו־נישט־וואו בלייבן איבער געוויסע קענצייכנס, אויף די עלטערע יאָרן, פון אַ שוואַרצן, אַ בלאָנדן, אָדער אַ רויטן. אין די בלוטן זיינען פאַראַן סימנים, וואָס אַ גענייט אויג קען עס דערקענען.

אין די פריריקע יאָרן איז דער שוואַרצער איציק אַרומגעפאָרן מיט קאָרטשינער לייוונט. צי ער איז געפאָרן אַלס פאַרטרעטער פון גרעסערע קאָרטשינער סוחרים, צי ער אַליין האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די קאָרטשינער פויערים, וואָס האָבן פּראָדוצירט די סחורה, איז מיר נישט באַקאַנט. איך וויים בלויז, אַז ער פלעגט אַוועקפאָרן פונם שטעטל נאָך פסח און זיך ערשט באַוויזן צוריק אויף די ימים־נוראים; און פון זיין אַוועקרייזע נאָך סוכות איז ער ערשט צוריקגעקומען פאַר פסח.

דאָס איז געווען דער שטייגער פון אַזעלכע, וואָס האָבן באַדאַרפט אויפזוכן זייערע קונדן אין די פאַרוואָרפענע שטעט און שטעטלעך, ווייט פון דער היים.

דעם שוואַרצן איציקס פּרנסה־טעריטאָריע איז געווען מזרח־גאַליציע. אַמאָל האָט ער אויך אָנגעשפּאַרט אין אונגאַרן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט גאַליציע.

קיין לייכטע פּרנסה איז עס נישט געווען, אָבער אַ באַלעבאַטישע יאָ.

ווען זיין טאָכטער, די שוואַרצע חנה, (געראָטן אין טאַטן), איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער פאַר איר געפינען אַ חתן, אַ לערנער, יקותיאל קאַמעלהאָר פון סטאַניסלאַוו, וואָס איז געווען אַן עלוי.

אַלס 10־12 יאָריקער יינגל, ווען ר׳ יקותיאל איז שוין אין קאָרטשין נישט געווען, האָב איך געהערט אַז ער האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ ספר, און דער דזשיקאָווער רבי, זצ״ל, וואָס איז געווען אַ גדול בתורה, האָט אים וועגן דעם עפּעס אויסגערעדט. ער האָט עס מבטל געווען. פאַר ר׳ יקותיאל׳ן, וואָס

פלעגט פאָרן, פון צייט צו צייט, צום דזשיקאָווער, איז עס געווען אַ געוואַלטיקער קלאַפּ.

ווי ר׳ זאַלקאַלע מלמד האָט עס דערציילט איז דער נוסח געווען אַזוי:

דאָס ספר האָט ר׳ יקותיאל אָנגערופן מיטן נאָמען „מבשר טוב״. דער אינהאַלט דערפון איז געווען וועגן דער ריזשינער־גזע ביז צום רימאַנאָווער רבין, ר׳ יאָסעלע, זצ״ל. ער האָט עס געוויזן דעם דזשיקאָווער, האָט ער אים — ווען ער האָט דערין מעיין געווען — געזאָגט: וואָס מאַכסטו אַ „וואַסער־טאָפּ״? (אַ וואָרט־שפּיל צום „מבשר־טוב״), דו שרייב בעסער אַזוי ווי דער און דער יונגערמאַן, וואָס האָט געשריבן אַ חיבור אויף דער „מסכת־הוריות״. דאָס איז געווען אַ ספר מיט חדושים, טיפע רעיונות, וואָס עס פּאַסט פאַר אַ תלמיד חכם. ס׳איז געווען פאַר יקותיאל׳ן אַן אָנווייזונג אַז אויך ער האָט די פעאיקייט דערצו און דאַרף נישט מבטל זיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכן.

כאָטש אַליין אַ רבי פון חסידים האָט דער דזשיקאָווער גע׳עצה׳ט ר׳ יקותיאל׳ן זיך נישט אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע ענינים, נאָר מיט העכערע, לויט זיינע פעאיקייטן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט יקותיאל דערלעבט אַ סאַטיספאַקציע: דער יונגערמאַן, וואָס ר׳ יהושיע׳לע דזשיקאָווער, זצ״ל, האָט אים געלויבט און אים געגומען פאַר אַ מוסטער פון שרייבן, איז נאָכדעם אַוועק קיין ווין שטודירן: ער איז געוואָרן אַ „דייטש״, זיך אָפּגעשוירן באָרד־און־פּאות, זיך אָנגעטאָן אין וועלטלעכן טראַכט, און זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע לימודים.

שפּעטער האָט יקותיאל אויפגעוויזן דעם דזשיקאָווער רבי׳ן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט יענעם יונגערמאַנס דרך, וואָס האָט זיך אין חסידיזם נישט געגריבלט און איז געווען גייסטיק אַוועק דערפון.

אין יענער צייט און אין דער סביבה, וואו ר׳ יקותיאל האָט זיך געפונען, איז עס געווען מעניני־דיומא, וועגן דעם צו טראַכטן, זיך אויסצו־קלייבן אַ ווייטערדיקן וועג אין לעבן. דער טראַדיציאָנעלער וועג, צוזאַמען מיטן חסידיזם און פאַרשידנאַרטיקן איינשטעל פון אַיעדער רבני׳שער־דינאַסטיע באַזונדער, האָט געווירקט אויף אַזאַ יונגערמאַן ער זאָל זיך דערין גריבלען.

ר׳ יקותיאל איז ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן נישט אַוועקגע־גאַנגען, מיט זיין טראַכט און טראַכטן, פונם יידישן־שטייגער. ער איז געבליבן בראשו־ורובו אַ פאָרזעצונג פון דער אַלטער ירושה: זיך מתעסק געווען מיט תורה.

אַזוי לאַנג ער איז געווען אין קאָרטשין האָט ער געלערנט מיט יונגע־לייט, חתנים און חתונה־געהאַטע, וועלכע זיינען אַליין געווען לומדים פון ש״ס און פוסקים. דאָס איז געווען זיין פרנסה. עס האָט אָבער נישט באַפרידיקט זיינע לומדישע אַמביציעס און איז אַוועק פון קאָרטשין.

.2

ווען איך בין שוין געווען אַוועק פון דער גמרא, געוואָרן אַ בעל־מלאכה, האָב מיטגעמאַכט דעם ערשטן וועלט־קריג און נאָכדעם געקומען קיין אַמעריקא, איז מיר ר׳ יקותיאל, צוזאַמען מיט אַלע פאַרגעסנקייטן אַרויס פונם זכרון־קעמערל.

אָבער נאָך היטלערס־מפלה, ווען די קאָרטשינער לאַנדסלייט זיינען, פון צייט צו צייט, געקומען אָפּהאַלטן זייערע צוזאַמענקונפטן אין דער קאָרטשינער־ריישער שול, האָב איך אויסגעפינען אַז ר׳ יקותיאל איז דאָרט דער רב.

עס האָט מיך געצויגן אים צו זען אָבער בלויז אין אַ שבת און יום־טוב וואָלט איך עס געקענט באַוויזן. האָב איך דאָך געוואוינט ווייט אין ברוקלין און אין אַ פשוט׳ן וואָכנטאָג בין איך געווען פאַרנומען מיט פרסה. האָב איך עס אָפּגעלאָזט אויף אַ שעת־הכושר.

דער דאַמאָלסדיקער פרעזידענט (ראש־הקהל) פון דער קאָרטשינער־ריישער־שול, איז געווען משה האָראָוויץ, וועמען איך האָב נאָך געקענט פון ריישע. אין „יענער זייט״ איז ער געווען אַ פּאָדלאָגע־לייגער. קיין בן־תורה איז ער נישט געווען. בלויז אַ ייד וואָס האַלט שבת און יום־טוב, דאַוונט אַלע טאָג און, פאַרשטייט זיך, האָט אַ כשר הויז.

אַזוי ווי ער האָט געוואוינט אין שכנות פון דער קאָרטשינער־ריישער־שול, האָט דאָרט געדאַוונט, זיך אַביסל גע׳קהל׳ט, איז ער געוואָרן דער „פרעזידענט״. — אַ נייעס אין אַמעריקא ?

ער איז בפירוש געווען אַ וואוילער ייד. איך האָב אים גוט געקענט. אָבער צו קענען אָפּשאַצן וועמען ער האָט געהאַט, אונטער זיין פרעזידענטשאַפט, פאַר אַ רב אין דער קהילה — דערצו איז ער נישט געווען פעאיק.

איינמאָל, מיט אַ צייט שפּעטער, ווען כ׳האָב משה האָראָוויץ געפרעגט ווען כ׳וואָלט געקענט טרעפן דעם רב ר׳ יקותיאל, האָט ער מיר דערציילט, אַז מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט פון דעם רבנות. — פאַרוואָס און פאַר ווען ? האָט

ער מיר דערקלערט אַז ר׳ יקותיאל האָט זיך געמישט וואו מ׳דאַרף נישט. דהיינו? — ווען מ׳האָט געוואָלט אויפפוצן די שול מיט עפּעס אַ נייע זאַך אין די „דריי־וואָכן״, האָט ער געזאָגט, אַז, לויטן דין, טאָר מען עס נישט. ער וויל נישט וויסן, אַז ס׳איז אַמעריקאַ.

נאָכדעם האָב איך אויסגעפינען, אַז ר׳ יקותיאל איז געפאָרן קיין ישראל און איז דאָרט, נאָך אַ קורצער צייט, נפטר געוואָרן.

נאָכפרעגנדיק זיך שפּעטער, וועגן ר׳ יקותיאל׳ס גלגולים ביז זיין קומען קיין אַמעריקאַ, בין איך געוואָרן אינפאָרמירט אַז נאָך פאַרן — און נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז ער געווען ראש־ישיבה אין סטאַניסלאַוו, אין קראָקע (דאַכט זיך אויך אין ריישע). גענוי וועגן די פּלעצער און אינגאַנצן וועגן דער זאַך, קען איך נישט גאַראַנטירן. אָבער איך בין אַ גבית־עדות אַז צוליב זיין נישט וועלן מאַכן קיין פּשרה מיטן דין האָט ער בעסער אויפגעגעבן זיין רבנות־שטעלע אין אַמעריקאַ.

ס׳איז צום באַדוירן, וואָס אַן אומשולדיק נאַאיווער ייד, ווי משה האָראָ־וויץ, האָט באַדאַרפט זיין דער שליח גורם צו זיין אַ גדול בתורה צו נעמען, אויף די עלטערע יאָרן, דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. ז״ל.

ר׳ חיים דים

ר׳ חיים דים, ר׳ נפתלי ראַב׳ס אײדעם, איז געװען אַ פרומער ש׳בעפרומער. כאָטש אין קאַרטשין האָט, אין מײן צײט, איבערהױפּט נישט עקזיסטירט אַז אײנער, זאָל נישט זײן פרום — אַלע, אָן אױסנאַם, זײנען דאָס געװען — דאָך זײנען פון דעם סאָרט געװען מדרגות. די מלבושים האָבן צוגעגעבן כאַראַקטער, דעם אונטערשיד (אינדערװאָכן) צװישן אַ באַלעגאָלע, אַ טרעגער און אַ באַלעבאַטישן ייד. שבת און יום־טוב איז בלױז געװען קענטיק צװישן אָרעמע, מיטעלע און מער פאַרמעגלעכע אין דער נײקײט פון די מלבושים, אָבער דער טראַכט (שטרײמל און בעקעשע) איז געװען פאַר אַלעמען גלײך.

ר׳ חיים דים איז מיט דעם געװען אָן אױסנאַם װאָס ער האָט, אינדער־װאָכן, אַ גאַנץ יאָר, געטראָגן אַ קאַלפּאַק. מ׳האָט עס אױך גערופן ספּאָדיק.

נאָך אײנער איז אין קאַרטשין געװען, ר׳ איציקל דין, דעם פאַר־שטאָרבענעם קאַרטשינער רב׳ס, ר׳ שמואל אהרן רובין׳ס — מחבר פון שאלות־תשובות־ספר „בית־אהרן" — אײדעם, װאָס האָט אױך געטראָגן אַ ספּאָדיק.

ר׳ איציקל איז געװען דעם בעלזער רבי׳נס משפחה און ר׳ חיים דים איז געװען אַ בעלזער חסיד. בעלזער חסידים זײנען געװען באַװאוסט אַלס די פאַרקנײטשטע פרומע צװישן אַלע אַנדערע חסידים. די קאַלפּאַקעס זײנען געװען זײער קענצײכן, טראָצדעם װאָס האָבן זיך אױך געפינען צװישן זײ אַזעלכע װאָס האָבן עס נישט געטראָגן. אָבער פאַר׳דבקות׳דיקע פרומקײט האָט מען פון זײ אַלעמען אַרױסגעלעזן.

נישט זײ האָבן צופּיל געקוקט אױף זײער אײגן װײב און אױף אַ פרעמדער אשה אװדאי און אװדאי נישט. קוים האָבן זײ אַזאַלכע פון דערװײטנס באַמערקט, האָבן זײ באַלד אַראָפּגעלאָזט די אױגן צו דער ערד, אַז זײ זאָלן חלילה נישט נכשל װערן מיט אַ מחשבה־זרה. זײ האָבן זיך בסדר גע׳טובל׳ט זײערע געדאַנקען און זיך באַהאָפטן מיט די העכערע עולמות. ס׳זײנען אױך געװען אַנדערע היבשלעך פרומע, װאָס מ׳האָט עס בײ זײ נישט אַזױ בולט אַרױסגעזען.

ר׳ חיים׳ען האָט מען גערופן: חיים ספּאַדיק, נישט חלילה לגנאי. זיין פאַמיליע־נאָמען, „דים״, האָט גראָד אַיעדער געוואוסט, אָבער „ספּאַדיק״ איז געווען די באַצייכנונג פון זיין פרומקייט. ער איז געווען אַן אמת׳ער ירא־שמים. אַחוץ פרום איז ער אויך געווען אַ תלמיד חכם אַ בעל־צדקה: ער האָט אַליין געגעבן און איז אויך געגאַנגען זאַמלען נדבות, אין די הייזער, פאַר אַנדערע. פאַר דעם צוועק פלעגט ער גיין צוזאַמען מיט ר׳ משה מעכאַלע מלמד. איז ווען זיי האָבן געטראָפן אַן אשה אין אַ הויז וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען אַז מ׳דאַרף די מטבע אַוועקלייגן אויפן טיש, נאָר עס געוואָלט געבן אין האַנט אַריין, האָט עס משה מעכאַלע מיט זיין שטעקן אָפּגענומען. אויף זיין שטעקן איז געווען צוגעטשעפּעט אַ קליין קעסטאַלע, די „אשה״ האָט עס דאָרט אַריינגעלייגט און נאָכדעם האָט עס משה מעכאַלע אַרויסגענומען. אפילו אַזאַ סאָרט „באַרירונג״ מיט אַ פרעמדער פרוי וואָלט זיך ר׳ חיים דים נישט דערלויבט.

ר׳ חיים דים פלעגט גיין מבקר־חולה־זיין וואו ס׳האָט זיך געפינען אַ קראַנקער. אינאַיינוועגס האָט ער שוין דערשמעקט, וואו מ׳דאַרף העלפן אויך מיט אַ פּאָר רייניש.

ר׳ חיים האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין קהל׳שע מחלוקת׳ן. מיט זיין פרומקייט האָט ער בלויז געוואָלט ווירקן אַז מ׳זאָל נוטה זיין צו זיין צד, נישט אַוועקצוגייגן פון טראַדיציע, אָבער האָט עס געטאָן נישט מיט מחלוקת, וואָס זאָל אויפרודערן דאָס געמיט. אין דער צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען ס׳האָבן זיך אין קאָרטשין געמאַכט חברה׳לעך מיט אייגענע מנינים, האָט ר׳ חיים דים קיינמאָל נישט פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש; דאָרט האָט ער געדאַוונט אַלע זיינע יאָרן. מיט דעם האָט ער באַוויזן אַז די קהילה׳שע גאַנצקייט, וואָס דאָס בית־המדרש איז אַלעמאָל געווען אַ סימבאָל דערפון, איז אים טייער. יעדע צעשפּליטערונג האָט אים וויי געטאָן. „וועלט־נייעס״ האָט ר׳ חיים געשעפּט פון אַזעלכע וואָס קוקן אַריין אין אַ צייטונג (וואָס נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן שוין אין קאָרטשין אַזוינע עקזיסטירט) אָבער ער אַליין האָט קיינמאָל קיין צייטונג נישט געלעזן. ער איז געזעסן יומם־ולילה און עוסק געווען אין תורה ועבודה, אַ חוץ אין דער צייט פון דאַווענען, עסן, בענטשן און טאָן מצוות.

זיי ווייב רויזאַלע האָט געפירט לייוונט־און־צייג הורט־געשעפטן מיט קונים פון אַנדערע שטעט — אַן אָפּצווייג פון איר טאַטנס, ר׳ נפתלי׳ס, מסחרים. פונם געשעפט האָט ר׳ חיים דים גאָרנישט געוואוסט. אַלע טראַנ־

סאַקציעס זיינען אָנגעגאַנגען פון זייער סקלאַד (לאַגער) אונטער זייער וואוינונג. דאָרט האָבן זיי געהאַט די סחורה, געפּאַקט פּעקלעך און צעשיקט, מיט פּאָסט, וואו מ׳האָט באַדאַרפט.

רויזאַלע האָט נאָך געהאַט צייט צו קאָכן יאַכלעך פאַר אָרעמע קראַנקע און עס זיי צוטראָגן.

ר׳ חיים׳ס און רויזאלעס קינדער — די יינגלעך — זיינען (אין מיין צייט) נישט געשטרויכלט געוואָרן מיט אַ שערל. זייערע פּאות זיינען געוואקסן אויף גאָט׳ס באַראָט. מ׳האָט זיי אפילו נישט פאַרקלענערט, למראית־עין, מיט פאַרקרייזלען זיי. — זיין זון דוד, וואָס איז געווען אין מיינע יאָרן, ווען ער האָט מיך געטראָפן אין אַ צייט ווען כ׳האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזט קאָרטשיק, האָט ער מיך באַדויערט פאַר מיינע אָפּגעקירצטע פּאות, אַז כ׳האָב אַזש אויף אים רחמנות געקראָגן. ער האָט געווייטיקט אויף מיין אָפּטרעטן פונם „דרך־הישר״. איך האָב געפילט זיין אמת׳ן צער.

צי אַזעלכע דוד׳ס דערלויבן זיך יאָ צו באַנוצן אַ שערל, ווען זייערע פּאות דערלאַנגען צום גאַרטל, איז מיר אומבאַקאַנט. פּאות האָבן דאָך אַ טבע צו וואַקסן, און אַזעלכע ביז צו דער פאָדעשווע האָב איך נאָך נישט געזען. דאָס איז דעם פרומענס פּריוואַטער סוד אויף וועלכן ער איז באַרעכטיקט.

אַזוי וויט דאָס בצמצום׳דיקע בילד פון ר׳ חיים דים מיט זיין משפּחה.

יהא זכרו ברוך.

מיינע מלמדים

ר׳ גדליה מיין דרדקי־מלמד

מיין דרדקי מלמד איז געווען גדליה „האָפמייסטער״. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען דאַווידאָוויטש. פאַרוואָס מ׳האָט אים גערופן „האָפמייסטער״ איז פאַראַן אַזאַ געשיכטע, אַ מעשה שהיה: ער האָט זיך אַמאָל, אין אַ פורים, פאַרשטעלט פאַר אַ זשאַנדאַר. אַריינקומענדיק אין אַ הויז, מיט זיין הויכן געשטעל, האָט ער זיך (מעשה־הלצה) פאָרגעשטעלט: איך בין האָפ־מייסטער (הויפטמייסטער), און נישט צו דערשרעקן יידן ביי זייער סעודה, האָט ער געטאַנצט און געמאַכט פריילעך, אויפן יידישלעכן אופן. אַזוי אַרום איז אים געבליבן דער צונאָמען, און פון דעם אמת׳ן פאַמיליע־נאָמען איז אינעם שטעטל כמעט געווען ווי נישט באַקאַנט.

ר׳ גדליה איז געווען אַ הויכער ייד, געהאַט אַ טונקל־בלאָנדע, לאַנגע באָרד מיט פאות, און באמת וואָלט ער געקענט זיין אַ גרעסערער מלמד, פון חומש מיט רש״י, תנ״ך, איבערהויפט פאַר אַזעלכע קינדער וואָס פאַנגען אָן צו לערנען שרייבן. ער האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט, האָט זיך אַפילו דורכגעשריבן מיט ווינער סוחרים אויף דייטשמעריש.

ביי אים אין חדר איז מען דורכגעגאַנגען אלף־בית, טראָף און עברי, ביז צום לערנען חומש, וואָס די פרשה „ויקרא״ איז אַלעמאָל געווען דער ערשטער אָנהייב, אַפילו ווען דעמאָלט איז עס נישט געווען די סדרה פון דער וואָך. ערשט נאָכן ערשטן אָנפאַנג, האָבן קינדער געלערנט לויט דער סדרה, וואָס איז אין יענער צייט געגאַנגען. נאָכן ערשטן זמן פון חומש־לערנען, איז מען אַריבער צו אַ גרעסערן חדר.

מ׳האָט געשמועסט אַז ר׳ גדליה איז אַ גוטער קענער פון תנ״ך, וואָס אַפילו די גרויסע גמרא־מלמדים זיינען דערין ווייניק באַהאַוונט. די „גמרא־קעפ״ האָבן אין תנ״ך נישט עוסק געווען. בלויז זאַכן וואָס זיינען אַריינ־גענומען געוואָרן אין תפילות, תהלים, איכה, מגילת־אסתר, ברכי־נפשי, וואָס געוויסע צייטן פונעם יאָר האָבן עס גורם אַז מ׳זאָל זיך עוסק׳ן דערמיט,

האָט דער רבי עס פּאַרטײטשט, אָבער אין אַלגעמײן, אַחוץ שמואל א׳ און שמואל ב׳, האָט מען זיך מיטן תנ״ך נישט פּאַראינטערעסירט. — ס׳איז געווען אַ דורות׳דיקער, פרומער אײנשטעל, וואָס בלויז יחידי־סגולה האָבן געוואוסט דעם טעם דערפון, און דער דורכשניטלעכער יודע־ספר האָט זיך דערין נישט געגריבלט.

דער שלחן־ערוך האָט דערגרײכט אַ ברײטערע פּאָזיציע אינעם יידישן לעבן. אַ בלאָט גמרא מיט מפרשים איז געווען אַ העכערע מדרגה. דורך דעם זײנען שוין די שאַרפע קעפּלעך דערגאַנגען צו די מקורים פון תנ״ך, פון וואַנען די תנאים און אמוראים און אַנדערע גדולים האָבן געשעפּט אין אַ פולער מאָס.

ר׳ גדליה איז געווען אַן אויסנאַם אין יענער צײט, מיט זײן באַהאַוונט־קײט אין תנ״ך, אָבער קײן קנעלונג דערפון האָט ער אין קאָרטשין נישט געקענט מאַכן. איז ער בעסער געוואָרן אַ דרדקי־מלמד.

ר׳ גדליה איז געווען אַ גוטער מעשה־דערצײלער. יעדן אויף דער נאַכט, נאָך מנחה־ומעריב, אין בית־המדרש, פלעגן זיך יידן אַרום אים אַרומשטעלן צו הערן אַ מעשה־נורא. און ער האָט אַלעמאָל געהאַט וואָס צו דערצײלן. נסים ונפלאות פון רבי׳ס האָט ער מײסטעריש געמאָלן. איך האָב עס קײנמאָל נישט פאַרפעלט, כ׳האָב אַלעמאָל אונטערגעשטעלט אַן אויער און געשלונגען זײנע מעשיות. כ׳בין נישט מיד געוואָרן אים צו הערן. ער האָט אַלץ אַזוי בילדלעך געשילדערט, אַז ס׳איז געווען אַ מחיה.

ער פלעגט קענען אָנשרײבן אַ בריוול אין דער גוי׳שער שריפט חצי־יידיש און חצי־דײטש, וואָס ביי די דײטשע „יעקעס" איז עס געווען אַ גאַנגבאַרע סחורה. גאַנץ גרויסע געשעפטסלײט האָבן געפירט מסחר אין דײטשע מקומות מיט אַזאַ סאָרט קענטעניש. יינגלעך וואָס האָבן קוים „גע־קוואָקעט" מיט דער דײטשער שפּראַך פלעגן פון פאַבריקאַנטן אַרײנקריגן מוסטערן, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָנפאַנג פאַר שפּעטערדיקער פאַרבינדונג אין מסחר. אויך ר׳ גדליה האָט מסתמא אַזוי אָנגעפאַנגען. ער האָט געהאַט „געשעפטן" מיט ווין.

פון צײט צו צײט, צווישן די ימים־טובים, ווען דאָס חדר האָט נישט פונקציאָנירט, אָדער ווען ער האָט געקענט אַראַנזשירן מיט ברוך מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ העלפט פונעם דרדקי חדר צוזאַמען מיט ר׳ גדליה׳ן, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף זײנע תלמידים — פלעגט ר׳ גדליה זיך אַריבערכאַפּן קײן ווין און צוריקגעקומען מיט דאָרטיקער סחורה.

די „סחורה" איז באַשטאַנען פון: אויסגעטראָגענע גאַרניטורן, מענערשע און ווייבערשע, פּריצישע העמדער מיט קראַגנס, פראַקן, הויזן, וועסטלעך, צילינדערס, קאַפּעליושן, שיך אַלערליי און אויך קנעפּלעך אָן אַ צאָל.

דאָס אַלץ פלעגט ער אין אַ מיטן מיטוואָך אַרויסטראָגן אין מיטן מאַרק און עס אַרויסלייגן צום פאַרקויף. מענער, ווייבער, גויים, יידן און יידענעס פלעגן זיך אַרומשטעלן און אויסקלייבן וואָס איינעם איז געפעלן און דורכקומען מיט ר' גדליה'ן מכוח דעם מקח. נישט איין יידענע האָט נאָכדעם באַוויזן דעם וואונדער, די יעקישע מלבושים אַזוי צו פאַריידישן, אַז מ'האָט נישט דערקענט זייער „אָפּשטאַם". פון אַ גרויסן מלבוש צו מאַכן קליין איז דאָך זיכער געווען מעגלעך. אַזוי אַרום האָט מען ביי ר' גדליה'ן איינגעהאַנדלט מציאות און דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט. אַ יעקישער פראַק איז מגולגל געוואָרן אין קינדערשע הייזקעלעך, און דייטשמערישע העמדער האָבן בלויז באַדאַרפט אַ שטיקל „אָפּעראַציע" אויף די קראַגנס און מאַנזשעטן אַז זיי זאָלן באַקומען אַ יידיש פּנים. שיך און שטיוולעטן האָבן ווידער באַדאַרפט ווערן פאַרקאַפּטשעט מיט בלאָטע אַז ס'זאָל פאַרלירן דעם גרויסשטאָטישן פוץ. די פאַדעשוועס האָבן אויסגעהאַלטן זייער געלט־ווערט.

לאַנג האָט עס ר' גדליה'ן נישט גענומען פּטור צו ווערן פון זיין סחורה. גויים האָבן אויך נישט געפעלט זיך איינצוהאַנדלען אַ צילינדער אָדער אַ שטייפן הוט, אָדער, אין ערגסטן פאַל, האָט אַ ייד אַזעלכעס געקויפט פאַר פּורים־שפּיל.

וויפיל ר' גדליה פלעגט נתעשר ווערן פון אַזאַ וויענער הין־און צוריק־פאָר איז מיר נישט באַקאַנט. אויך פון זיין ווייב'ס, פערל יענטעס, צוהעלפן אין דער פּרנסה מיט איר האַנדל, פרייטיק אויפן קאָרטשינער און מאַנטיק אויפן קראָסנער מאַרק, מיט געבלימלטע און וויסע לייוונט, וואָס פויערטעס פלעגן איינהאַנדלען — וויס איך אויך נישט. אָבער פּלוצים, ווען ר' גדליה'ס שוואָגער, מרדכי'לע ראָזדייטשער איז געקומען פון אַמעריקאַ, ווערט מען געוואויר, אַז ער האָט איבערגענומען דאָס דרדקי חדר און ר' גדליה קלויבט זיך אין קאָלאָמבוסעס מדינה. מסתמא האָט אַלץ מיטאיינאַנדער נישט געקלעקט אויף פּרנסה. מיט גליקן וואַרפט מען זיך נישט.

דאָס איז געווען נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג. אינצווישן איז אויס־געבראָכן די מלחמה און ר' גדליה האָט נישט באַוויזן אַריבערצונעמען זיין גאַנצע משפחה ביז נאָכן סוף דערפון.

אין אַמעריקאַ האָט ר' גדליה נאָך געהאַט פון פריער זיינע דריי

עלטערע זין, לייבוש, בן ציון און הערש. פערל יענטע האָט דאָ געהאַט צוויי פאַרהייראַטע שוועסטער, אסתר און סערל,ביידע חתונה געהאַטע און נאָכן ענד פונם קריג האָט מען זיך באַמיט אַז פערל יענטע מיט אירע נאָך 4 יינגערע זין און איין טאָכטער זאָלן אַריבערקומען און די גאַנצע משפּחה זאָל זיין פאַראייניקט.

אין יאָר 1921, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקא, זיינען זיי שוין דאָ אַלע געווען. איך האָב זיי באַזוכט אין הויסטען סטר. ניו־יאָרק, געזוכט ביי ר׳ גדליה די אַלטע היימישע געמיטלעכקייט און זי נישט מער געטראָפן. עפּעס איז דער אַמעריקאַנער חותם אויף אים געלעגן וואָס מ׳קען עס מיט ווערטער נישט באַצייכנען. דאָ האָט ער געהאַט אַ שניט־געשעפט. פון די קינדער האָט ער, ביז׳ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, גאָרנישט גענומען. אָבער אין זיין נשמה האָט זיך עפּעס אָפּגעשפּיגלט, וואָס אין פאַרגלייך מיט זיינע פריריקע יאָרן, אין קאָרטשין, איז עס געווען היבש קענטיק. איך האָב געזוכט דעם ר׳ גדליה מיט זיינע שיינע מעשיות און אויף אים האָט געהויערט אַ געהיימע זאָרג, וואָס פאַר מיר איז עס געווען שווער תופס צו זיין.

זיין טראַכט האָט ר׳ גדליה דאָ נישט קיין סך געביטן. באָרד און פּאות האָט ער געטראָגן אַזוי ווי אין קאָרטשין; אַ סאַמעטנעם קאַפּעליוש, אַ ווייך העמד — אָן אַ שניפּסל — אויך; בלויז די היימישע בעקעשע מיט די טראַדיציאָנעלע קרומע קעשענעס האָבן דאָ באַקומען גלייכע קעשענעס. אויף אַזויפיל האָט מען מיט אַמעריקא געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס. מיט אַלע אַנדערע פרומקייטן איז מען נישט געווען אַזוי לייכט נאָכצוגעבן.

איין עפּיזאָד פון ר׳ גדליה, דאָ אין אַמעריקא, ווילט זיך פאַרצייכנען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז געגאַנגען אין געריכט וועגן אַרויס־נעמען זיינע אַמעריקאַנער בירגער־פּאַפּירן האָט אים דער ריכטער געפרעגט: „האו לאָנג אַר יו אין אַמעריקא״? (ווי לאַנג ביסטו אין אַמעריקא?) האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג — אין זיין הויכקייט — און געענטפערט: „זאָ לאָנג״! (אַזוי לאַנג!) דער ריכטער האָט געגעבן אַ שמייכל, מער אים גאָרנישט געפרעגט און אים באַשטעטיקט די בירגער־פּאַפּירן.

ווי האַלטן מיר שוין מיט אַזעלכע שופטים אין אַלע וועלט־טיילן! נישט צו זוכן אין באָרד און פּאות, גאָלד און זילבער, נאָר אויך תמימות, וואָס גייט נאָך אַזעלכע יידן זייער גאַנץ לעבן. אפשר וועלן מיר דאָס אויך אַמאָל דערלעבן.

משה מעכאַלע
מיין חומש־רש״י מלמד

משה מעכאַלע איז געווען אַ ייד פון מיטעלן וואוקס, געהאַט אַ „בייכל״, אַ קורץ בערדל, און האָט גענומען זיין מלמדות גאַנץ ערנסט. ער איז געווען אַ שמח־בחלקו. זיין דירה איז באַשטאַנען פון איין שטוב, שמאָל און לאַנג, וואו ס'איז אויך געווען דאָס חדר.

אין דער צייט, ווען איך האָב ביי אים געלערנט, איז זיין ווייב, נעכע־דבורה, געווען פון אים אַוועק. ס'זיינען געווען אַזעלכע צייטן ביי איר: אָט איז זי אַוועק פון אים און אָט איז זי צוריקגעקומען. צוויי טעכטער זייערע זיינען שוין געווען חתונה־געהאַטע, אַ בן־יחיד, חיים, אין מיינע יאָרן, איז געווען מיט דער מאַמען. אויך די יונגסטע טאָכטער, זיסל, איז געווען מיט איר. זי פלעגט גיין אין דאָרף אויפקויפן אייער און עס פאַרקויפן, און פון דעם נאָך אָפּשפּאָרן אַ „קניפּל״.

ווען זי פלעגט, פאַר אַ קורצער צייט, צוריקקומען צו משה מעכאַלען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'וועט שוין זיין שלום־ושלוה, האָט זיך פּלוצים, פון דער העלער הויט, דערהערט אַ פאַרביסענער, איינגעהאַלטענער אויס־געשריי פון משה מעכאַלען: „נכפה־דבורה״! — האָט מען שוין דאַמאָלס געוואוסט אַז זי וועט ווידער פאַרשוואונדען פאַר אַ צייט. דער בן־יחיד זייערער, דער „קדיש״, האָט זיי מייסטנס צוזאַמענגעהאַלטן, אַז ס'זאָל ניט קומען צו אַ גט. און דער סוף איז טאַקע געווען אַז זיי האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אינגאַנצן איבערגעבעטן. ווען איך בין שוין אין קאָרטשין ניט געווען, האָב איך געהערט, אַז משה מעכאַלע האָט זיך אריינגעצויגן אין נעכע־דבורה'ס כאַלופּע, וואָס זי האָט פון אירע פאַרדינסטן אָפּגעשפּאָרט.

דאָס עסן פון משה מעכאַלען איז מייסטנס באַשטאַנען פון אַ געבראָטענער בולבע, באַשיט מיט אַ ביסל זאַלץ, טיילמאָל אויך אַ שטיקל הערינג מיט ברויט און אַ טעפּאַלע צעקאָריע. אין די זומער־חדשים איז זויערע־מילך מיט געקאָכטע באַנדערקעס געווען איינע פון זיינע מאכלים. ער פלעגט זיך אַליין פּאָרען ביי דער קעך, אויפבלאָזן אַ פייער און געהאַלטן אַן אויג אויף זיינע באַליבטע מאכלים, וואָס זיינען ניט געווען פון קיין גרויסן אויסוואַל. ווען דאָס פייער האָט געזשאַרעט, אַביסל איינגעשלאָפן האָט ער עס מיטן בלאָזן פון מויל אויפגעמינטערט, אַז ס'זאָל זיך אויפוועקן.

זיין עלטערע טאָכטער, הינדע, ישראל יעקב סופר׳ס ווייב, פלעגט אים אַמאָל צוברענגען אַ געקעכץ אין אַ טעפּל, צוגעדעקט מיט אַ שטאַרץ, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערבייס אין זיינע מאָלצייטן. איך האָב קיינמאָל פון אים ניט געהערט קיין פאַרלאַנג פאַר דער טאָכטערס באַמיען זיך פון זיינעט־וועגן, און אויך ניט קיין דאַנק דערפאַר ניט געהערט. זי האָט אַלץ שטיל געברענגט און שטיל אַוועקגעגאַנגען. ווי אַזוי ער האָט זיך געספּראַוועט מיט די שבת׳דיקע און ימים־טובים׳דיקע סעודות איז מיר ניט באַקאַנט. אויף זיין פּנים האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזן קיין זאָרג פאַר אַזעלכע זאַכן.

פאַרן — און — נאָכן־עסן האָט ער אָפּגעגעבן אַ לויב צום רבש״ע פאַרן חסד וואָס ער טוט מיט אים, וואָס ער גיט אים זיין באַדערפניש: געוואַשן זיך, געמאַכט אַ ברכה פאַר איעדער זאַך באַזונדער, לויטן דין, און נאָכדעם געבענטשט מיט כוונה פאַר דעם גוטס וואָס דער אויבערשטער האָט אים צוגעטיילט, אָדער די געהעריקע ברכות אויף אַזעלכע זאַכן וואָס מ׳דאַרף זיך דערצו ניט וואַשן.

אַ חוץ מלמדות האָט אויך משה מעכאַלע געהאַט אַנדערע פונקציעס אינם שטעטל, וואָס איז שוין געווען זיין חזקה דאַרויף — אַן באַצאָלט.

פרייטאָג צו נאַכט, אין בית־המדרש, נאָך קבלת־שבת, פלעגט ער באַשטימען די פרעמדע אָרימע־לייט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפינען, פאַר די באַלעבאַטים, צו נעמען אַן אורח אויף שבת. ער האָט שוין געפירט דעם חשבון וואו און ביי וועמען מ׳דאַרף אַן אורח צוטיילן, און אויך ווער ס׳איז מער ביכולת צו נעמען אַן אָרימאַן און אים געבן זאַט אָפּצועסן.

אַ סך מאָל האָבן באַלעבאַטים געהאַט אַליין אַ פאַרלאַנג צו נעמען אַן אורח אויף שבת, זיינען זיי צוגעגאַנגען צו משה מעכאלען, ער זאָל זיי ניט פאַרגעסן. אָפּגעזאָגט דערפון האָט זיך קיינער ניט. ס׳איז געווען אַ כבוד אַהיימצוברענגען אַן אומגערעכטן „גאַסט״, וואָס די ווייבער האָבן זיך אַרום אים, מיט אַ הייליקייט, געפּאַדעט.

אויך פון צייט צו צייט, ווען די שטאָטישע באַלעבאַטים האָבן איינגעזען, אַז עס באַווייזן זיך אין שטאָט צופיל פרעמדע ארחי־פרחי, וועלכע זיינען אַ לאַסט פאַר די היימישע אָרעמע־לייט — ווייל אפילו די אָרעמסטע פון זיי האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט אַ נדבה — האָט קהל באַשלאָסן צו זאַמלען געוויסע סומעס, וועכנטלעך, פון די יעניקע וואָס זיינען עס ביכולת, צוזאַמענ־גענומען אין איין קאַסע, און משה מעכאַלע איז דאָס געווען דעריעניקער וואָס האָט באַשטימט די סומע פון איעדן אורח באַזונדער, אויף דעם אופן

האָט דער אורח געשפּאַרט צו גיין מבית־לבית און געהאַט געכער אַ געלעגנהייט זיך אַריינכאַפּן אין אַן אַנדער שטעטל, וואָס האָט אים פאַרגיטיקט די קלענערע איינזאַמלונג פון קאָרטשין, ווען ער וואָלט באַדאַרפט גיין פון הויז צו הויז.

קיין „קול־קורא׳ס" פאַרן נייעם איינפיר איז קיינמאָל ניט געווען, אָבער ארחי־פרחי האָבן עס דערפאַרן ווי און וואו צו גיין פאַרן „קוויטל" און וואו זייערס אויפצומאַנען. אויף די וועגן פלעגן זיי שוין קריגן זייער איינפאַר־מאַציע פון אַנדערע אָרעמע־לייט, מסתמא, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצורעכנען זייער „מאַרשרוט" פאַר זייער טובה וועגן.

משה מעכאַלע האָט אָפּגעשאַצט ווען צו געבן 20, 30, 40 אָדער גאָר 50 גרייצער — לויטן הולך פון דעם אָרימאַן. אַ מער באַלעבאַטיש אויסזען האָט געקראָגן אַ גרעסערע סומע, און ער פלעגט האָבן אַ נומערירט ביכאַלע פון וואו ער פלעגט אַרויסרייסן אַ בלעטל און אויפשרייבן דאַרויף מיט אַ בליי־שטיפט, איינגעגעצט מיט דער צונג, „כך־וכך תתן לאותו־איש", און דעם בעל־מקבל געזאָגט וואו זיין באַשטימטן „פדיון" אויפצומאַנען. — ס׳האָט זיך ניט געטראָפן קיין פּיפיקער אָרימאַן וואָס זאָל זיך אַליין צושרייבן מער אַ פּאָר גרייצער אויפן פּלאַץ פון אויסגעמעקטער קלענערער סומע, וואָס מ׳האָט עס לייכט געקענט באַווייזן.

אויף אָרעמע־חתונות איז משה מעכאַלע געווען דער ניט־באַצאָלטער בדחן. איך געדענק אַזאַ חתונה, וואו משה מעכאַלע מיט זאַלקעלע מלמד (מיין שפּעטערדיקער גמרא־רבי) האָבן זיך ביידע, אין אַ דועט פון גראַמען, איינער דעם צווייטן אַריינגעזאָגט, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער שמחה — אַלץ ספּאָנטאַן וואָס, וואָלט זיך שיין געפּאַסט אין אַ הייגטצייטיקער אונטערנעמונג לשם אַטראַקציע. אַלץ לומדיש, פרום, ניט וואולגאַר — און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען גאָר אַ היבשער צייט. אַזעלכע צוויי יידן האָבן אויסגענוצט זייערע פעאיקייטן בלויז צו דערפרייען אָרעמע הערצער. — אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטן שוין געווען מיט אַלץ באַזאָרגט!

אָבער די הויפּט־אַטראַקציע איז משה מעכאַלע געווען אַלס „פּורים־רב".

יעדעס יאָר, שבת פאַר פּורים האָט זיך משה מעכאַלע אויסגעסטראָיעט מעשה־רב און דאָס שטעטל האָט זיך צו אים באַצויגן מיט אמת׳ן דרך־ארץ. פון זיין שטריימל אינמיטן האָט ער אַרויפגעצויגן, נאַשפּיץ, דאָס שוואַרץ־בלוילעך פּלושענע געוואַנט, וואָס האָט אויסגעזען אין דעם פאָרם פון אַ היטל־צוקער, אַ פּיראַמידע; אויף זיין פּלושענע רויטע אָדער בלוילעכע בעקעשע, אָדער אַנדערע קאָלירן, (ער פלעגט אַ גאַנץ יאָר טראָגן שבת און יום־טוב

אָזעלכע בגדים — ניט שוואַרצן זייד־אַטלאַס, ווי אַנדערע אינם שטעטל) האָט ער זיך אַרומגעבונדן מיט אַ ווייסן האַנטוך אַלס אַ גאַרטל — און דאָס אַליין האָט שוין אָנגעוואָרפן אַ חשיבות אויף דעם פּורים־רב. צום דאַוונען האָט ער זיך געשטעלט אויבן־אָן, נעבן דעם שטאָטישן רב, און ס׳איז אַלץ אָנגעגאַנגען ווי געוועגלעך אַ גאַנץ יאָר, ביז ס׳איז געקומען צו קריאת־התורה.

קודם האָט מען געזאָגט „ויהי־בנסוע״. אַרויסגענומען די ספר־תורה, אַרויפגעלייגט עס אויפן „שלחן״ און משה מעכאַלע איז צוגעגאַנגען, געגעבן אַ קלאַפּ אויפן שלחן און דער עולם איז געוואָרן שטיל.

נאָכדעם האָט ער אָנגעפאַנגען זיין פּורים׳דיקע דרשה וואָס האָט ממש געשמעקט מיט לומדות. המן, ימ״ש, האָט פון אים אַריינגעכאַפּט זיין פּאָרציע, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט. זיין ווייב און קינדער אויך: „ויזתא״ איז נאַטירלעך אַריינגעפלאָכטן געוואָרן דערין מיט מעשה־פריילעכקייט. און אחשורוש, ושתי, מרדכי ואסתר און די גאַנצע פּורים׳דיקע געשעעניש איז אַזוי קונציק פון אים צוזאַמענגעבינדן געוואָרן, אַז ס׳וואָלט אים בעסער געפּאַסט צו זיין אַ גרעסערער למדן ווי מ׳האָט אים אין שטעטל געשאַצט.

איעדעס יאָר האָט ער געהאַלטן אַן אַנדערע דרשה — קיינמאָל זיך ניט איבערגע׳חזר׳ט. אין זיינע דרשות האָבן אַלע פּורים־העלדן באַקומען זייער פאַרדינטן תיקון, און ס׳איז געווען אָנגענעם און פריילעך. ער האָט זיין פּורים־רב־פּאָזיציע געהאַלטן מיט ווירדע און ערלעך פרעזענטירט. אַלע, אפילו דער שטאָטישער רב, האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט געהעריקן כבוד.

דעם שבת איז משה מעכאַלען אויך צוגעטיילט געוואָרן שישי, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געהערט צום רב. מ׳האָט אים אויפגערופן מיטן אמת׳ן „מורה־מורנו״, לויטן איינגעשטעלטן מנהג.

אונזער רב פלעגט קיינמאָל ניט האַלטן קיין דרשות, איז דעריבער משה־מעכאלעס־אויפטו, איינמאָל אַ יאָר, געווען אַ געשעעניש.

צום סוף ווילט זיך זאָגן אַז משה מעכאַלע איז חלילה ניט געווען קיין טומלער, קיין שרייער, נאָר אַ פּשוט׳ער ייד, אָן טאַראַראַם.

ביים דאַוונען פלעגט ער ניט געוואַלדעווען, אַזוי ווי מאַנכע וואָס האָבן טענות צום רבש״ע, נאָר שטיל אין זיך, מיט התרוממות זיך אָנגליען, אַלעמאָל געשטאַנען גלייך מיטן טלית איבערגעדעקט דעם קאָפּ, פוןביידע זייטן דאָס פּנים פאַרדעקט, בלויז פון פאָרנט האָט מען געזען ווי ער קוועטשט די פאַרמאַכטע אויגן און זיין צורה פלאַמט פון התלהבות. ער שוועבט אין די הימלען. — ער האָט זיך מתדבק געווען מיט זיין גאַנצער נשמה און דרך־ארץ מיט די העכערע עולמות. — ז״ל.

מיין ערשטער מלמד, פון גמרא
דוד סטרעטענער (שטערן)

ער איז געווען אַ אידעם פון מענדאלע האָץ (דער איינבינדער) און איז געקומען פון אַ שטעטל אין מזרח גאַליציע, וואָס האָט געהייסן : סטרעטין.

אַחוץ בבא־קמא, בבא־מציעא, וואָס מ׳פלעגט לערנען ביי אים אַלס אָנפאַנגער, איז ער אויך געווען דער ערשטער צו לערנען שרייבן, רעכנען, לויט דער אויפפאַסונג־מעגלעכקייט פון אַן אכט־ניין־יאָריקן יינגל. ביי אים האָב איך זיך אויסגעלערנט : חיבור, חיסור, כפל, חילוק. וואָלט ער אַליין מער געקאָנט וואָלט איך עס פון אים, כהרף־עין, אַריינגעשלינגען וואָס וואָלט מיר געבליבן עד־היום. ציפערן און מוח־אַקראָבאַטיק האָבן מיך געלאָקט און אונספּירירט.

ס׳איז מיר באַלד צונוץ געקומען צו העלפן מיין מאַמען אין פאַרשרייבן און רעכנען אירע חשבונות, מיטן באָרגן אַ גאַנצע וואָך צו די ווייבער האַלבע און פערטל פונטן מעל פאַר קאָכן קליסקעלעך, מאַכן לאָקשן, טייגלעך און נאָך אַנדערע מאכלים, וואָס זיי פלעגן פון מעל אויסקאָמבינירן. צום סוף וואָך פלעגט מען די חובות באַצאָלן און אָנגעפאַנגען נאָכדעם אַ נייע וואָך — מיט נייע „חובות״.

אפילו אַזעלכע באַלעבאָסטעס וואָס האָבן יאָ געקענט באַלד באַצאָלן האָבן אויך גענומען אויף באָרג אַ גאַנצע וואָך. איינע אַזוינע, פריידע איטע, מענדעל ווייסמאַנס ווייב, פלעגט איינהאַנדלען דורך דער וואָך, פון איעדן טאָג, מער ווי די אַנדערע, איז געוואָרן מיין אויפגאַבע אַריבערצוגיין צו איר דאָנערשטאָג, אָדער פרייטיק און מיט איר צוזאַמענרעכנען די גאַנצע סומע פון דער וואָך, און געקראָגן מזומן. די אַנדערע האָבן אַליין געפירט זייער חשבון (אויפן קאָפּ), חלילה גאָרניט פאַרלייקנט און באַצאָלט. די גאַנצע דורכשניט סומעס, צוזאַמען מיט די שבת׳דיקע חלות און ברויט פאַר אַ גאַנצער וואָך האָבן זיכער ניט באַטראָפן מער ווי אַ ריניש.

דוד סטרעטינער איז געווען אַ גוטער בעל־קורא, פלעגט ער זיך צוכאַפּן שבת צום לייענען, וואָס איז געווען אַ חזקה פון זאלקעלע מלמד. דוד האָט געקענט דעם גאַנצן חומש פון אויסווייניק צוזאַמען מיטן טראָפּ פון

אַיעדער וואָרט. קוים האָט ער אָנגעפּאַנגען אַ וואָרט פון אַ פּסוק איז שוין זיין געדאַנק געפלויגן ווייטער צוזאַמען מיטן איבער׳חזר׳ן שנעל מיטן מויל, ביז וואו ער האָט געוואָלט דערגרייכן.

אין שרייבן האָט ער באַוויזן אַ קונסט, מיט פּערלדיקע אותיות און קלאָר, גאַנץ שיר־השירים אַריינצופּאַסן אין אַ פּאָסטקאַרטל. אַ דאַרער, אַ בלאָנדער, אַ ביסל העכער פון געוויינלעכן וואוקס, אַביסל געבויגן, איז ער געווען אַ שטיק קוועקזילבער: ניט פיל געטראַכט און באַלד געטאָן וואָס ער האָט באַשלאָסן. אויך זיין ווייב, די רביצין איז ניט געווען קיין פלייִשיקע. זייער פּרנסה, מ׳שטיינס־געזאָגט, האָט ניט געסטאַיעט פאַר לוקסוס. געוואוינט האָבן זיי ביי גאָדאלען אין אַן איינצימערדיקער וואוינונג וואו ס׳איז אויך געווען די קיך און דאָס חדר. אַ קינד האָבן זיי געהאַט, אַ דריי יאָריקן, (דאַכט זיך געהייסן: אברהם) פלעג איך אים כסדר פּיאַסטעווען ניט פערלאַנגענדיק עס פון מיר. איך האָב ליב געהאַט צו פאַרשפּילן קלענערע פון מיר.

ווינטער פלעגט ער, ר׳ דוד, צוזאַמענגעמען צי צוויי גרייצער פון אַיעדן תלמיד אָנצופילן דעם נאַפט־לאָמפּ וואָס איבערן טיש וואו מ׳האָט געלערנט. אַהיימגייענדיק אין דער טונקל האָבן מיר געהאַט, אַליין געמאַכטע, פּאַפּירענע לאַמטערן. צו זיין באַוואָרנט פאַר מזיקים און גלאַט אַזוי פאַר פריילעכקייט. דורכגייענדיק דער פּוסטער שול האָבן קליינוואַרג געכאַפּט אַ ציטער, טראַצדעם וואָס ס׳איז נאָך ניט געווען קיין „חצות" ווען די „יענער וועלטיקע" האָבן שליטה. זכרונות וואָס בינדן זיך איינע מיט דער צווייטער ווען מ׳האָט דורכגעמאַכט דאָס חדר פון ר׳ דוד סטרעטענער.

אײנמאָל קומט מיין מאַמע צו ר׳ דוד׳ן מיט אַ בקשה: אַזוי ווי זי האָט באַקומען פון איר שוואָגער, דוד שנעק פון אַמעריקא, 5 גילדן, בעט זי אים, מיין רבי׳ן, איר אָנצושרייבן אַ דאַנק פאַר דער מתנה. — מער האָט זי אים ניט געזאָגט, נאָר אים געגעבן אַ ליידיק פּאָסט־קאַרטל פאַר דעם צוועק.

זע איך ווי ער שרייבט און שרייבט מיט זיינע קליינע פערלדיקע אותיות׳לעך און ס׳נעמט ניט קיין עק. נאָכדעם לייענט ער איר איבער אַ גאַנצע מגילה, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעלעזן אַלע אירע געדאַנקען און עס אָנגעשריבן. — ס׳קען זיין, אַז דאַמאָלס האָב איך באַקומען, אינדירעקט, מיין ערשטע לעקציע פונם שרייבערישן „סוד": פון איין וואָרט צו קענען מאַכן אַ קוואָרט.

וואו איז זיין געבליבן מיט זיין משפחה? — דאָרט וואו אַלע קדושים, זייערס גלייכן ... ע״ה.

זאַלקע מלמד

מיין צווייטער גמרא־מלמד איז געווען זאַלקעלע. זיין פאַמיליע־נאָמען איז טאַקע אויך געווען: מלמד.

ביי זאַלקעלען האָט מען זיך ניט מתעסק געווען מיט אַנדערע לימודים, ווי שרייבן, רעכענען. אפילו די סדרה פון דער וואָך איז מען „דורכגעגאַנגען" ניט לשם פאַרהערן, צי מ׳קען זי גוט סוף וואָך, אָדער ניט, אַזוי ווי פאַר דעם שעור פון דער גמרא. אויך דאָס מעביר־זיין די סדרה האָט ניט פאַר־נומען צופיל צייט. אין 10־11 יאָריקן עלטער האָבן שוין אַזעלכע יינגלעך געוואוסט אַליין ווי זיך צו ספּראַווען מיט די אַלע זאַכן.

בלויז פאַר שבועות האָט זאַלקעלע מיט חברה אויסגעזוכט דעם אקדמות און זיין טייטש; פאַר תשעה־באב האָט ער דעם איכה אויסגעווינט מיט ביטערע טרערן — ממש געגאָסן מיט זיי אויפן חורבן בית־המקדש; פאַר סוכות האָט ער שיר־השירים מיט אַ געהויבענער פריילעכקייט פאַרטייטשט, און פאַר פורים — די מגילת־אסתר. זיין חזנ׳ישע שטימע, פון דעם אַלעם, ליגט מיר נאָך ביז היינט אין טעם.

יאָ, אַפילו די סדרה׳ס פון דער וואָך זיינען ניט אַלע געווען גליך.

אין דער פּרשה וואו ס׳איז פאַראַן, אַז רחל איז געשטאָרבן אויפן וועג, וואו יעקב האָט זי באַגראָבן, איז פאַראַן אין רש״י אַ געדאַנק פון דער השגחה דערביי: אַז ווען נבוזראדן האָט פאַרטריבן די יידן אין גלות, זיינען זיי דורכגעגאַנגען רחל׳ס קבר, האָט זיך רחל צעוויינט אויף אירע קינדער (רחל מבכה על בניה), איז אַרויסגעגאַנגען אַ טרייסט פונעם כביכול, אַז: ושבו בנים לגבולם. ר׳ זאַלקעלע האָט ממש מיט זיין אינטאָנאַציע געשאַפן אַ בילד וואָס מ׳האָט באַשיינפערלעך געזען.

אויך די סדרה האזינו, וואו משה נעמט הימל און ערד פאַר עדות, אַז ווען די בני־ישראל וועלן זיין גוט און פרום וועט זיי די ישראל־ערד געבן פון אַלעם גוטן, און ווען חלילה ניט, וועט זיין פאַרקערט — אַלע אַזעלכע אויסנאַם־לימודים האָבן זיך געהאַט זייער ספּעציעלן ניגון, און זיי זיינען אַריין אין אונזער פרומען געמיט. עד היום געדענקט זיך עס.

שבת אין די זומער־חדשים האָט פאַרנומען פרקי אבות אַ וויכטיקן

פּלאַץ, און ווינטער האָט ווידער ברכי נפשי געדינט, אַז קינדער זאָלן ניט ווערן הפקר. מיט זיין באַגרענעצטן, אָבער דאָך אינטערעסאַנטן אופן, אויס־טייטש, האָט ער אויף אַ סענסיטיוון תלמיד געווירקט אויף אַלע יאָרן. זיין דרך האָט זיך איינגעבאַקן אין דער נשמה. — אַ „היינטיקער״ וואָלט געזאָגט: ער איז אַריינגעדרונגען אינעם אונטערבאַוואוסטזיין פון זיינע תלמידים.

און כ׳קען טאַקע זאָגן, אַז אין ענין לערנען, מסביר־זיין, איז ער געווען אַ מוסטער פון פּעדאַגאָגיע. וואָס ער האָט איבערגעגעבן זיינע תלמידים האָט ער אַליין דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט אויף זיין אייגענעם אופן, און האָט עס געטאָן ווי ער האָט פאַרשטאַנען. — אַ קשיא אויף עפּעס, האָט ער ניט, אַזוי גלאַט, איגנאָרירט; ער האָט זיך געגריבלט צו געבן פאַרשטענדלעכע תירוצים.

ביי גמרא־לערנען פלעג איך זיך אָפט אָפּשטעלן, וואו איינס האָט סותר געווען דאָס צווייטע; אויפן נעקסטן דף איז עפּעס אָנגעגאַנגען אַן אביי־ורבא־סיכסוך וואָס האָט ניט געשטימט מיט אַ דף פריער, וועגן אַזאַ סאָרט ענין — האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעפאַנגען נאָכזוכן דעם מהר״ם, מהרש״א און אַנדערע מפרשים, ביז ס׳איז געוואָרן קלאָר די סתירה.

רש״י מיט תוספות איז געווען דער געוויינלעכער סדר פון לערנען. צו די איבעריקע מפרשים האָט ער זיך געווענדעט בלויז אין אויסנאַמספאַלן. — פאַר אַזאַ בחור׳ל ווי איך, וואָס האָט באַוויזן דעם רבי׳ן אַביסל נאָכצוטראַכטן, נאָכצוקוקן, איז עס געווען אַ היפּשע סאַטיספאַקציע.

אַ קלייניקייט: גדולים האָבן דאָס זעלבע געפרעגט און פאַרענטפערט! אַ סך מאָל האָט ער זיין אייגענעם מוח געמוזט שאַרפן, ווען ער האָט אין די מפרשים קיין תירוץ ניט געפונען. אין אַזעלכע פאַלן, פלעגט ער פאַרשרייבן אויפן ראַנד פון דער גמרא, מיט לשון־קודש געמישט מיט גמרא־לשון, די קשיא מיטן תירוץ, לויט זיין איינפאַל. דאָס האָט מיר געוויזן ווי אַזוי מ׳ווערט אַ „בעל־מחבר״.

זיין ערנסטע באַציאונג צו זיינע תלמידים האָט אויף מיר געווירקט מיט אַ געוואַלדיקן דרך־ארץ.

אין דער צייט וואָס כ׳האָב געלערנט ביי אים, האָט זיך ביי מיר דער־וועקט אַ פאַרלאַנג צו בלייבן ביים לערנען — דאָס זאָל זיין מיין לעבנס־ציל. ניט, נאַטירלעך, צו ווערן אַ פּשוט׳ער מלמד, נאָר עפּעס העכערס: ווייניקסטנס אַ רב אין אַ שטעטל. איך האָב טאַקע געוואוסט אַז זאַלקעלע רעכנט זיך ניט

פון די גרעסערע לומדים אין קאַרטשין, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך אַריינצובאַקומען אין אַזעלכע תלמידים ווי איך, אַז ס׳זאָל ווירקן.

צו העלפן זיך אַביסל אין פרנסה, האָט זאַלקעלע אויך אונטערגעהאַנדלט מיט ספרים, ציצית, טליתים־קטנים. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיין סחורה אויסשטעלן אין בית־המדרש, אין דער פרי ביים דאַווענען — ווען דאָס חדר איז אַ פּאָר שעה געווען פריי — און איך בין געוואָרן זיין שטענדיקער קונה. קודם, איז געווען מיין פאַרלאַנג, צו באַזיצן אַיעדע גמרא וועלכע כ׳פלעג לערנען. און איך האָב געהאַט אַ נויגונג צו מעשה־ביכלעך, און ס׳האָט מיר בעסער געפּאַסט צו לשון־קודש׳דיקע, ווי צו יידישע, וואָס איז געכער פאַר וייבער. חסידישע מעשיות, ווי שבחי־בעש״ט, און נאָך אַזעלכע, זיינען פאַר מיר געווען גאַנגבאַרע סחורה.

פאַר אַזעלכע זאַכן האָב איך פון מיין מאַמען קיין געלט ניט געקענט פאַרלאַנגען. פון מיינע פאַרדינסטן, וואָס איך פלעג מאַכן צאַצקעס פאַר באַלע־באַסטעס, פענער פאַר קינדער אויף שמחת־תורה, אויף חנוכה דריידלעך און אויף פּורים פאַר די פאַרשידענע פאַרשטעלענישן אינעם שטעטל, ווי אויך אויף פסח באַפּוצונגען פאַר מאַנכע שטובן — דאָס אַלץ האָט מיר אַריינ־געבראַכט אַ פּאָר גראָשן, צו קענען קויפן פאַר מיינע גייסטיקע באַדערפענישן.

זאַלקעלע האָט מיך קיינמאָל ניט צוגערעדט עפּעס־וואָס צו קויפן. בלויז ווען כ׳האָב זיך עס ביי אים געפרעגט, האָט ער עס מיר אָנגעוויזן. ער האָט מיר אויך ניט געגעבן קיין קניפּ אין בעקל פאַר זיין דער אויסנאַם צווישן מיינע חברים. ער האָט זיך באַצויגן מיט טאַקט און פאַרשטאַנד: ניט מיך אַרויסצוהויבן לגבי זיי.

אין אונזער כתה איז געווען נאָך אַ גמרא־קעפּל, חיים הערש, מענדל וויסמאַנס, וואָס האָט געהאַט אַ שנעלערע תפיסא ווי איך, אָבער קיין קשיות פלעגט ער ניט פרעגן. — מיר וועלן, איה״ש, דערצו קומען אין פאַרצייכענען מיינע חברים.

אין די שבתים און ימים־טובים איז זאַלקעלע געווען דער שטענדיקער בעל־קורא אין בית־המדרש. אַחוץ דעמאָלט ווען דוד סטרעטינער איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. ס׳איז געווען אַ סברא, אַז אויפן טראָפּ, איז דוד דער מומחה, אָבער אַלס שבת־ און־ יום־טוב׳דיקער בעל־תפילה איז זאַלקעלע געווען מער צוגעפּאַסט. זיין ערנסטקייט, געזאַנג און תפילה האָבן זיך גוט אויסגעמישט, און ס׳איז געווען אָנגענעם פאַרן אויער און האַרץ.

קיין אַרויסהעלפערס האָבן צווישן די דאַווענערס ניט געפעלט, און מ׳איז אַרויס נאָכן דאַווענען געלייטערט.

נאָך וועגן זאַלקעלע מלמד, ע״ה

זאַלקעלעס מקום־מנוחה איז באַשטאַנען פון צוויי שטובן: אַ קיך מיט אַן אַלקער. די קיך איז אויך געווען זיין פרנסה־שטוב, דאָרט איז געווען דאָס חדר; דער אַלקער, פאַרשטייט זיך, איז געווען דאָס חדר־מיוחד, וואו אַ משפחה־לעבן ווערט געגרונטפעסטיקט.

קודם ווילט זיך אויסמאָלן די גרויס און פאָרם פון זיין דירה:

די קיך איז געווען אַן ערך $8\frac{1}{2}$ פוס די ברייט און 13 פוס די לענג. אויף דער לינקער זייט פון דער לענג, איז געווען אַ טיר: דער אַריינגאַנג. פון דער טיר, גלייך־אויס דער לענג פון דער קיך, איז געווען דער דורכ־גאַנג צום אַלקער, וואָס זיין טיר איז געווען באַוואָרנט מיט אַ קייטל פון אינעווייניק. קיין שטאַרקע באַוואָרענישן מיט שלעסער, זיינען דאָרט נישט געווען. אויף דער זייט פונעם דורכגאַנג זיינען געווען צוויי פענסטער אין דער קיך און אין דער זעלבער זייט זיינען אויך געווען פענסטער אינעם אַלקער.

נעבן דער רעכטער זייט וואַנט פון דער קיך איז געשטאַנען אַ באַנק־בעטל, וואָס בייטאָג האָט עס געדינט פאַר די תלמידים אויף זיי צו זיצן; אַ שמאָלער, לאַנגער טיש, די לענג פונעם באַנק־בעטל — דערנעבן. דער טיש איז געווען ברייט גענוג, אַז אויף בידע זייטן זאָל זיין פּלאַץ פאַר די גמרא׳ס, איינע אַנטקעגן דער צווייטער. אויף דער לינקער זייט טיש איז געווען אַ לאַנגע באַנק, די זעלבע לענג ווי דער טיש. אויבנאָן (ד. ה. אַנטקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג) איז געזעסן זאַלקעלע. — וואָס פאַרא „כסא־מלוכה״ דאָס איז געווען, געדענק איך שוין נישט. זיכער נישט פון היינטיקער סאָרט באַקוועמלעכקייט, אָבער, שטאַרק גענוג, אַז ס׳זאָל זיך עלטערן מיטן גאַנצן בני־בית. אונטן, אויף דער שמאָלער זייט טיש, אַנטקעגן זאַלקעלען, איז אויך געווען אַ צוזאַמענגעקלאַפּטער זיץ־פּלאַץ פאַר איינעם, אָדער העכסטנס צוויי תלמידים, אין אַ נויטפאַל.

אין מיין צייט האָט זאַלקעלע געהאַט אַ 10־11 תלמידים — איז פאַר 5 און 5 אויף בידע זייטן לענג־אויס דעם טיש, און איינער, אָדער צוויי, אויף דער שמאָלער זייט, איז געווען גוט גענוג, אַז מ׳זאָל נישט זיין אין צופיל ענגשאַפט.

דער עלטער פון די תלמידים איז געווען פון 10 ביז 13 יאָר, וועלכע האָבן נישט באַדאַרפט אַזאַ ברייטקייט.

פון זאַלקעלעס פּלייצע, ד. ה. פון זיין זיצבענקל אָן, האָט זיך אָנגע־

פאַנגען די קיך, וואָס האָט פאַרנומען אַ פערטל די גרויס פון דער גאַנצער שטוב. עס איז באַשטאַנען, קודם, פון אַן אויוון צו וואַרעמען די פלייצע פונעם רבי׳ן, און ממילא אויך דאָס גאַנצע חדר. — דער אויוון האָט באַ־קומען זיך וואַרעמקייט אין ווינטער, ווען מ׳האָט געקאָכט אין דער קיך, אָדער פרייטיק פונעם באַק־אויוון, וואָס אַלע 3 צוזאַמען זיינען געווען אין אַזאַ קאָמבינאַציע פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן. אין זומער האָט מען געקאָכט אויפן דרייפוס מיט שפענער און די היץ מיטן רויך זיינען גלייך געגאַנגען אין קוימען אַריין — אַרויף, צום דרויסן.

דאָס אַנבייסן, דאָס ביסל ציקאָריע — פאַרוויסט מיט מילך — און ברויט מיט פוטער, פלעגט זאַלקעלע עסןביים טיש וואו די תלמידים האָבן געלערנט. בלויז מיטאָג־צייט און נאַכטמאָל (וועטשערע) פלעגט ער קענען ביחידות האָבן זיינע מאָלצייטן. דעמאָלט זיינען זיך די תלמידים צעגאַנגען אַהיים פאַר דעם זעלבן צוועק.

דאָס לערנען איז באַשטאַנען פון אַ 12 שעה אַ טאָג מיט 2 הפסקות: מיטאָג און אין מנחה־ומעריב־צייט אין ווינטער, און איין הפסקה זומער: מיטאָג־צייט.

דאָרט וואו די קיך מיטן באַקאויוון האָבן זיך געענדיקט, איז געווען אַ טיר פאַרן אַלקער.

דער אַלקער האָט, אפשר, געקענט זיין מיט אַ פוס קירצער, אָבער די ברייט פון אים איז געווען ווי די קיך. — לויטן חשבון: אַז ס׳זיינען דאָרט געשטאַנען צווי בעטן אין ביידע זייטן פון דער לענג, צווישן די בעטן, אויבן, אַ קאָמאָדע, און אין דער זייט פון דער טיר איז געשטאַנען אַ קליידער־שאַנק, און אפשר אויך אַן עקסטראַ בענקל — וואָס איך בין אין ספק — איז, לויט דעם, בין איך 90 פראָצענט נאָענט צום אמת. אָבער אויף מיין פינקטלעכקייט וועל איך זיך נישט שפאַרן.

איצט, אַז כ׳האָב שוין מיין רבי׳ן „אויסמעבלירט״ מיט אַלע זיינע „הצטרכות׳ן״ פון אינעווייניק, און לגבי דעם דרויסן צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז אויך כדאי עפּעס צו וויסן וועגן די לעבעדיקע נפשות פון וואָס אַ משפחה באַשטייט.

ווען איך האָב ביי זאַלקעלען געלערנט, האָט ער געהאַט צווי קינדער: די עלטסטע טאָכטער פרומעט, כמעט אין מיין עלטער, און בן־ציון, אַ יינגערער פון איר. — ערשט איצט, נאָך אַן ערך פון 60 יאָר האָב איך אויס־געפונען אַז ס׳איז שפּעטער צוגעקומען אַ טאָכטערביילע, אַ זון מעכטשע,

און אַ ייִנגסטע טאָכטער ברײַנדל. צוזאַמען, קיין ע״ה, 5 קינדער. און אַלע, ביזן ערשטן וועלט־קריג האָבן געהאַט פּלאַץ אין דער אויבן־באַשריבענער דירה.

דער ערשטער קריג האָט אַלץ פֿאַרניכטעט, און זײַן שפּעטערדיקע וואוינונג איז מיר אומבאַקאַנט.

צוליב וואָס ס׳איז אַזוי וויכטיק צו וויסן אַזויפֿיל אײנצלהייטן? איז הערט אַ מעשה וועט איר אַליין אורטיילן, (אַחוץ דעם גיט עס אַ בילד פֿון כמעט 95 פּראָצענט „רײַכקייט״, פֿון וואָס אַלע ייִדן פֿון קאָרטשין זײַנען באַשטאַנען. אַ סך פֿון זיי האָבן גאָר געהאַט בלויז איין שטוב, וואָס האָט געגאָלטן פֿאַר אַלץ מיט אַנאַנדער — אַפֿילו פֿאַר אַ גרויס געזינדל.

אַז נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט אין קאָרטשין אַרײַנגעוויילעט אַביסל היינט־וועלטישקייט, דאַרף איך די אינפֿאָרמאַציע ערשט קריגן דורך אַנדערע. אין מײַן צײַט, האָט מען דערפֿון נישט געוואוסט. נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין לײַכטער איבערגאַנג איז עס נישט געווען, פֿאַר ביידע צדדים: נישט פֿאַרן אַלטן, און אויך נישט פֿאַרן נײַעם דור. אין אַזאַ ענגן צוזאַמענלעבן, ווי אײנצלנע משפּחות זײַנען געווען, איז אויך די גאַנצע קהילה געווען איין קנויל פֿון הײַזער, געקניפּט און געבונדן. נו, די טאָג־טעגלעכקייט צו שילדערן, ווי אַזוי דער איבערגאַנג איז פֿאָרגעקומען, איז פֿאַר מיר נישט מעגלעך. אָבער איין כאַראַקטעריסטישע מעשה, וואָס — אַן עד־ראיה — האָט מיר דערציילט, וועט עס אַביסל דערקלערן.

זאַלקעלע האָט געהאַט אַ שוועסטער — פֿון איין טאַטן, אָדער איין מאַמען — מיטן נאָמען מרים שרה. מיידלוויז איז זי געפֿאָרן קיין אויבער־שלעזיען, דײַטשלאַנד, דאָרט חתונה געהאַט, און, פֿון צײַט צו צײַט, פֿלעגט זי קומען צו גאַסט קיין קאָרטשין. איך געדענק נאָך, ווען זי פֿלעגט קומען אין שטעטל, איז עס פֿאַר זאַלקעלען געווען אומבאַקוועם, פּשוט טראַגיש, צוליב איר טראַכט, וואָס האָט געכער געפּאַסט פֿאַר אַ פּריצטע, נישט פֿאַר אַ ייִדישער טאָכטער. אָבער ווען זי איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט ערשט זאַלקעלע אויפֿגעאָטעמט. קיין נחת האָט ער פֿון איר נישט געהאַט.

נאָך פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג, ווען פֿרומעט, די עלטסטע טאָכטער זײַנע, איז שוין געווען אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, איז איר טאַנטע, מרים שרה, קראַנק געוואָרן, האָט זי געשריבן צו איר ברודער, אַז ער זאָל שיקן פֿרומעטן צו פֿירן איר באַלעבאַטישקייט. כאָטש זאַלקעלע האָט זיך געשראָקן פֿאַרן טריפֿה׳ס פֿון זײַן שוועסטער, האָט ער דאָך נישט געקענט אָפּזאָגן איר

פאַרלאַנג. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו די הכנות פון דער רייזע, האָט פרומעט, און אפשר אויך מיט דער הילף פון עצה־געבערס, באַשלאָסן זיך אָנצו־טאָן אַביסל „היינטיק־וועלטיש״.

ווי אַזוי אַ קאָרטשינער מיידל, אין יענער צייט, האָט זיך אָזעלכע זאַכן דערוואוסט, בלייבט אויך אַ וויבערשער סוד. זייער אינסטינקט, צו אַזעלכע זאַכן, איז שטאַרק. זיי דערשמעקן שוין די נייע מאָדעס.

האָט זיך פרומעט, פאַר איר רייזע, אָנגעגרייט אַ היטעלע פאַרן קאָפּ — מיט אַ נייער סאָרט באַצירונג — כדי איר טאַנטע זאָל זיך מיט איר נישט שעמען. איז, פרעגט נישט וואָס ס׳האָט זיך, צוליב דעם, אָפּגעטאָן אין זאַלקע־לעס שטוב! קוים מיט צרות, האָט מען געמאַכט אַ פשרה, אַז פרומעט זאָל דאָס היטעלע אָנטאָן ערשט אין קראָסנאָ אויף דער באַן — נישט דערמיט אַרויספאָרן, בפרהסיא, פון קאָרטשין. זאַלקעלע וואָלט אַזאַ חרפה נישט איבער־געטראָגן.

און זייענדיק ביי דער טאַנטע אַ פּאָר וואָכן איז זאַלקאַלע געוואָרן אומ־רואיק, האָט ער פרומעט׳ן געשריבן, זי זאָל אַהיימקומען. דאַרויף האָט פרומעט געענטפערט, אַז די טאַנטע איז נאָך קראַנק און מוז דאָרט פאַרבלייבן פאַר אַ לענגערער צייט. פאַר זאַלקאַלען איז עס נישט געווען קיין תירוץ. ביי אים אין קאָפּ האָבן זיך געמישט פאַרשידענע געדאַנקען: ווער ווייסט? אַז צוליב אַ פאַרשאַרט היטאלע האָט מען זיך, פאַרן פאָרן, אַזוי שטאַרק מוסר־נפש־געווען, קען דאָך דאָרט, אין דער טרפה׳נער מדינה, דייטשלאַנד, אָנדערע לאָקונגען איר צוריקהאַלטן פון אַהיימקומען!

פאַר אַ יידישער טאָכטער איז עס אַ סכנה!

זיינען אָנגעגאַנגען קאָרעספּאָנדענציעס וועגן איר אַהיימקומען, און ס׳האָט נישט געהאָלפן: פרומעט האָט נאָך נישט געהאַט בדעה צו פאַרלאָזן איר טאַנטע.

ווי ס׳זעט אויס האָט זאַלקאַלעס יידיש האַרץ, נאָך ווייט פאַרן טאָטאַלן חורבן, דורך די דייטשע נאַציס, ימ״ש, זיך געשראָקן פאַר זייער „ציוויליזאַציע״. עס איז פאַר אים געווען די גרעסטע טראַגעדיע אפילו צו מאַכן איין שפּאַן אַוועק פון דעם פרומען אָנגענומענעם יידישן דרך. — (אינגאַנצן גענאַרט דערין איז ער זיכער נישט געווען).

ווען ס׳האָט זיך שוין ביי אים געהאַט אָנגעזאַמלט געננוג חשדים, אַז פרומעט זוכט בלויז תירוצים נישט אַהיימצוקומען, האָט זאַלקאַלע דיקטירט זיין יונגערע טאָכטער אַ בריוו צו פרומעט׳ן: צוערשט שטילערהייט, אויף

אַ פּאַטערלעכן אופן; אָבער צוביסלעך האָט עס אין אים אָנגעפאַנגען צו ברויזן (האָט ער דען שוין נישט איינמאָל זיך ביי איר געבעטן צו קומען?) און געענדיקט מיט אַ הויך קול, אויסגעשריגן אַז אַלע תלמידים האָבן געהערט: שרייב איר, אַז זי איז אַ—ש־י־ק־ס־ע!!!

מיט דעם האָט ער זיך אויסגעלאָדן אויף אַלץ און אַלעמען, וואָס לויערן אויף יידישע קינדער, און אויף זיין בלוט־און־פלייש בתוכם. מיט זייער שמד־שטיק זיי אָוועקצופירן פונם דרך־הישר. ער האָט פּשוט געציטערט דערפאַר.

נאָך אַ מעשה׳לע וועגן זיין זון בן־ציון: ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, האָט ער זיך איינמאָל אַרויסגעשלייכט פון דער היים מיט אַ שטייפן קראַגן אויפן האַלז און דערמיט געקומען אין בית־המדרש אַריין. האָבן זיך געפינען „מוסרים" און עס אונטערגעטראָגן זאלקאלען. איז, אַזוי שנעל בן ציון איז אַהיימגעקומען, האָבן זיך זאלקאלעס פינגער אַריינגעגראָבן אינם קראַגן און אים אַראָפּגעריסן צוזאַמען מיט אַ שטיק העמד, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געהאַלטן. — אַזאַ פּושעי־ישראל!

ווען נישט זאַלקאַלעס ווייב, טויבע (בן ציון׳ס מוטער) מישט זיך נישט אַריין, וואָלט נאָך בן ציון געוואָרן אַ בן־סורר־ומורה. זיין כעס דאַמאָלס האָט אָנגעדייטעט דאַרויף. אָבער נאָך דער סצענע איז אים שוין אָפּגעפאַלן דער חשק צו וועלן מער טראָגן אַ קראַגן.

שפּעטער, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז עס געוואָרן אַנדערש: אויך זאלקאלע האָט שוין געקענט פאַרטראָגן אַ קראַגן, אויף זיינע קינדערס האַלז.

* * *

ס׳זאָל זיין אַ פולער בילד וועגן זאלקאלע און זיין משפחה, דאַרף מען אויך צוגעבן אַז זיין ווייב, טויבע, האָט נישט נאָר פונקציאָנירט צו קאָכן, באַקן און צו קינדלען, נאָר האָט אויך אַליין אונטערגעהאַנדלט: — פרייטיק אויפן מאַרק מיט אַביסל סחורה אויף אַ געשטעל פון צוויי קעסטלעך מיט אַ ברעטל דאַרויף. די סחורה איז באַשטאַנען פון אַ 3, 4, 5 סאָרטן קאָלירטע לייוונט, מיט בלומען, אָדער פּשוט׳ע, וואָס די דאָרפס־גויעס פלעגן קויפן פאַר זייער באַדערפניש. אויך מאַנטיק איז זי געפאָרן מיט איר „סחורה" קיין קראָס אויפן מאַרק.

וויפיל אַזאַ האַנדל האָט געקענט אַריינברענגען אין אַ קורצן ווינטער־טאָג, אין ערב־שבת, איז שווער צו באַשיידן.

אויך: וואו די „סחורה״ איז געלעגן אַ גאַנצע וואָך, בין איך היינט אין ספק. יאָ: זאלקעלע האָט דאָך אויך געהאַט זיין אייגענעם קויש מיט ספרים, טליתים־קטנים, מעשה־ביכלעך, מיט וועלכע ער האָט געפירט מסחר — וואו איז געווען פלאַץ אין זייער דירה פאַר דעם אַלעם? — תיקו.

* * *

אין מיין יונג מוח׳ל האָב איך, אין יענער צייט, דערפון נישט געטראַכט, אָבער היינט איז עס מיר געוואַלטיק קשה.

דאָסזעלביקע קען דאָך געפרעגט ווערן אויפן גאַנצן יידישן געזעמל, וואָס האָבן זיך געפינען בכל־תפוצות אינם אייראָפּעאישן „גן־עדן״, וואָס איז אַזוי ברוטאַל פאַרניכטעט געוואָרן, און וואָס זיינען געשטאַנען מאָראַליש הימל־הויך לגבי זייערע פאַרניכטערס. — ווי אַזוי האָבן זיי באַוויזן אין אַזאַ ענגשאַפט צו עקזיסטירן און נאָך דערצו נישט פאַרלירן דעם צלם־אלקים?

ראובן יוסף

מיין דריטער, און לעצטער, גמרא־מלמד איז געווען ראובן יוסף. ראובן־יוסף איז געווען באַוואוסט אַלס למדן. אַ ייִנגל וואָס האָט געשטרעבט צו בלייבן ביים לערנען, אָדער אַזוי אַ באַלעבאַטיש קינד, האָט באַדאַרפט אָנקומען צו ראובן־יוסף׳ס חדר.

איך געדענק ניט ווי אַלט איך בין דאַמאָלס געווען — 12 אָדער 13 יאָר — אָבער זיין צוגאַנג צו תלמידים האָט מיר ניט שטאַרק אימפּאָנירט. ער האָט געלערנט טרוקן — אָן וועלכער עס איז אינספּיראַציע פאַר די תלמידים. אַזוי ווייניקסטנס האָט זיך מיר געדאַכט. ווען איך פלעג אים אַמאָל פרעגן מיינע „באַקאַנטע קשיות" האָט ער מיר באַלד געענטפערט דאַרויף, און מיר ניט געגעבן אפילו אַן אָנצוהערעניש אַז ערגעצוואו פרעגט עס דער פּני־יהושע, מהרש״א א. ז. וו. און ס׳ווערט דאָרט פאַרענטפערט.

מיט אַזאַ צוגאַנג פון זיין זייט האָט עס מיר אָפּגענומען דעם חשק ווייטער צו פרעגן.

ש״ס און פוסקים האָט ער געקענט פון אויסווייניק, האָט ער זיך ניט געמאַכט קיין צימעס, וואָס משה, רייזל־יידאַלעס, פרעגט דאָרט עפּעס אַ קשיה — אָדער אפשר גאָר: האָט ער זיך געטראַכט, אַז ס׳איז פאַר מיר בעסער ניט צו בלייבן ביים לערנען? די גליקן וואָס ער אַליין האָט געהאַט דערפון האָט ער מיר זיכער ניט געקאָנט ווינטשן. אפילו אַלס בעסערער מלמד האָט זיין ווייב געמוזט צוהאַנדלען מיט לייוונט אויף ירידים, אַזוי ווי די אַנדערע ווייבער פון מיינע מלמדים — נו, וואָס וועל איך שוין האָבן, אַז כ׳וועל קענען אַ בלאַט גמרא? — פאַר אַ יתום איז עס ניט קיין עסק!

אפילו פאַר זיין איינציקע טאָכטער האָט ער קיין איידעם אַ לערנער ניט גענומען. ער האָט זיך משדך געווען מיט איינעם אַן אָנגעשטעלטן אין אַ וואַלד, וואָס האָט כאָטש געהאַט פּרנסה.

אויך אויף זיין זון פּיניען, וואָס איז געווען אין מיינע יאָרן, האָט ער די תורה ניט אַרויפגעצוואונגען — זיכער צוליב דיזעלביקע אורזאַכן. אמת,

פּיניע איז ניט געווען קיין געוואַלטיקער בעל־תפיסה, אָבער אַ ייד אַן עקשן ווייסט שוין ווי אַריינצוקלאַפּן אין אַ „גויישן־קאָפּ" אַ שטיקל תורה.

ווי ס׳זעט אויס איז אים דאָס גאַנצע מלמדות געווען אַן אָפּקומעניש. פון זיין בייסן כסדר די ציגאַרשפּיצלעך, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אַרויס־געלאָזט פון מויל, און דאָס נערוועזע שלינגען דעם רויך פון די ציגאַרעטלעך האָבן עדות געזאָגט אויף זיין אומווילן צו זיין באַשעפטיקונג. זיין הייזעריקייט איז זיכער געקומען פון זיין צופיל רויכערן. — כ׳האָב ביי אים געלערנט צוויי זמנים, און ערשט נאָך אים בין איך געגאַנגען אויף „אייגענע קעסט": כ׳האָב אָנגעפאַנגען צו לערנען אַליין אין בית־המדרש.

צו פאַרענדיקן די זכרונות וואָס איז מיר פאַרבליבן פון ראובן־יוסף׳ס חדר, דערמאָנט זיך מיר די ערשטע נטיה צום „אַנדערן" געשלעכט דורך זיין טאָכטער... איר נאָמען האָב איך פאַרגעסן.

זי איז שוין דאַמאָלס געווען אַ כלה־מיידל — אַ 17־18 יאָר אַלט. זי פלעגט זיך האַלטן באַשיידן, אַריסטאָקראַטיש. געהאַט אַ חן׳עווודיק יידיש פּנים. זיך קיינמאָל ניט געמישט צווישן איר פאָטערס תלמידים, וואָס זיינען, יעדנפאַלס, אין מיין צייט, געווען יונגער פון איר. אָבער אין חנוכה־צייט, ווען אונזער רבי, ראובן־יוסף, איז געווען ביים דאַוונען, אָדער ערגעץ־וואו אין אַ שליחות, און די תלמידים האָבן אַריינגעכאַפּט אַ „קערטל" און איך בתוכם, האָט זיך זיין טאָכטער צוגעשאַרט צום שפּיל און אַלעמאָל מיט מיר געמאַכט שותפות. מיט איר הילף בין איך אַלעמאָל אַרויס דער געווינער.

איך האָב דאַמאָלס אינסטינקטיוו געפילט, אַז איר באַנעמען איז געווען דער רחמנות צום „יתום" — טראָצדעם וואָס איך האָב זיך אַלס אַזעלכן קיינמאָל ניט אַרויסגעשטעלט. אין סיכסוּכים צווישן מיינע חברים האָב איך קיינמאָל ניט געגאָלטן אַלס נעבעכל, אָבער אַן איידעלע יידישע טאָכטער האָט מיט אַזאַ האַנדלונג באַוויזן איר גוטהאַרציקייט.

וואָס זאָל איך לייקענען! — ווען זי איז אַ כלה געוואָרן צו איר שפּעטערדיקן מאַן ראובן (זיין פאַמיליע נאָמען פאַרגעסן אָבער ס׳געדענקט זיך ווי מ׳האָט זיך געשושקעט וועגן דעם אידעמס יידישן נאָמען וואָס דעם שווערס ערשטע העלפט איז דאָסזעלביקע) האָט עס מיר געגעבן אַ טאָרקע, כאָטש כ׳האָב איר געווינטשעוועט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז זי זאָל מיט אים האָבן אַן אריכות־ימים.

ביי געלעגנהייט ווילט זיך מיר שוין דערמאָנען אַז די פּאָר וואָכן אין חנוכה־צייט ביז „ניטל", וואָס איז אָנגענומען ביי רעליגיעזע מענטשן, אַז

מ׳מעג כאַפּן אַ קערטל, פלעג איך אַיעדעס יאָר אַרויסקומען מיט אַ געווינען פון אַ 10־12 גילדן, וואָס איז מיר גאַנץ גוט צונוץ געקומען. מייסטנס איז דער שפּיל אָנגעגאַנגען ביי אונדז אין הויז און, ווי מ׳קאָן זיך משער־זיין, מיט אַ היבש ביסל טומל, אָבער אונזער שטוב איז דערצו געווען געוואוינט. אַלע קינדערשע אונטערנעמונגען פון חנוכה, פּורים־שפּיל, אויסשניצעכצער פאַר די פענסטער אויף שבועות, פענער פאַר שמחת־תורה און סוכה־באַפּוצונגען, האָבן געהאַט זייער הויפּטקוואַטיר אין אונזער וואוינונג — וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קיך מיט אַן אַלקער. די מאַמע האָט קיינמאָל ניט איינגעווענדעט קעגן דעם קינדערשן רעש. און אפשר האָבן מיר זיך שוין דאַמאָלס פאַרהאַלטן ווי „גרויסע״! ווער קען עס היינט געדענקען?

איין זאַך בין איך זיכער, אַז מיר האָבן זיך צו אַלע „וועלט־ענינים״, וואָס זיינען אייגנטלעך געווען יידישע, גאַנץ ערנסט באַצויגן.

אָבער וואו זיינען היינט די אַלע ערנסטע געשטאַלטן וואָס האָבן דאַמאָלס געפורמט דאָס יידישע לעבן אין מיין קאָרטשין? היטלער, ימ״ש, האָט זיי אַלעמען, מיט געציילטע אויסנאַמען, פאַרניכטעט.

ר׳ הערש יאַנקל ראָסהענדלער, ע״ה

ר׳ הערש יאנקעל ראָסהענדלער איז געווען אַ באַלעבאַטישער ייד, אַ סוחר, ער האָט געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא, און פלעגט פון צייט צו צייט, אויך דאַוונען מוסף, פאַרן עמוד.

ער איז געווען אַ דזשיקעווער חסיד, וואָס האָט געהאַלטן פון נגינה, און ווען ער האָט אַהיימגעברענגט אַ נייעם ניגון, זייענדיק ביים רבי׳ן אַ שבת, אַ יום־טוב, האָט ער דערמיט מהנה געווען דעם קאָרטשינער עולם, און נאָכדעם איז שוין דער ניגון געוואָרן אַדאָפּטירט פון אַנדערע מנגנים ביז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך דערמיט משמח געווען ביי אַלגעמיינע שמחות און גלאַט אַזוי ביי זמירות אין דער היים. — ר׳ הערש יאנקל ראָסהענדלער איז געווען איינער פון די יעניקע וועלכע האָבן אַריינגעברענגט פרומע פריי־לעכקייטן, וואָס האָבן דעם עולם, אין די שבתים און ימים־טובים, אויפגעהייטערט מיט עפּעס נייעס.

קיין אַנדערע פאַרבינדונג מיט דער אויסערער וועלט איז דאַמאָלס ניט געווען. די סוחרים און חסידים האָבן, פון צייט צו צייט געטאָן די שליחות פון די אחשתרנים: מיט אויך אַביסל נייעס פון דער וועלט. — די נייעס האָט טאַקע געקענט אַלט זיין חדשים, אָדער מער, אָבער אינם שטעטל איז עס געוואָרן אָנגענומען אַזוי ווי פריש פון דער נאָדל אפיר, און מ׳האָט אויפ־געשטעלט אַן אויער!

און מיט וואָס איז אַ פאַריאָריקע געשעעניש ווייניקער וויכטיק ווי די מעשיות פון אדם־הראשון, נח, אברהם אבינו א. ז. וו. מיט וועלכע מ׳האָט זיך געקוויקט יאָר־איין, יאָר־אויס? — אין אַזאַ שטעטל, וואו אַ צייטונג איז געווען טריף, און אַ יחיד וואָס האָט זיך עס דערלויבט, האָט זיך שטאַרק באַדאַרפט היטן ניט מחרים צו ווערן צוליב דעם, האָט דעריבער וועלט־נייעס געמוזט וואַנדלען חדשים, ביז ס׳האָט זיך דאָרט איינגענעסטיקט.

יאָ, פּאָגראָמען, אָדער אַזוי גלאַט אָנשיקענישן פון גזירות־המלכות, האָט קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקט צו דערגרייכן דאָס אויער אפילו פון אַזאַ העק ווי קאָרטשין. אָבער מינדערוויכטיקייטן פון צוויטן, דריטן גראַד האָבן

געקענט וואַרטן. — וואָס מען האָט קיין צייט ניט? בלויז דער היינטיק־וועלטיקער איז אומגעדולדיק צו וואַרטן.

און ניט איין נייעס, ווען ס׳האָט שוין דערגרייכט דאָס שטעטל, איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען דעם טיגל פון רמזים, פסוקים, מדרשים, אַז די גאַנצע נייעס האָט שוין באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדערן באַדייט.

פאַנטאַזיע האָט דעם עולם ניט געפעלט, און ווער שמועסט נאָך פון אַזעלכע וואָס זיינען געווען אַביסל באַהאַוועט אין ראשונים און אחרונים פון אונזער גייסטיקער ירושה, האָבן מיט זייער גראָבן פינגער געקענט אין אַלץ אַזוי אַריינטייטשן, אַז דער טייטש אַליין איז שוין געוואָרן אַווירקלעכקייט. יאָ, ס׳האָט באַקומען דעם טעם פון אַ מעשה־שהיה.

און מעשה־דערציילערס זיינען ביי אונדז געווען גאַנץ אינטערעסאַנטע. ס׳איז געווען אַ מחיה, זיי צו הערן.

אָבער ר׳ הערש יאַנקעל איז ביי מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון צוליב דריי פּערזענלעכע אורזאַכן — ניט צוליב זיינע מעשיות. צו דעם האָט ער גראָד קיין טאַלאַנט ניט געהאַט און האָט אויך ניט אָפּן פּראָבירט צו ברענגען פאָטשטן פון דער „גרויסער״ וועלט. בלויז מיט נגינה האָט ער די אויסערע וועלט פאַרבונדן מיט קאַרטשין. דאָס איז געווען זיין ספּעציעלע שליחות, ווען מיר ווילן עס דער השגחה צושרייבן.

ר׳ הערש יאַנקעל האָט געהאַט אַן אייזן־געשעפט אינם מאַרק־פּלאַץ, וואָס איז געווען, אַן ערך, 3 איילן די ברייט און היבשלעך טיף. הינטער דעם געשעפט, אינם זעלביקן ברייטן שטח האָט ער געהאַט זיין דירה פון 2 אָדער 3 צימערן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ שטיקל פעלד.

ווען כ׳בין אונטערגעוואַקסן און פלעג מאַכן הילצערנע פּושקאַלעך, קעסטאַלעך און אַנדערע סטאָליאַרסקע־שמאָכטעס — וואָס ברעטלעך דערפאַר פלעג איך קריגן פון אונזער שכנ׳טע, אסתר׳ל, פון איר הייזון־סוחר׳יי וואָס איז געווען געפּאַקט אין הילצערנע קעסטלעך — פלעג איך ביי ה. י. קויפן שויבן־נעגאַלעך פאַר מיין מלאכה. אויך אַ הענטל מיט דינע זעגאַלעך אויסצו־זעגן פאַרשידענע אָרנאַמענטן פאַר אַ שטייגל און אַנדערע אויפטועכצן, ווי פאַר אַן אתרוג־פּושקאַלע א. ז. וו. פאַרשטייט זיך אַז אויך אַ העקל, אַ העמערל, אַ צווענגל האָט מען אויך באַדאַרפט האָבן, וואָס איך האָב בלויז אין זיין געשעפט געקויפט. — דאָס איז אָבער אַ כלאחר־יד באַמערקונג צו פאַרצייכנען ר׳ הערש יעקב׳ס פּרנסה, און אַ טייל, בלויז אַ שמץ, פון מיין אייגענע שייכות צו מלאכה׳ריי.

איצט צום הויפּט־ענין:

ווען כ׳האָב שוין אָנגעפאַנגען צו פאַרשטיין — דאַכט זיך אַלס נאָך דרדקי חדר־ייִנגל — אַז מיין מאַמען קומט ניט אָן גרינג מיר צו לאָזן מאַכן שטיוואַלעך, האָב איך זיך באַמיט, אין זומער זיי ניט צופיל צו נוצן. ווען ס׳האָט ניט גערעגנט איז דאָך געווען אַ „מחיה״ אַרומצולויפן באָרוועס, און ניט זיין געפּענטעט מיט שטיוואַלעך, וואָס מייסטנס זיינען זיי ענג געווען. ווען ניט, זיינען זיי געווען גרויסלעך. אָן זיי קען מען דאָך לויפן ווי אַ פּיפּער־נאָטער און אפילו פליען ווי אַ מלאך. — שטיוואַלעך זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר איידעלע, ציטערדיקע, נגדישע קינדער, וואָס אַ שטיקל בלאָז פון אַ ווינט מאַכט זיי היסן און ניסן. אָבער איך האָב זיך געפילט קרעפטיק אין אַלע מיינע אברים, אַז כ׳האָב אפילו נאָכגעמאַכט די ציגיינער.

ווי כ׳האָב געהערט, גייען די ציגיינער, ווינטער אין שניי, באָרוועס האָב איך, מיט מיין עלטערן ברודער חיים הערש, איינמאָל באַשלאָסן אַרויס־צוגיין טאַנצן אין שניי, האָט זיך טאַקע חיים הערש דאַמאָלס פאַרקילט, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן, אָבער מיר האָט עס דאַמאָלס ניט געשאַדט. — נו, וואָס איז אין פאַרגלייך צו דעם צו גיין באָרוועס אין אַ רעגנדיקן טאָג אין זומער? — ניט צו באַשווערן דער מאַמען, האָב איך טאַקע אַזוי פּראַקטיצירט.

איז, איינמאָל אין אַזאַ טאָג קום איך אין בית־המדרש אַריין אַ באָר־וועסער און זע, ווי ר׳ הערש יאַנקעל קוקט אַרונטער צו מיינע פיס. איך האָב ביי אים דערזען אַזאַ מין רחמנות־בליק אויף מיין דאַליע, ניט אַ גלייכגילטיקייט ווי צו אַ הפקר־ייִנגל. זינט דאַמאָלס בין איך שוין אין בית־המדרש אַריין געקומען באַשטיוועלט אפילו ניט אין קיין רעגנדיקע טעג. עס דאַכט זיך אָבער אַז מיטן דרויסן האָב איך נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן דעם אָן מחיצה׳דיקן־קאָנטאַקט. אויף שפּרינגען און האָפּקען האָב איך ניט געהאַט דאָס האַרץ צו זיין אַן „עובר־בל־תשחית״, און בין געגאַנגען באָרוועס.

דאָס צווייטע מאָל האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון זיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו מיר אין אַ פּורים־שפּיל ביי אים אין הויז. אויף אַן אַנדערן פּלאַץ באַשרייב איך ווי איך פלעג זיך פאַרשטעלן בחברותא מיט חיים הערש ווייסמאַן און שמעון פישל — ביידע אין מיין עלטער — און פון די איינגאַמען פלעגן מיר זיך אויף גלייך צעטיילן און איעדער באַזונדער האָט געגעבן זיין חלק צו זיין אָרימאַן. דאָס איז געווען אַ סוד פון איעדן באַזונדער, ווענען מ׳האָט עס געגעבן. אָבער אַזוי ווי איך בין געווען

סענסיטיוו, כדי די באַלעבאַטים זאָלן ניט דענקען, אַז איך פאַרשטעל זיך פאַר מיינעטוועגן — ווייל איך בין דאָך געווען דער אָרעמסטער צווישן מיינע חברים — האָב איך געמאַכט אַז שמעון זאָל זיין דער קאַסירער. אָבער ר׳ הערש יאנקעל האָט דוקא מיר געוואָלט געבן זיין פורים־געלט, — ניט שמעונ׳ען. אגב איז ר׳ הערש יאנקעל געווען שמעונ׳ען אַן אָנקעל. אָבער ווען איך האָב געזען אַז ער נאַסטאַיעוועט דאַרויף, האָב איך עס צוגענומען און עס אין זיין קעגנוואָרט געגעבן שמעונ׳ען. — איך האָב אָבער דערפילט אַז ר׳ הערש יאנקעל גיט מיר דאָס געלט בכונה, אַז איך זאָל עס פאַר זיך אַליין נוצן. ער האָט זיך זיכער אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן. אָבער איך, שוין זייענדיק אַ 13־14 יאָריקער בחור, האָב, אַחוץ דער אַוואַנטורע פון פאַרשטעלן זיך אויך געוואָלט טאָן מצוות פאַר גרעסערע אָרימעלייט ווי מיר זיינען געווען.

דער חשד האָט מיר אַביסל ווי געטאָן אָבער כ׳האָב עס אַרונטער־געשלינגען, און ניט אויסגעגעבן ווער מיין אָרימער נצרך איז.

* * *

דאָס דריטע מאָל איז געווען מיין באַגעגניש מיט אים פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

אַלס 18־19 יאָריקער בחור בין איך שוין געווען אַ לערן־יינגל ביי אַ מאלער אין ריישע. ס׳האָט זיך שוין טאַקע דאַמאָלס ביי מיר געשפּינט די פאַנטאַזיע צו דערגרייכן הויכע קונסט, אָבער דערווייל האָט מען זיך באַדאַרפט רעכנען מיט דער פשוט׳ער פּראַקטישקייט. און אַזוי ווי איך פלעג אַלע חול־המועד פסח און סוכות פאָרן קיין קאָרטשין, וואו ס׳האָט מיך געצויגן — מיין מאַמע האָט שוין דאַמאָלס געוואוינט אין רימאַנאָוו — איז ווידער מיר אויסגעקומען נאָענט זיך צו באַגעגנען מיט ר׳ הערש יאנקלען.

מיין אינערלעכן גערעַנגל אויפצוגעבן דאָס לערנען תורה און מוזן ווערן אַ בעל־מלאכה האָב איך קיינעם ניט דערציילט. עס איז מיר אָבער יאָ געגאַנגען אין דעם, אַז קאָרטשין זאָל ניט דענקען, אַז מיט מיין איבערבייט בין איך אויך געוואָרן אַ הפקר־יונג. מיט מיינע פאות בין איך געגאַנגען היבש פאַרזיכטיק, ביז כ׳האָב זיי אינגאַנצן אַרונטערגענומען. אויף אַיעדן יום־טוב האָב איך זיי צוביסלעך געלאָזט וואַקסן ווייניקער, ביז כ׳האָב געזען אַז מיינע לאַנדסלייט באַציען זיך צו מיר, טראָץ דעם, מיט איינזעעניש — ניט ווי צו די שניידערס און שוסטערס, וואָס זיינען געווען פון אַ צווייטער מדרגה. איך

אַליין האָב איך זיך נאָך געהאַט דעם געמיט פון אַ ישיבה־בחור — וואָס כ'האָב עס נאָך עד־היום.

און אַזוי פאָרנדיק, אין אַ חול־המועד, אויף חיים שמעיה'ס וועגאַלע פון קאָרטשין קיין קראָס, זייט ביי זייט, מיט ר' הערש יאנקלען, פרעגט ער מיך אויס וועגן מיין מצב. האָב איך אים, נאַטירלעך ניט דערציילט וועגן מיין דאַמאָלסדיקער שקלאַפעריי אַלס לערנ־ייִנגל, נאָר וועגן דעם — מאָרגן: איך האָב אים אויסגעמאָלן, אַז ווען כ'וועל פון דער לערע באַפרייט ווערן דאַרף איך לויט מיינע פעאיקייטן קריגן 18 גילדן אַ וואָך. כ'האָב אָבער פאַרגעסן, אָדער ניט געוואוסט, אָדער בכיון זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק, אַז אין די ווינטער־חדשים עסן די הונגעריקע קו אויף די זאַטע קו פון זומער. אָבער דערווייל האָבן די 18 גילדן געבלישטשעט פאַר מיר, און פאַר אים, גאַנץ היבשלעך. און אַזוי ווערנדיק אינטים מיט אים אויף דער רייזע, זאָגט ער צו מיר, אַז ווען ער וואָלט איצטער געווען אין מיינע יאָרן וואָלט ער אַליין געוואָרן אַ בעל־מלאכה. דאָס האָט מיך באמת איבעראַשט פון אים צו הערן. כ'בין נאָך אַליין עד־היום ניט זיכער צי האָט ער ניט דערמיט געמיינט מיין מוט צו הייבן, אַז כ'זאָל זיך ניט פילן לגבי וועמען עפּעס נידריק.

יעדנפאַלס איז פון אַזאַ ייִד ווי פון הערש יאנקלען, אין יענער צייט, אין 1911־12 דאָס צו הערן, געווען אַ מדרגה. יהא זכרו ברוך.

ר׳ מענדל ווייסמאַן

זינט איך געדענק ר׳ מענדל ווייסמאַן האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבן (חתונה־געמאַכט) זיין עלטסטע טאָכטער אסתר.

פון דער צייט איז מיר ר׳ מענדל באַקאַנט אַלס בכבוד׳יקער בעל־הבית. ער האָט געטראָגן באָרד און פאות, די ערשטע — די באָרד — פון דער נאַטור נישט קיין לאַנגע, און די צווייטע — די פאות — האָט ער קולטואווירט, זיי געקרייזלט אַז זיי זאָלן זיך נישט באַמבלען. איך בין זיכער אַז אויסגעצוי־גענערהייט זיינען זיי געווען לויטן מאָס פון דעם „דין״. ער וואָלט נישט עס מקצר געווען כחוט־השערה. זיין קליידונג איז אויך געווען לויטן מנהג פונם שטעטל: געטראָגן אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש, אַ בעקעשע (מיט אַ גלייכע קעשענע, אינדערוואָכן) אָבער ציכטיק ריין. זיין צלם־אלקים איז געווען פון אַן אַנדערן כאַראַקטער — אַזוי אינערלעך ווי אויסערלעך. דאָס איז דאָך די קונסט פונם באַשאַף: איעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך, וואָס קען זיך מיט אַן אַנדערן נישט אינדענטיפיצירן.

די נאַטור און אומשטענדן פאָרמען אויס איעדן באַזונדער צו זיין אַנדערשט פון דעם אַרום, פון וועלכן מ׳איז אַרומגערינגלט.

ר׳ מענדל ווייסמאַן האָט אַלס בחור (ביז צו זיין חתונה מיט פריידע איטען) געאַרבעט אין אַ גאַזשעלניע (גוראַלניע) וואו מ׳מאַכט בראָנפן. ער איז געווען אַן עקספּערט אין דעם פאַך, און איז געווען אַנגעשטעלט ביי אַ פּריץ וואָס האָט געהאַט אַ רעגירונגס־דערלויבניש דאַרויף. ער האָט געהאַט צו טאָן מיט פּריצים און פּויערים וואָס האָבן געאַרבעט אונטער אים, האָט ער געקענט די פּוילישע שפּראַך מער ווי אונזערע דורכשניטלעכע יידן אינם שטעטל.

נאָך דער חתונה האָט זיך ר׳ מענדל באַזעצט אין קאַרטשין און, מיט דער צייט, אויפגעגעבן זיין פּרנסה אין דער גוזשעלניע.

דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּריצים האָט ער אָנגעפאַנגען צו קויפן און פאַרקויפן וואַלד. אין דער צייט ווען ער האָט אָנגעהאַלטן אַ וואַלד פלעגט ער אַרויספאָרן, אין ווינטער, צו זיין אייגנטום, געדונגען גויים, וואָס האָבן, דאַמאָלס, קיין באַשעפטיקונג אויף זייערע אייגענע פעלדער נישט געהאַט,

און זיי האָבן אונטערגעהאַקט ביימער, זיי אויסעאָרטירט פאַר קלעצער ברעטער און מאַנכע פאַר האָלץ צום ברענען אין שטובער. ער האָט אויך געדונגען פערד און וועגאַלעך, צוזאַמען מיט זייערע אייגנטימער אָפצופירן איעדער סאָרט געהילץ אויף זיין באַשטימטן פלאַץ. מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַ פאַכמאַן דעריַן, אַז גאָרנישט זאָל גיין אין ניוועץ.

איך געדענק אַז ווען ר׳ מענדעל פלעגט זיך אַרויסלאָזן פאַר זיינע ווינטער־געשעפטן, פלעגט ער זיך אָנטאָן אין אַ באַפּעלצטן מלביש, די לענג פון אַ בעקעשע, אינווייניק באַדעקט מיט פוטער, אַ גרויסן סויבל־קאָלנער, וואָס מ׳האָט אים געקענט אַרויפציען איבער די אויערן, מיט עקסטרע שאָליקעס איבערן האַלז. אויף די ענד פון די אַרבל, פון אויסווייניק, זיינען געווען אַרומגעטרימט מיט סויבל וואָס האָט געדינט אַריינצושטעקן די רעכטע האַנט אויף דער לינקער זייט און די לינקע האַנט אויף דער רעכטער זייט — אַז דער ווינטער זאָל אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן.

פאַר דעם אַרויספאָר האָט מען געדונגען אַ פויער מיט אַ וואָגן, וואָס איז געווען אַרומגעדעקט פון אַלע זייטן, אָנגעשטאָפּט מיט היי און שטרוי, וואָס צוזאַמען מיט אַרומגעוויקלטע קאָצן און אַלטע קאָלדרעס האָט מען זיך געקענט לאָזן אין וועג אַריין, באַוואָרנט פאַר דער קעלט.

אַזאַ נסיעה, אינאיינעם מיט די געשעפטלעכע — און אַרבעטס — פאַרזאָרגונג, פלעגט אָנהאַלטן וואָכן, אָבער אויף שבת פלעגט ער קומען אַהיים און שבת נאָכט צוריקפאָרן. עס געדענקט זיך מיר נישט אַז ער זאָל ווען עס איז האָבן פאַרפעלט צו זיין שבת אין דער היים.

עס איז געווען זיין אָנגענומענער מנהג צו ברענגען פיש אויף שבת, וואָס אין געוויסע צייטן אין יאָר, צוליב די פאַרפרוירענע טייכן, פלעגן זיי זיין שווער צו באַקומען. זיינע פויערים האָבן באַוויזן אויפצוהאַקן דאָס אייז פונם טייך, אַריינצונאַרן אַ היבשע פאַר פיש אין די נעצן, אַז ר׳ מענדעל, מיט זיין בני־בית, זאָלן האָבן פיש אויף שבת. אינאיינוועגס האָט שוין ר׳ מענדעל אינזינען געהאַט אַ פאַר פון זיינע אָרעמע שכנים, וועלכע ער האָט מכבד געווען מיט דעם טייערן געשאַנק. — צו מאַכן די פיש אויף שבת, זיי אויפשניידן, אַרויסנעמען די גאַל, אויף חלקים זיי צעטיילן, באַזאַלצן און באַפּעפערן, מיט צוקער זיי באַ׳טעם׳ען און אָפּקאָכן, איז שוין געווען ר׳ מענדעל׳ס חזקה. פריידע איטע האָט זיך געפּאָרעט ביים באַקן און קאָכן די אַנדערע שבת׳דיקע מאכלים.

ר׳ מענדעל האָט געהאַט אַ גוטע שטימע און פלעגט, פון צייט צו צייט, דאַוונען שבת, מוסף פאַרן עמוד. ער האָט פאַרשטאַנען פּירוש־המלות לויט דעם דורכשניט פון אַ באַלעבאַטישן יידן. ער איז געווען פונם אַלטן שניט, אָבער נישט קיין בטלן. ער האָט איבערהויפּט נישט דעמאָנסטרירט זיין פרומקייט אָבער אויך נישט זיין דערוואָרבענע „וועלטלעכקייט”, וואָס איז אים געקומען דורך געשעפטלעכע פאַרבינדונגען.

ר׳ מענדעל איז יאָרן געווען אַ ראַטמאַן אין דער קהילה. ווען ר׳ שילעם אַקסעלראַד (דער ראש־הקהל) איז געשטאָרבן, איז ר׳ מענדעל געוואָרן זיין ממלא־מקומו. ער איז געווען ראש־הקהל ביז צום אויסברוך פונם ערשטן וועלט־קריג. ער מיט זיין משפחה, זיינען געפליכטעט קיין בודאַפּעסט, אונגאַרן. נאָכן קריג איז ער שוין, מיט זיין בני־בית, מער נישט צוריקגעקומען וואוינען אין קאָרטשין. זיי האָבן זיך באַזעצט אין טאַרנע.

אַ סך יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג, האָט ר׳ מענדעל באַקומען אַ באַווילִיקונג, פון דער רעגירונג, פאַר אַ טראַפיק (צו מעגן פאַרקויפן טיטון, ציגאַרעטלעך, און שמעק־טאַבאַק). רייזל, זיין דריטע טאָכטער (אסתר און חיה זיינע עלטערע צוויי טעכטער — זיינען שוין געווען פאַרהייראַטע, און מאיר, דער עלטסטער פון זיינע זין, האָט זיך דאַמאָלס געפינען אין דער שווייץ) — איז רייזעל געווען די פאַרקויפערין אין דער טראַפיק. ווען רייזעל האָט חתונה געהאַט, האָט נעכע, די פערטע טאָכטער, איבערגענומען די פליכטן דערפון. אַמאָל פלעגן אויך די זין: חיים הערש (מיין חדר חבר), שלום, וואָלף און כאַסקעל איבערבייטן די שוועסטער.

ר׳ מענדלען האָט מען דאָרט דורכן טאָג קיינמאָל נישט געזען. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אינדערפרי פאַרן גיין דאַוונען, אין בית־המדרש אַריין, יאָ געגעבן אַ בליק אויפן געשעפט, כאָטש פון דרויסן.

ער פלעגט אויפשליסן דעם מאַסיוון שלאָס, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן די צוויי העלפטן שווערע טירן. אָפענערהייט האָט מען געזען אויף ביידע זייטן פון די טירן די שוואַרצע־און געלע שטרייפן, וואָס זיינען געווען דער קענצייכן פון אַ טראַפיק, אַ חוץ דעם סימבאָלישן עסטרייכישן אָדלער, וואָס פלעגט זיין אויף אַלע רעגירונג־אינסטיטוציעס.

נאָך אַ טיר מיט אַ שויב איז דאָרט געווען וואָס די קינדער, ר׳ מענדעלס, פלעגן אַליין אויפשליסן, ווען זיי זיינען געקומען באַזאָרגן זייערע קונים אין דער קראָם.

איינמאָל אין אַ פֿאַרטאָג, אין אַ פּראָסטיקן כּעלות־הבוקר, אַזוי גייענדיק מיטן טלית און תּפֿילין צום דאַוונען שחרית, איז ער צוגעקומען צו דער טראַפּיק, זעט ער ווי די שטאָטישע וואַסערטרעגערין, אַ גויע, ליגט פֿאַר־פֿרוירן נעבן טראַפּיק. האָט ער אַוועקגעלייגט טלית און תּפֿילין אויפֿן שניי און אָנגעהויבן איר מינטערן. אַ גוי, יענדזשעי גאַנעט, מיט זיין שליטן איז דורכגעפֿאָרן, האָט אים ר׳ מענדעל אָפּגעשטעלט און ביידע צוזאַמען האָבן די גויע אַריינגעלייגט אין דעם שליטן, זי צוגעפֿירט צו דער שענק פֿון יואל עטינגער, נעבן דער געמינע, זי דאָרט אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק, איר געגעבן אַ פּאָר גלעזלעך בראַנפֿן, איז זי געקומען צו זיך, זי האָט זיך אויפֿגעמונטערט. — די מעשה האָט טאַקע דער גוי אַליין, יענדזשעי גאַנעט, מיט יאָרן שפּעטער דערציילט שלום׳ען און אים געזאָגט: „טאַקיך זשידאָוו ניעמא דוזשאַ”, דאָס הייסט: „אַזעלכע יידן זיינען נישטאָ אַ סך” — און אים געפֿרעגט, צי ער וואָלט, אין אַזאַ פֿאַל, אויך געהאַנדלט ווי זיין טאַטע. ס׳איז ביי אים געווען אַן אַנטדעקונג פֿונעם יידישן כאַראַקטער.

ער האָט נעבעך נישט געוואוסט, אַז אויף ראַטעווען אַ מענטשן, זיינען אַפֿילו טלית און תּפֿילין מוחל אויף זייער כּבוד.



ר׳ מענדל ווייסמאַן

ר׳ בנימין רובין

ר׳ אלעזר רובין איז געווען אַ באַלעבאַטישער, היימישער ייד, געקענט אַריינקוקן אין אַ ספר און אויך געווען (לויט דער קאָרטשינער מאָס) אַביסל פאַרמעגלעך.

3 זין האָט ר׳ אלעזר געהאַט: בנימין, מענדעל און מעכל.

בנימין און מענדעל האָבן אַלע מאָל געוואוינט אין קאָרטשין; מעכל האָט געוואוינט אין קראָס. מעכל איז געווען ר׳ נפתלי ראפּ׳ס אײדעם — אַ סימן אַז דער יחוס האָט, צו יענער צייט צוגעפּאַסט, ווען נישט וואָלט מען זיך נישט משדך געווען. מעכל האָט געהאַט אַ הורטאָוונע מעל־געשעפט און איז געווען אַ שטאַביליזירטער בעל־הבית. מענדעל, דער מיטעלער זון האָט געוואוינט אין קאָרטשין, געהאַט זיין אייגן הויז אין עק מאַרק (אין דער ריכטונג צום בית המדרש געסל), געפירט קאָרטשינער לייוונט מסחר מיט אַנדערע מקומות.

אין קאָנטראַסט צו זיינע אַנדערע ברידער (זיי זיינען געווען שוואַרצלעך) איז ר׳ מענדעל געווען בלאָנדלעך־רויטלעך (מער נוטה צום צווייטן קאָליר) אין אַ קלענער געוויקסיקער אין פאַרגלייך צו זיינע צוויי ברידער. אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ היבשלעך לאַנגע, געגאַנגען ציכטיק אָנגעטאָן וואָס האָט אים געגעבן חשיבות.

דער פאַרביקסטער פון זיי איז געווען ר׳ בנימין. ער איז געווען פון העכערן וואוקס פון זיינע ברידער, געהאַט אַ קליין בערדל (לויט זיין גרויס) און קאָרטשין איז געווען זיין לייב־און לעבן. דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן און דאָרט איז ער אומגעקומען.

ר׳ בנימין איז געווען דער נישט־פאַרמעגלעכער אין פאַרגלייך צו זיינע ברידער. זיין פרנסה איז געווען אָפּצוקויפן עפּל־גערטנער ביי גויים אַרום קאָרטשין. אין דער בלי־צייט פון די עפּל־ביימער פלעגט ער זיך באַווייזן ביי די גויים, האָט אָפּגעשאַצט, לויט דער בליעכץ, די „גערעטעניש״ וואָס דאַרף זיין און געקומען מיטן גוי צו אַן אויסגלייך, געגעבן אַ דאַרויף און געדאַרפט וואַרטן און האָפן, אַז די זון, דער רעגן און ווינט זאָלן צוזאַמען

מיט דער השגחה אַרבעטן לטובת אַ גערעטעניש. ווען חלילה נישט איז די פּרנסה פאַרן גאַנצן יאָר געווען איינגעשטעלט.

אין דער צייט פון רייף ווערן פון די פּירות האָט אויך ר׳ בנימין באַדאַרפט דינגען אַ גוי, אַ שומר, צו זיין וואַכזאַם בייטאָג און ביינאַכט, אַז גנבים זאָלן נישט פריער דעם ריוח, וואָס דאַרף קומען, אַראָפּנעמען און בלייבן מיט פאַלשער האָפנונג. נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט האָט עס געקאָסט: געקויפט ביים גוי, געהיט דורך אַ גוי און ערשט ביים אַרונטערנעמען אויך מיט גויישע הענט, וואָס צו דעם אַלעם האָט מען באַדאַרפט זכות־אבות. אין די עסטרייכישע צייטן איז עס אָבער נישט געווען פון די גרויסע סכנות. דער סיסטעם איז שוין געווען אַזוי איינגעשטעלט אַז, מער־ווייניקער, האָט עס האַרמאָנירט: דער ייד האָט געהאַט די פאַרבינדונג וואו צו קויפן און וואו צו פאַרקויפן און אינצווישן איז אויך אַראָפּגעפאַלן אַ פּאָר „גראַשן״ מפרנס צו זיין ווייב און קינדער.

אויך פלעגט ר׳ בנימין אויפקויפן קליינע ציבאַלעס צו פאַרזייען זיי פאַר גרויסע.

גאַנצע זעק מיט דיביידע „סחורה׳ס״ פלעגט ער האָבן גרייט פאַר סוחרים וואָס זיינען זיי געקומען אָפּקויפן און, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז לויט דער אַלגעמיינער גערעטעניש האָט מען אָפּגעשאַצט דעם פּרייז. ר׳ בנימין און זיינס גלייכן האָבן געהאָפט אויף גרעסערע פּרייזן און די קונים האָבן געוואָלט אַראָפּדינגען — ווי דער סדר־העולם איז. „אחינו בני ישראל״ פון דער אַנדערער זייט דאַרפן דאָך אויך עפּעס פאַרדינען קען מען זיי נישט איבל נעמען. אין האַנדל איז עס אַ געזעצלעכער וועג.

און ווי ס׳זעט אויס איז ר׳ בנימין׳ס מסחר געווען נישט מיט צו גרויסע רווחים אויפצוהאַלטן זיין גרויסע משפחה. זיין עלצטער זון, נפתלי, אַזוי שנעל ער איז אונטערגעוואַקסן, איז ער געפאָרן קיין דייטשלאַנד. מסתמא אויך אויסצומיידן מיליטער־דינסט, וואָס פאַר אַ ייד איז עס נישט געווען פון די בכבוד׳יקע זאַכן. אויך זיין צווייטער זון, הערש„ אויך ווען ער איז אַרויס פון די ייִנגל־יאָרן האָט אים זיין עלטערער ברודער אַריבערגענומען צו זיך.

ר׳ בנימין׳ס דירה איז געווען אינם בעדל־געסל (וואו ס׳האָט זיך אויך געפינען דאָס דרדקי חדר). ער האָט געהאַט אַ קיך מיט אַן אָפּגעצוימטן אַלקער וואו ער מיט זיין ווייב, מרים, און 7 קינדער (4טעכטער און 3 זין) האָבן זיך דאָרט זמיעשטשעט.

צוצוקומען צו ר׳ בנימינס דירה איז געווען אַ לאַנגער דורכגאַנג פונם

געסל וואו אין דער רעכטער זייט האָט געוואוינט דער אַלטער חזן, ר׳ וואָלף, אויף דער לינקער זייט האָט געוואוינט ר׳ פּייוויש, אינדערמיטן זיינען אויך געווען וואוינונגען מיט איינציקע צימערן און צום סוף פון דער לינקער זייט האָט זיך געפינען ר׳ בנימין׳ס דירה. אַלע אַריינגענג צו די וואוינונגען זיינען געווען פונם לאַנגן דורכגאַנג, צו דער אַנדערער זייט, וואו יונה׳לע פעלץ, האָט געהאַט זיין הייזקאַלע נעבן דעם טייכל.

איך געדענק אין דעם טונקעלן דורכגאַנג, נאָכן חזן, האָט זיך געפינען יעקב יצחק׳ס (דעם חזן׳ס אײדעם) וואוינונג וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שמאָלן לאַנגן צימער ביים ענד אַ פענסטער וואָס האָט נישט געגעבן גענוג ליכט און לופט פאַר דער „וואוינונגס־נעסט" אָבער אויך דאָרט האָט זיך אויפ־געצויגן אַ משפחה מיט דריי קינדער: צוויי זין מיט אַ טאָכטער.

אינם ערשטן וועלט־קריג, ווען די רוסן און עסטרייכער האָבן כסדר געביטן זייערע פראָנט־פּאָזיציעס פון קאָרטשין האָבן די רוסן איבערגעלאָזט אין יעקב יצחק׳ס וואוינונג (מ׳שטיינס געזאָגט) אַ נישט אויפגעריסענע באָמבע, און ווען יעקב יצחק האָט עפּעס דערזוען אַ זאַך מיט אַ קנייטל, וואָס איז אים געווען פרעמד, האָט ער געגעבן אַ צי ביים קנייטל, האָט עס עקספּלאָ־דירט און אים די אויגן מיטן גאַנצן אינגעווייט אַרויסגעריסן, דאָס פּנים צעקריפּלט און נאָך גרויסער מאַטערניש איז ער אויסגעגאַנגען. — דאָס איז געווען אַ מוסטער פון דער ערשטער מלחמה, וואָס איז געווען אַ שפּילכל אין פאַרגלייך צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס די דייטשן, ימ״ש, האָבן אָנגעצינדן.

ר׳ בנימין איז געווען אין קאָרטשין כמעט ווי אַן אינסטיטוציע. ער האָט געהאַט קינדער אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ און אויך אַ זון, לוזער רובין, אין אַמעריקא אָבער ער אַליין האָט קאָרטשין קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. אויף די עלטערע יאָרן האָבן די קינדער אים געשטיצט און ביז צום היטלער־חורבן איז ער געווען איינער וואָס האָט צוגעטראָגן זיין באַשטימטן קאָליר צו דער קהילה.

ר׳ בנימין האָט געהאַט אַ קול־נגינה — נישט קיין צו גרויסער בעל־מנגן, אָבער מ׳האָט אים געהערט אין אַלע ווינקלען פון בית־המדרש, ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. ספּעציעל האָט ער געהאַט אַ חזקה שבת, בין השמשות, ביי שלוש־סעודות, אין בית המדרש, ווען ער פלעגט זיין רעכטע האַנט צולייגן צו דער באַק און אויסזינגען „אתקינו סעודתא", „בני היכלא", האָט ער אַרויסגערופן אַ מיסטעריעזע בענקעניש, אַ הייליקן ציטער וואָס די

שבת־מלכה גייט אַוועק, און באַלד קומט אָן דער גרויער אינדערוואָכן, וואָס פאַלט שווער אויפן אָרעמען געמיט.

אַלע וואָס האָבן שבת פאַרן נאַכט געפּראַוועט שלוש־סעודות אין בית־המדרש זיינען געווען פון דעם סאָרט וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גרינגע פּרנסות.

עס איז מאָדנע וואָס כמעט קיינער פון די מער שטאַביליזירטע באַלעבאַטים זיינען צו שלוש־סעודות אין בית המדרש נישט געקומען. זיי האָבן דאָס געפּראַוועט ביי זיך אין דער היים צוזאַמען מיט שכנים און פאַרענדיקט צוזאַמען מיטן מערב און „הבדלה״־מאַכן פונם בעל־הבית. —ביים רב איז עס פון שטענדיק אָן געווען אַזוי איינגעפירט.

אויך אַנדערע זיינען געווען, וואָס האָבן געהאַט זייער חזקה אויף זייערע מזמורים, צו שלוש־סעודות, אין בית המדרש, אָבער די אַנדערע געדענקט זיך מיר נישט, ווער זיי זיינען געווען. מסתמא איז ר׳ בנימין געווען דער קאָלירפולסטער פון זיי אַלעמען — איז ער מיר געבליבן אין זכרון.

ווען ס׳איז ערגעצוואו אַן עולה געשען האָט עס ר׳ בנימינ׳ען אָנגעצינדן און האָט עס אַרויסגעשריגן מיט זיין גאַנצן קול־גבורה. — אָבער קיין פאַרביטערונג האָט מען פון אים קיינמאָל נישט אַרויסגעלעזן.

אַלע זיינע יאָרן איז ר׳ בנימין געווען גבאי פון דער חברה קדישא.

צוזאַמען מיט ר׳ בנימינ׳ען (שוין געווען אַ זקן איבער 80) זיינען אומגעקומען: זיין טאָכטער צביה מיט איר מאַן מתתיהו גלייכער און קינדער, נפתלי, טויבע איטע, און הערש מיט זייערע משפחות.

פריידע חיה אין דער שווייץ, זעלדע אין ישראל און לוזער אין אַמעריקא, די קינדער פון ר׳ בנימינ׳ען וואָס האָבן געהאַט די זכיה, מיט זייערע משפחות צו בלייבן צווישן די לעבנדיקע דאַרפן האַלטן דעם אָנדענק פון זייערע משפחות וואָס זיינען אומגעקומען צווישן די 6 מיליאָן קדושים, דורך דעם דייטשן אכזר, ימ״ש.

פון ר בנימין׳ס ברידער־קינדער איז קיינער פון זיי נישט געבליבן. כבוד זייער אָנדענק.

ר׳ דוד רינגעלהיים

(אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ בינטל זכרונות פון מיינע יונגע יאָרן)

ר׳ וואָלף גרין געדענקט זיך מיר ווי אין חלום. איך ווייס בלויז אַז ער האָט געהאַט אַ זון שיע־לייב וואָס האָט געהאַט אַ שפּיצערייַ געשעפט (אַ גראָסערי).

ר׳ וואָלף׳ס איידעם איז געווען דוד רינגעלהיים. זיין מסחר איז געווען קאַלך און צעמענט.

פוירערים און היימישע ווייבער פלעגן ביי אים קויפן שטיקער טרוקענע ווייסע קאַלך און ווען מ׳האָט עס, אין אַ באַליע, אויפגעלעזט מיט וואַסער, פלעגט עס קאָכן ווי אין אַ גיהנם. נאָכדעם ווי דאָס קאָכן און זידן האָט זיך איינגעשטילט, האָט מען דעם קאַלך, וואָס איז געוואָרן ווייך און געדעכט ווי פּוטער, ווידער מיט וואַסער אויפגעמישט, ביז ס׳איז געוואָרן שיטער גענוג, צו קענען דערמיט קאַלכן דעם אויוון, די שטוב. מ׳האָט צום שיטערן קאַלך צוגעגעבן אַביסל בלאָ׳ס (אַזאַ מין פאַרב) לויט געשמאַק פון דער באַלעבאָסטע און דערמיט באַשיינט דאָס ביסל אָרעמקייט.

פאַר די הילצערנע, אָדער אפילו געטינקעטע, ווענט איז קיין בעסערע פאַרצירונג, אין קאָרטשין, נישט געווען. בלויז איינער אָדער צוויי האָבן „טועם״־געווען פון עפּעס אַ מאלעריי וואָס אַ קראָסנער מאָלער האָט מיט מוסטערן באַשיינט. פון אַנדערע קינסטלערייען אויף ווענט האָט מען אין קאָרטשין אין מיינע צייטן נישט געוואוסט.

אַן איינגעראַמטער מזרח, שיר המעלות׳לעך זיינען געווען די גאַנצע באַצירונגען וואָס מ׳האָט אין מאַנכע שטובן געזען. אפילו אַ משה מאָנטעפיאָרע, אַ ווילנער־גאון־בילד איז אינם גאַנצן שטעטל נישט געווען בנמצא. יעדער סאָרט פּסל איז געווען פּסול. אָבער מ׳איז נישט געווען אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט פון שיינקייט. אַ באַלעבאָסטע האָט געוואוסט ווי אַזוי די אָרעמקייט צו באַפּוצן, אַז ס׳איז געווען אָנגענעם פאַרן אויג. מיט צובעטן דאָס בעט, אויסקערן די שטוב און אַלץ שטעלן אויף זיין ריכטיקן אָרט האָט די אָרעמסטע באַלע־

באַטישקייט אויסגעקוקט ווי מלכות. אפילו אַ שיינע לאַטע אויף אַ צעריסן בגד האָט באַוויזן דעם פיינעם געשמאַק פון די אָרעמע הענט.

מיט האָפנונגען, מיט בטחון זיינען אָבער אַלע געווען רייך. האָפנונגען אויף דעם אייגענעם לעבן און דער עיקר — אויף משיח׳ס צייטן.

אַלעמאָל האָט דער ייד פאַרבונדן זיין אייגן לעבן מיט דער אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענשהייט. קיין בעסערן מענשן־מאַטעריאַל ווי גראַד דער יידיש־אונטערדריקטער איז שווער צו געפינען. אָבער דאָס איז דער גורל אין אַ וועלט פון טמאים: דאָס גוטע ווערט אויסגעוואָרצלט און דאָס פסולת בלייבט.

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אין פאַרבינדונג מיט ר׳ דוד רינגעלהיים׳ס מסחר מיט קאַלך.

מיין פערזענלעכע דערמאַנונג אין שייכות מיט אים איז דאָס פאָלגנדיקע:

דעם ערשטן ווינטער אין ריישע, וואו איך בין געוואָרן אַ בעל מלאכה, פלעג איך פרייטיק נאַכט און שבת פרי, נאָכן עסן, גיין צו ר׳ אלעזר׳לען, דעם ריישער רבי׳ן, צו זיין „טיש" און אָפּשאָקלען זיך פון דער וואָכנדיקייט, וואָס איז פאַר מיר בלויז געווען אַ „פּרוזדור" צו דערגרייכן אַמאָל צו אַ העכערער קונסט אין דער מאַלעריי. — דערמיט איז אויך געווען פאַרבונדן אַ חלום, אַז כ׳זאָל מיין מאַמע, די אלמנה, נעמען צו זיך און אויך מיין עלטער׳ן ברודער חיים הערש, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געפינען אין לינסק, צו לערנען טישלעריי, און מיין יונגסטן ברודער שיע, וואָס איז געווען אין קראָקע אָנגעשטעלט אין אַ געשעפט — און אַלע צוזאַמען פאַראייניקן אין „מיין" ריישע מיט אַ נייעם משפחה־צונויפבונד.

איך האָב געשלינגען די „תורה" פון מיין אַדאָפּטירטן פאַך, אַז כ׳זאָל קענען מיין פּלאַן שנעל פאַרווירקלעכן: קודם־כל צו זיין פאַראייניקט מיט דער מאַמען; אַז כ׳זאָל איר 13־יאָריקע־אלמנה׳שאַפט אַביסל פאַרגרינגערן, איז פאַר מיר געוואָרן דער גרעסטער אידעאַל. — מיט דעם געדאַנק האָב איך זיך געשפייזט דעם ערשטן ווינטער, זייענדיק אין ריישע, און געהאָפט שוין אויף דעם פסח ווען כ׳וועל אַהיימקומען צו גאַסט.

אויך דאָס שטעטל קאַרטשין האָט פאַר מיר געהאַט אַ היבשע באַדייטונג, וואָס גלאַט אַזוי צו זיין פאַרשוואומען אין דער וועלט אַריין האָב איך נישט געקענט. אין די 16 יאָר פון מיין געבוירן און אויפגעצויגן ווערן דאָרט האָב איך היבש געשפּינען חלומות וואָס די ווירקלעכקייט האָט זיי צעשטערט.

מ׳האָט עס צוגעשריבן צום גורל פון זיין אַ יתום, איבער וואָס מיר האָבן נישט קיין שליטה.

אָנגעלאָדן מיט אַ ווינטער פון האָפנונגען און אַ דערנענטערונג פון דער צייט צו קומען אויף פסח אַהיים, קום איך, פורים אויף דער נאַכט, צו ר׳ אלעזר׳לען זען ווי ער פּראַוועט סעודת־פורים, טרעף איך דאָרט ר׳ דוד רינגעלהיים, וואָס איז געווען ר׳ אלעזר׳לס חסיד. פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב זיך מיט אים דערפרייט אָנצונעמען אַ גרוס פון דער היים.

צווישן מיר און אים איז אָנגעגאַנגען אַזאַ קורצער דיאַלאָג (כמעט אָן ווערטער): ווען כ׳האָב געוואָלט וויסן צי ער האָט, פאַרן אַוועקפאָרן, געזען מיין מאַמען, האָט ער מיך געפרעגט צי כ׳פאָר קיין רימאַנאָוו אויף פסח? ווען כ׳האָב אים געפרעגט: פאַרוואָס קיין רימאַנאָוו — נישט קאָרטשין? האָט ער זיך געוואונדערט צי כ׳ווייס נישט אַז מיין מאַמע האָט דאָרט אַהין חתונה געהאַט? — דאָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ דונער פונם לויטערן הימל: אַלע מיינע חלומות זיינען מיט אַמאָל צערינען געוואָרן און ס׳האָט מיך אָנגעפאַנגען צו שטיקן אין האַלז און האָב זיך געצוימט מיט אַלע כוחות זיך צו קאָנטראָלירן. מער קיין ענטפער דערויף האָב איך אים שוין נישט געגעבן. איך האָב זיך פון ר׳ אלעזר׳לס קלויז אַרויסגעדרייט, און אַזוי שנעל כ׳האָב דערגרייכט די דרויסנדיקע, נאַכטיקע טונקלקייט האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין מיט באַכן טרערן. כ׳האָב געכליפּעט אָן אַן אויפהער, ביז כ׳האָב שוין אַליין געוואָלט אָפּשטעלן דאָס געוויין און נישט געקענט. איך האָב זיך אָנגעפאַנגען צו שרעקן אַז מיין נייער וויטיקלעכער סוד זאָל נישט ווערן ענטפּלעקט פאַר פרעמדע, אָבער מיין קינה־אויסברוך האָט אָנגעהאַלטן. ביז ס׳איז מיר, אינסטינקטיוו, דורכגעלאָפן אַ געדאַנק מיט מיין שפייעכץ אָפּצו־וואַשן די טרערן. און — וואונדער איבער וואונדער: ס׳האָט געהאָלפן. כ׳האָב מיין האַנט, נאָכאיינאַנדער, איינגענעצט מיט שפייעכץ, דערמיט געווישט די אויגן און דער גאַס־שטראָם פון די אויגן האָט אויפגעהערט.

איך געדענק נישט צי בין איך צוריק אַריין נאָך אַמאָל צו זען ר׳ דוד׳ן, אָבער דורך דער אומפאַרהאָפטער נייעס האָט זיך ביי מיר עפּעס איבערגעבראָכן און ס׳האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע.

זייענדיק פונם בית המדרש אַרויס, און ווערנדיק אַ בעל־מלאכה, האָב איך מיט קונצן געוואָלט פאַרדעקן די אַלגעמיינע לאַגע, אין וועלכער כ׳האָב זיך געפינען. דער קאָנטראַקט מיט מיין בעל־הבית, (געשריבן אין יידיש מיט מיין האַנדשריפט), איז געווען אַז בלויז איין יאָר זאָל איך ביי

אים לערנען. נאָכדעם, האָט ער זיך פאַרפּליכטעט, מיר אַרויסצוגעבן די לערן־פּאַפּירן (לויטן עסטרייכישן געזעץ: צו קענען אַרבעטן אַלס געזעלן) — נישט דערפאַר צו דאַרפן שקלאַפן גאַנצע דריי יאָר, וואָס איז באמת געווען געזעצלעך.

פאַר דער „טובה" האָט מיין באַלעבאָס, לייזער גאַרפינקעל, געקראָגן 100 גולדן, וואָס מיין מאַמע, ע"ה, האָט זיך באַדאַרפט באַרגן אויפן ירושה־הויז וואָס איז געבליבן פון מיין טאַטן, ע"ה. — דעם ערשטן ווינטער צו זיין אין דער פרעמד איז פאַר מיר געווען פיינלעך, אָבער די האָפנונג אַהיימ־צופאָרן אויף פּסח, און אַז מיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זאָלן זען אַ, כ'האָב אויך אַ היים, איז פאַר מיר געווען אַ מאָראַלישע סאַטיספאַקציע. כ'האָב נישט געוואָלט אַז מ'זאָל אויף מיר רחמנות האָבן אַלס יתום, און אויך נישט געוואָלט זיין אַ ציל־ברעט זיך איבער מיר צו איזדיעקעווען — ווי ס'איז אין יענער צייט געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג: כל חמתם פלעגן דאַמאָלס אויסגיסן דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע און אפילו די געזעלן, אויף דעם אומגליקלעכן לערן־ייִנגל. איך האָב לכתחילה נישט אָנגענומען אַזאַ צוגאַנג. איך בין געווען גרייט צו טאָן מיין פליכט די־והותר אָבער האָב נישט געוואָלט ווערן דערנידריקט. און דאָ אַזאַ בראָך! מיין גוטע מאַמע האָט אַלץ צעשטערט: זי האָט חתונה געהאַט און די אינפאָרמאַציע האָב איך נישט געקראָגן דירעקט פון איר.

מיין גוטע מאַמע האָט געפילט מיר נישט אָנצוזאָגן די „גוטע־בשורה". ווי אַזוי מיינע צוויי ברידער, חיים הערש און שיע האָבן עס אויסגעפונען, איז מיר עד־היום נישט באַקאַנט (מיין מאַמע האָט דאָך אַליין נישט געקענט שרייבן). זיי זיינען געקומען קיין רימאַנאָוו אויף פּסח אַזוי ווי גאַרנישט געשען (און ווער ווייסט וואָס ביי זיי אין האַרצן האָט זיך אָפּגעטאָן? — מיר יתומים האָבן דעריבער קיינמאָל נישט גערעדט). אָבער ביי מיר איז עס געווען אַ טראַגעדיע.

ביים באַלעבאָס צו בלייבן אויף פּסח וואָלט עס אים געגעבן אַ כלי־זין צו הערשעווען איבער מיר, וויל כ'האָב נישט מער קיין מקום־מקלט. אפילו אַן אָרימע היים איז דאָך אַ שטיקל באַשיצונג קעגן ווילקיר פון דורשכניטלעכע כאַראַקטערן, וואָס קענען נישט אַריינדרינגען אין אַ סענסיטיווער נשמה.

האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אויף פּסח קיין קאָרטשין. כ'בין ערב יום־טוב אָנגעקומען אין שטעטל, געגאַנגען צו אונזערע אַלטע שכנים, ר' הערש און ליבע כ"ץ, זיי געזאָגט אַז כ'וויל זיין זייער „אורח" און וועל דערפאַר באַצאָלן.

מיינע „גרויסע" אָפּגעשפּאָרטע פינאַנסן פון די טרינקגעלטער, וואָס כ'האָב באַקומען פון באַלעבאַטעס, אין ריישע, פאַר פסח, האָבן (לויט מיין אויסרעכנונג) נישט געסטאַיעט אויף גאַנץ יום־טוב, אָבער פאַר די ערשטע טעג האָב איך געהאַט צו דעקן די הוצאות. איבריקנס האָב איך אַליין באַשטימט דעם „מקח": איך האָב געזאָגט ליבע'ן אַז כ'וועל איר געבן 2 גילדן, זי האָט דאַרויף באַשטאַנען און ס'איז מיר נאָך געבליבן אַן ערך פון נאָך 2 גילדן (אפשר מיט אַ שמיץ מער). כ'האָב נאָך אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי כ'וועל זיך מיט דעם ספּראַווען.

אין קאָרטשין האָב איך דערוויילי אויסגעפינען, אַז מיין גוטע מאַמע, כל־זמן זי האָט נאָך געהאַט אַ קינד נעבן זיך, האָט זי זיך געבאָרגט, געליען געגעבן עסן און אינאיינוועגס האָט זי אויך עפּעס טועם געווען. ווען איך, דער לעצטער, האָב פאַרלאָזט די היים האָט זי, מיטן שפּאָרן פאַרן מאָגן, געוואָלט אויסמיידן מערערע חובות. די היימישע ווייבער די שכן'טעס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן זיי איר פאַר'שדכן'ט מיט ר' מרדכי עליאס, פון רימאַנאָוו. ר' מרדכי איז געווען אַן אלמן, אַן עלטערער ייד, אַ פאַרמעגלעכער, וואָס האָט איר דעם פרנסה־פּראָבלעם אַוועקגענומען, באַזייטיקט.

איך האָב געקענט מיין מאַמעס כאַראַקטער, וואָס שכן'טעס און קרובים האָבן איר שנעל געקאָנט באַאיינפלוסן. קיין ווידערשטאַנדלעריין איז זי קיינמאָל נישט געווען. איז ווען ווייבער האָבן באַשלאָסן אַז אַזוי איז גוט פאַר איר, האָט זי איינגעשטימט און געוואָרן אַ רימאַנאָווער באַלעבאָסטע.

ווי אַזוי מיין מאַמע האָט אויסגעפינען, אַז איך בין די ערשטע טעג פסח געווען אין קאָרטשין ווייס איך אַליין נישט. קיין קאָרעספּאָנדענטן, קיין טעלעגראַמעס זיינען וועגן דעם נישט אָנגעגאַנגען. אָבער באַלד דעם ערשטן אָדער דעם צווייטן טאָג חול־המועד באַקום איך דורך איינעם (כ'געדענק שוין נישט ווער דאָס איז געווען) אַ פאַרלאַנג פון מיין מוטער, אַז כ'זאָל צו איר אַריבערקומען. איאיינוועגס האָב איך אויך דערפאַרן, אַז מיינע צוויי ברידער געפינען זיך דאָרט.

אין מיין דאַמאָלסדיקער לאַגע איז עס געווען אַן אינסטינקטיווער וואונש, צו קענען דעם גאַנצן פסח אַוועקשטיין פון ריישע, וואו כ'האָב זיך פאַר אַן עבד פאַרקויפט. בין איך, מיט אומבאַשטימטע געפילן געפאָרן קיין רימאַנאָוו.

דאָרט האָב איך מיינע צוויי ברידער שוין געפינען איינגעהיימישט מיט אונזער שטיפטאַטן און זיין משפחה. ער האָט געהאַט קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך וואָס אַלע האָבן זיי געוואוינט אין ר' מרדכי'ס אייגנטום.

מיין מאַמע איז ביי זיי געוואָרן ווי זייער אייגענע מאַמע — נישט ווי אַ שטיפמאַמע.

און ווען כ׳האָב זיך באַלד באַקענט מיט ישראל, שלום נאכמאלעס (וועמען איך האָב שפּעטער באַשריבן אין „גוט און פרום״) און פון אים אויסגעפונען אַז ר׳ מרדכי איז אַ גרויסער בעל־צדקה האָב איך צו אים באַקומען דרך־ארץ ווי צו אַן אייגענעם טאַטן. — אַזוי האָב איך עס אָנגעהאַלטן ביז צו זיין פאַרגיין אין דער אייביקייט.

עס ווילט זיך באַמערקן אַז מיר, די מאַמעס קינדער האָבן קיינמאָל נישט אויסגענוצט זיין גבירישאַפט פאַר אייגענע צוועקן. ווען מיר זיינען געווען אָנגענעמע געסט אויף פּסח, סוכות איז עס פאַר אונז געווען גענוג סאַטיספאַקציע.

ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקא (אין די דרייסיקער יאָרן) איז מיין מאַמע געשטאָרבן. ר׳ מרדכי איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געשטאָרבן. ער האָט אַריינגעלעבט ביז עטלעכע ניינציק. אַ צעיאָזשעטע פערד מיט אַ וואָגן האָט געמאַכט אַן ענד צו זיין לעבן.

די גוטהערציקייט פון ר׳ מרדכי׳ן — אין זיין פאַרמעגלעכער צייט — צו די נויטבאַדערפטיקע האָט מיך צו אים צוגעצויגן, וואָס איך דאַרף, ביי געלעגנהייט, דערמאנען. דאָס טו איך איצט, שריפטלעך, צום ערשטן מאָל.

איז אין פאַרבינדונג מיט די זכרונות, וועגן טרעפן ר׳ דוד רינגעלהיים אין ריישע, באַצאָל איך איצט אַ מאָראַלישן חוב אַ יידן, וואָס איז געוואָרן מיין שטיפטאַטע און איז ווערט געדענקט צו ווערן — אַן אַ מחיצה צווישן קאָרטשין און רימאַנאָוו.

וואָלף רינגעלהיים, ר׳ דוד׳ס זון, וואָס געפינט זיך דאָ אין אַמעריקא האָט זיכער עפּעס מער צו דערציילן וועגן זיין גאָטזעליקן טאַטן און משפחה, וואָס איז נישט אין מיין רשות.

לייב וואָלף פריינד

אַ סך מאָל ווילט זיך פרעגן: צי איז טאַקע נישט בעסער געווען דער אַלטער דרך, ווען מ׳האָט נישט געוואוסט פון די היינטיקע באַקוועמלעכקייטן, מיט די אַלע שאלאמויזן, אָן וועלכע מ׳קען זיך שוין נישט באַגיין, און ווען מ׳האָט זיי שוין איז מען ערשט אומצופרידן, ווייל מ׳זעט ביי אַנדערע נאָך מער — און אַזוי אָן אַ סוף?

לייב וואָלווען האָב איך געקענט פון מיין קינדערייט אָן. מיר זיינען געווען שכנים. זיין טאַטע־מאַמע, יאנקעל און יאכעט, האָבן געוואוינט ביי סענדערל פעסעל אין הויז, וואָס איז געווען באַהאָפטן מיט מיין טאַטנס. אַ שמאָלע, לאַנגע קאַמער אינצווישן האָט זייביידע אָפגעטיילט.

לייב וואָלף איז געווען דער יינגסטער פון ר׳ יאנקעלס קינדער. דריי טעכטער — פערל יענטע, גדליה דאווידאָוויטש׳ס ווייב, אסתר און סערל, אויך זיין עלטערער ברודער מתתי׳ זיינען שוין געווען חתונה־געהאַטע.

בלויז לייב וואָלף האָט גע׳בטלן׳ט ביי טאַטע־מאַמע און געלייענט מעשה־ביכלעך, אַזוי ווי אַ שיכור׳ער טרינקט בראָנפן. אין זיין אויסזען איז ער געווען אַ שטיק בטלן מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות, פאַר׳חלום׳ט, אָן וועלכן עס איז אינטערעס פאַר עולם־הזה׳דיקע זאַכן, נאָר געשוועבט צווישן מלאכים אויף יענער וועלט. ער איז געווען אויסגעבונדן מיטן גיהנם און גן־עדן; ער האָט כמעט געוואוסט אַלע שטשיעשקעס פון דעם הימלישן אויסלייג, און האָט געציטערט ווי אַ פיש, ער זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיט אַן עבירה.

ווען ר׳ יואל פריינד, זיין אָנקל, איז, אויף דער עלטער, בלינד געוואָרן, פלעגט לייב וואָלף אים, אַיעדן טאָג אין דער פרי, אָפירזאָגן תהילים און ר׳ יואל האָט אים נאָכגעזאָגט. אַחוץ פון זיך אַליין איז ער אויך פון זיין פעטער יואל אָנגעשטעקט געוואָרן מיט פאַרכטיקייט. זיינע אויגן זיינען נישט געווען קיין די־וועלטיקע. מ׳האָט עס ממש געזען באַשיינפערלעך.

און ווען איך האָב פאַרלאָזט קאָרטשין — אין יאָר 1908 — איז נאָך

לייב וואָלף געווען ביי טאַטע־מאַמע. ער איז שוין געווען ראוי־לחופה, אָבער די צייט איז נאָך נישט געווען רייף דערפאַר.

מיט 12 יאָר שפּעטער — אין יאָר 1920 — ווען איך האָב באַדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ קיין טשעכאָ־סלאָוואקיי און בין אָנגעקומען צום גרענעץ־שטעטל מעזשע־לאברעץ אויף יענער זייט, האָב איך אויסגעפונען, אַז לייב וואָלף וואוינט דאָרט, האָט אַ ווייב מיט 5 קינדער, דריי זין און צווי טעכטער, אַן אייגענע כאַלופּע, מיט אַ קו, וואָס לאָזט זיך מעלקן.

פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב אים באַזוכט, אים געזען, דערזעלביקער לייב וואָלף ווי אין דער היים, אָבער נאָך מער פאַר׳בטל׳נט — מעשה פּרנסה־געבער. ער איז דאָרט געווען אַ מלמד פון קינדער (זיינע תלמידים האָב איך נישט געזען און, למען־האמת, האָב איך אויך נישט געזען זיין ווייב און קינדער). זיין ווייב האָט געהאָלפן אין פּרנסה, אַזוי ווי אַלע ווייבער אין אַזעלכע שטעטלאַך.

ווען כ׳האָב ווידער, נאָכן היטלער־חורבן, דאָ געטראָפן איינעם פון לייב וואָלף׳ס זין, אַ געראַטעוועטער פונם גיהנם, געקליידעט היינט־מאָדיש, אָן באָרד, אָן פאות, האָב איך זיך געפרעגט: „הזאת־נעמי״? — איז דאָס אַ שפּראָץ פון לייב וואָלף׳ן?

די אומגעקומענע פון לייב וואָלף׳ס משפחה זיינען: ער צוזאַמען מיט זיין ווייב שיינדל בת משה; זייערע קינדער: יאכעט, יעקב און שרה, ז״ל.

די לעבנגעבליבענע וואָס געפינען זיך אין אַמעריקא זיינען: מרדכי צבי און משה.

שמואל אהרן קאָקאָשקע

שמואל אהרן׳ס צונאָמען „קאָקעשקע״ — פון וואַנעט עס שטאַמט — ווייס איך נישט. מ׳האָט אים אויך גערופן „שמואל אהרן בינע׳ס״ און זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען: טעלער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך בין שוין אין קאָרטשין נישט געווען, ווען שמואל אהרן האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט קינדער זיי מפרנס צו זיין, האָט יוסף וועבער געגעבן אַ פירוש אויף שמואל אהרן׳ס צונאָמען. זיכער צי ס׳איז אַזוי, בין איך נישט. אָבער קיין בעסערע כאַראַקטעריסטיק, ווי יוסף וועבער האָט געגעבן שמואל אהרנ׳ען דאַרף מען נישט.

אין דעם „יזכור־בוך״ געפינט זיך די שילדערונג פון שמואל אהרן מיט זיין פיש־האַנדל און אַלץ מיטאיינאַנדער, ווי אַזוי ער האָט געפירט דעם מסחר, זיין גוטהאַרציקייט און רואיקן געמיט, וואָס בלויז אַ ל״ו׳ניק קען מען צו־שרייבן אַזעלכע מעלות.

פאַרשטייט זיך אַז יוסף וועבער האָט אין זיין שילדערונג פאַרדרייט די נעמען, אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן אין יענער צייט, ווען אַזעלכע באַשרייבעכצער אין די „גאַזעטן״ איז געווען טריפה־פסול, און איבערהויפּט פאַר אַזעלכע וואָס האָבן זיך קוים געקענט ספּראַווען מיט דער עברי, און אַמאָל דאָס אויך נישט צו גוט. ווי קינסטלעריש, ווי געטריי צום אמת, יוסף וועבער האָט עס געמאָלן, און היבשלעך לשבח, אָבער דער רוב פונם שטעטל האָבן נישט געוואוסט מיט וואָס ׳מ׳עסט עס״.

ווען ס׳איז אָנגעקומען קיין קאָרטשין דער זשורנאַל „וועלט־שפּיגל״, וואו יוסף וועבער האָט שמואל אהרנ׳ען מיט זיין משפחה געשילדערט, האָבן זיך חברה־לצים געפעדערט און עס אונטערגעטראָגן שמואל אהרנ׳ס ווייב. האָט עס איר, די „קאָזאַטשקע״ אָנגעצונדן דאָס הייסע בלוט און יוסף׳ן דערגאַנגען די יאָרן.

ווען זי האָט אים געזען אין דרויסן האָט זי אים נאָכגעשריגן: דער „פישער״ גייט, דער פישער גייט!

פון „דער פישער״ (דער טיטל פון דער באַשרייבונג) איז ביי איר

געוואָרן: „דער פישער" — אַ פינטאַלע אין דער „פ" האָט איבערגעדרייט די יוצרות מיט אַ נקמה־געפיל ווייל מ'האָט זי „באַשריבן".

אויף אַזאַ אופן האָט אַ יידענע באַצאָלט אַ קינסטלער, וואָס האָט איר חלילה נישט פאַרשוואַרצט דאָס פנים. ער האָט איר געמאָלן ווי אַן אשת־חיל, ווי אסך אַזעלכע היימישע־יידענעס זיינען געווען, וואָס האָבן געהאָלפן אין פרנסה, און זי האָט, אויף איר שטייגער, נישט ערגער עס געמאַכט ווי אַנדערע „היינטיקע" וואָס ווייסן עפּעס מער.

זי האָט גערעדט מיטן באַגריף „וועלט" (מ'האָט איר אַ שלעכטן שם געמאַכט אויף דער וועלט), כאָטש מער ווי פון דער גרענעץ קאָרטשין האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אפילו דער פשוט'ס־דיקער מענש זעט זיך, אינם מאָראַלישן באַגריף, אין אַ וועלט־פאַרנעם. מ'וויל נישט זיין געסטעמפּלט ווי אַ חיה־רעה — האָט זי זיך מיט יוסף'ן אָפּגערעכנט אויף איר שטייגער.

זאָל ר' שמואל אהרן קאָקעשקע (אַ נאָמן לשבח) מיט זיין ווייב און קינדער, וואָס זיינען געווען היטלער־קרבנות, רוען אין גן־עדן.

כבוד זייער אָנדענק.

ר׳ שמעיי

ר׳ שמעי׳ איז געווען אין קאָרטשין אַ גאַנצע אינסטיטוציע. ער מיט זיינע פיר זין האָבן געהאַט צו טאָן מיט פערד — ס׳איז געווען זייער פּרנסה.

זינט איך געדענק ר׳ שמעי׳ן איז ער שוין געווען אַן אלמן, אַן אַלטער מאַן. ער האָט געוואוינט מיט זיין טאָכטער דבורה, וועמעס מאַן איז געווען אין אַמעריקא און זי איז געבליבן אין קאָרטשין מיט צוויי יינגלעך (אברהם און בער) און אַ מיידל (טשארנע) און געוואַרט, געהאָפט, אַז איר מאַן זאָל זי מיט די קינדער אַריבערנעמען צו זיך.

שמאיע׳ס יינגסטער זון, חיים, וועלכער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער, האָט אויך געוואוינט מיט דבורה׳ן. ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענע ברישקע, און געפירט פּאַסאַזשירן פון קאָרטשין קיין קראָס און צוריק.

חיים איז געווען אַ ציכטיקער יונגערמאַן און געהאַלטן זיין פערד און וועגאַלע ריין.

נאָך אַ קאַליעס, וואָס איז געווען די העכסטע דערגרייכונג פון אַ פיאקער, איז אַ בריטשקע געווען פון אַ צווייטער מדריגה. די קאָנסטרוקציע פון אַ קאַליעס איז, אַז מ׳הוידעט זיך אין אים מער ווי מ׳פאָרט. ס׳איז אַזאַ מין גרויס קינדערוועגאַלע, וואָס שאָקלט צום איינשלאָפן.

אַ בריטשקע האָט נישט די ספּרענזשענעס אַז ס׳זאָל זיך הוידען אָבער האָט ציכטיקע אויסגעבעטע געזעסן, איןביידע זייטן הענטלעך צום אָנהאַלטן, און ס׳שטייט אויף אַ העכערער מדריגה ווי אַ וואָגן. מער ווי אַ באַשטימטע צאָל פּאַסאַזשירן קען מען דערין נישט אַריינפּאַקן.

איך האָב אָנגעפאַנגען מיט חיים׳ען, דעם יונגסטן זון, ר׳ שמאיע׳ס. איצט וועל איך צוריקגיין צו זיין עלצטן זון: איציק.

איציק איז געווען אַ שפּיליטער. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ באַלעבאַטישער פּרנסה. עס האָט געהאַט צו טאָן מיט ברענגען פון דער באַן סחורות קיין קאָרטשין, וואָס קענען מיט פּאָסט נישט געשיקט ווערן, און אויך פון קאָרטשין צו דער באַן, און אין אַנדערע מקומות אויב ס׳האָט געהאַט צו טאָן מיט גרויסע לאַדונגען. דאָס איז געווען אַ פאַרבינדונג מיט סוחרים

און מיט צוטרויען אַז אַלץ וועט דורכגעפירט ווערן אַזוי ווי מ׳וואָלט אַליין געווען דערביי.

דער וואָגן פון אַ שפּיליטער איז געווען אַ מאַסיווער, אַ גרעסערער און דער געשפּאַן האָט באַדאַרפט זיין מיט צוויי שטאַרקע פערד, זיי זאָלן קענען פירן אַ שווערע משא. דערצו האָט מען אויך באַדאַרפט, פון צייט צו צייט, האָבן אַ גוי, אַ טרעגער, אויף און אָפּצולאָדענען די שווערע סחורות, וואָס מ׳האָט זיך דערמיט אַליין נישט מתעסק געווען. דאָס האָט שוין געשטעלט אין דער מדרגה פון מער חשיבות, טראָצדעם וואָס מ׳האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט פערד.

איציק האָט זיך טאַקע גערעכנט צווישן די באַלעבאַטישע יידן. ער האָט געהאַט אַ חשוב׳ן זיץ־פּלאַץ אין בית המדרש. שבת און יום־טוב איז זיין שטריימל און זיידענע בעקעשע געווען ציכטיק — נישט אָפּגעטראָגן־אַלט — און האָט אויך געקענט אין די קליינע אותיות אַביסל מער ווי זיינע ברידער: מעביר־זיין די סדרה און אפשר אַביסל פירוש־המילות דערפון.

נעבן זיין אייגן הויז, וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער אויך געהאַט די שטאַל פאַר פערד און וואָגן און אַ היבשן אַרומגעצוימטן פּלאַץ פאַרן אַריינפאָר.

דער צווייטער זון ר׳ שמאיע׳ס, יאָסל, האָט אויך געהאַט אַזאַ מין שפּיליטער־וואָגן, אָבער נאָר מיט איין פערד. ער האָט געפירט סחורה, אין אַ קלענערן פאָרמאַט, פון קאָרטשין קיין קראָקע און צוריק, צוזאַמען מיט די אייגנטימער וואָס האָבן געהאַנדלט דערמיט. אָפטמאָל האָט מען אין דעם וואָגן אויך אַריינגעקוועטשט אַ פּאָר פּאַסאַזשירן אָן סחורה וואָס זיינען געפאָרן אין דער זעלביקער ריכטונג, וואו ס׳איז געווען באַשטימט. אויך פלעגט ער אַמאָל פאָרן קיין רימאַנאָוו אָדער אַנדערשטוואו בלויז מיט פּאַסאַזשירן. אין אַזאַ פאַל האָט מען פון קיין באַקוועמלעכקייט נישט געוואוסט: וויפיל ס׳האָבן זיך געקענט אַריינפּאַקן אין וואָגן איז געווען רעכט. מ׳איז געזעסן אויף אייגענע קלימיקלעך, אויף היי, פּעק, אויף די דרענגער וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די ווענטלעך פונם וואָגן. אַלץ האָט געדינט פאַר אַ זיץ־פּלאַץ. אַבי מ׳איז דערפאָרן וואו מ׳האָט באַדאַרפט. אויף געוויסע סחורות האָט מען דאָך אוודאי זיך געקאָנט מאַכן באַקוועם.

עס איז געווען געוועגדעט אין יאָסלען, ער זאָל אַלץ אַזוי אויסלייגן, אַרומבינדן, אַז ס׳זאָל זיין אַ מעגלעכקייט נאָך מער אַרויפצונעמען אויפן וואָגן, עס זאָל מער אַריינברענגען.

יאָסל איז געווען דער שטאַרקסטער צווישן זיינע ברידער און אויך זיין פערד איז אַלעמאָל געווען אַ מאַסיוו׳ס, אַז ס׳זאָל קענען שלעפּן די אָנגעלאָדענע משא.

נישט איינמאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געמוזט מוחל זיין און אַרונטערגיין, ווען ס׳איז געקומען באַרג־אַרויף וואָס איז פאַרן פערד געווען צו שווער, און יאָסל האָט, מיט זיין גבורה, אונטערגעהאָלפן צו דערגרייכן דעם שפּיץ־באַרג. דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין יענע צייטן. ביים קראָסנער באַרג האָבן די פערד היבש געסאָפּעט אים אַריבערצופאָרן.

לויט יאָסעל׳ס אָפּגעטראָגענע שבת׳דיקע מלבושים, מיט זיין פאַרעלטערט שטריימל, האָט מען ביי אים נישט געזען קיין נגידישאַפט, אָבער ער איז געווען באַלעבאַטיש, געהאַט זיין אייגענע וואוינונג און זיך געהאַלטן אין דער מדרגה לויט זיינע מעגלעכקייטן.

משה, דער דריטער זון שמאַיע׳ס, האָט אויך געהאַט אַן איינפּאַכן וואָגן, אויף וועלכן ער האָט בלויז געפירט פּאַסאַזשירן, מייסטנס פון קאָרטשין קיין קראָס און צוריק. צו אַזאַ פונקציע איז זיין וואָגן געווען צו אָנגעכוימלט, מיט נישט קיין באַקוועמע זיץ־פּלעצער און דערצו איז זיין פערד אַלעמאָל געווען אַ שוואַכס — עס האָט קוים זיך דערשלעפּט וואו מ׳האָט באַדאַרפט. — מסתמא האָט אים געפעלט די פעאיקייט צו דערגרייכן עפּעס בעסערס.

ער האָט געהאַט אַן אייגענע כאַלופּע מיט אַ שטרויענעם דאַך און, ווי־נישט־איז דורכגעקומען מיט זיין חיונה.

ווי איך געדענק פלעגט ר׳ שמאיע אַלעמאָל אַרויסגיין אין מאַרק און אַרומפּוצן, אַרומבאַרשטן משה׳ס פערד, אַז ס׳זאָל אויסקוקן לייטיש. משה איז געווען, אין דער באַציאונג, אָפּגעלאָזן. די אַנדערע זין, ר׳ שמאַיע׳ס, האָבן אַליין אַכטונג געגעבן אויף זייערע פערד און וועגן. ר׳ שמאיע האָט זיי נישט באַדאַרפט אַרויסהעלפן, טראָצדעם וואָס ער וואָלט זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט דבורה באַקומען פון איר מאַן שיפסקאַרטן פאַר איר מיט אירע קינדער. זי האָט איינגעפּאַקט איר בויטיקע אָרעמקייט און געפאָרן צו איר מאַן, און פאָטער פון אירע קינדער, קיין אַמעריקאַ.

באַלד האָט חיים חתונה געהאַט און איבערגענומען דבורה׳ס וואוינונג (אַ קיך מיט אַן אַלקער). ר׳ שמאיע איז געבליבן מיט דעם יונגן פּאָר אין דערזעלביקער דירה.

ס׳האָט גענומען אַ צוויי־דריי יאָר און דבורה האָט אַריבערגענומען איר טאַטן קיין אַמעריקא. דאָך אַ טאָכטער.

אין זיין עלטער האָט שוין ר׳ שמאיע נישט געקענט אַרבעטן. קיין פערד־באַשעפטיקונג האָט ער דאָ נישט געקענט קריגן. פלעגט ער, אין זיין פרייער צייט, גיין, אין דער איסט זייט ניו־יאָרק, וואו דבורה און אסך לאַנדסלייט האָבן געוואוינט, פון איין לאַנדסמאַן צום צווייטן און זיך דערמאָנען פון דער אַלטער היים.

איבעראַל וואו ער איז געקומען האָט ער געזוכט אַ מזוזה צו געבן איר אַ קוש. אָבער, בעוונותינו־הרבים, האָט ער עס נישט ביי אַלעמען געפונען. זיין יידיש האַרץ האָט דערפון געווייטיקט, אַז ער האָט עס פשוט נישט געקענט אויסהאַלטן.

צו לערנען, אָדער אפילו זאָגן תהילים, איז ער נישט געווען צוגע־וואוינט, איז, וואָס האָט אַזאַ ייד געקענט טאָן אין דעם „וויסטן" אַמעריקא? אַז אַ מזוזה אויף אַ יידיש ביישטידל האָט געפעלט איז דאָך הימל עפן זיך!

אין אַזאַ פאַל האָט ער זיך שוין געפילט ווי אין אַ גוייש הויז — און גיי כאָטש נעם אַראָפּ דאָס היטל! דאָס איז פאַר אים געווען אַ שווערער נסיון, וואָס אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ער עס מער נישט געקענט אויסהאַלטן.

אמת מער ווי דאַוונען און מאַכן אַלע בויטיקע ברכות צום עסן, אָדער פאַר אַן עליה, האָט ער נישט געקענט, אָבער ער האָט געוואוסט פון אַזאַ יידישקייט אין וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן. אויך די, אַן־באָרד־און פאות, פון זיינע לאַנדסלייט האָבן אים געשטאָכן אין די אויגן. ער אַליין האָט דערפון נישט געמינערט, אָבער האָט זיך געפילט אין אַ טריפה לאַנד, וואָס אפילו די שטיינער, אויף וואָס מען טרעט, זיינען אויסגעווייקט מיט עבירות. — קיין עולם־הבא קען מען זיך דאָ נישט פאַרדינען.

איז, זייענדיק אין אַמעריקא אַ צוויי יאָר האָט אים זיין טאָכטער דבורה געמוזט צוריקשיקן.

איך געדענק ווען ער איז צוריקגעקומען קיין קאַרטשין. מיין עלצטער ברודער, שלמה, האָט זיך שוין דאַמאָלס געפונען אין אַמעריקא, האָט ער מיט ר׳ שמאיע׳ן מיטגעשיקט שעלקעס (שלייקעס) פאַר זיינע ברידער, וואָס אין קאַרטשין איז עס דאַמאָלס געווען אַ יקר המציאות. דער גרוס פון שמאיע׳ן וועגן שלמה׳ס יידישקייט איז געווען נישט קיין געהויבענער. ער האָט געגעבן אַן אָנוואונק אויף דער נישט זיכערקייט, אויפן ספק, פון שלמה׳ס האַלטן שבת

— ווי אַ ייד דאַרף. מילא, מיטן נישט יידישן טראַכט האָט שוין ר׳ שמאיע, פּאַר אַנדערע, שלום געמאַכט.

אַזוי איז ר׳ שמאיע צוריקגעקומען אין זיין אַלט געבוירן־שטעטל קאָרטשין. וואו ער האָט זיך שפּעטער אויפגעהאַלטן ,ביי וועלכן פון זיינע זין, איז מיר נישט באַקאַנט. איך בין מטושטש דערין.

דבורה פלעגט אים וואַרשיינלעך, פון צייט צו צייט, שיקן פון אַמעריקא אַ פּאָר טאָלער, ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו די זין. — דאַכט זיך אַז געוואוינט האָט ער ביי חיים׳ען. ער האָט זיך ווידער געמאַכט נוצלעך מיט פוצן, פּאַיען, געבן היי, האָבער, שעטשקע די פערד פון זיינע קינדער, ווען זיי האָבן זיך געפינען אין מאַרק. ער האָט שוין געהאַט אַ חוש, אַן אויג פאַר זייערע באַדערפנישן אין דער ריכטיקער צייט. מ׳קען אפשר זאָגן אַז ער מיט די פערד האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. דורך אַלע זיינע יאָרן צו זיין באַשעפטיקט מיט זיי האָט ער שוין כמעט געקענט זייער שפּראַך. מ׳קען אפשר גאָר זאָגן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען זיין אייגענער, צוזאַמען מיט׳ן פערדס שליחות, צוליב וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. ביי אים איז נישט געווען קיין מורא צוצוגייען אפילו צו אַ ווילד פערד. מיט אַ גלעט אויפן ריכטיקן פלאַץ זיינען זיי באַלד געוואָרן פריינט. מיט אַ זשמעניע האָבער האָט ער עס נאָך מער פאַפּראַוועט.

ווען איך בין אַוועק פון קאָרטשין איז שוין ר׳ שמאיע זיכער אַלט געווען אַ 75 יאָר. ער איז געווען פולשטענדיק גרוי, האָט געהאַט אַ הדרת־פנים, בלויז דער פשוט׳ער טראַכט זיינער האָט עדות געזאָגט אַז ער איז נישט פון די כלי־קודש.

כבוד זיין אָנדענק.

אברהמ'לע נאַר

אַיעדעס שטעטל, אויף יענער זייט ים, האָט געהאַט זיין משוגע'נעם, זיינע גבירים, אָרעמעלייט און אַלע אַזעלכע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקע קהל שע־באַלעבאַטישקייט. מ'קען זאָגן, אַז אַלץ צוזאַמען איז שוין געווען אַזוי אַריינגעפּאַסט איינס־און־אַנאַנדער, אַז ס'האָט געגעבן דעם כאַראַקטער פונם גאַנצן שטעטל. אין פריידן און אין ליידן, וואָס האָבן אָנגע־רירט, אחוץ דעם יחיד, האָבן אַלע גענומען אַן אָנטייל דערין — אַזוי ווי ס'וואָלט געווען איין צוזאַמענגעוואַקסענע משפחה.

אָפּמעסטן אַלע שטעטלעך, מיט אַ גלייכער מאָס, קען מען ניט. אַזוי ווי צוויי מענטשן (אויסער אַ צווילינג) זיינען קיינמאָל אויסערלעך קיין גלייכע, אַזוי זיינען זיי אויך ניט אינערלעך.

אויך אין פרנסה־צוזאַמענשטעל טרעפן מיר קיינמאָל ניט, אין אַ גלייכער מאָס, די איינגאַמען מיט די אויסגאַבן אויף אַ הונדערט־פּראָצענטיקן שטייגער ענלעכקייטן. איינער קען מיט צען רייניש אַ וואָך לעבן באַלעבאַטיש און נאָך דערפון געבן אַ נדבה אַן אָרימאַן, און דער צווייטער (מיט דערזעל־ביקער צאָל אין אַ משפחה) זאָל ניט האָבן גענוג, אַזאַ סומע, פאַר זיינע אייגענע הצטרכותן. אויף אַזאַ אופן שאַפט זיך פאַרשידנקייטן אין אַ געזעל־שאַפטלעכן־צוזאַמענשטעל.

דאָך קען מען זאָגן אַז אַלע יידישע קהילות האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסן ענלעכן כאַראַקטער, וואָס איז איינציק אין דעם מין.

אפילו שטאָטישע משוגעים זיינען געוואָרן, פון זיך אַליין, געצווימט, אַז זיי פלעגן קיינעם קיין שאָדן ניט אָפּטאָן, און אין דער אַלגעמיינער אָרמקייט, האָבן זיך שוין געפינען אַזעלכע מענטשן וועלכע האָבן זיך אויף זיי אומגעקוקט צו דערהאַלטן זייער נשמה.

ס'האָט זיך ווייניק געטראָפן אַז יונגעלייט, מיידלעך זאָלן פאַרזעסן ווערן צוליב גייסטיקער צוריקגעשטאַנענקייט. אַזעלכע זיינען געווען אויסנאַמען. מ'האָט, ווי ניט איז, צוזאַמענגעפּאָרט אַזוינע, וועלכע האָבן זיך, אויף זייער אופן, נאָרמאַליזירט, ווען זייער אָבנאָרמאַלקייט איז ניט געווען עקסטרעם.

אַנשטאָט צוויי אומגליקלעכע נשמות, האָט מען זיי פאַראייניקט, און, צום גליק, האָבן אַזעלכע קיינמאָל ניט קיין נייע דורות געבראַכט. טראָצדעם וואָס ס׳האָבן זיך אַלעמאָל געפינען „וואוילע־יונגען״, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואויל־גיין מיט קיצלדיקער אינפאָרמאַציע פאַר אַזאַ פּאָרל.

ווי עס זעט אויס איז פולע גייסטיקע צוריקגעשטאַנענקייט אויך אַ באַוואָרעניש פאַר ניט ברענגען קיין נייע דורות אויף דער וועלט. ספּעציעל ווען בײדע זיינען אין אַזאַ צושטאַנד.

אַ משוגע׳נער קען אַמאָל זיין געפערלעך ווען מ׳רייצט אים. אין אַ צושטאַנד פון אויפברויז קען ער אָפּטאָן שאָדן און אויך וועמען נזוק׳ן, ווען מ׳באַוויַזט ניט באַצייטנס זיך פון אים צו דערווייטערן. קליינוואַרק האָט אַ טבע זיך אַמאָל צו טשעפּען צו אַזוינעם, אָבער פאַר גרויסע איז עס אַ פליכט זיי מדריך צו זיין אויף רחמנות צו אַזאַלכן.

ווי ניט איז האָט זיך דאָס שטעטל מיט אַזעלכע פּראָבלעמען געספּראָוועט. אַן פּראָפעסאָרישער פאַכמענישקייט האָבן זיך די קליינע שטעטלעך איינגע־שטעלט זייער לעבן אַזוי, אַז ס׳איז אַלץ אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. קיין רויב־און־מאָרד־סענסאַציעס האָט, פשוט, קיינמאָל ניט געטראָפן. דער גאַנצער איינשטעל איז געווען, אַז מ׳האָט אפילו קיין פּאָליציי ניט באַדאַרפט, אויסער צוליב די גוישע שכנים.

דאָס חתונה מאַכן אַן אבנאָרמאַל פּאָרל איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער מצוה. אחוץ דעם וואָס מ׳וועט, אפשר, אויסלייזן צוויי פאַרבלאָנד־זשעטע נשמות, האָט מען דערמיט אַראָפּגענומען אַן עול פון די משפחות, וועלכע זיינען מיט אַזעלכע געשטראָפט געוואָרן. אויף אַזאַ חתונה האָבן זיך מתעסק געווען באַלעבאַטישע מענטשן פונם שטעטל. בכבודיקע באַלעבאָסטעס האָבן געטאַנצט דאָס מצוה־טענצל, און האָבן געזען אַז דאָס פּאָרל זאָל זיין באַזאָרגט מיט אַן אייגענער דירה, מעבל, געשיר און אַלץ וואָס איז נייטיק פאַר דער באַלעבאַטישקייט. טייל האָבן געגעבן שוה־כסף און טייל האָבן מיט אַ פּאָר גראָשן יוצא געווען. דער נייער „פּרנסה־געבער״ האָט זיך שוין נאָכדעם געפונען זיין וועג צו חיונה צווישן דער אַלגעמיינער איינגעשטעלטקייט אין זיין אַרום.

די באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך האָבן דען געהאַט אָנגעגרייט אַזאַ פיינע מערכה, ווען זיי האָבן אויסגעביטן זייער בחור׳ישקייט אויף באַלעבעסלעך? דאָס גאַנצע יידישע לעבן האָט דאָך געהאַנגען אויף ניסים, האָט זיך נאָך איין נס אָנגעהאָנגען אינם גלות׳דיקן איינשטעל.

הכלל, דעם שטאָטישן חזן׳ס זון, אברהם׳לע איז געווען אַ נאַר — ניט

קיין משוגע׳נער. אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן: אברהם׳לע נאַר! ער האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער כאַראַקטער. און אַזוי ווי די יאָרן, זיינע, האָבן זיך גערוקט און ער איז נאָך אַלץ ניט געווען קיין באַ׳טלית׳טער און באַשטריימלטער, האָט מען פאַר אים אויס־געפינען אַן עלטערע מיידל מיט אַ האָרב פוןביידע זייטן און געמאַכט אַ שידוך.

כ׳בין חושד אַז מיין מאַמע, ע״ה, איז געווען די שדכן׳טע, ווייל ס׳איז געווען איר שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט מיט דער באבען און זיידען אין אַ דאָרף נעבן רימאנאָוו. די מומע לאה האָט זיך צוגעהערט, וואָס גוטע און פרומע לייט הייסן, און מיט אברהם׳לען חתונה געהאַט. אברהם׳לע האָט נאָך פון פריער געהאַט אַ שטיקל אָנשפּאַר מיט „פּרנסה״. ער פלעגט פאַר דער משפחה ראַב ברענגען און אָוועקפירן פון־און־צו דער פּאָסט, פּעקלעך מיט לייוונטענער סחורה, מיט וואָס זיי פלעגן האַנדלען אין ארבע־פינות־העולם.

איך ווייס ניט צי זיי האָבן אים שפּעטער געגעבן אַ פולע פּרנסה פאַר זיין שטענדיקער שליחות, אָבער צוזאַמען מיט אַנדערע שליחות׳ן, אָדער אפשר רחמנות־אַקטן מצד באַלעבאַטישע מענטשן, האָט אברהם׳לע געהאַט מיט וואָס זיך און זיין ווייב „מפרנס״ צו זיין.

אברהם׳לע מיט לאה׳ן, האָבן געפירט זייער צוזאַמענלעבן ביז צום אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה, און געוואָרן היטלער־קרבנות צוזאַמען מיט אַלעמען. קיין שאָדן האָט אַזאַ אברהם׳לע ניט געטאָן, און האָט געהאַט אַ באַרעכטיקונג צום לעבן, מער ווי אַלע דייטשן, וואָס האָבן געמאָרדעט אומשולדיקע מענטשן.

אברהם׳לעס נאַרישקייט האָט קיינעם ניט געשאַדט; זייער „חכמה״ האָט אומגעברענגט אַ וועלט — שר״י!

דעש ראש־הקהליס ווייבל און נעכטלע נאַר

אונזער ראש־הקהל, שילעם אקסעלראד, האָט חתונה געהאַט, אויף זיינע עלטערע יאָרן, מיט אַ מיידל פון סטרי. ער איז שוין דאַמאָלס געווען אַ זיידע פון גרויסע אייניקלעך. זיינע צוויי זין, דוד און שמשון, האָבן געוואוינט אין קאָרטשין, געהאַט קינדער, און זיין יונגסטער זון, בענדעט, אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איז געווען מיט אים.

אַ היבשע פאָר יאָר האָט ער געפירט אַ באַלעבאַטישקייט אָן אַ ווייב, געווען אַן אלמן. פלוצים האָט ער דאָס שטעטל „מזכה־געווען" מיט אַ בתולה פון אַ גרויסער שטאָט וואָס האָט געשאַפן אַ שטילע מרידה: קיין שייטל, אפילו, האָט זי נישט געטראָגן, געגאַנגען אין די אייגענע האָר, און נאָך דערצו — גערעדט מייסטנס פויליש. אַזוי האָט מען גערעדט וועגן איר.

קיין „ויצעקו" דעריבער האָט מען נישט געמאַכט. חופה־וקידושין האָט ער דאָך גענומען. אָבער אַ יידישע טאָכטער מיט אייגענע האָר, נאָך דער חתונה, איז דאָך נישט יידישלעך. און נאָך דערצו איר באַנוצן די גוישע שפראַך, וואָס קיינער אינם שטעטל איז נישט געווען קיין „בן־בית" דערין — אפילו איר מאַן שילעם. אַזוי פלעגט מען זאָגן, אַז פויליש קען מענדעל ווייסמאַן בעסער פון שילעמ׳ען.

זיך פאַרטשעפען מיט שילעמען האָט קיינער נישט געוואַגט, צוליב זיין פאָזיציע. ער איז געווען פאַרבונדן מיט די מושלים פון דער סטאַראָסטווע, גוישער געמיינדע, מיטן גאַנצן קלאַפער־געצייג. ממילא וואָלט קיינעם נישט קיין טובה געטאָן אָנצופאַנגען מיט אים וועגן אַזאַ פריוואַטן ענין.

זיין נייע ווייבל האָט מיט קיינעם אינם שטעטל נישט געהאַט קיין מגע־ומשא. איבערהויפט וואָלט קיינער נישט געוואַגט צו ווערן נאָענט מיט איר, ס׳זאָל נישט פאַלן קיין חשד, אַז מ׳ווערט אַ „פורץ־גדר".

אפילו קיין מיידלעך מיט „היינטיק־וועלטיקייט" האָבן זיך דאַמאָלס אין שטעטל נישט געפונען — שוין אָפגערעדט וועגן ווייבלעך.

בלויז שילעמס יונגסטער זון, בענדעט, וואָס איז עלטער געווען ווי זיין שטיפמאַמע, און וואָס איז שוין געווען אין „מרחקים" — אין בודאַפעסט —

צוליב זיינע „מאַנעוורעס" נישט צו ווערן „קיר"ה'ס" פלאָקן־שיסער, בלויז ער, האָט, ווי עס זעט אויס, שלום געמאַכט מיט דעם, וואָס זיין טאַטע האָט זיך פאַר'קנס'עט צו אַ יונג ווייבל, וואָס האָט געערדט גוייש און זיך געשטראָנצלט לויט דער לעצטער מאָדע.

קיין מיאוס'ע איז זי נישט געווען, אָבער, מסתמא, איר אָרעמע היים, אָן נדן, האָט איר געשטויסן זיך צו פאַרבינדן מיט אַן אַלטן יידן, וואָס איז דאָך געווען אַ ראש־הקהל פון אַ שטעטל.

אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגט מען זען ווי בענדעט מיט זיין טאַטנס ווייבל שפּאַצירן לענגאויס פון זייער היים, וואָס איז געווען נאָענט צום מאַרק, דורכגעגאַנגען דעם וועג צום בית־המדרש און אַזש דערגרייכט ביז צו גאָדאלען, וואו ס'האָבן זיך געענדיקט די יידיש באַוואוינטע הייזער.

גיי פאַנג זיך אָן מיט אַ „לאָבוז" וואָס פאַרקוקט זיך אויף דעם טאַטנס וועגן!

אַ יינגל מיט אַ מיידל האָבן, אין יענער צייט, נישט געוואַגט צו שפּאַצירן צוזאַמען, און דאָ דערלויבט זיך עס בענדעט מיט זיין שטיפמאַמע. עס איז אַ סברה וועמען די פריצות האָט באַדאַרפט מער אַרן: ר' שילעמען אָדער דאָס שטעטל. — אָבער צו קיין אָפענע סקאַנדאַלן איז צוליב דעם נישט געקומען. אַלץ אַרום האָט זיך געפירט ווי פריער. קיינעם איז, חלילה, נישט איינגעפאַלן זיך צו נעמען אַ מוסטער פון זייער „גרויסשטעטישקייט".

אַ כשר הויז האָט שילעמס ווייבל געפירט אַזוי ווי אַנדערע. מילכיקס און פליישיקייט האָט זי נישט געמישט. ווען יאָ וואָלט מען עס געוואוסט. צי זי האָט אַמאָל געהאַט אַ שאלה איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אמת'ער טרפות וואָלט דאָס שטעטל געגאַנגען אויף קידוש־השם.

נאָך אַלעמען האָט דאָך שילעם געדאַוונט איעדן טאָג — אויב די ווענט האָבן אויערן. אינדערוואָכן האָט מען אויף קיינעם נישט מקפיד־געווען, צי מ'קומט אין בית־המדרש אַריין דאַוונען צי נישט. עס האָט געטראָפן אַז אויך גאָר פרומע זאָלן דאָס פאַרפעלן צוליב סיבות. שבת און יום־טוב איז שילעם געקומען אין בית־המדרש מיט זיין גאַנצן יידישן טראַכט: אַ שטריימל, אַ זיידענע בעקעשע, מיט אַ גאַרטל אַרומגעבונדן. בלויז די ריינקייט פון אים האָט מער געפינקלט, ווי פון אַ דורכשניטלעכן בעל־הבית. איז, מיט וואָס האָט ער געזינדיקט אַנטקעגן דעם רבש"ע? — בלויז מיט זיין קראַגן און שניפּס — „באַצירט" מיט אַ יונג ווייבל!

נו, דאָס צווייטע האָט שוין געטראָפן ביי היייליקערע פון אים. און דאָס ערשטע האָט מען אים שוין לאַנג מוחל געווען. ס׳איז טאַקע געווען איבער וואָס מרעיש־עולמות צו זיין, אָבער מ׳האָט עס, אין שטילן באַדויער, אַראָפגעשלונגען.

דורך אַ ווייבל, מיינס אַ שכנ׳טע, נעכעלע נאַר, האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם ראש־הקהל׳ס ווייב נישט יידישלעכן אויפפיר (אחוץ דאָס אויבן דערמאָנטע).

נעכעלע, וואָס מ׳האָט זי חתונה געמאַכט מיט אַן אורחא־פורחא, כדי זי זאָל נישט בלייבן מיט אַ גראָען צאָפּ ביזן קבר, האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איר מאַמען און שוועסטער —ביידע אלמנות — איז געוואָרן אַן עגונה באַלד נאָך איר חתונה. איר מאַן איז נאָך די שבע־ברכות און נאָכן גאַנצן טומל, וואָס דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ חלק דערין, פאַרשוואונדן אויף זיין נע־ונד־וועג, צו וועלכן ער איז געווען געוואוינט. מער האָט מען פון אים נישט געהערט. ער האָט בלויז געהאָלפן אַן אַלט יידיש מיידל אָפּצושערן אירע האָר און אָנטאָן אַ קופקע אויפן קאָפּ — און דערמיט יוצא געווען. פון איצט אָן האָט שוין נעכעלע באַקומען פרומע פליכטן וואָס געהערן צו אַ חתונה־געהאַטער פונם ווייבערשן מין.

די נעכעלע פלעגט, פון צייט צו צייט, גיין צום ראש־הקהל׳ס יונגע ווייבל. וואָס פאַר אַ „מיסיע״ זי האָט דאָרט געהאַט איז מיר נישט באַקאַנט. אויף וואַשן און סקראָבן איז זי נישט געווען פעאיק. אָבער מסתמא האָט איר די ראש־הקהל׳טע מיט עפּעס מהנה געווען. אַנישט וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי ביידע געהאַט? דאָס פּוילישע לשון אויסדרעשן האָט זי, די „אַריסטאָ־קראַטקע״, מיט איר נישט געקענט. מער ווי דאָס ביסל יידיש האָט נעכעלע נישט פאַרשטאַנען, אָבער עס זעט אויס, אַז די סטריער „פריצה׳טע״ האָט זיך אויף דער קאָרטשינער שפּראַך יאָ פאַרשטענדיקט.

איינמאָל הער איך ווי נעכעלע דערציילט איר מוטער, אַז דעם ראש־הקהל׳ס ווייבל טראָגט נישט קיין „פאַרטוך״.

„בידוע״ איז דאָך אַ פאַרטוך אַ ווייבערשער „לייבצודעק״, און דאָס האָט אפילו נעכעלע געוואוסט — האָט זי נישט געקענט תופס־זיין ווי אַזוי אַ יידישע טאָכטער קען זיך באַגיין אָן אַזאַ „שמירה״...

זאָלן זיי ביידע — צוזאַמען מיט אַלעמען, וואָס כ׳האָב דאָ דערמאַנט — רוען אין גן־עדן.

בער פישל

בער פישעל איז געווען יונגער פון מיר מיט אַ 3 אָדער 4 יאָר. אין דער צייט פון מיין זיין אין קאַרטשין בין איך מיט אים קיין חבר ניט געווען. דער אונטערשייד אין יאָרן האָט אויך געמיינט, אַז צוזאַמען אין איין חדר האָבן מיר ניט געלערנט און ביז צו מיין 16טן לעבנסיאָר, ווי לאַנג כ׳האָב זיך געפינען אין שטעטל, איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַנצוקניפּן אַ חבר׳שאַפט צווישן אונז.

ערשט אינם יאָר 1914, ווען דער ערשטער וועלט־קריג האָט אויסגע־בראָכן, האָט עס דער גורל געוואָלט, אַז איך אַלס 22־יאָריקער און בער אַלס 18, אָדער 19 יאָריקער זאָלן ווערן זעלנער פון איין רעגימענט, פון איין קאָמפּאַניע, און אַז מיר זאָלן אָנשליסן אַ נאָענטע פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז אַ יאָר נאָכדעם ווי כ׳בין שוין געווען אין אַמעריקא, (ביזן יאָר 1922) דורך קאָרעספּאָנדירן צווישן זיך — און צוליב אומשטענדן וואָס האָבן באַווירקט, אַז כ׳זאָל אינגאַנצן אויפהערן צו שרייבן, איז אונזער פאַר־בינדונג איבערגעהאַקט געוואָרן. דער צופאַל האָט אונז חבר׳יש פאַרקניפּט אַזוי ווי דוד־ויהונתן און דער צופאַל האָט אונז צעשיידט.

איך בין אָבער זיכער אַז ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג האָט ער זיין מיינונג וועגן מיר ניט געביטן — אַזוי ווי איך האָב עס, לגבי אים, ביז היינט נישט געטאָן.

ביי אונזער באַקענען זיך האָט שוין בער געהאַט אַ באַשטימטן אידעאַל און ביי מיר איז נאָך אַלץ געווען צעשוואומען, אָן אַ פּאַרטיי־לעבל (אַזוי ווי עד־היום), און דאָך האָבן מיר זיך גוט פאַרשטאַנען און געוואָרן גייסטיק פאַרבונדן.

ער איז געווען דער ערשטער אָפענער ציוניסט אין קאַרטשין וואָס, צו יענער צייט, איז עס פשוט געווען אַ גבוראָגטקייט, און איך בין נאָך אַלץ געווען מיט מיין בית־המדרש געמיט, פון וועלכן כ׳בין נאָך ביז היינט ניט אַרויס — טראָצדעם וואָס איך פּראַקטיציר עס ניט, זינט איך בין פון מיין שטעטל אַוועק.

מיר האָבן אַלעמאָל גערעדט איבער וואָס זיך צו אַמפּערן — איבער זאַכן וואָס זיינען געשטאַנען ברומו־של־עולם. עס האָט אונז קיינמאָל קיין טעמא ניט אויסגעפעלט. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט.

כ׳בין זיכער אַז זיין אומגליקלעכע ליבע (וואָס איז דאַמאָלס אויך געווען אַ נייעס אין אונזער שטעטל — טראַצדעם וואָס אַזעלכע געשיכטעס זיינען שוין אַזוי אַלט ווי די וועלט שטייט) האָט אים פאַרקירצט די יאָרן.

איך ווייס נאָך עד־היום ניט ווער ס׳האָט געמאַכט דעם ערשטן פינאַלן איבעררייס: צי נעכע מיט איר פאָרן קיין ישראל, אָדער בער׳ס ווערן אַ חתן מיט אַ מיידל פון קראָקע, אָבער איינס בין איך זיכער אַז זייער צעשיידונג איז פאַרביידן געווען אַ טראַגעדיע. איך בין געווען אַן עדות פוןביידנס ליבע און האָס (אויב מ׳קען זיי אַזוי צוזאַמענבינדן) און איך האָב פּשוט אַרויסגעפילט זייערע גייסטיקע איבערלעבונגען.

ס׳איז ניט אַזוי זיכער אויב זיי וואָלטן זיך פאַראייניקט וואָלט אַלץ געווען בכי־טוב, אָבער אַז אַן אַנדערער זאָל באַזיצן נעכען האָט ער זיכער ניט פאַרגינען און זי האָט עס אויך אַזוי שטאַרק ניט געוואָלט, אַז אַן אַנדערע פרוי זאָל אים באַזיצן. אַז מען שמועסט „ראָמאַנטיק״ איז דאָך ניט שייך. — זייער קידער־ווידער (אַזוי ווי עס געפינען זיך אין די ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן זיך דערמיט געגונג „אַנגעגעסן״) האָט מיך באַוואויגן צו דענקען אַנדערשט וועגן אַזעלכע זאַכן. אָבער דער קריג, זייער צעשיידונג, און אינצווישן פאַרדאַכטן אויף די אַלערליי באַגעגנישן, וואָס מ׳קען ניט אויסמיידן, האָבן אַריינגעוואָרפן טראָפּנס סם אין דער „געטליכקייט״ וואָס מיר רופן „ליבע״. — אַ ריינע ליבע וואָס ווערט איינגעשטעלט נאָך חופה־וקדושין איז מיר שוין מער צום האַרצן. — דאָס איז אָבער אַ זייטיקער ענין וואָס כ׳האָב עס דאָך ניט געקענט אויסמיידן, ווען איך דערמאָן זיך פון זייער ביידנס פריינטשאַפט צו מיר.

איצט וויל איך אַרויסברענגען בער׳ס איינפלוס אויף מיר אין זאַכן וואָס זיינען מיר נאָך געווען פרעמד, צו וועלכע כ׳האָב פריער ניט געהאַט קיין צוטריט און קיין מעגלעכקייט.

ביי מיין באַקענען זיך מיט בער׳ן איז ער שוין געווען אַ קענער פון העברעאיש, געלעזן אסך די דייטשע ליטעראַטור און דורכדעם זיך באַקאַנט מיט דער וועלטלעכער. עס איז אים ניט געווען פרעמד די משכילישע „טענות־ומענות״ און דער אויפקום פון דער יידישער־ליטעראַטור.

פון צייט צו צייט פלעגט בער שרייבן אין יידישע און העברעאישע

אויסגאַבן — קורץ: ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און האָט עס געזאָגט בעל־פה און אין שריפט.

ווי כ׳קען זיך פאָרשטעלן האָט מען אין אַזאַ פרומען שטעטל ווי קאָרטשין באַדאַרפט אַנווענדן דיפּלאָמאַטיע און טאַקט אַז מיט דער „וועלט־לעכקייט״ זאָל מען זיך ניט איינרייסן מיט דעם אָרום. קיין לייכטער ענין איז עס זיכער ניט געווען.

אסך קשיות האָט מען געקענט פרעגן: דורך וועלכע וועגן האָט ער דורכגעבראָכן צום „דרויסן״? וואָס האָט אים באַוואויגן אָפּצואווייכן פונם אַלטן, פרומען דרך און גיין אויף אַ נייעם? זעען מיר שוין אַ זיכערע ישועה אין די אַלע נייע „גליקן״ וואָס מ׳טראָגט אונז, מיט פּראָפּאַגאַנדע, אַנטקייגן? נאָך און נאָך איז געווען צו פרעגן וואָס מיר פלעגן טאַקע פערזענלעך דורכזופן.

און אין מיין אייגענעם „וואַנדערוועג״ האָב איך עפּעס דערפילט — באַקענענדיק זיך מיט בערן — אַז איך, שוין זייענדיק לאַנג אַוועק פון קאָרטשין שטעק נאָך אַלץ דאָרט און ער, זייענדיק דאָרט, איז גאָר ווייט אַוועק אין מרחקים.

זיין פאָרצוג פון וויסן מער, וואָס עס גייט אָן אין דער יידישער וועלט, האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער ער האָט מיך באַגריפן און געהאַט טאַקט מיך ניט צו שטעלן אין אַ פאַלעגנהייט. מיר אַליין איז געוואָרן קלאָר וואָס עס פעלט מיר און דאַרף זוכן עס גוט צו מאַכן.

און נאָך 7 חדשים אָפּזיין אין „פּראָיעם־יאָסלס״ אַרמיי (ניט ווערנדיק געשיקט אויפן „פראָנט״ צו הרג׳ענען מענטשן) האָב איך באַקומען אַן אורלויב אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און בין פאַרוואָרפן געוואָרן קיין בודאַפּעסט. אין מיין נייעם וואוינאָרט האָב איך געזוכט גוטצומאַכן גייסטיק, וואָס עס האָט מיר פריער געפעלט. דאָס דייטשע, וואָס איז געווען די אַלגעמיינע מדינה־שפּראַך, האָט ביי מיר היבש אונטערגעהינקען. האָב איך זיך איינגעשאַפן אַלערליי גראַמאַטיקאַלע דייטשע ביכער, ווערטער־ביכער כל׳ערליי, און האָב גוט געהאָרעוועט דאַרויף.

די בריוולעך וואָס איך פלעג שרייבן צו בערן — וועלכער איז נאָך צוריקגעבליבן אין דער אַרמיי, אַלס אָפּיצירס־דינער ביי אַן עסטרייכישן הויפּטמאַן — און זיינע בריוולעך צו מיר, זיינען מיר גוט צונוץ געקומען אַלס פּראַקטיק אין דער גראַמאַטיק. אינאיינוועגס איז דאָך מיין נשמה אויך ניט געווען אויס קלאָטשע, איז, אַ מיידל דאָ און אַ מיידל דאָרט, מיט וועלכער מ׳האָט זיך דורכגעשריבן — פאַרשטייט זיך אויף דייטש — און אויף דעם

אופן דורכגעגאַנגען מיין „עקזאַמען". קיינער פון זיי האָט מיר, חלילה, ניט אָנגעוויזן וואו איך „הינק־אונטער", אָבער אחר־המעשה, ווען כ'האָב זיך שפּעטער, נאָכן אָוועקשיקן אַזאַ מין בריוול, זיך אַליין געכאַפּט אַז כ'האָב געמאַכט אַ „בולבע" אין דער גראַמאַטיק, האָב איך זיך פאַר מיר אַליין פאַרשעמט. אָבער ביי דעם איז עס געבליבן. ווי ס'זעט אויס האָבן די פונם וויבערשן מין אַ גאַנץ גוטן חוש פאַר אַזעלכע זאַכן, און מאַכן אַ שוויג וואו ס'איז נויטיק.

אין בודאַפּעסט פלעג איך זיין אַ אָפטער אַריינגייער צו דער פאַמיליע וויסמאַן וואו נעכע — צוזאַמען מיט אירע עלטערן און ברידער האָבן געהויזט. אין דער היימישקייט מיט אַלעמען און טאַקע זיין פאַראינטערעסירט צום גוטן, בין איך שוין איניינוועגס געוואָרן אינפאָרמירט אין וואָס פאַר אַ גראַדן און פאָרמען, די ראָמאַנטיק צווישן בער'ן אין נעכען, האַלטן זיך און, פון צייט צו צייט, ווי זיי בייטן זיך. — בער'ן האָט קיין פאַנטאַזיע ניט געפעלט. זייענדיק אין זיין זעלנערישער מונדור, האָט ער גע'חלום'ט הימלישע זאַכן און אַלץ פאַרבינדן מיט זיין האָפנונג פון צוזאַמענזיין מיט זיין „אויסגעוועלטע". אויך נעכע איז געווען באַשאַנקען מיט ראָמאַנטישע חלומות און האָט אויך געקענט שרייבעריש עס אויסדריקן. ס'איז געווען אַ כשר'ער טאָפּ און אַ כשר'ער לעפל, אָבער — די ליבע מאַטערנישן צווישן די צוויי יונגע מענטשן, די ראָמאַנטיק מיט די צוויפל־פּלאָנטערנישן, וואָס איז די טבע דערפון, ווען די אומשטענדן דיקטירן ביידן צו זיין באַזונדער, פאַרוואָרפן — דאָס אַלץ איז טאַקע גורם די פאַנטאַזיע צו פליען אין די הימלען, אָבער ווען עס קומט צו דער ווירקלעכקייט ווערט אַלץ פאַרבלאָסט.

זייערביידנס שפּעטערדיקע צעשיידונג, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו וואוינען אונטער איין דאַך, האָט מיר געגעבן אַ לעקציע זיך ניט אַריינצולאָזן אין „הימלישע־אַוואַנטורעס". האָב איך עס אינגאַנצן אויסגעמיטן? — מיין האַרטער לעבנסוועג האָט מיך פאַרפירט צו אַנדערע פילאָזאָפישע־טראַכטונגען, און אויך אייגנאַרטיקע שטרויכלונגען. — ווי עס זעט אויס איז קיין גלייכער וועג פאַר אַלץ און אַלעמען ניט פאַראַן.

בער מיט נעכען זיינען געווען אָנגעפּראַפּט מיט דער „גייסטיקער־סחורה" פון ראָמאַנען, וואָס האָט זיי סטימולירט פאַר זייער אייגן לעבן. דער כוח דערפון איז, אַז שטאַרקע און סענסיטיווע כאַראַקטערן ליידן דערפון נאָך מער.

די געטלעכקייט און די ענערגיע וואָס מ'לייגט אַריין אין אַזעלכע זאַכן, וואָס לאָזן זיך נאָכדעם אויס אַ בוידעם, איז איינס פון די מאָדערנע מכות,

וואָס איז שווער דערפון פטור צו ווערן. ס׳איז מער געוועגדעט אין מזל, ווען אַזעלכע גרויס־קינדערישע־שפּילערייען לאָזן זיך אויס צום גוטן, און ניט אין עפּעס אַ געהיימען כוח, וואָס יונגע מענטשן דענקען אַז בלויז זיי באַזיצן אים און ס׳איז קדשי־קדשים צו וועלכן קיינער האָט ניט קיין צוטריט.

וואָס עס וואונדערט מיך עד־היום, וואָס איך בין דאַמאָלס, אין יענער צייט, גאָר געוואָרן אַ „פּוסק״ אין די „העכערע ענינים״ פון ראָמאַנטיק, אָן אפילו צו האָבן געלעזן איין ראָמאַן אין מיין לעבן. איך האָב דעם ענין פאַרשטאַנען און עס ערלעך געאורטיילט — אָן ווען משיג־גבול צו זיין. מסתמא האָט מען מיך אויך פאַרשטאַנען.

אוי בער: איך ווייס ווי דו האָסט געליטן!

ביזט געווען אַ ציוניסט און האָסט ניט דערלעבט צו זען פאַרווירקלעכט די יידישע־מדינה. נעכע איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין צו „דיין״ ישראל און האָט דאָרט חתונה געהאַט און איבערגעלאָזט אַ יורש וואָס וועט ווייטער שפּינען איר אָנדענק.

זאָלט איר ביידע זיין געאַכפּערט און געדענקט לעולם־ועד.

חיים וואָלף

חיים וואָלף איז נישט געווען מיין חדר־חבר. ער איז געווען אין די יאָרן פון מיין עלצטן ברודער שלמה, ע״ה, אַ קיימא־לן, אַן ערך עלטער פון 2½ ביז 3 יאָר.

קיין גמרא־בחור, צו לערנען פאַר זיך, איז חיים וואָלף נישט געווען אָבער אַ זמן־צוויי האָט ער געלערנט ביי אַ גמרא־מלמד. דעריבער איז אים נישט געווען פרעמד די אַלע רעליגיעזע־״הצטרכותן״ וואָס אַ באַלעבאַטישן ייד קומט אָנטקייגן דורכן יאָר: חומש און רש״י, מעביר־זיין די סדרה, אַביסל פון ״אקדמות־מילין״ און ״שיר־השירים״, ״איכה״ און נאָך אַ כאַפּ און אַ שמעק, וואו דאָס רעליגיעזע לעבן איז געווען געקנופּט און געבונדן.

חיים וואָלף האָט זיך צו מיר דערנענטערט נאָכדעם ווי איך האָב געמאָכט דעם ״שויתי״ פאַרן עמוד, אין בית־המדרש. אַזוי ווי ער פלעגט זיך צאַצקען מיט גע׳כתיבה׳טע אותיות, אַזוי, צוליב פאַרגניגן, האָט ער זיך דערפילט נאָענט צו מיר, וואָס איך האָב שוין באַוויזן מיט די זעלביקע אותיות, צוזאַמען מיט קאָמבינירטער אָרנאַמענטיק, אַ גאַנץ ״ווערק״ צוזאַמענצושטעלן.

זיינע ערשטע שריט אין דער צייכן־קונסט, ווי אַ קרוין, אַ מנורה, אַ מגן־דוד, און נאָך אַזעלכע יידישע־סימבאָלן, וואָס פלעגן זיין אויף מזרח׳ס, שולן און מצבות, פלעגט ער מיט גוטן געשמאַק באַווייזן. עס איז נאָר געווען אַ צופאַל, וואָס איך האָב, מיט מיין שויתי־איינפאַל פאַרכאַפּט די ״בכורה״ אינם שטעטל. אחוץ דעם זיינען מיר די פּאָר ״גרייצער״, וואָס פלעגן מיר אַריינ־פאַלן, אינם זכות פון מיין באַוואוסט געוואָרענע קינסטלערישקייט, גאַנץ גוט צונוץ געקומען. די פענער אויף שמחת־תורה וואָס די דרדקי־מלמדים פלעגן ביי מיר באַשטעלן; דריידלעך אויף חנוכה, און אַלערליי איינפאַלן פאַר פּורים־פאַרשטעלערס און פאַר פסח פאַרשידענע צאַצקעס, רייזעלעך געשניצט פון קאָלירטן פּאַפּיר פאַר באַלעבאָסטעס צו באַפּוצן זייערע היימען — איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל צו קענען זיך קויפן אַ גמרא, אַ ספר און אַ סך לשון־קודש׳דיקע חסידישע מעשיות, וואָס כ׳פלעג שלינגען מיט חשק.

חיים וואָלף, אַ בן־יחיד ביי זיין טאַטע־מאַמע, האָט אַזעלכע פאַרדינסטן

נישט באַדאַרפט. זיין טאַטע, יאנקעל, דער טאַנדייט־שניידער, וואָס פלעגט נייען קורטקעס און הויזן פאַר פויערים אויפן יריד, האָט באַוויזן, פון זיינע פאַרדינסטן, אָפּצושפּאָרן אויף אַ ציגעלנע געביידע אין מאַרק, וואו אונטן זיינען געווען צוויי פאַרדונגענע געוועלבער — אַ טראַפיק און אַ שפּייז־געשעפט — און אויבן האָט יאנקעל־שניידער געהאַט, פאַר זיך, אַ שיינע וואוינונג.

יאנקעל איז געווען באַוואוסט אַלס קמצן — נישט קיינעם געגעבן און נישט ביי קיינעם גענומען — אָבער אַ שטילער צוריקגעצויגענער, וואָס האָט קיינעם אויף די הינעראויגן נישט אָפּגעטרעטן.

די איינגעשטעלטע מאָס פון יחוס׳דיקייט פלעגט אַזאַ יידן ווי יאנקעל אינגאַנצן מבטל זיין, ווען מ׳פלעגט שבת־און יום־טוב׳דיקע עליות איינטיילן אין בית?המדרש. דאָס האָט אפשר אויף יאנקלען געווירקט צו זיין אַביסל פאַרביטערט. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט עפנטלעך אַרויסגעוויזן.

אַן איינגעשטעלטער שטריך פון אים, וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, איז כדאי צו פאַרצייכנען.

ער איז אַלעמאָל געגאַנגען ריין, ציכטיק, אָנגעטאָן. קיין שפּרינקאַלע אָדער אַ לאַטע אויף זיין מלביש האָט מען נישט געזען כאָטש ער פלעגט טראָגן אַ בעקעשע וואָס האָט אויף זיך געהאַט מתושלח׳ס יאָרן.

די אייגנשאַפט, פון ריינלעכקייט און נישט שנעל אָפּנוצן אַ מלבוש, האָט יאנקעל איינגעפלאַנצט אין זיין זון חיים וואָלוען, וועלכער האָט עס מיט זיין אייגן באַטראַכטן צוגאָב אין זיין אויפפיר, באַשטעטיקט.

חיים וואָלף פלעגט טראָגן אַ קאַפּעליוש, אַ זשופּיצע וואָס פון אַלטקייט האָט עס שוין אויף זיך געהאַט אַ גרינעם שימער, אָבער דער פאָרם האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי ניי, אַן וועלכן עס איז סימן פון אַן איבריקן קנייטש. שטיוול, וואָס די היימישע בלאָטעס פלעגן שנעל אויפעסן די פאָדעשוועס, צוזאַמען מיט די כאַלעוועס, האָט ביי חיים וואָלווען אָנגעהאַלטן 5־6 יאָר און זיי זיינען נאָך געווען ווי ניי — אַלעמאָל מיט אַ גלאַנץ.

חיים וואָלף האָט מיר אַמאָל דערקלערט דעם „פאַרוואָס" דערפון: אַז מ׳גייט אויף דער ערד, שטיינער, צי אין אַ בלאָטע, צי אין טרוקענע טעג, דאַרף מען זיך נישט אַראָפּדריקן מיטן גאַנצן קערפּער מיט „שאַרן" און קוועטשן די פיס אויפן באָדן, אַן צו קלערן דערפון. אין איעדער סיטואַציע דאַרף מען אַזוי טוישן, באַוועגן די פיס, זיי אויפהייבן, אַז ס׳זאָל שוינען די

זוילן. במילא אין אַ בלאָטע מיידט מען אויס אַ פּליוך וואָס שוינט אויך די מלבושים, וואָס מען טראָגט. ער האָט עס באַוויזן, אַז ער האָט רעכט.

נאָך מיין 16טן לעבנסיאָר, ווען כ'האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאכה און בין אַוועק פון דער היים, פלעג איך חול־המועד פּסח און סוכות קומען קיין קאָרטשין.

מיך האָט נאָך אַלץ די בית־המדרש־סביבה געצויגן, וואו דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צו מנחה־מעריב פאַרזאַמלט, און וואו איך פלעג פאַרטאָגן, גאַנצע טעג און אָוונטן זיך קנייטשן ביי דער גמרא. חיים וואָלף איז שוין דאַמאָלס מיין נאָענסטער חבר געווען. צוליב מיין באַשלוס צו לערנען זיך די מאָלער־קונסט, האָט עס מער באַפּעסטיקט.

און אַזוי ווי נאָך מיין אַוועקפאָרן האָט חיים וואָלף איבערגענומען די שטעטלדיקע „מלאכה־פאַרזאָרגונג", האָט ער אַלעמאָל געהאַט שאלות מיך צו פרעגן, וואָס קיין קלאָרע ענטפערס אויף זיי האָב איך אים נאָך נישט געקענט געבן, ווייל איך אַליין בין נאָך אין אַלע ענינים נישט געווען באַהאַוונט. איך האָב זיך אָבער געשעמט צו זאָגן דעם אמת האָב איך אים פאַרענטפערט זאַכן אין דער וועלט אַריין.

איינמאָל האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים אויפצייכנען אַ פיגור פון אַן אשה מיט אַ פּריציש קלייד און אַנדערע שמאָכטעס, פאַר אַ שילד, וואָס מ'האָט ביי אים באַשטעלט. האָב איך עס אים, על־רגל־אחת, סקיצירט אַן פּראָפּאָרציע, אָבער ער האָט מיר שפּעטער געלאָזט וויסן, אַז ער האָט זיך דערמיט אַליין געספּראַוועט — דאַמאָלס איז ער נאָך אַלץ געווען אין דעם שטאַדיום פון אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס האָט די אַלע זאַכן געטאָן נישט לשם־פּרנסה, נאָר פאַר זיין נייגונג צו קונסט. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט חתונה געהאַט, און באַדאַרפט אַליין זאָרגן פאַר חיונה, האָט ער מיט זיין חוש פאַר מלאכה זיך דערטראַכט צו פאַרשידענע אויפטוען וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט מפרנס צו זיין זיך און זיין משפּחה.

איינס פון זיינע אויפטוען אין קאָרטשין איז דער צעמענטענער גדר פונעם בית־הקברות. ביים ענד פון דער הויף האָט ער באַפּעסטיקט מיט אַרויסשטאַרצנדיקע, פון צעבראָכענע פלעשער, שפּיציקע גלאָז, אַז גוישע לאָבוסעס זאָלן נישט לייכט קענען אַריבערקריכן דעם פּאַרקן. צום גליק האָבן די היטלער־באַנדע, ימש"ו, דאָרט נישט געהאַט קיין שליטה, און דער קאָרטשינער בית־החיים מיט זיין צוים אַרום איז נאָך ביז היינט געבליבן אַ זכר פון דער קאָרטשינער־קהלה. אויך חיים וואָלף האָט זיך דערמיט פאַראייביקט.

קיין פּראָפיט דערפון האָט ער נישט געהאַט; ער האָט זיין צייט און ענערגיע געגעבן אומזאָנסט. צו באַצאָלן זיינע אַרויסהעלפערס האָט ער געזען, אַז אַנדערע זאָלן האָבן דעריבער די אויפזיכט, אַז מ׳זאָל אים נישט קענען חושד זיין, אַז ער פּראָפיטירט עפּעס דערביי.

אויף דעם קאָרטשינער בית־עולם זיינען אויך באַערדיקט געוואָרן די יידן פון די דערפער אַרום, און מיט 60־70 יאָר צוריק, אויך די יידן פון קראָס — וואָס איז געווען די פּאַוויאַט־שטאָט — האָבן געפינען זייער לעצטע רו אויפן קאָרטשינער בית־החיים.

יעדעס יאָר פלעגט קומען אין שטעטל אַריין אַ מצבה־קריצער און האָט דאָרט באַזאָרגט אַלע נייע מצבות, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אויפשטעלן.

צוביסלעך האָט זיך חיים וואָלף דעטראַכט אַליין צו ווערן אַ מצבה־קריצער. אָבער אַנשטאָט צו מאַכן עס אויף געקויפטע שטיינער האָט ער זיך געמאַכט פאַרשידענע פאָרמען — פון גרויס און קליין. — לויט דער באַשטע־לונג האָט ער אין זיי אַריינגעגאָסן צעמענט, עס אויסגעגליכן אין שיינער פאָרם און דאַרויף נאָכדעם אויסגעקריצט די אויפשריפטן מיט אַלע באַפּוצונגען אין חיים וואָלף׳ס געשמאַק. לויט דער אינפאָרמאַציע זיינען די אויסגעגאָסענע צעמענט־מצבות שטאַרקער ווי די שטיינערנע.

חיים וואָלף׳ס נייע באַשעפטיקונג ביי מצבות האָט אים אויך געגעבן אַ געלעגנהייט אַלע מצבות, וואָס זיינען אָפּגעבליאַנקעוועט פון רעגן, היצן און קעלטן, זיי אויפצופרישן מיט פאַרב וואו ס׳איז געווען נייטיק. פון דעם האָט ער אויך געצויגן אַביסל אויף חיונה.

דאָס אַלץ האָב איך איבערגענומען פון באַקאַנטע — דאָ אין אַמעריקא — וואָס האָבן עס מיר דערציילט. — אויך דאָס ווייטערדיקע גיב איך איבער מפּי־השמיעה.

נאָך אייניקע אויפטוען פאַרן שטעטל גיט אַ בילד וועגן אים.

אין מיין צייט איז געווען די קהל׳שע בית־הכסא אינדרויסן נעבן דער וואַנט פון דער שול. דריי ווענט פון ברעטער צוגעטשעפּעט צו דער וואַנט, פאַרשטעלט פאַר דורכגייער און אַן אָפענונג אַריינצוגיין. אינווייניק איז געווען אַ זיצברעט מיט אַ 7־8 אויסשניטן פאַר די מענשלעכע באַדערפנישן. האָבן אָבער קינדער — און אפשר אויך גרויסע — עס נישט באַנוצט אויף זיצן נאָר דאַרויף געשטאַנען און צוביסלעך אַרום די לעכער „אַרומגעזייעט" מיט אומריין, אַז אַ מפונק האָט דאָרט נישט געקאָנט טוען זיין באַדערפניש. — קיינער האָט זיך נישט באַמיט עס אָפּצורייניקן, אָדער מיט אַ „קול־קורא"

דעם עולם צו לאָזן וויסן צו האַלטן עס ריין. פאַר אַזעלכע זאַכן האָט מען נישט געהאַלטן ווירדיק פאַר אַ בית־המדרש זיך דערמיט מתעסק צו זיין.

זיך צו באַפרייען פונם קערפּערלעכן וואַסער פלעגן עס גרויסע און קליינע טוען אויף דער וואַנט פון שול אין דרויסן.

איז, ווי כ׳האָב דאָ געהערט, האָט חיים וואָלף געמאַכט די קהל׳שע בית־הכסא אַנטקעגן־איבער דער שול, אין דער זייט פון מעכאלע בעקערס הויז, וואָס איז געווען באַוואָרנט פאַר ריינקייט און האָט אפילו דעם וועג, אַריבערצוגיין, געמאַכט פון צעמענט, אַז אין דער צייט פון שנייען און בלאָטעס זאָל זיך דער עולם נישט קווענקלען עס צו באַנוצן.

בלויז חיים וואָלוון האָט געפּאַסט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזאַ ענין. זיין ריינלעכקייט און אויפטוערישקייט האָבן זיך דאָ קאָמבינירט.

חיים וואָלף׳ס קינסטלעריש־טראַכטן האָט אים באַוואויגן צו מאַכן אַ כסא־של־אליהו, וואָס אין קאָרטשין איז עס געווען אַ נייעס. ער האָט געמאַכט אַ סקיצע, אויפגעצייכנט אַלע איינצלהייטן, די פּראָפּאָרציע פון איעדער קלייני־קייט אָנגעגעבן, אַ טישלער האָט אים פאַר אים געמאַכט דעם געשטעל, אַ שניצער האָט געמאַכט די שניצערייען און דאָס אַלץ האָט ער געדעקט פון זיינע הוצאות. — ס׳איז געווען זיין ביישטייער צו באַשיינען דעם מקום־קדוש. יודעי־חן האָבן דערין געזען אַ רעליגיעזן ציטער פון דעם סימבאָלישן צוזאַמענשטעל, מיט וואָס די כסא־של־אליהו איז געווען באַצירט. אַזאַ ספּעציעל געמאַכטע שטול ווערט פאַרהייליקט לדור־דורות. ער ווערט נישט טאָג־טעגלעך באַנוצט — נאָר ווען מען יידישט אַ קינד און מען ברענגט אים אַריין בבריתו־של־אברהם אבינו.

דערמיט האָט חיים וואָלף אָפּגעווישט זיין גע׳ירשן׳טע קאָרגשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין אַנדערע פאַלן. ס׳קען זיין אַז זיין אייגענער אָפּשאַץ האָט אים באַוואויגן נישט איבעראַל צו זיין ברייטגעביק, און געהאַנדלט בצמצום.

עס איז נישט מיין כונה צו שילדערן די ויתרוצצו׳ס וואָס זיינען פאַרגעקומען צווישן חיים וואָלוון און דעם פון פריער איינגעשטעלטן יחוס לגבי אים, זיין פאָטער און דורות צוריק פאַר זיי.

ווי ס׳איז צו מיר דערגאַנגען האָט קהל — ווען חיים וואָלף׳ס פאָטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1920 — פאַרלאַנגט פאַר אַ קבר 1000 גילדן. חיים וואָלף האָט זיך געדונגען און מ׳האָט פונם „פּרייז" נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן. אין עקשנות און פאַרדרוס האָט זיך חיים וואָלף נישט אונטערגעגעבן. דריי

טעג איז דער מת געלעגן אין הויז. ווען זייטיקע מענשן האָבן אים געפרעגט וואָס ער דענקט צו טאָן מכח דעם, האָט ער איראָניש געענטפערט, אַז זיין טאַטע איז נישט געשטאָרבן, נאָר ער נייט אין שטוב הויזן. לויטן מלוכה־געזעץ מוז מען אַ מת באַגראָבן נאָך דריי טעג, האָט קהל עס געמוזט דערלאָזן אַן געלט.

זינט דאַמאָלס איז חיים וואָלף מיט די קהל־לייט געווען אויף סטירדע. מ׳האָט זיך עפנטלעך נישט געקריגט, נאָר חיים וואָלף פלעגט שיסן צו זיי מיט שטעכווערטלעך ביז אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. אַזוי זייטיק, נישט דירעקט, פלעגט ער מאַכן באַמערקונגען וועגן געוויסע זאַכן, וואָס דער עולם אַרום האָט עס גוט פאַרשטאַנען, צו וועמען עס איז געצילט געוואָרן און דער „בעל־דבר" אַליין האָט עס געמוזט אַראָפּשלינגען מיט פאַרביסענע ליפּן — נישט זיך אַרויסצושטעלן צום נאַר.

שבת נאָכן פאַרענדיקן שחרית, פאַרן לייענען, פלעגט דער שמש אויסרופן די לאָקאַלע מודעות, אָדער דער רב פלעגט אַמאָל אין דער צייט האַלטן אַ דרשה.

איינמאָל, אין אַ פרייען שבת, פונם שמש׳ס כרוזים און דעם רב׳ס דרשות, איז חיים וואָלף אַרויף אויפן באַלעמער, געגעבן אַ קלאַפּ אויפן שלחן, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן פאַרן עולם. האָט ר׳ חיים אלי׳ קויפמאַן — דער דאַמאָלסדיקער ראש־הקהל — געגעבן אַ געשריי: „אתה הראת לדעת", ד. ה. אַז מ׳זאָל אַרויסנעמען די ספר־תורה צום לייענען, און חיים וואָלף דאַרף נישט ריידן. דאַמאָלס האָט אין חיים וואָלוען אויפגעברויזט דער גאַנצער כעס און האָט ר׳ חיים אלי׳ן פאַרפאַרן אין די אויגן אַריין.

די גאַנצע געשעעניש מיט די נאָכפאָלגן מעג מען אויסלאָזן. — זאָל עס דער בית־דין־של־מעלה פסק׳ענען, ווער ס׳איז דאָ געווען מער גערעכט. דערמיט וואָס איך פאַרצייכן עס וויל איך חלילה קיינעמס כבוד נישט אָנרירן. ס׳איז מענשלעך אויך אַזעלכע פּאַסירונגען אין קהל׳ישן לעבן.

ס׳איז אויך אינטערעסאַנט וואָס חיים וואָלף איז, נאָך דער אויבן דערמאָנטער געשעעניש, געוואָרן אַזאַ מין „רבי" פאַר יינגלעך פון די נישט גאָר מיוחסים׳דיקע.

יעדן שבת נאָכן עסן פלעגט ער זיצן אין בית־המדרש, ביי אַ טיש אויבן, די יינגלעך אַרום אים, האָבן געהאַלטן סידורים, חומשים און ער פלעגט נעמען אַ פסוק דאָ און אַ פסוק דאָרט, עס אַריינטייטשן און צופּאַסן צו די זאַכן פון די פאַרלויפנדיקע געשעענישן פון דעם שטעטל דורך דער

וואָך. האָט אַריינגעוואָרפן שטעכווערטלעך צו ווען ער האָט געציילט. דורך דעם האָט ער זיך געשאַפן אַזאַ מין שוץ־וואַנט מיט די־ייעניקע וואָס זיינען נוטה געווען צו זיין זייט, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצוגיסן „כל־חמתו" פאַר די עולה׳ס ווי ער האָט זיי געזען.

עס איז אַן אייגנאַרט וואָס בלויז קאַרטשין האָט עס געשאַפן אין דער פאָרם, מיט אירע אַנטוויקלונגען אין פאַרלויף פון דורות. עס האָט אין זיך אַ הינטערגרונט, וואָס וואָלט געקענט געשילדערט ווערן אין אַ ברייטערן פאַרנעם, אָבער דאָס איז איצט נישט מיין אויפגאַבע.

אַלץ מיט אײנאַנדער — טראָץ דער אַנגעצויגנקייט פון די שטרייטנדיקע צדדים — האָט עס אַלץ נישט געפירט צו שפיכות־דמים־קולט, אַז מ׳זאָל זיך דערמיט דאַרפן שעמען. געכער איז די סאָרט האַנדלונג געווען אַן אַקט פון פאַרענטפערונג, אַן אויפקלערונג מצד חיים וואָלוען, וואָס איינמאָל האָט עס יאָ געטראָפן, אַז ער זאָל אויף אַ יידן הייבן אַ האַנט. מיר קענען עס אויך פאַרענטפערן מיט זיין פאַרטיידיקן כיבוד־אב: ער האָט זיין טאַטן געזען נישט אַלס קמצן ביים לעבן — נאָר אַלס שטענדיקן, ערלעכן האָרעפּאַשניק, וואָס האָט געלעבט פון זיין פראַצע.

איך געדענק נאָך, פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג, האָט מיר אַמאָל חיים וואָלף געזאָגט: ווען איך וואָלט געווען אַ „מענדעלע־מוכר־ספרים", ווען איך וואָלט געקענט שרייבן, וואָלט איך באַוויזן אַרויסצוברענגען מער קרומקייטן פון אונזער שטעטל, ווי ער האָט עס געטאָן. — איך ווייס אַז קיין לייענער פון ביכער איז ער נישט געווען, אָבער אונטערן איינפלוס פון חיים לוי צייגער איז ער געוואָרן אינפאָרמירט וועגן אַ „מנדלי" און דערמיט האָט ער זיין פאַנטאַזיע ווייטער געשפּינען. ער האָט געהאַט אַ גוטע תפיסה, איז געווען אַ גוטער באַאויבאַכטער און געקענט אַלץ שילדערן, בילדלעך, מיט זיין באַגרעני־צעטער שפּראַך, אַז מ׳האָט עס ממש געזען באַשיינפּערלעך פאַרן אויג. — איז אים באַשערט געווען צו ווערן אַ „רבי" אויף דער עלטער און אויסנוצן זיין טאַלאַנט, אויך אויף דעם אופן.

צו פאַרענדיקן מיינע ידיעות וועגן חיים וואָלוען איז אויך כדאי צו פאַרצייכנען דאָס פאָלגנדיקע: אַזוי ווי קהל האָט באַדאַרפט מקבר־זיין זיין פאָטער אַן געלד — לויט דער אויבנדיקער שילדערונג — האָט מען אים געגעבן אַ קבר נעבן „פּלויט". איז געגאַנגען חיים וואָלף און האָט דעם קבר אַרומגערינגלט מיט אַן „אהל", אַזוי ווי פאַר אַ הייליקן. דער עולם האָט זיך געוויצלט, אַז ער האָט עס געטאָן, כדי דער טאַטע זאָל נישט קענען „אַנטלויפן".

דאָס נעכטיקע, היינטיקע און מאָרגנדיקע

(אויפן אַמעריקאַנער באָדן)

מיט אַסך יאָרן — און נאָך ביז מיט אַן ערך 40 יאָר צוריק, האָבן עקזיסטירט געוויסע גרענעצן צווישן ליטוואַקעס און גאַליציאַנער, אונגאַרישע, רומענישע, פוילישע און אוקראַאינישע א. ז. וו. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך, צוביסלעך אַלע אויסגעמישט. די דייטשע יאַהודים זיינען פריער געווען (און אין אַ געוויסן זין זיינען זיי עס נאָך עד־היום) מחוץ־למחנה פון די אַנדערע. זיי האָבן זיך געהאַלטן פון די „געהויבענע" פון אַלעמען. אָבער אויך זייער „פּעסטונג" איז, מיט דער צייט, כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרן. היינט איז שוין ווינציק וואָס פון דעם געבליבן.

אַ „ליטוואַצקע" וואָס האָט קוים געקענט אַ „צלם פאַר אַן אלף", האָט גוט געוואוסט אַז אַ גאַליציאַנער טויג נישט. פאַר וואָס און פאַר ווען? — פרעג זי בחרם.

טאָמער האָבן זיך יונגע פאַרלעך אויסגעמישט; ווען אַ גאַליציאַנער אָפּשטאַמיקער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ליטוואַטשקע, אָדער אַ ליטוואַק מיט אַ גאַליציאַנער מיידל, פלעגט מען גאָר אָפּט הערן, ווי דער גאַליציאַנער זווג איז אַ געראָטענער. „עס טרעפן דאָך אויסנאַמען" — פלעגט מען הערן פון די ליטווישע „אויסדערוויילטע". — „זיי האָבן גראָד געהאַט מזל צו בעסערער „סחורה" — האָט מען צוגעגעבן.

די ליטוואַקעס זיינען געווען די אַגרעסיווע. זיי האָבן נישט אויסגעלאָזט קיין געלעגנהייט אַריינצוזאָגן שטעכווערטלעך, און „פּראָיעם־יאָסל׳ס"־לאַנדס־לייט האָבן אַלץ אָנגענומען מיט אַ נאַאיוון שמייכל: מילא וואָס די „צלם־קעפּ" זאָגן! פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ צייט ביז ס׳איז געוואָרן אַ מיש־מאַש צווישן די לאַנדסלייט. היינט איז שוין דערפון קיין זכר נישט געבליבן. די קינדער און אייניקלעך ווייסן שוין כמעט אַליין נישט פון וואַנעט זייערע עלטערן שטאַמען. בלויז אויסנאַמען האָבן אַ שטיקל אָנונג דערפון.

די אויסנאַמען האָבן עס אַסך מאָל צו פאַרדאַנקען זייערע לאַנדסמאַנ־

שאַפט אָנגעהעריקייט, אויב זיי זיינען נישט אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פאַרשוואונדן.

אסך סיבות האָבן געהאָלפן צו האַלטן זיך געבונדן מיט די עלטערן, זיי זאָלן כאָטש וויסן, אַז זיי קומען נישט אַרויס פון אַ וואַלד; אַז דאָס פריריקע לעבן, פון זייערע עלטערנס אַלטער היים, איז געווען אַ שפרודלדיקס, מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט, מיט מאָראַלישע געזעצן, וואָס מ׳האָט, פון מעבר־לים, אַריבערגעברענגט אַהער און עס דאָ ווייטער געשפינען. נישט פון אַ דזשאָנגל זיינען די עלטערן געקומען — נאָר בלויז פון אַן אָרעמקייט, וואָס מ׳האָט מיט זעלבסטווירדע, חשיבות איבערגעטראָגן, צו וועלכן אַ היינט־צייטיקער, מיט זיין גאַנצן ראָסקאָש, קען זיך קוים דערהויבן. — אַזאַ מין יחוס האָבן מיר אַריבערגעברענגט, וואָס האָט אונז געגעבן חיות דורכצוטראָגן די ערשטע שווערע, אָרעמע צייטן, וואָס איז אַלעמען באַשערט געווען. אין דער אָרעמקייט האָט מען געגרינדעט חברות, זיך גייסטיק, רעליגיעז אויסצולעבן.

קאָרטשינער־ריישער שול

מיט 80־90 יאָר צוריק (קיין געגויע דאַטע האָבן מיר נישט), האָבן קאָרטשינער מיט ריישער לאַנדסלייט זיך צוזאַמענגענומען און דאָ געגרינדעט איין חברה.

קאָרטשין איז געווען אַ שטעטל פון אַן ערך 200 פאַמיליעס און ריישע איז געווען אַ „כרך" פון אַ 10,000 יידישע משפחות. אויף יענער זייט זיינען זיי גאָרנישט געווען אין שכנות. פאַרוואָס אַזאַ „שידוך" איז דאַמאָלס צושטאַנד געקומען געהער צום ענין וואָס מ׳וואָלט געמעגט אויסגעפינען. צום באַדויערן זיינען די היינטיקע באַזיצערס פון דער גרויסער ירושה, וואָס איז פון דעם געבליבן (אַ פאַרמעגן פון איבער 90,000 דאָלאַר) נישט באַרופן דערצו מיט ווירדע עס צו פאַראייביקן.

ס׳הייסט אַז קאָרטשינער האָבן, ביי דער פאַראייניקונג, אויסגעצאָלט אַן אַנלייע פון 35,000 דאָלאַר אויף דער שול אין ווילעט סטר. און היינט האָט די חברה „קאָרטשינער־ריישער" קוים צושטייער געגעבן 200 דאָלאַר פאַרן קאָרטשינער „יזכור־בוך". צווימאָל אַ יאָר גיבן זיי צו 50 דאָלאַר פאַרן קאָרטשינער רעליעף. — וואָלטן זיי נישט, מיט כבוד, געקענט שטיצן אַזאַ מין ספר, מיט אַ ברייטערן פאַרנעם, אַז פון דעם גרינדונג אַן ביז צום היינטיקן טאָג, זאָלן די ריישער־קאָרטשינער־חברה אין דעם „יזכור־בוך" מער פאַרצייכנט ווערן? די חברה האָט עס כשר פאַרדינט.

מיטן בית־עולם־קולט וועט זיך עס ביי זיי ענדיקן — אַן וועלכער עס איז פאַרצייכנונג לדורות. צום באַדויערן וועלן אסך אַזעלכע אַריבער־געצויגענע קהילות, פון מעבר־לים, האָבן דעמזעלביקן סוף, ווייל די היינטיקע באַלעבאַטים, פון אַזאַ טייערער ירושה, ווייסן נישט ווי אַזוי עס אָפּצושאַצן. — שפּעטערדיקע גריבלערס פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלן האָבן בלויז טונקעלע השערות, וועגן דער פאַרבנרייכקייט פון קהילות, וואָס זיינען אָט־וואָס פאַרשוואונדן.

דאָ אין אַמעריקא האָט ריישע מיט קאָרטשין געשלאָסן אַ „בונד"; מ׳האָט זיך פאַראייניקט אין אַ שול, געהאַט אַ היבשן מקום־קדוש, פאַר די לעבנדיקע, וואָס האָבן מייסטנס געוואוינט אויף דער איסט זייט, אין ניו־יאָרק; און פאַר די אַוועקגעגאַנגענע — אויפן עולם־האמת — האָט מען זיך באַוואָרנט מיט קברים, וואו אַלע מיטגלידער פון אַ פּאָר דורות האָבן שוין געפינען זייער רו.

ווער איז אַמאָל געקומען קיין אַמעריקע?

כמעט ביז צום ערשטן וועלט־קריג זיינען געקומען מייסטנס אַזעלכע עסטרייכישע יידישע אונטערטאַנען קיין אַמעריקע וואָס האָבן געוואָלט אויס־מיידן דינען אין דער אַרמיי, נישט צו דאַרפן עסן קיין טרפות, און גלאַט אַזוי נישט צו שפּילן זיך אין ביקסלעך, וואָס איז נישט קיין יידישע מידה. ס׳איז אָבער דער גורל צום רוב אויסגעפאַלן אויף די אָרעמע און פּשוטע, וואָס האָבן קיין אַנדערן אויסוועג נישט געפינען. פון רוסלאַנד זיינען זיי אויך געקומען צוליב די פאַרפאָלגונגען וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, מצד זייער רעגירונג.

אסך עסטרייכישע יידן וואָלטן אין יענער צייט נישט געפאָרן אין קאָלאָמבוסעס מדינה, בכדי זיך צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע — איבערהויפּט פון אַזאַ שטעטל ווי קאָרטשין וואָס איז געווען כלו־קדוש, אפילו דער פּראָסטער־שב׳פּראָסטער.

צוביסלעך האָבן זיך דאָ גרופּירט לאַנדסמאַנשאַפטן און זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. זיי האָבן פון יענער זייט אַריבערגעבראַכט זייער טראַ־דיציאָנעלע פרומקייט און זיך דאָ באַמיט, אונטער די עקזיסטירנדיקע אומ־שטענדן, עס אויפצוהאַלטן. מ׳האָט אָרגאַניזירט קלייזלעך פון שטעט און שטעטלעך, ווען זייער צאָל איז געוואָרן גרויס. דערמיט האָבן זיך אויך ענטוויקלט נויטווענדיקייטן פאַר זייערע רעליגיעזע הצטרכות׳ן. לייכט זיינען די זאַכן נישט אָנגעקומען. פון צווישן היימישן עולם האָט זיך נאָך געקענט אַרויסרוקן איינער, אָדער אַ פּאָר, וואָס האָבן זיך געקענט שטעלן צום עמוד, צו געוועגלעכע תפילות פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו ימים־נוראים אָדער אפילו פאַר אַ שבת און אַ געוועגלעכן יום־טוב האָט מען שוין באַדאַרפט האָבן אַ בקי אין די זאַכן, וואָס מ׳האָט נישט אַזוי לייכט געקענט קריגן. צוביסלעך האָבן זיך אויך אַזעלכע געיאָוועט און זיינען געוואָרן אַן איינגעאַרטיקער כלי־קודש, ווען אפילו נישט מן־המובחר.

אַן אמת׳ער פרומער ייד, אַ למדן, האָט זיך נישט געקוואָפּעט אַהער־צוקומען. אַזאַ איינער האָט געפינען פּלאַץ אין די יידישע קהילות פון דער

אַלטער היים. אָבער ווען־נישט־ווען האָט זיך אַזאַ איינער אויך דאָ באַוויזן און געוואָרן אַ גייסטיקער מנהיג.

אַרום אים האָט זיך פאַראייניקט אַ געזעמל וואָס האָט געבענקט נאָך היימישער יידישקייט. חברות, שולן, בתי־מדרשים האָבן זיך אויספאָרמירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן פון אַ קהילה לעבן, וואָס האָט באַקומען אַן אַמעריקאַנער פנים. — מ׳איז געווען געקליידעט אַנדערשט ווי אין דער אַלטער היים; מ׳האָט געטראָגן, אין דער וואָכן, אַ מער וועלטלעכן טראַכט, און שבת און יום־טוב האָט מען געטראָגן אַ צילינדער, אָדער אַ האַרטן קאַפּעליוש — לויט דער מאָדע פון יענער צייט — וואָס האָט צוגעגעבן אַ צייכן פון יום־טוב׳דיקייט. מ׳איז געגאַנגען אין שול דאַוונען בציבור, וואו דער היימישער מנהג איז געפּראַוועט געוואָרן: — מיטן אַלטן נוסח פון תפילות, עליות און אַנדערע זאַכן וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.

אַנשטאָט אַ היימישער ראש־הקהל איז מען דאָ געוואָרן אַ „פּרעזידענט". אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט זיך דאָ אַביסל אַרויפגעאַרבעט, איז געוואָרן אַ גבאי, אַ וויס־פּרעזידענט וכדומה; אַ בטלן איז געוואָרן אַ שמש; אַ היימישער קצב איז דאָ געוואָרן אַ „בוטשער" א. ז. וו. — עס איז דאָ אויך געוואָרן אַ געמיש פון לאַנדסמאַנשאַפטן פון פאַרשידענע היימישע שטעטלעך, וואו איעדער באַזונדער האָט צוגעטראָגן צו שאַפן אַן אייגנאַרטיקייט.

יאַנקל גוזשיק

ווען יאנקעל גוזשיק איז געקומען קיין אַמעריקא (מיט אַן ערך 100 יאָר צוריק) האָט ער דאָ מיטגעמאַכט שבעה־מדורי־גיהנום וואָס אין יענער צייט איז עס געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. ער האָט געאַרבעט אין אַ שניידער שאַפּ לאַנגע שטונדן, אָבער שבת און יום־טוב איז ער געווען פריי.

יאנקעל גוזשיק האָט זיך געהאַלטן צווישן די קאָרטשינער לאַנדסלייט, ער איז געווען צווישן די יעניקע וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די ריישער, אַלס איין חברה, און איין שול, אָבער ביי זיך האָט ער געטראַכט וועגן די קאָרטשינער אָרעמע לייט, וואָס קוקן אַרויס אויף אַ שטיקל הילף פון די אַמעריקאַנער „רייכע־פעטערס״. באַדערפטיקע האָבן דאָרט קיינמאָל נישט געפעלט. אָרעמע כלות, אלמנות און גלאַט שטענדיקע נצרכים, יורדים אָן אַ שיעור. האָט זיך יאנקעל געמאַכט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע זאַמלען צווישן די לאַנדסלייט געלד, צו העלפן אָרעמע פון דער אַלטער היים. אפילו אין די „האָניק־חדשים״ פון דעם היגן „שידוך״ צווישן די ריישער־קאָרטשינער, האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן זיין אייגן שטעטל. — צוביסלעך איז יאנקעל גוזשיק געוואָרן ווי אַן אינסטיטוציע; קיינער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט: דער אָרעמער האָט געגעבן ווייניקער און דער רייכער האָט געגעבן מער און יאנקעל האָט עס אַהיימגעשיקט, בסתר, וואו מ׳האָט באַדאַרפט.

אין דער פרייער צייט, ווען ס׳איז קיין אַרבעט נישט געווען, האָט יאנקעל גוזשיק באַזוכט די לאַנדסלייט, ביי זיי צו זאַמלען געלט פאַר דעם אויביקן צוועק.

מיט אַ צייט שפעטער האָט ער צוגעצויגן דעם לאַנדסמאַן רפאל מייזנער, וואָס האָט אויך דאָ געאַרבעט ביי שניידעריי (אַ פראָפעסיע פון כמעט אַלע אַריבערגעקומענע פון יענער צייט, וואָס אין דערהיים האָבן זיי דערפון נישט געוואוסט) און צוזאַמען געגאַנגען און געפאָרן צו לאַנדסלייט, ווען מאַנכע פון זיי האָבן די איסט זייט שוין געהאַט פאַרלאָזן. די לעצטע זיינען שוין געווען די גליקלעכע, וואָס דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט פאַר אַ בעסערער פרנסה,

און פון זיי האָט מען געקראָגן אַ נדבה מיט אַ ברייטער האַנט. ס׳האָט זיך געלוינט די מי צו זיי צו פאָרן.

אַ פּאָר נעמען, ווי יעטרע, פּאַסטערנאַק, גאָלדשטיין, זיינען צו מיר דערגאַנגען. זיי האָבן אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון די נדבה־קלייבערס און אַלעמאָל געגעבן אַ היבשע מטבע.

* * *

איך געדענק נאָך, ווען יאַנקעל גוזשיק, ז״ל, שוין אַן אַלטער צעבראָכע־נער מענטש, איז געקומען קיין קאָרטשין אין יאָר 1904־5. אויפן ראָט פון דאָקטוירים איז ער געפאָרן קיין קאַרלסבאַד (אַ קור־אָרט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיי), איז ער אינאיינוועגס אויך געווען אין זיין געבוירן־שטעטל. קיין אייגענע משפחה האָט ער דאָרט שוין מער נישט געהאַט, אָבער צוליב סענטימענט, אָדער אפשר צוליב דעם וואָס מיין קאָזינע, דאָרא בירמאַן, איז געקומען „אויסשנאַפּן״ מיין מאַמעס, דער אלמנה׳ס „גבירישקייט״, איז ער, מיט איר צוזאַמען, געקומען קיין קאָרטשין.

אין אַמעריקא זיינען זיי געווען היימיש נאָענט. זיין אײדעם און מיין קאָזינעס מאַן, מאַקס בירמאַן, האָבן געהאַט אייגנטום בשותפות, נו, האָט זיך עס געקייטלט איינס מיטאיינאַנדער. ווען זיי זיינען ביידע אין איין צייט געפאָרן קיין אייראָפּא, צוליב באַזונדערע נויטווענדיקייטן, זיינען זיי געפאָרן, הין און צוריק אויף דיזעלביקע שיף און אויך דאָ און דאָרט עקסטראַ פאַרפאָרן, ווען איינער מיטן צווייטן האָבן זיך באַדאַרפן ווענגן עפּעס באַראָטן.

דערמאָנט זיך מיר, אַז יאַנקעל גוזשיק האָט דאַמאָלס אויסגעזען ווי קרוב־למיתה. מיט זיין גאַנצן אַמעריקאַנער ריינעם טראַכט, אַן אַנצוג ווי אויסגעגאָסן אויף אים, אַ האַרטן קראַגן מיט אַ שוואַרצן שניפּס, אַ האַלב קיילעכדיקן האַרטן הוט, וואָס איז דאַמאָלס געווען אַמעריקאַנער מאָדע, אָבער פון זיין בלייכן אויסגעקנייטשט פּנים און זיין האַלז, וואָס האָט אים כסדר געשטיקט, האָט שוין גאָרנישט אַרויסגעקוקט וועלכע עס איז רייכקייט. — ס׳איז בלויז געווען אַ באַווייז אַז אויך אין אַמעריקא קען מען דעם מלאך־המות נישט אויסמיידן. ווען די צייט קומט העלפט גאָרנישט.

דאַמאָלס איז טאַקע, מיטן ראָט פון יאַנקעל גוזשיק, באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיין קאָזינע, דאָרא, זאָל מיטנעמען מיין עלטסטן ברודער, שלמה, קיין אַמעריקא, און אים מאַכן פאַר אַ „לייט״. ער איז דאַמאָלס אַלט געווען 14 יאָר. ווי מיר דאַכט זיך האָט עס אַ היבשן שייכות, וואָס מיין צווייטער ברודער

נאָך שלמה׳ן, חיים הערש, און איך, דער דריטער, זיינען נאָכן ערשטן וועלט־קריג אַהערגעקומען.

עס זעט אויס אַז זאַכן קומען נישט פון גאָרנישט אַרויס. אַלץ בינד זיך מיט אַ שטיקל פאַרגאַנגענהייט, וואָס בלויז קאַלטע לונג־און־לעבער ווילן איגנאָרירן.

און, ווי דער סדר־העולם איז: יאנקעל גוזשיק, ז״ל, איז געשטאָרבן. ווען און אין וועלכן יאָר דאָס איז געווען, איז מיר נישט באַקאַנט. עס וואָלט געווען נישט מער ווי רעכט, אַז מ׳זאָל דעם דאַטום פון זיין פּטירה דאָ פאַרצייכנען, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ מעגלעכקייט דערצו. — צום באַדויערן וועלן מיר מוזן אַסך אַזעלכע נויטווענדיקייטן אויסלאָזן, צוליב דער גלייכגילטיקייט פון אַנדערע, וועלכע האָבן נישט קיין באַגריף פאַר אַזעלכע זאַכן.

איך ווייס בלויז, אַז ווען איך בין דאָ, אין יאָר 1921 אַהערגעקומען, איז ער שוין נישט געווען צווישן די לעבנדיקע. ער האָט אָבער איבער־געלאָזט אַ יורש פאַר זיינע גוטע מעשים: ר׳ רפאל מייזנער — שוין אויך ע״ה — האָט עס באַוויזן.

ר׳ רפאל מייזנער און ר׳ אלי׳ וואָלף כ״ץ


נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג, נאָכדעם ווי ר׳ יאנקעל גוזשיק ז״ל איז געשטאָרבן איז ר׳ רפאל׳ס היים געוואָרן די הילפס־איסטיטוציע פאַר קאָרטשין. אויסצורעכנען אַלע טרערן וואָס ער האָט באַוויזן אָפּצואווישן פון יחידים דורך זיין הילף, און וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער גאַנצער קהילה פון קאָרטשין, וואָלט מען דערמיט באַדאַרפט אויספילן אַ גאַנץ ספר. מיר וועלן זיך אָבער דאָ באַגניגן מיט שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס וועט שוין געבן אַ קלאָר בילד פאַר אַלץ און אַלעמען.

פאַר אַלע פאַר פסח׳ן איז שוין געווען זיין חזקה אַריינצושיקן מעות־חיטים פאַר די קאָרטשינער אָרעמע־לייט, און אַזוי, אַ גאַנץ יאָר, האָבן נישט געפעלט קיין אָרעמע כלות, וואָס מ׳האָט זיי באַדאַרפט שטעלן אונטער דער חופה.

פריוואַטע אביונים, וועלכע האָבן געוואוסט זיין אַדרעס, און זיך צו אים געווענדעט, זיינען קיינמאָל נישט אַרויס מיט ליידיקן. און נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען מער ווי דריי־פערטל פון קאָרטשין איז פאַרניכטעט געוואָרן — דאָס בית־המדרש, די שול און דאָס בעדל בתוכם — איז עס געווען רפאל מייזנער, וואָס האָט געזאַמלט געלט, צו קענען דאָס אַלץ צוריק אויפבויען. די צעמענט־מויער אַרום דעם בית־הקברות פון קאָרטשין — וואָס שטייט נאָך ביז היינט — איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיטן כוח פון די געלטער, וואָס ר׳ רפאל מייזנער און ר׳ אליהו וואָלף כ״ץ (זיין צוגעצויגענער „שותף״ אין דער מצוה) האָבן דאָ געשאַפן.

אויך זיי ביידע זיינען געווען פשוט׳ע אַרבייטער אין דעם נאָדל־פאַך, אָבער מיט וואַרעמע נשמות פאַר אַלע נויטן, און איבערהויפּט אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט קאָרטשין איז עס געוואָרן זייער מיסיע.

איך געדענק ווי ביידע פלעגן קומען צו מיר אין הויז, יאָר־איין, יאָר־אויס, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ כבוד זיי צו זען. אין דער „סלעק״־צייט, וואָס איז היבשלעך אין דעם שניידער־פאַך, האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַלע לאַנדסלייט. זיי האָבן געהאַט אַ ליסטע פון אַלטע בני־עיר,



ר׳ אלי׳ וואָלף כ״ץ ז״ל

וואָס זיינען געוואָרן פאַרמעגלעך און אויך געגעבן ביישטייערונגען מיט אַ ברייטער האַנט, לויט דער פאָדערונג פון דער צייט. מיט שה"י־פּה"י האָבן זיי זיך נישט געקענט אַרויסדרייען.

ווען די רייכע געבערס זיינען אַוועקגעשטאָרבן, האָבן אויך זייערע יורשים מיט דרך־ארץ זיך באַצויגן צו די צוויי אַלטע לייט, ווען זיי זיינען געקומען אויפמאָנען צדקה פאַרן שטעטל. ס'איז שוין געוואָרן שווערער, אָבער דאָך זיינען זיי, מיט זייער מיסיע, אָנגעגאַנגען ווי פריער: נישט אָפּגעלאָזן קיין לאַנדסמאַן, וועלכער קען געבן.

ערשט נאָכן צווייטן וועלט־חורבן האָט זיך באַוויזן וואָס פאַר אַ פּעולה די מייזנער־און אליהו־וואָלף־אינסטיטוציע האָט געהאַט אויף דעם ביסל געבליבענעם פון דעם וועלט־פייער. כמעט אַלע האָבן געוואוסט וועגן מייזנער'ן און דורך פאַרשידענע וועגן אויסגעפינען זיין אַדרעס. — אויף דעם אופן האָט מען זיך מיט אים פאַרבונדן, און ס'איז ביי אים געוואָרן אַ צענטראַלע פון הילף און אינפאָרמאַציע, ווער פון די לאַנדסלייט ס'געפינען זיך נאָך צווישן די לעבנגעבליבענע.

צום אומגליק זיינען די אַלטע, רייכע מנדבים שוין מער נישט געווען, צו קענען אַלעמען שטיצן מיט אַ פולער האַנט, אָבער די אַלטע צוויי לייט האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן: געוועקט דעם געוויסן, וואו זיי האָבן נאָר געקענט און געשיקט די ערשטע הילף, וואָס איז געווען נויטיק, צו די וואָס האָבן זיך צו זיי געווענדעט.

אין יענער צייט האָט מיך אַ נאָטיץ אין דער צייטונג (פון איינעם פון ר' חיים דים'ס קינדער, אַז ער איז געראַטעוועט און געפינט זיך אין בעלגיע) אַזוי גערירט, אַז כ'האָב זיך, פרייוויליק אָנגעבאָטן צו ווערן ר' רפאל'ס און ר' אליהו וואָלף'ס „באַלעגאָלע" מיט מיין אויטאָמאָבילכל, אַז ס'זאָל זיי זיין גרינגער צו דערגרייכן די לאַנדסלייט, וואָס קענען נאָך מיט אַ ביישטייער בייהילפיק זיין. ערשט דאַמאָלס האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט וואָס פאַר אַ שווערן „דזשאָב" זיי האָבן געהאַט ביז דאַמאָלס, ווען זיי האָבן געמוזט פאָרן מיט טראַמוויס, אונטערגרונט־באַנען און באָסעס, צו קומען צו אַיעדן באַזונדער.

נאָכדעם האָב איך זיך באַמיט איינצושטעלן אַזאַ מין „מאָדערנעם" איינפיר, וואָס איז שוין, צום באַדויערן, נישט געווען צופיל דערפאָלגרייך. אָבער דאָס ביסל לעבנדיקע „אינווענטאר" פון די לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך נאָך צווישן אונז געפונען, זיינען פּטור־בכלום נישט אָפּגעקומען. אַלע היגע

איינגעזעסענע האָבן געוואוסט אַז שווערע הערצער ווענדן זיך צו מייזנערן און מ׳דאַרף העלפן.

אין יענער צייט איז שוין ר׳ רפאל געווען אַ זקן פון איבער 80 יאָר און ר׳ אליהו וואָלף איז געווען קרוב צו 90 יאָר.ביידע האָבן זיך געפילט ווי טאַטעס צו אַלע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם היטלער־גיהנם. ביי מייזנערן אין שטוב איז אַלץ אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרן. זיין ווייב און קינדער זיינען געווען באַהאַווענט אין אַלץ, געקענט אַלעמענס נעמען, פון די געראַטע־וועטע, געוואוסט וואו זיי געפינען זיך און ווער זיי זיינען, טראָצדעם וואָס אַלע זיינע קינדער זיינען דאָ, אין אַמעריקא, אויפגעצויגן געוואָרן.

* * *

אין יענער טראַגישער ערשטער צייט, ווען ס׳זיינען אַריינגעקומען ידיעות פון די ערשטע געראַטעוועטע, און מ׳האָט געפּלאַנעוועט זייער לאַגע צו פאַרגרינגערן מיט באַגרענעצטע מיטל, האָט ר׳ רפאל׳ס ווייב, ז״ל, שקראָבענדיק די פאָדלאָגע פון דער קיך, זיך צוגעהערט צו אַלץ און געגעבן איר שכל׳דיקע עצות, וואָס מיר האָבן אָנגענומען. — אָט, אויף אַזאַ מין אופן, איז אַן איינפאַכע שטוב געוואָרן אַ מקום־קדוש פון וואַנעט ס׳האָט געשטראַלט מיט קדושה. די נויטליידנדערס פּראָבלעמען זיינען געוואָרן ווי זייערע אייגענע, און די גאַנצע משפחה־מייזנער איז דערמיט געווען באַ־שעפטיקט, בייטאָג און ביינאַכט.

די הויפּטוויכטיקייט איז אָבער געווען וואָס די לעבנגעבליבענע לאַנדס־לייט האָבן געהאַט אַן אַדרעס וואו זיך צו פאַרבינדן מיט אַנדערע — צו וויסן ווער ס׳איז נאָך פונם שטעטל געבליבן, און וואו זיי געפינען זיך. די דאָזיקע וויכטיקייט איז באַזונדערס ווערט, ווען מ׳קען זיך שטעלן אין דער לאַגע פון די־יעניקע, וואָס האָבן אַלע אייגענע פאַרלוירן און געבליבן, כמעט, איינער אַליין פון אַ משפחה, אָדער העכסטנס געציילטע דערפון. יענע וואָס זיינען אַליין געווען פון די געליטענע האָבן עס זיכער פאַרשטאַנען און טיף מיטגעפילט.

* * *

ווען מיר האָבן זיך באַמיט צוזאַמענצורופן אַ פאַרזאַמלונג, אין דער ריישער־קאָרטשינער שול, איז מייזנער געווען דער ראש־המדברים. ס׳איז איבערהויפּט קיין אַנדערער נישט געווען ווער ס׳זאָל זיך „קאָכן“ וועגן דער

אַנגעוויטיקטער לאַגע. קיין דערפאַרונג אין אָרגאַניזאַציאָנעלע אַנגעלעגנהייטן אין אַזאַ באַציאונג האָט קיינער נישט געהאַט. אָבער אַז מ׳דאַרף געבן, העלפן, האָט מען געוואוסט. אויף אַ ברייטערן שטייגער האָט עס, טראָץ דעם, נישט דערגרייכט.

די גרעסערע געבערס זיינען צו אַזאַ פאַרזאַמלונג נישט געקומען. צו זיי, וואָס זיינען אַלץ געוואָרן ווייניקער, האָט מען באַדאַרפט פאָרן און וועקן זייער געוויסן.

דאַמאָלס, ביי איינעם פון די פאַרזאַמלונגען, האָט מייזנער באַשלאָסן מיך צו מאַכן פאַרן „פרעזידענט״, פון דעם קאָרטשינער רעליעף. — איך האָב נישט געוואוסט מיט וואָס מען „עסט״ דאָס; כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט גע־קהל׳ט, און ווען ס׳איז ווידער געקומען צו אַ פאַרזאַמלונג, פאַר וועלכער איך האָב אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען (אין דעם בין איך שוין געווען אַביסל באַהאַוועט, אַלס סעקרעטאַר פון דער יידיש־עטישער געזעלשאַפט, מיט ר׳ אבא גאָרדין, ז״ל בראש), האָב איך אויף דער אסיפה קיינמאָל נישט באַוויזן צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט. מיין דרך־ארץ פאַר ר׳ רפאל׳ן האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון. איבערהויפּט בין איך נישט פון דעם טייג געקנעטן, צו קענען ריידן פאַר אַן עולם. אויסער פאַר אַ גאָר נאָענט געשלאָסענעם. און דאָס אויך נישט אָראַטאָריש.

אָבער ווידער דאָסזעלביקע: דער גרויזאַמער טויט האָט אַוועקגענומען די צוויי קדושים: ר׳ רפאל׳ן אין עלטער פון איבער 80 יאָר, און ר׳ אליהו וואָלף׳ן, ז״ל, אין עלטער פון אַרום 90 יאָר — און איך בין געבליבן מיט זייער „סמיכה״.

* * *

כ׳האָב באַלד פון אָנפאַנג אַרויסגעקוקט, אַז ס׳זאָל זיך שאַפן אַן אָפּאָזיציע צו מיר. — גלאַט אַזוי: ס׳זאָל זיין מער לעבעדיק. אָבער עד־היום האָט זיך עס נישט באַוויזן. ווי ס׳זעט אויס האָט זיך אַיעדער שטעטל זיין גורל און פאַר קאָרטשין איז עס באַשטימט „בנשיקה״ אויסצוהויכן דעם אָטעם — אָן טומל און אָן רעש.

אפשר וועט עס אַמאָל אָננעמען אַן אַנדערע ווענדונג, אָבער דערווייל האַלט עס נאָך נישט דערביי. — און ווער ווייסט וועלכע פאָרם ס׳איז בעסער? — איז, זאָל שוין זיין אַזוי!

* * *

נאָך אַן ערך פון 18 יאָר זיץ איך נאָך אַלץ אויפן „כסא־הכבוד" און בין נישט זיכער צי האָב איך עס פאַרדינט. אַן אַנדערער, מיט מער פעאיקייטן, וואָלט זיכער אסך אויפגעטאָן. אָבער דאָס איז שוין נישט מיין שולד. — אָט אַזוי בין איך — אַ פּראָדוקט פון מיין שטעטל.

און מ׳קען זאָגן אַז אַלע מיינע לאַנדסלייט זיינען, כמעט פון דערזעלביקער קאַטאַגאָריע. מסתמא איז דאָס אויך פון דער השגחה באַשטימט.

* * *

אין יענער צייט, ווען איך האָב געקראָגן מיין „סמיכה" פון ר׳ רפאל׳ן און ר׳ אליהו וואָלף׳ן, ז"ל, האָבן מיר אַריינגעקראָגן אַלס סעקרעטער פאַר דער „קאָרטשינער־רעליעף־געזעלשאַפט, אונזער לאַנדסמאַן חיים דאַווידאָוויטש. ער האָט שוין געהאַט דערפאַרונג, אין דעם ענין, פון פריער, אין אַנדערע לאַנדס־מאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס.

קאָרטשינער לאַנדסלייט אין אַמעריקע

דער גורל האָט שוין אַזוי באַשטימט אַז „שפּליטער" פון די שפּעטער־דיקע אָפּגעמעקטע קהילות, דורך די היטלער־מערדער, ימ"ש, זאָלן פון פריער זיין צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט. אויף דעם אופן איז געבליבן אי אַ זכר און אַ פאַרבינדונגסמיטל פאַר אַלע געראַטעוועטע.

די „לאַנדסמאַנשאַפטן" פון אַמעריקא און אַנדערשטוואו האָבן דעם נס באַוויזן ניט צו ווערן אינגאַנצן אָפּגעמעקט פון דער וועלט־מאַפּע — אַזוי ווי די רשעים האָבן עס אויסגעפּלאַנעוועט.

מיט 70־80 יאָר צוריק האָבן איינצלנע יונגעלייט פון קאָרטשין, זיך אַהער געראַטעוועט בכדי ניט צו דאַרפן דינען ביי „פּראַיעם־יאַסלען" אין מיליטער. די פאַרמעגלעכע וועלכע האָבן זיך געקאָנט אויסקויפן דערפון, אָדער אַזעלכע מיט אַ שטיקל מום, זיינען געבליבן אין דער היים און זיך געשטיקט מיט דער אָרעמקייט. בלויז געציילטע, וועלכע האָבן זיך צו קיין פּרנסה ניט געקאָנט דערשלאָגן, זיינען אַהערגעקומען מיט דער כוונה אָנצו־זאַמלען אַ פּאָר טאָלער און צוריקפאָרן. אסך זיינען דאָ פאַרבליבן, ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי קענען זיך אויך דאָ מיט זייער יידישקייט ספּראַווען. אָבער די מייסטע פון זיי האָבן זיך, אינם געמיט, מיט זייער שטעטל קיינמאָל ניט געשיידט. ס'האָבן זיך אַרויסגערוקט אַזעלכע, וואָס האָבן געוועקט און דערמאָנט פון דער היימישער אָרמקייט און דאָ געזאַמלט געלט איר דאָרט צו העלפן. ר' אלי' וואָלף כ"ץ און ר' רפאל מייזנער האָבן דאָס באַוויזן.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז זייער טעטיקייט פאַרגרעסערט געוואָרן. אחוץ דעם וואָס עס זיינען אין שטעטל צוגעקומען מער אָרימעלייט איז דאָס קהל'שע אייגנטום געוועזן פאַרניכטעט. דאָס בית־המדרש, די שוהל, דאָס בעדל האָט מען באַדאַרפט צוריק אויפשטעלן, און די גאַנצע ישועה האָט באַדאַרפט קומען פון אַמעריקא. און אָנשטאָט פון פריער געציילטע טאָלער האָבן יידן פון דאַנעט געמוזט געבן מיט אַ ברייטערער האַנט.

די צוויי יידן האָבן געוועקט און געמאָנט; זיי האָבן שוין געוואוסט ווער

ס'קען געבן מער און עס פון זיי פערלאַנגט. מ'האָט זיי קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט: מ'האָט זיך צו זיי מיט דרך־ארץ פאַרהאַלטן.

צווישן די אַרויפגעאַרבייטע לאַנדסלייט זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיי האָבן זיך מיט מייזנער'ן און כ"ץ'ן נאָך געקענט פון דערהיים, און זיי האָבן, אפשר, אַליין געהאָט אַ פאַרלאַנג, אַז מ'זאָל זיי, פון צייט צו צייט, דערמאַנען אָן דעם חוב צו זייער געבוירן־שטאָט. ס'האָט ניט אויסגעמאַכט צי מ'איז בלויז געווען אַן איידעם, אַ קרוב, אַ גואל פונם שטעטל — אַזוי לאַנג מ'האָט זיי אויפגעזוכט האָבן זיי געגעבן אַ ביישטייער בכבוד־גדול. אויך אַזעלכע וואָס האָבן ווייניקער געקענט געבן האָבן זיי די צוויי יידן ניט אָפּגעזאָגט בכלל פון עפּעס העלפן.

אין זייער פרייער צייט, ווען אין זייער מלאכה איז ניט געווען וואָס צו טאָן, פלעגן זיי שוין האָבן אויסגערעכנט ווער מען צו באַזוכן מיט זייער „קול־קורא", ביז זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן אַ באַשטימטע סומע, וואָס ס'איז געווען נייטיק אין איעדער באַשטימטער פעריאָדע לויט זייער איניציאַטיוו.

מיט די זאַמלונגען ביי די היגע לאַנדסלייט (ממש געפּאָרן צו יעדן איינעם באַזונדער) האָבן זיי געהאָלפן אויפשטעלן דאָס בית־המדרש, דאָס בעדל און, אינדערזעלביקער צייט, ניט פאַרנאַכלעסיקט דעם טראַדיציאָנעלן מעות־חיטים, אויף וועלכן אָרעמעלייט האָבן שטאַרק אַרויסגעקוקט. די צוויי יידן זענען געוואָרן די זעלבסט־געקרוינטע פאַרזאָרגער, מיט וועלכן די אָרעמע קהילה פון קאָרטשין האָט זיך אַליין ניט געקענט ספּראַווען.

פון מאָל צו מאָל האָבן זיך דורכגעריסן פּריוואַטע בקשות צו זיי וועלכע זיינען ניט איגנאָרירט געוואָרן און מ'האָט מיט עפּעס געהאָלפן.

אַ מאָנומענטאַלע זאַך האָבן זיי באַוויזן (ווען די וועלט וועט זיין וועלט), צו העלפן דעם שטעטל אַרומצוצוימען דאָס בית־הקברות מיט אַ צעמענטענעם פּאַרקן, וואָס חיים וואָלף קורעוו איז געווען דער אַרכיטעקט און בויער דערפון. דער זכות איז בייגעשטאַנען, וואָס דאָס הייליקטום איז געבליבן גאַנץ, אַזוי ווי פאַרן אַלגעמיינעם חורבן. — אָן דער געלט־שטיצע פון דאַנעט וואָלט מען אַזאַ אַרומיקע מויער פונם „בית־החיים" ניט געקענט אויפשטעלן, און דאָס אַלץ איז צו פאַרדאַנקען די מי פון די צוויי אַלטע לייט ר' רפאל און ר' אליהו וואָלף'ן, ע"ה.

נאָכן לעצטן חורבן, ווען אייניקע געראַטעוועטע האָבן זיך דערמאַנט דעם אַדרעס פון דער אַמעריקאַנער „הילפס־אינסטיטוציע", מיטן נאָמען רפאל מייזנער, האָט זיך, אַזוי אַרום, קאָרטשין ווידער פאַרבונדן פון אַלע עקן,

וואו איינער איז געראַטעוועט געוואָרן, מיט „קאָרטשין" וואָס האָט זיך שטאַבי־ליזירט אין דער פשוט׳ער היים פון זייער לאַנדסמאַן ר׳ רפאל מייזנער.

דורך דער צייטונג און דורך אינפאָרמאַציע, וואָס איין געראַטעוועטער האָט געגעבן דעם צווייטן האָט מען אויסגעפונען דעם אַמעריקאַנער „פעטער" וועלכער האָט אָנגעפאַנגען זאָרגן פאַר אַלע וואָס נויטיקן זיך אין דעם. די אַלטע גרויסע היגע מנדבים זיינען אינצווישן אויסגעשטאָרבן; געבליבן זיינען בלויז „מיטעלע־געבער", אָבער אויך צו זיי האָט מען געשטעלט פאָדערונגען, וואָס קיינער האָט זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט. — אין דער צייט האָט זיך געגרינדעט די „קאָרטשינער־רעליעף־געזעלשאַפט" וועלכע האַלט אָן עד־היום — אינם זכות פון די ערשטע וואָס האָבן אין זייער געבורט־שטעטל ניט פאַרגעסן.

איך דערמאָן זיך די ערשטע צייט (ווען ס׳איז געקומען פאַר פסח) און מען האָט באַשלאָסן צו שיקן פסח־פעקלעך פאַר אַלע פליטים, פון וועלכע מ׳האָט געהאַט זייערע אַדרעסן, איז ר׳ רפאל׳ס שטוב געוואָרן אַ גאַנצער באַראַטונגס — און עקספּעדיציע־צענטער. אַלע זיינע קינדער (כמעט הי געבוירענע) האָבן גענומען אנטייל אין דער זאַך, און ספּעציעל זיין ווייב (וואָס איז שוין דאַמאָלס געווען אין די 80גער יאָרן) האָט זיך צוגעהערט צו אַלע עצות, אָבער מיט איר שכל׳דיקן אָנווייז האָט זי באַוואויגן וואָס און ווען מ׳דאַרף באַזאָרגן. וואַשנדיק די קיך־פאַדלאָגע האָט זי אויסגערעכנט וואָס עס איז בעסער צו שיקן פאַר אַזעלכע וואָס זיינען נע־ונד, מיט זייער לייב־און־לעבן.

די משפחה מייזנער

אין יאָר 5־1904, ווען מיין עלטערער ברודער, שלמה, איז נאָך דאָ געווען אַ „גרינער" אין אַמעריקע, איז ער, צוזאַמען מיט לייביש דאַווידאָוויטש, געווען אַ „באָרדער" (לאָקאַטאָר) ביי דער פאַמיליע מייזנער.

אין יענער צייט האָבן זיך נאָך די נייאַריבערגעקומענע אין קאָלומבוסעס מדינה געטוליעט איינער צום צווייטן.

פון אַזאַ „משא־ומתן", צו האָבן אַ נאַכטלעגער ביי אַ לאַנדסמאַן, האָבן ביידע פּראָפיטירט: דער וואָס האָט עס געדונגען האָט געהאַט ביליק און דערצו אין אַ היימישער אַטמאָספערע, וואָס איז פאַר אַזעלכן זייער וויכטיק; און דעם פאַרדינגער האָט עס אַביסל פאַרגרינגערט אויפצוהאַלטן די דירה, וואָס איז געווען אַ היפּשע לאַסט אין דעם פּרנסה־חשבון.

אין יענער צייט איז עס געווען אַ געוויינלעכע זאַך צו האָבן, אַחוץ אַן אייגענע גרויסע פאַמיליע, אַריינגעשפּאַרט אַ פּאָר עקסטראַ בעטלעך אין דער דירה, פאַר היימישע בחורים, אָדער מיידלעך, צו זיין אונטער דער השגחה פון היימישקייט.

די באַלעבאָסטע פון אַזאַ הים האָט זיך געפילט פאַרפליכטעט צו פאַרטרעטן די מאַמען פון אַזעלכע, וואָס די נויט, אָדער אומשטענדן, האָבן זיי געטריבן קיין אַמעריקע. ס'איז שוין געווען פאַרבונדן אויך מיט אַ מצוה — מיט וואָס אַ היימישע יידענע האָט זיך גאַנץ גוט גערעכנט.

הכלל, מיין ברודער איז געווען ביי די מייזנערס אַ געוויסע צייט, זיין פּרנסה איז געווען פעדלעריי, האָט אַ סך געוואַנדערט, האָט ער געמוזט בייטן זיין דירה. מיט דער צייט האָט ער חתונה געהאַט, באַקומען אַן אייגענע משפחה — און ס'איז אַדורך אַ 45־44 יאָר און האָט די מייזנערס ניט געזען. אויך די מייזנערס האָבן שוין געהאַט, מיט יאָרן צוריק, זייער אַלטע וואוי־נונג, פון דער איסט סאַיד, ניו־יאָרק, פאַרלאָזן און זיך אַריינגעקליבן קיין ברוקלין אין אַן אייגן הויז.

אין דעם נייעם הויז האָבן זיי אויפגעצויגן קינדער, זיי חתונה געמאַכט, דערלעבט אייניקלעך און זיך כסדר גע'קהל'ט מיט העלפן קאָרטשין. אין יאָר



רפאל מייזנער און פרוי

1948, ווען איך פלעג שוין נעמען אַן אָנטייל אין מייזנערס קהל'שע זאַכן, בין איך געקומען, אומפאַרהאָפט, מיט מיין ברודער שלמה'ן צו די מייזנערס.

אַזוי שנעל ווי מיסעס מייזנער האָט מיין ברודער דערזען, גייט זי צו צום טיש פון דער קיך, רוקט אַרויס דעם שופלאָד, נעמט אַרויס אַ קליין שערעלע און גיט עס מיין ברודער: „נאַ, שלמה, נאַדיר דיין שערעלע!"

אַזעלכע פרויען וואָס האָבן געוואוסט אָפּצוהיטן יענעמס אייגנטום, אַזוי זאָרגפעלטיק אַפילו פון אַזאַ קליינעםווערט, איבער 40 יאָר, און ניט פאַר־געסן דערפון, און זיך אַזוי שנעל ספּראַווען מיטן געפינען עס — איז איינס פון די זאַכן וואָס מעג פאַרצייכנט ווערן.

ממילא איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין אַזאַ היים האָט זיך געקענט אַנטוויקלען אַ צענטער פון הילף פאַר די נויטן פון יענער זייט ים, און אָנהאַלטן אַזוי ביז צו די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן.

כבוד דעם אָנדענק פון רפאל און ביילע מייזנער.

ר׳ רפאלס טאָכטער שרה

עס וועט נישט זיין קיין פול בילד, שילדערנדיק מייזנערס הויז, וואָס איז געוואָרן דער הילף־און אינפאָרמאַציע־צענטער פאַר די באַדערפטיקע קאָרטשינער, פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג, ביז נאָך דעם טאָטאַלן חורבן אינעם צווייטן וועלט־קריג — אָן צו דערמאָנען סערע׳ן.

מיין פערזענלעכע אינפאָרמאַציע האָב איך געשעפּט נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן אַ בן־בית ביי די מייזנערס.

אין יענער צייט זיינען די מעטאָדן פון די טעטיקייטן און כאַראַקטער פון רעליף באַשטאַנען אין אַנדערע פאָרמען, צוליב דער צעשפּרייטקייט פון דער שארית הפליטה. אָבער, אין גרונט גענומען, זיינען די אַקטיוויטעטן ביזן היינטיקן טאָג אַ פאָרזעצונג פון די פריערדיקע צייטן, ווען ס׳האָט נאָך עקזיסטירט אַ נאָרמאַלער סדר (ווען מ׳קען עס אַזוי אָנרופן) פון שטיצע, פאַר יחידים און פאַר דער קהילה קאָרטשין אין אַלגעמיין, מיט אירע הצטרכות׳ן.

ווי אַזוי עס איז פריער צוגעגאַנגען, בין איך זיך בלויז משער. אָבער דורך מיין לעצטער מיטבאַטייליקונג דערין, בין איך אַ גבית־עדות, וואָס מ׳דאַרף עס פאַרצייכענען.

מיט אַלע זיינע היפּשע אויסגעלעבטע יאָרן אין אַמעריקע, איז נאָך אַלץ ר׳ רפאל געווען אַ „גרינער״ אין באַצוג צו דער ענגלישער שפּראַך און שריפט. זיין פּרנסה אין שניידער־שאָפּ, און דאָס אויסלעבן זיך גייסטיק־רעליגיעז, איבעראַל וואו ער האָט געוואוינט — וואו די גאַנצע סביבה איז געווען אַ יידישע — האָט ער נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט זיך צו אַמעריקאַניזירן. בלויז דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיטן פּאָסט־אָפּיס צו שיקן פּעקלעך פאַר די קאָרטשינער נויטבאַדערפטיקע, אָדער די טראַנסאַקציעס פון געלטער פאַר דעם זעלבן צוועק, האָט אים געשטעלט אין באַרירונג מיט דער „וועלטלעכקייט״ — וואָס איז אים געווען פרעמד.


האָט אָבער ג־ט געשיקט די רפואה פאַר דער מכה: זיין עלטסטע טאָכטער שרה, וואָס איז נאָך אַ געבוירענע פון קאָרטשין און איז געקומען מיט איר מוטער קיין אַמעריקע אַלס קינד, און איז דאָ אויפגעצויגן געוואָרן,

איז געוואָרן די סעקרעטאַרין און פאַקן־טרעגערין פאַר אַלץ וואָס ס׳איז געווען נויטיק.

אַזוי ווי אַ פרומער ייד טראָגט זיין טלית און תפילין, גייענדיק צום דאַוונען, אַזוי האָט זי אויסגעפירט איר טאַטנס שליחות אין די רעליעף־טעטיקייטן. זי האָט געוואוסט אַלע קוואַלן וואו מ׳קען איינשפּאָרן פון די אויס־גאַבן, און אַלע נעמען פון די באַדערפטיקטע זיינען איר געווען באַקאַנט. — די צעוואָרפנקייט פון די לאַנדסלייט אין פאַרשידענע ערטער און לאַגערן, האָט עס געמאַכט היפש קאָמפּליצירט, אָבער זי האָט זיך דערמיט געספּראַוועט אויפן בעסטן אופן, לויט די אומשטענדן.

ביי די מייזנערס האָט זיך אַלעמאָל געקאָכט מיט נייע פּראָבלעמען פון טאָג צו טאָג, אין יענער צייט. אין אַלע תפוצות האָט מען באַדאַרפט באַזאָרגן דאָס נויטווענדיקסטע, וואָס מ׳האָט פון דער רעליעף פאַרלאַנגט, און סערע איז געווען דער כל־ולך.

ר׳ רפאל איז שוין דעמאָלט פיזיש נישט מער פעאיק געווען צו שלעפּן זאַכן, האָט עס סערע געטאָן.



שרה מייזנער און איר משפחה

זי אַליין, סערע, האָט געהאַט אייגענע משפחה־זאָרג: אַ מאַן, אַ דער־וואַקסענעם זון, און איבערהויפּט, צו פירן אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט, אָבער, דער פּראָבלעם קאָרטשין, איז געווען איר אייגענער, אַזוי ווי ביי איר טאַטע־מאַמע.

ביז צו אירע עלטערנס אַוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט סערע מיט איר משפּחה געוואוינט צוזאַמען, אין אַ צווײ־פאַמיליע הויז, מיט אירע עלטערן. איז זי במילא געווען די נאָענטסטע צו זיי. איר שוועסטער און די ברידער, מיט זייערע אייגענע משפּחות, האָבן געהאַט זייערע אייגענע מקום־מנוחה׳ס ווייט אין פאַרשידענע געגנטן. אָבער מ׳קען נישט זאָגן אַז סערע האָט בלויז אויטאָמאַטיש אַרויסגעהאָלפן אירע עלטערן אין אַלע באַציאונגען. עס איז דערין געווען אַן אייגענער ווילן אין וועלכן זי האָט זיך פון קינדוויז אָן אַריינגעלעבט, און וואָס ס׳איז אויף איר חלק אויסגעפאַלן האָט זי געטאָן מיט פרומער כוונה.

סעם מייזנער — ר׳ רפאל׳ס זון

ווען מיר מאַכן דעם סך־הכל ביז היינט וועגן אונזערע קאָרטשינער לאַנדסלייט און זייערע טעטיקייטן מכוח דעם רעליעף, מוזן מיר פאַרצייכענען סעם מייזנער אַלס איינעם פון זיי. זינט זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן — אין יאָר 1953 — עד היום, איז ער דער בעל־קאַסע (טרעזשורער) פון די געלט־זאַמלונגען און די אויסגאַבן, אָן וועלכע עס איז פּניות.

דער סענטימענט צו זיין פאָטערס ירושה, צו העלפן די קאָרטשינער לאַנדסלייט, האָט אים באַוואויגן צו נעמען אויף זיך דעם עול וואָס איז דער־מיט פאַרבונדן.

דער „ערן־אַמט״ פאַרשאַפט כסדר קלאָפּאַט מיט די באַנק־חשבונות, פון די אַריינגעקומענע געלטער פון די מנדבים, און מיט די אָפטע חיים׳ס פאַרלאַנגען אויסצושרייבן טשעקלעך פאַר די נצרכים, וואָס ער האָט אויף זיין רשימה. — קיין לייכטער ענין איז עס נישט, אָבער ער האָט נישט קיין תרעומות.

סעם מיינער, דער צוויטער פון ר׳ רפאל׳ס קינדער, איז אַ געבוי־רענער אין אַמעריקע. ער איז דאָ געגאַנגען אין סקול, האָט אויסשטודירט אויף לאָיער (אַדוואָקאַט), האָט אַן אייגענע פאַמיליע, און איז, פאַרשטייט זיך,

פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן קרייז מענטשן, לויט זיין פּראָפעסיע און אַמערי־קאַנער דערצויגנקייט.

אָבער ווען ס׳איז געקומען נאָך זיין פאָטערס פּטירה, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אַז די ירושה פון דער „פירמע מייזנער" זאָל ווייטער אָנהאַלטן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, — האָט ער זיך דערצו מתחייב געווען.

צו אַ סך פריערדיקע לאַנדסלייט איז בלויז דער נאָמען מייזנער באַקאַנט. חיים און מיר אַלע זיינען פאַר זיי געווען פּנים־חדשות. זיי האָבן צו אונז קיין שום באַציאונג נישט געהאַט. נאָך ביז היינט זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס דער נאָמען מייזנער דערוועקט אין זיי אַ פאַרבינדונג פון זייערע אייגענע און עלטערנס אַנגעהעריקייט צו קאָרטשין. און פאַר די נייע געבוירס און די בעלי־מקבלים, איז דער נאָמען מייזנער אויך נישט פרעמד.

האָבן מיר, אַזוי אַרום, אַ נייעם דור אָפּשטאַמיקע פון קאָרטשין, וואָס באַאיינפלוסן זייערע משפחות מיט זייערע טעטיקייטן און ביישטייערונגען.

עס קייטלט זיך דער אָפּשטאַם, נישט אינגאַנצן פאַרשוואומען צו ווערן אין דעם שטראָם פון דער צייט.

עפּעס אַ יחוס־עצמו האָבן מיר דאָך אַלע, און ס׳ווילט זיך עס אָנ־האַלטן ווי ווייט מעגלעך. — פון קיין געמיינזאַמען קאָך־קעסל קומען מיר קיינער נישט אַרויס. איעדע פּריוואַטע היים האָט אירע אייגנטלעכע השפּעה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור און ביז צו אור־אור־אייניקלעך שעפּן אַלע פון דעם קוואַל, דורך איבערגעגעבענע זכרונות פון זייערע אור־אור־עלטערן.

מיט די איצטיקע פאַרצייכנונגען טוען מיט אַ חסד פאַר די דורות שפּעטער, וואָס וועלן זיך גריבלען אין זייער שורש; וואָס וועלן זיין נייגעריק צו וויסן דעם וואַנדערוועג פון זייערע עלטער־עלטער־זיידעס און באָבעס. קיין אומ׳כבוד וועט עס זיי נישט געבן עס אויסצוגעפינען.

מיר מעגן האָבן מוסטערן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט מיט אירע איינ־געשטעלטע קהילות פון וועלכע קאָרטשין איז געווען איינע.

אַן זשאַנדאַרסקע מורא האָט זיך אַליין געפירט לויט די כללים פון מאָראַל און עטיק.

איבער דעם אַלגעמיינעם איינשטעל פון אָרעם און רייך, זיינען מיר נישט געווען די באַלעבאַטים, אָבער אין די ראַמען פון אונזערע מעגלעכקייטן זיינען מיר געווען אַ מוסטער פון ברידערלעכקייט.

אַזאַ יחוס־בריוו טראָגן מיר אַנטקעגן אונזערע קינדער און קינדס־

מאיר, נחום קירשנערס

מאיר נחום׳ס איז געוואָרן אַ שניידער נאָך איידער ער איז געוואָרן בר־מצוה.

זיין טאַטע, נחום קירשנער, איז געווען אַ טרעגער אין שטעטל. זיין מאַמע האָט אַביסל פאַרדינט פון פאַרקויפן מילך, וואָס זי פלעגט מעלקן ביי געוויסע גויים און דערפון אויך געמאַכט פוטער פאַר אירע יידישע קונים. אויך פלעגט זי, פרייטיק אויפן קאָרטשינער־און מאָנטיק אויפן קראָסנער־מאַרק, פאַרקויפן קאָפּ־טיכלעך פאַר די פויערטעס. אַלץ צוזאַמען האָט עס דער משפחה אַריינגעברענגט פרנסה לויט די קליינשטעטלדיקע באַדערפענישן, אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קצבה.

אָבער וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אַ טרעגער אין אַ קליין שטעטל? ר׳ נחום איז נישט געווען קיין גרויסער ידען אין די „קליינע אותיות״, אָבער ער האָט געפילט, אַז זיינע קינדער דאַרפן האָבן אַ בעסערע דאָליע ווי ער, און האָבן אַן אַנדער פרנסה. זיין עלטערן זון, מרדכי לייב׳ן, האָט ער אוועקגעגעבן צו אַ שניידער, אַ טאַנדעטניק, וואָס איז נישט געווען אַזוי הצלחה׳דיק, אָבער דעם יינגערן זון, מאיר׳ן, איז אים געלונגען אָפּצודינגען ביי משה שניידער אויף 4 יאָר לערנען, אָן באַצאָלט, וואָס איז ממש געווען אַ גליק.

משה שניידער איז געווען באַוואוסט אַלס קינסטלער אין זיין פאַך, וואָס האָט געניייט מלבושים פאַר אַלע פּריצים פון דער גאַנצער געגנט, און אויך פאַר די נגידים פונעם שטעטל, וועלכע האָבן זיך געקענט דערלויבן אַ גוטן מלבוש. משה שניידער פלעגט אַרבעטן טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, מיט אַ פיר־פינף געזעלן און ס׳איז אויך ביי אים געווען פּלאַץ פאַר אַ לערן־יינגל, אָדער צוויי, פאַר סטריגיוווען, אָנניייען אַ קנעפּל און אַנדערע הצטרכות׳ן, ווי אָפּטראָגן אַ פאַרטיקן מלבוש און אַזוי גלאַט פאַר אַ שליחות, ווי אויך אַרויסצוהעלפן דער באַלעבאָסטע אין שטוב. אָפּילו דעמאָלט ווען אַ לערן־יינגל האָט נאָך גאָרנישט געהאַט קיין אַהנונג פון אַ מלאכה, איז ער, אין אַזאַ שפּעט׳דיקן פּלאַץ פון אַרבעט, שטאַרק צוניץ געקומען. קוים האָט

ער דערגרייכט אַביסל מער קענטעניש אינעם פאַך, האָט שוין די באַלע־באָסטע איבער אים נישט מער געהאַט קיין שליטה. — עס איז איבערהויפּט געווען אַ שאָד מבטל צו זיין זיין צייט פאַר אירע באַדערפעניש: ער האָט שוין צוגעהאָלפן צו דער אמת׳ער פרנסה. נאָכדעם האָט אַן אַנדער יינגל פאַרנומען זיין פּלאַץ.

דער איינפיר איז געווען, אַז דעם ערשטן יאָר האָט אַ לערן־יינגל נאָך געגעסן אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, און די אַנדערע דריי יאָר האָט ער שוין געגעסן ביים בעל־הבית, וואו ער האָט געלערנט. — דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער איינשטעל זיך צו לערנען אַ מלאכה. מיט דעם וואָס דאָס יינגל האָט זיך מער און שנעלער דערלערנט איז עס דעם באַלעבאָס מער צוניץ געקומען, און דאָס יינגל האָט דערביי געהאַט אי אַ בעסערן מאַלצייט ווי אין זיין אָרעמער היים, און אי געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען אַן ערלעכע מלאכה צו קענען עקזיסטירן. אין דעם פאַל, מיט מאיר׳ן, איז עס אויך געווען אַ פאַרצוג לגבי זיין טאַטנס פרנסה, וואָס אין אַ קליין שטעטל איז עס נישט געווען אַזוי בכבוד׳יק.

עקסטראַ געלט־פאַרגיטיקונגען, פאַר די 3־4 יאָר שקלאַפעריי, האָט זעלטן געטראָפן. עס זיינען געווען אָבער אויסנאַמען, וואָס איין צד אָדער דער צווייטער, דער בעל־הבית אָדער די עלטערן פון אַזאַ יינגל, האָבן עפּעס צוגעצאָלט. עס האָט זיך געווענדעט אין די אומשטענדן.

די געזעלן פלעגן אויך עסן ביים בעל־הבית און, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאָסטע איז געווען היפּש באַשעפטיקט מיט קאָרמענען אַ גרויס געזינדל: אַ חוץ דער אייגענער משפחה, אויך די עסערס וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט.

און מאיר איז אַרויס פון זיינע לערן־יאָרן מיט אַ היפּשער קענטיש אינעם שניידער־פאַך. נאָכדעם איז אים שוין געווען לייכט צו קריגן אַרבעט אין אַ גרעסערער שטאָט, אָבער קיין גרויסע גליקן זיינען דאָרט אויך נישט געווען. ביי אַלע סאָרט שניידערס איז געווען אויסגערעכנט אַ געוויסער לוין וואָס האָט קוים געקלעקט פאַר עסן און טרינקען און העכסטנס זיך אָנשטענדיק אויסצוקליידן.

ווען מאיר איז שוין געווען אַ געזעלן אין אַן אַנדער שטאָט און פלעגט אַהיימקומען אויף פסח און סוכות איז ער שוין געווען אַ פולער „דייטש״: פיין געקליידעט מיט אַ קראַגן און שניפּס, וואָס האָט אים, ביי

זיך אַליין, געגעבן אַ געוויסע חשיבות. פאַרשטייט זיך, אַז אויך נחום מיטן ווייב, האָבן געשעפּט אַביסל נחת. — אַבי דערגרייכט אַ חשוב׳ערע פּרנסה.

ס׳איז פאַראיבער אַ פּאָר יאָר, די צייט צו שטעלן זיך צום פריזיווו האָט זיך אָנגערוקט, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מאיר זאָל פאָרן קיין אַמעריקע.

דער עלטערער ברודער, מרדכי לייב, איז שוין דאָ געווען. זיינע גליקן אין אַמעריקע זיינען אויך נישט געווען פויגלדיק, אָבער פּאָר מאיר׳ן האָבן זיך באַוויזן בעסערע מעגלעכקייטן. שוין זיין גוטע באַהאַוונטקייט אין דעם שניידער־פאַך האָט אים דערצו געהאָלפן.

דאָ איז ער טאַקע אַריין אין אַ שאַפּ וואו מ׳האָט נישט באַדאַרפט זיין פולע פאַכקענטעניש, אָבער, ווי ניט איז, האָט ער זיך געקענט וואַרפן אין אַלע איינצלהייטן וואָס האָט צו טאָן מיט אַ מלבוש. אַ בעל־הבית ווייס ווי אָפּצושאַצן אַזאַ „האַנט".

אויך די הילף פון דער יוניאָן האָט עס דערפירט אַז דאָס שניידער־פאַך איז געוואָרן אַ בכבוד׳יקע פּרנסה. נישט איין קלויזניק פון דער היים איז דאָ געוואָרן אַ שניידער־פּראָלעטאַריער, מיט וועלכן מ׳האָט זיך אויסגעלעבט אויף אַן אָנשטענדיקן אופן. מאַנכע מיט ביזנעס־פעאיקייטן האָבן גאָר דערגרייכט צו ווערן גרויסע פּראָדוצירער אין דער באַקליידונג־אינדוסטריע, מיטן כוח צו קענען אָרגאַניזירן אַן ערב־רב מיט סעקציע־אַרבעט, וואָס האָט אַרויסגעבערענגט אַ פולע גאַרניטור אויפן שנעלסטן און בעסטן אופן.

דער אַמעריקאַנער וועג, אין דער באַציאונג, האָט באַוויזן, ווי ביליק און גוט צו קענען קאָנקורירן מיטן אייראָפּעאישן שטייגער, און דער בעל־מלאכה זאָל דערפון אויך געניסן.

מאיר האָט גראָד אַ פּאָר מאָל, מיט דער הילף פון שותפים, געפּרואווט צו ווערן אַליין אַ בעל־הבית, אָבער דאָס גליק, אויף דעם וועג, איז אים נישט געגאַנגען.

נאָך אַזאַ דורכפאַל, האָט ער געמוזט ווידער זוכן אַ שאַפּ צו אַרבעטן ביי יענעם, וואו ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַן אָפענע טיר. ער איז געווען באַוואוסט אַלס גוטער בעל־מלאכה און מ׳האָט אים איבעראַל געוואָלט האָבן.

באַלד ווי מאיר איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער דאָ חתונה געהאַט, געפירט זיך באַלעבאַטיש און נישט געפילט זיך דערנידעריקט, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען אין דער אַלטער היים. קיין צופיל באַגאַזש פון אַלגעמיינעם וויסן האָט ער פון דער היים נישט מיטגעבראַכט. מער ווי אַ „שייטל־

עברי״ האָט ער נישט געקענט. אפשר איז אים עפּעס געבליבן פונעם אלף־בית אָנשרייבן, וואָס דער יאַשיעניצער מלמד פלעגט זיינע תלמידים, וואָס זיינען אַרויס פונעם דרדקי חדר, פּרובירן אויסלערנען. צוערשט פלעגט ער ווייזן ווי אָנצואווירן, אויף גלאַטיק פּאַפּיר, גלייכע שורות, אויף וועלכע ער האָט זיינע „גויישע קעפּ״ געוויזן ווי אַזוי נאָכצושרייבן דעם אלף־בית, פון וועלכע ער האָט געהאָט מוסטערן פון זיין שיינער האַנטשריפט. גוטע און עלטערע תלמידים האָבן ביי אים „פאַרזוכט״ פונעם גויישן עי בי סי און אויך אַביסל חשבון. —צי מאיר׳ן איז דערפון עפּעס געבליבן, גלויבט זיך קוים. אַזאַ יינגל האָט באַלד לכתחילה „געוואוסט״ אַז עס וועט אים נישט אויסקומען שפּעטער צופיל צו באַנוצן זיך דערמיט, און דער טאַטע האָט אויך מכוח דעם נישט מער פאַרשטאַנען. — יעדנפאַלס צופיל היימיש איז ער אין די קליינע אותיות נישט געווען. איך זאָג עס אַבסאָלוט נישט לגנאי.

פונדעסטוועגן, מיט דער הילף פון קענען דאַוונען, וואָס ער האָט זיך אין דער היים יאָ דערלערנט, האָט ער דאָ אין די יידישע צייטונגען, דעם „פאָרווערטס״ און אַנדערע, זיך דערגריבלט ווי אַזוי דורכצוגיין אַ נייעס און אויך אַרטיקלען וואָס האָבן אים צוביסלעך פאַראינטערעסירט. ער איז געוואָרן באַהאַוונט אין די זאַכן וואָס רירן אָן טעגלעכע פּראָבלעמען אַזוי ווי אַנדערע וואָס האָבן אַ מער פריערדיקן הינטערגרונט. די צייטונגען אין אַמעריקע זיינען איבערהויפּט געווען דער אוניווערזיטעט פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אין דער אַלטער היים נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו דערגרייכן אַ מער־וויניקער העכער וויסן. און איבערהויפּט: וואָס האָבן שוין אפילו די „מיוחסים׳לעך״ דערלערנט, אין יענער צייט, אין קאָרטשין, מיט זייער קנייטשן זיך ביי דער גמרא? אַ סך פון זיי פעלט נאָך היינט היפּש צו קענען אָנשרייבן אַ בריוול, אַז מ׳זאָל עס קענען לייענען. (זאָלן אויך זיי עס מיר מוחל זיין. מ׳האָט עס אין יענער צייט נישט בעסער פאַרשטאַנען). — הכלל מיטן „יחוס״ פון קענען און וויסן האָט מען זיך אין אַמעריקע אויסגעגליכן, כאָטש מאַנכע ווילן זיך נאָך האַלטן ביי די אַלטע באַגריפן.

ווי איינער וויל זיך נאָך אַלץ קלאַמערן אינעם אַלטן שטייגער, איז אָבער דער פאַקט דער, אַז דאָ, אין אַמעריקע, גלייכן זיך אויס די גע׳ירש׳נטע און נישט גע׳ירש׳נטע מיוחסים: אַלע קענען זיך צו עפּעס דערשלאָגן מיטן „יחוס־עצמו״ — ווען דאָס מזל שפּילט צו. אַריבערגעפּעקלטע „הויקערס״ מאַכן דאָ נישט קאַליע, און היימישע „גלאָריע״ העלפט נישט.

איעדער באַזונדער דאַרף וויסן ווי זיין אייגן פעקל צו טראָגן מיט ווירדע — עס נישט צו פאַרשוועכן.

און מאיר האָט עס געוואוסט אויף זיין בעסטן שטייגער.

קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. פרנסה האָט אים נישט געפעלט. האָט ער זיך געקויפט אַ הויז, אין באַראַ־פּאַרק געגנט, און אַלע זיינע יאָרן איז ביי אים געווען אַן אָפענע טיר. דאָס הויז וואָס איז געווען גרויס גענוג פאַר דריי פאַמיליעס איז אַלעמאָל געווען פאַרדונגען פאַר אייגענע אָרעמע משפחות, אָן פּראָפיטן. דער גאָרטן אַרום דעם הויז האָט עס געמאַכט אויסזען ווי אַן אַלטער פּאַלוואַרק. מסתמא האָט עס געהאַט אַ רייכע פאַר־גאַנגענהייט.

די עלטערן, שוועסטער און ברידער אין דער אַלטער היים האָט ער געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן.

אַ לויב דאַרף געזאָגט ווערן זיין ווייב. זי האָט געפירט דעם חשבון פון די אַלע זאַכן, געפירט די קאָרעספּאָדענצן, און באַאיינפלוסט צו העלפן וואו מ׳דאַרף. אַלע שווערע הערצער האָבן געהאַט אַן אָנשפּאַר ביי זייביידן.

זיי האָבן אויך געגעבן הילף פאַר שטעטלדיקע נצרכים פון קאָרטשין, מיט כבוד און ברייטהאַרציקייט.

מיר איז אויסגעקומען מיט זיי, אין דער באַציאונג זיך נעענטער צו באַקענען :

נאָכן היטלער־חורבן, ווען איך פלעג צו זיי קומען פאַר אַ ביישטייער פאַרן רעליעף, האָבן זיי עס געטאָן אויף אַ ווירדיקן אופן. זיי האָבן געהאַט איינצלנע געראַטעוועטע פון אייגענער משפחה, צו וועמען זיי האָבן געהאַט פליכטן, אָבער האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין העלפן די אַלגעמיין באַ־דערפטיקע.

מאיר האָט אָנגעפאַנגען קרענקען, האָב איך נישט געהאַט דאָס האַרץ צו קומען צו אים מאָנען פאַרן רעליעף, האָט מען מיך טעלעפאָניש דערמאָנט, און פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס איך האָב אין אים פאַרגעסן.

נאָכדעם ווי מאיר, ז״ל, איז געשטאָרבן, האָט שוין זיין ווייב (אַלע יאָרן אַ קראַנקע) נישט איינמאָל אַריינגעשיקט איר ביישטייער פאַרן רעליעף. זי וויל

זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעבן איר פּערזענלעכן שווערן גורל, וואָס האָט איר, אין אירע לעצטע יאָרן, נאָך מער באַשווערט.

שוין יאָרן ווי מיר ווילן אויסמיידן צו קומען צו איר פאַרן רעליעף, אָבער זי שיקט אַריין איר חלק, מיט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס מ׳וויל זי אויסמיידן.

* * *

אַ סך אַזעלכע מאיר־נחום׳ס האָבן מיר דאָ געהאַט אין אַמעריקע. ווען ענין פרומקייט האָבן זיי עס דאָ אָנגעהאַלטן אַזוי ווי אין קאָרטשין, מיט אַן עודף, וואָס דאָ האָבן זיי באַוויזן אויך אַנדערע צו העלפן.

זיי האָבן געהאַלטן שבת און יו״ט, געדאַוונט יעדן טאָג און פון מאָל־צו־מאָל אויך זיך צוגעהערט צו אַ יידיש וואָרט אין די שולן וואו זיי האָבן באַלאָנגט; געהערט אַ דרשה און בחברותא געלערנט אַ פּרק משניות.

צום באַדויערן איז מיר פריער נישט אויסגעקומען מיט אַ סך אַזעלכע זיך צו באַקענען. — זאָל אָבער די דערמאָנונג זיין ווי אַ מצבה פאַר אַלע די יעניקע וואָס ווערן דאָ מיט זייערע נעמען נישט באַצייכנט. היפּש ווערט געזינדיקט נאָך איצט אין דער באַציאונג, בשוגג און במזיד, וואָס מ׳וועט, אפשר, קיינמאָל נישט קענען גוטמאַכן.

חנה מלכה די גלעזערין

פון וואַנעט ס׳האָט זיך גענומען אַז חנה מלכה זאָל ווערן אַ גלעזערין און אַריינשטעלן שויבן אין די היימישע הייזער, וואו מ׳האָט עס באַדאַרפט, איז מיר נישט באַקאַנט. פון ווען אָן איך געדענק זי, איז זי שוין געווען אַן אַלטע יידענע, און האָט קיין קאַסטנס מיט גלאָז אויף זיך נישט געשלעפּט. זי האָט פון פריער געוואוסט די מאָס פון די סאָרטן שויבן וואָס האָט אין קאַרטשין עקזיסטירט, און ווען מ׳האָט זי גערופן פאַר איינע אָדער צוויי שויבן האָט זי מיט זיך מיטגענומען די סחורה און העכסטנס באַדאַרפט צו־שנײַדן מיט׳ן דימענטל, אַז ס׳זאָל זיך ריכטיק אַריינפּאַסן. באַפעסטיקט עס צוגעשטעלט מיט שויבן־נעגעלעך און דערנאָך עס אַרומגעקיטעוועט — און גע־קראָגן אַ שטיקל פאַרדינסט.

מסתמא האָט איר מאַן, ביי זיין לעבן, געהאַט די זעלבע פּרנסה, איז עס איר געבליבן בירושה.

אויסערהאַלב דעם שטעטל האָט זי קיין שויבן נישט אַריינגעשטעלט, אָבער אין מאַרק־טאָג, ווען גוים זיינען געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן זיי געוואוסט וואו זי וואוינט און ביי איר געקויפט גלאָז לויט דער מאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. פאַרצייכנט אין אַריינגעקאַרבטע שטיקלעך לייסטלעך, אָדער אויף פּאַפּיר — אויב אַזעלכעס האָט זיך ביים פּויער געפונען — די לענג און די ברייט, און חנה מלכה האָט צוגעשניטן די גלאָז לויט דער צאָל וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. זי האָט זיי אויך געגעבן אַ פּאָר שויבן־נעגעלעך און אַביסל קיט — ווי זי האָט אָפּגעשאַצט — און די פּויערים האָבן עס אין דער היים אַליין אַריינגעשטעלט.

ווי ווייט אַזאַ פּרנסה האָט דערגרייכט, בין איך נישט אימשטאַנד צו ענטפערן. אָבער אַז אַ „מענערשע מלאכה״ זאָל אין אַזאַ קליין שטעטל אַריינ־פאַלן אין ווייבערשע הענט, איז אין יענער צייט, געווען אַן אויסנאַם. אויף אַ באַלעבאַטישן אופן האָט זי איר אָרעמע חיונה געצויגן — אַבי נישט אָנ־צוקומען צו קצבה. תנצב״ה

דאָס אַלטע — און נייע בית־המדרש

אין דער צייט ווען „פאָניע" מיט יאַפּאַן האָבן זיך געשלאָגן — אין יאָר 1904 — פלעגן אַלע נייעסן פון דער מלחמה אויסגעדראָשן ווערן אינעם אַלטן בית־המדרש. ווען ייִדן זיינען געקומען דאַווענען מנחה־ומעריב האָט מען פריער, אינצווישן און נאָכן דאַווענען געמאַכט אַ געזעמל און אַרומגערעדט די „וועלט־נייעס". סוחרים, וואָס פלעגן פאָרן איינקויפן סחורה אין גרעסערע שטעט האָבן געבראַכט קריג־נייעס און זיך דערמיט געטיילט מיטן עולם. נייעס וואָס זיינען שוין אַלט געווען וואָכן האָבן פיגורירט אַזוי ווי אָט געשען.

דער „פּאָרט־אַרטור" מיט די ראַנגלענישן דאָרט, צווישן „גוג ומגוג" און דעם קליינעם יאַפּאַנטשיקל, איז געוואָרן אַזוי נאָענט און באַקאַנט, צווישן אונזערע צוהערער, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס געהאַט פאַרצייכנט אויף זייער האַנט־פלאַך. די דערציילער האָבן עס געמאָלן מיט אַזאַ פאַנטאַזיע, אַז מ'האָט ממש געזען אַלע שלאַכטן און נצחונות וואָס דער יאַפּאַנטשיק האָט געהאַט איבער דעם רוס. ס'איז געווען אַ מחיה צו הערן ווי „פאָניע־גנב" כאַפּט אַריין אין קלאַפּ גרעסער פון דעם אַנדערן, און זיין מלוכה וואַקלט זיך אַביסל. אַז ייִדן האָבן געהאַט אַ רעכט צו פרייען זיך דערמיט, איז פאַרשטענדלעך — זייער רעכטלאָזיקייט ביי אַלע רוסישע צאַרן האָט קיין בעסער געפיל ביי ייִדן ניט געקענט שאַפן.

ס'האָבן זיך געפונען ייִדן, וואָס האָבן אַנטדעקט פּסוקים, רמזים פון אָט־דעם גרויסן געראַנגל, וועלכע האָבן באַשיינפערלעך געוויזן „שוואַרץ אויף ווייס", אַז דאָס איז דער לעצטער קאַמף אידער משיח דאַרף קומען.

מיטלמעסיקע לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש זיך צו גריבלען אין די קליינע אותיות, האָבן געמאַכט פּירושים, גימטריאות אויף די נביאות פון „אחרית הימים", אַזוי ווי מ'וואָלט עס פּשוט געזען מיט אָפענע אויגן, אַז די צייט איז שוין נאָענט, און ייִדן וועלן איסגעלייזט ווערן.

אַזעלכע „באַווייזן" פון אַרטיקע געשאַפענע, און פון אַזעלכע וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל, האָבן געגעבן מוט אויסצוהאַלטן דעם אייגענעם גלות, מיט די טאָג־טעגלעכע מאַטערנישן, וואָס זיינען דערמיט פאַר־

בונדן. — פּאַניע איז סימבאָליזירט געוואָרן מיט עמלק׳ן, און זיין מפּלה, האָט באַדאַרפט ברענגען די גאולה.

משה מעכעלע מלמד איז געווען דער גרעסטער ספּעציאַליסט אין דער מלחמה־סטראַטעגיע, מיט די פּסוקים־באַווייזן און איך האָב ממש געשלונגען זיינע רייד. — ווי אַזוי אַזאַ ייד, וואָס איז קיינמאָל ניט אַוועק ווייט פון זיין שטעטל, און וואָס האָט קיין ציטונג קיינמאָל פאַר זיינע אויגן ניט געזען, האָט באַוויזן צו דערגרייכן „ידיעות" פון די העט־ווייטע פאַרוואָרפענע שלאַכטן און צונויפצושטעלן דאָס אַלצדינג צוזאַמען מיט דעם, די סודות׳דיקע רעזולטאַטן דערפון פון די פאַרבאַר־גענע, הייליקע אַנדייטונגען — איז נאָך ביז היינט אַ וואונדער. אַ געהיימען כוח האָט אַזאַ ייד געהאַט, וואָס האָט געקענט ווירקן אויף די אַרומיקע, וואָס האָבן ווייניק־וואָס זיך אָריענטירט אין וועלט־געשעענישן.

אויך גדליה „האַפּמייסטער" (דאַווידאָוויטש), דער דרדקי־מלמד, איז געווען איינער פון די קריגס־„סטראַטעגן". גדליה׳ן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ תנ״ך־קענער. יידן וואָס האָבן געקענט מער לערנען ווי ר׳ גדליה, האָבן זיך מיט תנ״ך ווייניק מתעסק געווען, אָבער ער, האָט עס געהייסן, איז „דאָרט" אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים.

אַ מעשה־דערציילער איז אויך ר׳ גדליה געווען אַ גוטער. אַלעמאָל, נאָך מנחה־ומעריב, האָט זיך אַ געזעמל אַרומגעשטעלט אַרום אים, און ער פלעגט אַלעמאָל האָבן עפּעס אַ נייע מעשה־נורא וועגן דעם, אָדער יענעם גרויסן רבי׳ן. איך בין שטענדיק געווען איינער פון זיינע צוהערער.

„עיר־ואם" קאָרטשין האָט זיך געהאַט אירע אייגענע מיטלען זיך צו באַפרידיקן גייסטיק לויט די אומשטענדן. מוקדם־ומאוחר האָט דאָרט קיין ראָלע ניט געשפּילט — אַבי מ׳האָט עס דערלאַנגט שיין אויפן טעלערל. אָפּגע־ריסענע אָרעמע יידן האָבן אויך באַוויזן צו האָבן אין זיך אַ שיין גייסט, וואָס האָט אַלץ פאַרדעקט.

אין יענער צייט האָט שילם אַקסלראָד, דער ראש־הקהל, באַשלאָסן, אַז דאָס אַלטע בית־המדרש טויג ניט: עס איז שוין געווען אַן אַלטע חורבה, און ער האָט געוואָלט עס מיט אַ נייעם מקום־קדוש, אויפן זעלבן אָרט, פאַרבייטן.

ר׳ שילם איז געווען דער איינציקער אינעם שטעטל וואָס האָט גע־טראָגן אַ קראַגן, מיט אַ קראַוואַט. די איבעריקע קליידונג זיינע איז געווען אַזוי ווי אַלע: חסידיש־יידיש אָבער מיט אַ געוויסער אויפמערקזאַמער ציכ־טיקייט. בלויז אַזוינעם האָט געקענט איינפאַלן אַזאַ געדאַנק, דעם אַלטן מקום־קדוש צו באַזייטיקן און אויף דעם אָרט אויפשטעלן אַ נייעם.

אַזאַ אָרט, וואו יעדער טפח איז אָנגעפּילט מיט קדושה פון איצטיקע און פריערדיקע דורות, די אַלטע בענק און טישן, די ספרים־שענק, דער ארון־קודש מיטן שלחן זיינען געהייליקט געוואָרן מיט תפילות און לערנען, וועט אַ נייע געבידע, מיט אַלע נייע איינריכטונגען, אויפן אָרט פונעם אַלטן, זיין עפּעס ווי אָפּגעטאָן פון זיך די שכינה.

צום געמיט פון יענער־צייטיקער דחקות און פרומקייט האָט עס עפּעס אויך ניט געפּאַסט. אַזוי האָט עס טאַקע דעמאָלט דער אַלטער רב אויפגעפּאַסט. מ׳האָט זיך פון זיין קעגנשטעלונג צום ראש־הקהל׳ס פּלאַן דערוואוסט, אָבער צו קיין אָפענעם קאַמף איז עס ניט געקומען.

אמת, די קלעצער פון די ווענט זיינען שוין טאַקע געווען פאַרמוילקט, דער שינדל־דאַך האָט אַלעמאָל געלאָזט וויסן פון זיך, וואו דער רעגן שפּאַרט זיך דורך און די טישן און בענק האָבן געסקריפּעט פון אַלטקייט — אָבער ווען האָט דער רב געהאַט צייט אַרומצוקוקן זיך אויף אַזעלכע קלייניקייטן? ער האָט בלויז געוואוסט אַז עם־ישראל דאַרף פרנסה, האָט ער דערויף טאָג־איין טאָג־אויס געבעטן; ראש־השנה און יום־כיפור האָט ער עס מיט מער התלהבות פאַרשטאַרקט; שמחת־תורה האָט ער באַוויזן, אפילו אינעם אַלטן בית־המדרש, אַריינצוברענגען אַזאַ פרייד מיט זיין טאַנצן מיט דער ספר־תורה, אַזוי ווי כביכול אַליין וואָלט מיטגעווען און זיך מיט אַלעמען מיטגעפרייט. — איז, ווער דאַרף דאָס האָבן אַ נייעם בנין פאַר אַזעלכע זאַכן? פאַרקערט: „ממעמקים קראתיך ד׳: אין שפלות איז פאַראַן אמת׳דיקע תפילה; פאַר דעם איז אַ נייער בנין ניט קיין תרופה. אין אַ שיין פאַרפּוצטער בית־תפילה כאַפּן זיך אַריין לייכטע געדאַנקען און זיינען מבלבל די כוונות פון די דאַוונער.

ר׳ שילם האָט פריער פאַרשטאַנען די שוועריקייט דערפון, ווען ער דאַרף זיך אָנפרעגן ביי קהל. האָט ער זיך באַוואָרנט מיט אַ „בוי־פּעליק־פּאַפּירל, ד. ה. אַז מלכות האָט גוזר־געווען דאָס אַלטע בית־המדרש איינצולייגן צוליב סכנה. קיר״ה האָט חלילה ניט פאַרבאָטן צוליב רשעות דעם אַלטן מקום־קדוש אויפצוהאַלטן, נאָר מיט רחמים איינגעזען, אַז ס׳איז אַ געפאַר וויטער זיך דערין צו פאַרזאַמלען. — באין־ברירה האָט מען זיך אונטערגעוואָרפן דער „גזירה״.

עס איז מיר ביז היינט ניט קלאָר, וואָס מ׳האָט דעמאָלט געטאָן מיט די האָלצן פונעם איינגעלייגטן בית־המדרש. פון די ווענט־קלעצער, באַלקנס, ברעטער, קראָקוועס פונעם דאַך און די שינדל וואָלט זיכער געווען גענוג האָלץ פאַר אָרעמעלייט אויף אַ פּאָר ווינטערן. אפשר האָבן אפילו די אָרעמע פון די

אָרעמסטע דערפון ניט געוואָלט נהנה־זיין. און אויפקויפן עס פאַר ברענצוועקן האָבן זיך ידן זיכער געשראָקן. מסתמא האָט מען אַלץ אויפן הייליקן אָרט פאַרברענט, אַזוי ווי שמות, וואָס מ׳פלעגט דאָרט מקבר זיין. וואָלטן אָרעמעלייט דערפון געגאָסן וואָלט עס צו מיר אויך, ווי ניט איז, דערגאַנגען. אין אונזער שטעטל האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס מ׳וואָלט מיט אַזאַ מתנה ניט אויס־געלאָזט.

אַזוי איז געקומען די צייט ווען מ׳האָט דעם אַלטן בית־המדרש צוואָרפן און אויף דעם זעלבן פלאַץ אויפגעשטעלט אַ נייעם מקום־קדוש. אין דער צייט פון צעלייגן און בויען, האָבן אַ סך ידן געדאַוונט אין שול, ביים רב אין דער היים און נאָך אַ פּאָר היימישע מנינים האָבן זיך צוזאַמענגענומען ביז דער נייער בנין איז געוואָרן פאַרטיק.

ווען מיר האָבן שוין דערמאָנט די שול, וואו זומער און ווינטער האָבן העכסטנס געדאַוונט צוויי מנינים, וויל איך איצט פאַרצייכענען, אַז די שול איז באַשטאַנען פון רויע אויפגעמויערטע ציגל־ווענט, ניט געטרענקעוועט, ניט קיין געענדיקטער באַלקן, דער געלעכערטער שינדל־דאַך האָט זיך היפּש אָנ־געזונן, אין אַ רעגן ביים דאַוונען האָט מען די פלעצער אויסגעמיטן. קיין פּאָדלאָגע איז דאָרט ניט געווען. — אַ גוטער באַוויז, אַז קהל האָט ניט געהאַט קיינע מיטלען דעם, שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָנגעפאַנגענעם בנין צו פאַרענדיקן.

זיך צוצורירן אַביסל מער וועגן דעם ענין־שול, פאַרלאַנגט זיכער מער ווי די אויביקע באַמערקונג, אָבער פאַר איצט איז עס גענוג. די דעמאָלטיקע דאַוונער פון דער שול, דער בעל־תפילה, דער בעל־קורא פאַרדינען אַ חשוב׳ן קאַפּיטל. אפשר וועט עס דורך מיר, אָדער דורך אַנדערע זכרונות־קוואַלן, אויס־געפילט ווערן.

ווי אַזוי די גוישע מוליאַרעס האָבן אויסגעלייגט זייער פּלאַן פאַרן נייעם בית־המדרש, לויט די אָנגעצויגענע שטריק געפירט אַ גלייכע ליניע און נאָכדעם מיט ציגל־אויף־ציגל געמאַכט דעם בנין העכער און העכער, אַריינגעשטעלט פוטרינעס פאַר פענסטער און טירן און זיי אַרומגעפעסטיקט מיט דעם מויער־מאַטעריאַל — דאָס געדענקט זיך מיר עד־היום.

די נייע פענסטער זיינען כמעט געווען 3 מאָל אַזוי הויך ווי די פריער־דיקע אינעם אַלטן בית־המדרש. די האַלב־רונדיקע פאָרעם פון אויבן מיט אַ מגן־דוד, אין וועלכע ס׳זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן קאָלירטע שייבלעך, האָבן געגעבן דעם סימן פון אַ מקום־קדוש. אין מזרח און אין מערב האָט די ליכטיקייט אַריינגעשיינט פון דרויסן אין אַ היפּשער מאָס, ווייל אַ חוץ דעם

פלאַץ פון דער מזרח־זייט, וואו דער ארון־קודש מיטן עמוד דינען געשטאַנען, האָט מען די איבעריקע ווענט באַזאָרגט מיט אַ סך פענסטער, בלויז מיט אַ קליינעם שטח אָפּגעטיילט איינעם פונעם צווייטן אַז ס'זאָל האַלטן די געביידע. אין צפון איז געווען די ווייבערשע שול, וואָס איז געווען מיט אַ וואַנט אָפּגעטיילט פון די מענער, מיט קליינע פענסטערלעך פון אויבן, גענוג דערפון אַז די ווייבער זאָלן הערן דעם בעל־תפילה; און פון דרום־זייט איז געווען דער אַריינגאַנג מיט אַ פּאָליש בעפאָר דעם. דער אויוון פאַר הייצן אין די ווינטער־חדשים און דער האַנט־פאַס האָבן זיך דאָרט אויך געפונען.

נאָכן איבערקומען דאָס „נע־ונד"־זיין פון די בית־המדרש באַלעבאַטים, האָט נאָכדעם איעדער צוריקבאַקומען זיין פריערדיקן זיץ־פּלאַץ אויפן זעלבן שטח. עס זיינען, נאַטירלעך, געווען נייע בענק און טישן און אויך נייע הענגל־לייכטער מיט בליצלאָמפּן, ווי ס'האָט געפּאַסט פאַר אַ נייער געביידע.

איך קען זיך ניט דערמאָנען, אויב ס'איז עפּעס פאָרגעקומען אַ ספּע־ציעלע שמחה, מיט כלי־זמר און טענץ ביים באַנייען דאָס בית־המדרש. אפשר אפשר צוליב דעם האָט מען גאָרניט געפּראַוועט, ווייל קיין נייער ארון־קודש איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. פאַר די ספרי־תורות האָט מען געניצט דעם אַלטן, וואָס איז, ערגעץ־וואו אינעם שטעטל אָוועקגעשטעלט געוואָרן, צוזאַמען מיט די הייליקייטן; און אפשר אויך צוליב דעם, ווייל דאָס האָט געשטימט מיטן גאַנצן געמיט פונעם שטעטל: אינעם חלל האָט נאָך אַלץ געהאָנגען אַ ספק, צי מ'האָט עס איינגאַנצן באַדאַרפט. מ'האָט ערשט, מיט די נייע תפילות און דבקות, באַדאַרפט הייליקן דעם פּלאַץ, אַז מ'זאָל עס קענען אָנרופן אַ „מקום־קדוש". אַז אין יענער צייט האָט אַ גאַנצע קהילה געקענט אַרומגע־נומען ווערן מיט אַזאַ אחריות־געפיל, איז זי דערמיט ניט געווען קיין אויס־נאַם. פון דעם פּשוט'סטן ביז צום חשוב'סטן, פון אַזאַ שטעטל, האָבן געפילט אַז צו זיין אַ ייד איז עפּעס אַנדערש. מ'שאַפט עס ניט מיט קולות־וברקים, מיט טאַצן און פויקן — נאָר מיט עניוות'דיקער ערנסטקייט. קוים קען זיך עפּעס אַ שטיקל גאוה אַריינכאַפּן, דאַרף מען עס אין זיך באַקעמפן. צוליב דעם זעלבן איינשטעל האָט מען נאָכדעם ווי דאָס נייע בית־המדרש איז פאַרטיק געוואָרן, ניט באַמערקט אַז צוליב דעם זאָל שילם'ס כבוד געהעכערט ווערן און דעם רב'ס אויף אַ האָר געמינערט ווערן.

אַלץ איז אָנגעגאַנגען ווי פריער: איעדער לויט זיין מדרגה. איעדער יחיד באַזונדער האָט זיך ערשט באַדאַרפט איינלעבן אין זיין אייגענעם פרומען געמיט, ניט צו ווערן מבולבל פון דער שיינקייט פונעם נייעם בית־המדרש אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטן, וואָס האָט שוין אויף זיך געהאַט קאַלך פון

אַ היפּשע פּאָר דורות, מיט וואָס מען פלעגט אויסווייסן דעם מקום־קדוש יעדן פאַר־פּסח.

די גוטע בעלי־תפילות, אין זייערע איינגעהילטע טליתים, האָבן שבת און יום־טוב פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַרויסצוברענגען די פריילעכקייט און די ערנסטקייט פון דער צייט, ביים דאַווענען. אונטערהאַלטערס האָבן ניט געפעלט צווישן עולם, סיי אין געזאַנג, סיי מיט אַ קרעכץ. אַזעלכע זאַכן האָט מען מיט קיינעם, פריער, ניט באַדאַרפט איינ׳חזר׳ן.

צו אַ וואָכנדיקן דאַווענען האָט כמעט אַיעדער וואָס האָט געהאַט יאָרצייט, אָדער אַזאַ וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום „ברעטל״, זיך געקענט שטעלן צום עמוד און ווערן אַ שליח־ציבור — און קיינער האָט, חלילה, ניט אויס־בראַקירט דעם „ברוך הוא וברוך שמו״ און „אמן״. אַזעלכע יידן ווי שילעם דער בעקער און מאָטיע גרין, האָבן צום וואָכעדיקן מנחה־ומעריב כמעט ווי באַקומען אַ חזקה דערויף.

פון די שבת׳דיקע בעלי־תפילות געדענקט זיך זאַלקעלע מלמד, שלום שוחט, הערש יעקב ראָסהענדלער, אליעזר ראַב און דער יונגער, גוטער בעל־מנגן, משה ראָטנבערגס איידעם: אברהם ניימאַן. אַיעדער באַזונדער האָט געגעבן זיין אייגענעם טאָן, צי אין חדוה, צי אין תפילה, און יידן האָבן דערפון געשעפּט מיט פולע עמערס.

אַלעמאָל ווען אליעזר ראַב פלעגט פאָרן צום דזשיקאָווער רבי׳ן, זצ״ל, האָט מען געוואוסט, אַז ער וועט עפּעס אַהיימברענגען אַ ניי זמר׳ל, און די „אונטערהעלפערס״ האָבן באַלד געכאַפּט דעם „שניט״ דערפון און דאָס בית־המדרש איז פול געוואָרן מיט דעם נייעם זמר. עס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקלען. פאַר אַ לאַנגער צייט נאָכדעם האָבן שוין די אַנדערע בעלי־תפילות באַנוצט זיך מיט דעם זעלבן געזאַנג, וואו אַזעלכעס האָט באַדאַרפט קומען צום אויסדרוק — צי אין זמירות צי ביים דאַווענען — און ס׳איז שוין גע־וואָרן קהל׳ס אייגנטום, ביז ר׳ אליעזר ראַב האָט אַ ניי שטיקל „סחורה״ פון דזשיקאָוו געבראַכט.

דאָס ביסל נגינה, באַפּאַרבט מיט פרומקייט, האָט אין אַלעמען אַריינ־געבלאָזן אַ נייע נשמה. עס איז דאָך פאַראַן אַ בפירוש׳ער פּסוק אַז „מ׳זאָל לויבן ג־ט, ברוך הוא, מיט שמחה״, האָבן עס יידן אויסגענוצט אין אַ פולער מאָס. אויף צו פרייען זיך מיט דעו פרנסה־מצב, איז ניט ביי אַלעמען געווען מיט וואָס.

און אַזוי האָט זיך אינעם ערשטן ווינטער אינעם נייעם בית־המדרש, אַלעס איינגעגלידערט, גענוי ווי פריער.

דער ארון־קודש

אין אַ געוויסער וואָך — באַלד נאָך שבועות — האָבן זיך באַוויזן צוויי יידישע בעלי־מלאכות פון דער פרעמד און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַ נייעם ארון־קודש פאַר דעם בית־המדרש. די גאַנצע מלאכה איז געטאָן געוואָרן אינם מקום־קדוש. מנינים דאַוונערס פאַר שחרית האָבן זיך כסדר געביטן און די טישלערס זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט. בלויז ביי „קדושה״ און „ברכו״ האָבן זיי מפסיק געווען פון זייער באַשעפטיקונג און מיטגעזאָגט מיטן עולם.

פון רויע האָלץ־פּלאַכעס און ברעטער האָבן זיי אַליין, לויט זייער אויסגעלייגטן פּלאַן, אַלץ אויסגעאַרבעט; לאַנגע טעג און וואָכן האָט זיי די מלאכה גענומען — כמעט ביז צו סליחות־צייט. זיי האָבן געמייסטרעוועט צו מאַכן דעם ארון־קודש ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ נייעם בית־המדרש.

די דערמאָנטע באַלמעלאָכעס זיינען געווען קאָנסטרוקטיווע־קינסטלערס, נו, האָבן זיך געיאַוועט דורכפאַרנדיקע שניצערס, וואָס האָבן געקענט אָרנאַמענטן־קונסט אויף האָלץ־אַרבעט, און זייער עובדה איז געווען אויסצוקאַרווון אַלערליי פּאַסנדיקע בולט׳ע שניצערייען אין די אַריינגעפּאַסטע ברעטלעך פון דער קאָנסטרוקציע.

איינער פון די ערשטע דורכפאַרנדיקע שניצערס האָט גוט געקענט די מלאכה און האָט באַוויזן צו שאַפן אַ היבשע צאָל פון זיין אַרבעט, וואָס איז געווען אַ מייסטערווערק. די בייגונגען, אָדערן און שוואונג פון איעדער בלעטל, צייכנונג און צוזאַמענשטעל האָבן געהאַט אַ קינסטלערישן טעם. אַלץ צוזאַמען האָט צווישן זיך האַרמאָניזירט. איינס האָט ניט איבערגעשוווערט דאָס צווייטע. אָבער פּלוצים איז דער שניצער פאַרשוואונדן און ערשט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך אַן אַנדערער באַוויזן. דער צווייטער האָט, לויטן אויסזען, באַדאַרפט זיין עפּעס מער ווי ער איז געווען. מיט שיין פאַרפּוצטע וואָנסעס — מעשה שלאַכטשיץ — הויך, בלאָנד, עלעגאַנט אָנגעטאָן, אָבער קיין קינסטלער אין פולן זין איז ער ניט געווען. ער האָט בלויז באַוויזן אויסצוקאַרוון געוויסע צייכנונגען, וואָס מ׳האָט אים געגעבן פאַרטיקע פון פריער געצייכנט, וואָס אויך די טישלער האָבן עס שפּעטער אַליין באַוויזן. דער חצי־קינסטלער האָט זיך אויך לאַנג ניט געהאַלטן און איז אַוועק. נאָך

אייניקע דורכפאָרנדיקע שניצערס האָבן בייגעטראָגן שטיקלעך חלק מיט זייערע שניץ־כלים און מ׳האָט געקענט זען באַשיינפּערלעך דעם אונטערשיד פון קונסט צו קונץ.

איך וויל באַמערקן אַז צווישן די אַלע צוגערייזטע שניצערס האָט זיך ניט געפינען קיין איינער קיין ייד — אַלע זיינען זיי געווען גויים, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום ארון־קודש .דער יידישער תיקון, די יידישע־נשמה דערצו איז ערשט געקומען שפּעטער, ווען מ׳האָט אין דעם ארון־קודש אַריינגעשטעלט די ספרי־תורה׳ס.

אין דער צייט פון דער אַרבעט האָט זיך קיינער ניט פון די שטאָט־לייט דערין אַריינגעמישט. אַלץ וואָס די צוויי קאָנסטרוקטיווע יידישע בעלי־מלאכות האָבן צווישן זיך אַראָנזשירט איז געווען רעכט. — ווער האָט איבער־הויפּט געוואוסט די סודות פון אַ „בצלאל״ צוזאַמענצושטעלן אַ הייליקייט?

די סטאָליאַרעס האָבן די אַרבעט אָנגענומען פאַר אַ געוויסע סומע; זיי האָבן זיך באַמיט, לויט זייערע כוחות, צו קאָמבינירן עס אויפן בעסטן אופן, און מ׳קען ניט זאָגן, אַז אַלץ צוזאַמען האָט זיך איינס מיטן צווייטן עפּעס סותר געווען.

דער געענדיקטער ארון־קודש מיט די צוויי לייבן אין דער הויך, האַלטנדיק די צוויי לוחות צווישן זיך, האָט סימבאָליש געגעבן דעם צייכן פאַר וואָס פאַר אַ צוועק דער צוזאַמענשטעל דאַרף דינען. די מער קינסטלערישע אַרבעט פון די שניצערייען, איינגעראַמטע קארניזן, קאָלמס, האָבן זיי אויס־געפילט דאָרט וואו ס׳איז געווען מער אָנזעעוודיק; די מער איינפאַכערע אַרבעט האָט זיך געפינען אויף די פאַרשטעלטע פלעצער, וואו דאָס אויג כאַפּט עס ניט שנעל.

מבינים — וואָס האָבן פאַרגליכן דעם ארון־קודש מיט אַנדערע, פון אַנדערע שטעטלעך — האָבן געזאָגט אַז ס׳איז אַ קונסט ווערק.

דער נייער פּרוכת מיט די נייע מענטאַלעך אויף די ספרי־תורה — וואָס די ווייבער האָבן זיך דערפאַר באַמיט — האָבן פאַרענדיקט די מי צו וועלכער מ׳האָט זיך מיט חדשים צוריק גענומען. ענדלעך האָבן די ספרי־תורה באַקומען זייער דירת־קבע. ערשט איצט האָט מען געפּראַוועט די שמחה מיט מוזיק און געזאַנג אַזוי ווי עס פּאַסט ביי אַזאַ געלעגנהייט.

אויך דער עמוד מיטן שלחן זיינען אויסגעפּערטיקט געוואָרן פון דיזעלביקע צוויי יידישע טישלערס, וואָס זיינען שפּעציעל געקומען, פונם שטעטל טערווע, נעבן לינסק.

די גאַנצע צייט פון זייער זיין אין קאָרטשין האָבן זיי געגעסן ביי

אונזער שכן׳טע ליבע, הערש קאץ׳ס ווייב, וואס איז געווען אַ גוטע קעכן. דעריבער האָב איך געהאַט אַ פרייען צוטריט זיך כסדר צוצוקוקן, ווי אַזוי די גאַנצע קאָנסטרוקציע — פון אָנפאַנג ביזן סוף — פונם ארון־קודש, איז צוגעגאַנגען. קען זיין אַז אין אַן אַנדערן פאַל וואָלטן די בעלי־מלאכות ניט געדולדעט, וואָס אַזאַ „לאָבוסל״ דרייט זיך אַרום זיי.

דערמיט איז אויך פאַרבונדן וואָס מיין עלטערער ברודער, חיים הערש, איז געוואָרן אַ טישלער, און איך, דורך זייער איינפלוס און שפּעטערדיקע סיבות, בין געוואָרן דאָס וואָס איך בין: אַ האַלבער מאָלער און אַ האַלבער שרייבער: אויף קיין איינעם פון זיי האָב איך ניט קיין גרויסע הויכן דערגרייכט — אָבער אויך ניט געבליבן אויף אַ נידריקן שטאַפּל. גם זו לטובה...

נאָכן אָנפּראַווען די אַלע ימים־טובים כדת וכדין, נאָכן ענדיקן מיט דעם שמחת־תורה־אָפּשלוס, ווען דער חשון־געוויטער פאַנגט זיך אָן, איז זיך דאָס שטעטל אָנגעגאַנגען מיט זיין טאָג־טעגלעכקייט, ווי יאָר־איין, יאָר־אויס. קיין ספּעציעלער אויסנאַם איז ניט פאַרגעקומען. די פרעסט און זאַווערוכעס האָבן זיך געטאָן זייערס, אָבער יידן האָבן ניט פאַרפעלט צו קומען אין דער פרי און אויף דער נאַכט צום דאַווגען. דורכן טאָג, אָדער נאָך מנחה־ומעריב, האָבן בחורים און באַלעבאַטים געלאָזט הערן זייער קול פון תורה־לערנען.

דאָס נייע בית־המדרש האָט ווידער באַקומען זיין תיקון צו וועלכן עס איז באַשטימט געוואָרן. די טישן האָבן איצט געדינט אויף זיי צו קלעבן חלב׳נע ליכטלעך צו זען אַריינצוקוקן אין אַ ספר, ווי אויך צו שניידן פון זיי פאַר „עדות״, ווען מ׳האָט זיך — ערב־שבת — די נעגל אָפּגעשניטן.

קיין צו גרויסן צימעס האָט מען פון די בענק און טישן ניט געמאַכט. זיי זיינען יעדנפאַלס מער איבערגעבליבן פאַר אַ זכר פונם פרירינקן בית־המדרש ווי וועלכע עס איז אַנדערע זאַך. בלויז געציילטע באַלעבאַטים האָבן באַוויזן אַז זייער טיש, אָדער באַנק זאָל זיין אַ נייער.

* * *

דער ווינטער איז פאַראיבער, פורים האָט אריינגעברענגט זיין באַזונדערע פרייד — כאָטש נאָך מיט אַ ביסל בלאָטעס דורכגעמישט, דערפאַר אָבער האָט דער אָנקומנדיקער פסח אָנגעזאָגט אַ שיינענדיקן זומער. — אַלע גאָטס באַשעפענישן וועלן דערפון גלייך קענען געניסן, ווען קיין שפּעציעלע זאָרגן וועלן זיך אינצווישן ניט אַריינכאַפּן. ווען זיין צייט קומט איז דער הימלישער ליכט־פּראָדזשעקטאָר גנעדיק צו אַלעמען גלייך. בלויז די ערדישע חלקים האָבן די מענטשקינדער צווישן זיך נאָך ביז היינט ניט באַוויזן איינצוטיילן, אַז פון גאָטס־גאָב זאָלן אַלע קענען הנאה האָבן.

דאָס אויסמאָלן פון דעם בית־המדרש

אין אַ שיינעם טאָג, נאָך פּסח, באַווייזט זיך אַ פרעמדער ייד, וואָס זיין גאַנצער הולך האָט אויסגעקוקט מאָדנע. זיין צעקנייטשטער, געבאַלטענער קאַפּעליוש, אַ רעקל מיט הויזן וואָס האָבן באַוויזן די נאַכלעסיקייט פון זיין טרעגער, אויסגעבויגענע שיך, וואָס האָבן שוין אסך בלאָטעס אויסגעטרעטן, אַ צעכראַסטעטע העמד מיט אַ שניפּס, וואָס האָט עפּעס באַוויזן אַ שטיקל סימן פון „וועלטלעכקייט". צוזאַמען מיט דעם פּנים פון אַן אונטערגעשוירן בערדל — אָן פּאות — איז אַזאַ פּאַרשוין אינם קליינעם שטעטל געווען גאַנץ טשיקאַווע.

פאַר נאַכט, פאַר מנחה־צייט, קוקט זיך „דער גאַסט" — אַזוי גלאַט פאַר זיך — אויפן באַלקן, וועגט פונם נייעם בית־המדרש, און זאָגט צו די אַרומשטייענדיקע, אַז אַזאַ מקום־קדוש וואָלט געפּאַסט אויסצומאָלן. חברה נייגעריקע האָבן באַלד פאַרשטאַנען דעם „וואונק", אַז דער „בעל־דבר" האָט עפּעס אַ שייכות צו אַזאַ סאָרט מלאכה. און ס'האָט ניט לאַנג גענומען, אַז גבית־עדות האָט עס באַשטעטיקט: לעזער ראב האָט געזען זיין קונסט־אַרבעט ביים דזשיקאָווער רבין, און דערמיט אויך דערציילט אויף וואָס פאַר אַ באַדינגונגען ער שטעלט זיך צו דער מלאכה: צו זיין זיכער מיט אַ ביסל עסן, און אסך ... בראָנפן.

אויך האָט מען באַלד אויסגעפינען, אַז „יאקוב" — אַזוי האָט מען אים גערופן — האָט אַ שוואַכקייט, נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר וואָכן אויף איין פּלאַץ, ווערט ער פּלוצים פאַרשוואונדן און כאַפּט זיך אַריין אין אַ צווייט שטעטל, וואו ער פאַנגט אָן אַ נייע שול, אַן אַנדערן מקום־קדוש. נאָכדעם, ווען אויך דאָרט באַקומט ער דעם „גלות־פאַרלאַנג", אינמיטן דער אַרבעט, קומט ער צוריק ענדיקן די אָנגעפאַנגענע מלאכה אינם פריערדיקן שטעטל. — אַזוי איז זיין שטייגער איינפיר.

נו, באַלד האָט זיך געטראָפן איינער פון די צוהערער, וואָס האָט פּשוט גע„חלש'ט צו זען דאָס מקום־קדוש אויסגעמאָלן, ווי ביי לייטן, און האָט זיך אונטערגענומען די שווערע עובדה אָנצופאַנגען דעם מקח־וממכר

מיט דעם מאָדנעם גאַסט. זיינע באַדינגונגען האָבן באַשטעטיקט, וואָס מ׳האָט שוין פריער וועגן דעם געוואוסט.

וועגן די „קעסט" איז זיכער ניט געווען קיין שוועריקייטן: קיינער פון די באַלעבאַטים וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו געבן אַ טאָג עסן אין דער וואָך פאַר אַזאַ „גרויסן" עסער. ער איז ניט געגאַנגען אין די הייזער עסן. דאָס האָט מען באַדאַרפט באַזאָרגן אַז אַ ייִנגל זאָל עס אים צוברענגען. אַזאַ ענין איז געווען פון די קלייניקייטן. די הויפּטזאָרג איז געווען צוצושטעלן משקה־לרוב, אַז יאַקוב׳ס פאַנטאַזיע זאָל סטימולירט ווערן און קענען באַווייזן חידושים מיט זיינע מאָל־בערשטלעך און פאַרבן.

ר׳ חיים׳ל בראָדער (זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען דען — אָבער האָט געשטאַמט פון בראָד), וואָס איז געווען אַ פּשוט׳ער בעל־הבית, ניט קיין לערנער, ניט קיין גביר, ער האָט געקענט דאַוונען, מעביר־זיין די סדרה און אויך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים — אַזוי ווי דער רוב פון די שטאָטישע מענטשן. אַ שטילער מענטש איז ר׳ חיים׳ל געווען. זיין ווייב איז גאָר געווען די אשת־חיל אין דער פּרנסה. דאָס ביסל תבואה וואָס מ׳האָט געקויפט און פאַרקויפט האָט קיין עשירות ניט אַריינגעברענגט. פון דער אייגענער קעשענע האָט אַזאַ ר׳ חיים׳ל ניט געקענט דערלייגן, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אונטערגענומען אַזאַ קהל׳שע אַרבעט, אַן וועמען עס איז צו פרעגן אויף אַ רשות דעריבער, און, ווי ס׳זעט אויס, האָט זיין „אשת־חיל" געגעבן אַ שטילע הסכמה דאַרויף. — אין „מענערישע־מצוות" האָבן זיך איבערהויפּט ווייבער ניט געמישט. זיי האָבן איינגעזעען וואו זייער גרענעץ ענדיקט זיך און ווייטערצו געהער שוין צום מאַנס מחיצה.

ר׳ חיים׳ל האָט זיך אין זיין „אונטערנעמונג" אַריינגעלייגט בלב־ונפש. ווער מיר פּרנסה וואָס מיר פּרנסה: זיין ווייב האָט דאָך אויך פריער מער געזאָרגט דערפאַר ווי ער, נו, איצט האָט זי זיך שוין אַן עצה געגעבן אָן אים. בלויז מאָנטיק אויפן קראָסנער יאַריד און פרייטיק ביים קאָרטשינער מאַרק־טאָג האָט ער אויסגעפּעלט צו האָבן אַן אויג אויף דער אָנגייענדיקער מאַלעריי — אָדער בעסער געזאָגט: אַז יאַקוב׳ס האַלדז זאָל ניט טריקענען, אָבער אויך ניט פאַרשווענקט ווערן פון אַ „פאַרפלייצונג". מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַ היבשער מענטשן־קענער איינצוהאַלטן זיינע ווילדע אויסברוכן. ר׳ חיים׳ל האָט עס באַוויזן.

אַ לייטער, אפשר פון 20 פוס די הויך, האָט זיך יאַקוב אַליין צוזאַמענ־געקלאַפּט; פאַרבן מיט אַלע נויטיקע זאַכן האָבן זיך אָפּגעזוכט אין די

געשעפטן פונם שטעטל; ערדענע טעפּאַלעך און אַביסל אַלטע כלים האָבן אויסגעפילט די באַדערפעניש, אַז יאקוב זאָל זיך קענען נעמען צו דער מלאכה.

מיט דער הילף פון אַ שטריק און אויסגעברענטע קוילן האָט ער אָפּגעצייכנט אַרום דעם סופיט, אויסגעצירקלט אין די ווינקלען און אינם צענטער, געמאַכט פּאַסן לויט זיין פּלאַן און באַצירט מיט אָרנאַמענטן. ער האָט אַריינגעפלאָכטן פאַנטאַסטישע מאלערייען אָן אַ ספּעציעלער פאָרם. — איבערהויפּט האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט קיין צוויי גלייכע זאַכן, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין איינפאַכע באַפּוצונגען. אַלץ איז ביי אים געווען פרייהענטיק, און אין דעם האָבן „מבינים" געזעען זיין גרויסן טאַלאַנט.

שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט באַוויזן, איינער אַליין, אָן וועלכער עס איז הילף, צו שלעפּן אַזאַ גרויסע, שווערע לייטער און דורכשפּאַנען מיט איר אומצייליקע מאָל אַזאַ גרויסן שטח און עפּעס אַרויסברענגען, וואָס זאָל פאַר־כאַפּן דאָס פרימיטיווע אויג — איז געווען אַ וואונדער.

פאַנטאַזיע האָט ער געהאַט געוואַלטיקע, די תנ"ך־געשיכטע איז אים ניט געווען פרעמד — נו, און מיט דער הילף פון שטאַרקן אָקעוויט האָט ער, ווי־ניט־איז, מיט צייכן און פאַרבן־שפּיל אויפגעלעבט דעם מאָטן, איינפאַכן הינטערגרונט פון פריער, וואָס איז באַשטאַנען פון קאַלך געמישט מיט אַביסל בלו. — איצט איז דער הינטערגרונט אינגאַנצן פאַרשוואונדן מיטן כח פון יאקוב'ס פאַרבן.

אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט וואַסער און אויפגעוואַרמטן סטאָליאַרסקע קליי־מישונג, וואָס איז געווען גענוג שטאַרק אַז אויף טרוקן זאָל עס זיך ניט אָפּווישן. — גאַנץ גרויסע קהל'שע און פּריוואַטע היימען זיינען אין גאַליציע אויף דעם אופן געמאָלן געוואָרן, און אַזעלכע זיינען אויף מאַנכע פּלעצער געווען גוט גענוג — און אויך קינסטלעריש — אויף צענדליקע יאָרן. אַזוי לאַנג קיין פייכטקייט איז ניט געווען האָט זיך אַלץ צוזאַמען געעלטערט מיט דעם גייסט פון זייערע באַשעפער.

ניט איין מייסטערווערק האָט זיך אַזוי געהאַלטן, וואָס איז ניט געווען לייכט צו באַשליסן עס צו פאַרשמירן, מיט אַ צווייטהענטיקער מלאכה.

אין זכות פון יאקוב'ן, מעג מען זאָגן, דורך זיין וואַנדערדראַנג, האָט ער אסך קליינשטעטלדיקע דערפרייט און אין זיי אַריינגעבלאָזן אַ ניצוץ פון קונסט. אָן אים וואָלטן אסך קהילות ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצופּוצן זייערע בתי־מדרשים און שולן. די טאָג־טעגלעכע דאגות־פּרנסה, פונם רוב פון זיי, וואָלטן עס ניט דערלאָזט.

מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן האָט יאקוב עפּעס אין זיך פאַרמאָגט, וואָס, אונטער בעסערע אומשטענדן, וואָלט עס געקענט קולטואווירט ווערן.

אויך אויף דעם קאַרטשינער בית־המדרש׳ס גורל איז אויסגעפאַלן אַז יאקוב זאָל אינמיטן דער אַרבעט פאַרשוואונדן. אין אַ שיינעם טאָג האָט ער באַשלאָסן זיך אַריבערצוכאַפּן אין אַ שכנות׳דיק שטעטל — אַלץ צופוס — מיט זיין קלימעקל „מאַל־תכסיסים״, און דאָרט אָנגעפאַנגען אַ נייעם מקום־קדוש. ביז זיין „געוויסן״ האָט אים צוריקגעברענגט אויסצופּערטיקן זיין „קונסטווערק״ אין קאַרטשין. דאָס פאַרשוואונדן און צוריקקומען איז פאַר קיינעם ניט געווען אַן איבעראַשונג. מ׳האָט עס אָנגענומען ווי נאַטירלעך, אָבער זיכער איז עס געווען ר׳ חיים׳ל בראָדערס אַ שטאַרקע איבערלעבונג. זיין מי און גוטע כוונות איז ניט געווען אָפּצופרעגן. ס׳האָט אים קיינער ניט געגעבן קיין עצות ביי זיין אונטערנעמונג און דורכפירן די זאַך; ס׳האָט אים קיינער ניט פאַרגעוואָרפן ווען יאקוב איז פאַרשוואונדן, און ביי זיין צוריקקומען האָבן עס יידן אויפגענומען ווי נאַטירלעך — און צוזאַמען זיך מתדבק־געווען מיט אינערלעכער פריידיקייט.

אַזאַ שטעטל איז דאַמאָלס קאַרטשין געווען: גאָרניט האָט עס אַרויס־געברענגט פון די האָלובלעס; אַלץ האָט זיך מיט אַ „גם־זו־לטובה־פילאָזאָפיע״ געפירט און מ׳האָט, חלילה, דערמיט ניט דערצויגן קיין שלעכטע יידן. הלואי אויף אַלע וועלטלעכע פּעדאַגאָגיש־דערציערישע מעטאָדן געזאָגט געוואָרן.

ניבול־פה, אָדער אויפהייבן אַ האַנט איינער אויפן צווייטן איז ניט געווען פון די אָנגענומענע זאַכן. דער פּשוט׳סטער מענטש האָט זיך געהאַלטן אין דער מדריגה. איין אויסנאַם, וואָס מ׳האָט איינעם חושד געווען אין אַ קליינער גנבה, בין איך נאָך ביז היינט ניט זיכער דערין. זיינע קינדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אויף אַן ערלעכן אופן צו פאַרדינען זייער פּרנסה, באַשטעטיקן מיין ספק. און גובר־זיין אַ נסיון ווען ווייב און קינדער זיינען הונגעריק, דאַרף מען דאָך אויך זיין אַ צדיק!

פון רויבן, גזלן און הרג׳ענען לשם־פאַרגעניגן האָבן אַזעלכע יידן און זייערע קינדער ניט געוואוסט. אפילו זייער פרייד איז געכער געווען אַ העכערע, אַ געטלעכע, ווי ערדיש נידריק.

זיי האָבן מיטגעמאַכט דעם גורל פון עקזיסטענץ אונטער די ערגסטע עקאָנאָמישע אומשטענדן, און אומקום דורך די גרעסטע אכזריות׳ן פון דער „הערן־ראַסע״, ימ״ש.

און ווי אַזוי האָט ר׳ חיים׳ל געדעקט די אַנדערע הוצאות — אחוץ

עסן? — גאַנץ פּשוט: איעדעס מאָל, ביים דאַוונען שחרית, האָט חיים׳ל גענומען אַ פּושקע און געגאַנגען פון בעל־הבית צו בעל־הבית, געשאָקלט דערמיט — און דער אָפּקלאַנג פון זיין אייגענער ערשטער מטבע האָט אויפ־געוועקט יידן עפּעס בייצושטייערן. קיינער האָט זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט.

איך בין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי יאקוב׳ן ווען ער האָט געמאָלן דאָס בית־המדרש. כ׳בין שוין דאַמאָלס געווען אַ בר־מצוה־בחור און געלערנט אַליין אין בית־המדרש. צייט האָב איך געהאַט גענוג און די נייגעריקייט פאַר עפּעס נייעס האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט איעדן טאָג ווען יאקוב האָט עפּעס באַוויזן.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, ווען איך אַליין בין געווען מיט אים אין בית־המדרש, גיט ער אַ זאָג צו מיר: „ווערסט זען, אַז מאָרגן וועל איך דאָ — געוויזן מיטן פינגער וואו — אויפמאָלן פיר מלאכים ווערסטו מוזן שטאַרבן!״ דעם צווייטן טאָג האָב איך געזוכט פון אַלע זייטן די אויפגעמאָלטע מלאכים און זיי ניט געפינען. — אפשר האָט ער נאָכדעם רחמנות באַקומען אויף מיר און מיך געוואָלט ראַטעווען? ווער קאָן וויסן וואָס אין זיין צערודערטער נשמה האָט זיך אָפּגעשפּילט?

אַ קול האָט יאקוב געהאַט אַ קלינגענדיקס. ווען ער האָט זיך צעזינגען איז עס געווען אָנגענעם פאַרן אויער, און מייסטנס האָט מען אַרויסגעפילט פון זיין זינגען אַ פאַר׳חלום׳טקייט פון ווייטע וועלטן — מעשה קינסטלער.

אַז יאקוב׳ן האָט זיך עפּעס געדאַכט — שטייענדיק אויפן הויכן שטאַפּל פונעם לייטער — אַז מ׳האָט אים עפּעס פּוגע־בכבוד געווען, האָט ער די ערדענע טעפּלעך, מיט פאַרב, געגעבן אַ טראַסק אויף דער פאָדלאָגע אַז אַלע דאַוונערס זיינען געבליבן צעשראָקענע. קיינער האָט ניט געוואָגט אים אויסצורײדן דערפאַר. — אַ טעמפּערעמענטפולער גייסט אָבער דאָך אַ פאַר־וואָגלטע נשמה מיט וועלכער מ׳האָט געהאַט איינזען.

זאָלן אים מיינע ווערטער זיין צום גוטן.

מעשה ידי להתפאר

נאָכדעם ווי יאקוב איז שוין אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט און געווען אַוועק פונם שטעטל, איז עפּעס ביי מיר געבליבן איבריקע צייט, אַזוי ווי אין אַ חלל. אין מיין געמיט האָבן נאָך אַלץ געשוועבט די איינדרוקן וואָס פלעגן אויף מיר ווירקן איעדן טאָג מיט זיינע נייקייטן. ס׳האָט מיך געצויגן אויך עפּעס צו טאָן.

און אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ „שויתי״ פאַר דער ראָם פונם עמוד וואָס איז נאָך דאַמאָלס ניט אויסגעפּילט געווען. כ׳האָב גענומען די גענויע מאָס פון דעם ראָם, געקויפט דאָס בעסטע ווייסע פּאַפּיר פאַר דעם צוועק, באַזאָרגט זיך מיט אַקוואַרעל־פאַרבלעך, און אָנגעפאַנגען דאַרויף צו אַרבעטן.

קיין דערפאַרונג אין די זאַכן האָב איך ניט געהאַט, האָב איך אַרומגעזוכט מזרחים, שיר־המעלות׳לעך, אַלערליי, בכדי צוזאַמענצושטעלן מאָטיוון, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ „שויתי״ — לויט מיין פאַרשטיין.

דאָס פאָדער בלאַט פון דער גמרא, וואָס איז געווען געדרוקט אין ווילנע, מיט די צוויי זיילן אַריינגעפלאָכטן פּרוכת׳דיק פון אויבן אַרונטער; אַלע אַזעלכע צייכנונגען, וואָס כ׳האָב געפונען אין מחזורים און אַנדערשוואו, זענען פאַר מיר געווען מוסטערן, מיט וועלכע זיך צו באַנוצן. פאַרשטייט זיך אַ קרוין פון אויבן מיט אַן אויפשריפט פון „כתר־תורה״ האָט דאָרט ניט באַדאַרפט פעלן. און צוויי לייבן וואָס האַלטן די קרוין האָט אויך געמוזט זיין. — הכלל: מאָטיוון האָבן מיר שוין ניט געפעלט. בלויז דאָס אַריינצייכנען צוערשט די אַלע זאַכן לויט פּראָפּאָרציע. האָב איך דאַרויף גאַנץ שווער געאַרבעט.

ס׳איז מיר אונטערגעקומען אַ פּראָבלעם וואָס כ׳האָב עס פריער פון קיינעם ניט געזען און עס געמוזט אַליין לעזן.

אויף אַ באַגרענעצטן שטח האָב איך זיך באַמיט אַריינצופלעכטן זאַכן, וואָס זיינען מיר געווען צום האַרצן און אַליין געמוזט באַשליסן צי ס׳איז „כי־טוב״. מיין גאַנצע „אונטערנעמונג״ איז דערוויל געווען פאַר אַלעמען אַ

סוד. עפּעס האָט מיך אונטערגעטריבן אַן אומבאַוואוסטע מורא, אַז אַן אַנדערער זאָל ניט מקדים־זיין מיט אַ „שויתי" פאַרן עמוד און איך זאָל בלייבן מיט מיינעם שטעקן אינמיטן דער אַרבעט — ניט פאַרענדיקט.

דער אימפּעט און געדאַנק האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט.

ווען כ׳בין שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער צייכנונג, דורך שווערער האָרעוואַניע פון קלעקן און מעקן, איז ערשט געקומען דער פּראָבלעם פון די קאָלירן: קיין פּריריקע דערפאַרונג אין די זאַכן האָב איך דאָך ניט געהאַט. כ׳האָב זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות און ווי־ניט־איז עס אַרויסגעבראַכט. פאַרשטייט זיך אַז די פאַרהאַנגען דאַרויף האָט באַדאַרפט האָבן אַ פּראָפעסיאָנאַלן קאָליר — ווי דען? — די לייבן געלבלעך, די קרוין אַ גאָלדענע פאַרב, בלעטלעך: גרין, צווייגן: ברוין א. ז. וו. — און נאָך צוויי וואָכן שווערער אַרבעט, בייטאָג און ביינאַכט בין איך מיט מיין „ווערק" פאַרטיק געוואָרן און עס אַריינגעשטעלט אין דער ראָם פונם עמוד. עס האָט אויך ניט געפעלט די נייטיקע אויפשריפטן פון „שויתי ד׳ לנגדי תמיד", „כתר־תורה" און נאָך אַנדערע זאַכן וואָס האָבן געמוזט ווערן פאַרצייכנט. — און מיט דעם אָנגענומענעם מנהג זיך אונטערצושרייבן פון אונטן — גע׳כתיב׳עט — „מעשה ידי להתפאר", „משה בן יהודה הלוי", האָט זיך עס געענדיקט.

משלוח־מנות

אין דער אַלטער היים האָט מען אָנגעהאַלטן דעם מנהג צו שיקן שלוח־מנות, איינער דעם צווייטן, אין פּורים.

אפילו דער אָרמסטער צווישן די אָרעמע האָט יוצא געווען מיט שיקן שלוח־מנות, און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפֿן אַ סיסטעם, אַז מ׳זאָל קענען געבן אַ נויטבאַדערפֿטיקן אויף אַזאַ שטייגער אַז ס׳זאָל ניט אויסזען ווי בתורת־נדבה, נאָר ווי אַ מתנה ווי צווישן גלייכע.

דאָס שלוח־מנות איז געווען אָנגענומען ווי אַ מצוה־זאַך און ס׳איז שוין געוואָרן ווי נאַטירלעך פֿאַר גרויס און קליין.

און ווען שלמה, רייזל יידאלעס, דער עלסטער פֿון די 4 יתומים, אַ פּעאיקער אין מאַכן צאַצקעס און שניצערייען, האָט אָנגעפֿאַנגען צו שפּירן די באַטענטקייט פֿון פּורים האָט ער גענומען קלערן וואָס און וועמען עפּעס צו שיקן שלוח־מנות. זיין באַנטסטער חבר איז געווען דוד, ר׳ חיים דים׳ס, זיי זיינען געגאַנגען אין איין חדר, זיך געשפּילט צוזאַמען — נו, איז שלמה׳ן איינגעפֿאַלן צו מאַכן פֿאַר דוד׳ן אַ הילצערן פּושקאַלע און עס אים צושיקן פֿאַר שלוח־מנות.

אַזאַ זאַך האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף אַ טעלער, צוגעלייגט אַ פּאָר נאַשערייען, אַ מאָן־קיכל, אַ האָמען־טאַש און אַ פּאָר ראָזשינקעס, אַרומגעוויקלט עס מיט אַ ריינעם האַנדטוך און עס געשיקט מיט אַ קלענערן ברודער צו זיין חבר.

אַ הילצערן פּושקאלע צו מאַכן איז געווען מיין ברודערס פּרימיטיווע קונסט. שפּעטערצו האָט ער באַוויזן צו מאַכן פֿון האָלץ און ברעטלעך אמת׳ע קונסטווערק. און דאָס אַלץ מיט אַ פּענמעסערל, דינע זעגאלעך, אַ העמערל, אַ העקל און שויבן־נעגאלעך, מיט וועלכע ער האָט דאָס אַלץ „באַפּעסטיקט“.

הכלל, שלמה, דאַמאָלס אַ 10־11 יאָריקער בחור, האָט זיך מתכון געווען מקיים צו זיין די מצוה פֿון שלוח־מנות און האָט אַזאַ פּושקאלע צוגעשיקט

צו זיין חבר דוד. — משה, דער יינגערער ברודער איז דאַסמאָל געווען דער שליח.

און אַזוי ווי דוד׳ס עלטערן האָבן געהאַנדלט מיט צייג, מיט לייוונט האָט דוד׳ס מאַמע, רויזאלע, צוריקגעשיקט צו שלמה׳ן צייג פאַר 4 פאַר הייזלעך: פאַר אים מיט זיינע דריי יונגערע ברידערלעך.

רייזל, די אלמנה, וואָלט אויף אַן אַנדערן אופן ניט גענומען פון וועמען עס איז אַ נדבה אָבער אין דעם פאָרם פון אַ שלוח־מנות וואָלט געווען אַ זינד עס צוריקצושיקן.

(אין די אַלטע צייטן, אין ישראל, האָבן יידן דערפונדן אַ לקט, שכחה, פאה פאַר אָרימע לייט צו קריגן אַ געוויסן חלק מיט רעכט, און אין גלות האָבן זיי דערפונדן אַנדערע מעטאָדן ניט צו דערנידריקן דעם אָרימען. — עס איז דאָך באַוואוסט ווי אפילו אורחא־פורחא פלעגן ניט קומען געבויגן, ווי פאַר אַ פריץ, צו מאָנען אַ נדבה. ער האָט געפילט אַז דערמיט איז ער גאָר יענעם, דעם געבער, מזכה מיט אַ מצוה).

דעם צווייטן פורים האָט שוין שלמה געשיקט זיין חבר דוד׳ן אַ קליין קינסטלעך אויסגעאַרבעט שליטאַלע. די גרויס דערפון איז געווען אַז גאָר קליינע ליאַלקעס וואָלטן זיך קוים אַריינגעפּאַסט דערין. די פּאַר־פּסח׳דיקע בלאָטעס האָבן שוין געהויזט אינם שטעטל אָבער דאָס שליטאַלע איז דאָך, יעדנפאַלס, געווען מער סימבאָליש ווי פּראַקטיש.

אויך דאַסמאָל האָט שלמה „פאַרדינט" אַ קעגנ־מתנה אי פאַר זיך און אי פאַר זיינע ברידער, פאַר צייגענע הויזן אויף פסח.

דעם דריטן פורים, ווען שלמה איז שוין געווען 12 יאָר אַלט, און אַוועק פון דער היים, האָט משה, דער פריריקער שלוח־מנות־ברענגער, פאַרטראַכט עפּעס צו שיקן דוד׳ן — אויך פון עפּעס „קינסטלערישן"־מין — און דאַסמאָל איז שוין צוריקגעקומען צייגענע־סחורה פאַר הייזלעך פאַר 3 קינדער.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט שוין משה איינגעזען די אויסגערעכנטקייט פון ביידע זייטן: אי פונם שיקער אי פונם צוריקשיקער, אַז פונם ערשטן איז מער אַ כונה־אַקט ווי אַ חבר׳ישער — האָט ער שוין מער קיין שלוח־מנות צו דוד׳ן ניט געשיקט.

אַזוי לאַנג ס׳האָט אַוועקגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מתנה איז עס

שוין אַריינגעגאַנגען אין דער קאַטעגאָריע פון צדקה — און דאָס האָט משה ניט געוואָלט.

אָבער דער איינשטעל, דער אופן, ווי אַזוי די יעניקע וואָס זענען בכח יענעם צו העלפן, צו טוען עס אויף אַזאַ וועג, אַז ס׳זאָל דעם בעל־מקבל ניט באַליידיקן — עס זאָל זיין אין פאָרם פון שלוח־מנות, ניט בתורת־נדבה, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטיש יידישער.

אין דער אַלגעמיינער אָרעמקייט זיינען מיר דאָך געווען די פאָראויסלויפער פון האַנדלען מיט טאַקט און פאַרשטענדניס.

די איינגעפירטע מנהגים זיינען געווען צו דערהויבן דעם מענטשן — ניט אים צו דערנידריקן, מאָראַליש און גייסטיק.

ברויט מיט ברויט

(אָדער: „שלש־סעודות")

ווען מיין מאַמע פלעגט אַמאָל קויפן אַ הערינג און אים צעשניידן אויף 7־8 שטיקלעך און צעטיילן צווישן די קינדער, איז געווען אַ יום־טוב אין שטוב. מיט אַ שטיקל הערינג האָט מען געקאָנט אויפעסן גאַנצע צוויי שטיקלעך ברויט, און עס האָט אָנגעזעטיקט דעם הונגעריקן מאָגן. אחוץ דעם איז עס טאַקע אויך געווען געשמאַק, אַ מחיה, ווייל ניט אַיעדן טאָג האָט מען זיך געקאָנט פאַרגינען אַזעלכע פאַרגניגנס. האָט אַמאָל נאָך די מאַמע געקראָגן צו קויפן אַ מילך־הערינג, איז שוין גאָר געווען אַ שמחה. מיט אַזאַ הערינג האָט מען געקאָנט פראַווען אַ פאָר מאָלצייטן און מ׳זאָל נאָך דערפון מכבד־זיין אסתר׳לען (אונזערע קאָמאָרניצע), און ס׳זאָל נאָך דערפון עפּעס בלייבן פאַר אַן איבריקן נאַש.

אַ מילך־הערינג פלעגט מען די „מילך" צוזאַמענהאַקן מיט ציבאַלעס, צוגעמישט אַביסל עסיק און צוקער, געמאַכט צום טעם, און פון דעם איינטיילן דער גאַנצער משפחה — 4 קינדער מיט דער מאַמען. דער הערינג דערפון איז שוין געבליבן פאַרן צווייטן טאָג, זיך דערמיט מחיה צו זיין. מיין מאַמע האָט געוואוסט ווי אַזוי די קינדער צו האַלטן אין גלייכגעוויכט מיט אירע 5־6 מאכלים, וואָס זי פלעגט זיך מיט זיי קענען דערלויבן צו פירן איר באַלעבאַטישקייט.

דאָס איז אַ באַזונדערער ענין, וואָס עס וואָלט כדאי געווען צו באַשרייבן. איצט האַלטן מיר ביי הערינג.

שבת פאַרנאַכט, צו שלש־סעודות, פלעגט אונז, פון מאָל צו מאָל, די מאַמע דערלויבן צו גיין צו משה „סראָקע" (אַזאַ צונאָמען) און נעמען אַ שטיקל הערינג פאַר אַ גרייצער, אויף באָרג, זיך צו דערכאַפּן דאָס הערצל.

„בידוע" פלעגט מען פון אַ שטיקל הערינג אָנבייסן, אַזוי ווי פון אַ שטיקל צוקער צו טיי, אָדער ציקאָריע און צובייסן אַ היבש שטיקל ברויט און אין מויל פלעגט מען דאָס צוזאַמענקייען מיט די ציין און מיט דער בעמישער מישונג פון דער צונג, האָט עס געשאַפן אַן אמת׳ן טעם־גן־עדן.

האָט זיך געמאַכט, אַז איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט האָב איך געבעטן מיין מאַמען זי זאָל מיר דערלויבן צו גיין באָרגן ביי משה „סראָקע" אַ שטיקל הערינג פאַר שלש־סעודות. גראָד האָט מיין מאַמע דאַמאָלס ניט געהאַט קיין זויערע מילך, פּאָווידלע אָדער האָניק, מיט וואָס דאָס שטיקל ברויט צו באַ׳טעמ׳ען, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז אַ שטיקל הערינג וועט עס זיכער באַווייזן. לאָזט זיך אויס, אַז די מאַמע האָט דאָסמאָל ניט געוואָלט געבן איר הסכמה צו מיין יצר־הרע׳דיקן איינפאַל, און ס׳האָט ניט געהאָלפן מיין וויינען און קלאָגן: ניין און ניין, דעם צעלאָזענעם „ווישעט" דאַרף מען ניט אַלעמאָל נאָכגעבן; עס איז אַן עבירה!

ווען איך גיי צו משה „סראָקע", אינם נאָמען פון מיין מאַמען, וואָלט ער מיר דאָס שטיקל הערינג געגעבן, און אחר־המעשה וואָלט זי שוין דעם גרייצער באַצאָלט, אָבער מיר זיינען דערצויגן געוואָרן ניט צו פּראַוון קיין ליגנס — אפילו ניט פאַר אַ שטיקל הערינג.

און גראָד איז מיין מאַמע געווען אַ גוטע מאַמע (און וועלכע איז דאָס אַ שלעכטע?), אָבער דאָסמאָל האָט זי זיך איינגעשפּאַרט ניט נאָכצוגעבן. אירע מאָטיוון האָב איך דאַמאָלס ניט פאַרשטאַנען.

היינט דענק איך, אַז, אפשר, האָט זי דאַמאָלס אויסגערעכנט: פאַרוואָס גאָר זאָל איך זיך דערלויבן אַזאַ „שוואוילטאָג" און די אַנדערע ברידער, און אפשר זי אַליין אויך, זאָלן זיך אָן דעם באַגיין? — הכלל, אַזוי צי אַזוי, האָב איך געזען אַז מיין שלש־סעודות וועט זיך שוין דאָסמאָל אָן דעם געזאַלצענעם ביי־טעם מוזן באַגיין, האָב איך געפונען אַן „ערזאַץ־מיטל", וויניקסטנס מיט מיין פאַנטאַזיע, עס צו פאַרגיטיקן.

צולאַנג פאַרציען דעם עסק האָט ניט געטויגט. איך האָב נאָך געקענט עובר־זיין אויף „שלש־סעודות", וואָס מיט די אָנקומענדיקע 3 שטערן קען מען עס שוין מער ניט גוטמאַכן. האָב איך אָפּגעבראָכן אַ שטיקל רינדל (פון דעם האַרטן, אַרום דעם ברויט) און פון דעם אָפּגעביסן אַזויפיל ווי כ׳פלעג עס טאָן מיטן הערינג, און דערמיט אַריינגעביסן אַ שטיק פונם ווייכן ברויט און זיך אַזוי געשאַפן די אילוזיע, אַז איך עס ברויט מיט הערינג...

דערמיט האָב איך יוצא־געווען צוויי זאַכן: אי געגעסן שלש־סעודות און אי געהאַט אַ טעם דערפון.

עטישע פערזענלעכקייטן

1

דערמאָנענדיק זיך וועגן דער שרייענדיקער אָרעמקייט פון דער אַלטער היים, פרעגט זיך: ווי אַזוי האָבן מיר עס באַוויזן אויפצוהאַלטן די ציבור־מאָראַל אונטער אַזוינע אומשטענדן? אין די טויזנטער שטעט, שטעטלעך און ישובים וואו ס׳איז — ווי־ניט־איז — געווען אַן אָרגאַניזירטער קהל, און אפילו אין די פאַרוואָרפענע מקומות, וואו אונזער זאָמען איז געווען צעזייט מיט איינצעלנע ייִדן אין דערפער, וועלדער, צווישן אַזוי פיל גויים, האָט זיך אפילו דער פאַרגרעבסטער ייִד אויסגעצייכנט מיט עפּעס צווישן זיינע שכנים, וואָס האָט אים געשטעלט מיט אַ פּאָר שטאַפּלען העכער פון זיי — איז, וואו האָט זיך גענומען דער מאָראַלישער כח, וואָס האָט געקאָנט ווירקן אויף זיי? האָט זיך וועגן געטראָפן אַ שפיכות־דמים (אַחוץ אַן אינסצענירטער בלבול פון די אָרומיקע שונאים, וואָס איז מייסטנס אויפגעדעקט געוואָרן) וואָס זאָל קענען פאַלן אויף דעם חשבון פונעם גאַנצן ציבור?

ביי אונזערע „געהויבענע" שכנים קענען מיר אויפציילן גענוג צייטן, פונעם מיטעלאַלטער ביז היינטיקער צייט, ווען אַלערליי רציחות זיינען עפנטלעך פון זייערע פאַרשטייער באַרעכטיקט און פּראַקטיצירט געוואָרן קעגן אונז, צוליב דעם „הייליקן" גלויבן און אַנדערע פּאָליטישע טמאה׳דיקע באַרעכטיקונגען. די אַבזיכט איז געווען אונז פיזיש צו פאַרניכטן מיט די באַרבאַרישסטע מיטלען — כלומרשט אינעם נאָמען פון פּראָגרעס.

אויף דעם אופן איז זיי געלונגען איינצעלנע שוואַכע כאַראַקטערן איינצושלינגען און אַדאָפּטירן מיט וועלכע זיי האָבן זיך שפּעטער געגרויסט אַלס אייגענע, ווען אַזעלכע האָבן זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט, אָבער דעם גאַנצן ייִדישן קערפּער, וואָס איז געווען אַן איבעריקע זאַך אין דער אָרומיקער גויישער וועלט, האָבן זיי ניט געקענט איינשלינגען. — איז, וואו האָט געשטעקט אונזער מאָראַלישער כח? פון וואַנעט האָט דער פּשוטער ייִד געקענט שעפּן גבורה און עקשנות אויף צוריקהאַלטן זיך פון איבערבייט, און זיך אפילו מוסר־

נפש זיין דערפאַר, איבער וואָס זייערע ערגסטע אויסוואורפן, פון די הויכע פענצטער ביז די רינשטאָק־העלדן, האָבן זיך כסדר איזדעקעוועט מיט חוזק און שפּאָט? וואָס האָט געווירקט אין די אָרעמסטע פון אונז, וואָס האָבן זיך אין זייער הונגער און נויט געקוויקט מיט אַ קאַפּיטל תהילים, געמאַכט אַ ברכה איבערן עסן, אָנגעהאַלטן כשרות, געהיט שבת און יום־טוב און נאָך אַזעלכע יידישקייט־צייכנס?

אַלע עינויים פון איין זייט און אַלע פינקלדיקע אָנלאָקונגען פון דער צווייטער זייט האָבן דעם יידן ניט באַוואויגן אַריבערצושפּאַנען צום הערשע־רישן לאַגער.

דער פשוטער ייד האָט זיך זיכער ניט געקענט דערגרונטעווען צי זייער, אָדער אונזער מעטאַפיזישער גלויבן איז דער אמת׳ער. עס איז אָבער אינעם באַוואוסטזיין פון אַיעדן יידן געווען איינעפלאַנצט די איבערצייגונג אַז מיט אונזערע מעשים זיינען מיר פאַראַנטוואָרטלעך צום כביכול אַליין און קיין „זון״ אָדער „הייליקע״־מאַמע וועט אונזערע זינד ניט אָפּווישן. — אַזאַ מין לייכטזיניקע סחורה, אַז נעכטיקע, היינטיקע און אפילו מאָרגנדיקע זינד זאָל קענען מיט אַ באַצאָלט קוויטל אויסגעקויפט ווערן, האָט מען דעם יידן ניט געקענט פאַרקויפן. ער האָט זיך געבויגן, אָפּגעַחורש׳ט די וועלטיקע רשעים, אָבער דעם הימל האָט ער געהאַלטן ריין פון חורש. דער געדאַנק, אַז מ׳קען זינדיקן און „דאָרטן״ וועט ווער זיך פאַר אים איינשטעלן און מוחל זיין, האָט זיך דעם יידן ניט געלייגט אויפן שכל. מ׳דאַרף זיך אַליין פאַרדינען כדי צו קריגן אַ שטול אין גן־עדן. דאָס האָט אפילו דער פשוט׳סטער ייד פאַרשטאַנען, און האָט זיך באַמיט אַליין צו לייטערן זיך מיט זיינע מעשים, און גענומען פאַר אַ מוסטער די מאָראַלישע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין סביבה.

דער גביר איז נאָר אויף אַזויפיל געוואָרן געשעצט אויף וויפיל ער האָט געטאָן גוטעס, און דער אָרעמאַן מיט זיין ערלעכקייט און תורה און מעשים טובים האָט געהאַט אַ גרעסערן ווערט אין קהל־אָפּשאַץ, ווי דער וואָס האָט פאַרמאָגט די „קלינגערס״. דער רב פון שטאָט האָט פאָרגעשטעלט דעם העכסטן באַגריף פון מאָראַלישער ריינקייט. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף אַלע רעלי־גיעזע, ווי אויך אויף אַלע האַנדלונגען בין־אדם לחברו. ער האָט באַדאַרפט פאַרשטעלן די ערלעכקייט אַליין אָן שום פניות, זיך ניט בויגן צו קיין צד צוליב אייגענע אינטערעסן. דער גאַנצער קהל איז געשטאַנען הינטער אים צו העלפן אויסרוימען דאָס פסולת פון דער יידישער סביבה.

מחלוקתן האָבן טאַקע אויסגעבראָכן פון צייט צו צייט, אָבער זיי האָבן אָנגענומען אַ לשם־שמים׳דיקן כאַראַקטער — און מיט בלוט פאַרגיסונגען זיינען זיי ניט געווען באַגלייט.

אָן פאַלשע, פאַרדרייטע וועגן האָט מען אָפן סכסוכים באַהאַנדלט און זיי אויסגעגליכן אַזוי אַז דער פשוט׳ער דאָרפס־ייִד, וואָס האָט קוים געקענט אַ שייטל־עברי, זאָל אויך קענען ווערן, מאַראַליש, אַ שותף צו אַלץ און אַלעמען.

ער איז געווען אַ טייל פון יידישן איינשטעל. די תורה איז ניט געווען אַ זאַך פאַר אַ פּריווילעגירטער קאסטע — פאַר אַלעמען איז עס געווען צוגענגלעך. בלויז די אָרומיקע וועלט און די שווערע פּרנסה האָט געשטערט צו דערגרייכן שלימות, אָבער געבענקט האָט מען נאָך דעם.

2

אין אַלע אונזערע שטעטלעך האָבן מיר געהאַט מוסטערן פון מאָראַלישן אויפפיר. אַ רב, וואָס זיין הויפּט־אויפגאַבע איז טאַקע געווען צו פּסק׳ענען שאלות, דין־תורות, דאַרף זען אַז אַלץ זאָל זיך פירן לויט איינגעשטעלטן שלחן־ערוך, האָט באַדאַרפט זיין, און מייסטנס איז ער געווען, אויך אַן עטישע פערזענלעכקייט. אינעם אויפפיר פונעם רב, אין זיינע האַנדלונגען, אין זיין באַנעמען זיך, האָט אפילו דער גראָבסטער נפש געקענט זען אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ מענטש וואָס זוכט ניט זיין אייגענעם נוצן, נאָר ער איז באמת אַ פאָרשטייער פון כלל און זאָרגט פאַר אַלעמענס וואוילזיין.

אַז עס איז געקומען צו אַ סכסוך צווישן אָרעם און רייך, אָדער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געבן הילף צו נויטבאַדערפטיקע, איז ער תמיד געווען דער כוח וואָס האָט באַאיינפלוסט די סביבה, געווירקט מיט אחריות אין אַלע ווינקעלעך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַלע אַרומיקע האָבן געשעפּט פון זיין השפּעה, און אויך אַליין צוגעטראָגן זייער ביישטייער צום גערעכטן קהל׳שען איינשטעל. מ׳האָט ניט געמאַכט שבת פאַר זיך אַזוי אַז מ׳זאָל ניט וועלן וויסן פון אַנדערע. מיט עפּעס האָט מען געמוזט יוצא־זיין פאַר דעם וואַכזאַמען אויג — ווער מער און ווער ווייניקער.

מיר האָבן געהאַט מאָראַלישע שרי־אלפים ושרי־מאות, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט איינפלוס אין אַ שמאָלן קרייז, און אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט

אַ ברייטערן פאַרנעם. אפילו אַריבער די גרענעצן, אָפּגעצוימטע מיט וואַכּ־פּאָסטנס פון פאַרשידענע מדינות, האָבן אונזערע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן געווירקט. אַ ווילנער גאון, אַ בעל־שם־טוב. אַ חפץ־חיים האָבן אָנגעשפּאַרט, דורך אַ קפיצת־הדרך אין יעדן יידישן יישוב. אַלע סאָרטן דענקענדיקע, פילנ־דיקע יידן, וואָס האָבן געזוכט דעם ריינעם אמת, האָבן געפונען מוסטערן מיט וועלכע צו באַלייכטן זיך און אַנדערע דעם פינצטערן וועג וואָס איטלעכער דאַרף דורכגיין.

אליהו־הנביא איז גאָר געוואָרן אַ גאַסט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך וואו אַ ייד האָט זיך געפונען, און ער האָט שוין כולל געווען אין זיך אַלע מאָראַלישע־דערהויבנקייטן, מיט וואָס מ׳האָט זיך אין פאַרלויף פון דורות באַצירט. איבער אַלע יידישע יישובים האָט ער געשוועבט אין דער לופטן, און אונזערע רעפּרעזענטאַנטן זיינען געווען זיינע פאָרשטייער פון דורות אָנגענומענער יידישע־מאָראַל. אויף אַזאַ שטייגער האָבן מיר באַוויזן אונזער שטאַרקייט און די געציילטע גבירים וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין אַלע צייטן, האָבן זיך אויך אונטערגעוואָרפן דער תורה־אויטאָריטעט. אינעם פאָלקס־זכרון זיינען יעדנפאַלס געבליבן בלויז די גייסטיקע מאָראַלישע פּערזענלעכ־קייטן פאַר אַ מוסטער — ניט די געלד־מאַכט־האָבנדיקע.

און דמעזלביקן וואונדער האָבן מיר באַוויזן אין די פאַרוואָרפנסטע מקומות וואו יידן האָבן זיך געפונען: די קליינע שטערן האָבן געפינקלט אויפן אָרט, און די גרעסערע האָבן אַריבערגעלויכטן צו אַלע יידישע סביבות.

דער ערשטער בונד איז געווען די תורה־מסיני, און ס׳האָט זיך געקייטלט און געבונדן ביז צום לעצטן פון די מיליאָניקע קדושים וואָס זיינען אומגעקומען פון דער סטרא־אחרא וואָס האָט זיך געקליידט אין „פּראָגרעס" און אונז געהאַלטן פאַר פאַנאַטיש גלויביקע. מיר זעען טאַקע ווי זיי האָבן, אפילו פאַר זיך אַליין, פּראָגרעסירט: זיי שניידן זיך „מאָדערן", איינעם דעם אַנדערן, די העלדזער. זיי שטיקן זיך מיט זייער אייגענעם „פאָרשריט" און קענען אים ניט אַרונטערשלינגען און ניט אויסשפּייען. בלויז אַזעלכע מאָראַלישע־יסודות וואָס מיר האָבן געשאַפן קענען זיי זיין צו רפואה. זייער קלינגנדיקע כלי־זיין וועט זיי פירן בלויז צום אָפּגרונט — ניט צו גלאָריע. אינעם מאָראַלישן כוח ליגט די גבורה און ישועה — ניט אין דער חכמה׳דיקער גרויסצוגיקער צע־שטערעריי.

3

דער סך־הכל איז: ניט מיר זיינען געוואָרן באַנקראָט מיט אַלע אונזערע קרבנות וואָס מיר האָבן געברענגט אויפן מזבח פון יושר און צדק — נאָר גראָד די אַלע אַרומיקע שכנים וואָס האָבן אונז מבטל געווען און זיך געגרויסט מיט זייער פּראָגרעס. עסטעטישע אויסגעצירטקייט מיינט נאָך גאָרניט אַזוי לאַנג ווי די נשמה איז ניט ריין. מיט אַלע לעצטמאָדישע באַקוועמ־לעכקייטן און אויסערן פּוץ קען מען נאָך אַליין זיין אַ גאַנץ גרויסער אויסוואורף. ניט דאָס וואָס בלענדט די אויגן איז וויכטיק, נאָר דאָס תוכ׳יקע, דאָס קדשי־קדשים׳דיקע, וואָס געפינט זיך אינעם מענטשן, וואָס זוכט ניט קיין פּרסום, נאָר רייניקט זיך כסדר, בלויז אַזעלכע פערזאָנען שטייען העכער פון דער חיה.

אין איצטיקן תוהו־ובוהו צושטאַנד דאַרפן מיר ווידער געפינען דעם שליסל צו אונזער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, צו קענען ווייטער אָנהאַלטן אונזער מאָראַלישע פּאָזיציע וואָס מיר האָבן ביז איצט זיך דערוואָרבן כדי צו קענען דינען ווי אַן אור ־לגויים.

אַזוי ווי פריער האָט דעם יידן, דער פריץ, מיט אַלע זיינע רייכטימער, ניט געלאָקט, ער האָט אים גיכער באַדויערט ווי מקנא געווען — אַזוי דאַרפן מיר ווייטער זיך האַלטן, ניט צו גאַרן וואָס אַריבער דעם פּאַרקן, נאָר זען אַז אונזערע אייגענע שטוב זאָל זיין ריין. ווען תורה־מאָראַל האַלט איינעם אין צוים איז עס וויכטיקער און ווירקזאַמער ווי מורא פאַר מלכות און שטראָף. — אַזאַ נייע אַלטע תורה איז איצט נויטיק.

מעכב־געווען די קריאה

אַ היינטיקער מענטש קאָן זיך קוים פאָרשטעלן ווי אַזוי אַן איינגעשטעלט קליין שטעטל האָט פונקציאָנירט אין דעם גאָר אַלטן אַמאָל. אַלע מיט אַנאַנדער, פונעם אָרעמסטן ביז צום גביר, האָבן זיך באַדאַרפט אַריינפּאַסן אינעם קהל׳שן איינשטעל.

עס זיינען געווען גראַדואַציעס אינעם פּרנסה־לעבן. מאַנכע האָבן גע־צויגן זייער חיונה אינ׳ם שטעטל גופא און אַ סך האָבן באַדאַרפט אַרומ־שלאָנדרעווען אויף ירדים, אין די דערפער, אַז זיי זאָלן דורכשלאָגן אויף זייער אָרעמער באַדערפעניש. די גאַנצע קונץ איז אָבער באַשטאַנען אין דעם וואָס דער רוב איז געווען אַ מסתפק־במיעוט. ערשטנס האָבן זיי קיין ברירה נישט געהאַט, און צווייטנס איז דער באַגריף וועגן רייכטום געווען צו קאָנען דערמיט טאָן מצוות. סתם זאַמלען געלט לשם־געלט איז נישט געווען דער פרומער איינשטעל. מיט גראָשנס האָט מען באַוויזן איינצוטיילן פאַר די טאָג־טעגלעכע הצטרכותן און אָפּשפּאָרן עפּעס מער לכבוד די שבת און יום־טוב׳דיקע סעודות.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך געקאָרמעט מיט טרוקענע שפּייזן, אָן פולער נאַרונג, שבת און יום־טוב האָט מען עס גוט געמאַכט מיט אַ ביסל פעטס, וואָס דער קערפּער האָט עס אין זיך אַריינגעזאַפּט.

בלויז געציילטע האָבן זיך געקענט דערלויבן אויך אינדערוואָכן צו עסן אַ שטיקל פלייש, וואָס זאָל געבן די נויטיקע וויטאַמין־נאַרונג. — די קינסט־לערישקייט פון די אָרעמע מאַמעס איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם צו קאָנען מאַנעווורירן זייער קאָך־קונסט מיט די מאָגערע מילכיקע מאכלים, צו מאַכן זיי מיט אַ טעם וואָס זאָל זיך נישט איבערחזר׳ן טאָג־טעגלעך דאָס זעלביקע. פאַר דעם צוועק האָבן זיי געניצט אַ מייערל, אַ ציבעלע, קנאָבל און נאָך אַזעלכע, גוצלעכע, טעם־גן־עדן, הילפסמיטל, וואָס האָט געמאַכט אַ באָרשטש, אָדער אַנדערע שיטערע געקעכצן, צום געשמאַק פאַרן גומען. אַ „וואַרעמס״ איינמאָל אַ טאָג איז געווען במקום־יאַכלעך און הונגעריקע קינדער האָבן

זיך דערמיט פּאַסמאַקעוועט. אַ הערינג איינמאָל אין אַ יובל, וועלכן מ׳האָט צעשניטן אויף 8 שטיקלעך האָט געדינט פאַר 8 עסערס אין דער פאַמיליע.

הכלל: דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, ווי אַזוי אונזערע מאַמעס האָבן זיך געספּראַוועט מיט זייער באַלעבאַטישקייט. אַחוץ עסן זיינען אויך געווען הויז־זאַכן איבער וואָס יידישע מאַמעס האָבן באַדאַרפט זאָרגן: צערעוועץ און לאַטען, אַזוי לאַנג מ׳האָט געקענט אויפהאַלטן אַ זאַק, אַ מלבוש; שכר־לימוד פאַר יינגלעך איז אויך געווען דער מאַמעס זאָרג, אַזוי גוט ווי דעם טאַטנס, אָבער אַלץ איז געטאָן געוואָרן אָן ביטערניש — מיט בטחון.

אַזאַ מוסטער האָבן מיר געהאַט, כמעט, אין אַלע שטעטלעך וואו די אָרעמקייט האָט געבושעוועט, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער ענין. איך וויל איצט באַרירן דאָס איינגעשטעלטע קהל־לעבן.

* * *

אין מיין צייט, ביז צו מיין 16טן לעבנסיאָר, ווען כ׳האָב זיך געפונען אין מיין געבוירן־שטעטל קאַרטשין, איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון אַן ערך 300 משפחות.

עס איז דאָרט געווען אַ רב, אַ דיין, צוויי שמשים, צוויי שוחטים, אַ חזן, אַ בית המדרש און אַ שול. אויך אַ בעדל, מיט צוויי אָפּטיילונגען: איין העלפט פאַר אַ שוויצבאָד און די אַנדערע מיט וואַרעמע וואַנעס, פאַר אַזעלכע וואָס קענען קיין שוויץ נישט פאַרטראָגן און פאַרן איידעלן מין, פאַר טבילה.

ביידע האָבן געהאַט מקוואות: די ערשטע פון קוואַל־וואַסער אַ קאַלטע, און די צווייטע אַן אָנגעוואַרעמטע.

דאָס בית המדרש האָט געניצט אַ גאַנצע וואָך פאַר אַלע דאַווענערס פונעם שטעטל. אין דער פרי האָבן זיך מנינים געביטן פון כעלות־הבוקר ביז צום ענד פון זמן־שחרית לויט דער צייט ווען איינער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען דאַווענען. פאַרפעלט האָט כמעט קיינער נישט. אויסער אַ חולה, אָדער איינער וואָס איז געווען אונטערוועגנס און האָט געמוזט דאַווענען ביחידות. פאַרנאַכט, צו מנחה־מעריב, איז שוין געווען אַ גרויסער עולם מיט אַ מאָל, ווייל די צייט פון דאַווענען איז געווען באַשטימט: בין־השמשות. שבת און יום־טוב איז שוין געווען אָפּגעטיילט אַ גרויסער טייל באַלעבאַטים וועלכע האָבן געדאַווענט אין דער שול. קיין אַנדערע קלייזלדיקע חברות האָבן אין מיין צייט נישט עקזיסטירט.

דאָס בית המדרש איז געווען גרויס געבוג אַריינצונעמען אַלע דאַוונערס פונעם שטעטל, אָבער אויף וועלכן עס איז אופן האָבן יידן געמוזט האָבן אַ שול וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן אַזוי, אַז מ׳האָט אפילו נישט באַדאַרפט קיין מזוזה, און פונדעסטוועגן האָט זיך דאָרט גראָד גרופירט דער פשוט׳ער עולם — נישט דער באַלעבאַטישער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען איז אומפאַרשטענדלעך.

אַ גאַנצע וואָך האָט די שול געפוסטעוועט, אָבער שבת און יום־טוב האָט מען דאָרט נישט פאַרפעלט צו דאַוונען, אפילו אין די גרעסטע קעלטן. עס איז אָנגענומען אַז אַ שול טאָר מען נישט באַהייצן, און אין דעם נישט געענדיקטן צושטאַנד, אין וועלכער די קאַרטשינער שול האָט זיך געפונען, איז עס ממש געווען אַזוי קאַלט ווי אין דרויסן. אין די פראָסטיקע־טעג זיינען די תפילות געגאַנגען פון מויל מיט פאַרע פון קעלט — נישט פון התלהבות. אַזעלכע הייסע דאַוונערס זיינען דאָרט נישט געווען, אַז ס׳זאָל פון זיי אַרויס־ברענען פון אינווייניק, אָבער פאַרפעלט צו קומען מתפלל־זיין האָט קיינער נישט. אַ שוואַכע, נישט אויסגעהאַלטענע נאַטור, איז העכסטנס אַריינגעלאָפן אין בית־המדרש, אָנגעהויכט זיך מיט אַ ביסל וואַרעמקייט און צוריקגעלאָפן אין שול צו פאַרענדיקן די תפילות.

צווישן די שול־יידן האָט זיך אויסגעפיקט אַן אייגענער בעל־תפילה, מיכאל קירזשנער, וואָס איז אויך געווען אַ בעל־קורא, און אַ כל־ולך. ער האָט געטאָן זיין עבודה גאַנץ ערנסט. — ער האָט עס געטאָן אין דעם זין, פון במקום שאין אנשים, השתדל להיות איש. אַזוי ווי קיין אַנדערער דאָרט איז נישט געווען צו שטעלן זיך פאַרן עמוד אָדער לייענען די תורה, האָט ער זיך געפלייסט און עס באַוויזן. קיין פירוש־המילות האָט ער נישט געקאַנט, אויך דער טראָפּ זיינער איז נישט געווען ווי פון מעשה אמת׳ן בעל־קורא, דאָך האָט ער נישט געבלאָנדזשעט אינעם אויפזוכן די פרשות און וואו זיך אָפּצושטעלן ביי די עליות. ער האָט זיכער שווער געהאָרעוועט דאַרויף ביי אַיעדער סדרה אינעם חומש׳ל, אָבער ער האָט עס באַוויזן.

אין דער באַציאונג איז ער געווען אַן אויסנאָם פון זיין היבשער משפחה, וואָס קיין לומדים האָט זי פון זיך נישט אַרויסגעגעבן. זיין פאָטער, ברידער, אָנקל און קאָזינס — קיינער פון זיי איז ניט געווען קיין יודע־ספר.

בלויז ראש השנה און יום־כיפור האָט דער חזן — וואָס איז שוין געווען אַלט און הייזעריק — געדאַוונט מוספים אין שול. אויך כל־נדרי און נעילה איז געווען זיין עבודה. פון די צייטן ווי איך געדענק האָט ער אַ גאַנץ

יאָר קיין אַנדערע קהל׳שע שליחות נישט געהאַט. מסתמא פריער, אין זיינע יונגע יאָרן, האָבן אויך די בית־המדרש־באַלעבאַטים פון אים הנאה געהאַט.

די מעלה פון די שול־דאַוונערס איז געווען וואָס אַ גאַנץ יאָר, אפילו אין די צוויי טעג ראש השנה, האָבן זיי זיך אָפּגע׳פּטר׳ט מיט זייערע תפילות שנעלער ווי אין בית המדרש. ווען אין בית המדרש האָט מען נאָך געהאַלטן ביים לייענען, אין אַ געוויינלעכן שבת, זיינען די שול־יידן שוין געגאַנגען מיט זייערע טליתים און סידורים אַהיים. קיין גאָרגלען זיך מיט ניגונים האָט מען ביי זיי נישט געהערט, אָבער האָבן געדאַוונט פונעם זעלביקן סידור ווי אין בית המדרש און גאָרנישט פאַרפעלט דערפון — אויפן נוסח־ספרד, וואָס איז געווען פאַר אַלעמען גלייך.

הכלל: דאָ האָט מען נישט באַדאַרפט אָנקומען צו די מיוחסים׳דיקע יונגעלייטלעך, אָדער אַזעלכע וואָס איז זיי געווען אונטערן כבוד צו דאַוונען צוזאַמען מיט „פּראָסטאַקעס״.

אָבער די זעלביקע פּראָסטאַקעס האָבן גורם געווען אַז די שול זאָל נישט פוסטעווען אַ גאַנץ יאָר. מ׳האָט זי דאָך פאַר אַ הייליקן צוועק אויפגעשטעלט! אמת איז, אַז די קהילה האָט נישט באַוויזן די שול אויסצופּוצן. זי איז קיינמאָל נישט אויסגעטונקעוועט געוואָרן; מ׳האָט פון אינעווייניק געזען די קאָנסטרוקציע פונעם געהילץ, די קראָקוועס, בעלקעס, אויף וועלכן דער שינדל־דאָך איז געווען; אויך דער דאָך איז שוין געווען געלעכערט און אַ סך פּלעצער, וואו אין אַ רעגנדיקן טאָג האָט מען זיי באַדאַרפט אויסמיידן — נישט דאָרט זיך צו שטעלן „שמונה־עשרה״, אפילו קיין פּאָדלאָגע איז דאָרט נישט געווען.

ווי לאַנג דער בנין האָט אַזוי עקזיסטירט, נאָך פאַר מיינע צייטן, איז מיר אומבאַקאַנט. אָבער אַז זי האָט געהאַט די אייגנשאַפט פון אַלע שולן אין אַזעלכע שטעטלעך: אַז מתים האָבן דאָרט געדאַוונט יעדן „חצות״ אינדערוואָכן, און ס׳איז געווען אַ סכנה פאַר קינדער און דערוואַקסענע אין דער צייט צו זיין נאָענט אין אירע ד׳ אמות, דאָס האָט קליין און גרויס געוואוסט.

אַלע מעשיות וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער לעגענדע, אַז ווען „זיי״ רופן אויף צו דער תורה אַ לעבעדיקן, וואָס איז דעמאָלט נאָענט פון דער שול, מוז מען גיין עולה־זיין, אָבער ביים אַרויסגיין צוריק דאַרף מען גיין הינטערוויילעכץ — ווען נישט בלייבט מען שוין אַ „זייערדיקער״.

אין אונזער שול האָט זיך טאַקע געלייגט אויפן שכל אַז אין איעדער שפּאַרע פון צווישן די צעבראָכענע ציגל איז פאַרשטעקט אַ „נישט־גוטער״.

דאָרט האָבן „זיי״ געהאַט גענוג פּלעצער וואו זיך איינצונעסטעווען. אויף גלאַטיקע ווענט איז נישט זייער טבע צו הויזן. אָבער די אָרעמע נשמות האָבן נעבעך געזוכט זייער תיקון און ווייכהערציקע האָבן מיט זיי מיטגעפילט.

בייטאָג האָבן זיי קיין שליטה נישט געהאַט אָבער אינמיטן דער נאַכט איז געווען זייער צייט, זיך מיט אַ לעבעדיקן בשר־ודם אַ ביסל אַ שפּיל צו טאָן. כאָטש אַזאַ מין לצנות האָבן זיי זיך געקענט דערלויבן. אין זייערע גילגול־אסיפות האָבן זיך אפשר אויך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אין מאַנכע לעבעדיקע נפשות געוואָלט נוקם זיין, האָבן זיי עס געטאָן ווען ס׳האָט זיך זיי געמאַכט אַ געלעגנהייט. — האָבן זיך יידן דערפון געהיט. מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן!

דאָס זעלביקע פּאַרהויז וואָס האָט געפירט צום בית המדרש האָט אויך געפירט צו דער שול. און מתמידים, לערנערס אין בית־המדרש אין דער „סכנה־צייט״ האָבן נישט געוואָלט „נכשל״ ווערן. פאַר 12 אַזייגער ביינאַכט האָט מען פאַרמאַכט די גמרא און געגאַנגען אַהיים.

* * *

אַחוץ וועגן שרעטאַלעך און שדים האָבן אויך יידן געהאַט לעבעדיקע פּראָבלעמען. אַלערליי פּרנסות האָבן זיך געקייטלט איינע אין דער צווייטער, מיט קאָנקורענץ דאָ און דאָרט. ס׳איז אָבער ווייניק געקומען צו עפנטלעכע אויסבראָכן. אין אַלגעמיין האָט איעדער אַלץ צוגעשריבן צו זיין מזל. ספּעציעל אין אַ מקום־קדוש האָט קיינער נישט געוואַגט צו באַרירן פּרנסה־ענינים פון בין־אדם־לחברו. דאָרט זיינען אַלעמענס געבעטן געווענדעט צום רבש״ע, וואָס באַזאָרגט אפילו אַ ווערימל זיין הצטרכות, דאַרף ער דאָך דעם בשר־ודם אוודאי נישט פאַרזען. מ׳דאַרף בלויז בעטן און עס ביי אים פאַרדינען.

אָבער ס׳האָט זיך דאָך געטראָפן ווען איינער אַ הילפלאָזער, אַ באַ׳עוול־טער פון אַ תקיף, האָט זיך קעגן אים קיין עצה נישט געקענט געבן. צי ס׳איז געווען אַן אַרבעטער קעגן זיין באַלעבאָס, אָדער אַנדערע אומ׳ברחמנות׳־דיקע האַנדלונגען בין־אדם־לחברו, וואָס איז אפשר רעכט לויטן דין, אָבער נישט יושר׳דיק. אין אַזאַ פאַל האָט דער געקריוודעטער נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיך צו ווענדן צו דעת־הקהל.

און איך געדענק, נאָך אַלס קליין יינגל, אין אַ שבת ביים לייענען די סדרה פון דער וואָך, איז איינער אַ ייד צוגעגאַנגען צום שולחן און געגעבן אַ קלאַפּ דאַרויף און געזאָגט: איך בין מעכב־הקריאה!

באַלד איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע: ווער, וואָס, ווען? אַזאַ זאַך! מ׳דאַרף נישט שוויגן! פון אָנפאַנג האָבן אַלע געטאַפּט אין דער פינצטער, אָבער ווי־ניט־איז האָבן זיך אייניקע אָריענטירט אין וואָס עס האַנדלט זיך; ווער דער צווייטער צד איז, צוליב וועמען דער ערשטער האָט באַשלאָסן צו אַזאַ אָפענעם אַקט.

עס האָבן זיך געיאָוועט נאָענטע צו ביידע צדדים, צוערשט מיט אַנדייטונגען און צוביסלעך מיט אָפענע דיבורים. האָט מען אויסגעפונען, אַז דער „תקיף" איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן, אָבער „שבת וועט מען דאָך נישט ריידן וואָכנדיקע ענינים!" „איה"ש אין דער וואָכן וועט מען שמועסן". ס׳האָבן זיך אָנגעבאָטן בוררים וואָס ביידע צדדים האָבן אויף זיי מסכים געוועז און מ׳האָט געגעבן אַ וואונק, אַז מ׳מעג שוין ווייטער לייענען.

אפילו דער שטאַרקסטער עקשן האָט אין אַזאַ פאַל געמוזט ווערן אַ ביסל ווייכער. ווען אַ גאַנצע עדה יידן קוקן אין זיין ווינקל מיט פאַרוואורפסבליקן וועט ער דאָך מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט ניט באַשטעטיקן זיין אכזריות, און ווער וויל דאָס אַלס אַ רשע באַצייכנט ווערן? און אויסהונגערן אַ גאַנצע עדה יידן צוליב זיין קאַפּריז איז דאָך אויך נישט מענטשלעך. הכלל: ער האָט געמוזט מרוצה ווערן און זיך בייגן.

אמת ער האָט אויך זיינע גערעכטע טענות, אָבער שבת טאָר מען דערפון נישט רעדן. איה"ש אין דער וואָכן וועט ער זיי אָרויסלייגן אָבער זיין אונטערוואַרפן זיך דעם פּסק וועט ער נישט ענדערן. נישט קשה, ער האָט נאָך אַלץ אַ יידיש האַרץ. דעם קיצור־של־יוד וועט ער פאַרבייגן נישט צו זיין אַ שופך־דמים.

נאָך אַזאַ מין סצענע, וואָס האָט געדויערט געציילטע מינוטן, האָט מען געזען דעם מאָראַלישן כח פון דעם שוואַכן, דעם אָרימאַן, לגבי דעם שטאַרקן, דעם גביר. אָן באַזונדערע פיזישע אויסברוכן האָט מען זאַכן אויסגעגליכן, ווען ס׳איז שוין געווען: כי באו מים עד נפש, ווען דער געקריוודעטער האָט שוין געזען אַז ער מוז זיך ווענדן צו דער עפנטלעכקייט.

ווייניק זיינען אַזעלכע זאַכן פאָרגעקומען. מייסטנס זיינען זיי געשליכטעט געוואָרן אויף אַ שטילן אופן, אָבער ווען ס׳האָט שוין דערצו געמוזט קומען האָט מען עס אויסגעגליכן אויף אַ יידישלעכן וועג.

איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן ווי ס׳וואָלט געווען ביי די אומות־העולם, ווען אינמיטן אַ צערעמאָניע, מיט זייער הייליקייט, קומט איינער, אַ באַ׳עוול׳טער, אַרויס מיט אַזאַ „קלאַפּ אין טיש" לגבי איינעם אַ חשוב׳ן

מיטגליד אין זיין געמיינדע. אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה פּאַסירט עס היינט טאָג־טעגלעך אין דער עפנטלעכקייט, אָבער עד־היום וואָלט עס ביי זיי געווען אַ פאַרשוועכונג פון זייער הייליקטום, ווען איינער דערלויבט זיך עס צו טאָן אין זייער בית־תפילה. מיר האָבן דערין קיין פאַרשוועכונג נישט געזען. פאַרקערט: דערמיט איז מען מאָראַליש געוואָרן דערהויבן. אַלע זיינען אָרום־געכאַפּט געוואָרן מיט אַן אחריות אַזוי ווי זיי וואָלטן אַליין געווען מיט־באַטייליקטע אין אַן עולה וואָס ווערט באַגאַנגען אין זייער קהילה.

אַזאַ סאָרט איינשטעל האָט אונז געבונדן אין אַלע גלות׳ן און אינעם ערגסטן מצב. און אַזאַ סאָרט מוסטער איז אַ ביישפּיל פון גייסטיקער דער־גרייכונג פון אַ גאַנצער קהילה.

יענעם שבת געדענקט זיך ווי מ׳האָט דעם מוסף אָפּגעכאַפּט אויף שנעל און אַלע זיינען אַהיימגעגאַנגען צופרידענע אַז מ׳האָט אויסגעמיטן עפנטלעכע סקאַנדאַלן. — מיט אַזאַ מין ייִדישקייט מעגן מיר שטאָלצירן.

פאַרשוועכט די מזרח־וואַנט

די מזרח־וואַנט האָט געהערט צו די מיוחסים פונעם שטעטל. מייסטנס זיינען די מזרח־וואַנט־באַלעבאַטים געווען די קלענערע און גרעסערע גבירים: אַ שענקער, אַ סוחר, אפילו אַ זייגער־מאַכער, אָבער נישט קיין פשוט׳ער בעל־מלאכה. אַן איידעלער ייד, אַ שטיקל יודע־ספר, האָט אויך געהאַט אַ באַרעכטיקונג צו דער מזרח־וואַנט. עס מאַכט זיך אַמאָל וואָס איינער קען קוים אָפּדאַוונען פונעם סידור און מעביר־זיין די סדרה, און דאָך האָט ער זיין בכבוד׳יקן פּלאַץ „אויבן־אָן״, אָן זייטיקע תרעומות, אָבער אַזאַלכער דאַרף זיך דערדינען דערצו דורך אַנדערע מיטלען, ווי: צדקה, גמילת־חסדים, הכנסת־אורחים און נאָך אַזעלכע מעלות, וואָס באַרעכטיקן אים צו אַ העכערער מדריגה פון כבוד. פאַרשטייט זיך, אַז אפילו אַ ייד אַ בן־תורה גייט אויך נאָר דעמאָלט אַריין אין דער מזרח־וואַנט־קאַטעגאָריע, ווען דאָס מזל שפּילט אים צו צו קענען זיך קויפן אַזאַ „שטאָט״ צווישן די יחידי־סגולה. — אָבער גלאַט זיך אַרויפכאַפּן אויף דער מזרח־וואַנט אָן באַזונדערן זכות, מעשה־חוצפה, האָט דאָס איידעלע יידישע אויג נישט געקענט פאַרטראָגן.

דורך ירושה — און נישט גראָד דורך אייגענעם יחוס — קען מען אַמאָל ווערן אַ מזרח־וואַנט־באַלעבאָס, אַז דער אַרומיקער עולם זאָל עס אַראָפּשלינגען אין גוטן מוט. און אַזוי איז טאַקע געווען מיט בנימין, חיים׳ס זון, דער יורש פון אַ מזרח־וואַנט־באַלעבאָס, וואו ער איז געזעסן צווישן די שיינע באַלעבאַטים אָן באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. יחוס־עצמו׳ניקעס זיינען גראָד געווען אַנדערע מער פון אים, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען פאַרן אויבן־אָן.

מאַכט זיך אָבער, אַז בנימין חיים׳ס ווערט אַ יורד און מוז גיין זוכן פרנסה אין אַן אַנדערער מדינה. אַלץ האָט ער אויספאַרקויפט און בלויז די מזרח־וואַנט־שטאָט איז אים געבליבן, פאַר וועלכער ער האָט געזוכט אַ לייטישן קונה. קיינער פון די פאַסנדיקע באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט איינגיין אויפן מקח, און, באין־ברירה — ווען ער האָט איינגעזען אַז צוריק קיין קאַרטשין וועט ער מער נישט קומען — האָט ער באַשלאָסן עס צו פאַרקויפן ווער דער קונה זאָל נישט זיין.

נתן־נאָטע, דער קצב, נישט קיין בן־תורה און נישט פון די געהויבענע קונים, איז דאָסמאָל געווען דער זוכה־בקנין. פון קויפן און פאַרקויפן בהמות און פלייש — מ׳שטיינס געזאָגט — האָט ער קיין גרויסע פּרנסה נישט געהאַט. זיינע זין אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן דאָרט חתונה געהאַט מיט שיקסעס — וואָס איז פאַר אַלעמען געווען אַ סוד — האָבן אים, הפּנים, אַרויסגעהאָלפן, האָט ער זיך געקענט לעבן באַלעבאַטיש.

נתן־נאָטע האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן ריין אין ענין מלבושים, אָבער צוליב דער געשעעניש, אַרויפשטייגנדיק אויף דער מזרח־וואַנט, האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַ נייער בעקעשע, אַ ניי שטריימל, אין אינאַיינוועגס האָט ער זיך שוין זאָרגפעלטיק צוגעקעמט די באָרד, און אויך זיינע פּאות אויף „פלעשלעך״, מיט פלוימען־יויך פאַרקרייזלט, אַז ס׳זאָל אים געבן אַ שטיקל חשיבות, מיט אַ באַלעבאַטישן אויסזען. — אויבנאויפטיק האָט ער גאָרנישט באַדאַרפט פאַרשעמען, מיט זיין הולך, די „פּני״ פון דער מזרח־וואַנט.

ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטאָט פלעגט ער באַדאַכט, פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק זיך אַרונטערלאָזן אויף זיין זיץ־פּלאַץ, אַז ס׳זאָל זיך, חלילה, פון הינטן נישט מאַכן קיין אומגעווינשענע קנייטשן אויף זיין מלביש — ס׳זאָל אָנהאַלטן די גלייכע פאָרם. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט פאַרגינען צו זיצן אויפן גאַנצן געזעס, ס׳זאָל זיך נישט טרעפן וועלכער עס איז מכשול מיט זיין בגד, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן מיט אַריסטאָקראַטישער באַהויכונג. — אַ דערהויבענער צו דער מזרח־וואַנט דאַרף מען האַלטן שטאַט, מיט פּינקטלעכקייט: מפּנים־ומאחור.

זיין פּנים האָט געוויזן, אַז ראשו־ורבו איז זיך באַוואוסט פון זיין נתעלה־ווערן צו אַ מזרח־וואַנט־בעל־הבית.

זייענדיק שוין אַ מזרח־וואַנט־ייד האָט זיך נתן־נאָטע אַביסל אָפּגעגעבן מיטן טייטש־חומש, וואו ער האָט דערטאַפּט אַ שטיקל תורה־זאָג, האָט ער זיך דערמיט געוואָלט באַווייזן פאַר זיינע שכנים.

משה זאַק וואָס איז אַליין געווען אַן אַרויפגעכאַפּטער אויף דער חשוב׳ער באַנק, אָן באַזונדערן יחוס־עצמו, אָדער ספּעציעלע אַנדערע מעלות, האָט דערפילט אַז זיין צוגעקומענע שכן, נתן־נאָטע, האָט אים אַביסל אַרונטערגעזעצט פון זיין דערהויבענער גדולה, און ס׳האָט אין אים געזאָטן דער כעס, הלמאי ס׳איז אים באַשערט צו זיצן אין שכנות מיט אַזאַ „בן־אדם״! זיין אייגענע דערוואָרבענע חשיבות איז אַרונטערגעפאַלן מיט אַ פּאָר שטאַפּל נידריקער צוליב דעם, אַז ער האָט זיך מער קיין אָרט נישט געקענט געפינען, מיט

נתן־נאַטע׳ס שכנות איז שוין די מזרח־וואַנט געוואָרן אויס יחוס — נו, וואָס איז שוין דער חילוק וואו מ׳דאַוונט? אפשר, האָט ער זיך געטראַכט, איז שוין בעסער צו דאַווענען מיט אַ געבראָכן געמיט הינטערן אויוון אידער זיך כסדר צו גריזשען ביי די תפילות וואו מ׳דאַרף זיך אַליין לייטערן?! — זיין שכן׳ס „תורות" האָבן אַביסל אַרויסגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן זיין באַשלוס. איינמאָל האָט ער אים אונטערגעטראָגן אַ פסוק: „ושבו בנים לגבולם" מיט אַ „טיפזיניקער" אָנצוהערעניש אויף זיך אַליין, אַז: דער פריריקער הינטערן־אויוון־באַלעבאָס האָט איצט געקראָגן דעם ריכטיקן תיקון — מיט דעם אויבן־אָן, וואו ער געהערט.

און אין אַזאַ גריזאָטן צושטאַנד, ווען ס׳איז שוין משה זאַק׳ן אַריבער־געגאַנגען די „מאָס", ער האָט זיך שוין נישט געקענט העלפן, איז ער — אָן עפעס צו זאָגן — צוגעגאַנגען צו נפתלי דעם שטאָט־נאַר און משוגענעם, וואָס האָט געדאַוונט ביים אויוון, און האָט אים אַרויפגעפירט צו זיין פלאַץ אויף דער מזרח־וואַנט און אים אַנגעוויזן: „נאַ, זיץ...!"

די מאָמענטאַנע דעמאָנסטראַציע לגבי זיין נייעם שכן האָט אַביסל איינגעשטילט משה זאַק׳ס כעס און גריזאָטע. וואָס ווייטער ס׳האָט פאַסירט אינעם געמיט פון די צוויי נייע שכנים, מיט אַלע אַרומיקע, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען, איז אַ ענין וואָס וועט ער ערשט אויפגעדעקט ווערן נאָך ביאת־המשיח. — צו קיין גרעסערע סקאַנדאַלן איז עס נישט געקומען.

צום שבת פון נתן־נאַטע׳ס שנורן — די שיקסעס — ווילט זיך זאָגן, אַז: בעת דעם אָנפאַנג פון די היטלער־דעקרעטן, ימ״ש, ווען מ׳האָט די נישט־דייטשע יידן געגעבן אַ געלעגנהייט עוקר צו זיין פון דעם טמא׳דיקן דייטשלאַנד, זיינען נתן־נאַטע׳ס שנורן מיטגעפאָרן מיט זייערע מענער קיין קאַרטשין. דאָרט האָבן זיי געפינען דעם גורל פון אַלע קדושים־קרבנות. — ווען אפילו נישט דירעקט דורך די היטלער־משחיתים, האָבן זיך די פּאָליאַקן אין זיי נוקם געווען, און זיי פאַרשיקט אויף אַן „אַנדערן וועג" — נישט דורך „ציווילי־זירטע" גאַז־אויוונס — צו זייערע מענער אין „גן־עדן". אויף אַזאַ אופן האָבן די „בעסערע" פּאָליאַקן באַוויזן זייער ביישטייער צו שנאת־ישראל, צו די יעניקע וואָס האָבן געהאַט די חוצפה, אפילו אין די נאָרמאַלע צייטן זיך צו פאַרבינדן מיט אַ יידן.

פאַר אַזאַ זינד זיינען די מערדער, פון זייערע צאַצקעדיקע שותפים־בהריגות, נישט באַשטראָפט געוואָרן. — די חיה־רעות האָבן זיך שוין געקענט אויפן וואונק אין אַזעלכע זאַכן. ימ״ש.

אַ יידישער בריווטרעגער

(דערציילט פון מרדכי שיף, ירושלים)

ר׳ זלבן לייב דען, ווען ער האָט נאָך אָנגעהאַלטן זיין פּאָסט־אָפיס־שטעלע, אַלס בריווטרעגער אין קאַרטשין איז ער שוין געווען אַן אַלטער ייד.

אויסערלעך האָט ר׳ זלמן לייב אויסגעזען ווי אַלע אַנדערע יידן פונעם שטעטל. אינדערוואָכן איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן מיט אַ בעקעשע געטראָגן אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש, געהאַט באָרד און פּאות; שבת און יום־טוב איז דאָס שטריימל מיט דער זיידענער קאַפּאָטע געווען זיין טראַכט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ביי אונז, נאָך חופה־וקידושין. קיין סימן פון אַ „רעגירונגס־קנעפּל" איז אויף אים נישט געווען. קיין בריוו האָט ער שבת און יו"ט נישט געטראָגן.

מוצש"ק און מוצאי יו"ט, און אַמאָל זונטאָג פרי, פלעגט ער צוטראָגן פּאָסט וואו ס׳איז געווען נייטיק.

מיט ר׳ זלמנ׳ען איז אָבער געווען אַ פּראָבלעם, וואָס ער האָט קיין לאַטיינישע אותיות נישט געקענט לייענען, און קירה („קיסר ירום הודו") האָט דעמאָלט נישט בדעה געהאַט, צוליב קאַרטשין, איינצופירן אינגאַנצן אַ יידישע פּאָסט. — האָט מען זיך אַן עצה געגעבן: דער פּאָסט־דירעקטאָר (אָדער איינער פון זיינע אָנגעשטעלטע) האָט פאַרגעלייענט ר׳ זלבן לייבן די נעמען פון אַיעדן בריוו, קאַרטל, אָדער אַ קליין פּעקל, צו וועמען ס׳איז געווען אַדרעסירט, און זלמן־לייב האָט דאָרט אויף אַ זייט, פון אַיעדער זאַך באַזונדער, פאַרצייכנט מיט יידישע אותיות, און אַלץ איז אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אָרט. ער האָט נישט פאַרדרייט די יוצרות.

אַזוי לאַנג ווי ר׳ זלמן לייב איז געווען דער בריווטרעגער אינעם שטעטל, איז ער געווען, כמעט, די נשמה־פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אייגענע בלוט און פלייש מעבר־לים, קינדער פאַרוואָרפענע אין דער פרעמד, און אַזוי גלאַט משפחה, וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן איינער פון צווייטן צוליב הייראַט, אָדער פרנסה — איז ר׳ זלמן לייב געווען דאָס פאַרבינדונגס־טירל, וואָס האָט זיי שריפטלעך פאַראייניקט. ס׳איז דאָך געווען אַ וועלט וואו קאַרטשין האָט אויך אינוועסטירט

איר חלק, און אַ בריוול, אָדער עפּעס ממשות׳דיקעס האָבן געטאָן זייער שליחות. און מ׳קען זאָגן, אַז ר׳ זלמן לייב איז געווען אַריינגעטאָן אין אַלעמענס פּראָבלעמען. ער האָט אַלעס געוואוסט און אַלעמענס שווערע הערצער, איז אים נישט געווען פרעמד. ס׳איז פאַראַן אַ סברה, אַז נאָך אידער דער „גוי״ אינעם פּאָסט אָפיס האָט אים איבערגעלייענט די אַדרעסן, האָט ער שוין, בחוש, דערפילט צו וועמען עפּעס געהערט. געוויסע האָפערדיקע קאָרעספּאָנדענצן האָט ער, כמעט, ווי איבערגעלייענט פאַרמאַכטערהייט.

איז נישט קיין וואונדער וואָס ווייבער האָבן פון זיין פּנים געקענט אַרויסלייענען דעם אינהאַלט פון דעם, נאָך איידער ער האָט זיי עפּעס איבער־געגעבן. ער איז פשוט געווען אַ שטיק פון אַלעמענס לייב־און־לעבן.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ר׳ זלמן לייבן אַלס בריוו־טרעגער מעג מען אים אויך דערמאָנען אַלס מכניס־אורח. ווי גרויס די צאָל פון אורחים ס׳פלעגט זיין, האָבן זיי אַלע געהאַט פּלאַץ צו שלאָפן אין זיין היים. דאָס איז געווען זיין „זייטיקע״ מצווה. אורחי־פּרחי האָבן געהאַט וואו איבערצונעכטיקן. — אַלס בריוו־טרעגער האָט ער אָנגעטראָפן יידן וואָס זיינען געגאַנגען אין די הייזער פאַר אַ נדבה, האָט ער זיי איינגעלאַדן פאַר נאַכטלעגער, און אַ סך פון זיי האָבן שוין פריער געוואוסט פון זיין מכניס־אורחים־שטוב.

און ווען זיינע פיס האָבן שוין מער נישט געדינט; ווען צוליב זיין הויכן עלטער האָט ער דאָס אַרומטראָגן די פּאָסט געמוזט אויפגעבן, איז כאָטש פאַר די יידן און יידענעס געווען אַ שטיקל טרייסט, וואָס זיין זון, אלימלך, האָט איבערגענומען זיין פּרנסה. דער זון האָט שוין מער נישט באַדאַרפט אָנקומען צו דער גויישער הילף ווען די אַדרעסן. ער האָט זיי אַליין געקענט איבערלייענען. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דעם זונס נייע שטעלע. דאָס וואָס זיין טאַטע האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבן לאַנג אויף אַ פּריי־מיטיוון אופן, איז עס נישט באַשערט געווען זיין זון אויף אַ לאַנגער צייט. — עס איז בלויז עד־היום אַ וואונדער, וואָס די „קייזער־קעניגלעכע־עסטרייכישע־מלוכה״ האָט פריער באַדאַרפט אָנקומען צו אַזאַ יידן, ווי ר׳ זלמן לייב, אַז די קאָרטשינער פּאָסט זאָל ריכטיק פונקציאָנירן.

פלוצים, אומדערוואַרטעט, באַווייזט זיך אַ הויכער גוי, מיט אַ קאַשקעט און גלאַנציקן דאַשעק אויפן קאָפּ (באַקרוינט מיט אַן עסטרייכישן אָדלער). וואָס האָט געהאַט אַ טאָרבע מיט אַ רימען, אויפגעהאָנגען אויפן אַקסל, פון וואַנעט ער האָט אַרויסגעצויגן בריוו מיט קאַרטלעך און זיך געפרעגט אויף די נעמען, וואָס ער האָט פון זיי אַרויסגעלייענט. — ער איז אַזוי געגאַנגען

מבית־לבית און נאָך געטאַפּט אין דער פינצטער. אַן אָנשיקעניש — נישט דאָ געדאַכט!

ביז דער גוישער „קייזער־און־קעניגלעכער" בריוו־טרעגער האָט זיך אָריענטירט מיט די יידישע נעמען, און וואו זיי צו געפינען, האָט אים גענומען אַ היבשע צייט. קודם־כל האָבן אין קאָרטשין נישט עקזיסטירט קיין אויסגעשפּראָכענע אַפּיציעלע גאַסן. אַלץ איז געווען „הא בהא תליא". מ'האָט געוואוסט אַז דער וואוינט נעבן בעדל, דער נעבן מאַנגל, נעבן גאָדאַלען, דעם בית־המדרש א. ז. וו. אפילו אויף די געשעפטן האָט מען קיין שילד מיט אַ נאָמען נישט געהאַט. טאָמער האָט זיך איינער, אָדער צוויי, געלאָזט מאַכן אַ שילד, האָט ער עס אויך באַדאַרפט ווי בויך־ווייטיק. דער וואָס האָט עפּעס באַדאַרפט קויפן, האָט געוואוסט וואו עס צו קריגן, אַן די אַלע „שאַלאַמויזן". אפילו די שילדן האָבן געהאַט אַ פּרימיטיוון כאַראַקטער, אָבער וואו־נישט־וואו כאַפּט זיך אַריין עפּעס אַ „נישט גוטער" און מ'וויל זיין וועלטלעך".

אַזוי איז אויך געווען מיט די נעמען פון די דורכשניטלעכע באַוואוינער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין געוועלבער אָדער ספּעציעלע פּרנסות וואָס מ'קען זיי מיט אַ שילדל באַהענגען. מ'האָט געוואוסט פון איציק, יאָסעלע, משה, חיים־שמאַיעס; חיה הערש־מייערס; רייזל יידאַלעס; פייגע חיהס; שמערל באַלעגאָלע א.ז.וו. ווער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַ פאַמיליע־נאָמען, וואָס די גוישע וועלט האָט צוגעקלעפּט, אַזוי ווי אַ פּורים־שפּילער, להבדיל? אויפן אַלטן היימישלעכן שטייגער איז געווען מער יידישלעכער.

אָט למשל דער נאָמען „קאָרטשין". אויף גויש האָט עס געהייסן: „קאָרטשינא". זיינען געקומען יידן און אָפּגעהאַקט דעם „אַ" צום סוף און אַזוי עס געכשר'ט. אַזוי אויך מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך: פון „קראָסנאָ" איז געוואָרן „קראָס", פון „סאַנאָק" „סאַניק" און פון אַזאַ שטאָט ווי „רזשעשאָוו" איז גאָר געוואָרן: „ריישע". אַזוי איז עס געבליבן צווישן אייגענע. אָבער דאָרט וואו מ'איז געווען אָפּהענגיק פונעם דרויסן, מיט אַ נאָמען און אַדרעס, האָט מען קיין ברירה נישט געהאַט, און מ'האָט געמוזט שרייבן „וועלטלעך". דערמיט האָט מען אָוועקגענומען די היימישקייט: מ'האָט דערצו אויך באַדאַרפט צוקלעפּן אַ פאַמיליע־נאָמען.

דאָס שטעטל קאָרטשין איז געווען אויסגעלייגט אויף אַזאַ מין אופן, אַז פאַר אַ ייד איז נישט שווער געווען צו אָריענטירן זיך דעריין.

עס איז געווען אַ מאַרק פון דריי זייטן באַוואוינט מיט יידן, מיט זייערע

געוועלבער און וואוינונגען. אין אַ טייל פון הינטער זיי האָבן זיך אויך געפונען הייזלעך, וואָס מאַנכע האָבן געהערט צו דעם פּאַרנטדיקן בעל־הבית פונעם מאַרק, אויף דער לינקער זייט, האָט זיך געצויגן דער וועג צו דער שול, בית־המדרש און ווייט אַריבער אויך מיט יידישע הייזער. הינטערן בית־המדרש און שול איז אויך געווען אַ געסל וואו ס׳האָבן זיך געפונען דאָס בעדל, דאָס דרדקי־חדר, און נעבן זיי און אַנטקעגן־איבער אויך באַוואוינט מיט „אחינו", ביז צוריק, וואו ס׳האָט געפירט צום מאַרק־וועג. אויפן מאַרק־וועג, רעכטס, ביז אַריבער דער וואַסער־מיל איז ווידער געווען באַוואוינט מיט אונזעריקע. די טאַרגאָוויצע (אַזאַ מין מאַרק־פּלאַץ פאַר האַנדל מיט פיר־פיסיקע־באַשעפענישן), וואָס האָט זיך געפונען אויפן וועג פון דער רעכטער זייט מאַרק זיינען אויך געווען אַ פּאָר יידישע פאַמיליעס.

מיט אַלע צוזאַמען, נאָענט צו 200 משפחות, האָט זיך דער גוישער בריוו־טרעגער באַדאַרפט באַקענען, צו וויסן זייערע פאַמיליע־נעמען, ווען ס׳איז אפילו איינמאָל אין אַ יובל אויסגעקומען זיי אויפצוזוכן. באין־ברירה האָבן זיך אויך יידן מיט יידענעס געמוזט מתעסק־זיין מיט זייערע „צוטשע־פּענישן" (די גוישקע פאַרצייכנונג) וואָס מ׳האָט זיי צוגעקלעפּט — וואָס זיי האָבן באַדאַרפט ווי אַ לאָך אין קאָפּ.

אָבער פאַרפאַלן! — אַזוי איז דער גורל.

אַ שטראָף . . .

יויזעפֿ קצב איז געווען, כמעט, דער אָרעמסטער צווישן די שטעטלדיקע קצבים.

מעגלעך אַז זיין אָרעמקייט האָט גורם געווען אַלעמאָל צו וואַרפֿן אַ חשד אויפֿן שוחט ווען ער פֿלעגט געפֿינען עפּעס אַ סירכה אויף אַ געשאָכטענער בהמה, אָדער אויפֿן רב, וואָס פֿלעגט עס טריפֿה מאַכן. — די שאלות האָבן אים, פֿון צייט צו צייט, געקוילעט זיין פּרנסה, און ס׳האָט זיך אָפּגערופֿן אויף זיין געמיט.

מען דערציילט: ווען דער שוחט, וואָס איז געווען אַ גיבור, און יויזעפֿ — גראָד ניט פֿון די געוויינלעך קצבים־שטאַרקע — האָבן זיך געטראָפֿן אונטער־וועגס, איינער גייענדיק פֿון קראָם אַהיים, און דער צווייטער פֿון קאָרטשין אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, האָט אים שלום, דער שוחט, דערלאַנגט אַ „מתנת־יד״ אין פּנים, אַז ער האָט דערנאָך געמוזט גיין אַרומגעוויקלט די באַק מיט אַ פֿאַטשיילע, ביז דאָס געשווילעכץ איז אַראָפּגעגאַנגען. — דאָס האָט געזאָלט דינען ווי אַ וואָרנונג ניט צו פֿאַרטשעפּען דעם שוחט׳ס ערלעכקייט אין שחיטה און אין בדיקה.

אָבער איינמאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז אַ שאלה אויף אַ בהמה האָט יויזעפֿן געבערענגט אין קאָנפֿליקט מיטן מרא־דאתרא אַליין. די מעשה איז געווען אַזוי: — עפּעס אַ געשאָכטענע בהמה ביי ר׳ יויזעפֿן האָט געוויזן סימנים, וואָס זיינען ניט געווען כדבעי, איז ער געגאַנגען, מיט דער שאלה, צום רב, און ער האָט גע׳פּסק׳קנט אויף טריפֿה. איז זיך ר׳ יויזעפֿ מיישב און גייט נאָכדעם מיט דערזעלביקער שאלה צום דיין פֿונעם שטעטל, וואָס האָט ניט געוואוסט אַז דער רב האָט שוין דערויף גע׳פּסק׳נט — און ער האָט עס גע׳כשר׳ט.

לויטן דין איז: אַזוי ווי מ׳האָט עס פֿריער טריפֿה געמאַכט, האָט מען שוין דיזעלביקע בהמה ניט געקענט פֿאַרקויפֿן פֿאַר כשר — אָבער ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע אינעם שטעטל: פֿאַרוואָס ביים רב איז עס געווען טריפֿה און ביים דיין כשר!?

קיין אַנדערע פּוסקים אין דער ק״ק קאָרטשין זיינען ניט געווען, אַז

מ׳זאָל עס קענען אויסלופטערן אין דער אייגענער סביבה. ס׳האָט זיך געפילט עפּעס אַזאַ מין געדריקטקייט אין דער לופט, און מ׳איז ניט געווען קלאָר ווי אַזוי דער ענין וועט זיך ענדיקן. — אָבער פּלוצים, ווי אומדערוואַרטעט, איז אַרונטערגעקומען ר׳ אשר׳ל, דעם רב׳ס זון, וואָס האָט געהאַט אַ כסא הרבנות אין אַן אַנדער שטעטל — און ביים דאַוונען אין די וואָכעדיקע טעג, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, אין בית־המדרש, האָט מען באַמערקט ווי פאַר דער שמונה־עשרה און נאָך דער שמונה־עשרה, ווי ר׳ אשר׳ל איז זיך מפלפל מיט ר׳ מאָטעס דיין, וועגן מפורשים און פּוסקים, וואָס זיינען מקיל און מחמיר, האָט שוין דער עולם פאַרשטאַנען אַז דאָ פאַרטיידיקט ר׳ אשר׳ל דעם כבוד פון זיין טאַטן — דעם רב פונעם שטעטל.

לויט דעם איינגעשטעלטן דרך־ארץ פון אונזער „עיר־הבירה" וואָלט קהל זיך ניט אַריינגעלאָזט אין אַ מחלוקה צוליב אַ טריפה־געוואָרענע בהמה. דער עולם האָט געוואוסט אַז אין „העכערע" זאַכן דאַרפן זיי זיך ניט מישן. ס׳איז אָבער געשטאַנען אין קאָן דער כבוד פונעם פּסק־דין.

אָן באַזונדערן רוגז האָבן זיך די צוויי לומדים איבערגערעדט, בפני קהל־ועדה. יעדעס מאָל ווען איינער האָט זיך דערמאָנט פון אַ פּוסק, וואָס איז נוטה צו זיין זייט, און באַוויזן מיטן גראָבן פינגער, אַז ס׳איז זיך דאָ אויף וואָס סומך צו זיין, האָט מען געזען אַז דער אַנדערער צד נעמט עס אָן פאַר גוט. לויט זייער געמיטלעכן וכוח האָט מען געשפּירט אַז ביידע צדדים קענען זיין גערעכט — אָבער די אומגערעכטיקייט איז במילא געפאַלן אויף דעם שאלה־פרעגער, וואָס האָט נאָך אַ טריפה געמאַכטע זאַך געפרעגט נאָכאַמאָל אַ שאלה.

דער גאַנצער ענין איז שוין, כמעט, ווי פאַרגעסן געוואָרן אינעם שטעטל, ווען פּלוצים, אין אַ שבת, אין בית המדרש, האָט זיך ר׳ יויזעף באַוויזן מיט אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, אָנשטאָט אַ שטריימל, וואָס איז געווען אַן אָנגענומענער מנהג, אַז אַלע חתונה־געהאַטע, פונעם שטאָט־משוגענעם ביז צום רב, להבדיל, זאָלן טראָגן שטריימלעך.

עס פאַרשטייט זיך אַז אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס מוז זיין די שטראָף וואָס איז אויף ר׳ יויזעפן אַרויפגעלייגט געוואָרן, אַז ער זאָל אָפּקומען מיט בושה פאַר זיין באַגאַנגענער טאַט — און ס׳איז טאַקע געווען אַ געוואַלטי־קער אויפרודער אין אַלעמענס געמיט. קיינער האָט, חלילה, ניט אָנגעוויזן מיטן פינגער אַז: כן יעשה ל׳אַזוינעם און אַזוינעם! אָבער אַ ייד מיט אַ קאַפּעליוש אום שבת, איז שוין געווען גענוג אָפּקומעניש פאַר זיך אַליין...

צוויי שבתים אַזעלכע האָט ר׳ יויזעפֿ געדאַרפֿט דורכמאַכן זיין „אינקוויזיציע״־שטראָף, וואָס האָט אים פּאָר אַלעמען פֿאַרשעמט — למען ישמעו ויראו! — אַ פּסק־דין איז ניט הפקר...

די שאַנדע־ה׳קאַפּעליוש האָט אויף ר׳ יויזעפֿן אַזוי געווירקט, אַז אין אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט מען אויסגעפֿונען, אַז ער האָט עוקר געווען קיין אַמעריקע!

די נאָכגעשיכטע פֿון ר׳ יויזעפֿן: — ער האָט אַרונטערגענומען זיין משפּחה קיין אַמעריקע. דאָ איז ער געווען צוערשט אַ קצב אַזוי ווי אין דער היים — נאָטירלעך מיט „בשר כשר״. אויף די עלטערע יאָרן ווען ס׳איז שווער געוואָרן די פּרנסה איז ער געוואָרן אַ משגיח. זיין באָרד האָט ער קיינמאָל ניט געשוירן און זיינע פּאות פֿלעגט ער בלויז אַרויפֿבייגן צום אויער אַז „מענטשן״ זאָל עס זיך ניט צופּיל וואַרפֿן אין די אויגן. אַ לאַנגע בעקעשע און אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש האָט ער אויך געטראָגן. — און דאָס „שטריימל״ פֿלעגט ער בלויז האַלטן פֿאַרשלאָסן אין דעם באַנק־קעסטעלע, צוזאַמען מיט די הייליקע מכשירים. וואו ער פֿלעגט דאַוונען — שבת און יום־טוב פֿלעגט ער עס אויסלופֿטערן אויף זיין קאָפּ.

אין דער „טריפֿה׳נער״־מדינה האָט זיך ר׳ יויזעפֿ מיטן רבש״ע, חלילה, ניט צוקריגט. — אַזוי האָט זיך ר׳ יויזעפֿ אַריינגעלעבט ביז עטלעכע און נײַנציק יאָר... ז״ל.

אַ טראַגי־קאָמישע געשיכטע

(דערציילט פון מעכל האַראָוויץ, פתח תקוה, ישראל)

בערל שמיער, ישראל פינזעלס איידעם, איז געווען אַ קאָך־לעפל אין קאַרטשין. זיין פרנסה איז געווען שניט־סחורה, אָבער, ווי ס׳זעט אויס, האָט ער געהאַט געגוג צייט אַריינצושמעקן דאָ־און־דאָרט, אין געוויסע הייזער, און באַקומען צוטרוי פאַר געוויסע שליחות׳ן און נאָך דערביי פאַר־דינען אַ האַלבע זלאָטע.

אין פוילן איז געווען אַ געזעץ אַז איעדער סוחר, איעדער בעל־מלאכה, האָט באַדאַרפט אַרויסנעמען אַ פּאַטענט (אַזוי האָט מען עס גערופן) פאַר אַ גאַנץ יאָר אַז מ׳זאָל מעגן אָנגיין מיט דעם באַשטימטן האַנדל־און וואַנדל, וואָס איינער האָט זיך דערמיט באַשעפטיקט. דערצו האָט מען באַדאַרפט אויסמאַכן אַ דעקלאַראַציע, אָנגעבן דעם כאַראַקטער פונעם האַנדל, אָדער מלאכה און אויף דעם סמך האָט דער שטייעראַמט אַרויסגעגעבן דעם פּאַטענט, צו מעגן אָנגיין מיט דער פרנסה.

צום סוף יאָר, ווידער האָבן יידן געמאַכט ביטעס צו פאַרקלענערן זיי די שטייערן פונעם אָפּגעלאָפענעם יאָר, און מ׳האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן דאָס דחקות, צו זיין באַרעכטיקט פאַר אַ רעדוקציע.

מ׳האָט געמאַכט אַ „פּראָשעניע", אויפגעקלערט די פאַרדינסטן און אויס־גערעכנט די נויטיקע הוצאות פאַר דער משפחה, אַז ס׳זאָל ווייך־מאַכן דאָס האַרץ פון דעם שטייער־אינספּעקטאָר, וואָס איז דער ממונה איבער די שטייערן, וואָס מ׳דאַרף געבן דער מלוכה.

איינער אַזאַ אָפּשאַצער, אַן אַרמענישער גוי מיט אַ בערדל, מיט שפּיציקע דורכדרינגלעכע אויגן, האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די קאַרטשינער יידן. מ׳האָט זיך באַמיט אים אויסצומיידן, ווי וויט מעגלעך. — ער האָט גראָד געקענט ריידן אַ גוטן יידיש. קיין דאַלמעטשער פאַר אים האָט מען נישט באַדאַרפט, אָבער דערמיט איז ער יידן נאָך מער אַריינגעקראָכן אין דיביינער. אַלע האָבן ביי אים „געשווינדלט", אויף איעדן האָט ער געוואָרפן אַ חשד און האָט אַלעמען באַשוועדט מיט די שטייערן.

אים אויסצומיידן איז ווערט געווען די האַלבע זלאָטע וואָס בערל האָט געקראָגן פאַר זיין שליחות. אַחוץ דעם האָבן ווייבער און גלאָט אַזוי בטלנים, געדענקט, אַז ער ווייסט בעסער ווי אַזוי מיטן „פּריץ" אַרומצוגיין, ווייל ער איז שוין געוואָרן אַ יוצא־ונכנס אין דעם שטייער־ביוראָ. — ער איז שוין געוואָרן אַזאַ מין אינסטיטוציע פאַר געוויסע מענטשן, וועלכע האָבן געדענקט אַז ער ווייסט וואו „אַ טיר עפנט זיך".

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז פּלוני־בן־פּלוני האָט געשיקט מיט דעם שטענדיקן שליח, מיט בערלען, אַ ביטע צו דער באַנק־זאַליטשקאָווע, אין קראָס, אויף אַ הלואה פון 200 זלאָטעס, און אַן אַנדערער מיטן זעלביקן נאָמען, האָט זיך געווענדעט צום שטייער־אַמט צו רעדוצירן דעם שטייער.

אין דער ערשטער ביטע איז געווען אויסגערעכנט אַלע מעלות פון דעם אַפּליקאַנט, אַז ער פאַרמאָגט אַ האַלב הויז, ס'איז פריי פון חובות און אַז זיין געשעפט גייט גוט, און, לכל־הדעות, איז ממש אַ גליק פאַר אַ באַנק־אינסטיטוציע צו האָבן אַזעלכע קונדן, און ער וואָלט געווען דאַנקבאַר, ווען ער קען קריגן די פאַרלאַנגטע הלואה, צו קענען פאַרגרעסערן זיין גוט־גייענדיק געשעפט מיטן כח פון דער אַנלייע — ווי דער „סדר־העולם" איז. די גאַנצע פּראָשעניע איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט בלויז מעלות פון זיין פּרנסה, וואָס פאַר אַ „געשעפטסמאַן" ער איז אַ. ז. וו. עס איז אַ געוויינלעכע פּראָצעדורע און דאָס איבעריקע איז געווענדעט אין דער ליי־אינסטיטוציע עס צו באַשטעטיקן. דערווייל דאַרף מען מאַכן אַ בעסערן איינדרוק. — אַזוי איז דער דרך פון אַ מענטש — אַ סוחר.

אַן ערך אין דער פאָרם האָט מען זיך געווענדעט צו אַ באַנק, ווען מ'האָט באַדאַרפט פון איר אַ טובה.

דאַקעגן אינעם שטייער־אַמט, וואו מ'האָט באַדאַרפט אַרונטערדינגען פון דער סומע, וואָס פאַלט ווי אַ שווערע לאַסט צו דער ביטערער פּרנסה, איז געווען דער נוסח אַן אַנדערער: — דאָ האָט מען אויסגערעכנט די שוועריקייט פון דער עקסיסטענץ, דאָס דחקות, אַז מ'איז אַ מטופל מיט פינף קינדער, מ'האָט אַ קראַנקע ווייב, דאָס געוועלבל געפינט זיך נישט צום פּראָנט ס'זאָל זיין אַן אויסזיכט אַז פרישע קונים זאָלן אים אַמאָל באַגליקן. מ'איז בלויז אָפּהענגיק אויף דעם היימישן פאַרקויף, וואָס ברענגען נישט קיין גרויסע פאַרדינסטן. דאַריבער דער באַרעכטיקטער פאַרלאַנג צו פאַרלייכטערן אים די שטייערן.

די ביטערע לאַגע דערלויבט נישט נאָכצוקומען דעם אָפּשאַץ, וואָס

מ׳האָט אים דערמיט, ביז איצט, נאָך מער באַשווערט. די רעגירונג דאַרף האָבן איינזען מיט אַזאַ איינעם ווי ער, נישט אים צו ברענגען צו קצבה.

אַזעלכע פּראָשעניעס האָבן געהאַט דעם כאַראַקטער פונעם אייגנטימער ווער ס׳האָט זיי געשיקט, און אויך לויט דער פעאיקייט פונעם שרייבער, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעשטעלט. — אויך דער וואָס האָט זיי פּערזענלעך איבערגעגעבן, האָט אַמאָל אויך געקענט האָבן אַ שטיקל איינפלוס. — ס׳איז אַלץ געווענדעט אין מזל.

אַלץ איז דאָך, מייסטנס, אָפּהענגיק אין דער שטימונג פונעם „פּריץ״, וועלכער האָט דאַריבער צו באַשליסן. — אַ קאַליע־מאַכער, אַ רשע, וואָס וויל בלויז יידן שלעכטס טאָן, רירן נישט אַזעלכע זאַכן. אָבער, אַמאָל, מיט דער הילף פון איינעם, וואָס ווייסט יענעמס שוואַכע זייטן, קען עס אַמאָל געלונגען.

אין די „נאַרמאַלע״ עת־צרות האָבן דאָך יידן אַלעמאָל געזוכט אַ ווייך־האַרציק טירל צו קענען אַפּעלירן פאַר יושר און גערעכטיקייט. ווען נישט וואָלט דאָך געווען כלו־כל־הקצין: גיי און ניי זיך אַ טאַרבע און ווער אַן ארחי־פרחי, אָדער טו זיך אָן אַ מעשה און פאַרליר ביידע וועלטן!

אַ ייד איז געוואוינט צו אַפּעלירן צו די הימלישע, און, להבדיל־אלף־הבדלות, צו די ערדישע אינסטאַנצן, וואָס האָבן צו באַשטימען זיין גורל. — מען אַפּעלירט פאַר רחמים.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער שטן און אַלץ צעשטערט: דער שליח פון די צוויי ביטעס, בערל שמיער, האָט פאַרביטן די יוצרות: דאָס וואָס ס׳איז געווען געווענדעט צו דער באַנק האָט ער איבערגעגעבן אין שטייער־אַמט, און פאַרקערט: די אַפּעלאַציע צום שטייער־אַמט האָט ער איבערגעגעבן צו דער באַנק.

אויף די קאָנווערטן פון די 2 פּראָשעניעס איז בלויז געווען פאַר־צייכנט די נעמען פון די יעניקע וואָס שיקן עס צו די צוויי אינסטאַנצן. בערל האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין אינטואיציע, וואָס האָט אים ביז איצט נישט פאַרפירט. אָבער דאָס מאָל האָט עס דער גורל געוואָלט אַז ביידע ביטעס זאָלן אָנקומען אויפן נישט ריכטיקן אַדרעס.

און דער שפּיצל פון דער השגחה האָט געאַרבעט אין דער פאַרקערטער ריכטונג: די באַנק האָט די הלואה נישט געגעבן און דער שטייער־אַמט האָט פאַרגרעסערט דעם שטייער פון דעם „באַרימער״ מיט זיינע גרויסע „גליקן״.

די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן אין בית־המדרש בין מנחה־למעריב, אין אַ פּראָסטיקן טאָג, וואָס איז געוואָרן דער „הייסער" געשפּרעך צווישן יידן, וואָס האָבן געזוכט זיך אין עפּעס אָנצואוואַרעמען. — האָט מען עס געטאָן אויפן חשבון פון בערלען כאָטש פאַר די צוויי געליטענע איז עס שוין גאָרנישט געווען קיין פריילעכע מעשה. ער ווידער האָט געהאַט אַ הלצה׳דיקן ענטפער (ער איז איבערהויפּט געווען אַ פריילעכער), אַז די ביידע זעלביקע נעמען, פון די אָפּשיקער, האָבן אים פאַרפירט. און דער ערשטער טעות מיט איין ביטע, האָט שוין ממילא געפירט צום צווייטן, וואָס האָבן געברענגט די רעזולטאַטן פון ביידע באַשלוסן. ער אַליין איז בלויז דאָס מאָל געווען דער אומגליקלעכער שליח.

אַזוי האָט מען פון אַ טראַגישער סצענע געצויגן אַביסל הומאָר, וואָס האָט אויפגערודערט די מאָנאָטאָנקייט פון אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג, ווען שניי און פראָסט האָבן געבושעוועט.

אויך אַזאַ מין „פאַרגעניגן" האָבן יידן געשעפּט, ווען זיי האָבן זיך מוסר־נפש געווען, אונטער אַלע אומשטענדן אין אַלע געפערלעכע וועטערן, זיך דורכצוברעכן אַ וועג צו דאַווענען בציבור.

אויף אַזאַ אופן איז פון טרויער, אומבאַהאָלפנקייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן צו לעבנדיקע געשפּרעכן, וואָס האָבן געשאַפן אַן אינטערעס.

„אַמעריקאַנער בלאָפערס"

אין יאָר 1903 איז מיין קוזינע, דאָרא בירמאַן, געקומען פון אַמעריקע אין אונזער שטעטל.

נאָכן באַזוכן אַ פּאָר איראָפּעאישע דאָקטוירים — וואָס זיינען דאַמאָלט געווען אַ שם־דבר — און האָבנדיק אַ שטיקל וואַקאַציע אינם באַרימטן קור־אָרט קאַרלסבאַד, האָט זי געפינען פאַר נייטיק צו באַזוכן איר פאָטערס געבוירן־שטעטל, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געפינען אין אַמעריקע. זי אַליין האָט שוין געהאַט איר אייגענע משפחה מעבר־לים און אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט.

ווען מיין מאַמע האָט זיך אויפן אָנקומענדיקן גאַסט גערעכט, האָט זי זיך באַמיט אויפצורוימען די קיך מיטן אַלקער, ניט צו בלייבן פאַרשעמט מיט איר אָרעמקייט, און נאָכדעם זיך אויך באַמיט מיט איר קאָך־קונסט אויפצונעמען דעם גאַסט אויפן בעסטן אופן. קיין גרויסע בריה׳טע מיטן לעצטן איז זי ניט געווען, אָבער אַלץ איז געווען באַהאַרצט מיט נשמה.

דעם שטרוי־זאַק אויף וועלכן די קוזינע האָט באַדאַרפט שלאָפן — קיין האָטעל פאַר געסט איז אין אונזער שטעטל ניט געווען — האָט מען אָנגעפילט מיט פרישן שטרוי, וואָס געוויינלעך פלעגט מען דאָס טאָן איינמאָל אַ יאָר: פאַר פסח. איבערגעצויגן מיט ריינע ציכן דאָס בעטגעוואַנט, פרישע ליילעכער — און אפילו דעם טיש באַדעקט מיט אַ ריינעם טישטוך: מעשה־יום־טוב אין אַ מיטנדערוואָך.

אפילו די פאָדלאָגע האָט מען צוליב דעם גאַסט אָפּגעוואַשן, וואָס אַ גאַנץ יאָר פלעגט עס בלויז זיין אינם רשות פונעם בעזעם. צוזאַמען מיטן חמץ פלעגט שוין די גאַנציאָריקע אָנגעטרעטענע בלאָטע ערב־פסח פאַרשווינדן — אָבער אין מיטן־יאָר ווער האָט זיך געקענט אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן? אין אַריסטאָ־קראַטישע היימען האָט מען זיך מיט דעם געקענט באַשעפטיקן. די ענגשאַפט און דאגות־פרנסה האָבן, פאַר אַזעלכע „לוקסוסדיקע"־שמאָכטעס, דעם פאַרלאַנג דערצו אַוועקגענומען.

פאַר קליינוואַרג — 4 אייגענע — מיט זייערע חברים, שכנים און אפילו פאַר פרעמדע, איז אַלעמאָל די טיר געווען אָפן. אָרעמע־לייט פאַר אַ נדבה

האָט אויך ניט געפעלט, וואָס אָן אַ האַלבן גרייצער, אָדער אַ שטיקל ברויט און אַמאָל אַביסל געקעכץ, ווען מ׳האָט גראָד געהאַט אָפּגעקאָכט אַ קאַרטאָפּל־גריץ, לאָקשן מיט באָבלעך, טאַטערטשינע־גרויפּן אָדער נאָך אייניקע פון אַזעלכע מאכלים — האָט זיך דער אָרעמאַן געקענט אויסקלייבן: אָדער געלט — אָדער עסן. ווען ס׳איז געקומען צום געלט־„אויסוואַל" האָבן מיר גראָד געהאַט אַ קאָמאַרניצע אין אונזער צוויי־שטוביקער דירה, אויך אַן אלמנה — אסתר׳ל — וואָס פלעגט מיין מאַמען אויסכאַפּן די מצווה פון געבן אַ נדבה. איבריקנס האָט זי זיך געפילט, אַז זי קען זיך עס גיכער דערלויבן.

יאָ, כ׳האָב זיך אינצווישן צערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, און דעם בעזעם — דעם גאַנציאַריקן־מיוחס געשטעלט אין אַ זייט. — זאָל מיר דער „הייליקער" אויסקערער מוחל זיין פאַר אַזאַ גרינגשעצונג — ער האָט הייליק געטאָן זיין אַרבעט אַ גאַנצע וואָך און ערב־שבת, און ערב־יום־טוב אַוודאי און אַוודאי.

מיין מאַמע האָט אפילו געהאַט גרייט אויסגעפליקטע פעדערן מיט פוך — אייגענע מלאכה נאַטירלעך — פאַר אַ קישעלע־מתנה דעם גאַסט. אויך אויסגעטריקנטע שוועמלעך, וואָס אַזעלכע זאַכן זיינען דאָך אין אַמעריקע ניט בנמצא. פון וואַנעט זי האָט עס דאַמאָלס אַזוי „געניוי" געוואוסט וואָס דעם אַמעריקאַנער פעלט איז מיר ביז היינט אומבאַקאַנט. יעדנפאַלס איז אַלץ געווען באַהאַרצט, מיט היימישקייט, וואָס מ׳קען עס פאַר געלט ניט קויפן.

אַמעריקע איז אַ מדינה וואָס איז ניט תופס צו זיין: דאָלאַרן האָבן זיי דאָרט לרוב — אָבער פעלדער־וועלדער — מיט שוועמלעך — פעלט זיי דאָרט. אַ פּוכקענע קישעלע זיכער אויך. און אפשר פעלט זיי דאָרט פשוט צייט פאַר אַזעלכע זאַכן? מוזן זיי זיך דערין באַגיין.

הכלל דער געקומענער גאַסט מיט ישראל׳טשעס קאָלעס פון דער קראָס־נער באַן־סטאַציע — אַ מהלך פון אַ האַלבע שעה פאָרן — האָט זיך באַקלאָגט אַז דאָס פאָרן האָט איר צעבראָכן די ביינער.

סטייטש? אַ פּשוט׳ן שפּאַציר פלעגן יונגע מענטשן מאַכן מיטן „גיי־וועג" פון קאָרטשין ביז קראָס אין אַ דרייפערטל שעה; מיט אַ פערד־און־וואָגן אָנגעפּראַפּט אַ 10־12 יידן מיט יידענעס אויפן „קייסער־וועג" האָט עס גענומען ווייניקער טראָץ דעם וויטערדיקן מהלך, און ס׳האָט נאָך פאַרגיטיקט דערמיט דאָס פאַרגעניגן פון פאָרן, אָבער וואו איז דער פאַרגלייך מיט ישראל׳טשעס־קאָלעס?! קודם־כל ווערט אין אַ קאָלעס ניט אַריינגענומען מער מענטשן ווי ס׳איז דאָרט זיך־פּלעצער פאַראַן, ושנית איז דער געבוי דערפון פשוט געמאַכט ווי פאַר יחידי־סגולה: עס הענגט אויף די אַקסען פון די

רעדער מיט בויגזאַם קאָמבינירטן שטאָל; פאָרנדיק הוידעט עס אַרויף און אַראָפּ, לייכט האָפּקענדיק — געמאַכט אַזוי ווי פאַר קאַפּריזנע קינדער; דער געזעס איז ווייכלעכער, העכער מיט אַ פיינעם אָנלען; די פיס פון דעם פּאַסאַזשיר ווערן פאַרדעקט מיט אַ קאָץ — אַ סגולה אַנטקעגן שטויב פונעם וועג; און פאַר אַ רעגן אָדער פאַר באַשירמען פון דער זון איז אויך פאַראַן אַזאַ מין סאַראַטענער־געשטעל, וואָס אַרויפהייבנדיק עס, באַשיצט עס פון ביידע זאַכן. דער וועג — מיט שטיינער און גרודעס — וואָס שאָקלט אַביסל אונטער אַזאַ פאָרעכץ איז גראָד בעסער דערפאַר: עס נעמט אַוועק די מאָנאָטאָנקייט פון אַ בלויז גליטשן זיך אויפן גלייכן וועג: עס וויגט זיך פון אַלע זייטן, הוידעוודיק אַרויף און אַראָפּ, אַז ס'איז פשוט אַ מחיה! די רעדער פון אַ קאָלעס זיינען דין, אײדל — ניט גראָב, האַמעטנע ווי פון אַ געוויינלעכן וואָגן — און אויך מיט גומי באַדעקט.

בלויז די פערד־פאָדקאָוועס לאָזן זיך אויף אַזאַ וועג הערן, אָבער אַ סוס וואָס איז איינגעשפּאַנט אויף אַזאַ מיוחס'דיקן געשפּאַן איז שוין פונעם בעסערן סאָרט, וואָס גייט מיט אַריסטאָקראַטישקייט, ספּאָרטישקייט, וואָס ניט איעדער בשר־ודם קען זיך דאָס דערלויבן — און דאָ אַזאַ באַקלאָגעניש: אַז ס'ברעכט איר, פונעם פאָרן, די ביינער!

אויף מיין קינדערשן נייגער: ווי אַזוי מ'פאָרט דאָרט אין „איר" אַמעריקע? — האָט זי מיר געענטפערט אַז אַלע גאַסן און וועגן זיינען דאָרט אַזוי גלייך ווי אונזער פאָדלאָגע, וואָס בלויז צוליב דרך־ארץ האָב איך איר ניט באַלד געענטפערט: אַמעריקאַנער בלאָף!

און דער שכל איז טאַקע אַזוי: אַ נייע מדינה פון קאָלאָמבוס צייט אָן; מ'דאַרף זיין באַשעפטיקט פאַר בויען הייזער, עסן און טרינקען, שאַפן קליידער און אַנדערע באַדערפענישן, איז — וואו סטאַיעט צייט אָנצוגעבן זיך מיט מאַכן גלייך די וועגן — שטעגן? אויסער אַז גאַנץ אַמעריקע זאָל מבטל־זיין אַלץ און זיך נעמען אויסצוגלייכן די וועגן.

האָט עס, טראַץ איר סימפּאַטישקייט, איבערגעלאָזט עפּעס אַ ווידער־טעם איר „גרויסער" ליגן.

מיט 17 יאָר שפּעטער, שוין אַ דערפאַרענער מיט גרעסערע שטעט אין גאַליציע און אפילו אָנשפאַרנדיק אין בודאַפּעסט האָב איך שוין געוואוסט אַז אין די מיוחס'דיקע גאַסן איז פאַראַן אַזאַ מין אויסגעגלייכטער וועג, וואָס קען זיך פאַרגלייכן צו אַ פאָדלאָגע — אָבער פאַר אַלע וועגן און שטעגן איז מיר נאָך מיין קשיה ניט געווען פאַרענטפערט. אַלע דורכגעמאַכטע רייזעס

מיט באַנען, גרילצענדיקע טראַמווייען, פערד און וואָגן האָבן מיר בלויז באַ־שטעטיקט מיין צווייפל.

אין דער צייט איז אָנגעקומען אַן אַנדער קאָזין פון אַמעריקע — לואי שנעק — וועמען כ׳האָב באַגעגנט אין טעפּליץ־שעינאו, וואָס געפינט זיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע. געקומען איז ער אויף וואַקאַציע אין קאַרלסבאַד און נאָכדעם פאַרפאָרן צו אונזערביידנס קאָזינע, וואָס האָט זיך געפינען אין טעפּליץ־שעינאו.

אַ מענטש פון הויט־און־ביינער וואָס האָט ניט געוויזן קיין גרויסע נגידישאַפט, אָבער בינו־לביני האָט עס געהייסן, אַז ער האָט דאָרט אין „יענע״ מקומות אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט און ווען מ׳זאָל אַלץ צוזאַמענגעמען קען זיין פאַרמעגן באַטרעפן אַ 30 טויזנט דאָלאַר, אָבער קיין גביר הייסט עס ניט. מיך האָט נאַטירלעך געשווינדלט פון אַזאַ צוזאַמענגעלייגטע מעשה: גאַלאַנטעריי־געשעפט, 30 טויזנט דאָלאַר, ניט קיין גביר — געוואַלד: ווי קען מען עפּעס צוזאַמענסטריגעווען אַזאַ גרויסן בלאָף? — איך ווייס גאַנץ גוט אַז ביי אונז און אין אַנדערע שטעטלעך, אַז ווען אַ ייד אַרבעט זיך אַרויף אויף איבער אַ טויזנט וואַקסט שוין מיט דעם דאָס בייכל מיט. די גאָלדענע קייט באַמבלט פון ביידע זייטן און דער גאַנצער פּאַרשוין ווערט שוין גאָר אַן אַנדערער. אַלע ווייסן שוין אָפּצושאַצן זיין גבירישאַפט — און דאָ אַזאַ הויט־און־ביינעדיקער מאַכט גאָר אַוועק אַזאַ פאַרמעגן אַזוי ווי גאָר־גאָרנישט! עפּעס מוז דאָרט זיין אין דעם אַמעריקע וואָס די צינג ליגט ביי זיי דאָרט ניט אויפן ריכטיקן אָרט. און צו דער ליגנעריש־פּאַטראָוועו דאַרף זיך טרעפן אַז דעם צווייטן טאָג, נאָכן אָפּשלאָפן אַ נאַכט אינעם בעסטן האָטעל אין טעפּליץ, באַקלאָגט ער זיך, אַז צוליב דעם האַרטן מאַטראַץ שטעכט אים די זייטן.

איר דערמאָנט אייך זיכער פון דער ערשטער „שטעכעניש״ פון מיין קוזינע מיט 17 יאָר צוריק — און דאָ ווידער אַזאַ מין באַקלאָגעניש אויף אַן אומשולדיקן מאַטראַץ...

צוליב נייגעריקייט האָב איך די האַרטקייט דערפון אַליין אונטערזוכט, אָבער לויט מיין מבינות וואָלט אפילו דער קייזער אויף דעם געקענט שלאָפן, אָדער איך וואָלט זיך צוליב דער „ווייכקייט״ פון בעט אינגאַנצן אַרויסגעגליטשט. עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן זיין דערקלערונג, אַז אַלע, אפילו ניט פון די געהויבענע גבירים שלאָפן „דאָרט״, אין „זיין״ מדינה אויף פּוכקע געלע־גערס — ניט אויף שטיינערנע, אַלץ איז „דאָרט״ עפּעס אַנדערש.

אָט דאַכט זיך אַ וואַרעמער לונג־און־לעבער. ער האָט זיך מיט מיר

זייער דערפרייט, מיר אָנגעגעבן אַ גוטן גרוס פון מיין ברודער שלמה, וואָס די פריערדיקע קוזינע האָט מיט 17 יאָר צוריק מיטגענומען קיין אַמעריקע אַלס 14 יאָריקן יינגל — און מיר דערציילט אַלע גוטע זאַכן פון אים. אָבער צו וואָס איז דאָס איבערטרייבן? עפּעס אַ בלאָפערישע־מאַניע פאַרפאָלגט אַלע מעבר־לים׳ניקעס און ס׳וועט זיי שוין גאָרניט העלפן. — אויף דער ריינלעכקייט אין אַלגעמיין האָבן זיי אויך געבלאָזן מיט דער נאָז — נו, גיי שריי חי־וקים!

אין אַ יאָר שפּעטער — אין 1921 — בין איך שוין אַליין אין אַמעריקע. דער קאָזין לואי האָט מיך דעם צווייטן טאָג גענומען צום שערער, און ניט פרעגנדיק ביי מיר האָט ער אים געהייסן מיר אָפּגאָלן די וואָנסעס צוזאַמען מיט דעם אַביסל באַוואַקסענעם איבעריקן טייל פונעם פּנים. אינעם האַרצן האָט מיך אַביסל געטאָרטשעט אָבער כ׳האָב ניט פּראָטעסטירט. נאָכדעם אַרויסגייענדיק צוזאַמען שפּאַצירנדיק אין די גאַסן, האָט ער מיר גע׳עצה׳ט ניט צו קוקן אויף די הויכע הייזער אויף צוריק: דורכגייענדיק אַזאַ מין הויז זאָל איך בעסער זען וואָס עס טוט זיך ווייטער אין דער ריכטונג וואו מיר גייען...

ערשט שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט אַז מיינעביידע קאָזינס האָבן שוין גאָרניט געבלאָפט.

האָט איר שוין געדאַוונט מנחה?

איינמאָל, אין אַ בין־השמשות, האָבן מיר געהאַט אַ צוזאַמענקום, וועגן רעליעף־זאַכן, ביי רפאל מייזנער אין הויז. — עס האָבן זיך דאָרט געפינען: ר׳ אליהו־וואָלף, ע״ה, חיים דאַווידאָוויטש און איך.

מיר האָבן דאָרט אַרומגערעדט די „סטראַטעגיע" ווי אַזוי מ׳זאָל דעם עולם קאָרטשינער, און די וואָס האָבן אַ שייכות צום חרוב געוואָרענעם שטעטל, דערגרייכן מיט געבן פאַרן רעליעף. עס איז געקומען צו רייד וועגן די אויסגעשטאָרבענע מנדבים, וואָס פלעגן געבן יאָר־איין, יאָר־אויס גרעסערעביישטייערונגען פאַר אַלע שטעטלשע הצטרכות׳ן, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן דעם טראַדיציאָנעלן „מעות־חיטים" פאַר די אָרעמע — אַזוי לאַנג ס׳האָט נאָך עקזיסטירט אַ יידישע קהילה אין אונזער געבוירן־שטאָט.

וואָלטן די אַלטע בעלי־צדקה נאָך געלעבט וואָלט קיין פּראָבלעם ניט געווען מיט העלפן דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע פון דעם היטלער־גיהנם. זיי, די פריריקע, האָבן געהאַט אַ פאַרשטענדעניש און אַ מעגלעכקייט פאַר אַלע נויטן פון זייערע לאַנדסלייט, און וואָלטן עס איצט פילפאַכיק באַוויזן. די קינדער זייערע, ווי וואויל זיי זיינען גוטע יידן אויף זייער שטייגער, קענען זיך אָבער ניט פאַרטיפן אין די נויטן, מיט וועלכע זייערע עלטערן האָבן געהאַט אַ פערזענלעכן קאָנטאַקט. אָבער מ׳דאַרף זיי וועקן, מאָנען און דער־מאָנען, וועלן זיי זיך אינגאַנצן ניט אָפּזאָגן פון וועלכער עס איז הילף.

פון די ייִנגערע לאַנדסלייט, פון די ניי צוגעקומענע איז ניטאָ וואָס צו דערוואַרטן: זיי זיינען עס פשוט ניט בכוח. אָבער אַלע זיינען וויכטיק צו האַלטן זיי אויף דער ליסטע. מ׳קען קיינמאָל ניט וויסן ווען דאָס מזל וועט צושפּילן, און קענען ווערן אַ עוזר פאַר די צעשפּרייטע נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט. — (חיים האָט, מסתמא, דאַמאָלס איינגעזאַפּט אין זכרון דאָס אַלץ אַרומגערעדטע — אַ סימן: ער ווערט ניט מיד צו דערמאָנען צענדליקע מאָל אפילו אַזעלכע וואָס פילן ניט די נויטווענדיקייט זיך דערמיט מתעסק צו זיין. — מיט דער צייט זעען אויך אַזעלכע איין זייער טעות. דאָס איז אָבער אַ באַזונדערער ענין).

און אַזוי ווי די הויפּטגייערס, איינצומאָנען די ביישטייערונגען, זיינען נאָך אַלץ געווען די צווייַ אַלטע לייט, רפאל מייזנער און אליהו־וואָלף, ע״ה, האָב איך זיי באַדאַרפט פאַרגרינגערן זייערע נסיעות, פאַר דעם צוועק, מיט מיין אויטאָמאָבילטשיק. אין פריריקע צייטן האָבן זיי באַוויזן צו דערגרייכן אַלע לאַנדסלייט אָן דעם מאָדערנעם „מחבל״.

אָבער: נעבעך די יאָרן לאָזן עס ניט מער.

און פאַרן רעליעף־צוועק איז זייער באַוויזן זיך, ביי ווענען עס איז, געווען אַ גענוגנדער באַווייז אַז מ׳דאַרף זיך צו דער זאַך באַציען מיט דרך־ארץ.

עס איז, נאַטירלעך, אויך אַרומגערעדט געוואָרן ווער־ווענען, און ווי אַזוי צו געבן שנעלע הילף, לויט דער מעגלעכקייט. אַלע די יעניקע וואָס זיינען פון חורבן אַרויס לעבנדיקע. הכלל: אַלץ איז געווען אויפן סדר־היום.

און אַזוי, זייענדיק פאַרנומען מיט דעם ערנסטן ענין, האָב איך באַמערקט ווי די נאַכט רוקט זיך אָן, גיב איך אַ פרעג: איר האָט שוין געדאַוונט מנחה? — דער ספּאָנטאַנער אויפשטעל פון די בענקלעך, כהרף־עין — אַזוי ווי אַ פייער וואָלט זיי אָנגעכאַפּט אויף די זיץ־פּלעצער, און גלייך אָנגעפאַנגען צו זאָגן: „אשרי יושבי בתיך!״ א. א. וו.

ניט ווילנדיק האָב איך, די סצענע, פאַרגליכן צו, להבדיל, אַ ראָטע סאָלדאַטן, וואָס גיבן זיך אַ צי אויס „נא־סטראָי״ פאַר זייער העכסטן קאָמאַנדיר.

מיט אַזעלכע גייסטיקע זעלנער קען זיך אָבער נאָר דער רבש״ע רימען ווען ס׳קומט צו זמן־מנחה.

כבוד זייער אָנדענק.

„יאָ, צו תשליך!"

ווען די צוויי אַלטע לייט (ר׳ רפאל מייזנער און אליהו-וואָלף כ״ץ, ע״ה) זיינען געשטאָרבן, איז געווען אַ פראַגע ווער ס׳זאָל איצט באַזוכן די לאַנדסלייט צו זאַמלען ביי זיי דעם רעליף-ביישטייער פאַר די גראַטעוועטע קאָרטשינער, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. — חיים דאַווידאָוויטש, (דער סעקרעטער) האָט געהאַט פאַרצייכנט אַלע פריריקע געבערס, מיט זייערע אַדרעסן, אָבער ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזעלכע, וואָס פאַרנאַכלעסיקן זייער ביישטראָג, ווען מען דערמאָנט זיי בלויז מיט אַ בריוול. זיי זיינען שוין געווען געוואוינט בלויז צו געבן ווען מ׳קומט צו זיי אין הויז. ס׳איז דאָך אַזוי פון פריער געווען איינגעשטעלט, איז עס, נאַטירלעך, ניט געווען לייכט צו ענדערן. — נו, האָב איך מיט מענדל רובין (שוין אויך ע״ה), דעם אַלטן קאָרטשינער רב׳ס אייניקל, באַשלאָסן צו לאָזן זיך אויף דער „מדינה".

איך, אַלס אַן באָרד־און־פּאות׳ניק, וואָלט ניט געוואַגט צו קלאַפּן אין טירן וואו מ׳קען מיך ניט; מיט מענדלען, אין זיין אַלטן יידישן טראַכט — אַזוי ווי נאָר וואָס אַרויס פון קאָרטשין — איז עס געווען לייכטער. פאַר אַזאַ איינעם האָבן יידן אַביסל דרך־ארץ — כאָטש אַליין איז מען ניט אָפּגעהיטן אין אַזעלכע זאַכן.

אַ לייכטער ענין איז עס ניט צו קומען צו אַזעלכע, וואו מ׳קען דיך פון פריער ניט פּערזענלעך, אָבער, ווי ניט איז, גייט מען ניט אַרויס אינגאַנצן פאַרשעמט. עפּעס האָבן מיר דאָך געזאַמלט לטובת דעם צוועק פאַר וואָס מיר זיינען געגאַנגען.

בלויז אויף ברוקלין האָבן מיר זיך געקאָנט קאָנצענטרירן. אונזער באַגרענעצטע צייט, אויף איין טאָג אין יאָר, האָט ניט געסטאַיעט צו באַזוכן אַזעלכע וואָס וואוינען אין צוואָרפענע געגנטן. — דאָס איבריקע האָט שוין חיים, דורך זיין האַמערן, מיט „אהובי־ידידי־בריוולעך", באַוויזן.

ווי אַזוי די צוויי אַלטע לייט, אונזערע בני־עיר, האָבן עס פריער געקאָנט באַוויזן אַלעמען פּערזענלעך, יאָר־איין, יאָר־אויס, צו באַזוכן לטובת דעם אָנגעגעבענעם צוועק, איז ממש אַ וואונדער. בלויז זייער יוגנטלעכער

גייסט האָט זיי דערין געהאָלפן. ס׳איז געווען זייער מסירות־נפש פאַר דער אַלטער היים, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן — טראָצדעם וואָס זיי האָבן געוואוסט, אַז זייער ערדישער איבערבלייב (נאָך 120 יאָר) וועט זיין די סטאַנציע־אַמעריקע.

ס׳איז ניט פאַראַן אַזאַ מאָס צו קענען מעסטן אַזעלכע טאָטן וואָס ווערן געטאָן אַבסאָלוט לשמה — אָן װעלכן אייגענעם נוצן. אפילו אַזאַ זאַך ווי קריגן דערפאַר באַצאָלט אויף „יענער־וועלט״ איז דאָך שוין אַ העכערע מדרגה. מיר האָבן געווען אַזעלכע וואָס דערוואַרטן פאַר אַלץ דעם באַלדיקן לוין: כאָטש מיט אַביסל כבוד. זיי זיינען געווען ווייט דערפון.

אָנשטאָט אַליין עפּעס צו געניסן פון זייער צוגעטיילטן גורל — זייענדיק אין אַמעריקע — האָבן זיי זיך איינגעשפּאַנט לטובת די נויטבאַדערפטיקע און הילפלאָזע. מ׳האָט זיך אַליין געמוטיקט, און געוועקט אַנדערע, אָנצוהאַלטן דעם קשר פון דער אַלטער היים. אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל האָבן מיר געהאַט און האָבן עס נאָך — להכעיס אונזערע שונאים.

דאָ ווילט זיך בלויז, דרך־אגב, פאַרצייכנען, אַז מיר די היינטיקע פאַרבינדעטע לאַנדסלייט, פון אַרבע־פּינות־העולם, זיינען עס אַ דאַנק די קהל׳שע טעטיקייטן, פון די צוויי דערמאָנטע אַלטע לייט, פאַר קאַרטשין נאָך פון די צייטן פון פאַר און נאָכן ערשטן וועלט־קריג, און וואָס ס׳איז זיי אויס־געקומען פאַרצוזעצן נאָכן לעצטן חורבן. אסך געראַטעוועטע האָבן געדענקט מייזנערס אַדרעס און אַזוי האָט איינער פונם צווייטן עס דערפאַרן — וואו זיך צו ווענדן פאַר דער ערשטער הילף. דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, אין אונזערע זכרונות.

דאָ אינם איצטיקן קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט מענדלען, ז״ל, וויל איך פאַרצייכנען, אַז טראָץ זיין יחוס פון דער אַלטער היים, האָט ער, אין אַמעריקע, בלויז געוואָלט נהנה־זיין פון יגיע־כפּו און אַנדערע געזעצלעכע פּרנסות. קיין גליקן האָט ער דאָ ניט באַוויזן צו דערגרייכן, אָבער ער איז געווען אַ שמח־בחלקו — אבי ניט צו מאַכן פון דער תורה אַ „קרדום־לחפור־בה״.

איז, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט, דאָס ערשטע מאָל, אויף דער רעליעף־מיסיע האָב איך, בכונה, מאַנעווורירט דורכצופאָרן דעם שטאַטישן פּאַרק אין ברוקלין — וואָס רופט זיך „פּראָספּעקט־פּאַרק״ — אים צו פאַר־שאַפן אַ נחת־רוח מיט אַביסל פרישע לופט, וואָס ער האָט אין זיין באַוואוינטער געגנט ניט געהאַט.

און אַזוי פֿאָרנדיק — מיט מײַן אויטאָמאָביל — פֿרעג איך מענדלען, כּלאַחר־יד: ביזסטו שוין דאָ אַמאָל געווען? — „יאָ: צו תּשליך" איז געווען זײַן ספּאָנטאַנער ענטפֿער.


לאָזט זיך אויס, אַז אַזוי ווי אין אַ סך געגנטן אין ברוקלין, וואו פֿרומע ייִדן וואוינען, איז ניט פֿאַראַן קיין טײַך, מ׳זאָל קענען גיין צו „תּשליך" אין ר"ה, קלויבן זיך גרופּעס ייִדן צונויף, בין־כּסא־לעשור, מ׳נעמט בחבֿרותא אַן אָמניבוס, אָדער מיט פּריוואַטע מאַשינען אין אַ באַשטימטער צײַט, מ׳פֿאָרט צום טײַך, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַרק, און ס׳ווערט גרינגער פֿון דעם ביסל עבֿירות וואָס האָבן זיך, בשוגג דורכ׳ן פֿאַרגאַנגענעם יאָר אָנגעזאַמלט.

אָט אַזוי גיבן זיך ייִדן אַן עצה! — און: אַבי איך האָב „חושד־געווען", אַז מענדל האָט נאָך ניט געזען דעם „פּראָספּעקט־פּאַרק"!

שמואל ליב קויפמאַן
רמלה, ישראל

באַאַרבעט פון משה צוקער

וועגן עירובין אין קאַרטשין


שמואל ליב קויפמאַן

אין אַלע ייִדישע ישובים האָבן זיך ייִדן באַמיט צו האָבן אַן עירוב, מ׳זאָל מעגן טראָגן אין זייער תחום־המושב. דאָס „טראָגן" איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון אַ סידור, אַ מחזור (ווען יו״ט איז אויסגעפאַלן אין שבת), אַ תהילים׳ל, אָדער אַ פאַטשיילע, גייענדיק צום דאַוונען אין אַ מקום־קדוש. דעם טלית האָט מען אָנגעטאָן אינדערהיים, אונטער דער זשיפּעצע. אויך פאַר טראָגן דעם טשאָלנט, וואָס שכנים פלעגן שטעלן איינער ביים צווייטן, און עס פאַר דער שבת׳דיקער סעודה אָפּנע־מען, איז געווען נויטיק אַן עירוב.

בכלל קען זיך דאָך מאַכן אַז דורך אַ טעות, זאָל מען ביי זיך טראָגן אַן אומשולדיקע זאַך — ווי שטאַרק מ׳זאָל נישט זיין אָפּגעהיטן — קומען צו אַ חילול־שבת. דערמיט האָט מען טאַקע אויך באַוואָרנט, אַז די נישט גאָר אָפּגעהיטענע זאָלן נישט, אינם ענין פון טראָגן, בכשל ווערן.

ס׳איז געווען אַ באַוואָרעניש פון אַלע זייטן, נישט עובר צו זיין אויפן דין.

ווען קיין עירוב איז נישט געווען האָט קליינוואַרק דערביי געשפּילט אַ היבשע ראָלע. זיי זיינען דאָס געווען די „טרעגער" פון די אַלע זאַכן, און האָבן זיך דערמיט געפילט וויכטיק. אָבער אויך זיי האָבן דאָך געהאַפּט צו

ווערן „גרויסע” און אַליין מקיים צו זיין די מצוות פון אַזעלכע. דערמיט זיינען זיי שוין בעהאַוונט געוואָרן וועגן די פּראָבלעמען, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן עירוב, און האָבן אויסגעפינען, אַז אינם גלות איז עס נישט פון די לייכטע זאַכן. דעם גוי זיינען דאָך די אַלע יידישע „זאַבאַבאָנעס” אַ דאָרן אין אויג, און ער שטערט עס אויף שריט און טריט, וואו ער האָט נאָר אַ מעגלעכקייט דערצו. אַ יידיש קינד האָט זיך גאַנץ פרי באַקענט מיט דעם וואָס הייסט גלות, און זיך באַהעפט, מיטן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג, דערפון אויסגעלייזט צו ווערן.

פונדעסטוועגן האָבן יידן זיך באַמיט אָנצוהאַלטן זייער שטייגער מיט אַלע דערלויבטע מיטלען, טראָצדעם וואָס דער גויישער שכן איז אים אַלעמאָל געווען אין וועג.

וואָס אייגנטלעך האָט זיי געשאַדט די אומשולדיקע „יידישע־פעסטונג”, מיטן דראָט אַרום דעם יישוב, וואָס איז בלויז סימבאָליש אַלס אַזעלכע ? דער גאַנצער אַרום, פון פעלדער און וועלדער, איז דאָך דער רוב געווען זייערער. אָבער גיי פרעג קשיות אויף דער גויישער יוכע ! זיי קאָכן זיך און זידן מיט בייזוויליקייט, אויף זאַכן, וואָס קען זיי גאָרנישט שאַטן.

אין דעם אמת'דיק פרומען האָבן זיי, אין וועלטלעכע ענינים, קיין קאָנקורענץ נישט געהאַט. אין זייערע געשלעגן האָט ער נישט גענומען קיין אַנטייל. ער האָט בלויז געגאַרט פאַר אַ פרידלעך ווינקל, וואו אַן אומשולדיקער דראָט זאָל ווערן רעספּעקטירט.

קאָרטשין האָט געהאַט אַ ספּעציעלן עירוב־פּראָבלעם, מיט דעם, וואָס אינם האַלדז פונם יידישן יישוב האָבן גויים געהאַט זייער קלויסטער, וואָס איז געווען אַ שטער צו פאַרבינדן צווישן זיך די יידישע הייזער, נישט צו ווערן געשטערט פון „זיי”. דער לענגלעכער מאַרק־פּלאַץ איז פון דריי זייטן געווען באַוואוינט בלויז פון יידן, און די פערטע זייט — אויפן וועג קיין קראָס — האָבן זיי געהאַט זייער קאָשטשאָל, אַז דער העלפט פון אים איז געווען אַריינגעריקט — פּאַראַלעל — צווישן אברהם חיים האַראָוויצעס הויז פון דער רעכטער זייט און מענדעל שרויט'ס הויז פון דער לינקער זייט. דער פראָנט־אַריינגאַנג, צום קאָשטשאָל, איז געווען פונם מאַרק. דער בישאָף פון לעמבערג איז געווען אַ קאָרטשינער געבוירענער, האָט ער זיך באַמיט צו פאַראייביקן זיך אין זיין געבוירן־שטעטל מיט אַ מאָנומענטאַלער־הייליקייט, האָבן מיר „זוכה־געווען” צו האָבן אַזעלכן וואָס האָט געקענט זיין אין אַ מעטראָפּאָליע. אָבער פאַר אונזער עירוב איז עס געווען אַ קנאַפּער טרייסט.

מיט דעם איז טאַקע פאַרבונדן די געשיכטע, וואָס מיר גייען דאָ דערציילן אין צוויי ווערזיעס. איינע וואָס האָט אונז איבערגעשיקט שמואל ליב קויפמאַן, וועלכער געפינט זיך אין ישראל, און די אַנדערע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַנדערע קוואַלן. שמואל ליב׳ס טאַטע איז פּערזענלעך געווען באַטייליקט אין דעם אויספיר פון דער געשיכטע, און ס׳איז נישט וויכטיק וועלכע ווערזיע ס׳איז אַ ריכטיקע.

לויט דער ערשטער, ווערזיע, הייסט עס, אַז אברהם חיים האָט באַצאָלט אַ גוי, בשתיקה, אַז ער זאָל אַריבערציען אַ דראָט פון זיין הויז, אַריבער דעם קלויסטער, ביז צו מענדעל שרויט, אַז דער עירוב זאָל איינשליסן דאָס שטעטל. לויט דעם נוסח קומט דאָך אויס אַז מ׳האָט איינגעשלאָסן זייער הייליקייט אינם יידישן שטח, וואָס איז אַ פראַגע צי איז עס לויטן דין. און לויטן צווייטן נוסח הייסט עס, אַז פון אברהם חיים׳ן ביז צו מענדעל שרויט האָט מען פאַרבונדן דעם עירוב פון אויסנווייניק אַרום דעם קלויסטער, פון דריי זייטן, מיט אַ געוויסן דיסטאַנץ, אָפּגערוקט, אַז ס׳זאָל פאַר די גויים נישט זיין וועלכע עס איז שטער. נו, מילא, אַז זיי האָבן אויסגעפינען וועגן דעם „זשידאָווסקין־דראָט" אַריבער זייער דאַך פון דער קירכע, האָבן זיי אים פראָסט און פשוט איבערגעשניטן. מעגלעך אַז דערזעלביקער גוי, וואָס האָט דאָס שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן, האָט זיך נאָכדעם פאַרן גלח „ספּאָוויאַדעט" אויף זיין „עבירה" און אַזוי אַרום האָבן זיי עס אויסגעפינען. און לויט דער צווייטער ווערזיע איז דאָך דער דראָט געווען בפני־קהל־ועדה, האָט בלויז באַדאַרפט זיין אַ שטיקל זאַטשעפּקע, זיך דערפון צו באַפרייען. — עס האָט געהייסן, אַז אַרויס־גייענדיק מיט זייערע פּראָצעסיעס פון דער קירכע, צי מיט אַ לייכע, צי אַנדערע דרויסנדיקע צערעמאָניעס, אויפן וועג צום צמענטאַרש, וואָס איז געווען לענג־אויס דעם מאַרק, מיט אַ געסל באַוואַוינט פון יידן, האָט זיך זייער הויכער צלם פאַרטשעפּעט אינם דראָט און דערמיט פאַר זיי געוואָרן אַ פאַר־שוועכונג. מעגלעך אַז זיי האָבן זיך שוין געסטאַרעט דערפאַר צו הויבן דעם צלם אַביסל העכער, צו האָבן אַ תירוץ פאַר זייער בייזער כוונה. אויף דעם אופן זיינען זיי פּטור געוואָרן פון דעם שטיקל דראָט וואָס האָט געמאַכט אַ חלל צום עירוב.

קהל האָט זיך געווענדעט צום געריכט וועגן דעם ענין און מ׳האָט דאָרט פאַרלוירן. ס׳איז געווען אַן אידעם פון נפתלי ראַב, מיטן נאָמען זישע בעק. ער האָט געקענט גוט דייטש, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּראָשעניע צום קיסר אין ווין, זיך באַמיט צו האָבן אַן אוידיענץ מיט אים וועגן דער זאַך

און צוריקגעקומען מיט ליידיקן. מ׳האָט דאָרט דעם געריכט־אורטייל באַשטעטיקט. — אָבער יידן האָבן נישט אָפּגעלאָזט און זיך געווענדעט צו אַ „העכערער" אינסטאַנץ. און די פאָלגנדע געשיכטע גיב איך איבער ווי שמואל ליב קויפמאַן, פון ישראל, האָט עס אונז צוגעשיקט, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין ביידע ווערזיעס.

אין ארץ ישראל האָט זיך דאַמאָלס געפינען ר׳ נפתלי חיים בן אדמו״ר פון דזיקעוו, דעם בעל „אמרי־נועם׳ס" זון. אַ גרויסער בעל מופת. האָט מען צו אים געשריבן וועגן דעם ענין. ער האָט געענטפערט, אַז אַ פּאָר חשוב׳ע בעל־הבית׳ים זאָל פאָרן קיין רימאַנאָוו, גיין אויפן קבר פון רבי׳ן ר׳ מענדאלע און דאָרט זאָגן געוויסע קאַפּיטלעך תהילים (וועלכע קאַפּיטלען האָט שוין דער דערציילער נישט געדענקט, כאָטש ער איז געווען איינער פון די מיטפאָרער). צוריקפאָרנדיק גלייך פון ציון קיין קאָרטשין זאָלן די יידן צווישן זיך גאָרנישט ריידן קיין דברי־חול, נאָר זיך מתעמק־זיין וועגן דעם ענין פאַר וועלכן זיי זיינען געפאָרן. דאָס שווייגן זאָלן זיי אָנהאַלטן ביז זיי וועלן קומען אין דער קאָרטשינער געמיינדע און זאָגן פון דער סדרה משפטים: את אימתי אשלח לפניך וכו׳.

ביז צום קומען נאָענט צו דער געמיינדע האָבן זיי אַלץ געטאָן ווי דער בעל־מופת האָט זיי אָנגעזאָגט. די מוטשעניש פון שווייגן, דעם גאַנצן וועג, איז געווען אין־לשער, אָבער זיי האָבן עס מקיים־געווען. ווען זיי האָבן דערגרייכט די געמיינדע האָבן זיי, אויף שטים־לשון, נישט געקענט באַשליסן ווער ס׳זאָל זיין דער ערשטער אַריינצוגיין. האָט איינער פון זיי געוויזן מיטן פינגער, און דערביי האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעגליטשט: אָ, אָ, אָ! ד. ה. גייט איר אַריין פריער. דער „אָ, אָ, אָ" האָט איבערגעהאַקט די פריריקע רעיונות, דערמיט איז אַלץ צונישט געוואָרן, קאַליע געמאַכט דעם אָנזאָג.

זיינען זיך די דריי שלוחים אַוועק אַהיים, אָן אפילו צו זען די געמיינדע־פאָרשטייער. די פאָרשטייער, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלס אין דער געמיינדע געפינען, האָט קיין איינער פון זיי נישט מוציא־שנתו־געווען.

דער העכערער משפט האָט באַשלאָסן אַז די רשעים זאָלן האָבן אַ קצור־ימים — וואָס איז גראָד נישט געווען די כוונה פונם בעל־מופת.

די מעשה פלעגט מיר מיין טאַטע, ע״ה, דערציילן איעדעס יאָר, ווען ס׳איז געגאַנגען די פרשה משפטים, און דערביי איז ער געווען אַ פולשטענדיקער מאמין, אַז ווען מ׳פאָלגט אַלץ, וואָס דער רבי ר׳ נפתלי חיים האָט געהייסן, וואָלט מען געהאַט אַ עירוב אין קאָרטשין.

משה צוקער

חיים דאַווידאָוויטש

וועלכער אָפּשטאַמיקער פון קאָרטשין קען דאָס נישט חיים׳ען ? — קוים האָט ווער עס איז געהאַט אַ שייכות מיטן קאַרטשינער־רעליעף (צי אַלס געבער, צי אַלס נעמער, אָדער גלאַט אַזוי, אַז ס׳איז אים באַשערט געווען, אַז זיין אַדרעס זאָל אַריינפאַלן צו חיים׳ען), ווייסט, ווער חיים איז.

דעם פריריקן דור קאַרטשינער איז ער באַקאַנט מיט זיין משפחה — טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער און קרובים — און די אָפּשטאַמיקע פון קאָרטשין, וועמענס פאַרבינדונג חיים לאָזט נישט פאַרגעסן, האָבן בלויז חיים׳ס יחוס אַליין. ער האָט זיינע אייגענע מיטל, ווי אַזוי זיי צו דערמאַנען זייערע עלטערנס צוגעבונדנקייט צו דער לאַנדסמאַנשאַפט, און פון צייט צו צייט זיינען זיי מקיים די מצוה פון צדקה אין דער היימישער „פושקע״, וואָס דאַרף גיין פאַר די קאָרטשינער, וועלכע האָבן עס נויטיק.

אָבער נישט אַזוי לייכט קען מען געבן אַ פול בילד, פון דער צייט, ווען חיים איז געוואָרן טעטיק אַלס קאַרטשינער־רעליעף־סעקרעטאַר, ביז׳ן היינטיקן טאָג. אסך אומשטענדן האָבן זיך געענדערט און דערמיט אויך זיינע טעטיקייטן.

ווען חיים איז געוואָרן סעקרעטאַר — מיט יאָרן צוריק — אין יאָר 1946, זיינען מיר אַלע געווען מטושטש. מיר האָבן געוואוסט אַז איעדער גראַטעוועטער פון דעם היטלער גיהנום, ימ״ש, דאַרף האָבן וועלכע עס איז, באַלדיקע הילף, אָבער ווי אַזוי צוצוגיין צו איעדן באַזונדער האָט מען נישט פאַרשטאַנען. אויך די קאַסע פון די געבערס איז נישט געווען אַזאַ רייכע. ס׳איז נישט געווען קיין איינער, אַן אויסנאַם, פון אונדזערע לאַנדסלייט, וואָס זיין געוויסן און קעשענע זאָלן זיין אין האַרמאָניע און זיך קענען דערלויבן גרויסצוגיק, אויף אייגענער אחריות, צוצוגיין צו דעם ענין און העלפן באַלד אויפן פלאַץ, וואו איינער האָט זיך געפינען. — בצמצום׳דיקע איננאַמען זיינען אַריינגעקומען און מ׳האָט באַדאַרפט האָבן אַ קילע אויסרעכנונג — טראַצדעם וואָס דאָס האַרץ האָט דיקטירט אַנדערשט — צו באַשליסן ווי אַזוי עס איינצוטיילן.

פון ר׳ רפאל מייזנערס, ז״ל, צייטן און זיין אַליין־טעטיקייט, מכוח העלפן

אונזערע לאַנדסלייט, האָבן מיר שוין געגעבן אַ קורץ בילד, פריער, אין דעם יזכור־בוך. עס וואָלט זיך זיכער פאַרלאַנגט אַביסל ברייטער עס צו שילדערן אָבער מיר האָבן נישט די כוחות און פעאיקייט דערצו. פון חיים׳ס פעריאָדע, ווען ער האָט איבערגענומען די סעקרעטאַרסטווע — טאַקע פון מיר אַליין — ווען כ׳האָב אָנגעהאַלטן צוויי „קרוינען״, אי אַלס סעקרעטאַר און אי אַלס „פרעזידענט״, האָט מען באַדאַרפט אויסקריסטאַליזירן דעם תוהו ובוהו אין וועלכן מיר האָבן זיך געפינען.

מיר קאָנען נישט זאָגן, אַז ס׳איז געווען אַ לייכטע אַרבעט. בלויז זיינע ספּעציעלע פעאיקייטן, און ווילן, האָט אים געהאָלפן דערצו. — כ׳וויל אָבער, באַלד פון אָנפאַנג, באַמערקן, אַז היינט קענען מיר זיין חכמים ונבונים און קריטיקירן אסך, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין אַנדערש, אָבער בשום אופן קענען מיר נישט זאָגן, אַז ווער עס איז וואָלט עס געקענט בעסער מאַכן. אויך איך בין צווישן די וואָס דענקען, אַז ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין בעסער, אָבער צי איך וואָלט עס געקענט באַווייזן בין איך שטאַרק אין ספק. אַלץ איז געווענדעט אין די אומשטענדן, אין וועלכע איינער געפינט זיך, און קיין גרויסער חכם קען קיינער נישט זיין, ווען דאָס מזל שפּילט נישט צו.

דעריבער ווילט זיך, אַז נאָך אַלע ווייטערדיקע שאָטן־זייטן, וואָס כ׳וועל פאַרצייכנען, זאָל מען מיר נישט צושרייבן וועלכע עס איז בייזוויליקייט — נישט לגבי קיינעם — נאָר איך וויל עס אַרויסברענגען ווי איך באַנעם עס איצט, אין אַלגעמיין.

אַ היבש ביסל אַדרעסן, וואָס חיים האָט איבערגענומען פון די פריריקע טעטיקייטן האָט חיים אויסאָרטירט, פאַרשריבן און אָנגעפאַנגען צו פירן אַ סדר — לויטן היינטיקן דרך. דערפאַרונג אין דעם ענין האָט ער שוין געהאַט אַלס סעקרעטאַר פון אַנדערע „סאָסייטיס״. ער האָט עס אָבער באַדאַרפט אויס־ברייטערן: אויסצוגעפינען אַלע געראַטעוועטע לאַנדסלייט, וואו זיי געפינען זיך און אויך די אַלע אָפּשטאַמיקע פון קאָרטשין וואָס קענען העלפן. — צו מאַכן אַ יושר׳דיקן באַלאַנץ — צווישן די געבערס און נויטבאַדערפטיקע — איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאָס אַלץ איז באַלד געפאַלן אויף זיינע פּלייצעס. קיינער האָט זיך דערין נישט געקענט אָריענטירן. די באַגרענעצטע טעטיקייטן פון דעם רוב עולם האָט עס אויך פאַראורזאַכט.

און נישט ביי איינעם פון די נצרכים, פון יענער צייט, איז איבערגעבליבן אַ נישט אָנגענעמען נאָך־טעם. ס׳האָבן ביי זיי אויפגעוואַכט און געטליעט אַ האָפנונג אין דער ערשטער הילף פון זייערע לאַנדסלייט, אָבער דאָס איז געווען

אַ מאָגערע, לויט דער מעגלעכקייט פון דער קאַסע. די צעוואָרפנקייט פון אַיעדן געראַטעוועטן באַזונדער האָט אויך פאַראורזאַכט, אַז אַיעדער האָט נאָר געזען זיך אַליין און האָבן נישט געקענט באַגרייפן, וואָס מיר דאָ זיינען באַלאָדן מיט באַשרענקטע מעגלעכקייטן. וואָלט חיים געווען אַן אַראַטאָר און געקענט אויפרודערן אפילו דעם קליינעם עולם דאַמאָלס, וואָלטן זיכער זיך אַ סך מער אָפּגערופן. אַ סך אינפאָרמאַציעס פון יענער צייט וואָס ער פלעגט אַריינקריגן פון די צעבראָכענע — גייסטיק און פיזישע — לאַנדסלייט, איז געבליבן ביי אים, עד־היום, אויפ־געהיט אין זיין שיפלעדל, אָבער קיינער האָט דערפון נישט געגנוי געוואוסט. דאָ און דאָרט האָט ער אַמאָל געוויזן אַ בריוול, וואָס איינער, אָדער צוויי פון די געראַטעוועטע, וואָס האָבן זיך צווישן אונז געפונען האָבן איבערגעלייענט און ס'איז געבליבן פאַר זייער אייגענער אינפאָרמאַציע. קיינער האָט זיך נישט באַמיט, אָדער נישט געהאַט די פעאיקייט, אויפצובלאָזן אַ פייער דערפון, אַז ס'זאָלן וויסן אַזעלכע וואָס זיינען דערפון גאָרנישט אינפאָרמירט. די בריוולעך זיינען צוריקגע־גאַנגען צו חיים'ס אַרכיוו נישט מיט עקסטרע אויפרודערונג אויפן עולם. און ביי חיים'ען אין די הענט איז געבליבן צו זיין דער פוסק וועגן דער צעטיילונג פון דער הילף און אפילו איך אַליין האָב עס אָנגענומען פאַר ריכטיק. אַלע פּליטים זיינען דאָך מיר פערזענלעך נישט געווען באַקאַנט. פון אסך פון זיי קען איך זיך נאָך ביז היינט נישט דערמאנען זייער פאַרבינדונג מיט קאָרטשין, און אייניקע זיינען פשוט צוגעקומענע און בלויז די אַליין געראַטעוועטע, וואָס געפינען זיך צווישן אונז וויסן ווער איז ווער. האָט אָבער געפעלט זייער מיטבאַטייליקונג, וואָס מ'קען עס מיט זייער אייגענער דערשלאָגנקייט פאַרענטפערן. — אַזוי צי אַזוי איז עס אַלץ געבליבן אין חיים'ס הענט.

מ'דאַרף אָבער צוגעבן, אַז אפילו קיין גרויסע פינאַנציעלע הילף האָט קיינער — לויט דער דאַמאָלסדיקער נויטווענדיקייט — נישט געקראָגן, האָבן אָבער חיים'ס בריוולעך צו אַלעמען אַריינגעבלאָזן אַ שטיקל האָפנונג און מ'האָט געפילט אַז מ'איז נאָך, ערגעצוואו, מיט וועמען פאַרבונדן, וואָס איז נישט אָפּצור־שאַצן. אַזעלכע וואָס האָבן, אפילו נישט אין פאַרגלייך פון דער חורבן־טראַגעדיע, אויף אַ קליינעם פאָרמאַט עס אַליין איבערגעלעבט, קענען באַגרייפן וואָס עס מיינט אַ פּאָר גוטע ווערטער אין צייט פון נויט.

חיים האָט קיינעם נישט איגנאָרירט. בריוולדיק איז ער מיט אַלעם געווען פאַרבונדן און כ'בין מער ווי זיכער אַז אין אסך פאַרצווייפלטע האָט עס אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה — ביז מ'האָט זיך אַליין געפינען אַן אייגענע רעטונג פון דער סביבה, אין וועלכער מ'האָט זיך דאַמאָלס געפינען. דאָס אַלץ

מוזן מיר האָבן אין זינען, ווען מיר קענען חיים׳ען מיט זיינע בריוולדיקע אַקטיוויטעטן. אָבער ווי אַזוי ער האָט זיך געספּראַוועט דערמיט איז אונז ביז היינט אַ סוד.

אויף זיין אופן האָט חיים אויסגעפינען אַלע לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט: דורך איינעם האָט ער ענטדעקט אַ צווייטן א. ז. וו. און מיט אַלעם האָט ער זיך דורכגעשריבן און אויך צוגעשיקט אַ קליינע הילף — לויט זיין אייגענער אָפּשאַצונג און מעגלעכקייט.

* * *

פון אָנפאַנג, ווען דער חורבן־אייראָפּא איז נאָך געווען פריש, ווען מ׳האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די קאָרטשינער לאַנדסלייט, האָט זיך נאָך באַוויזן אַ גרעסערע צאָל, כאָטש נישט ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין. ס׳האָבן זיך אַלעמאָל געביטן די פּנים׳ער — איינמאָל זיינען די געקומען און ס׳צווייטע מאָל אַנדערע — אָבער מ׳האָט געזען, אַז אַלע וואָס קומען איז פון יוצא וועגן, ווייל ספּעציעלן אינטערעס האָט קיינער נישט אַרויסגעוויזן. איינאיינוועגס האָט מען דאָך געגעבן צושטייער צו דער קאַסע — מער ווייניקער — וואָס איז געווען אַזוי נייטיק. פון יאָר צו יאָר איז דער עולם געוואָרן שיטערער: מ׳האָט געוואוסט, אַז היים פירט שוין אַלץ דורך, און זיך אויף אים פאַרלאָזט. טאָמער האָט איינער פאַרגעסן זייןביישטייער האָט חיים אים מיט אַן „אהובי ידידי בריוול״ דערמאָנט. דאָס האָט איינגעוויגט דעם עולם צו דענקען, אַז אַלץ גייט צו כשורה, און צוביסלעך פאַרקלענערט זייער צואַמענצוקומען. עס איז שוין געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ווען מ׳האָט אַרויסגעשיקט 60־80 איינלאַדונגען (לויט חיים׳ס אינפאָרמאַציע) זיינען קוים געקומען 5־6. מיך האָט אַזאַ באַציאונג היבש געערגערט. חיים האָט מיך געטאַרקעט וועגן אַ מיטינג; איך האָב עס געגומען ערנסט, צוזאַמענגעשטעלט אַלעמאָל אַ נייעם נוסח, עס זאָל מאַכן דעם עולם נייגעריק, אָבער אין קול ואין עונה: מ׳קומט נישט און גיי רייד צו די ווענט. — קיין מיטל האָט מער נישט געהאָלפן. ביז כ׳האָב איינגעזען אַז מ׳דאַרף עפּעס טאָן אין אַן אַנדערער ריכטונג. מיר אַליין איז שוין דער עסק נמאס געוואָרן.

איך האָב טאַקע נישט אַנטדעקט אַמעריקא; אַנדערע לאַנדסלייט האָבן עס געטאָן פאַר אונז, אָבער אויף מיין אופן האָב איך פּרובירט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז מיר וואָלטן באַדאַרפט אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך, צו פאַראייביקן אונזער שטעטל. מיט וועלכע כוחות מיר וועלן עס באַוויזן האָב איך אַליין קיין

אַנונג נישט געהאַט. אָבער, אַז ס׳איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן — פון געלד און שרייבער — איז מיר געווען באַוואוסט. איך האָב עס ב״י אַ מיטינג פון געציילטע מענטשן דערקלערט.

אַזוי שנעל ווי חיים האָט דערהערט מיין „פּלאַן״ האָט ער באַלד צעשיקט, אין זיינע בריוולדיקע פאַרבינדונגען צו די לאַנדסלייט, דעם „באַריכט״, אַז מיר קלויבן זיך אַרויסצוגעבן אַ „יזכור־בוך״.

ס׳האָבן זיך דערוואָרמט געציילטע, וואָס זיינען געוואָרן „סופרים״ (הלואי וואָלטן עס אַלע געוואָרן) און אָנגעהויבן אַריינשיקן שרייב־מאַטעריאַל, לויט זייערע כוחות. מיך האָט עס באמת דערוואַרמט און איבעראַשט. פון אייניקע האָט עס פּשוט געשטראָמט פון זכרונות און איבערלעבונגען. לויט ווי איך האָב געקענט קאַרטשין פון מיינע צייטן, האָב איך זיך עס פאַרגעשטעלט בלויז מיט בטלנות און נישט עפּעס מער. און דאָ אַזאַ רייכע אינפאָרמאַציע פון ענדערונגען וואָס די צייט האָט מיטגעברענגט! עס האָט מיך היבש אינטריגירט.

מ׳וואָלט אַלץ געקענט אויסברייטערן אויף אַ היבשער קאַנווע אָבער פאַרן יזכור־בוך איז עס גענוג ווי עס איז.

מיטן „קול־קורא״ און אַנדערע דערקלערונגען, וואָס מיר האָבן צעשיקט צו אַלע לאַנדסלייט האָבן אַלע, ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג דערצו, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זיין באַטייליקט אינם יזכור־בוך. קיין איינציקע צושריפט אין דער באַציאונג האָבן מיר נישט איגנאָרירט. אָבער די וואָס האָבן זיך אינגאַנצן נישט אָפּגערופן גייט עס אויף זייער אייגענער אחריות.

איצט, ביים אָפּשלוס פון דעם ספר־קאַרטשין, דענק איך אַז קיינער קען צו אונז קיין טענות נישט האָבן, אַז ער איז דערפון ווייניק געווען אינפאָרמירט. די צוגעשיקטע שריפטלעכע דערקלערונגען צו אַיעדן באַזונדער — פון די אָנפאַנג טעטיקייטן וועגן דעם יזכור־בוך ביזן אָפּשלוס פון דעם — זיינען עדות דערפאַר.

* * *

כ׳וויל אָבער צוריקקומען צום ענין „חיים״.

אין יענער צייט — ווען דער פּלאַן פונם יזכור־בוך איז אַלעמען געוואָרן באַקאַנט — און כ׳האָב געזען, ווי נאָך אַלע שטורמדיקע אויפרודערונגען, ווי ווייניק לאַנדסלייט ווייזן אַרויס אַן אינטערעס אין דעם און ווי חיים גייט זיך אַלץ אָן מיט זיינע רעליעף־„ביזנעס״, אַזוי ווי גאָרנישט געווען; אַז טראָץ די ווייניק באַזוכטע מיטינגען (איינמאָל אַ יאָר), האַלט ער אָן זיינע צווי מאָל אַ יאָר (פאַר פסח און פאַר ראש השנה) זיינע שיקונגען, פון פעקלעך און „מזומן״

(לויט איינעמס פּאַרלאַנג), צו די נאָך נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט — האָט עס מיך געוואונדערט: ווי אַזוי באַווייזט ער עס!? — פאַרן יזכור־בוך האָבן מיר, פון אַלע לאַנדסלייט, קוים אַריינגעקראָגן ווייניקער פון אַ פערטל וואָס דאָס דאַרף קאָסטן און דאָ פּירט חיים זיין „קרעמל" אויף זיין באַשיידענעם אופן, יאָר־איין, יאָר־אויס, אַזוי ווי גאָרנישט פּאַסירט!

ביי געלעגנהייט בין איך זיך טאַקע מודה ומתודה, אַז מיט מיין „פּרעזי־דענסטוואָ" האָב איך זיך באַהאַלטן אונטער חיים'ס „קאַפּאָטע", אַזוי ווי אַלע לאַנדסלייט האָבן עס געטאָן — מיטן אונטערשיד, וואָס זיי האָבן מיט איינמאָל אַ יאָרביישטייער יוצא געווען מיט אַלעם — מיט זייער געוויסן, אַז זיי שטייען נישט אַוועק פונם כלל — און איך האָב דאָך באַקומען אָפּגעהאַקטע באַריכטן ווי מיר שטייען מיט דער קאַסע. גענוי פון אַלע „געבערס" און „נעמערס" איז מיר נישט געווען באַקאַנט.

מיין באַזונדערע שוועריקייט, דורכ'ן קליינעם אָפּרוף לגבי דעם יזכור־בוך האָט מיך געשטעלט אין אַ לאַגע, אַז כ'האָב מיין טעות געמוזט אַנערקענען: ביסטו אַ ראש־הקהל דאַרפסטו וויסן וואָס אין דיין קהלה טוט זיך. ווען נישט זאָג זיך אָפּ פונם „בענקל".

האָב איך פון חיים'ען פאַרלאַנגט ער זאָל מיר געבן אַ ליסטע — די אַדרעסן — פון אַלע לאַנדסלייט, ווער פון זיי עס זאָל נישט זיין. ווען איך האָב עס פון אים געקראָגן, האָב איך געוואָלט וויסן ווער איז ווער. קיין צוריקגיין אויף יאָרן פון פריער איז נישט געווען קיין צוועק. ס'וואָלט געווען אַן ענין מיט חשבונות אָן שום רעזולטאַטן. און פון נעמען וואָס זיינען מיר געווען קשה האָב איך אויסגעפינען, אַז אסך האָבן מיט קאָרטשין גאָרנישט צו טאָן. ווען כ'האָב חיים'ען געפרעגט וועגן, דעם האָט ער מיר דערקלערט, אַז דער איז אַ מטופל מיט קינדער, יענער איז קראַנק און נאָך אַזעלכע באַרעכטיקטע טענות, מיט יחוס־בריוו, וועמען מ'דאַרף העלפן.

עס איז טאַקע אַ גאַנץ פיינער שטריך פון חיים'ס זייט, אָבער מיט קהל'שע געלטער, פאַר אַ באַשטימטן צוועק, קען בלויז קהל באַשליסן עס צו ענדערן.

ס'איז נישט חיים'ס שולד וואָס עס האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט. די גאַנצע לאַסט און פירונג האָבן מיר — דורך נאַכלעסיקייט — אַרויפגעלייגט אויף אים. נויטבאַדערפטיקע געפינען אַ וועג אויפצוזוכן אַן אַדרעס וואו זיי קענען מיט עפּעס ווערן געשטיצט. חיים, האָט געפילט צו טאָן אַ מצוה איינצושליסן אַנדערע נויטבאַדערפטיקע צווישן אונזעריקע, לויט זיין אייגענעם איינזען. מ'האָט דאָך זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף אים — לויט זיין אָפּשאַץ — פון אַלץ מיטאַנאַנדער.

קיין גרוואַלטיקע עולה איז ער נישט באַגאַנגען, אָבער אַזוי לאַנג ס׳קענען זיין מיינונגס־פאַרשידנקייטן, און ס׳קען דאָך אויך זיין אַז מ׳פירט חיים׳ען אין „באָד״ אַריין — צוליב זיין ווייכהאַרציקייט — איז עס זיכער ראַטזאַם אַז אויך אַנדערע זאָלן דערפון וויסן.

אויפצובינדן דעם פלאָנטער האָט זיך אייער „האָכגעשעצטער־פּרעזידענט״ דערמאָנט וואָס זיין אמת׳ע עובדה דאַרף זיין. פאַר זיין ביז איצטיקער „שב ואל תעשה״ דאַרף ער קריגן מער ווי איינמאָל מלקות, ווען אונזערע לאַנדסלייט וועלן זיך באַרעכענען אַז אויך זיי האָבן דערין אַ היפּשע דעה. — וועלן זיי עס באַווייזן ? דאָס וועלן מיר זען שפּעטער.

דערווייל דאַרפן מיר חיים׳ען געבן אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר דער אַרבעט וואָס ער האָט בי איצט געטאָן, אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן אונזערע לאַנדסלייט, און ווינטשן אים עס אויך אויף ווייטער — מיט אַ בעסערער קאָאָפּעראַציע פון אַיעדן באַזונדערן לאַנדסמאַן — עד מאה ועשרים שנה — אמן ואמן . . .



חיים דאַווידאָוויטש און זיין פרוי

מיכאל הורביץ
פתח תקוה, ישראל

דער בית המדרש


מיכאל הורוביץ

אונזער בית המדרש איז געווען דאָס טייערסטע אָרט ביי אונז. צו־זאַמען מיט דעם צוגעבויטן פאָרהויז זיינען זיי געווען פאַרפולט מיט, כמעט אַלע מענערשע דאַוונערס פונם שטעטל. אויך צוגעקומענע אורחים פון דער פרעמד האָבן זיך דאָרט, זמיעשטשעט.

אויפ׳ן סופיט פונם בית־המדרש האָבן געהאָנגען 6 גרויסע, 30־גער, בליך־לאָמפן; 12 הענג־לייכטער, אין וועלכע ס׳האָבן אָפט געברענט ליכט. אין אַ יאָרצייט האָט מען געגעבן ליכט פאַר דער נשמה; האָט איינער אַ נדר־געטאָן האָט מען געגעבן ליכט פאַרן מקום־קדוש, אפילו אינדערוואָכן, און ווער שמועסט אין אַ שבת, אַ יום־טוב האָבן אַלע רערן, מיט זייערע ליכט, און די לאָמפן, מיט זייערע נאַפט־ליכט געשאַפן אַ ספעציעלן ריח, וואָס איז געווען אין האַרמאָניע מיט דער פרומער שטימונג פון דעם עולם.

אויך די שטאַרקע רויכערער — פון די שפּאָרטלעך, דראַמקעס, פייקעס, וואָס די גרויסע פלעגן פיפקען, און וואָס קליינע חברה פלעגט אויפקלייבן פון די אָוועקגעוואָרפענע שטיקלעך ציגאַרעטלעך און עס אָנצינדן אין יאָרצייט־ליכטלעך — דאָס אַלץ איז אין דעם בית־המדרש־חלל, מיטן רויך, איינגע־שלינגען געוואָרן.

קליינוואַרק פלעגט זיך טאַקע מיטן ערשטן „צי״ פאַרהיסן, עס האָט זיי געשטיקט אין קעל, אַז ס׳האָבן אַזש טרערן פון די אויגן גערונען, אָבער מיטן ערשטן דורכפאַל האָט מען זיך נישט אונטערגעגעבן. מ׳האָט פּרובירט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז מ׳האָט געכאַפּט דעם „שניט״ פון די גרויסע. — אַריינציען דעם רויך אין האַלדז איז שוין געווען אַ דערגרייכונג — מעשה דערוואַקסענער! בלויז ווען ס׳האָט געטראָפן אַז זייער מלמד האָט עס דערזען איז שוין געווען אַז־אָך־און־וויי צו אַזאַ פאַרגניגן. — מיט אַ כראַסט אין פּנים, אַ ריס ביים אויער און אַ היבש ביסל מוסר האָט זיך עס געענדיקט. — אָבער ווער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַזעלכע זאַכן? אַז מ׳האָט געמוזט האָט מען זיך געהיטן. דער מלמד האָט דאָך נישט געקענט האָבן אַן אויג איבעראַל און אין אַלע צייטן!

פונם סופיט האָט מען נאָך אַרויסגעזען — טראָץ דער שוואַרצקייט — דאָס אַלטע געמעלעכץ, וואָס יאַקוב האָט נאָך מיט 34 יאָר צוריק געמאָלן. אויף איבערמאָלן דעם מקום־קדוש האָט קהל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט. און גלאַט עס אויסקאַלעכן איז געווען אַ רחמנות אויף דער פּריריקער קונסט. — מ׳האָט דאָך געהאַט עפּעס צו באַוואונדערן: די 12 מזלות און אַנדערע געמעלעכצער, וואָס זיינען דאָרט געווען, האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן עס צו פאַרשמירן. אָפּוואַשן עס האָט מען אויך נישט געקענט, ווייל ס׳איז געווען געמאָלן מיט וואַסער־פאַרב. האָט זיך אַלץ אַזוי געעלטערט צוזאַמען מיט די אַלטע חלומות פון די ערשטע, וואָס האָבן אַמאָל געזען די מאַלעריי אין איר „פּראַכט״.

אין בית־המדרש ביי דער טיר, רעכטס, ביי דעם ערשטן פענסטער, איז געשטאַנען שמחה׳לע שמש מיט זיין בופעט און פאַרקויפט צום עולם, וואָס איינעמס האַרץ האָט געגלוסט. אויף דער פּוטרינע פונם פענסטער האָט ער געהאַט אַ פּאָר שאַכטלען מיט סטאָלווערק, שאָקאָלאַדקעס, קאַוואָוועס און פאַרשידענע באַנבאָנעס, פּעפּערמינצלעך, סופּאָנען און אַ קעסטל קראַכלעך. אויף דער באַנק דערנעבן האָט ער געהאַט שטיין קיישלעך מיט עפּל, פאַרשידענע סאָרטן, גרויסע און קליינע, טייערע און ביליקע. די עפּל האָט ער פאַרקויפט אויפן אויג, אָן אַ וואָג. ער האָט געהאַט שיינע־רענעטן, גאָלד־רענעטן, רייסקע־עפּל און אויך קליינע עפּאלעך — בוקאָווקעס. אין איין קיישל האָט ער געהאַט שוין אַביסל צוגעפוילטע „סחורה״ וואָס ער פלעגט פאַרקויפן ביליקער — פאַר אַ שיבוש.

שבת פלעגט שמחה׳לע געבן אויף באָרג. ער האָט געהאַט פאַרשריבן אַלע נעמען פון זיינע קונים און צעטאַלעך מיט ציפערן — 5, 10, 15 גראָשן

א. ז. ו. — און לויט דעם חוב האָט ער צום קונה׳ס נאָמען צוגעטשעפּעט די סומע וואָס ער האָט געבאָרגט. אַלץ איז געגאַנגען מיט חשבון.

פון אינווייניק אויף איין טיר פונם בית־המדרש פלעגט שמחה׳לע, מיט קרייד, אויפשרייבן אַיעדן ערב־שבת דעם זמן פון לעכט־בענטשן, פאַר מוצש״ק, ווען מ׳מעג שוין אָנצינדן אַ לעכט. ווען דער „מולד" פאַלט אויס האָט ער אויך מודיע־געווען אויף דעם אופן: מיט קרייד אויף דער טיר. און אויף דער אַנדערער טיר איז אַלעמאָל געווען „בעקאַנטמאַכונגען", „קול־קורא׳ס" מיטן קהל׳שן זיגל; פון דער באָד־פאַרוואַלטונג, אַז פון דעם פרייטאָג אָן וועט קאָסטן אַ שוויץ 20 גראָשן, מיט אַ בעזימעל דערצו נאָך 5 גראָשן, אַ וואַנע 30 גראָשן. עס ווערט געבעטן צו קומען פון 2 נאָכמיטאָג. גע׳חתמ׳עט פּלוני־ופּלוני — ווער ס׳האָט דאַמאָלס געהאַט צו זאָגן איבער דעם.

ניט ווייט פון שמחה׳לען איז געזעסן משה דוד פעסל. אַ לוסטיקער ייד געווען און ליב געהאַט צו געבן, הינטערוויילעכץ, אַ גוטן שנעל אין אויער פון קליינער חברה. ווען ס׳האָט זיי געגעבן אַ „צופּ־ביים־פּופּיק" פלעגט ער אויסשיסן אין אַ געלעכטער. ווען חברה האָט דערזען אַז עס קומט פון אים, האָבן זיי עס גוטמוטיק אָנגענומען.

באַלד ביי דער טיר, לינקס, איז געווען אַ גרויסער אויוון אויס שאַמאָט־ציגל. די ווינקלען זיינען געווען געקאָוועט מיט אייזן — אַ באַוואָרעניש ס׳זאָל זיך האַלטן שטאַרק. דעם אויוון האָט געשטעלט אַ בוי־אַרכיטעקט, אַ מומחה אין דער זאַך. דאָס טירל, וואו מ׳האָט די קלאַפּטערס האָלץ אַריינגעשויבן, איז געווען גרויס גענוג, אַז מ׳זאָל דערין קענען אַריינלייגן גרויסע פלאַכעס. אין די ווינטער־טעג האָט דער אויוון שטענדיק געהיצט. ס׳איז דערין געווען אַ פענסטערל מיט אַן אייזערנעם שטאַכעט דאַרויף, אויף וועלכן מ׳פלעגט טרוקענען די נאַסע האַנטעכער, וואָס יידן האָבן געבראַנגט פון דער מקווה.

הינטער דעם אויוון איז אַלעמאָל געשטאַנען דער משוגע׳נער מאיר. זעלטן ווען ער האָט זיין „חזקה־פּלאַץ" פאַרלאָזן. אַמאָל פלעגט ער אַרויסלאָזן אַ געשריי: „אַרענדאַרזשו מאש וואודקע!" און פאַרביסן מיט די פינגער.

ביים אויוון זיינען אַלעמאָל געזעסן עטלעכע בעל־בתים: אליעזר ראב, הערש האָלאָשיץ, בנימין רובין, ישראל בלאַנק, יחיאל וויינבערג, מנשה׳לע האָפּשטעטער, הערש קאַץ. אויף דעם פאַר׳חלב׳טן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער 11־ער לאָמפּ, אין אַ טאָפּ זאַמד. יידן זיינען געזעסן אַרום, אַריינגעקוקט אין אַ ספר, געזאָגט תהילים און דערציילט מעשות פון גוטע יידן פון פאַרצייטנס:

פון רבי׳ן ר׳ מענדאלע, פון רבי׳ן ר׳ הערש און פון רבי׳ן ר׳ יאָסאלע פון רימאַנאָוו, ז״ל.

נאָכן דאַוונען מנחה־מעריב פלעגט זיך אַביסל רודערן ווען עפּעס נייעס איז פאָרגעקומען. און ווי קען זיין אַ קהילה־לעבן אָן געשעענישן? — ס׳איז אַלץ פאַראַן אַ נעכטן, אַ היינט און אַ מאָרגן איבער וועלכן מ׳קען זיך מתעסק־זיין, ווען מ׳איז אַ „קאָך־לעפל״. איבערהויפּט נאָענט צום ערשטן קריג און נאָכדעם, ווען ס׳האָט זיך אין קאָרטשין אַריינגעשלייכט דער ציוניסטישער געדאַנק און איז געוואָרן אַן עפנטלעכער ענין, מיט וועלכן אַלע זיינען געווען באַשעפטיקט: דער אַלטער, פרומער דור האָט געציטערט פאַר זיין בני־בית — און דערמיט שוין פאַר דער גאַנצער סביבה — אַז מ׳זאָל זיך, חלילה, ניט אָנשטעקן אין די נייע ווענן, וואָס איז געוואָרן אַ „מגפה״, ר״ל. און דער נייער דור, וואָס איז יאָ „אָנגעשטעקט״ געוואָרן פון דעם ציוניסטישן געדאַנק, האָבן גראָד דערין געזען אַלעמענס ישועה. איינער דעם צווייטן האָט זיך ניט געקענט פאַרשטיין, אָבער ביידנס געדאַנקען זיינען געווען לשמה: ס׳זאָל זיין גוט פאַרן כלל־ישראל.

לאַנד־פּאָליטיק און קהילה־וואַלן האָבן געגעבן געלעגנהייטן איבער וואָס צו ריידן — אַ זאַך, וואָס אין פריריקע צייטן האָט מען דערפון נישט געוואוסט. אַלץ פלעגט צוגיין שאַ־שטיל, דעם „פריץ״ ניט צו דערצערנען. נאָענט צו די 20־גער יאָרן — אינם 20־סטן יאָרהונדערט — איז אַלץ געוואָרן אַנדערש אויך אין אַזאַ שטעטל ווי קאָרטשין. מ׳האָט זיך אָנגעפאַנגען צו פאַראינטערעסירן מיט אַלץ וואָס איז אַלעמען נוגע: סיי אין לאָקאַלע און סיי אין לאַנד־פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אייגענעם לייב־און־לעבן. קיין הכנעה־פּאָליטיק האָט פאַר די נייע געדאַנקען און באַוועגונגען מער ניט עקזיסטירט. מ׳איז געווען אַ גליד אין די ראַמען פון באַשטימטע געזעצן און מ׳האָט געמעגט לאָזן הערן אַן אייגן וואָרט, ווען מ׳איז מיט עפּעס באַ׳עולה׳ט געוואָרן. איז, דעריבער, געווען איבער וואָס צו ריידן, ווען די נייע „לופט״ האָט אויך דערגרייכט קאָרטשין.

אָבער אויך עפּעס פונם אַלטן „שניט״ איז נאָך פאַרבליבן. אָט יאָוועט זיך אינם בית־המדרש שלמה יוסף שדכן, מיט זיין שירעם, פון דוקלע און סוד׳עט זיך מיט שלמה בינם צוקער וועגן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. יעדער שטעלט אויף אַן אויער צו הערן, ווי ער רעכנט אויס זיך „גוטע־סחורה״ פון אַ בחור אַ ברילאַנט, קען די דראָבנע אותיות, און גלאַט אַזוי: כלי־מפואר. דער שדכן האָט, געשעפטסמעסיק, פאַרצייכנט אַלע קאַנדידאָטן און קאַנדידאַטקעס פון אסך שטעטלעך, האָט באַזונדער אַלץ סאָרטירט, אַז ער זאָל, חלילה, נישט

פאַרמישן די „יוצרות”. פלוני בן פלוני פאַסט זיך צו פלונית בת פלוני. עס קאָן דאָך פאַסירן (ווי אין טעאַטער) צו ריידן אַ שידוך, פון צוויי שטעטלעך, מיטן זעלביקן געשלעכט. אוי, וואָלט געווען אַ קלאָג צו אַזאַ שדכן!

אויף די לאַנגע טישן, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגעשניצט קעסטלעך צו שפּילן „שטאָט־און־דאָרף”, זיצן יידן, פאַרן נאַכט און נאָך מעריב, און לערנען: גמרא מיט תוספות און מהרש"א, משניות, שלחן־ערוך, חומש מיט רש"י. ביי אַנדערע טישן זיצן חדר־יינגלעך און חזר'ן איבער וואָס זיי האָבן געלערנט.

דאָס גאַנצע מקום־קדוש איז געווען פול מיט גייסטיקער לופט, מיט מוח־גימענאַסטיק, פלפול, חריפות, סברות קעגן סברות — ווי אין אַ העכערער וועלט, וואו גשמיות עקזיסטירט נישט.



אויפן בילד: מעכעל האָראָוויץ, זיין מוטער און שוועסטער וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין יאָר 1942 אין קאָרטשין.



בילד פון: מרדכי האָראָוויץ, מעכעלס ברודער, אומגעקו־מען אין אוישוויץ.

די גרויסע חתן־בחורים פלעגן זיצן ביי באַזונדערע טישן.

ווען די ליכט פון די בליץ־לאָמפּן האָבן נישט דערגרייכט די טישן פון די לערנערס, האָט מען זיך געהאָלפן מיט אַן אָנגעטריפט לעכטל אויף אַ 5־ער גראָשן, מ׳זאָל עס קענען רוקן וואו מ׳דאַרף, אויף דעם פּלאַץ וואו ס׳האָט זיך גענויטיקט צו דערזען די קליינע אותיות.

ביז חצות איז דער מקום־קדוש געווען פאַרנומען מיט לומדים.

אין יענער צייט, ווען דער שטעטלדיקער נאַכט־שומר האָט, מיט זיין פייפן, געלאָזט וויסן די מיטן־נאַכט־שעה, איז זיך דער עולם צעגאַנגען אַהיים — איש־איש אל ביתו: אין די געסלעך וואו איעדער האָט געהאַט זייז מקום־מנוחה.

ערב דעם קראָסנער חשון־יאַריד

זונטאָג גאַנץ פרי, אַזייגער 5 פאַרטאָג, האָבן די קאָרטשינער קרעמער, קצבים, דאָרפס־גייער, פוטער־סוחרים, אייער־אויפקויפער און קיניקלעך־הענדלער, געאײַלט אין בית־המדרש אַריין צו דאַוונען מיט דעם ערשטן מנין. אָבער ווען זיי זײַנען געקומען אינם מקום־קדוש האָבן זיי געטראָפן שמחה׳לע שמש, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשפעטיקט מיטן אויסקערן און אויסשטעלן צוריק די בענק אויף זייער אָרט. ער איז געשטאַנען מיט דער גרויסער לעיקע א.ן באַשפּריצט די פּאָדלאָגע מיט וואַסער.

ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, נישט אויסגעשלאָפן.

שמחה׳לע איז, אחוץ אַ שמש, אויך געווען אַ צוקער־בעקער. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אויפגעווען און געבאַקן מיקאָלייקעס, און פאַרשידענע לעקעכלעך, וועלכע ער דאַרף מיטנעמען אויפן יאַריד קיין קראָס.

ער איז אָנגעסטראָיעט אויף די גבאים, בינם אלסטער און חיים האַלפּערן, וואָס זײַנען געווען זײַנע באַלעבאַטים און האָבן אים נישט אויסגעצאָלט זײַן חודש־לוין, וואָס קלעקט אים קוים אויף אַ וואָך. ער בייזערט זיך אויף אברהם׳לע דעם חזן׳ס, וואָס העלפט אים אויסקערן דעם בית־המדרש.

אברהם׳לע קערט נאָר מיט איין האַנט. זינט דער צייט, אין אַ ווינטער, ווען ער איז געגאַנגען צום שוחט מיט אַן עוף און זיך אויסגעגליטשט אויפן אײַז, צעבראָכן די רעכטע האַנט נוצט ער בלויז די לינקע. באַלד, נאָך דעם פאַל, איז מען מיט אים געפאָרן קיין האָטש צו סטעפּעק׳ן, וועלכער איז געווען אַ מומחה אויף דעם, אָבער אברהם׳לע איז געבליבן אַ קאַליקע אויף דער רעכטער האַנט.

אסך בעל־בתים האָבן, אין אײַלעניש אָפּגעדאַוונט פאַר זיך, און ווען שמחה׳לע איז פאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע פליכטן אַלס שמש, האָט ער זיך אָנגעטאָן טלית און תפילין און געשטעלט פאַרן עמוד. ער האָט זיך געאײַלט אָנצויאָגן די צייט. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו שרייען וואָס ער לויפט אַזוי.

„מ׳קען אפילו ניט נאָכזאָגן ב״ה וב״ש״ — שרייט בנימין רובין;

„ס׳איז דאָך נישט שמחת תורה״! — שרייט ישראל בלאַנק;

„ס׳איז מאָרגן יאַריד אין קראָס״! — רופט זיך אָן הירש חיים ראָטנבערג;
„איר דאַרפט נישט פאָרן אויפן יאַריד, איר האָט, ב״ה, פרנסה אין דער היים, מיר מוזן צוגרייטן נאָך געגוג פאָרן יאַריד״! — איז געווען שמחה׳לעס ענטפער.

די יאַרידניקעס דאַוונען אָפּ שנעל, מ׳עסט נישט קיין אָנבייסן, נאָר מ׳גייט גלייך אין מאַרק אַריין זיך צו זען מיט די פורמאַנעס, מיט וועלכע מ׳פאָרט שוין אַסך יאָרן. אייניקע דרייען זיך אומגעדולדיק אַרויף און אַראָפּ, אַנדערע לענען זיך אָן אויף די קאַשטענע ביימלעך און וואַרטן ביז די פורמאַנעס וועלן אַרויס פונם קאַשטשאָל און זיך מיט זיי אַדורכריידן.

דערוויל גייט אַרויס אַ לייכע פון קירכע. דאָס בלעקערצן פונם גלח, מיט זיין גאַנצן „קלאַפּערגעצייג״, ווערט אומהיימלעך אויפן יידישן געמיט, און זיי, די יידן, שאַרן זיך אַוועק אין אַ זייט, נישט צו טרעפן פנים־אל־פנים מיט די לויה־באַגלייטער. צוויי וועלטן געפינען זיך אויף איין באַגרענעצטן שטח און איינער דעם צווייטן קאָן נישט פאַרשטיין. וואָס ביי איינעם איז הייליק איז ביים צווייטן מגושם׳דיק, און דער שוואַכערער צד, דער ייד, דאַרף זיין געוואָרנט ניט אַרויסצורופן אַנטקייגן זיך אַ פאַרדאַכט פון עפּעס אַ קרומער מינע לגבי דעם שטאַרקערן שכן. שוין בעסער אַזעלכע באַגעגנישן אויסצומיידן. האָבן זיך דאָס ביסל יידן אַועקגעדרייט ביז די לויה־פּראָצעסיע איז פאַראיבער און די פורמאַנעס, וועלכע זיינען אויך געווען באַטייליקט דערין, זיינען געוואָרן פריי צו קענען זיך מיט זיי אויס׳טענה׳ן. קיין נייע באַדינגונגען זיינען טאַקע נישט געווען; וואָך־איין, וואָך־אויס איז מען דאָך מיט זיי געפאָרן, אָבער מ׳דאַרף זיך, גלאַט אַזוי, מיט זיי „דורכשמועסן״. מילא אַ ייד רייד נישט וועגן מסחר אין שבת אָבער ביי אַ גוי איז עס נישט אסור. אַרויס פונם „מאָדליען״ איז אָפּגעטאָן אַ „חוב״ און פטור! — מיט אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן ענדיקט מען דעם יום־טוב.

ווען די פורמאַנעס זיינען שוין געווען צוריק פונם צמענטאַרזש האָבן זיך די סוחרים מיט זיי אַדורכגעשמועסט. די שניט־סוחרים, בינם אלסטער, יעקב שפּרונג, יחיאל וויינבערגער, זיי האָבן זיך זייערע שטאַבילע פורמאַנעס שוין פון יאָרן, אָבער מאַנכע קרעמער האָבן בשותפות איין וואָגן, וועלכע בייטן זיך פון צייט צו צייט, צו פאָרן אויף די ירידים קיין קראָס און אין אַנדערע שטעט אין דער קאָרטשינער געגנט.

די צעלניק־סוחרים, שלמה בינם צוקער, איטשעלע הורוביץ; די טאָנ־דייטניקעס, ווי שמואל עררייך, חיים אייכהאָרנס איידעם, מנשה׳לע האָפּשטעטער;

די פוטער־און־אייער־סוחרים — אַלע האָבן זיך געהאַט זייערע פּורמאַנעס פון יאָרן — כמעט ווי אַ חזקה. אָבער אַז מ׳זעט זיך אַ טאָג פריער ווערט גרינגער אויפן האַרצן. אינאיינוועגס האָבן גוים געכאַפּט אַ כוסה.

מאָנטאָג פאַרטאָג זיינען שוין די פורלעך געווען אָנגעלאָדן מיט אַלערליי סחורות. קיין ליידיקער ווינקל אויף די וועגענער זיינען נישט געבליבן און פאַר די סוחרים איז — ווי־ניט־איז — אויך געבליבן אַ שטיקל פּלאַץ וואו זיך אַריינצוּשפּאַרן: אויף דער סחורה, נעבן דער סחורה — אַבי געפאָרן.

צוקומנדיק נאָענט צום הויכן באַרג, נעבן קראָס, האָבן אַלע געמוזט אַראָפּגיין פונם וואָגן ווייל פאַר די מאָגערע פערדלעך האָט ניט געסטאַיעט קיין כוח אויף אַרויפצושלעפּן די מענטשלעכע משא. עס איז דאָך אַ צער־בעל־חיים! „דער שוויענטי־וואַיטשעך״ (דער נאָמען פונעם באַרג) האָט דעם פערד נישט געקאָנט העלפן. געכער אַביסל מער היי און האָבער וואָלטן עס באַוויזן, אָבער גיי שלאָג זיך מיטן גרויסן יקרות און קליינע פאַרדינסטן. — אין אַלע צייטן האָבן מיר דאָך אַזעלכע פּראָבלעמען.

שמואל אהרן טעללער פלעגט מיטנעמען, אחוץ די זעקלעך קיניגלעך אויף זיין פור, אויך כשר׳ן קעז און פוטער, קיין קראָס, פאַר זיינע היימישע, באַקאַנטע, פרומע יידן. ער האָט דערמיט אויך יוצא־געווען לשם־מצוה — אחוץ פרנסה.

דעם זונטאָגדיקן טאָג פלעגן אַלע הענדלער, וואָס האָבן געהאַט סחורות צו פאַרקויפן, צוגרייטן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט בדעה מיטצונעמען אויף די פורן, קיין קראָס אויפן יריד. די שניט־סוחרים האָבן מיטגענומען גראָבע באַרכעטן, דיקע ציַיגן, שטרוקסן און סאַמעט פון אַלערליי קאָלירן. די צעלניק־סוחרים האָבן צוגעגרייט, אין געקאָוועטע קאַסטנס, גלאַנטעריע פון העמדער, גאַטן, קינדער־שיכלעך, הענטשקאַלעך, מעטערס צו מעסטן, ברילן, סטענגעס פון אַלערליי קאָלירן און פאַרשידענע פאַרמען. די טאַנדייטניקעס האָבן איינגעפּאַקט ווינטער־קורטקעס מיט דיקער וואַטע אונטערגעבעט, רייט־הויזן, מענטעלעך פון גראָבן שטאָף. נחום קירשנער פלעגט פאָרן מיטן איידעם און געהאַט קאַסטנס מיט פאַרשידענע זומער־און־ווינטער־טיכלעך, שאַלן. מעכל קירשנער האָט פאַרקויפט ווינטערדיקע היטלען, אַליין געמאַכט, פאַר גרויסע און קליינע — אַזעלכע היטלען מיט לאַפּן, וואָס מ׳קען מיט זיי אַריבערדעקן די אויערן, אין דער פראָסטיקער און ווינטיקער צייט. די קרעמער האָבן פאַרראָכטן זייערע שטעלן, די קאָבוליצעס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט, מיט טשוועקעס באַפעסטיקט, און די דרענגלעך, וואָס האָבן געהאַלטן דעם דאַך,

באַוואָרנט מיט שטריקלען, מיט זיי צוצובינדן אַלע פּלעצער וואו ס׳זיינען געווען נויטיק, אויסצוהאַלטן דעם יאַריד אין אַ רעגן אָדער שניי, און אַ זומער־טאָג צו זיין באַשיצט פון דער זון.

די קיניקלעך סוחרים האָבן אויך געהאַט פעלעכלעך פון האָז, טכויערס אין מאַרדערס, וואָס זיי פלעגן פּאַקן אין זעק. שמואל ליפּאַלעס, משה לוטמאַנס ברודער, האָט אויך, אַחוץ קיניקלעך, געפירט זעק מיט אַלטע כאַלעוועס, וואַקס, פעלן פון קעלבלעך — אַלע האָבן זיך געגרייט צום קראָסנער חשון־יאַריד.

אויך דער בעקער, שילעם וויינשטיין, איז מיט זיין געבעקס: ברויט, קוילעטשן, שטאַנגל, קייזערקעס, בייגל, זעמל אַלערליי — געפאָרן אויפן יאַריד.

די קצבים, ווידער, האָבן זיך באַזאָרגט מיט טרייבערס פאַר די בהמות וואָס זיי זיינען געווען גרייט צו קויפן. ווי יאַלעווקעס, קי און אַמאָל אַ בוהיי, דאַרף מען וויסן ווי מיט זיי אומצוגיין.

כמעט דער גרעסטער טייל פונם שטעטל האָט געלייגט האָפנונג אויפן חשון־יאַריד, דאָס האָט באַדאַרפט ברענגען פּרנסה פאַר אַ היבשער צייט. שטייער צאָלן, דירה געלט, האָלץ אויפן ווינטער, מלמד־געלט, קליידן, שיכן, דאָס איז אַלץ, אחוץ עסן, פון די נויטווענדיקייטן, וואָס מ׳דאַרף אַריינמען אין חשבון.

אָבער אין אַזאַ געשפּאַנטער האָפנונג אין אַ זונטאָג פאַרן־נאַכט ערב דעם יאַריד, ווען דער הימל פון נעבן די טשאַרנאָזשיקער־וועלדער ווערט פאַרנעפּלט, עס באַווייזן זיך וואָלקנס, ווערן די געמיטער פון די יאַרידניקעס באַטריבט און דענקען: ווער ווייסט? אָבער ניט אַריינצופאַלן אין אַ יאוש באַשליסט מען צו גיין דאַוונען מנחה־ומעריב... אין קאָרטשין גייען אַלע צו מנחה ומעריב: אַלט און יונג.

זה השער לד׳, צדיקים יבואו בו

אין די 20־גער יאָרן, ווען צווישן דער יוגנט האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעכאַפּט דער ציוניזם; ווען יונגוואַרק האָט שוין געוואוסט פון אַ צייטונג, אַ ביכל, און אַז ס׳איז אויך וויכטיק, אחוץ אַריינקוקן אין אַ ספר, אויך צו קענען אָנשרייבן אַ בריוול, און איבערהויפּט וועגן יידישקייט מיט אַנדערע אויסטייטשונגען, ווי ס׳איז פריער געווען — האָט זיך אויך צווישן עלטערן עולם עפּעס אָנגעפאַנגען צו רודערן. מ׳איז טאַקע ווייטער געגאַנגען דאַוונען צווײמאָל אַ טאָג (אינדערפרי און צו מנחה־ומעריב), אַ מנין איז געווען וויכטיק, אָבער צוביסלעך האָט זיך דאָך ענטוויקלט אַ שטיקל מרידה לגבי דער איינגעשטעלטקייט פון פריער.

ווי באַקאַנט איז אין קאָרטשין געווען אַ בית־המדרש, וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל גייסטיק־רעליגיעז געהאַלטן צוזאַמען. פאַרן ערשטן וועלט־קריג איז אויך די שול געווען אַ טייל דערפון, אָבער בלויז פאַר שבתים און ימים־טובים. אַ גאַנצע וואָך, אין אַ געוויינלעכן טאָג, האָט מען דאָרט קיין מנין נישט געהאַט, און נאָכן קריג מיט די פאַרבליבענע ציגעלנע ווענט, אָן אַ דאַך, איז עס שוין נישט מער געווען אַ פּלאַץ פאַר תפילה. אָבער אין בית־המדרש איז דער ירושה־איינשטעל געווען אַז אַ „טאַטנס אַ קינד״ האָט געהאַט די מזרח־וואַנט, כאָטש אַליין צו ווייזן מיט עפּעס דעם ווערט פון זיין „יחוס״ האָט ער נישט געהאַט. און איבערהויפּט האָבן זיך פון אָרעם־און־רייך געביטן די יוצרות, אַז אפילו צווישן די כלומר׳שטע מיוחסים איז געוואָרן אַן איבער־קערעניש.

ווען אַלץ גייט אויף אַ נאָרמאַלן וועג גיט מען זיך אונטער דעם גורל, אָבער ווען דאָס דרויסנדיקע ווירקט אַז אַלץ־מיטאיינאַנדער באַקומט אַן אַנדערן כאַראַקטער רודערט עס אויף די געמיטער פון אַלעמען. פריריקע אומשולדיקע לעמאַלעך ווערן חוצפה׳דיק און דער איידעלער כאַראַקטער ווערט דערשלאָגן, ווען ער געפינט שוין מער פאַר זיך נישט קיין אויסוועג. אַ ויתרו־צו עקזיסטירט צווישן דעם פריריקן און דעם אויפגעקומענעם, ווען אפילו עס קומט נישט באַלד אָפּן צום אויסברוך.

ביים שטעלן זיך צום עמוד, באַקומען אַ „בעסערע״ עליה, און גלאַט

אָפּגעבן כבוד איינער דעם צווייטן ווערט אַ טאָג־טעגלעכער ענין וואָס רופט אַרויס קנאה. נו, מילא ווען איינער איז אין דער קאַטעגאָריע פון אַ סוחר, קען מען, מיט אַ ביסל גליק, זיך אויך יחוס פאַרשאַפן. אין מסחר, ווען מ׳אַרבעט זיך אַרויף אויף אַ העכערן שטאַפּל און מ׳גיט צדקה קומט שוין דערמיט אַ בעסערע עליה, מ׳ווערט שוין באַטיטלט מיטן נאָמען „רב״ כאָטש פון וויסן וועגן אַ ספר איז ער אַ קליינער מחותן. — אָבער וואָס זאָלן, נעבעך, די שניידערס און שוסטערס, און זייער גלייכן, טוען, ווען זייער גורל איז שוין באַשטימט אָפּצופינסטערן זייערע יאָרן ביי זייער האָרעוואַניע, און קיין גבירים קענען זיי שוין נישט ווערן?

און צווישן זיי טרעפן זיך דאָך אַזעלכע „ספרא־רבא׳ס״ וואָס שטייגן נאָך אַריבער דעם יחוס פון דער „אַנדערער זייט״. אויך פאַרן עמוד זיינען מאַנכע נישט קלענערע וויסערס ווי די דאָרטיקע „אויבן־אָן׳יקעס״. אָבער דער אַלטער־און־נייער־איינשטעל דערלאָזט נישט, אַז אויך דער בעל־מלאכה׳־שער און אַנדערער קלענערער־שטאַפּל־געזינדל זאָלן קומען צום וואָרט.

האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין קאָרטשין עפּעס אַ נאָמען פון אַ „יד־חריצים״, וואָס אין די גרעסערע שטעט האָבן זיי שוין עקזיסטירט לאַנג פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע יידישע אָרגאַניזאַציע פון אַלערליי באַלמעלאָכעס, און אויך פון זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט צווייגן, וועלכע האָבן זיך, רעליגיעז, געמאַכט שבת פאַר זיך. ס׳איז געווען אַ שניידער־שולכל, אַ שוסטער־שולכל און אפילו אַ טרעגער־שולכל, אויב זיי זיינען געווען אין אַ היבשער צאָל.

עס פאַרשטייט זיך אַז צווישן די „אייגענע״ האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט, דאָ און דאָרט, אַזעלכע וואָס קענען זיך שטעלן צום עמוד און אפילו זיין אַ בעל־קורא. האָט מען דאָך שוין אַליין דערמיט באַוויזן אַ וויכטיקייט. און גלאַט אַזוי האָט אַיעדער געקענט דער־גרייכן עפּעס צווישן אייגענע צו ווערן באַערט. — אָבער וואָס, מ׳שטיינס־געזאָגט, קען מען עס דערוואַרטן ווען מ׳דרייט זיך צווישן די פּיס פון די „מיוחסים׳לעך״? אויך צו אַזאַ צושטאַנד איז עס געקומען אין קאָרטשין און חברה האָבן באַשלאָסן צו מאַכן „שבת״ פאַר זיך.

האָט זיך „עמך״ צונויפגערעדט און פאַרלאַנגט פון קהל אָוועקצוגעבן פאַר דעם „יד־חריצים״ דאָס לאָקאַל וואָס איז דאַמאָלס בלויז געווען, פאַר שמחה׳לע שמש, אַ פלאַץ פאַר זיינע בעזימער און נאָך אַנדערע חפצים, וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַר זיין שמשות. קהל האָט נישט לייכט באַשלאָסן, אָבער צום ענד נאָכגעגעבן. אַ לעגאַלע באַשטעטיקונג, פאַר דער פאַראיין, פון דער רעגירונג, האָט מען אויך געקראָגן. ערשט נאָכדעם האָט זיך עמך גענומען

אויסצוסטראָיען אינווייניק און אויסנווייניק, אַז ס׳זאָל די ווערט זיין צו הייסן אַ מקום־קדוש. — און געהאַט אייגענע פיר ווענט וואו צו דאַוונען, און צווישן זיך געפּראַוועט כּיבודים.

אויף די ימים־טובים האָבן זיי באַשטעלט אַ חזן, אַ גוטן בעל־תּפילה, פון אַן אַנדער שטעטל, וואָס איז געווען אַ נייעס אין קאַרטשין. אַלעמאָל האָט מען זיך געספּראַוועט מיט די היימישע בעלי־מנגנים און דאָ, פּלוצים, אַ דרויסנדיקער! פאַרשטייט זיך, אַז מבינות און אויך אַביסל „אונטערהערעכטס" פונם בית־המדרש׳ס־צד האָט נישט געפעלט. ס׳האָט אַביסל צום שטעטל צוגעגעבן קאָליר. — וואָס נאָך האָבן יידן געהאַט אחוץ פון דעם סאָרט?

יאָ איינמאָל האָט זיך, אויפן „ווינק" פון די נישט פאַרגינערס, אַ רעגירונגס־קלאַמקע באַוויזן און פאַרלאַנגט די ביכער פונם „פאַראיין": די איינגאַמען און אויסגאַבן. האָט מען אים אַלץ געוויזן, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו די אויסגאַבן פון אַ האַלבן הערינג פאַר שלוש־סעודות, האָט ער געקוקט ווי אַ האָן אין „בני־אדם" און האָט עס נישט געקענט באַנעמען. „וואָס פאַר אַ יידישער טריק שטעקט דערביי"? האָט ער זיך געקלערט. אָבער ענדלעך האָט מען עס אים אַריינגעקלאַפּט אין זיין גויישן קאָפּ און אַלץ איז געוואָרן אין אָרדנונג.

אין דעם שולכל איז געווען דער כּסא־של־אליהו, וואָס חיים וואָלף האָט אויסגעפּלאַנעוועט, געצייכנט און מיט דער הילף פון אַ האָלץ־קינסטלער צוזאַמענגעשטעלט. פאַר די בית־המדרש־יידן איז עס נישט געווען קיין נויט־ווענדיקייט, און דאָ איז עס געווען אַ צירינג פאַר אַלעמען. מ׳האָט זיך מיט דער קונסט־אַרבעט געגרויסט. דאָס מקום־קדוש׳ל האָט מען געהאַלטן ריין און געהאַט אַן אייגן ווינקל וואו זיך צוזאַמענצוקומען.

איינמאָל האָט זיך חיים וואָלף קורעף מישב געווען און אויפגעשריבן, מיט שיינע גע׳כתיבה׳טע אותיות, אין אויל־פאַרב, פון דרויסן פון דעם „שול־פאַראיין": — „זה השער לד׳, צדיקים יבואו בו". — ווען די בית־המדרש־באַלעבאַטים זיינען פאַרבייגעגאַנגען און דאָס געזען, האָבן זיי געצויגן מיטן אַקסל, גע׳חוזק׳ט און געפרעגט: ווער זיינען דאָס דאָרט די צדיקים?

איבערהויפּט האָט מען ביז דאַמאָלס, אין יענער צייט, קיין אויסערע פאַרצייכנונג אויף אַזעלכע זאַכן — אַ שול, אַ בית־המדרש וכדומה — נישט געזען. אָן דעם האָט אויך אַ פרעמדער ייד געטראָפן וואו ערגעץ דאָס געפינט זיך, און דאָ קומט חיים וואָלף, מיט זיינע שטיק, און קלויבט אויס אַזאַ מין פּסוק פאַר זיין „חברה". — אָבער מ׳האָט עס אַראָפּגעשלינגען און זיך געגאַנגען ווייטער...

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קאָרטשין

אין יאָר 1920, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז אין קאָרטשין, דורך בער פישל, מתתיהו קאַץ, וואָלף גלייכער, ווידער באַנייט געוואָרן די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכערס טעטיקייט ס׳איז דורכן קריג איבער־געריסן געוואָרן. אויך אַ בית־ספר־עברי, אַ העברעאישע שולע, איז געעפנט געוואָרן.

עס איז דאַמאָלט געווען אַ יוגנט, וועלכע האָט מיטגעהאָלפן: ווי אשר שיף, וואָלף קאַלב, דוד מאַרגוליעס, וואָלף רינגעלהיים, און שלמה יוסף אַקסעלראַד.

די ערשטע פעראיין איז געווען ביי משה שמעיה׳ס.אַ זייער נידריק הייזל, מיט אַ שטרוי־דעכל און גאָר קליינע, נידריקע פענסטערלעך — כמעט גלייך מיט דער ערד.

די חסידישע עלטערן האָבן געשטערט צו גיין אין דער שולע. אין דער שולע זיינען געגאַנגען ווייניק קינדער, אָבער די וואָס זיינען יאָ געגאַנגען האָבן זיך, אין אַ קורצער צייט, אויסגעלערנט לעזן און שרייבן עברית, ווי אויך זינגען העברעאישע לידלעך. די יוגנט האָט אויפגעלעבט. איינער האָט באַ־איינפלוסט דעם צווייטן — טראָץ דער שטערונג פון מאַנכע עלטערן.

איך געדענק, ווי מ׳האָט איינמאָל איינגעלאַדן, פון וואַרשע, אַ ציוניסטישן רעדנער, דר. מיליקאָווסקי, אַ מזרחי׳סט, וועלכער איז געקומען ריידן קיין קאָרטשין, נאָך מנחה ומעריב, אין בית־המדרש. די יוגנט איז געווען פול, געשפאַנט און געוואָלט אים הערן. האָבן זיך בעלזער חסידים (ווייניק אין צאָל) מיטן רב בראש, איינגעשפאַרט, אַז זיי ווילן נישט, די ציוניסטישע שקצים זאָלן פאַרשוועכן דאָס בית המדרש. ווען דר. מיליקאָווסקי איז אָנגעקומען, האָט מען געדאַווענט מעריב. נאָכן דאַוונען איז ער אַרויף אויף די טרעפּלעך פון ארון־קודש, געגעבן אַ קוש דאָס פּרוכת און געוואָלט אָנפאַנגען צו ריידן, האָבן די חסידים געמאַכט אַ טומל, נישט געלאָזט אים אפילו אַרויסריידן אַן איינציק וואָרט. פונם גערודער איז געוואָרן אַ געשלעג, מיט קלעפּ פאַר מתתיהו קאַץ. ער האָט געוויינט מער פאַר דער חרפּה פון דער געשעעניש,

ווי פון וויטיק, און דער רעדנער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס בית המדרש. ער האָט געזאָגט אַז דאָס נישט לאָזן אים ריידן אויף אַזאַ אופן, וועט איבער־לאָזן אַ בעסערן רושם, לטובת דעם ציוניזם, ווי ווען ער וואָלט גערעדט. זיינע רייד וואָלטן זיכער פאַרגעסן געוואָרן, אָבער די געשעעניש וועט פאַרבלייבן אין זכרון אויף שטענדיק; מ׳וועט זיך דעריבער פאַרטראַכטן און ווערן ציוניסטיש. — אַזוי איז עס טאַקע געווען. כמעט די גאַנצע יוגנט האָט עס צוגעצויגן.

דער דר. מיליקאָווסקי איז געווען זייער אַ שיינער מענטש, געהאַט אַ הדרת־פּנים, וואָס האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ — אָבער נישט ביי אַזעלכע, וואָס האָבן דערין געזען די טומאה, ר״ל.

בער פישעל און מתתיהו קאַץ האָבן אָפּט געהאַלטן רעפעראַטן און פאַרלעזונגען. זיי האָבן ענטוויקלט, אין קאַרטשין, קולטורעלע טעטיקייטן. אָבער אינם זעלביקן יאָר — אין 1920 — איז אויסגעבראָכן די פויליש־רוסישע־מלחמה, איז אסך פון דער יוגנט אַנטלאָפן, ווער קיין דייטשלאַנד, קיין האָלאַנד, און ווער אַנדערשטוואו, איז די ציויסטישע אָרגאַניזאַציע, פאַר אַ צייט, געווען פּאַראַליזירט. ערשט אין יאָר 1926 איז זיך די יוגנט ווידער צוזאַמענגעקומען.

בער פישעל, מתתיהו קאַץ, שלמה יוסף אקסעלראד און נאָך חברים, האָבן ווידער אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מען האָט געדונגען אַ לאָקאַל ביי מינדל ראָטענבערג (אונטערן ראטהויז). דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ טונקעלן קאָרידאָר, אין אַ קליין שטיבל, וואָס דאָרט האָט אַמאָל געוואוינט יעקעל רויזנער (מ׳האָט אים גערופן: „סמאָנט״ — פאַרוואָס ?). ס׳איז געווען אַ שמאָל און לאַנג שטיבל מיט איין פענסטער צום ענד און נישט גענוג ליכטיק אפילו בייטאָג. דאָרט איז געוואָרן דער לאָקאָל פון דער ציוניסטישער יוגנט. אַלע האָבן בייגעשטייערט מיט עפּעס: אַ בענקל, אַ טיש, אַ מגן־דוד (אַליין געמאַכט), ביז מ׳האָט אויסגעסטראָיעט דעם צימער, אַז מ׳זאָל זיך דאָרט קענען צוזאַמענקומען. בער האָט געשענקט אַ גיפּסענע פיגור פון דר. הערצל און נאָך בילדער, וואָס אַנדערע האָבן געבראַנגט צו באַשיינען דעם לאָקאָל.

איעדער נאַכט זיינען מיר זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען. מ׳האָט פאַרגע־לעזן פון הערצל׳ס „יודענשטאַט״, וועגן אַ יידישער מדינה, וואָס דאַרף זיין אַ מוסטער לכל־הגויים. מ׳האָט געשלינגען אַלץ, וואָס מ׳האָט דאָרט פאַרגעלייענט. בער פישעל איז געווען זייער איבערגעגעבן צו אַלץ און אַלעמען, און האָט ליב געהאַט די קאַרטשינער יוגנט. ער האָט פיל צייט אַוועקגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע.

שבת נאָכמיטאָג פלעגט דאָס שטיבל זיין איבערגעפולט. מתתיהו קאַץ, מיט דער זיידענער בעקעשע און שטריימל, האָט דאָרט קיינמאָל נישט געפעלט. אויך פנחס ווירטהיים, וואָלף גלייכער פלעגן דאָרט אָפט רעפערירן איבער וויכטיקע טעמעס. עס פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס. פרויען זיינען דאָרט אויך געקומען. צוביסלעך האָט זיך די מיטגלידערשאַפט פאַרגרעסערט, אַז דער לאָקאַל איז געוואָרן צו קליין, און מ׳האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסערן — צו פישל שרויט, אויפן ערשטן שטאָק. אינם נייעם, שיינעם פלאַץ האָבן מיר געגרינדעט אַ העברעאישע שולע, און אסך מיידלעך זיינען צוגעקומען אַלס שילערינס. דער רב פלעגט יעדן שבת האַלטן דרשות (וואָס איז פריער ניט געווען זיין מנהג), אַז עלטערן זאָלן נישט דערלאָזן זייערע קינדער צום „שמד״. אָבער טראָצדעם האָט זיך די מיטגלידערשאַפט, פון טאָג צו טאָג, פאַרגרעסערט.

בער פישל האָט איינגעאָרדנט פאַרוויילונג־אָוונטן. עס פלעגן אַהער קומען אויך קראָסנער יוגנט. קאָרטשין איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער גאַנצער געגענט. — בער האָט אָנגעשריבן אַ טעאַטער־שטיק, וואָס איז געלויבט געוואָרן פון נחום סאָקאָלאָוו׳ס טאָכטער, מיטן נאָמען „צוריק־אַהיים״, און עס אויפ־געפירט אינם נייעם לאָקאַל ביי פישעל שרויט. מיט אייגענע כוחות האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ בימה; איך האָב געמאַכט די דעקאָראַציע; בער פישעל האָט רעזשיסירט און איז אויך געווען דער סופלאַר. די פאָרשטעלונג איז גע־לונגען. דער לאָקאַל איז געווען איבערפולט מיט געסט.

ווערנדיק אינספּירירט פון דעם ערשטן דערפאָלג, האָבן מיר געגרינדעט אַ טעאַטער־טרופּע, מיט די פאָלגנדע שפּילער: אפרים ווײַנשטיין, מענדעל האַלפּערן, נפתלי עררייך, וואָלף פּעסעל, משה בוים. אויך מיידלעך זיינען געווען אין דער טרופּע: חיה ווײַנשטיין, מיינע צוויי שוועסטער פראַדעל און ציפּרה יענטע, באַשע האַלפּערן און נאָך אַנדערע, וואָס זיינען מיר אַרויס פון זכרון. איך האָב שפּעטער אָנגעפירט מיט דער טרופּע.

מיר האָבן פאַרשיידענע טעאַטער־שטיק אויפגעפירט אין קאָרטשין. איינגאָמען פון די טעאַטער פאָרשטעלונגען, זיינען געגאַנגען פאַרן קרן־היסוד.

דעמזעלביקן שבת־נאַכט, ווען מיר זיינען געווען פאַרנומען מיט דער ערשטער פאָרשטעלונג, „צוריק אַהיים״, ווען מיר האָבן דערוואַרטעט אַן ערפאָלג פון דער אויפפירונג, האָבן זיך פרומע יונגעלייטלעך אַריינגעשלייכט אין אונזער לאָקאַל און אַרויסגע־גנב׳עט די שאַנק מיט דער ביבליאָטעק, פון איבער 150 ביכער און זיי פאַרברענט. עס זיינען צווישן זיי געווען יידישע און

פוילישע, וואָס מיר האָבן, מיט שווערער מי צוזאַמענגעשטעלט. ערשט זונטאָג פרי האָבן מיר זיך דערפון דערוואוסט, און ס׳איז געוואָרן אַ בהלה אינם שטעטל.

מען האָט פאַרשטאַנען ווער דאָס האָט געטאָן. דר. משה רובענפעלד, אַ היימישער דאָקטאָר, אַ געבוירענער אין קראָס, האָט די זאַך איבערגעגעבן דער פּאָליציי און ס׳איז געוואָרן אַ חקירה־ודרישה. ס׳איז געווען אַן „אויטאָ־דע־פע״, אַזוי ווי אין מיטל־אַלטער — אינם 20־סטן יאָר הונדערט.

מ׳האָט אייניקע בחורים אַרעסטירט. מ׳האָט זיי געפּאָרשט, אָבער קיינער האָט זיך נישט מודה געווען. די מוטערס, פון די פאַרהאַלטענע בחורים, זיינען געלאָפן צו דער פּאָליציי, געוויינט פאַר זיי, זייערע קינדער זיינען, נעבעך, אומשולדיק, און מ׳האָט זיי באַפרייט.

די פּאַסירונג איז נאָכדעם באַשריבן געוואָרן אין די וואַרשעווער צייטונגען, אין „היינט״, „מאָמענט״ און אין די פוילישע: „נאָווי־דזשענניק״, „כווילא״, און ס׳זענען אָנגעקומען ביכער פון אַסך שטעט: פון וואַרשע, ריישע, טאָרנע און פון אַנדערע. פון איין גרויסער ביבליאָטעק „הזמיר״ האָבן מיר דערהאַלטן אַ פּאָר הונדערט ביכער: ווערק פון י. ל. פּרץ, פון שלום עליכם, פון שלום אַש און פון נאָך מחברים. די ביבליאָטעק איז פּילפּאַך פאַרגרעסערט געוואָרן.

די פרומע האָבן אָבער געווירקט אויף פישעלע שרויט, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסציען פונם זאַל, וואו מיר זיינען שוין געווען גוט איינגעאָרדנט. האָבן מיר געדונגען אַ לאָקאַל אין דער פּוילישער געמיינדע, אָבער אויך דאָרט האָט מען אונז געלאָזט בלויז איין יאָר. האָבן מיר נאָכדעם, אויף דערוויל, אָנגעהאַלטן אונזערע טעטיקייטן אין וואָלף קירשנערס שטובן, אין דער מאַנגל, ביז מיין מוטער האָט אויפגעבויט אַ שטענדיקן לאָקאַל, אין וועלכן מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר.

די מיטגלידערשאַפט האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט. מיידלעך פון פרומע הייזער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע. די העברעאישע שולע האָט זיך שיין אַנטוויקלט.

אויף אַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן איז קאָרטשין געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. די אָנשטרענגונג פון בער פישעל, מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דער קאָרטשינער יוגנט, איז געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע. האָבן מיר זיך שטאַרק געפרייט צו הערן ווי אונזער אַרבעט ווערט געלויבט אין דער עפנטלעכקייט. אָבער אין יאָר 1928 (?) איז אונזער פרייד צעשטערט געוואָרן: בער פישעל, אונזער וועגווייזער, איז, נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, געשטאָרבן. מיר האָבן זייער לאַנג געטרויערט נאָך אים.

מיר האָבן זיך בילד געלאָזט פאַרגרעסערן און עס איז געהאָנגען אין דער פאַראיין, וואָס האָט אונז אַלעמאָל דערמאָנט זיך גוט־האַרציקייט און ליבשאַפט צו אונז. ז״ל.

נאָך זיין פטירה, האָבן מתתיהו קאַץ און פנחס ווירטהיים אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזאַציע. און פונם יאָר 1932 ביז 1939 האָב איך איבערגענומען די פירערשאַפט. אויך ק.ק.ל. — אַרבעט איז געווען אונטער מיין השגחה.

אין יאָר 1938 איז געווען אין קאָרטשין קהילה־וואַלן. עס איז אָנגע־גאַנגען אַ קאַמף צווישן צדדים, וואָס מיר זיינען געווען איינע פון זיי. מיר האָבן געדאַרפט געלט פאַר דעם צוועק און נישט געהאַט. עס האָט זיך אָנגע־פאַנגען צו רודערן, מכח דעם, באַלד נאָך חנוכה. האָט אונז חיים וואָלף קורעף געראָטן מיר זאָלן אָרגאַניזירן אַ יוסף־שפיל, אויף פורים, וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן געלט. זיין עצה איז געווען אַ גוטע. אויף אַ פאַרזאַמלונג האָבן עס אונזערע חברים גוטגעהייסן און זיך גענומען עס צו אָרגאַניזירן.

דעם טעקסט פון מכירת־יוסף־שפיל האָט געהאַט מענדאלע, אברהם מרדכי קאַץ׳ס, מיר האָבן עס ביי אים אָפּגעקויפט פאַר 5 זלאָטעס. די קליידער פאַר דעם שפיל האָבן אַריינגעטריבן אַ היבשע סומע. אויך דער לאָקאַל אין דער געמיינדע, פאַר דעם צוועק, האָט באַדאַרפט קאָסטן. אָבער מיר האָבן עס אונטערגענומען און עס דורכגעפירט. די מעלאָדיעס דערפון האָט געדענקט חיים וואָלף. מיר האָבן איינגעטיילט די ראָלן, לויט די פעאיקייטן, פון איעדן באַזונדער. מענדעל האַלפערן האָט געשפילט יעקב, מענדעל וויינשטיין האָט געשפילט יוסף. יוסף׳ס ברידער האָבן געשפילט: וואָלף פעסעל, לייבוש קופליק, נפתלי ערדייך, הערש ערדייך, משה גוטווין, שלמה הורוויץ, אפרים וויינשטיין און משה בוים. יוסף דיללער, יהושע רינגעלהיים זיינען געווען די מדינים.

מיר האָבן פאַרקויפט אַלע בילעטן. אין קאָרטשין איז איעדער געווען נייגעריק צו זען יוסף־שפיל. דער זאַל אין דער געמיינדע איז געווען געפּאַקט, זייער שיין אויסגעמאָלן. די ווענט, און די דעקאָראַציעס זיינען געווען צוגעפּאַסט פאַר דער פאָרשטעלונג — לויט אונזער באַנעם. פּאָליציי איז געשטאַנען ביי דער טיר, און געהאַלטן אָרדנונג. אויך שטאָטישע קריסטן און געסט פון קראָס זיינען דאָרט געווען. אַלץ איז געווען זייער געלונגען און אויף אַלעמען געמאַכט אַ רושם.

מענדעל וויינשטיין, אַלס יוסף, איז געווען אַ דערפאָלג. ער האָט געהאַט אַ טייערע סאָפּראַנאָ־שטימע און זיין בעטן זיך ביי די ברידער, מ׳זאָל אים ניט

אָפּרייסן פון זיין טאַטן יעקב, איז געווען רירענד. עס האָט דעם עולם גענומען.
געוויסע סצענעס זיינען געווען באַגלייט פון אַן אַקאָרדיאָן.

עס איז, נאַטירלעך, אויך געווען אַ געשעעניש צו זעען יידן מיט בערד,
אין זייער יידישן טראַכט, ביי אַזאַ פאָרשטעלונג. דאָס שטעטל האָט פריער
אַזעלכעס נישט געזען. די לויב און באַוואונדערונג איז געווען פון אַלע זייטן.
ביז 1 ביינאַכט האָט עס געדויערט. מיר האָבן דערפון היבש פראָפיטירט.


די זעלביקע פאָרשטעלונג האָבן מיר נאָכדעם געשפּילט אין יעדליץ
און אין סטריזשעוו, זיינען געקומען יידן פון דער אַרומיקער געגענט זען ווי
די קאָרטשינער פירן אויף יוסף־שפּיל, וואָס זיי האָבן, אפשר, קיינמאָל נישט
געזען. איבעראַל איז דער זאַל, וואו מ׳האָט געשפּילט, געווען געפּאַקט, און
מיר האָבן געהאַט היבשע הכנסה. אַ העלפט דערפון איז געגאַנגען פאַר וואָל־
הוצאות און אַ העלפט פאַרן קרן־קימת.

עס דערמאָנט זיך ווי האָפערדיק און ענערגיש די יוגנט איז דאַמאָלס
געווען. אפילו אין אַזאַ שטעטל ווי קאָרטשין האָבן זיי געפינען אַן אויסוועג
צו זייער געפּענטעטער לאַגע, אַז זיי זאָלן זיך, אויף אַ געוויסן אופן, גייסטיק
אויסלעבן. ס׳איז געווען אַ פאַרבינדונג צווישן חברים און שכנים, וואָס האָט
עפּעס געמיינט אין אַ העכערן זין.

עס טוט וויי וואָס דאָס אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען. עס בענקט זיך
נאָך אַ נאָענטן, היימישן קאָרטשינער.

שלום ווייסמאַן
ירושלים

היים און סביבה



שלום ווייסמאַן

די ערשטע דערציאונג פון אַ־יעדן יחיד איז דאָס וואָס מ׳זאַפּט אין זיך אַריין פון דער אייגענער היים. דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע איינגעשטעלטע אָרדנונג לגבי יעדע זאַך באַזונדער, אפילו די קלענסטע קלייני־קייט, וואָס אפילו דער בעזים האָט זיך זיין באַשטימטן ווינקל — נישט אַזוי גלאַט אים אַוועקשטעלן אַיעדן טאָג אויף אַן אַנדער אָרט — מוז זיך אַיעדער איינציקער (וויפיל עס געפינען זיך נאָר אין דער פאַמיליע) אַליין דיסציפּלינירן, נישט צו שאַפן אומאָרדנונג דורך אייגע־נע ווילדע קאַפּריזן.

און אַזוי איז עס אויך אין בעצוג צום דרויסן, מיט וועלכן, מ׳קומט אין באַרירונג. דער שיין לייכט טאַקע אַרויס פונעם אייגענעם איינגעפּעסטיקטן ווינקל, אָבער אינדער־זעלביקער צייט וואַרפט דער דרויסן צוריק זיין רעפלעקטאָר אויף אַיעדן באַזונדער וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג. — עס איז, נאַטירלעך, אויך געווענדעט אין דעם יחיד ווי וויט מ׳ווערט פון עפּעס באַאיינפלוסט פאַרן גאַנצן לעבן, וואָס לייגט דעם חותם פאַר אַלע זיינע האַנדלונגען וואָס קומען אים אין לעבן אַנטקייגן.

וויפיל דער דרויסנדיקער איינפלוס זאָל טאַקע שפּעטער זיין, זיינען אָבער די אייגענע ד׳ אמות דער ערשטער שוץ־ווינקל און אויך דער וועג־וויזער פאַר

די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ס׳קומען פאָר ענלעכע סיטואַציעס, וואָס מ׳האָט קליינערהייט איבערגעלעבט, און וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון. מ׳קען עס פון זיך נישט אויסמעקן.

גאַנצע בערג טעאָריעס העלפן נישט אַלעמאָל אומצואוואַרפן די איבער־געלעבטע קינדהייט, וואָס האָט זיך איינגענעסטיקט אינם געוויסן פון דער צאַרטער, יונגער נשמה. מיר פילן נישט קיין חרטה דערפון אפילו ווען מיר באַצאָלן פון צייט צו צייט, אַ גוטן פּרייז דערפאַר. די מאָראַלישע סאַטיספאַקציע פאַרדעקט דעם פאַרלוסט.

ווען כ׳בין נאָך אַ קליין ייִנגל געווען ווען כ׳האָב קוים דערגרייכט די הויך פון אַ טיש, האָט מיך מיין טאַטע, ז״ל, צוזאַמען מיט מיין ייִנגערן ברודער וואָלף (זאב) גענומען אין בית־המדרש אַריין. דאָס איז געווען אין אַ פּראָסטן טאָג, אינמיטן דער וואָך, נישט אין זמן תפילה, עס איז דאַמאָלס געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל.

איך געדענק נישט די נעמען פון די צווי קאָרטשינער ייִדן. אפשר איז בעסער זייערע נעמען אינגאַנצן אויסצולאָזן אָבער די געשיכטע איז אינטערעסאַנט און כדאי צו פאַרצייכנען.

איינער האָט ביים צווייטן געמאָנט געלט, דער צווייטער האָט געלייקנט שטיין־און־ביין, לא היה ולא נברא, אָדער גאָר ער האָט עס שוין לאַנג גוט געמאַכט.

איז געבליבן, אַז דער אָפּלייקענער זאָל שווערן ביי אַ ספר תורה, בפני קהל־ועדה, וועט דער מאָנער אויפגעבן זיינע טענות צו אים.

מיט אַ „מודעה״, אויפגעקלעפּט אין בית־המדרש, האָט מען געלאָזט וויסן דאָס שטעטל דעם טאָג, די שעה, ווען די שבועה, פון פלוני־בן־פלוני, וועט פאָרקומען וועגן דעם ענין אַזוי און אַזוי. אסך האָבן זיך באַמיט צו זיין דערביי. אַ קלייניקייט : אַ ייִד גייט שווערן ביי אַ ספר תורה ! ס׳האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ ציטער.

מ׳האָט געברענגט די מיטה באַדעקט מיט שוואַרץ, אָנגעצינדן ליכט אין אַלע הענגל־לייכטער און אין דער מנורה פאַרן עמוד, ס׳האָט אויסגעזען אי ווי מ׳גייט צו נעילה און אי ווי צו אַ לויה. די אימה אויף אַיעדן איז געווען גרויס, ווען מ׳האָט פאָרגעלייענט די תוכחה, ס׳איז אויף דער גאַנצער עדה געפאַלן אַ פּחד.

כ׳געדענק נישט צי די שבועה איז פאָרגעקומען ביי דער אָפענער ספר־תורה אַרויפגעלייגט אויפן שלחן, אָדער ביים אָפענעם ארון־קודש. אָדער אפשר גאָר האָט דער בעל־חוב אינגאַנצן חרטה געהאַט און נישט געשוואוירן. ס׳איז שוין אַן ערך פון 60 יאָר איז מיר די גאַנצע געשיכטע אַזוי נעפּלדיק, אָבער דאָס

געדענק איך ביז היינט, וואָס מיין טאַטע האָט מיר און וואָלוּן דאַמאָלס געזאָגט, צוריקגייענדיק פון בית המדרש נאָך דער סצענע: אַז אפילו פאַרן אמת דאַרף מען אויך נישט שווערן.

איז ביי מיר, עד־היום געבליבן זיין מוסר־השכל איינגעקריצט אין מיין געוויסן, אפילו נישט ביי אַ ספר־תורה אויסצוהיטן זיך פון אַ שבועה.

ווען איך הער ווי מאַנכע שווערן זיך אַזוי לייכט ביי אַיעדער קליינִיקייט, אָדער אפילו אין ערנסטע ענינים, כאַפּט מיך אָן אַ שוידער און פאַרליר דעם דרך־ארץ פאַר דעמיעניקן. ווי לייכט מאַנכע טוען עס שווערן ביים געזונט פון ווייב און קינדער!

נישט איינמאָל בין איך געווען דער פאַרלירער צוליב מיין ווידער ווילן צו אַ שבועה, אָבער כ׳האָב נישט עובר־געווען אויף מיין טאַטנס אָנזאָג.

אין איין פּעריאָד פון מיין לעבן האָב איך געמוזט מאַכן אַן אויסנאַם. ווען כ׳בין געקומען קיין ארץ־ישראל, ווען די ענגלענדער האָבן דאָ געהערשט, האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ טרייהייט־שבועה וואָס כ׳האָב זיך געקווענקלט עס צו געבן צוליב דעם אויבן אָנגעגעבענעם טעם. מ׳האָט עס מיר אָבער מתיר געווען צוליב דער מצווה פון יישוב ארץ־ישראל. — כ׳קען זיך נאָך ביז היינט נישט באַפרייען פון דעם ויתרוצצו וואָס כ׳האָב דאַמאָלס מיטגעמאַכט.

כ׳האָב היבש געהאַט רעליגיעזע אומוואַנדלונגען, אָבער גאָרנישט האָט מיר צעשטערט דעם מאָראַלישן איינפלוס פון מיין טאַטן, ע״ה, וואָס האַלט מיך נאָך ביז היינט אין זיינע דרכים — לויט ווי איך האָב אים פאַרשטאַנען.

צוערשט די היים און נאָכדעם די סביבה, פאַרמען דעם מענטשן, זיך אויסצולעבן אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. די צווישנגעשעענישן ביז צום לעצטן אָטעם־צוג זיינען בלויז עפּיזאָדן אינם ווירבל פון מזל.

נאָך אַ דערמאָנונג

עס געדענקט זיך מיר, אַז שמחת־תורה, נאָך די הקפות אין בית־המדרש, האָט מען צו אונז אַהיימגענומען אַ ספר־תורה און פון איר געלייענט די לעצטע סדרה. מ׳האָט געטיילט עליות די גרויסע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און דאָס קליינוואַרג — מיך בתוכם — האָט מען איבערגעדעקט מיט אַ טלית — כל־הנערים — און די באַלעבאַטים האָבן איבער אונז געזאָגט: „המלאך הגואל אותי" וכו׳.

דערמיט האָבן אַלע פונם מענלעכן מין יוצא געווען מיט אַן עליה, וואָס אין שמחת תורה איז עס אַ חוב פאַר אַלעמען.

די קינדערשע פרייד פון אַזאַ טלית־באַדעקונג האָט טאַקע געהאַט זיין אייגנטימלעכן טעם, אָבער ביי זיך האָב איך שוין געוואָלט זיין אַ גרויסער צו קענען זיך אַליין באַדעקן מיט אַ טלית, און מאַכן די ברכה ווי די דערוואַקסענע. — אָבער שוין דאָס אַליין, צו זיין אַ שותף, אַ באַטייליקטער אין דער פרייד פון אַלעמען, האָט מען נישט געקענט אָנועקמאַכן מיט דער האַנט.

די לופט איז ממש געווען אָנגעפילט מיט שמחה און מ׳האָט עס געשעפּט אויף פאַרשידענע אופנים — לויט אַיעדן איינעמס געמיט און יום־טוב׳דיקער התלהבות.

דער מנהג צו ברענגען צו אונז אַ ספר אין שמחת־תורה האָט אָנגעהאַלטן יאָרן, ביז צום אויסברוך פונם ערשטן וועלט־קריג.

מיין טאַטע, אַלס ראש־הקהל, האָט געוואָלט האָבן „חתן־בראשית" און אין בית־המדרש האָט דאָס געהערט צום רב. האָט זיך אַ טייל פון די דאַוונערס צוזאַמענגעקליבן צו אונז, מ׳האָט געלייענט די תורה, געטיילט אַלעמען עליות, געדאַוונט מוסף בחפזון און דערנאָך טועם געווען אַ ביסל משקה, מיט אַלע גוטע זאַכן: טאָרטן, לעקעך, האָלובצעס און אַנדערע פּאָטראַוועס, וואָס מיין מאַמע פלעגט, פאַר דעם צוועק, אויף יום־טוב, קאָכן און באַקן.

די צובייסנס און מאכלים זיינען געווען די קענצייכנס פון אַיעדן יום־טוב באַזונדער. אַ יידישער מאָגן האָט עס אַרויסגעפילט נאָך אידער ער האָט דעם

כיבוד געקראָגן. — נאָך עד־היום דערמאָנט זיך דעם טעם דערפֿון, ווען ס׳קומט צו שמחת־תורה.

אַ נאָענטער קרייז פֿון שכנים האָט אָנגעהאַלטן דעם מנהג צו קומען צו אונז אָפּצושליסן די תורה מיטן „חזק־חזק־ונתחזק״ און אָנגעפֿאַנגען אויפֿסניי מיטן „בראשית״ — און זיך געווינטשן, אַז, איה״ש, איבער אַ יאָר זאָל מען ווייטער אַזוי פֿראַווען צוזאַמען דעם יום־טוב אין נחת און פֿריד, אַז ס׳זאָל קיינער פֿון אונז נישט פֿעלן.

געלייענט און געדאַווענט האָט מען אין דער קיך, וואָס איז געווען היבשלעך גרויס פֿאַר דעם צוועק.

נאָכן דאַווענען פֿלעגט רייזעל, מיין עלטערע שוועסטער, אַריינברענגען, פֿון דער סאַליע, אויף אַ גרויסער זילבערנער טאַץ, אויסגעלייגט דעם כיבוד מיט משקה און עס צעשטעלט אויף דעם גרויסן טיש, וואָס האָט זיך געפֿינען אין דער קיך. אַ היבשע פֿאַר מאָל האָט זי אַזוי באַדאַרפֿט אַריין־און אַרויסגיין ביז אַלץ, וואָס מ׳האָט אָנגעגרייט, איז געווען אויפֿן טיש.

פּלוצים איז מיר באַפֿאַלן אַ חשק צוצוהעלפֿן רייזלען צו דערלאַנגען דעם כיבוד, האָב איך פֿון איר געריסן דעם טאַץ, מיט די אויסגעשטעלטע גוטע זאַכן דאַרויף, אָבער אַזוי ווי מיינע כוחות האָבן נישט געסטאַיעט פֿאַר אַזאַ שווערער משא (איך בין דאַמאָלס אַלט געווען אַן אַכט־ניין יאָר) — און: טראַסק: — דער גאַנצער טאַץ, מיט די אָנגעגאָסענע גלעזער וויין און בראַנפֿן, מיט אַלץ מיט־איינאַנדער, האָבן זיך איבערגעקערט אויפֿן ווייסן טישטוך! — בין איך געוואָרן רויט און טויט פֿאַר חרפּה.

דער עולם מיט מיין טאַטן האָבן זיך אָבער נישט פֿאַרלוירן.

באַלד האָט מען דעם פֿאַרפֿלעקטן טישטוך באַזייטיקט, צוגעדעקט מיט אַ בלאַנקנדיק נייעם, און גוטגעמאַכט דעם היזק, וואָס איך האָב פֿאַראורזאַכט.

קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט וועגן מיין אומגעשיקטלעכקייט. אַלץ איז פֿאַראיבער שטיל־שאַ, אַזוי ווי גאָרנישט געשען.

מיט אַנדערע משקה לרוב און מיטן ווינטשן לחיים איינער דעם צווייטן האָט מען פֿאַרטומלט די אומאָנגענעמע סצענע פֿון פֿריער.

בלויז מיך האָט געפּלאָגט אַ בושה פֿון דער געשעעניש, וואָס איך האָב אַזוי אומבאַהאָלפֿן געברענגט דערצו. — דאָס איז מיר געבליבן אין זכרון אויף מיין גאַנץ לעבן, און ספּעציעל אין שמחת־תורה שווימט עס אַרויף נאָך בולט׳ער.

ווען נישט דער צופֿאַל וואָלט עס זיכער, מיט אַלע אַנדערע פֿאַרגעסנקייטן, געבליבן פֿאַרשלאָסן אין מיין געדעכעניש.

זאב ווייסמאַן
ירושלים

„איר מעגט קויפן נאָך אַ קעסל"



זאב ווייסמאַן

ווען מיר נעמען דעם פּאַראַלעל פון די יידן מיט אונזערע גוישע שכנים, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, ביז צו דער היטלער־פּעריאָדע, זעט מען דעם גרויסן אונטערשיד פון זייער איינשטעל צווישן אָרעם און רייך ביי זיי און ביי אונז.

ביי זיי, אַז אַן אָרימער פּויער איז געקומען צום פּריץ, אָדער צו וועלכן עס איז שישקע, מיט אַ קנעפּל, אָדער אָן דעם, האָט זיך דער פּויער געבויגן מיט אונטערטעניקייט, אַראָפּגענומען דאָס היטל, געזאָגט דעם „וויעלמאָזשניע־פּאַן" (גרויסער פּריץ) מיט יראת־הכבוד — און דער „גרויסער־האַר" האָט עס אָנגענומען פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלעך, און האָט, העכסטנס פאַרווייכט, מיט גנאַדע, דעם פּחד פון זיין גלויבנס־ברודער — ווען ס'איז אים געווען גוט אויפן געמיט.

לויט דער שטופע פון מאַטעריעלער און אַמטלעכער־דערגרייכונג האָבן די אַרויף־אָדער אַראָפּגעקוקט צו זייער אייגן בלוט־און פלייש, אַזוי ווי ס'וואָלט פון קדמונים אַזוי באַשטימט געוואָרן פאַר „קליין" און „גרויס".

דער פּויער, דער פּשוט'ער האָראָפּאַשניק, איז געווען דאָס נידריקסטע פון די אַלע „גרויסע" לייט, איבער וועלכע זיי האָבן געקענט שפּילן אַלס פּריווילעגירטע אָנטקעגן די ערשטע צו האַלטן זיי הכנעה'דיק אונטערן קנאַפּל.

די פּוילישע איינגעשטעלטע שפּראַך מיטן „פּאַן"—„פּאַניע" איז לכתחילה אַזוי אויסגערעכנט געוואָרן, אַז ס'זאָלן עקזיסטירן מדרגות צווישן אָרעם און

רייך, און איבערהויפּט פון מאַכט־האָבנדיקע גראַדואַציעס. — אפילו אַ פּשוט׳ער פּאָליציי־מאַן, מיט אַ זעבל, האָט שוין געפּילט זיך „העכערקייט״ מיט וועלכן ער איז באַשאַנקן געוואָרן, מצד זיינע נאָך העכערע אויטאָריטעטן. נישט קיין באַוואוסטזיניק פליכט־געפיל האָט אים דיקטירט, נאָר האָט באַקומען אַ גרויס־קייט־מאַניע, אַז ער שטייט העכער פונם דורכשניט בירגער, וואָס מ׳דאַרף פאַר אים דרך־ארץ האָבן.

ביי אונז ידן — אין די קליינע שטעטלעך איבערהויפּט — האָט זיך אַזאַ אָפּגרענעץ צווישן אָרעם און רייך, קהל׳שע־פּאַרשטייער, רב, דיין און דעם פּשוט׳ן פאָלק, נישט געשפּירט.

דרך־ארץ האָט מען געהאַט פאַר אַן עלטערן, אַ תלמיד־חכם, אָדער אַזוי פאַר איינעם, וואָס האָט זיך עס פאַרדינט. פאַר רייכקייט איז דער אָרימער נישט נתפּעל־געוואָרן. — אפילו אַ נדבה־קלייבער האָט עס געטאָן מיט ווירדע: זיך נישט געבויגן. ס׳איז איבערהויפּט איבעראַל געווען אַן אָפענע טיר: מ׳האָט נישט אָנגעקלאַפּט, נאָר זיך אַריינגעשטעלט מיט אַן אויפגעשטעלטער האַנט, און די געבערס האָבן זיך, מייסטנס, געפּילט שולדיק פאַר נישט געבן מער.

דעם גביר׳ס אָפּשאַץ — וויפיל איינעם צו געבן — איז געווען, אַז ער זאָל נאָך זיין בכח פאַר אַנדערע באַדערפטיקע — נישט צו מינימיזירן איינעם אָדער דעם צווייטן.

דער מער פאַרמעגלעכער האָט געפּילט, אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט איז בלויז אַן אויסגעבאָרגטע זאַך, און ער איז אַ שומר דערפון, און איז מחויב צו זיין אַן ערלעכער שומר.

אַזוי איז געווען דער ידישער אײַנשטעל אינם קליינעם שטעטל, וואָס דער וועלט־רוצח, היטלער, ימש״ו, האָט אַזוי גרינדלעך פאַרניכטעט.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ מעשה־שהיה אין פאַרבינדונג מיט די אויבנדיקע געדאַנקען.

אין פריריקע צייטן האָבן ווייבער, פון אַ גרעסערער משפּחה, אַסך צייט אַוועקגעפּטר׳ט פאַר וואַשן וועש: טישטוכער, האַנטוכער, ליילעכער, ציכלעך איבערבעטן, און איבערהויפּט פאַר העמדער, וואָס מ׳האָט איעדן ערב־שבת באַדאַרפט האָבן אַ ריינס לכבוד־שבת.

נאָך אין מיינע צייטן געדענקט זיך ווי מ׳האָט אָנגעגאָסן אין אַ באַליע הייסע וואַסער אויסגעמישט מיט לויג און דערין איינגעווייקט די וועש. נאָך אַ היבשער ווילע ווייקן, האָט מען איינציקווייז אַרויסגענומען יעדעס שטיקל באַזונדער און אויף אַ וואַש־ברעטל מיט מיילינע דורכגעעמלינעט מיט דער האַנט,

עס אויסגעדרייט און אָוועקגעלייגט אין אַ זייט. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק האָט מען ווידער אָנגעגאָסן אין דער באַליע פרישע הייסע וואַסער, נאָכמאָל איינגע־וויקט די גאַנצע וועש און איינציקווייז זיי אַרויסגענומען און אויסגעדרייט צו זיין גרייט פאַר אויפהענגען צום טריקענען.

וואָס מער אַ ריינע באַלעבאָסטע מ׳איז געווען אַלץ מערערע מאָל איז מען איבערגעגאַנגען מיטן זייפן און איבערשווענקען, ביז מ׳איז געווען זיכער אַז דער אומריין איז אַרויס.

אין זומער, ווען מ׳האָט זיך געקענט שטעלןביים לויפנדיקן, ריינעם טייך איז די לעצטע פּראָצעדורע צוגעגאַנגען גרינגער, וואָס מ׳האָט נישט אַפּאָר מאָל באַדאַרפט בייטן אויף ריינעם וואַסער ביז צום אויסדרייען און עס אויפהענגען צום טרוקענען. אָבער דאָס איינוויקן אין דער באַליע מיט לויג־וואַסער איז געווען נייטיק.

אַ בעסערע מעטאָדע, וואָס איז געווען אַ נייעס אין יענער צייט, איז געווען, דורכצוקאָכן די וועש אין אַ גרויסן קופּערנעם קעסל מיט לויג־וואַסער, וואָס האָט גרינטלעכער לויז געמאַכט דעם קויט פון די וועש און ערשט נאָכדעם איז מען דורכגעגאַנגען אין דער באַליע מיטן וואַש־ברעטל, מיט זייף און אַלץ־מיטאיינאַנדער, לויטן אָנגענומענעם דרך צו מאַכן אַלץ ריין.

דעם קעסל האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף אַ דריי־פוס, אונטער אים האָט מען מיט שפּענער און שטיקלעך האָלץ אויפגעבלאָזן אַ פייער ביז דאָרט אינווייניק אין קעסל האָבן זיך די שטיקלעך מיטאיינאַנדער איבערגעקאָכט און איבערגעטאַשט אין זייער ענגן שטח, אַזוי ווי זיי וואָלטן פון דאָרט געוואָלט אַנטלויפן — ווי פון אַ גיהנם.

אָבער אַזאַ מין קאָך־קעסל פאַר וועש האָבן בלויז די מער פאַרמעגלעכע זיך געקאָנט דערלויבן.

מיין מאַמע האָט געהאַט אַזעלכן און האָט כסדר עס געבאָרגט די אָרעמע שכנים.

איינמאָל, ווען מיין מוטער האָט באַדאַרפט דעם קעסל פאַר דער אייגענער וועש, האָט זי אַ טאָג בעפאָר עס דורכגעקאָכט אין דעם קעסל לויט אַלע כללים און פאַרן נעכסטן טאָג באַשטעלט אַ גויע צו טאָן די איבריקע אַרבעט פאַרן וואַשן. (עס קען זיין אַז כ׳בין נישט אַזוי פּונקטלעך מיט דער פּראָצעדורע).

און גראָד דאַמאָלס איז אָנגעקומען אַ שכנ׳טע זיך באָרגן דעם קעסל. ווען מיין מוטער האָט איר געזאָגט אַז זי אַליין דאַרף אים איצט, האָט איר די שכנ׳טע

אויסגערעדט, אַז ס׳וואָלט געווען נישט מער ווי רעכט אַז פריידריטע (פריידע־איטע האָט זי נישט געקענט זאָגן) זאָל האָבן נאָך אַ קעסל צו קענען עס אויסבאָרגן.

מיין מאַמע האָט איינגעזען אַז זי האָט רעכט, האָט זי באַשטעלט אין קראָס נאָך אַ קעסל ביי אַ בעל־מלאכה דערפון. ער האָט עס אויסגעהאַמערט פונקט אַזוי ווי דעם אַלטן קעסל, אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין אונטערשיד פון בידע און נישט חושד־זיין „פריידריטע״ אַז זיך נעמט זי דעם בעסערן.

די שכנ׳טע האָט דאָ נישט געבעטן, נאָר געהאַט אַ גערעכטע טענה — ווי דען!



פריידע איטע ווייסמאַן

משה צוקער

משה — דו מעגסט שוין טראָגן!

פריידע־איטע, — מענדל ווייסמאַנ׳ס, דעם קאָרטשינער ראש־הקהל׳ס ווייב — איז געווען אַ פרומע און אַ מלומדת. זי האָט געוואוסט די דינים פון אַן אשה, וואָס זיינען געציילטע מצוות, פונדעסטוועגן האָט זי אַלץ געטאָן מיט אַן עודף.

גלייך אין דער פרי, נאָכן אָנגיסן „נעגל־וואַסער״ און טוען אַנדערע באַ־דערפעניש, פלעגט זי באַלד ווערן פאַרנומען מיט איר פרומקייט און מיט איר הויז־באַלעבאַטישקייט. צוזאַמען מיטן קאָכן, רוימען האָט זי אַריינגעכאַפּט אַזעלכע תפילות וואָס זי האָט שוין געקענט פון אויסווייניק — און דאָס „איבעריקע״ האָט זי געלאָזט פאַר דער פרייערע צייט. פון דער יוגנט — ווען זי האָט נאָך געהאַט קליינוואַרג צו זייגן — ביז צו דער עלטער, האָט זי ניט איינמאָל געביטן דעם סדר, אויסצוגלייכן דאָס גשמיות׳דיקע מיט דעם רוחניות׳־דיקן. אָבער אַלץ איז צוגעגאַנגען נאָרמאַל.

פריידע־איטע איז געווען פילאָסאָפיש־פרום: אַלץ האָט זי צעקייט מיטן שכל — ניט סתם נאַרישעוואַטע־גלויביק. פון איר טאַטן, דעם מלמד, האָט זי אַלץ אין זיך אַריינגעזאַפּט, וואָס ער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים, דעם גמרא־פלפול מיט זיינע מפרשים, און אַחוץ דעם נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען אויסערן גדר פונעם ווייבלעכן וויסן.

פריידע־איטע איז געווען אַ בת־יחידה ביי איר טאַטן. פלעגט ער, אין זייער פרייער צייט מיט איר אויך לערנען מדרשים, וואָס האָבן אויפגעקלערט אַסך טונקעלע זאַכן פון ששת־ימי־בראשית אָן ביז צו די תנאים ואמוראים וואָס אַ בן אָדער בת־תורה דאַרף זיין דערין באַהאַוונט. ער האָט איר דערצויגן פאַר אַ במקום־זון — אַ קדיש — וואָס אים איז נעבעך, ניט באַשערט געווען איבערצולאָזן, נאָך 120 יאָר.

און אַזוי האָט פריידע־איטע אָנגעהאַלטן איר געלערזאַמקייט, געמישט מיט פאַרטיפטער־פרומקייט, ביז איר הויכן עלטער ווען זי איז שוין געווען באַשאָנקען מיט איניקלעך און אור־איניקלעך.

דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, זאָגן תהילים, ווייבערשע תחינות, אַריינקוקן

אין צאינה־וראינה, אין עין־יעקב און נאָך דערצו אַריינקוקן אין די „היינטיק־וועלטישע" מיט זייער פּירעכץ איז געווען מער ווי גענוג פאַר אַן אשה וואָס דאַרף נאָך צוגרייטן עסן פאַרן בני־בית, וואָס איז געווען, קיין עין־הרע, אַ גאַנץ גרויסע. — איר האָט געוויטאָגט דער נייער „דרך" פון איר אייגענע און אויך פון אַנדערע, אָבער מיט „שכל" געמאַכט קאָמפּראָמיסן. פאַר זיך אַליין האָט זי גאָרניט מקיל־געווען — בלויז פאַר אַנדערע האָט זי געזוכט אַ זכות, ווען זי האָט געזען אַז מ'איז ניט סתם אַזוי הפקר! הפקרות אין דער וועלט אַריין, אָן וועלכן עס איז זין, האָט איר שטאַרק וויי געטאָן.

אינעם ערשטן וועלט־קריג, זייענדיק אין בודאַפּעסט אַלס פליכטלינג, פלעג איך יעדן שבת בייטאָג, נאָכן עסן, באַזוכן די משפחה ווייסמאַן, וועלכע האָט זיך אויך דאָרט געפינען אַלס אַנטלאָפענע פונעם קריגס־פייער אין גאַליציע. דער שפּאַציר פון מיין אכסניה צו זיי, איז געווען מער ווי אַ תחום־שבת וואָס מיינע יונגע פיס האָבן עס לייכט דורכגעמאַכט.

איינמאָל אין אַזאַ באַזוך, טרעפנדיק נאָך די משפחה ווייסמאַן ביי דער שבת'דיקער סעודה נעם איך אַרויס אַ טיכעלע פאַר מיינע־נאָז־באַדערפעניש, האָט זיך פריידע־איטע מיט אַ צעשראָקן פּנים, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען כלו כל־הקיצין, אַרויסגעכאַפּט: משה דו טראָגסט? — האָב איך בשעת־מעשה דערפילט אַזוי ווי כ'וואָלט איר צעשטערט אַלע עולמות — איז מיר כהרף־עין איינגעפאַלן אַן אָפּשוואַכנדיקן תירוץ, אַז כ'האָב דאָס טיכעלע געהאַט אַרום־געוויקלט אַרום דעם האַלדז. דאָס איז אַזאַ מין אָפּנאַרעריי אַנטקעגן דעם דין פאַר מעגן טראָגן אום שבת. פריידע־איטע'ן האָט עס באַרואיקט — אָבער מיך האָט ער געבורעט צו דאַרפן זאָגן אַ ליגן און ספּעציעל זיך כסדר דאַרפן היטן. פאַר אַזעלכע זאַכן האָב איך שוין דעמאָלט געפינען אַ היתר פאַר זיך, און זיין אין דער מורא פאַר פרעמדע אויגן איז מיר ניט געווען צום האַרצן.

דעם צווייטן שבת, גייענדיק אין דער טאַבאַק־גאַס, וואו די ווייסמאַנס האָבן געוואוינט, אין וועלכער געגענט ס'זיינען געווען די מייסטנס אַנגעלאָפענע פונעם גאַליצישן קריגס־שטח, איז מיר דאָסמאָל מער אויפגעפאַלן צו באַאָבאַכטן אונזערע לאַנדסלייט מיט זייערע שבת'דיקע בגדים — דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן געראַטעוועט פון זייער האָב און גוטס אין זייער אַלטער היים — טלית און תפילין אַריינגערעכנט. אין דער בהלה האָט מען אין אַזעלכע זאַכן ניט פאַרגעסן. די הייליקע מטלטלים האָט מען געראַטעוועט. דער געגנט איז געוואָרן אָנגעפּראָפּט מיט פאַרשיידענע קלייזלעך — און יידן האָבן זיך געפירט אַזוי ווי ביי זיך אין דער „היים": אויף דער גאַס און אין הויז. מען איז זיך

געגאַנגען מיט'ן שטריימל און זשופּיצע די שונאים אויף צעפּיקעניש, און פון די פענצטער אַרויס האָבן זיך געהערט תפילות און זמירות שבת'דיקע און יום־טוב'דיקע, פאַרגעסנדיק אָן דעם פאַרמעגן וואָס מ'האָט איבערגעלאָזן אויף הפקר.

נון, מילא אַ ייד מיט אַ שיין שטריימל און בכבוד'יקע זיידענע בעקעשע איז געווען אַ צירונג פאַר די פרעמדע־גויאישע אויגן, ווי עקזאָטיש דאָס האָט ביי זיי ניט אויסגעזען. דאַקעגן אַזעלכע וואָס די שטריימלעך־שפּיצן זיינען ביי זיי געווען היפּש אַרומגעגריזשעט פונעם מאָיל, דאָס סאַמעטענע קאַפּל אינמיטן גרין ווי פאַרפוילטע גראָז — און די בעקעשעס גאַנץ ווייט פון אַ שבת'דיקן מלבוש־פנים. דאָס האָט זיכער פאַרן פרעמדן אויג ניט פאַרשאַפט קיין גרויסן כבוד.

צוליב זקנה און נאָך אַנדערע סיבות — ווי די טבע איז פון זייד — זיינען עס געווען מער צויטן ווי אַ שטיק סחורה; די פּאַטשעווקעס האָבן זיך בכבוד'יק אַרויסגעזען — באַזונדער אויף די אַרבל. פון „היימישער" דערפאַרונג האָב איך געוואוסט אַז דורך אומפאַרהאָפטע נאַז־קאַפּריזן זיינען די אַרבל די גרעסטע קרבנות.

אפילו ווען אַ טיכעלע הענגט „דאָרט" אויפן האַלדז וועט דאָך ניט אַיעדער פראַווען אינמיטן גאַס — מעשה־פּריץ — אַזעלכע „גדלות"־שטיק! פאַרשטייט זיך אַז די גלאַנצקייט „באותו־מקום" האָט געהאַט אַ היפּשן שייכות צו אַזעלכע קאַפּריזן. די פּאָלע אויף דער אַנדערע זייט האָט אויך אַמאָל עפּעס אַרויסגעהאָלפן, אָבער וויניקסטנס „אחר־המעשה" איז עס כאָטש אויבנאויפיק ניט געווען קענטיק.

הכלל, איך האָב טאַקע, חלילה, אַזעלכע פאַלן, בעיני, אויף די בודאַ־פּעסטער גאַסן ניט געזען, אָבער די באַבעקעשטע און באַשטריימלטע אחינו־בני־ישראל האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ בושה, אַז טאָמער טרעפט זיך טאַקע אַזאַ עסק — און עשו קוקט זיך צו! אין מיין פאַנטאַזיע האָט עס אַרויסגערופן אַ חילול־השם.

און מיט אַזאַ געמיט בין איך אַריינגעקומען צו דער משפחה וויסמאַן און האָב דערציילט אַ מעשה־שהיה... וכו', און דאָ ביים פאַרענדיקן, האָט זיך פריידע־איטע אָנגערופן: משה, דו מעגסט שוין טראָגן!

היינט, נאָך 43 יאָר שפּעטער, זעען מיר אויס די „עסטעטישע עוונות" פון אונזערע דאַמאָלסטיקע צעשראָקענע מלחמה־קרבנות מאָראַליש־הימל־הויך, לגבי אונזערע שכנים וואָס האָבן זיך כסדר געשפּילט מיטן שווערדל, און זיינען נאָך עד היום פון זייער בלוטיקן שפּיל ניט אַרויס.

מרדכי שיף
ירושלים

באַשע מאַטיקס

אין קאָרטשין איז געווען אַ באַשע מאַטיקס האָט זי געקוקט אין אַלע טעפּלעך: ד. ה. וואו אַ צרה איז זי אויפגעשווימען און געהאָלפן. זי האָט שוין דערשמעקט וואו און ווען און נישט געוואַרט מ׳זאָל צו איר קומען, נאָר זיך אַליין באַוויזן צו דעם, ווער ס׳איז געווען אין אַ נויט.

פון די אויסגעשפּראָכענע גביר׳נטעס איז זי נישט געווען אָבער זי האָט באַוויזן מיט איר כוח צו לינדערן יענעמס אומבאַהאָלפנקייט. קיין דאַנק אפילו האָט זי פאַר דעם אַלעם נישט פאַרלאַנגט. ס׳איז ביי איר געווען אַ חוב יענעם צו העלפן, פאַר וועלכן ס׳קומט איר גאַרנישט. פאַרקערט: זי איז גאָר געווען די שולדיקע, ווען זי האָט נישט געקענט טאָן עפּעס מער.

אַלעמאָל איז זי געווען פאַרהאָוועט מיט יענעמס פּראָבלעמען און נישט גערוט ביז זי האָט עפּעס געטאָן דערפאַר. — ווי אַזוי אַזעלכע יידענעס שווימען אַרויף אין דער עפנטלעכקייט איז אַ וואונדער, וואָס קיינער קען נישט דער־קלערן. אַ גרויסע נשמה טליעט אין זייער האַרץ און געפינט איר אויסוועג אויף שריט און טריט, וואו זי באַוויזט זיך. מייסטנס טוען זיי אַלץ בסתר, אָבער וואו־נישט־וואו מוזן זייערע טאַטן ווערן ענטדעקט.

עס איז געווען רירנד ווי אהרן גוטוויין (אַ באַלעבאַטישער ייד) האָט ביי איר אָפענעם קבר דערמאָנט, ווי זי האָט אים אַמאָל איינפאַך, אין אַ נויט, געראַטעוועט מיט 50 קראָנען. ווען נישט דאָס וואָלט ער מיט זיין פרוי און קינדער, אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אַזעלכע פרויען, האָט אונזער קאָרטשין געהאַט אַסך.

כבוד איר אָנדענק.

און אייביקע מצבה
צום אייביקן אנדענק

פון די קאָרטשינער קדושים הי״ד

דערמאָרדעטע דורך די דייטשן ימש״ו,
כ״ט אב תש״ב, אין קאָרטשין

אַוועקגעפירטע און דערמאָרדעט אין אַנדערע פלעצער
דערמאָרדעטע אין די דייטשע קאַצעטן

א ו ן

די קדושים פון די אַרומיקע דערפער:
קאָמבאָרניאָ, איסקזשיניא, קראָסטשענקאָ
אָרזשיקאָן, טאָראַשאָווקאַ

די קדושים

פ ו ן

לאָדזש, קיעלץ, ראַדאָם, קראקאָוו
און אַנדערע שטעט
וואָס זיינען אין דער קאַטאַסטראָפע־צייט געווען אין קאָרטשין.

משה צוקער
יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם



מצבת זכרון במרתף השואה בהר־ציון בירושלים

אַן אָנדענק־מצבה אויפן הר־ציון אין ירושלים

ישראל פלאַטנער

יזכור!

יזכור אלקים!
אונזערע קדושים פון אומעטום
און די יידן די קאָרטשינער,
אומגעקומענע דורך דייטשן און אוקראַאינער,
מיט די יידן פון דער שכנות שטאָט קראָס,
דורך תליה, שרפה און שאָס.
זיי ליגן אין פעלדער, וועלדער, באַרג און טאָל
זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל.
מיט הייסע טרערן פון אונזער נשמה־פייער
זיינען מיר זיי מטהר,
די גייסטיקע גיבורים
אונזערע קדושים וטהורים.
יזכור אלקים!
די יידישע טעכטער
און די יידישע זין,
די הייליקע מאַרטירער
פון קראָס און קאָרטשין.

טאָראָנטאָ, אָקטאָבער 1967

רשימה

פון קאַרטשינער אידן

מענער, פרויען און קינדער, וואס זיינען דערמארדעט געווארן דורך די דייטשן, די מערדער ימש״ו אין דער צווייטער וועלט-מלחמה

א

אקסעלראד שמשון.
אקסעלראד יצחק, זיין פרוי צילע און קינד, (3 יאָר אלט).
אפּעל יעקב דן, זיין פרוי רייצע, קינד: שמואל אהרן (6 יאָר).
אלסטער בינם, זיין פרוי פייגע, קינדער: דבורה, פערל, יהודית.
אינפעלד הערש׳ס פרוי און קינד (5 יאָר).
אינפעלד מתתיהו, זיין ווייב צירל, און 4 קינדער (2—6 יאָר).
אמסטער דוד, זיין פרוי טשאַרנע און קינד (5 יאָר).
אינפעלד יאנטשע, זיין פרוי צירל און 4 קינדער.
אינפעלד לייבוש, און זיין פרוי.
אינפעלד נפתלי.
אייכהאָרן יאנקל, זיין פרוי און 3 קינדער.
אייכהאָרן שמעון, זיין פרוי און 2 טעכטער.
אייכההאָרן אסתר (זושע׳ס פרוי) זייערע קינדער: בעריש, רבקה, חנה.
אייכהאָרן ריקעל, איר מאַן און 2 טעכטער.
אייזען אהרן, זיין פרוי אסתר, קינדער: משה שבתי, זישע.

ב

בלאנק אהרן, זיין פרוי לאה, קינדער: מרים און רבקה.
בלייכפעלד אברהם יהושע.
בעזענשטאָק אברהם, זיין פרוי עטעל, קינדער: שמחה, דוד, מרים.
בוים משה.
בער יוסף, זיין פרוי מלכה, טאָכטער, געלע.
בער חיים, זיין פרוי נעכע און 4 קינדער.
ברודער הירש לייב, זיין פרוי טשאַרנע און 2 קינדער.

ג

גוטוויין שרה.
גוטוויין חיים, זיין פרוי אסתר און 4 קינדער
גוטוויין יודל, זיין פרוי מלכה, קינדער: משה, ניסן, צירל און סימע.
גרין יהושע לייב, זיין פרוי רחל, קינדער, פעסיל מיטן מאַן און מינדל.
גרין אליהו, זיין פרויביילע און 2 קינדער (4—6) יאָר).
גלייכער וואָלף, זיין פרוי לאה, קינדער: מינדעל און סענדער.
גרין זושע, זיין פרוי פייגע און קינד (5 יאָר).
געללער יאנקא (פון סטרי, געאַרבעט אין אַפטייק, אין קאָרטשין).

ד

דען ישראל יצחק, זיין פרוי חיה'טשע, קינדער: שמואל און רבקה.
דען בער, זיין פרוי חוה, קינדער: יודל, לייזער, צפורה, גאָלדע מיט קינד.
דים אריה, זיין פרוי און קינד (5 יאָר).
דיללער שמחה, קינדער: יאנקעל, פריידל מיט איר מאַן, און מלכה מיט איר מאַן.
דאָרשאָוויטץ הינדע.
דאָרשאָוויטץ ליבע.

ה

האָראָוויטץ בענדעט, זיין פרוי רחל, זייער טאָכטער בערטא (ביילא).
האָראָוויטץ יצחק, זיין פרוי רייזל.
האָראָוויטץ נפתלי, זיין פרוי ראָכטשע, קינד: חנה.
האָראָוויטץ חוה'לע (קאָלב) קינדער: שמשון און משה (10—12) יאָר).
האָראָוויטץ יחזקאל, קינדער: שלמה און מעכעל מיט זיין פרוי.
האָראָוויטץ שרה, קינדער: מרדכי, זיין פרוי רייזל און קינד.
האָלאָשיטץ יוסף, זיין פרוי ביילטשע, קינדער: יהודית און דבורה.
האלפערן חיים, זיין פרוי נחמה'טשע, קינדער: הערש, אהרן, און רחל.
האלפערן מענדל (הערץ'ס זון) זיין פרוי, פראַדל.

האלפערן לאה.
האלפערן באשע.
האלפערן גיטל.
האלפערן יונה, זיין פרוי בריינדל, קינדער: וואָלף, און טאָכטער מרים און אידעם.
האלפערן הערש, זיין פרוי און קינד (5 יאָר).
האלפערן מענדל (יונה׳ס) זיין פרוי און קינד (3 יאָר).
האָלאָשיטץ יהודית.

ו

וועבער אהרן, זיין ווייב דינה.
וועבער יוסף און זיין ווייב.
ווילנער משה, זיינע קינדער: אידל און איר מאַן — פייבוש און פרומעט.
וועניג נפתלי, זיין ווייב טריינע, קינדער: וואָלף לייב און אברהם.
וואָלמוט יהושע העשל, זיין ווייב פערטשע און 4 קינדער (4—9 יאָר).
וויטמאַן משה, זיין ווייב פרימעט.
וויינשטיין רחל לאה, אירע קינדער: אפרים און זיין ווייב, מענדל, חיה, און איר שוועגערין, ביילא.
ווייכסעלבוים שלמה און זיין ווייב.
ווייסמאַן משה, זיין ווייב חנה, זון שמחה.
ווייסמאַן יחיאל, זיין ווייב לאה, צוויי קינדער: רייזל און יענטע.

ז

זילבערבערג יוסף און זיין פרוי הענדל.
זילבערבערג יצחק, זיין פרוי אסתר און זון אברהם.

ט

טוכמאַן מרדכי, זיין פרוי עטל און קינד.
טעללער שמואל אהרן, זיין פרוי הענע, קינדער: ליבער יאנקעל, מענדל און 2 טעכטער.

ל

לייכטאג משה, זיין פרוי חנה און 4 קינדער (6—12 יאָר).
לאנדוי מרדכי זיין פרוי פערל און קינד (6 יאָר).
לויטמאַן משה, זיין ווייב פייגע פעסל, זון: מרדכי און בעניע.
לאנגער הענע (איציק בעער׳ס טאָכטער).
ליעבער (וואָלף קירשנער׳ס שוואָגער) זיין פרוי חנה, און 2 קינדער.

לערנער יהושע, זיין ווייב אסתר און 4 קינדער (4—10 יאָר).
לעווי יעקב (אַפּטייקער) און זיין פרוי.
לעווי מענדל, זיין פרוי חנה און 4 קינדער.
לערמאַן משה, זיין פרוי חיה און 2 קינדער.
לויטמאַן יחזקאל און זיין פרוי.
ליינער מרדכי, זיין פרוי און קינד (7 יאָר).
לויטמאַן שמואל.

מ

מלמד זאלקע, זיין פרוי טויבע און טאָכטער בריינדל.
מלמד ביילע און איר קינד (4 יאָר).
מארגולעס בינם, זיין פרוי ביילע הענדל, זייערע קינדער: גיטל, אברהם יהושע און רייזל.
מייזנער שמואל הירש, זיין פרוי שרה און קינד (בינם מארגולעס אידעם און טאָכטער).
מארגולעס ישראל, זיין פרוי חיה ליבע, קינדער: מעכל, משה יעקב און עטל.
מארגולעס ישעיהו, זיין פרוי רייזל, קינדער: הערש, נעכע און פערל.
מאליך יעקב שאול, זיין ווייב טויבא, קינדער: מעכל יצחק, יוסף, חיה און שיינדל.
מענדל און זיין ווייב רבקה (מרדכי ראַזדייטשער׳ס אידעם און טאָכטער).

ע

עפּשטיין משה, זיין ווייב האָדעס און זייערע 8 קינדער.
ענגלארד פייגע.
ענגלארד—פרידמאַן באשע, איר מאַן, חיים צבי פרידמאַן, און זייער קינד פרימעט (3 יאָר אַלט).
ענגלארד דבורה.
ענגלארד משה, זיין פרוי רחל און קינד הענע (12 יאָר).
עטינגער חנה.
עטינגער לייב.
ערדייך שמואל, זיין ווייב חנה פעסל, קינדער: מתתיהו, נפתלי און רויזע.
ערדייך בער זיין פרוי און קינד (5 יאָר).
ערדייך פעסל, אירע קינדער: הערש און שרה, איר אידעם און טאָכטער.

פ

פריי שאול, זיין פרוי חיה׳טשע, זייערע קינדער): אברהם, באַשע און פייגא.
פינטער אברהם, זיין ווייב בלימא און קינד (8 יאָר).
פרענקעל מענדער און זיין פרוי רבקה.

פעננער יצחק, זיין פרוי מרים (עטינגער) און קינד 5 יאָר.
פירזיכבוים שלמה און זיין ווייב.
פוש מאָטל, זיין ווייב און 4 קינדער (5—12 יאָר).
פעסעל אלימלך, זיין טאָכטער ריקעל און מאַן, און זון בערטשע.
פעסעל חיים דוד, זיין פרוי לאה׳טשע, זייערע קינדער: וואָלף,ביילע, שרה.
פרייפעלד יאנקעל, זיין פרוי און אַ זון און אַ טאָכטער.
פייגענבוים אברהם, זיין פרוי חיה, זייער 4 קינדער (4—12 יאָר).
פאסטערנאק טוביה, זיין ווייב מאַטל, זייערע קינדער, אליעזר, ברכה, טויבע, און חנה מיט איר מאַן.
פעסעל בעריש, זיין ווייב חנה צירל, קינדער: גאדל און שרה׳לע (5־9 יאָר).
פריינד וואָלף, זיין פרוי חיה און 3 קינדער (8—12 יאָר).
פריינד הערש, קינדער: שמואל און יאכעט.
פייט לעזער, זיין ווייב לאה.
פאָדאָלאנסקי שמואל אהרן, זיין פרוי חוה, קינדער: רויזע און מאָטיע.
פעסעל פייגא און אירע קינדער: סענדער, מינדל, אסתר, חיה איטע, און ברײנדל.
פעסעל משה דוד, זיינע זון: בנימין, סענדער, יהושע, שמואל, מעכעל פנחס מרדכי און טאָכטער רייצע.
פרייפעלד רחל, אירע קינדער: חנה רבקה און פייגע.
פינעלעס זיסל און איר טאָכטער הענע.
פערבער שמעון, זיין פרוי ליבע און 2 טעכטער.
פערבער יוסף, זיין פרוי ביילע און 2 קינדער.
פעסעל אברהם, זיין ווייב לאה.
פינזעל נפתלי.

צ

צוויק נתן, זיין פרוי שרה׳לע.

ק

קויפמאן מאיר, זיין ווייב צפורה, זון ישראל און אַ טאָכטער באַשע.
קיזעלשטיין משה זיין ווייב און 2 קינדער.
קורעף חיים וואָלף, זיין פרוי נעכע, קינדער: יאַנקעל און גוטשע.
קופּליק יהושע זיין פרוי הענע, קינדער: מאיר, שמואל און מלכה.
קראטצער פסח, זיין פרוי מרים און 2 קינדער (4—6 יאָר).
קירשנער וואָלף, זיין פרוי רבקה און זון דוד (12 יאָר).
קאטק—גלייכער מתתיהו, זיין פרוי צביה, קינדער: יהושע, ניסן, אברהם.
קאנדעל מענדל (אהרן ועבער׳ס אידעם) זיין פרוי הינדע.

קאָהן חיים זיין ווייב רויזע און קינד (5 יאָר).
קירשנער בנימין זיין פרוי און 2 קינדער (6—8 יאָר).
קירשנער משה, זיין ווייב איטע, קינדער: אברהם און אסתר.
קירשנער נחום און זיין פרוי לאה.
קאַננער אברהם יצחק און זיין ווייב לאה.
קויפמאַן חנה (חיים אליהו׳ס ווייב).
קרעש מלכה.
קאַטץ חנה ריקל.
קאַלב רעכל.
קירמער שרה.
קירשנער יאכעט (וואָלף׳ס שוועסטער).

ר

רובין, הרב אליהו, רביצין מלכה און זייערע 6 קינדער.
ראַב אברהם.
ראַב שבתי, זיין פרוי, 3 זין: נפתלי שמואל, יונה.
ראַב משה שמואל און פרוי.
ראָטענבערג לייביש, קינדער: יאַנקעל און פעסיל.
רובין אלעזר (שפרה׳ס) זיין פרוי, 4 זין און 4 טעכטער.
ראָסהענדלער יצחק, זיין ווייב ניסל, קינדער: וואָלף און לייבעלע.
ראָסהענדלער מאָטיל און זיין פרוי.
ראָטענבערג שמעון וואָלף און זיין ווייב עטל.
ראָטענבערג הירש חיים, זיין ווייב פייגע, קינדער: יאָנטשע, אהרן, לייביש, מאָטעלע און לאה.
רובין בנימין, און זיין ווייב טילע.
רובין יהושע, זיין ווייב שפרינצע און 2 קינדער (5—7 יאָר).
רייך נחמן לייביש זיין ווייב רעכעלע, קינדער: יוסף און רייצע.
ראָזדייטשער מרדכי, און זיין ווייב ברײַנדל.
רובין שמואל און זיין פרוי.
ראַכוואַל רפאל, זיין פרוי ציפע, און 2 קינדער (4—6 יאָר).
ראָזענמאַן מענדל, זיין פרוי פריידע, זייער קינד: לאה.
רעק נפתלי, זיין ווייב חיה איטע, און 4 קינדער (3—9 יאָר).
ריטטער לייביש, זין פרויביילע, קינדער: מינדל און מענדעל (8־10 יאָר).
רובין אָסקאַר (יהושע) זיין פרוי און קינד (5 יאָר).
ראָטהויז משה, זין ווייב ראָניע, טעכטער: שרה מיט׳ן מאַן, הענע מיט׳ן מאַן.
רובין רבקה (שפרה׳ס).
רינגעלהיים איידעל, אירע קינדער: משה יהושע, אברהם, לאה אסתר, חיה, מינדל, און פייגעלע.

ש

שיף יעקב פּנחס, זיין פרוי און זיין טאָכטער: נחמה.
שפּיץ נחום און זיין ווייב פראדל.
שימעל משה און זיין ווייב הינדע (שמשון אקסעלראד׳ס אידעם און טאָכטער).
שפּרונג יעקב, זיין ווייב חנה און זון יוסף.
שפּרונג אברהם, זיין פרוי און קינד (3 יאָר).
שיף געצעל, זיין פרוי שרה, קינדער: באַשע, מרים און וואָלף.
שווערד אליהו, זיין פרוי לאה א׳ן 3 קינדער (6—12 יאָר אַלט).
שמיער בערל, זיין פרוי גאלדע און טאָכטערביילע (12 יאָר).
שענקער משה הירש, זיין פרוי רחל, קינדער: חיים זאב, אהרן, מנשה
אסתר און חנה מלכה.
שעכטער מאיר, זיין ווייב רבקה, קינדער: יחזקאל, פריידל און מלכה.
שלאנגער קלמן, זיין ווייב רבקה.
שרייבער דוד, זיין פרוי סימע און 2 קינדער (4—5 יאָר).
שפּערבער קלמן און זיין פרוי.
שיינער חיים ישראל, קינדער: פנחס און אברהם מיט זיין פרוי.
שיינער אשר זיין פרוי און קינד 3 יאָר.
שיף פּערל און איר קינד יוכבד.
שיף שיינדל.

רשימה

פון די קדושים

קאָרטשינער יידן

וואס די דייטשן ימש״ו האבן דערמארדעט אין אנדערע שטעט
און פון יידן פון אנדערע מקומות, וואס זיינען דורך
די דייטשן ימש״ו דערמארדעט געווארן אין
קארטשין, אין חודש אב, תש״ב
הי״ד

אין קראָסנאָ

א

אקסעלראד בענדעט און זיין פרוי צילע.
אקסעלראד שמואל און זיין פרוי.
אקסעלראד משולם.

ד

דיללער יוסף, זיין פרוי און קינדער.

ה

האָראָוויץ בן ציון און זיין פרוי שרה.
האָראָוויץ משה (זייער זון).

ו

וויינבערגער איציק און זיין פרוי.
וויינבערגער מענדל, ניסן און סימעביילע.

ט

טישלער יוסף אין זיין פרוי חי׳ רחל.
טישלער דוב.
טישלער צפורה.
טישלער יחיאל אהרן.
טישלער שרה.
טישלער אלימלך.

ע

עטינגער משה, זיין פרוי און קינדער.

פ

פלאטנער מרדכי, זיין פרוי חנה, זייערע קינדער: דאבע׳טשע און ביילע מיט איר מאַן יודל הויזנער.
פרוויזוירט בנימין, זיין פרוי און קינדער.

ק

קריגער ברוך זיין פרוי שרה און קינדער: אלימלך, הירש, ברײנדל, שפרה, יעקב.

ש

שיינער נפתלי.

די קראַסנאָ׳ער משפחות:

לאַמביג אליעזר דוד, לאה און חיים.
לאם מלכה, רחל און פראַנקא.
מאהלער אליעזר, זיין פרוי חי׳ רבקה און הירש, וואָלף, רפאל, משה, שרה, הירש, יאנקא.

קאָרטשינער אין אַנדערע מקומות

ענגלאַרד וואָלף, זיין פרוי און קינדער (2־4 יאָר).
האָלאָשיץ שמואל אהרן און זיין פרוי.
האָלאָשיץ מרדכי און זיין משפחה.
האָלאָשיץ משה און זיין משפחה.
האָלאָשיץ עטל, איר מאַן משה און קינדער.
האָלאָשיץ אסתר, איר מאַן און קינדער.
האָלאָשיץ שרה און איר מאַן.
ווילנער שמואל, זיין פרוי און קינדער.
ווילנער שמעון, זיין פרוי און קינדער.
ווילנער אברהם, זיין פרוי און קינדער.
פישלער אלי׳ זיין פרוי און קינדער.
קויפמאַן אברהם, זיין פרוי און קינדער.
קויפמאַן יעקב און זיין פרוי סימע.
שטראַסבערג זישע, זיין פרוי און קינדער.

פון איסקזשיניאַ

פעניג אלי׳.
פעניג מאַנעס.
פעניג העסע.
פעניג וויטע.

פון קאָמבאָרניאַ

די משפחה פייט (נעמען אומבאַקאַנט).

קראָשטשענקאָ

די משפחה שטערן (נעמען אומבאַקאַנט).

אָרזשיקאָן

(נעמען נישט באַקאַנט).

טאָראַשאָווקאַ

(נעמען נישט באַקאַנט).

ה ש ם י נ ק ו ם ד מ ם

לזכרון

הקדושים

די הונדערטער יידן פון פאַרשיידענע שטעט

פון:

קראַקאָוו, ראַדאָם, קיעלץ, לאָדזש
און אַנדערע שטעט

הי"ד

ווערלכע דער דייטש ימש"ו האָט אין 1942 פאַרשיקט

און קאָנצענטרירט אין קאָרטשין און זיי צוזאַמען

מיט די קאָרטשינער יידן דערמאָרדעט,

אין חדש אב, תש"ב.

מצבת־עד
לזכרם של הורי הקדושים

אבי
שמשון בן ר׳ יצחק ענגלארד ז״ל

אמי
פייגא (בת ר׳ שלמה גימפל) ענגלארד הי״ד

אחותי
באשע, ובעלה צבי חיים הי״ד

וילדתם בת שלש שנים
פרימעט הי״ד

אחי
זאב, אשתו ושלשה ילדיהם הי״ד

אחותי
דבורה ענגלארד הי״ד

שנרצחו ע״י הגרמנים הארורים, בחדש אב, תש״ב

יצחק ענגלאַרד

לזכרם של הנשמות הקדושות



אמי
פייגא ענגלארד הי״ד



אחותי
דבורה ענגלארד הי״ד

שנרצחו ע״י הגרמנים הארורים בחודש אב תשי״ב

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

מצבת־עד
צום אייביקן אָנדענק

פון אונזערע עלטערן און שוועסטער, וואָס זיינען דערמאָרדעט
געוואָרן דורך די דייטשן ימש״ו 1944, אין אושוויץ

אונזער פאָטער
ישראל בן חיים ענגלארד ז״ל
שנפטר ה׳ מרחשון, תרצ״ז בלודז

אונזער מוטער
שרה הדס ענגלארד הי״ד
דערמאָרדעט 1944, אין אושוויץ

אונזערע דריי שוועסטער:
דבורה הענדל הי״ד
יוכבד מרים הי״ד
צפורה מינדל הי״ד

וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, דורך די נידערטרעכטיקע מערדער,
די דייטשן ימש״ו, 1944 אין אושוויץ

חיים ענגלאַרד
און
רחל ענגלאַרד־וואַסערשטראָם
ניו־יאָרק

מצבת־עד
לזכרם של הקדושים

דודי
משה ענגלארד הי"ד

אשתו, דודתי
רחל הי"ד

בתם
הענע הי"ד

שנרצחו ע"י הרשעים הגרמנים
כ"ט אב, תש"ב, בקאָרטשין

יצחק ענגלאַרד

מצבת־עד
לזכרם של קרובי הקדושים

ר׳ יוסף שאול פריי הי״ד
אשתו חיה פריי הי״ד

ובניהם:
אברהם פריי
באשע פריי
פייגא פריי
הי״ד

ארץ אל תכסי דמם
נהרגו ע״י הגרמנים בקורטשין
כ״ט אב תש״ב

יצחק ענגלאַרד־וואַסערשטראָם

מצבת־עד
לזכרם של קרובי הקדושים

ר׳ ארי׳ לייב ראטענבערג הי״ד

בנו
יעקב ראָטענבערג הי״ד

בתו
פעסיל ראָטענבערג הי״ד

שנרצחו ע״י הגרמנים הארורים
בחדש אב תש״ב

יצחק ענגלאָרד

מצבת־עד

לזכרו של חברי היקר והחביב

ה ק ד ו ש

י ו ס ף ר י י ך

ה י " ד

מת במחנה ההשמדה, פלאַשאָוו

ע"י הגרמנים הארורים

יצחק ענגלאַרד

מצבת־עד

לזכרו של חברי החביב והיקר

הקדוש

יוסף וועבער ואשתו

הי"ד

שנהרגו ע"י הגרמנים הארורים

בחדש אלול תש"ב

יצחק ענגלאַרד

מצבת־עד
לזכרם של הקדושים



אשתי: אסתר הי״ד
בני: בעריש, ובנותי: רבקה וחנה הי״ד

זושא אייכהאָרן
ירושלים

צום אייביקן אָנדענק

פון

מיין ברודער **יהושע צוקער** הי״ד

און זיין פרוי הי״ד

דערמאָרדעט דורך די דייטשע מערדער

אין 1942, אין טשעכאָסלאָוואַקיי

משה צוקער

ניו יאָרק

מצבת־עד

פאַר מיין משפחה וועלכע איז אומגעקומען
על קדוש השם


אבי מורי ר' בעריש (דוב), בן לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
אמי מורתי אלטע חנה צירעל, בת עטעל ור' שמעון וואלף (זאב) ראטענבערג
אחותי שרה, בת אלטע חנה צירעל ור' בעריש (דוב)
אחותי פייגע רחל, בת אלטע חנה צירעל ור' בעריש (דוב)
אחי גאדעל אשר, בן אלטע חנה צירעל ור' בעריש (דוב)
סבא שמעון וואלף (זאב) בן חנה ולייביש ראטענבערג
סבתא עטעל, בת גאדל אשר ושרה גוטוויין
סבא אליעזר־ליפא בן נפתלי פעסעל
סבתא לאה בת גאדל אשר ושרה גוטוויין
דוד: משה בן לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
דוד: אליהו בן לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
אשת אליהו פעסעל
דוד: נפתלי בן לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
דודה: צירעל בת לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
דודה: רחל בת לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
בעל של רחל: בעריש בן אלימלך פעסעל
דודה: חנה בת לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
דודה: חייטשע בת לאה ואליעזר־ליפא פעסעל
רחל פרייפעלד מיט די טעכטער, בת חנה ולייביש ראַטענבערג
הערש חיים מיט די גאַנצע משפחה, בן חנה ולייביש ראַטענבערג
יהודה גוטוויין מיט די משפחה, בן גאדל אשר ושרה גוטוויין
די גאַנצע משפחה גוטוויין (אהרן גוטוויין) און יאַנטשע אינפעלד ומשפחתו
די גאַנצע משפחה פון אלימלך פעסעל, בן נפתלי פעסעל
הערש (צבי) פעסעל מיט די פרוי, בן נפתלי פעסעל

ת נ צ ב " ה

ד' ינקום את דמם

יעקב יצחק פעסעל
שטאָקהאָלם, שוועדן

לזכרם של הורי הקדושים



דוב בעריש פעסעל הי״ד
בן ר׳ אליעזר ליפא ז״ל



חנה אלטע צירל הי״ד
בת ר׳ שמעון זאב ראטענבערג הי״ד

יעקב יצחק פעסעל
שטאָקהאָלם, שוועדן

מצבת־עד

צום אייביקן אָנדענק

פון מיינע עלטערן ז״ל

און פון מיין משפחה, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן
דורך די דייטשן ימש״ו

מיין פאָטער
ר׳ **אליעזר** בן ר׳ נפתלי יוסף ראַב ז״ל

מיין מוטער
חיה בת ר׳ משה שמואל ז״ל

מיין ברודער
משה שמואל און זיין פרוי **שרה** הי״ד

מיין שוועסטער
פריידע שרה רבקה און איר מאַן **סענדער** פרענקעל הי״ד

מיין שוועסטער
מאַטיל, איר מאַן **אהרן יעקב** ווערנער און זייערע קינדער:
נפתלי און זיין פרוי **שפרינצע** מיט זייער טאָכטער **גנענדיל**
הענע פייגע, איר מאַן הערץ ענגעל און קינדער:
לעמיל, אליעזר, ישעיהו, הי״ד

מיין שוועסטער
בלומא, איר מאַן **יצחק** העבענשטרייט און זייערע קינדער:
פערל רחל, לאה, הי״ד

מיין שוועסטער
פייגע, איר מאַן **מרדכי יוסף** טאַובע און זייערע קינדער:
משה, בן ציון און **בלומא**, הי״ד

דוואָשע רובין
ניו יאָרק

לזכרם של הקדושים
הי״ד



ר׳ סענדער פרענקעל
הי״ד



רבקה פרענקעל
ר׳ סענדער׳ס פרוי, הי״ד



בשה שמואל ראַב
הי״ד



הדס
ר׳ משה עפשטיין׳ס
פרוי, הי״ד



רבקה
ר׳ אריה דים׳ס פרוי
הי״ד

מצבת־עד

צום אייביקן אָנדענק

פון מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער
וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן ימש״ו
כ״ט אב, תש״ב — (אויגוסט, 12, 1942), אין קאָרטשין

מיין פאָטער
דוד רינגעלהיים ע״ה

מיין מוטער
איידל הי״ד

מיינע ברידער:
משה הי״ד
יהושע הי״ד
אברהם הי״ד

מיינע שוועסטער:
לאה הי״ד
חיה הי״ד
אסתר הי״ד
פייגע הי״ד
מינדל הי״ד

וואָלף רינגעלהיים
ניו־יאָרק

לזכרם של הורי אחי ואחיותי הקדושים
הי״ד



ר׳ דוד רינגעלהיים ז״ל, זיין פרוי און קינדער

וואָלף רינגעלהיים

צום אייביקן אָנדענק
פון די קדושים

מיין פאָטער
יהושע קופליק הי״ד

•

מיין מוטער
הענע הי״ד

•

מיינע ברידער
מאיר
שמואל

•

מיין שוועסטער
מלכה

הי״ד

שמחה קופליק
ניו־יאָרק

מצבת־עד

לזכרם של נשמות הקדושים



אבי
חיים האַלפּערן הי״ד



אמי
נחמה הי״ד



אחי
צבי הירש הי״ד



אחי
אהרן הי״ד



אחותי
רחל הי״ד

לייביש אטלאס־האַלפּערן
ניו־יאָרק

מצבת־עד

לזכרם של נשמות הורי הקדושים

אבי

ר׳ מרדכי פלאַטנער הי״ד, מעיר קרוסנו

אמי

חנה הי״ד

אחותי

ביילה ובעלה יודל הויזנער הי״ד

אחותי

דאָבע׳טשע הי״ד

אחי

יוסף הי״ד

ישראל פלאַטנער

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

מצבת־עד

צום אייביקן אָנדענק

פון אונזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער
וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, דורך די דייטשן ימ״ש,
כ״ט אב, תש״ב, אין קאָרטשין

פאָטער
משה צבי שענקער הי״ד

מוטער
רחל שענקער הי״ד

ברידער
מרדכי
חיים זאב
אהרן
מנשה



אונזער ברודער אהרן
הי״ד

שוועסטער
אסתר
חנה מלכה

ד׳ ינקום דמם

יוסף און פנחס שענקער
טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ

לזכר עולם

שנהרגו על קדוש השם

ע״י הגרמנים הארורים ימש״ו

אבי

ר׳ שמעון בעער ז״ל מ׳יאַשליסק

אמי

טויבא יוכבד

אחותי

מרים

מלכה

ה׳ ינקום דמם

אהרן אטלס

ירושלים

לזכרם של הקדושים



ר׳ שמשון אַקסעלראַד און זיין טאָכטער הינדע הי״ד



יצחק אַקסעלראַד מיט זיין פרוי און זיין שוועסטער הינדע הי״ד

לזכרם של הקדושים




ר׳ הירש פריינד, זיין פרוי
זיין זון שמואל, און טעכטער חיה און יאַכעט
ה י ״ ד

בן ציון פריינד
ניו־יאָרק


לזכרם של נשמות הקדושים



ר' שמחה דיללער (שמש)
הי"ד



ר' שמואל אהרן טעללער
הי"ד



אברהם פייגענבוים
הי"ד



נתן צוויק
הי"ד


לזכרם של נשמות הקדושים




אברהם פריי
הי״ד



אברהם שפרונג
הי״ד



מאָטל פוש
הי״ד




יעקב (יאַנקעל) פרייפעלד
הי״ד

לזכרם של הקדושים



יעקב (יאַנקעל) דיללער
הי״ד



הירש מרגליות הי״ד
בן ישעיהו מרגליות הי״ד



הירש לייב ברודע
הי״ד




דוד שרייבער הי״ד
(משולם ווינשטיינ׳ס איידעם)

לזכרם של הנשמות הקדושות



מרים קויפמאַן
הי״ד



רחל (ראָכטשע) האָראָוויץ
הי״ד



חנה האָראָוויץ (איר טאָכטער)
הי״ד

לזכרם של הנשמות הקדושות



רחל פרייפעלד
הי״ד

און אירע 2 טעכטער



פייגע
הי״ד



חנה רבקה
הי״ד



און אסתר קירשנער־זילבערבערג
הי״ד

לזכרם של הנשמות הקדושות



חנה פּאסטערנאַק
הי״ד



טשאַרנע פּייט־אמסטער
הי״ד



איידל ווילנער־שעכטער
הי״ד



הענדל גלייכער־זילבערבערג
הי״ד

מצבת־עד

לזכרון נצח
של משפחת קויפמאַן

אחי **מאיר בן חיים אליהו** הי״ד
שנרצח בקאָרטשין

אחי **אברהם בן חיים אליהו** הי״ד
שנרצח באנטברפן, בלגיה

אחותי **פיגא בת חיים אליהו** הי״ד
שנרצחה בפשעמישל

אחותי **גיטל בת חיים אליהו** הי״ד
שנרצחה באנטברפן, בלגיה

אחותי **בריינדל בת חיים אליהו** הי״ד
שנרצחה בלבוב

אחותי **רויזע בת חיים אליהו** הי״ד
שנרצחה בקראָסנאָ

אחותי **גולדה בת חיים אליהו** הי״ד
שנרצחה בלבוב

**כולם נרצחו ע״י הגרמנים הרשעים, בשואה
של המלחמה העולמית השניה**

שמואל אריי קויפמאַן
ישראל

מצבת־עד

לזכרם של נשמות הורי ומשפחתי

א ב י

ר׳ מנחם מענדל בן אברהם ווייסמאַן ע״ה

א מ י

פריידע איטע ע״ה

ב נ י ה ם :

אסתר ובעלה חיים דוד צוויבעל ובניהם: הערש פנחס,
תירצה, נעכא, רבקה, הי״ד

חיה ובעלה חיים ראובן רובין ובניהם: רבקה ובעלה הירש
וילדם, הי״ד

גולדה מלכה הי״ד

חיים הירש ווייסמאַן, אשתו שרה וילדיהם הי״ד

מאיר ווייסמאַן ואשתו יהודית הי״ד

רייזל ובעלה יצחק קאנארעק הי״ד

ניחה ווייסמאַן־ראנד ע״ה

שלום ווייסמאַן
ירושלים

אַן אייביקע מצבה

צום אָנדענק פון מיינע עלטערן
מיין פאָטער שמואל בן אברהם ע״ה
מיין מוטער גאָלדע בת צבי ע״ה

שרה דאווידאוויטש, ניו־יאָרק

מצבת־עד

לזכרם של הורי
אבי ר׳ בצלאל בן ר׳ משה זילבערמאן ע״ה
אמי שרה טויבא בת ר׳ יחיאל ע״ה
אחיותי: רבקה, וחנה מלכה ע״ה

מאיר זילבערמאן, ניו־יאָרק

צום אייביקן אָנדענק פון מיינע עלטערן

מיין פאָטער זעליג בן ר׳ אברהם ע״ה
מיין מוטער פריידל בת ר׳ אברהם ע״ה

חי׳ לאנגער, ניו־יאָרק

מצבת־עד


לזכרם של הורי
אבי ר׳ דוד בן ר׳ משולם אקסעלראד ע״ה
אמי חוה ע״ה
אחי גדליהו בן ר׳ דוד, הי״ד

יעקב אקסעלראד, ישראל

אַ מצבה לזכרון

פאַר די קדושים פון איסקושיניאַ

וועלכע די דייטשן ימש״ו, האָבן דערמאָרדעט אין קאַרטשין, אב, תש״ב



אליהו פעניג הי״ד
פון איסקושיניאַ



מאנעס פעניג הי״ד
פון איסקושיניאַ



העסע פעניג הי״ד
פון איסקושיניאַ



וויטע פעניג הי״ד
פון איסקושיניאַ


אַ מצבה לזכרון
פאַר די קדושים




יוסף שטערן הי״ד
פון קאָרשטשענקאָ



אברהם פייט הי״ד
פון קאָמבאָרניאַ



אליהו האָראָוויץ הי״ד
(שטאָט אומבאַקאַנט)



מרדכי האָראָוויץ הי״ד
(שטאָט אומבאַקאַנט)

זיי אַלע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין קאָרטשין, אב תש״ב,
דורך די דייטשן ימח שמם וזכרם

אַ מצבה לזכרון
פאַר די קדושים



הירש דוד פרידמאַן הי״ד
פון קראַקאָוו



ליבע פרידמאַן הי״ד
פון זאַסטאָוו נעבן קראַקאָוו



פּאַולאַ גוטרייך
(שטאָט אומבאַקאַנט)

די דייטשן ימש״ו האָבן זיי דערמאָרדעט אין קאָרטשין
אב, תש״ב

צום אייביקן אָנדענק

פון די קדושים

וואָס זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער, ימש"ו

אונזער פאָטער
יעקב בן אהרן אַדער

אונזער מוטער
אסתר בת מיכל

אונזער ברודער
איטשע מיט זיין ווייב און טאָכטער

אונזער ברודער
בנימין, זיין ווייב און אַ טאָכטער

אונזער שוועסטער
רויזע, איר מאַן מעשל, זייער טאָכטער און אַ זון

אונזער שוועסטער
חיה, איר מאַן און אַ טאָכטער

אונזער שוועסטער
מאליע פערל

אונזער שוועסטער
לאה

אונזער שוועסטער
שרה

יאָסל אַדער
און מלכה טענזער
ניו־יאָרק

אַ דערקלערונג:

די בילדער פון די קדושים, פון ז״ז 481—492, האָבן מיר באַקומען דורך אַ צופאַל. — זושע אייכהאָרן האָט זיי אונז צוגעשיקט.

הונדערטער יידן, פון נאָענטע און ווייטע שטעט, האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין קאָרטשין. — סבות זיינען געווען פאַרשיידענע. מאַנכע האָבן געדענקט, אַז אין קליינעם שטעטל וועלן זיי קענען אויסמיידן די נגישות און צרות פון דעם דייטש ימש״ו און מאַנכע זיינען, פון דייטש, דאָרט אַהין פאַרשיקט געוואָרן.

בערך צוויי וואָכן, פאַרן אומקום איז אַיעדער אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ברענגען, אין יודנראַט, אַ בילד פאַר אידענטיפיקאַציע.

ווען דער דייטש ימש״ו, האָט פאַרטיליקט די יידישע קהלה אין קאָרטשין, זיינען הונדערטער בילדער פון די קדושים פאַרנומען געוואָרן, פון יודנראַט־ביוראָ, דורך דער גויישער געמיינדע און — פריוואַטע גויים. — אַ סך בילדער געפינען זיך אויך נאָך ביי לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיי אונז נישט צוגעשיקט.

די געציילטע, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן מיר פאַראייביקט אין יזכור־בוך.

זאָלן די געציילטע, פאַראייביקטע בילדער זיין אויך אַ סימבאָלישער יזכור, פאַר אַלע קדושים פון קאָרטשין און פון אַנדערע שטעט, וואָס זיינען דאָרט אומגעקומען אין חודש אב, תש״ב.

ד׳ ינקם דמם